STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05904

TSVISHN GRENETSN

Iosef Okrutny

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף אָקרוטני

*

צווישן גרענעצן

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון דוד הירשבערג
און משפחה (ניו־יאָרק) אין אָנדענק פון זייער פאָטער, שווער און
זיידע, דעם סופר ר יחזקאל ז״ל.

יוסף אָקרוטני

צווישן גרענעצן

יוסף אָקרוטני / „צווישן גרענעצן" / נאָוועלע /
פאַרלאַג „ניי־לעבן" / תל־אביב, תשמ"ב, 1982 /
טויזנט ניין הונדערט צוויי און אַכציק

JOSEF OKRUTNY

TZVISHN GRENETZN

BETWEEN BORDERS

N O V E L

די צייכענונג אויפן שער: יאַנקל מאַקיעל (פּאַריז)
די אותיות: חיהקע ק. מיאַדאָוואָניק (בוענאָס־איירעס)

Publishing House "Nei Lebn"

פאַרלאַג „ניי־לעבן"
תל־אביב, ישראל

©

Printed in Israel

נדפס בישראל תשמ"ב

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481

אינהאַלט

קאַפּיטל איינס	7
קאַפּיטל צוויי	42
קאַפּיטל דריי	50
קאַפּיטל פיר	75
קאַפּיטל פינף	95
קאַפּיטל זעקס	115
קאַפּיטל זיבן	123
קאַפּיטל אַכט	149
קאַפּיטל ניין	177
קאַפּיטל צען	208
קאַפּיטל עלף	232
קאַפּיטל צוועלף	244
קאַפּיטל דרייצן	250
קאַפּיטל פערצן	261
קאַפּיטל פופצן	277
קאַפּיטל זעכצן	290
קאַפּיטל זיבעצן	309

קאַפּיטל איינס

פון אַ פּיצל, טונקל שטיבל וואָס אין אַ דריבנע פּויליש שטעטל פּול מיט צויטיקע, קרומע דעכלעך, האָט אויף דער וועלט אַרויסגעשלייכט קלמן קאָבריק. אַ שטילער, אַ הויכוווקסיקער מיט אָפּענע, בלאָע אויגן און קראָפּטיקע הענט, כאָטש גיב אים רשות, וועט ער אויף זיינע אָרעמס אַוועקטראָגן אַ מויער. ער׳ט אַלץ טאָן, דערלאַנג אים נאָר ברויט צו דער זעט און אַ געלעגער אונטער אַ וואַרעמער סטריכע. אַלאָ די היים זיינע איז געווען אָרעם און שפל און ס׳דחקות — אַ שטענדיקער בן־בית. פון וואַנען עס האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ גבורה, איז אַ וואָרע רעטעניש. ער איז געוואַקסן אַ הונגעריקער, ווילד ווי אַ קזשאַק אין פעלד, תמיד עלנט, אָן אַ היימיש וואַרעמען בליק. און האָט אין אים אַ מאָל זיך דערוועקט ס׳האַרץ וואָס איז זעלטן נוטה צום אַריינטראַכטן זיך הלמאַי דער גורל איז אַנטקעגן אים אַזוי האַרטנעקיק — פלעגט קלמנען אומעטיקלעך זיך אויסדאַכטן אַז ער איז קיין מאָל נישט געווען קיין קינד. אמת, אין זיין ווי מיט שטויב פאַרשאָטענעם געדעכעניש האָט זיך אויפגעמאַנטשעט עפּעס אַ מין טומאַניק בילד וואָס האָט אים שטום אונטערגעזאָגט אַז דאָס איז ער, קלמנשי, אַמאָל־אַמאָל יאָ געווען אַן עופּעלע; אַ פאַרשמאַדערטס, אַ האַלבנאַקעטס, האָט ער זיך געריטשט איבער אַ קויטיקער פאַדלאָגע און פון די אייגעלעך זענען אים גערונען טרערן. ער האָט פּיינלעך זיך געריסן ערגעץ אַהין מיט אַן אומבאַהאָלפענעם רופן: מאַמממע, ממאַ... אָבער בולטער, מיט אַ ברי, האָט אין אים אויפגעטליעט דאָס געפּיל אַז אויף דער וועלט איז ער געפאַלן אַזאַ ווי ער איז אַקערשט אַצינד, דער זעלבער קלמן — אַ גרויסער מיט גרויסע, שטאַרקע הענט. די דאָזיקע שפּירונג האָט אים געמאַכט אומעטיק, פאַרצויגן די אויגן מיט אַ פאַרטראַכטקייט ווי מיט אַ רויכיקן טיול.

יאָרן זענען אַדורך ביז וואַנען אין דעם יינגל, וואָס איז געוואָרן אַ יונגער־מאַן, האָט זיך אין פּולן צעוועקט דער זכרון פונעם ווייט פאַרפלאָסענעם וואָס געבליבן הינטער אים. אין זיין זינען האָט אויפגעטויכט אַן אומאָפּטרעטלעך אָנען אַז ערגעץ העט, העט, איז געבליבן זיין לייבלעכע היים, אַ בידנע היים, אַ גוט־גוטע מאַמע מיט ברידערלעך און אַ שוועסטערל. לאַנג האָט אין זיין בלוט געגריבלט עפּעס אומקלאָרס און ממש אומדערגרייכלעכס. ווי אַ פליג אין שפּינגעוועב האָט אים אין מוח אויך זיך

געוועקט דער קלאַנג פונעם וואָרט מ אַ מ ע וואָס ברומט אין זיין געהירן מיט אַן אויסטערליש נאָגנדיקער וואַרעמקייט. שוין לאַנג ווי דער אָ וואַרעמער הויך האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין מהות, פאַרזונקען צווישן אַ פּלאָנטער פון פאַרשיידנערליי קלאַנגען און באַגערן. מלכה־צייטל די עגונה, האָבן לייט גערופן זיין מאַמע, אַן אומגליקלעכע מאַמע מיט אַ פאַרפינצטערט פּנים.

צו מאָל רייצט קלמנען דער דאָזיקער פאַרנעפּלטער אָנומלט מיט ווייטיק־לעכער בענקעניש: אוי, מיין מאַמע! אַצינד דערמאָנט ער זיך שוין אויף דער וואָר די מאַמע אַ בלייכע, אַ געקרענקטע פון דריקנדיקע דאגות וואָס זענען קיין מאָל נישט אָפּגעטראָטן פון איר. רעכט, ערשט געדענקט ער אַלץ, אַפילו די עגמת־נפשן וואָס ער האָט פאַרשאַפט דער מאַמען. זי איז געגאַנגען אים אָפּגעבן אין דער לער צו אַ שניידער וואָס האָט גענייט גראָבע וואַטענע בורקעס, אויך הויזנוואַרג פאַר גרויס און קליין פון דאָר־פישע לייט און לאַנגע קאַרטענע סוקמאַנעס מיט וואָלוועלע פוטערנע קראַגנס פון קאַצענע און פערדישע פעל. ס'איז געווען אַ מלאכה ביי וועלכער מ'האָט פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט געשטעפּט אויף זינגער־מאַשינען די „קליפּטן", ווי ס'האָט געהייסן ביי די טאַנדייטערס; מ'האָט זיי געפּרעסט מיט טשאַדנדיקע אייזנס, אונטערגעצונדענע אויף האָלצקוילן. די קליפּטן האָט מען פונאַנדערגעפירט איבער ווייטע און נאָענטע מערק און יאַרידן. געשווינד האָבן די שניידער־געזעלן גערעכנט די פּאַלעס, די פּלייצעס און אַרבל אויף די ניימאַשינען, אין געאייל אויך זיי אָנגעזייפט מיט שטיקער זייף כּדי די בגדים זאָלן פון אונטערן הייסן פּרעסל אַרויסקומען שטייף אין די לאַצן, אין די פּאָלעס און אין די אַרבל־מאַנקעטן. מחמת איילעניש האָט אַפילו געטראָפן אין מיטן יאָגעדיקן שטעפּן די סוקמאַנעס, אַז שטאַטס צו כאַפּן אין פאַרשמאַכטן מויל אַריין אַ ביסן ברויט וואָס געלעגן אַן אַ זייט אויפן מאַשינטישל, פלעגט אַ טאַנדייטער־געזעלן מיט זיינע בלינדע פינגער פאַרבלאָנדזשען צום דערנעבנדיקן שטיק זייף און זשעדנע, פלינק אין אים זיך אַריינבייסן אַזש די אויגן זענען אים דערפון באַלד איבערגעלאָפן פון שטאַרקן איבל.

אויפגעשטעלט גאַנצע הורמעס וואַטעווקעס, פלעגט מען זיי אויף הויך פאַרלאָדנטע וועגענער צעפירן איבער די רוישיקע יאַרמערק אין דערפער און שטעטלעך פון קויאַווע. די פרעסאַייזנס האָט מלכה־צייטלס יינגל קלמן אונטערגעצונדן אין שמאָלן הייפל הינטער דער ווערקשטעל; מיטן מויל האָט ער אויפגעבלאָזן די קוים זשיפנדיקע האָלצקוילן און זיך אָנעסן מיטן פעטן, האַרבן טשאַד פון די גלאָוניעס. איבער געוווג אָנגעבלאָזן זיך ביי

די פּרעסלעך און בעת־מעשה פאַרשאָטן די אויגן, אויך די נאָזלעכער מיטן אַש פון די צעברענטע קוילן. דערנאָך האָט ער געמוזט טאָן אַלץ וואָס די געזעלן האָבן באַפוילן: גיי, קלמן, הייב די פויטן! ר'האָט געדאַרפט ברענגען פּאַפּיראָסן, געגאַנגען צו אַ ווייבלטשינע זי זאָל אים געבן פּאָרן מאָן ס'האָרץ צו דערכאַפּן. אַ גאַנצן גייעדיקן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען פאַרקאַפּטשעט פון „איבערוועקן" די איינגעשלעפערטע פּרעסלעך, אויספירן אַלע שליחותן פאַר די טאַנדייטער־געזעלן. און האָט דער לאַנגער מענדל, דער באַלעבאָס פון דער טאַנדייט, געדאַרפט זיך גרייטן פאָרן צו אַ יאַריד, האָט קלמעלע, ווי קליין ער איז נאָך געווען, געמוזט אויף זיינע פּלייצעס אַרויפדזשוויגען אויף דער פור גאַנצע בערג מיט פויערישע סובות.

פון פינצטערלעכן פּראַסטיקן באַגינען ביז טיף אין דער נאַכט, איז דאָס לערנייִנגל געווען פאַרקאָפּעט אין דער ווערקשטעל ווו עס האָבן ווי אין קדחת האַסטיק געציטערט די ניימאַשינען, אָבער די געזעלן, וואָס האָבן געשוויצט, געטומלט, פלעגן אַלע מאָל עפּעס באַפעלן קלמנען. אַפּנים, ס'איז זיי געווען שטאַרק אומהיימלעך דאָס תּמידע זיין אַנגעבויגן איבער דער ניימאַשין און ווי יעגערהינט זיך איילן נאָכן געפּאַנג פון די חיות וואָס ווערן אומיסטן אַרויסגעטריבן פון די וואַלדישע יאַמעס. מחמת דעם געאייל האָבן די טאַנדייטערס אָפט געזוכט זיך אַ שפּיל צו טאָן אין קאַטאָוועסן. פּלוצלינג, אין סאַמע מיטן מאַנאַטאָנעם ראַלקעווען פון אַלע מאַשינען איבערן קאָרט אָדער צייג, האָט אויף אַ רגע זיך אויפגעהויבן אַן אַראָפּגעזונקענער טאַנדייטער־קאָפּ וואָס האָט פון דער מאַשין אַוועק דעם ייִנגל צוגעוואָרפן אַן אומגעריכטן געשריי:

— קלמן לאַכטיקער, האָסט שוין פאַרגעסן וואָס מע האָט דיר געהייסן? נו, נו, ס'אַראַ קעפּל פון אַ מיניסטער ס'איז באַ מלכּה־צאַטלס שנאָדער! אויב האָסט נישט פאַרגעסן, איז שוין געראַמפּלט זאָל ווערן, קלמן! שוין זאָלסטו ברענגען וואַטע פון קאַמער און געיעך ריפּן טילען זי זאָל געיבן דעם קאַנטנזאַצער.

אָפּגעזאָגט און פון ס'ניי האָט דער שניידעריונג ווידער גענומען שטעפּן, אָבער תּיכף־ומיד, ווי אָפּגעשמועסט, לאָזט זיך הערן אַן אַנדער מאַשינער:

— אוי איז מיר ס'האַרץ פאַרחלשט, יונגעניו! און באַלד אַ פאַרוואָרף געגעבן די פאַרשטויבטע גריוועּ ווי אַ קוסט בעת אַ פּלוצלינגן זומערדיקן רעגנווירבל אויף אַ דאָרפישן שטעג, און דאָס יונגעניו האָט תּיכף געמוזט הערן אַ ליאַדע רוף. „קלמנשי, יונגעניו", געדענקט ער, פלעגן זיי אים רופן, די טאַנדייטער־חברה און שוין מינטערן מיט סמיקע קולות, ווי זיי

וואָלט נישט געווען ניחא ער זאָל אָפּכאַפּן דעם דעך. ס׳ביסל געקעכטס וואָס מ׳האָט אים דערלאַנגט אין אַ בלעכענער מיכע, מערסטנס „אַן אָנגעברענטע זופּ״ מיט אַ שטיק ברויט אין האַנט אַריין, האָבן די שניידער־יונגען אים נישט פאַרגונען רויִק אויפצועסן. רק זיך געמאַכטיקט איבער אים, גלייך זיי וואָלטן געווען זיינע באַלעבאַטים און נישט דער לאַנגער מענדל, וועלכער וויזט זיך זעלטן אין ווערקשטעל אַריין.

— שנאַדער־געזעלן, ביסט שוין פאַרטיק? — האָט דער געלער שמילקע מיט אַ מאָל געוואָרפן אויף אים אַ שאַרפן בליק פול מיט טענה, — אפשר נאָך אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך וואַרטן אויף דיר, מאַנספּערשוין! איך גיי אויס פאַר אַ ביסן און דער — רעדט ער אַריין אין גערויש וואָס וויקלט זיך אַן אויפהער אונטער דער נידעריקער סטעליע — דער, נאָר ער פרעסט און... ק———— ווען מ׳באַדאַרף עים, איז ער נישטאָ: אָדער ער פרעסט, מאַלעגיירעט, אָדער ר׳מאַכט אינטער זעך, דער שטינקער. קיין מאָל האָט ער ניש קאַ׳ צאַאַט צו טון ווּס מ׳הייסט עים!

— באַלד, באַלד, איז דעם י ו נ ג אַלץ געפאַלן פון די הענט ווען אַזוינער האָט זיך צעשריגן, כאָטש ר׳האָט סיי ווי געזען אַז קלמן איז פאַרטוען ביי עפּעס אַנדערש פאַר דער ווערקשטעל. אָבער אַזאַ געלער שמילקע האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין למאי „מ׳האָרכט אים נישט״. ער׳ט ראַפּטעם אָפּגעשטעלט די מאַשין, נישט געהאַט קיין געדולד צו הערן וואָס ס׳לערנייִנגל זאָגט און זיך צעריטשעט:

— אַז צעזעצט זאָלסטו ווערן, ממזר! אַזוי לאַנג פרעסטו און אַנדערע לאָזסטו פאַרשמאַכן פאַר אַ לעפל וואָרעמס?! מיִעך ווילסטו דווקא לאָזן אויסגיין, זניידאַק*) איינער!

אויף אויסצושייגעצן דאָס ייִנגל האָט שמילקע צאַרניק זיך אַרויסגעבויגן פון דער מאַשין וואָס ער׳ט געטריבן מיט אַ ברייטן טרעטער. געזען קלמנען אַ פאַרנומענעם ביים אויסדרן אויפן לאַנגן שניידערטיש פלאַסטן טונקעלע וואַטע וואָס האָט אויסגעזען ווי אָפּגעקראַצטער פאַרטריקנטער שערעך פון אַן אָפּגעטרייבערטער בהמהשער פעל, האָט ער ביי גייס זיך צעכעסט:

— מיט אַזאָלכענע ליימענע הענט אַרבעט דאָס, זאָל ער דאַנזשען עפּעס צו טון? געזען אַ לערנייִנגג, טראַסציאַ יעוואָ מאַטערי!? אַזאַ שטינקער אונדז אַראַנגעשיקט! — האָט ער זיך אויף אַן אמת אָנגעבלאָזן פון באַסט. כ׳על

---

*) אונטערגעוואָרפן קינד.

זוגן דעם מאַנסטער ר׳זאָל צו דעם צוהעלפער וווס אַראַנגענימען, ברענגען אַ געזעלן פאַר זיינעטוועגן. אַנדערש ׳עט ער ניש אַרויסקריכן, דער זנײדאַק! די מלאכה קען ער שוין געניג, מלכה־צאַטלס שנאָדער, — און שוין פאַר־ענדיקט דאָס זידלען און שרייען באופן אַז מ׳זאָל אים נאָך מער הערן:

— אַ צלחה ס׳האָט דער מענדל מענכע צו די יונגען. לאַנג געזיכט און גיט געפינען. אָפּגעזאָגט, האָט דער געלער ווידער זיך אַנגעבויגן צו דער מאַשין און ווי קיין מאָל גאָרנישט פאַרשלונגען געוואָרן פון דער אַרבעט. גלייך ר׳וואָלט מער נישט געהאַט קיין תרעומות צום יִנגל וואָס קאָן זיך נישט באַטוען מיט די איינע פאַר הענט ביי די טייוולאָנים וואָס פרעסן אָן אויפהער פאָלעס, אַרבל, קראַגנס, פאַרציִען קרייקעס מיט די זשעדנע טאַנצנדיקע מאַשין־נאָדלען. די מאַשינען שטויסן זיי מיט די ווילדע פיס, די הענט צאַפּלען איבער שטיקער וועלוועט און קאָרט וואָס די אייזערנע מאַשין־פּיסקעס באַלעקן־באַשמעקן און וואַרפן אָפּ פון זיך, אָבער די אויגן לויפן זיי נאָך. די בליקן פון מענדל מענכעס געזעלן זענען אַנגעשפּאַנט בעת זייערע הענט זענען אין געלויף פון אומקלאָרן קלערן צו איילן זיך, מערער צו פאַרטיק מאַכן „שטיקלעך” פאַר די כאַמעס. אֶלאָ אויך דאָס טאַנדעטסקע מויל קאָן נישט רוען ביי די לייט. ממש צוגעבונדענע צו די מאַשינען, ציילן זיי כסדר די שטיקלעך בגדים וואָס אויפגעשטעלט און חזרן זיך איין אויפן קול וויפל קורטקעס צי סערמענגעס זיי דאַרפן נאָך אויסצוענדיקן פאַרן טאָג וואָס שניידט זיך תּמיד אַריין אין דער שפּעטער נאַכט. יאָ, „צום אומגליק” איז דער טאָג צו קורץ און טונקלעוואַטע, ווען ס׳גענענט דער סעזאָן פאַר די ווינטערדיקע סובות וואָס דער מאַנסטער וויל גרייטן פאַרן פויערנפאָלק. דער לאַנגער מענדל איז להוט אַריינצוכאַפּן זיין פרנסה דערעיקרשט פאַרן ווינטער ווען ביים פויער וואַרעמט זיך נאָך אַ קניפּל פון לעצטן גערעטעניש אין פעלד. „פאַרן נייעם” איז ערגער מיטן לייזעכץ פון דאַרפסמענטש, ווייל ר׳בעקניעט *) שוין פאַר אַ זלאָטי.

... הערט אויף נודען דער געלער שמילקע דעם לערניונג, דערמאַנט זיך שימשע סרענצעס אַז ס׳איז פאַר אים שוין צייט צו שיקן נאָכן מיטאָג, וואָס ס׳ווייב קאָן אים נישט ברענגען ווי אַלע מאָל; זי האָט נישט אויף וועמען איבערצולזן דאָס שלאָפע קינד. אַצינד נעמט ער מינטערן „דעם יונג”.

— דע, אין מיר ווילסטו אין גאַנצן פאַרגעסן. ווייסט דען נישט אַז

*) גייט אויס, איז געענגט אין געלט.

ס׳שוין צאַאַט אויך פאַר מיר צו נעמען עפּעס אין מויל אַראַן? ס׳האַרץ פאַלט מיר אין לאַאַב אַראַן, שנאַדער־געזעלן מאַאַנער!

דאַס יינגל, שוין אַ דערשראָקענער, פאַרענטפערט זיך, אַז אַט, אַט גייט ער. ר׳מיז נאָך עפּעס טאָן פאַר טילען. ר׳באַדאַרף אין קאַמער אַנקלייבן אַ קויבער שטיינקוילן פאַרן קאַכלאויוון. ס׳איז היינט אַ גרימעדיקע פראָסט. טילע זאָגט אַז די קעלט צעגריזשעט די ביינער, מ׳מוז גוט אונטערהייצן. פאַר שימשען איז דאָס אָבער אַ קנאַפּער תירוץ און „ר׳וואַשט זיך״ צום לערניונג:

— שוין מוחל דיר דאַנע טובות, שטינקוואַס. מאַאַנע אויגן זאַלן דיִעך מער נישט זעען! אָבער די אַרבעט זאַלסטו דאָ נישט שטערן, וואָרן כ׳על דיִעך ממיתן. איִעך בין נישט שמילקע. שוין זאַלסטו האַרכן וואָס מ׳זוגט דיִער, יונגטשיסקע. טאַ הער, יונגער־מאַן מיטן אַלטן געזיכט. לאָז אַלץ גיין און שטיין און ברענג פון רויזעלע וויינפעלד אין אַפּטייק פאַר אַ זעקסער שווי. מ׳מיז שוין נעמען שלייפן לעכער אין די בורקעס. זוג טילען, דער פריילין, זי זאַל דיִער געבן אַ זעקסער צו קויפן שווי! פוליע דאַרף אויכעט דאַס אַ, אמת פוליע? — דרייט אויס שימשע דעם קאָפּ צו זיין מאַשין־שכן — און זאַל שוין, אָבער שוין, קימען אַ מהומה אין דאַן טאַטנס זין אַראַן. נו, געררירט זאַל ווערן, פריש־אַנגעיוירענער שנאַדער־געזעלן פון מענכעס ראַשטשין! זאַלסט זוגן רויזעלע וויינפעלדן דו באַדאַרפסט שווי, וועט זי דיִער באַלד געבן. דערנוך וועסטו נאָך גיין צו ניסן סמאַלוך נאָך דעם זעלבן. נאָר נישט באַלעמוטשעט, בחור. ס׳נישט קאַ׳ צאַאַט צו גענעצן. קלמעלען האָט מען אָבער אויסגעלאַכט אין אַפּטייק: „אַן אַנדערש מאַל, יינגלכיע, וועט אפשר זאַן ווּס דו ווילסט. זוג דעם פאַן מענכע, אַז נאָך אַזוינס שיקט מען אין אַזנסקלאַד אַראַן, נישט אין אַפּטייק...

— נישטו האַאַנט קאַ׳ שווי, — האָט מען דעם טאַנדייטערס לערנ־יינגל געזאָגט אויך ביי סמאַלוכן — דוס פאַרקויפט ר׳ הערש דער מוהל. אַ גוט אויפגעלייגטער, האָט דער מוהל אַנגעקוקט דאָס צעחושטע יינגל און אים געפרעגט ווער ס׳האָט אים געשיקט נאָך דעם „מאַטעריאַל״. אויך האָט ער געפרעגט דעם סטאַמגיעיעטן קלמעלע וואָס ער טוט אין ווערק־שטעל ביים מאַנסטער מענכע. נאָך אַנדערע זאַכן האָט דער מוהל געוואָלט וויסן פון דעם יינגל און לסוף אים געהייסן צוריקגיין צו סרענצע דעם וואַטנמאַכערינס זון און זאָגן אַז „ער זאָל פון קיינעם נישט מאַכן ס׳געֹנאַר; ער קען זיך פאַרדרייען דעם אייגענעם קאָפּ, אויב ער האָט נישט צו טון עפּעס אַנדערש. נאָך אַזוינס שיקט מע נישט קאַ׳ יינגלטשינע וואָס דאַרף

זיך ערשט לערנען מאַכן אַ המוציא איבער אַ רעטעך... ׳עסטו שוין ווייסן, מלכּה־צייטלס ייִנגל ? גיי, גיי, און דיך זאָלן די לײַדיקגייערס לאָזן במנוחה״. אַ פּאַרשעמטער האָט קלמעלע דעמאָלט זיך צעברוגזט מיט די טאַנדייטערס און מער נישט געוואָלט זיך ווייזן אין ווערקשטעל אַריין.

„ס׳עט פון עים נישם זאַן קאַ שנאַדער״ — האָט דער לאַנגער מענדל געטענהט צו דער ייִדענע, ווען זי איז געקומען צום מאַנסטער געוואָר ווערן הלמאַי איר ייִנגל וויל מער נישט גיין אין ווערקשטעל אַריין.

— סטאַאַטש, פּאַניע מענדל, ס׳ייִנגל האָט חס ושלום פאַרקרימטע הענט צי ר׳האָט חלילה אַקעגנגערעדט עמעצן ?

הע, הע,— האָט דער מאַנסטער, מעשה־חכם, שוין הויך געלאַכט דער אַרעמער ייִדענע אין פּנים אַריין, — איך האָב באַלד דעם ערשטן טוג דערקנאַאַסט אַז פון דעם ייִנגל וועט אַרויסקימען אַ שנאַאַדער ווי פון מיִער קען ווערן אַ רב. פאָלגט מאַאַן עצה, וואַאַבל : עץ דאַרפט אויסזיכן אַ גרינגערע מלאכה וווס זאָל עים געיכער קריכן אין קאָפּ אַראַן. אַ טרעפּע־מאַכער וואָלט געווען אַן עסק פאַר אַזאַ סגאַל ייִנגל. מ׳דאַרף קאַ׳ סך שכל ניש צולייגן צו דעם פאַך. אַפילו אַ סמאָלעקאָפּ וועט אַזאַ ייִנגל ניש האַלטן. קודם מיז אַ לערניונג האָרכן ווּס מ׳זוגט עים ; צווייטנס דאַרף מען הובן אַ ביסל בוימל אין מוח, און ענקער ייִנגל איז ניש דערצי. עפּעס פאַר־גאַפּיעט ער זיך עפּטערס אַזש ס׳רינט עים פון דער נוז און ער שפּירט עס ניש. אַלץ מיז מען עים זוגן. אַליין כאַפּט ער זיך ניש צו צי דער מלאכה, ר׳וואַרט נאָר מ׳זאָל עים הייסן טוען דוס אין יענצס. נייִן, אַ ווערקשטעל, וואַאַבל, מיז לעיבן, ווען ס׳דאַ אַרבעט אין ס׳בליט יוגט אין די אודערן. ס׳טור אויף אַ רגע זיך ניש אופּשטעלן ווי לאַנג ס׳איז דאַ ווּס צו טוען. ענקער קלמעלען מיז מען נאָר שטיפּן אין שטויסן : גיי, טו, ברענג, דערלאַנג. קאַ׳ן אייגענע סמיקאַלקע האָט ער ניש. דערפאַר טראַאַבן עים די געזעלן צו טון וואָס ר׳וואָלט ניש באַדאַרפט טון, ווען ר׳וואָלט געווען נייטיק צו דער מלאכה. האָרכטס מיִעד, אַ טרעפּע־מאַכער ׳עט אפשר זאַן ס׳בעסטע פאַר עים. דאָס ייִנגל איז נעבעך פאַרטראָגן אין אַנדערע געדאַנקען. אַז מ׳גיט עים אַ שיסל קליסקעס מיט קאַרטאָפל, גייט ער, זע איך, בעיטן נאָך אַ ביסכיע. מילא, ר׳איז טאַקע הינגעריק. ר׳דאַרף קריגן אַן אָרט ווו מ׳זאָל געדענקען עים צו געבן אַלע מאָל עפּעס אין מויל אַראַן...

דער אמת איז, אַז דעם לערניונג זענען די געזעלן ביים טאַנדייטער דערגאַנגען די יאָרן אויך מיט גראָבע רייד וואָס פלעגן קלמלען צעטומלען. אַלע מאָל האָבן די די גראָבקייטן אין אים אַרייננגעהילכט מיט אַ פּריסקנדיקן

געלעכטער. האָרכן וואָס מ׳הייסט אים, האָט דאָס ייִנגל שוין געהאַט זיך צוגעוווינט. אֶלאָ אַן אומרו האָט אים בלינד געשטויסן פון אָרט צו אָרט. דערעיקרשט האָט אים געמאַטערט דאָס נאַגעניש אונטערן האַרצלעפּעלע. ר׳איז תּמיד געווען להוט נאָך עסן. מחמת דעם אָפּטן הונגער וואָס געשפּירט, פּלעגט אים גלוסטן כאָטש איין מאָל שטאַרק זיך אָנצועסן. דערפון איז ער געוואָרן אומעטיק, אים האָט געלאָקט אַן אויסדאַכטעניש אַז אַט, אַט מאַכט זיך אַזאַ טראַף אַז ר׳וועט סוף־כּל־סוף זיך גוט אָנעסן. אַפּגענומען אים פון טאַנדייטער, האָט די מאַמע קלמנען אַריינגעגעבן צו בייניש בעקער. אַ שטי־לער, אָרנטלעכער ייִד וואָס אַרבעט אַליין מיט איין געזעלן, וועט קלמלען ביי אים אַוודאי זיין וויל. ווי ס׳זאָל נישט זיין, וועט ס׳ייִנגל האָבן אָפּצועסן אין דער בעקערשטוב און ווינטער נישט דאַרפן פרירן אויף דער גאַס ביים אויפבלאָזן די קאָפּטשנדיקע פּרעסאַייזנס. ר׳וועט אויך נישט געטריבן ווערן פון די צעלאָזענע שניידער־יונגען אַהין און אַהער. קלמנשי וועט זיך צור־קוקן ווי מ׳פאַרקנעט אַ טייג, דערנאָך זיך לערנען באַקן. ר׳וועט שטיין אין פּיסגרוב ביים געהייצטן אויוון.

די בידנע מאַמע האָט נעבעך ליכטיק געחלומט פאַר איר אָרעמען זונדעלע וואָס איז, פאַר קיין שום ייִדישע קינדער געדאַכט — אַן אַ טאַטן, אַ לעבעדיקער יתום. ר׳איז אַזאַ וויסטער שטיין וואָס וויסט נישט למאי דער רעגן וואַשט אים אויף קאַלט און ר׳באַנעמט אויך נישט זיין ביטערן גורל למאי ר׳איז אויסגעשטעלט אויפן הפקר פונעם פריריקן דרויסן, אויף שטעכיקע שנייען און — אויך פאַרקערט — אויף אומדערבאַרעמלעכע פּעטש פון דער חמימהדיקער זון. ר׳פלעגט אַפילו אָוועקפאַלן אַ פאַרחלשטער, קלמנשי מלכה־צייטלס. אַזוינס איז געשען דווקא ווען די שטאָט האָט אויף אַ רעכטן אמת דערשפּירט דעם טעם פונעם זומער. אַלץ האָט געבלענדט אין ליכט און אין פעלד און גאָרטן האָט אויסגעצייטיקט די שפּייז פאַר די מענטשן וואָס מוזן יעדן טאָג עסן, אָבער קלמנשיס מאַמע האָט מיטן אויס־קומעניש געדאַרפט אויסקוקן אויף די מאַרנע *) פאַר זלאָטעס וואָס זי האָט פאַרדינט ביי איידעלע בעלי־ביתטעס. קיין אַנדערע ברירהס האָט זי נישט געהאַט.

באַזאָרגט דאָס ייִנגל מיטן שטיקל ברויט ביי בייניש בעקער, איז קלמעלע אויך דאָרט פאַרשוואַרצט געוואָרן, כאָטש פון מעלשטויב זענען שטענדיק געווען אויף ווייס פאַרשמירט זיינע באַקן. פריש ברויט און זעמל

---

*) נעבעכדיקע, נישטיקע (פּויליש).

זענען טאַקע מחיהדיק באַטעמט שוין אין ריח, אויך שמעקעדיק־באַחנט מיט מאַן־באַשפּרענקלטע קיילעכדיקע פּנימלעך זענען די בולקעלעך. די סלינע פלעגט אים אָנרינען אין דער קעל, ווען ר׳האָט זיך פאַרקוקט אויף די גרויסע קויבערס פרישן געבעקס. אָן צו שפּירן דערפון דעם רעכטן תענוג, צו וועלכן ס׳האָט אים אַזוי לאַנג געלאַקט, זענען דעם ייִנגל אָפּט גערונען טרערן פון די אויגן, אַפילו ווען ר׳האָט זיך זשעדנע אַריינגעביסן אין די געבעקסן. ער האָט זיך טאַקע אָנגעגעסן אין דער בעקערשטוב, אָבער די זאַטקייט איז אים רעכט נישט באַקומען. ס׳זענען אַוועק לאַנגע וואָכן ווי ר׳האָט זיך שוין געשטיקט מיט אָט דער זאַטקייט, ווייל אויך דאָ האָט מען קלמנען געהאַלטן ווייט פון דער מלאכה; רק מ׳האָט אים געשטופּט און געשטויסן אַהין־אַהער. דאָס ייִנגל האָט געמוזט מיט די באָרוועסע פיס אַריין אין די טיפע, לאַנגע דייזשעס, פון זיי אויסקראַצן דאָס פאַרדאַרטע זויערטייג וואָס האָט אים פאַרדרייט די נאָז מחמת שאַרפקייט. ר׳האָט געשלעפּט וואַסער פון אַ ווייטן ברונעם, פון דער פינצטערער קאַמער אין הויף אויך געמוזט צו דער דייזשע צוטראָגן אויף די פלייצעס האַרטע, ווי גרויסע שטיינער, שווערע זעק מעל. האָט מען באַדאַרפט הייצן דעם באַקאויוון, האָט קלמעלע אַליין געמוזט פון אַן אַנדער שאָפע אַריינטראָגן די גרויסע שטשאַפּעס האָלץ, אַ סך האָלץ, אַזש ר׳האָט זיך שיִער איבערגעריסן מיט דער משא. אָבער צו דער פיס־גרוב האָט מען אים אויך נישט צוגעלאָזן, כאָטש ער האָט געחלשט גיכער צו ווערן אַ בעקערגעזעלן. „האָסט צאָאַט, קלמן. מ׳מיז זיך צו ערשט צו־געוווינען צו אַלץ וואָס מ׳טוט אין בעקערשטוב. מיינסט, מיר איז עס גרינגער אונגעקומען? אַ כלאָפּעק מיז זיך דערדינען ביז ר׳גייט צו צו דער דייזשע און צום פיסגרוב. נישקשה, אַ ביסעלע שוויס מיז מען אָפּגעבן דער מלאכה. מיט דער צאָאַט דערוואַרט מע זיך. צווייטנס, די ביסט נאָך צי יונג צו ווערן אַ געזעלן״, — האָט אים צוגעוואָרפן דער בעקער־ייִד. פון דעם טועכץ זיינעם און פון דעם בעקערס רייד איז קלמנען גאָר אומעטיק געוואָרן. ר׳האָט ווידער געגנומען טראַכטן פונעם תכלית, פון וואָס די מאַמע טענהט אַריין אין אים. טעג דורכאַנאַנד האָט אים נישט אָפּגעלאָזט דער אומעט וואָס האָט אים געפּייניקט. לסוף האָט ער זיך ווידער איינגעעקשנט אויפן געדאַנק וואָס האָט אים געגנומען מאַטערן:

— ניין, ר׳האָט מער ניש קיין כוח צו דערטראָגן זיינע פיס צו דעם אַזוי ווייטן תכלית. די מאַמע מעג רעדן וואָס זי וויל, איך וועל מער ניש הערן דעם בעקער־מאַנסטער. בלייבן אַ כלאָפּעק שטענדיק? איכ׳ל עס ניש אויסהאַלטן, ווי איך קען שוין ניש אויסהאַלטן פון דער היימישער שטיב.

אוי. וואָס ער האָט שוין אַלץ געפּרוּווט! ראַכטיק, ער שעמט זיך אַפילו פאַר דער אייגענער מאַמע מיט די מלאכות וואָס ער האָט שוין געפּרוּווט צו טון. וווהין וועט זי עים אַצינד פירן? אַלץ וואָס זי האָט אויסגעפּרוּווט איז פאַר קלמנשין אָסור — — די מאַמע בלאַנדזשעט, זי געפינט ניש דעם וועג צו זיין תכלית. גאַאַרניש קלעפּט זיך צו עים. צו מאָל די קוישן זעמל פאַרטרייבן עים, כאַטש פון קליינוויז אָן יאָגט ער זיך נאָכן ביסן. תמיד פלעגט דער הונגער אים נאָגן ווי אַ וואָרעם. די דערשלאָגענע מאַמע איז באַלד אין דער פרי אַרויס פון שטוב זוכן צו פאַרדינען אַ פּאָר פּאַים, אָבער זי האָט שטענדיק געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף זיך. אַלע קינדער האָבן גע־אומערט. קלמן האָט זיך דערשפּירט גאָר טרויעריק אין דער היים. יאָ, אויך אים, קלמעלען, האָט עס שוין קינדוויז אַרויסגעטראָגן אין גאַס; ער׳ט געבלאָנקעט הינטער פּרעמדע פענצטער, מיט די בליקן להוט גענישטערט אין געוועלבער און ביידלעך, זיך געפּלאָנטערט אויפן מאַרק צווישן אויפּס־הענדלערס. די היים האָט אים פּשוט אַרויסגעטריבן מיט איר אויסגעליי־דיקטקייט, גלייך אין איר וואָלט אַרומגעגאַנגען אַ ווינט מיט אַ קאַלעמוטנער צורה. ער איז דערפאַר געבליבן טעמפּלעך אויף פיינע זאַכן און קנאַפּ שפּירעוודיק אויף אָפּגעציטערטע רייד. ער האָט אויך ווינציק גערעדט, אַקוראַט ער וואָלט זיך געשעמט, וואָרן — צוריק געשמועסט — ווער וואָלט געהערט אַן אָרעם יתומל וואָס קאָן נישט מער ווי סקאָמליען? פאַר דאָס האָט קלמן שוין קליינערהייט געוווסט אַז ער באַדאַרף רק טאָן, פאַר־דינען ס׳ביסל עסן וואָס עמעץ גיט אים. ער מוז אַרבעטן. אויך די מאַמע גייט אַרויס אַרבעטן, אַנישט וועט ער בלייבן אַ הונגעריקער, און אַלע קינדער אין שטוב וועלן וויינען פון הונגער. אַפילו די אַלטע, קליינע באָבע „גייט אַרויס זוכן דעם גראָשן״, ווי זי פלעגט זאָגן.

אים דאַכט זיך אַז יאָרן מיט יאָרן זענען שוין פאַרביי זינט דעמאָלט, אָבער ער ווייסט געגוי אַז ס׳נאָך נישט אַזוי לאַנג. קלמן דערמאָנט זיך עס ווען ר׳קוקט אויף די נייע לייט, וועלכע ער האָט באַגעגנט אין דעם אַ פרעמדן קאַנט. ווען ר׳איז אַוועק פון דער היים, איז דאָרט געבליבן די מאַמע אַ פינצטערע מיט מאַטע אויגן. ווייל נעבן איר — פיר קינדער, סאַמע קליינוואַרג, וואָס מ׳באַדאַרף יעדן טאָג קאָרמען און מ׳מוז זיי היטן נישט צו מאַכן שאַדוינעס אַדער אַרויסלויפן אין גאַס ווו לאָבוזעס קענען זיי צעבלוטיקן; אויך אַ פערד, געשפּאַנט אין אַ פור, קאָן חס־ושלום אַ קינד צעטרעטן מיט די אייזערנע פּאַדקאָוועס. פערד צעפּלאַשען זיך ביי אַ ליאַדע דערשרעק. ער, דער גרעסערער, איז נעלם געוואָרן כּדי צו פאַרמיידן

אַז די מאַמע זאָל אים ווידער נישט שיקן ערגעץ לערנען אַ מלאכה פון תּכלית ווען אָדער טוען דערווייל פאַר עמעצן אַ האַנטלאַנג, אַבי צו קריגן ס׳ביסל עסן די נשמה זאָל אים נישט פאַכען אויף דער שפּיץ נאָז. קלמעלע האָט לכן אין זיין יינגלשער עקשנות אָפּגעמאַכט ביי זיך צו אַנטלויפן אַז די מאַמע זאָל אויפהערן טראַכטן צו האָבן פון אים אַ קאַפּעלע נחת, ווי זי האָט געזאָגט אין טרערן. דאָס חושכדיקע שטיבל איז געווען פול מיט אַ ברייט בעט און טוכלע בעטגעוואַנט, פון וועלכן ס׳האָט זיך געטראָגן אַ זויערלעכקייט. אויך אַ לאָם, פּרוכנע טישל איז דאָרט געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, גלייך עס וואָלט געווען מיד, פאַרדאגהט מחמת דעם אומאויפהעריקן פאַר נאַכט וואָס האָט געגליווערט צווישן די נידעריקע פיר ווענט. אין מיטן דער אָ שקיעה איז די מאַמע געשטאַנען מיט אַ צעפּלאָשעט שייטל און נישט געקענט אַרויסברענגען דעם וויי וואָס האָט זיך בולט געקראַמפּט אויף איר פּנים; אַקוראַט אַזוי שפּירט זיך אַ האָן אין פּלוצלינגן דערשרעק, ווען זיין שנאָבל איז שוין הויך צעעפנט פאַרן קריי און די פליגל אונטערגעהויבן ערב אַן אויפפלאַטער. עפּעס אַזוי קומט אים פיר די מאַמע. אָט וועט זי זיך צעוויינען. תּמיד איז פאַרפעדערט איר קלייד פון פרעמדע עופות, פעדערן האָבן זיך געקלעפּט אויך צו אירע ברעמען און האַלדז. זי האָט שטאַרק געפינטלט מיט די אויגן. דעסגלייכן האָט זי געפּיקט די קינדער מיט אירע שאַרפע רייד פּונקט ווי דער האָן פּיקט זיינע הינדעלעך, אָדער ער צעליאַרעמט זיך אין זיין „טענה״. זיין מאַמע האָט, פאַרקערט, מחמת אומבאַהאָלפנקייט זיך געווענדט צו די קינדער מיט געבעט און טאַקע באַלד זיך צעקלאָגט אויף איר גורל; דאָס קליינוואַרג האָט דעמאָלט זיך אויסבאַהאַלטן אין די ווינקעלעך און אַראָפּגעלאָזן די קעפּלעך. נישט צו פאַרגלייכן — ווי אַ צעיאַכמערטער האָן צווישן דעם אויפגעהויבענעם טונקעלן געפעדער פון זיין צעציטערטן לייב, זעט ערשט קלמן זיין פאַרוויינטע מאַמע. דעם טאַטן געדענקט ער אין גאַנצן נישט, אַקוראַט ר׳וואָלט קיין טאַטן קיין מאָל נישט געהאַט. ער געדענקט נאָר וואָס ר׳האָט אַמאָל געהערט: „ר׳איז אַוועק, דער טאַטע, אין מלחמה און זיך שוין נישט צוריק געקערט״. בלויז זיין נאָמען האָט מען פּלוצלינג געבראַכט אין שטוב אַריין. מיט יענער בשורה איז געווען אַזוי ווי אַ פּראָסטיקער ווינט וואָלט אומגעריכט אָנגעיאָגט; נאָר זיין נאָמען, אַ צעקאַליעטשעטער, און די בלוט־פאַרגליווערטע גלידער האָבן זיך נאָכגעשלעפּט, גלייך איינגעבראָכענע קנאָכיקע שאָטנס. ס׳איז געווען נאָר דעם טאַטנס נאָמען, אָן זיין פּנים און אָן זיין קול — — איטלעך מאָל ווען מ׳האָט דערמאָנט דעם טאַטן, האָבן זיך אָנגעזעצט שווערע

פלעקן אויף דעם גראָ פונעם אָנגעכמורעטן חלל. דעמאָלט האָט די מאַמע אויסגעבראָכן מיט אַ געקלאָג: „אַלעווײַ וואָלט איך פאַרלייגט זאַאַן גריב!" מער ווי דער טרויער איז פון טאַטן נישט געבליבן. די מאַמע פלעגט זיך פאַרשעלטן פאַר דעם אומגליק וואָס איר האָט געטראָפן און דערנאָך לאַנג זיך פאַרגיין אין כליפּען: „מאַנע יתומים, ווו ׳על איך זיך אַהינטאָן מיט זיי? וואָס פאַראַ עצה גיט מע זיך ערשט, טאַטע דערבאַרעמדיקער!" צו גאָט אין הימל האָט זי גערעדט, זיין מאַמע מלכּה־צייטל. אַלע זאַכן, וואָס זענען געבליבן פון א י ם, האָט מען פאַרטיילט צווישן אָרעמעלייט. די מאַמע, כאָטש אַליין אַ גרויסע אָרעמאַנטע, האָט עס מיט די אייגענע הענט פונאַנ־דערגעטראָגן צווישן אביונים, איינגעבעטן זיך אַז מ׳זאָל עס נעמען ביי איר: „נעמטס, גילדענע, און ניצט עס געזינטערהייט, פאַר לאַנגע יאָרן. מאַאַנע קינדער — זיי צו לענגערע, פריילעכערע יאָרן — זאָל באַשערט זאַן אַ בעסער מזל. דערוואַאַל זענען זיי נאָך קליין. גאָט ׳עט העלפן, זיי וועלן אונטערוואַקסן, וועלן זיי מערטשעם זיך לאָזן נייען אַנדערע מלבושים. יאָ, יאָ, טאַטעניו דערבאַרעמדיקער, אויף מאַנע קינדער האָסטו געבערענגט אַ גרויסע בראָך שוין יונגערהייט..."

אויפן אויסקומעניש האָט די מאַמע געהאָרעוועט שווער און ביטער. אויפגעשטאַנען פאַרבאַגינען — אין דרויסן איז נאָך געווען שטאָק פינצ־טער — און זיך צוריקגעקערט ווען אין שטיבל איז שוין געווען אָנגעזונקען די נאַכט. ס׳קליינוואַרג האָט נישט געקענט אָנצינדן דאָס נאַפטלעמפּל; און וואָלטן די עס יאָ שוין באַוויזן, האָבן זיי אָבער מורא געקראָגן זיך אַראָפּ־צורירן פון די איינגעוואָרעמטע געלעגערס. אַרום איז געשטאַנען אַ שטאַרע טונקלקייט, האָבן זיי רק געדרימלט ווי די הינער אין קאַטוך. אין זייער זינען האָט געפּויקט דער מאַמעס וואָרענונג נישט אָנצורייבן אַ שוועבעלע. „ס׳קאָן חלילה ברענגען צו אַ שריפה. פון אַ פונק קאָן ס׳שטיבעלע אַוועק־גיין מיט די פלאַמען און מ׳עט — דער אייבערשטער זאָל אויסהיטן פאַר אַזוינס! — בלייבן אויף דער קאַלטער, פינצטערער גאַס נאַקעט און באַר־וועס. דערבאַרעמטס ענק, קינדער. וואַרטס אויף די מאַמע מיטן אָנצינדן ס׳לעמפּכיע", פלעגט זי מיט זיי איינטענהן. ווען ס׳איז צוגעפאַלן די טונקל־שעה, האָט זי פון דעסטוועגן געגומען ציטערן אַז די קינדער זאָלן נישט פּרווון אָנצינדן די לאָמפּ. זיי קריגן שטאַרק מורא ווען ס׳ווערט פינצטער. דער דרויסן וואַרפט אָן אויף זיי אַ פּחד מיט יעדן טריט וואָס לאָזט זיך הערן פון דער שטיל־שטילער אָוונטלעכער גאַס. אָן אימה האָט די צע־רינצלט די הויט אויפן לייב. די קינדער האָבן געצאַפּלט אין שטומען אומרו

למאי די מאַמע ווייזט זיך נאָך נישט, כאָטש ס׳ווערט שוין פינצטער. פאַר אַ מאָל האָבן אַלע געגומען זיך שרעקן פאַרן אייגענעם ווידערקול און זענען געזעסן שטיל, אין איין ציטערניש. אויסגעשטאָכן זיך די אויגן אין דעם חושך וואָס האָט פאַרעקשנט אַריינגעדרונגען פון דרויסן. שווייגנדיק האָט איינס „געקוקט״ אויפן אַנדערן; ווייל זיך נישט געזען אין ממשות, האָבן זיי זיך אָנגערירט ביי די הענטלעך, זיך קלאָר צו מאַכן צי זיי זענען נישט איינע אַליין געבליבן און ווידער שטום געוואַרט אין אָנשטרענג ענדלעך צו דערהערן דער מוטערס דערנענטערנדיקע טריט.

מלכה־צייטל האָט באַדינט פרעמדע לייט, פאַר זייערט וועגן געטראָגן עופות אין שעכטהויז אַריין ווו ר׳ גאָדל שוחט איז׳ געשטאַנען אין זיין ביידל הינטער דער מקווה און געטאָן די עובדא מיט פרומער אָפּגעהיטנקייט. מלכה־צייטל איז אויך געגאַנגען צום בעקער צוהעלפן בכבודיקע בעלי־ביתטעס גרייטן געבעקסן פאַר שמחות פון קינדער און קינדס־קינדער. אויך איז זי אַרומגעקראָכן איבער די דערפער אויפצוקויפן ביי אַ פויערטע אַ באַלייבטע הון, אַ פעטע גאַנדז, אַ שאָק פרישע אייער, אַן אָסלקע פוטער. זי האָט שוין געהאַט זיך איינגעשאַפט קונהטעס, צו וועלכע זי׳ט דאָס אַוועקגעטראָגן אויף צו פאַרדינען אַ פּאָר פאים. אין די קאַלטע וואָכנעס פון יעשיען און ווינטער האָבן מלכה־צייטלס קינדער גאַנצענע טעג איינע־אַליין זיך געוואַלגערט אין בעטגעוואַנט, ווייל אין שטוב איז געווען קאַלט ווי אין אַ סטאַדאָלע אין פעלד, וווהין ס׳ציט אַריין דער סווישטשענדיקער פראָסט. דאָס אייזערנע אייוועלע וואָס אַריינגעשטעלט אויף די קאַלטע חדשים, איז געווען אַ סכנה אונטערצוצינדן, וואָרן ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל צוהיטן דאָס פייער. אויפן קליינוואַרג איז זיך נישט געווען צו פאַר־לאָזן; זיי זענען געווען צו קליין, זיי האָבן רעכט נאָך נישט געקענט אַליין זיך אָנטאָן. איינהייצן ס׳אייזערנע אייוועלע אויף אויסצוואַרעמען אַ ביסל די שטוב, האָט די מוטער צו מאָל נישט געוואָלט טראַכטן. ווייל ס׳איז געווען אַ סכנה צו לאָזן די קינדער איינע אַליין מיטן ברענענדיקן אייוועלע. אויף אַזוינס קען מע זיך דען פאַרלאָזן? — האָט זי צו זיך געטענהט און אין דער רגע פאַרוואָרפן דעם בליק צו דער אַלטער מאַמען: — אַזוינס פאַרשטייט דען וואָס מ׳טאָר ניש! „ביסט גערעכט, טאָכטערלעיב״, — האָט די זקנה געשאָקלט מיטן קאָפּ. — „זיי זענען נאָך צו נאַריש צו וויסן אַז פייער איז די טיר פון גיהנום. גלייכער זיי זאָלן זיצן אין בעטגעוואַנט״. די מוטער האָט זיי טאָקע אָנגעזאָגט זיי זאָלן זיך נישט אַרויסרירן פון די שלאָפבענק, זיי קענען פאַרשטאַרט ווערן און דערנאָך הוסטן, שטיקן זיך

מיטן הוסט. אָנגעזאָגט דאָס, האָט די מוטער באַלד פאַרלוירן טרערן פון אירע אויגן און ווידער געבעטן, זיי זאָלן האָרכן, אַנישט ׳עט זי נישט קענען גיין פאַרדינען, ס׳וועט נישט זיין קאַ׳ געלט צו קויפן ס׳שטיקל ברויט. מחמת דער שאַרפער קעלט, האָט אויך קיינס פון די קליינע לייט נישט געקענט זיך אָפּוואַשן ווייל ס׳וואַסער אין קיבל איז געוואָרן האַרט פאַר־פרוירן און שלעכט איז אויך געווען וואָס זיי האָבן נישט געקענט אַרויס־קוקן אין דרויסן. דאָס איינציקע קליינע פענצטערל האָט געהאַט אַן אַרויס־בליק צו אַן אָפּגעצאַמט בלאָטיק שטיקל הויף, אַזאַ מין ווינקל ווו דער הויכער, בייכיקער אַלטער בעל־הבית פון דער הייזקע, האָט געכאָוועט גענדז, קאַטש־קעס און הינער וואָס האָבן פון באַגינען ביזן אָוונט נישט אויפגעהערט געגנגען, קוואָקען, געפּאַטשט מיט די פליגל, מיט די לאַפּקעס געטאָפּטשעט אין דער בלאָטקע וואָס זיי האָבן אַליין אָנגעמאַכט. צעשראָקענע אָדער דאַרשטיקע האָבן די עופות אָפט זיך צעפּלאָטערט איבערן פענצטערל. זומער זענען די שייבלעך געווען פאַרשפריצט, פאַרקלעפּט מיטן קויט פון זייער איבערגעקערטער פאַשע אין שיסלען און פון דער אומריינקייט וואָס זיי האָבן גייענדיק־געגנגעדיק פאַרלוירן פון אונטער זייער באַפעדערטקייט. ווינטער, בעת די קרירות און זאַווערוכעס, איז געווען נאָך ערגער: די שייבלעך זענען געווען באַדעקט מיט ווייסע צווייגן און שניי־פּליוש אַזוי אַז ס׳הייפל הינטערן פענצטער איז פאַר די קינדערס ראיה געזונקען אין אַ טעמפּער פאַרלוירנקייט. מלכה־צייטלס יתומים האָבן אין די קאַלעמוטנע קעלטן רק זיך געטוליעט אין די טראַנטעס פון זייערע געלעגערס און עפּטערס ווי אום זומער געמוזט זיך צוהערן צום נאָגעניש פון די אייגענעליידיקע געדערעם. זיי איז געווען שטאַרק אומעטיק, אַזש עמעץ פון זיי האָט טייל מאָל זיך אַרויסגעריסן פון שוייגעניש מיט אַן אומגעריכטן געוויין:

— ס׳אַ שלאָכטע די מאַמע. זי קימט ניש. כ׳בין הינדעריד (הונגעריק), און גענומען רופן מיט אַ שלוכצן: — מאַ־מעע, מאַאַ־מע, טים (קום) שוין!

באַלד דערויף האָט אויך אַן אַנדערס פון קליינוואַרג זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געכליפּ, וואָס אַ מאָל מיט אַ העכער געררייצט קול צעוואַקלט די חשכותדיקע שטילקייט וואָס האָט בלינד געגלימערט פון די אייז־פאַרפּאַנ־צערטע שייבלעך. צעוויינט זיך, אָבער באַלד אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל אינסטינקטיוו באַנומען אַז קיינער הערט סיי ווי נישט. ווידער אַרויסגיין אין דרויסן, האָבן די קינדער ביי נייס מורא געהאַט. וואָרן די מוטער האָט שוין וויפל מאָל געבעטן, גערעדט צו זיי ווי צו דערוואַקסענע: — די מאַמע

האָט ליב די קינדערלעך. זי פאַרגעסט זיי נישט. זי גייט נאָר אַרויס פאַר־דינען זלאָטיס צו קויפן ברויט, מילעך, אויך צו קענען קאָכן קאַשע און אַ גערייִשטן קרופּניק. האַרכטס די מאַמע — זיצטסט אין שטיב, ׳עט ענק זאַן וואַרעם. די מאַמע ׳עט פאַרדינען, ׳עט זי ברענגען גיטע זאַכן, אויך ציקערקעס. האָט אָבער עמעץ פון קליינוואַרג דאָך זיך פאַרעקשנט, עס וויל דווקא אַרויסגיין, כאַטש די קעלט בריט, האָט אַן עלטערס שוין געוואָרנט: „כ׳על אויסזוגן. די מאַמע ׳עט שרייען!" אַזוי האָט ס׳קליינוואַרג זיך צו־געוווינט האָרכן דער מוטערס אָנזאָג.

אויף דער נאַכט, די מוטער איז אַהיימגעקומען, האָט זי אָנגעצונדן ס׳לעמפּל און די קינדער געטיילט צו פּענעצלעך ברויט. דאָס קודם כּל. — מאַנע לאַכטיקע, צ׳זענט נעבעך הינגעריק, — האָט זי געזאָגט מיט אַ גע־בראָכן קול און אייליק גענומען גרייטן נאַכטעסן. אָפּגעקאָכט אַ טאָפּ גריץ איז אין שטוב מיט אַ מאָל געוואָרן היימלעך, וואָרן די מאָלצייט האָט אַלעמען דערקוויקט, אָנגעזעטיקט. ס׳האָט אָבער אויך געטראָפן אַז די מאַמע האָט אויפדערנאַכט זיך אַהיימגעקערט אַ טויטמידע און אַן אויפגערעגטע. זי האָט גאָרנישט מיטגעברענגט צו עסן, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין געלט. דעמאָלט האָבן די קינדער, אָנגעכמורעטע, אומגליקלעך שווער געשוויגן אין באַשיימפּערלעכער ווידערשפּעניקייט קעגן דער מאַמען; עמעץ פון זיי האָט נאָך שטום זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן געלעגער אַרויף, פאַרגראָבן ס׳קעפּל אין קישן און לסוף זיך צעהעשעט אויפן הויכן קול. גערירט פון די קינדערס הונגעריקן געוויין, האָט די מוטער אויך פאַרגאָסן אַ באָך טרערן: זי האָט זיי געגלעט, ווי איבערגעבעטן מיט שטילן געקלאָג וואָס האָט לאַנג זיך צעטריפט איבער אירע באַקן און נאָך מער פאַרטריבט די שפּלע שיין איבערן ענגן חלל. שפּעטער האָט זי אין זיך, שטיל־שטיל, צוקאָפּנס דעם נאַכטישן עלנט, אַן ווערטער „אַריינגערעדט" אין שטוב איר יאָמער אויפן ביטערן גורל פונעם אָרעמאַן:

— ווײַ ז׳מיר, אַז מ׳מיז אונקימען צי פרעמדע לאַטע, קיקן יענעם אין דער האַנט אַראָן, און קלערן פון די פּיצלעך קינדער ווּס זענען נעבעך אַ גאַנצן טוג אַליין אין שטיב אָן אַ ביסן ברויט. גאָט אין הימל זאָל זיך מרחם־זאָן אָף די אורעמע יתומים, וואָאַל קאָ׳ שים מענטש קיקט זיך ניש אים אָף זיי — — און די טרערן האָבן שאַרפער געבריט אירע אויגנ־ווינקלען.

מלכּה־צײַטל האָט אָפּגעהאָרעוועט אַ גאַנציטשקן טאָג, גערעמט יענעמס שאָווער — דאָס ריכטיקע רייניקן, אויסשאַרן יעדע שפּאַרע וועט זי נאָך

דאַרפֿן טוען צו מאַרגנס — דערפֿאַר האָט מען איר נאָך נישט געגעבן קיין פּרוטה. „מ׳עט באַצאָלן פֿאַר אַ מאָל״, טענהן די מאַדאַמס, אָבער דאָס בורטשעניש פֿון די ליידיקע קינדערישע בייכלעך באַשטייט נישט אויפֿן פּירעכץ פֿון די גבירנטעס, צו וועלכע די פֿאַרפּלאָגטע מאַמע מוז זיך אונטערטעניקן. וויינט טאַקע דאָס קליינוואַרג וואָס בלייבט אויך אויפֿדערנאַכט אַ הונגעריקס און צעווייטיקט, ווייל אַן אָפּגענאַרטס אינעם וואַרטן אויף דער מוטערס קומען.

ס׳איז אַלע מאָל געוואָרן מאָדנע פֿריקרע, ווען די מאַמע האָט זיך צוריקגעקערט פֿון גאַס מיט אַ פֿאַרזויערט געמיט. אויך די באָבע האָט זיך אָפּט צוריקגעוויזן אין שטוב אַריין אָן אַ פּרוטה פֿאַרדינסט, כאָטש זי איז׳ פּונקט ווי די מאַמע אַוועק פֿון דער היים אויף אַ גאַנצן טאָג, און דער טאָג איז פֿאַר די קינדער אַזוי לאַנג.ביידע, סיי די מאַמע סיי דער מאַמעס מאַמע יאָגן זיך אין שטאָט צו פֿאַרדינען דעם גראָשן. אין אַזעלכע ביטערע אויפֿדערנאַכטן האָט די מאַמע אַ סך מאָל געמוזט זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר די פּיצלעך קינדער. זי האָט עס געטאָן מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ:

— ווייסטס, לאַכטיקע מאַמע, נישט אַלע ווױס האָבן גרויסע, שיינע שטיבן האָבן אויך גיטע הערצער. זיי טראַכטן אָפּילו ניש אַז ס׳זענען דאָ הינגעריקע קינדער ווױס וואַרטן אויפֿן ביסן ברויט מיטן קאָפּ געקעכטס ווױס די מאַמע דאַרף ערשט אופֿקאָכן. זיי פֿאַרשטייען ניש, די ראַאַכע, אַז ס׳איז דער מאַמעס גליק צו קענען קויפֿן ס׳ברייטל מיט די קאַרטאָפּל און לאַכטיק מאַכן אין שטיב אַז די טאַיערי־טשקע קינדערלעך זאָלן זיך פֿאַלוביען מיט אַ לעפּל וואַרעמס פֿאַר אַ גאַנצן טוג, ווען זיי בלאַאַבן אַליין — האַאַנט, קינדערלעך, ׳עט מע מיזן אַזוי איבערשלופֿן; מאַרגן, מערטשעם, ׳עלעך ברענגען אַ סך ברויט און קאָכן אַ גרויס טעפּל גריץ, גיט אָנגערייַשט. שאַ׳טס, געניג געוויינט, קרוינעדיקע. גאָט ׳עט העלפֿן און פֿאַר אַ מול ׳עט עץ זיך אופֿנעמען ס׳ענקערע. צ׳וועט זיך גיט אָנעסן. גאָט ׳עט העלפֿן, מאַנע קינדערלעך וועלן אונטערוואַקסן, ווערן גרויסע, וועט ווערן גור היימלעך אין שטיב. נאַר האַאַנטיקס מול ׳עט מע מאַכן נאַכט אַזוי. צ׳וועט אַאַנשלופֿן און גיטע מלאכים וועלן אינדז היטן.

— ס׳ראַכטיק, ווי די מאַמע זוגט, קינדערלעך! — האָט די באָבע ליבלעך פֿרום צעוויגט איר קאָפּ אינעם גרויסן שייטל — ניש אַלע מענטשן זענען גיט. פֿאַר דוס שטרופֿט גאָט אין הימל די וועלט מיט הינגער און קרענק אַז מ׳זאָל באַהיט און באַשערעמט ווערן דערפֿין.

אָבער די מאַמע, די גוטע מלכּה־צייטל, האָט געוואָלט מער איינרויִקן

דאָס באַליידיקטע קליינוואַרג; זי האָט זיך ווידער אָנגערופן באַהאַרצט, אָלאָ מיט אַ כריפּלע קול:

— אַלע, מישטיינס געזוגט, הייסן מענטשן, אָבער זיי האָבן נישט גאָט אין האַרץ, — און אָפּגעזיפצט. זי האָט זיך טאַקע דערמאָנט אָן די גוטע מאַדאַמס, צו וועלכע זי׳ט געמוזט אָנקומען. „מלכּה־צאַטל, — פלעגט אין אַזאַלכענע אויפדערנאַכטן ווי היינט, נאָכן אָפּהאַרעווען זיך די ביינער אַ גאַנצן טאָג, צו איר זאָגן אַ מאַדאַם מיט אַ טאָפּלטן גוידער — ערשט גייט אַהיים זיך אויסרוען. מאָרגן ׳עט עץ קימען אויסענדיקן ס׳געטיעכץ און אין איינעם אָפּנעמען ס׳געלט. ענקערע זלאָטיס זענען קראַנט ווי געוויגענע רענדלעך. זיי וועלן זאַן נאָך באַטעמטער, די זלאָטיס, ווייל אויף זיי גע־דילדיק געוואָרט. ווּוס, ווּוס, צאַטל האָט אַ גיטן שם ביי בעל־הביתטעס און אַ נומען מיז מען האַלטן חשוב. אַז מ׳האָט קינדער מיז׳ מען אַזוינס האַלטן נאָך טאַיערער, מלכּה־צאַטל. גייטס זיך דאַרכשלופן און קימטס מער־טשעם באַלד אין דער פרי. לאָמיר געיכער ענדיקן ווּוס האַאַנט נישט געדאַנזשעט. אַ גיטע נאַכט, צאַטל קרוין!״

די אַ זיסלעך־האַרבע רייד האָבן דער געשטראָפטער מאַמען אויפ־געגעסן לעבעדיקערהייט. איידעלע מינעס מאַכן זיי, די אויפגעקומענע גבירותטעס, אָבער אַז ביי דער אָרעמאַנטע סוכניען די קינדער, גיבן זיי נישט קאַ׳ טראַכט, די פּריצהטעס. טענהן צו זיי אַז זי קאָן נישט אַהיימגיין צו אירע יתומים מיט ליידיקע הענט, איז אָן איינשטעלעניש צו פּאַרלירן אַ שטוב ווו ס׳האָט זיך פּאַר דער בידנער געעפנט אַ טיר. אַזאַלכענע וואָלט זיך באַלד צעשריגן: „אַ חוצפּה דאָס האָט. מיר אַקעגנרעדן? אסור צי מ׳באַדאַרף אַזוינס אַריבערלאָזן איבער אַ יידישער שוועל!״ ביי מלכּה־צייטלען האָט געטריפט ס׳האַרץ קוקנדיק אויף די פּאַרטאַמלטע קינדער וואָס האָבן זיך געמוזט לייגן שלאָפן הונגעריקע; זי האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געוואָרפן אויפן געלעגער, אַריינגעהעשעט אין קישן. איר האָט גע־פייניקט למאי אירע קינדער האָבן צו מאָל נישט דאָס כּזית ברויט, בעת די רייכע שטובן באָדן זיך אין שפע, מ׳עסט געענדזונס אין מיטן דער וואָך. אין דער פינצטער האָט די אויסגעמאַטערטע מאַמע אויסגעשטרעקט אַ האַנט כאַטש אַ גלעט צו טאָן דאָס קעפּל פונעם קינד וואָס האָט נעבן איר אַ פּאַר־שמאַכטס שוואַך געדעכעט. און האָט ס׳קינד זיך איבערגעוועקט, האָט די מאַמע שטילינקע עס געטרייסט:

— מאַאַן אורעמס! מאָרגן מערטשעם ׳עט מען שוין עסן און קאָכן.

די מאַמע ׳עט קימען פריִער און קויפן אַלץ, אַלץ, און די קינדערלעך ׳עלן זיך פרייען. שש, קרוינענדיקס, שלוף.

אָט די זעלטענע גלעטן פון דער מאַמען צעוואָרעמט אַצינד קלמנס געמיט. כאָטש עס איז שוין גאָר לאַנג זינט יענע מינוטן, טויכט אויף אין זיין דמיון די מאַמע אין איר גאָרער פאַרצאַגטקייט. ער זעט זי ביי בייס אין טריבן שטיבעלע ביי דער אָכניע, דעם שמאָלינקן טייכל וואָס פליסט פויל און די אַרומיקע כאַטעס, געבויגענע ווי די זקנים, פאַרנעמען דאָס וואַסער־געריש מיט די פאַרוואַקסענע אויערן פון זייערע חושכדיקע שטרוי־דעכער. די מאַמע איז אין אַ ברייטן פאַרטעך און איר יונג פנים איז פאַר־וועלקט; ס׳איז צעשניטן פון קרומע, טיפע קנייטשן לענגאויס די דאַרע באַקן. אירע אויגן קוקן פון אונטערן שטערן אַפער, אַזש אים שרעקן אַצינד די טונקעלע שאָטנס פון אונטער אירע וויִעס. ווי אַ מאָל זעט ער זי אַרום די פיצלעך קינדער וואָס קוקן אַרויס רק אויף דעם וואָס די מאַמע ברענגט פון גאַס. יאָ, עפּטערס איז זי נישט געווען אין שטאַנד עפּעס אַהיימצו־ברענגען. די שיינע בעל־הביתטעס וואָס שנירלען מיט זייערע פּיסקלעך, קענען נעבעך נישט אַרויסקריכן פון דער אייגענער פעל. אַליין געווען אַ מאָל געשלאָגענע אָרעמעלייט, געשלאָפן אויף צעריבענע שטרויזעק, זענען זיי ביי דער איצטיקער רייכקייט געבליבן — ווי געווען — פאַרדריפּעטע קבצניוקעס וואָס פאַרגינען נישט קיינעם ס׳ביסל געשענקטע לעבן. אַזאַ מלכה־צייטל איז אַ קרבן פון זייערע בידנע נשמות, כאָטש זיי שלאָפן שוין אויף מאַטראַצן מיט שפּרינגפעדערס. „פּרימיסיאָן, גבירנטעס, רופט מען אַזוינע!״ — בייסט קלמן די ליפּן. אין אים פלאַמט אַ שניידיקער רחמנות אויף דער מאַמען, פון וועלכער ער איז אַזוי ווייט אין שטח, ממש מיט לענדער ווייט. אַן אַנדערע קען ער זי נישט געפינען, דער מאַמען, אין זיין אייגענעם זכרון. און אים פאַרפייניקט איר אויסזען. זי איז נישט קיין שלעכטע, זיין מאַמע, ווי ר׳האָט אַ מאָל געטראַכט. זי׳ט געזאָרגט פאַר אים, באַגערט ער זאָל דערגיין צו אַ תכלית, וואָרן קאָ׳ טאַטע איז נישט געווען ער זאָל פאַר דעם טראַכטן. ס׳שייך אַ שלעכטע? אָקערשט איז אים קלאָר: זי איז גאָר אַן אומגליקלעכע, בייז אויף זיך גופא, למאי דאָס מזל האָט זי פאַרשעמט. בערג מיט צרות האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף איר: אי דער מאַן איז נישט געוואָרן אין דער בלודנער אומבאַוווסטקייט, אי די קינדער וואָס וואַקסן קיינעהאָרע, באַדאַרף מען דערנערן, קויפן אַ שיכל, אַ פּאָר הייזלעך, אַ קליידעלע און טאַקע זאָרגן אויך אַרויסצופירן זיי צווישן מענטשן. מ׳באַדאַרף אַ סך, יעדן טאָג ברויך מען און זי האָט געבונדענע הענט און

נישט קיין אייזערנע פיס צו קענען זיין אומעטום ווו זי וואָלט באַדאַרפט זיין כדי אַלץ צו דאַנזשען. זי דאַנזשעט קיין מאָל נישט וואָס זי מוז אָפּטאָן.

איז טאָקע ווי דער מאַמען און ווינד צו אירע קינדער. בחינם האָט ער געטראָגן אַ שווער האַרץ אויף דער מאַמען, קלמן קאַבריץ. אַלעוואַ זאָל ער זי נאָך טרעפן אַ געזונטע.

עפּטערס, ווען ער קערט זיך אום מיטן פּנים צו יענע יאָרן, דערווישט ער זיך אַן אויסגעניכטערטן שוין אויף דער אַנדערער זייט שוועל פון זיין יינגלשקייט, וועלכע קלאַפּט אַן צו אים ביי נייס מיט אַ האַרטער פויסט. אין אים דערוועקט זיך אַ פלאַטערנדיקע בענקעניש צו דער ווייט ווייטער היים. אַצינד — ווער ווייסט צי ער וועט נאָך האָבן די זכיה צו זען די מאַמע און קענען מילדערן איר גורל. אויפן דאָזיקן געדאַנק ציטערט אויף קלמנס האַרץ. ניין, ער טאָר אַזוי נישט טראַכטן. אַלעוואַ וואָלט ער שוין אַצינד געקענט זיך אַוועקלאָזן צו די היימישע מקומות און די אייגענע פאַרגיטיקן פאַר אַלץ, אַלץ, פאַרן שלעכטס וואָס ער׳ט זיי גורם געווען. ער מוז עס מקיים זיין. ער זאָל וויסן צו לאָזן זיך נאָר אין אַן איינציקן העמד אויפן לייב, אַבי צו קענען אַנטקעגן־קומען די טייערע — מסתמא איז די בידע פון זיי נאָך נישט אָפּגעטראָטן. ס׳אַן אומגליק. אַז מ׳זיצט אין דלות, איז סכנות שווער פון אים אַרויסצוקריכן. אויב נישט דער ווייטער מהלך, וואָלט ער שוין פריִער געהאַט זיך דערקליבן אַהין צו. דער רעיון וועגן דעם טליעט פון לאַנג אין אים. אָלאָ ר׳איז נאָך נישט בכוח בייצוקומען די שטערענישן. ס׳איז דען אַ קלייניקייט צו לאָזן זיך אויף אַזאַ וויטן געפאַרעכץ אויף אַקס, אויך מיט באַנען און דערצו נאָך צו מוזן שפּאַנען צופוס. ר׳האָט זיך אָבער פאַרשוווירן: סוף־כל־סוף וועט ער זיך אָפּרייסן פון דאַנען און זיך לאָזן אין וועג אַריין. בשעת־מעשה האָט אים אַ שמייכל געטאָן אַ פלוצלינגע המצאה: ר׳עט אַנקומען אַהין, וועט ער נישט באַלד זיך אויסגעבן אַז ער איז עס דער קלמנשי קאַבריץ, מלכה־צייטלס יינגל, וואָס איז קליינוויז נעלם געוואָרן פון דער היים. ערשט איז ער דאָך אַ דערוואַקסענער, מ׳עט אים זיכער נישט דערקענען, אויב ר׳וועט אַליין נישט זאָגן ווער ער איז. דער ריח פון די וועלדער, צווישן וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן, האָט אַ סך געענדערט זיין אויסזען, אַפילו פאַראַנדערשט זיין לשון. ער רעדט שוין נישט ווי אַ דאָרטיקער. געוויס, זי לעבט, די מאַמע. איי, וועט זי זיך פרייען פון דער אומגעריכטקייט. אַ צעלויכטענע וועט זי זיך וויזן פאַר די שכנים: „צ׳זעט, מאַאַן קלמנשי איז דאָ. געלויבט צו גאָט, ווּס דוס דערלעיבט — און די טרערן וועלן צעלייכטן איר בלייך פּנים.

— וואָזט אָס, צו זאָן אין דער פרעמד איז דער איינציקער וועיג צים אויסמענטשלען זיך. ס׳קימט טאָקע אָן שווער, אַז מ׳האָט ניש קאַ׳ היימישע באַ דער זאָאָט. מ׳האָט אָבער אַ גרויסן טאָטן אין הימל. אומעטום טרעפט מען אָף מענטשן ווּס העלפן אַ גיט קינד אין אַזוינס קריכט אַראָס פון דער בלאָטע. הע, קלמנשי, ס׳ניש גרינג געווען אָן דער מאָמע ? ס׳איז אָבער אויך וואָר אַז דער מאַמען האָט דער קאָפּ געניג אויסגעדאַרט פין איבערקלערן ווּס ס׳איז געשען מיטן יִנגל ווּס זיך געלאָזן אין דער וועלט אַראָן ווי אַ פייגעלע ווּס קאָן נאָך ניש פליִען. אוי, אוי, האָט דער מוח מיר זיך אויסגעשוואָכט, אָבער אויך עים האָט זיך געבענקט. אמת, קלמנשי, ס׳בענקעניש נאָך די ברידערלעך מיטן שוועסטערל צעקלעמט די נשמה ? זוג עס די גיטע מענטשן. זיי האָבן מיטגעליטן מיט דאָאַן מאַמע ווען דו ביסט פאַרשווינדן. זאָ זיך מודה, זינעשי, אַז אויך דיִער איז געווען נישט היימלעך אין דער פרעמד...״

ער צעבייסט זיך די אונטערשטע ליפּ ; פינצטערע הוריות הערן נישט אויף אים צו פלאָגן : די מאַמע, ווער ווייסט ! באַהיט זאָל ער ווערן — זי לעבט, זי׳ט לאַנג לעבן און געזונט זיין. ער וועט צו ערשט זיך דערפרעגן וועגן איר צווישן לייט אין שטעטל ; ר׳וועט פאַר דעם שוין אויסגעפינען אַ תירוץ. פריִער וועט ער זיך רעכט אַרומקוקן און דערנאָך אַריינגיין צו דער מאַמען, בלייבן שטיין אויף דער שוועל, צו זען צי מ׳עט זיך כאַפּן אַז ער איז עס דער פאַרשווונדענער קלמעלע. מיט אַ מאָל ׳עט אויסברעכן אַ שטאַרק געוויין פון פרייד און פון באַדויער הלמאי אַזוי פיל צרות זענען באַשערט געווען דעם הויזגעזינד פאַר דער אַ לאַנגער צייט. די מאַמע איז געווען חרוב־שלאָף, אויך די קינדער האָבן געקרענקט, טייל האָט מען קוים אַרויסגעשלעפּט פון אונטער פערדישע קאָפּיטעס... דוד איז מסתמא אַ גאַנ־צער לייט, און נח האָט שוין אַוודאי חתונה־געהאַט, אַליין שוין אַ טאַטע. און חוהלע ? איי, אַ גאַנצע וועלט האָט ער ד אָ ר ט איבערגעלאָזן. און „שיינדל מיט דער ליאַלקע ?״ ווינט זי נאָך אַלץ אין זעלבן שטיבל, אַלץ נאָך איינע־אַליין, זינט דער מאַן האָט זי איבערגעלאָזט אין דער חופּה־נאַכט ? אַרויסגעגנבעט זיך, דער פאַרשויך, פון שטאָט מיטן וואַליזקעלע, מיט וועלכן ער האָט זיך באַוויזן אין שילגאָס און ממש מיטן ערשטן קוק פאַרכּישופט טראַנען, „שיינדל דער ליאַלקעס״ שוועסטער. טראַנע האָט דעם יונגן־מאַן פאַרשדכנט איר פאַרזעסענע שוועסטער און איר אין גאַנצן אָפּ־געגעבן דאָס ירושה־שטיבל וואָס איז געבליבן נאָך דער מוטער אולעשולעם.

— שיינדל, דיר ׳עט דוס זאָן אַ נדן, אויב גאָט וועט צושיקן אַ לאַטישן

שידוך. איך זוג מ׳עך אוּפּ פין מאַאַן חלק. דער אייבערשטער ׳עט העלפן און ס׳עט קימען אַ ישועה אַף דיר, שוועסטער מאַאַנע. כ׳האָף צי זאַן ליבן נומען!

אַליין אַן איינגעטריקנטער שוואָם נעבן דעם אָנגעהויקערטן הויכן מאַן און דעם איינציקן שטיקל יינגל וואָס איז געוואַקסן אַ שוואַכער און מיט אַ שווער קעפּל צום לערנען, האָט טראַנע אַלע אירע יאָרן געחלומט אויפן קול פון אַ זיווג פאַר שיינדלען, וועלכע האָט זיך געעלטערט אַ פריילין ביזן גראָען צאָפּ. אָבער שיינדל האָט, אַ צעחושטע, מיט אַ פאַרקנאָפּטן שכל, אַלץ זיך נאָך געשפּילט מיט אַ ליאַלקע ווי אַ קליין מיידעלע, זיך געצירט פאַר איר, אַפילו זיך געשמירט די באַקן און גערעדט צו דער ליאַלקע ווי צו אַ חברטע, פאַר וועלכער זי האָט שטענדיק געהאַט איינע און די זעלביקע מעשה:

„וואָלטסטו נאָר איין מאָל אַ קוק געגעבן אַף מאַאַן יונ׳דל; ס׳איז אויס־צוגיין אַ האַלבע וועלט און נישט געפינען זאַנס גלאַכן. איך וואָלט גע־גאַנגען ווייט־ווייט עים זיכן, נאָר טראַנע לאָזט נישט. טראַנע איז אַ גיטע, זי שראַט באַלד ווען כ׳זוג בלויז: איכ׳ל עים גיין זיכן. ר׳איז אַ פרעמדער אין קיטנע, האָט ער פאַרבלאָנדזשעט, זוג איך. איכ׳ל עים אַהיימברענגען, טראַנע, יונ׳דל איז מאַאַן מאַן. כ׳מיז גיין עים וואָזן דעם וועיג אַהיימ־צוגיין — —"

שיינדלס ליאַלקע איז אַן אויסגעסטראַיעטע פון שמאַטקעס און קאָלי־ריקע בענדלעך מיט קרייזלעך. האָט זיך געיאָוועט דער אַזוי לאַנג געגאַרטער זיווג, האָט די שוועסטער טראַנע צוגעאיילט שיינדלס חתונה, טאַקע אויך באַנייט און באַקליידט פאַר די לעצטע פאַר גילדן דעם אָרעמען חתן יונ׳דל זיסקינד, וועלכער האָט ענדלעך באַקריינט די פאַרשעמטע מיידלשאַפט מיטן גליק צו קריגן אַ מאַן. מיט אַ גדולה האָט מען צו דער חופה צונויפגערופן שכנים פון דער שילגאַס, פון דער קאַשעגאַס, פון שמאַלינקן געסל, „דעם ציישנשייד", וואָס לויפט באַרג־אַראָפּ צו דער אַכניע. מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די ציטערדיקע הענט האָט מען „שיינדלען מיט דער ליאַלקע" אין אַ לינדן אויפדערנאַכט למזל געפירט צו דער חופה. אָבער אַזוי גיך ווי די בגילופינדיקע כלה איז אַנטשלאָפן געוואָרן פונעם טרינקען דעם חופה־כוס, האָט דער יונגער־מאַן יונ׳דל אויף די שפּיצפינגער זיך אַרויס־געקליבן פונעם שטיבל וואָס איז געווען צוגעגרייט פאַרן נייעם פאָרפאָלק. אַזוי שטילינקערהייט איז ער נעלם געוואָרן. ר׳האָט נאָר מיטגענומען זיין אויסשטייער מיטן ביסל ירושהדיקן צירונג וואָס געקראָגן אין נדן; אויך

מיטן וואַליזקעלע, מיט וועלכן ר׳האָט זיך געוויזן אין שילגאַס אַריין, האָט ער זיך אָפּגעטראָגן. ר׳איז אַוועק און — נישטאָ אים מער, כאָטש מ׳האָט אים תיכּף אַרומגעזוכט אויף אַלע וועגן. ר׳איז אויסגעטריקנט געוואָרן, דער חתן־בחור, האָט געזאָגט אַליע דאַנדעק צווישן דעם געזעמל פּורמאַנעס און טרעגערס פאַר דער שוועל פון שטיינפעלדס קאַלאָניאַל־סקלאַדעס. „געקומען דער בחורעץ, ר׳האָט אַראָפּגענומען די סמעטענע און זיך געגאַנגען זיין וועגס. שיינדלען מיט דער ליאַלקע אָבער געטאָן אַ טובה וואָס כאָטש איר געלאָזן דעם שייגעם נאָמען פון אַן עגונה, אָבי נישט קאָ׳ פאַר־וועגגלטע בתולה וואָס פון איר שיט זיך שוין פּרוכנע. אַ ווילן שידוך געטאָן ,די ליאַלקע׳ מיט דעם יונ׳דלען. ס׳ביסל גאָלדוואַרג וועט עים צו ניץ קימען. שיינדל איז סיי ווי שוין אַ בעל־הביתטע, ווייל מיט אַ „צוגע־דעקטן קאָפּ״.

טראַנע האָט זיך צעביסן די נעגל פון די פינגער, אָבער שיינדלען אָנ־געזאָגט זי זאָל זיך פירן ווי ס׳קער זיך אָן פאַר אַ ווייבל: פּרייטיק פאַר נאַכט צינדן שבת־לעכט ביי זיך אין שטוב און האַלטן זיך מאַנק בעלי־ביתטעס, מער זיך נישט אָפּגעבן מיט קינדער ווי ביז אַהער. אין דער פרי, זי וועט האָבן פאַרבעט איר געלעגער, זאָל זי, פּונקט ווי פריִער, שטענדיק קומען צו איר, דער שוועסטער, עסן, און בכלל נאָר היטן איר היים. שיינדל די ליאַלקע האָט טאַקע אַזוי גענומען זיך פירן. נישט מער, איר היים, האָט זי געשפּירט, איז ווייטער די שטוב פון דער שוועסטער. געגעסן־געטרונקען האָט זי ביי נייס ביי טראַנען, וועלכע האָט, גלייך זי וואָלט געווען איר מאַמע, געטראָגן אויף זיך דעם עול פאַר שיינדלען. און איז זי געבליבן ביי זיך אין שטיבל, האָט שיינדל ווי תמיד זיך אָפּגעגעבן מיט דער ליאַלקע, גערעדט צו איר, זי אויך „אויסגעהערט״ און געקעמט, געוויקלט אין אַ פאַטשיילע ווען אין דרויסן האָט זיך געשטעלט אַ קרירה. און איז צוגעפאַלן דער אָוונט, האָט זי דער ליאַלקע שטיל איינגעוויגט מיט אַ מאַמישער ברכה: „אַ, אַאַ, ליו־ליו לעיב, קינדעלע מאַנס. וועסט מיט גאָטס הילעף אָפּשטיין אין דער פרי, וועל איך דיִער ווידער זינגען אַ לידעלע אַ שיינס״, און אַליין באַלד זיך געקליבן מאַכן נאַכט. זי איז געקראָכן אויף איר געלעגער אַרויף וואָס האָט געשמעקט מיט שימל.

נאָכן אָפּעסן דאָס מיטאָג, איז שיינדל די ליאַלקע שוין נישט אַריינ־געגאַנגען צו דער שוועסטער, וואָרן פאַר נאַכט איז מאַנעס, טראַנעס מאַן, אַהיים געקומען פון דער ווערקשטעל אַ מידער. באַוויזן זיך אויף דער שוועל, האָט ער באַלד זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער קושעטקע און אַ זאָג געטאָן

דעם ווייב: — טראַנע, איצעט וויל׳עך אַ ביסל מנוחה. די ייִדענע האָט באַנומען די אַנצוהערעניש אַז ר׳האָט שוין איבער געֶנוג דאָס געטוועכץ מיט איר שוועסטער, דער פאַרגולמטער מויד מיט דער ליאַלקע. דערפאַר האָט טראַנע תיכּף נאָכן אָפּעסן די מאַלצייט, אַרויסגעפּטרט די שוועסטערקע מיט אַ פאַרלעגן שמייכעלע: „נעם דאָס, שיינדל, וועסטו האָבן אויף קאָלאַציע״ — און איר אין האַנט אַריין דערלאַנגט אַ פּעקעלע צידה־לדרך — „וועסט שוין אין שטוב אָפּעסן״. דערויף האָט זי דער פאַרתּמטער שוועסטערקע אַ שטילן ווונק געטאָן: ער ׳עט היינט פריִער קומען פון דער אַרבעט. ר׳איז שטאַרק אויסגעמאַטערט, וויל ער זיך אַ ביסל איבערשלאָפן. אַז מ׳דרייט זיך אין שטוב, שטערט מען. גיי, איידער מ׳עט זיך אומקוקן וועט ווערן פינצטער; ווי זשע וועסטו זיך שלעפּן פאַר נאַכט, שיינדל? אַזויערנאָך האָט טראַנע משלח־געווען די שוועסטער אַז זי זאָל אויפדערנאַכט זיך נישט ווייזן צו איר. נאָך האָט זיך געהערט פון איר אַנצוהערעניש: דער מאַן קען צו איר אויסלאָזן דעם כּעס, ווי ס׳איז שוין נישט איין מאָל געשען נאָך דעם ווי ער האָט געטראָפן אין שטוב שיינדלען מיט דער ליאַלקע, ווי ס׳שטעטל האָט זי גערופן. „גענומען אַ כּלה־מיידל אויף דער פּלייצע און פירט זיך אַרום מיט איר טאָג און נאַכט. מער פעלט מיר נישט ווי דער גולם, האָרכסט, טראַנע...!? געהערט אַ מעשה! כ׳האָב׳ס געניג!״ אַ צוגעלייגטע אין איר פירעכץ, האָט טראַנע זיך שוין געפלייסט אַז זי זאָל דעם מאַנס־פאַרשוין נישט דערצערענען; איר ליגט שטענדיק אין זינען אַז ווען ער קומט אַהיים אַן אָפּגעהאָרעוועטער, איז ער זשעדנע צו כאַפּן אַ דרימל איידער ר׳זעצט זיך צום נאַכטמאָל. טרעפט ער נישט דעם ווייבס שוועס־טערקע, אָטעמט ער אָפּ און גיט אַ מאָל אַ האָפערדיקן זאָג: „כאָטש גיט וווּס ס׳שטעכט מיר נישט אין די אויגן די ירושה ווּוס מ׳האָט מיר געלאָזן פין וועגן אומזיסטיקן צייגווייטיק. יאָ, שוין איין מאָל אַ מציאה איז מיר באַשערט געוואָרן״. מאַן און ווייב האָבן זיך שוין אַפילו צעווערטלט, אָבער צו אַ גט טאָר צוליב דעם נישט קומען, האָט די ייִדענע אָפּגעמאַכט ביי זיך. טראַנע האָט דערפאַר תּמיד גיך אַרויסגעפּטרט די שוועסטערקע איידער ער פּאַלט אַראַן אַן אָפּגעהאָרעוועטער אין שטוב. און גייט שיינדל אַהיים צו זיך, זאָגט איר אָן טראַנע: „זי זאָל געדענקען צו פירן זיך ווי אַ בעל־הביתטע. מענטשן קיקן, שיינדל, און פאַר פרעמדע מיילער דאַרף מע זיך היטן...״

שיינדל מיט דער ליאַלקע האָט געהאָרכט און זיך אַריינגעטאָן אין איר פּיצינקן חדרל: מיט ביידע הענט אַלע מאָל אויפגעקלאַפּט דאָס איבערבעט

מיט די קישנס פון איר געלעגער, אַרומגעווישט דעם שטויב פון דער קאָמאָדע, גלייכגעזעצט די ליאַלקע אויף איר באַשטענדיקן בענקעלע און איר באַפוילן צו זיצן רויִק „ווייל ס׳פּאַסט נישט פאַר אַ מיידעלע צו שטיפן ווען מ׳באַדאַרף רוען״... אַן אומרויִקע האָט זי אַליין זיך אַרומגעפּאַרקעט אין דעם קליינינקן חדרל, ווייל שוין געשפּירט דעם ווידערווילן פון שוואָגער צו איר ווייזן זיך צו זיי. מיט דער צייט האָט שיינדל די ליאַלקע זיך אויסגעלערנט גאָר־גאָר געלאָסן צו עפענען די טיר פון טראַנעס שטוב, מחמת מורא אָנצוטרעפן זיך אויפן שוואָגער „וואָס איז אַ בייזער. ער קאָן צוליב איר חלילה שלאָכטס טון טראַנען, מאַאַן גילדענע שוועסטער״. אָבער ווען זי האָט בחוש דערשפּירט, די נישט־דערבאַקענע שיינדל, אַז טראַנע איז אַליין, האָט זי אויף גיך זיך אַריינגערוקט צו איר, אַרומגעהאַלדזט די שוועסטער און ערשט גענומען עסן חתיכות ברויט אָנגעריבענע מיט קנאָבל און צוגעטרונקען הייסע, אָנגעזיסטע באַוואַרקע. טראַנע האָט די שוועסטערקע תּמיד אַזוי באַגעגנט, ווינציק גערעדט, נייערט געקוקט איר אין פּנים אַריין און אין זיך זי באַקרעכצט. שיינדל האָט געטאָן ס׳איריקע, געהאַקט אַ ניגון, געוווען אַריינגעטאָן אין דעם שמעקעדיקן ביסן. אָפּגעגעסן איז זי אַ שטילע געזעסן, זיך צוגעקוקט צו טראַנעס פּאַרנומענקייטביים קעכל. און איז פּאַרטיק געוואָרן ס׳מיטאָג, האָט טראַנע איר געגעבן פלינק אָפּצועסן די מאָלצייט, געגרייט פאַר איר ס׳פּעקעלע פאַר קאָלאַציע און זי אַהיימגעשיקט איידער ער קומט פון ווערקשטעל. אַזוי זענען אַוועק די וואָכן און חדשים. שבת האָט „די ליאַלקע״ שוין אומגעשטערט געגעסן ביי טראַנען, אָבער נאָך דער בייטאָגיקער סעודה איז זי געשווינד אוועק. די שוועסטער האָט איר שוין גאָר נישט באַדאַרפט זאָגן. שיינדל האָט שוין געוווּסט אַז זי דאַרף לאָזן דעם שוואָגער רעכט זיך איבערשלאָפן נאָכן שבתדיקן מיטאָג. נאָר פון מאָל צו מאָל, אין אַ שבתדיקן פאַר נאַכט, איז שיינדל זיך דורכ־געגאַנגען מיט טראַנען אויף שפּאַציר. באַזאַכט האָט שיינדל געשטעלט די טריט. זי איז נאָך אַלץ געווען אויסגעשלייערט ווי צו דער אַנומלטיקער חופּה מיט יונ׳דל זיסקינד: מיטן מעדאַליאָן אויפן גילדערנעם קייטעלע וואָס האָט זיך בלאָס געהנדלט אויף איר איינגעפּאַלענער ברוסט; אויך דאָס דידענע קלייד וואָס האָט איידל געשאַרכט, האָט זי דעמאָלט געטראָגן; ס׳געווען אַ קלייד מיט אַ שלעפּ, וועלכן „די ליאַלקע״ האָט מיט געהיטקייט געהאַלטן צווישן די פינגער פון איר רעכטער האַנט. „אַ טייערע זאַך מיז מען שוינען״, האָט זי געדענקט דער שוועסטערס אָנזאָג אַלע מאָל, ווען זי׳ט זיך צוגערירט צום איבערבלייב פון איר אויסשטייער. — „אַ ליאַדע

טאָג קען דער אייבערשטער באַשערן אַ שמחה ביי דיר, שיינדל, קען מע נישט איינס־צוויי ווידער לאָזן נייען אַזאַ ראַאַך קלייד", האָט טראַנע זי באַלערנט. שיינדל האָט זיך אָבער אַזוי געעלטערט, אָלאָ איר איינציק גליק איז געווען וואָס זי האָט נישט באַנומען די האַרבקייט פון אייגענעם גורל. אַדרבא, זי האָט נאָך מיט גרויס הנאה געגעסן די פענעצן ברויט אָנגעריבן מיט קנאָבל, וואָס די שוועסטער האָט איר שטענדיק צוגעטראָגן מיט אַ פאַרזייערט שמייכעלע, ווי לאַנג מאַנעס איז נאָך נישט געווען אין שטוב. מיט איר גאַנצן ליב און לעבן האָט זי באַנומען אַז טראַנע איז איר גרויסער אָנהאַלט, כאָטש טראַנע אַליין איז נישט געווען אַזאַ „גליקלע־כער האָז" אַז זי זאָל קענען שלעפּן אַ ז אַ פּ ע ק ל. אויך זי האָט חתונה געהאַט ווען אירע בעקלעך זענען שוין געווען היפּשלעך געריינצלט. און האָט זי נאָך יאָרן פון אירע איינגעווייידן אויסגעקראַצט אַ קינד, אַ יינגל, איז עס נעבעך שטאַרק בלאַס, אַ קנאַפּער גיבור און אַפילו אַ ביסל הינקעדיק אויפן שכל. שיינדל די ליאַלקע איז פון דעסטוועגן געבליבן צופרידן מיט איר באַשערטער מערכה, אָבער אין מוח איז איר געווען איינגעגליוועט אַן אייביקער נעפּל. דער גוף האָט טאַקע געוואַקסן, נאָר דער שכל איז געבליבן ווי געווען אין זיין סאַמע אָנהייב — אַ קינדערישער.

— ס'גיט, שיינדל, ס'ברויט ווּס כ'האָב פאַר דיר אָפּגעבראָטן און אונגעקנאָבלט?

— ס'שמעקט טעם גן־עדן, טראַנעשי. אַ כּוח אין דאַנע ביינער אַרײַן. און מאַנעס זאָל הובן ב'כּוח צו פאַרדינען, און דערויף האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. טראַנע האָט נאָך מוסיף געווען:

— אוי, ווען נאָך אַ שטיקל פּיטער אויפן קנאָבלברויט, וואָלט עס געהאַט טויזנט טעמען.

— אַוודאי, האָט שיינדל ווידער געשאָקלט מיטן קאָפּ און אויפן פּנים האָט זיך געשאָטנט אַן אומדרייסטער שמייכל.

פאַרקנאַפּט געווען דער שכל ביי שיינדל די ליאַלקע. זי איז נישט געווען מסוגל עפּעס צו טראַכטן, סיידן דער הונגער האָט איר גענומען נאָגן אָדער ס'איז איר געוואָרן קאַלט. דעמאָלט האָט זי געהאַט נאָר איין וועג — גיין צו טראַנען זי זאָל זי אָנקאָרמען. דער קלין ברויט אָנגעריבן מיט קנאָבל איז תּמיד געווען געגרייט פאַר אירטוועגן אָדער זי פלעגט זיך זעצן צום איינגעהייצטן אויוון. וואַרעמען זיך אום ווינטער האָט זי ליב געהאַט ווי אַ קאַץ. פאַרמאַכט די אויגן, געשנופט מיט די נאָזלעכער און געקוויקט זיך מיט אַן אויסגעצויגענעם אַ־אַאַ, ווי ווויל דער אייבערשטער

האָט באַשאַפן האַלץ און קוילן אָנצוצינדן אין אויוון! שיינדל איז טראַגנען געווען די איינציקע ירושה נאָך דער מאַמען אולעשולעם, אויף וואָס זי האָט אָפּט אַ קרעכץ געטאָן, כאָטש „ס׳אייגענע פעקל״ איז איר געווען אויך געגנוג שווער: דער דעכעוויצנער מאַן איז אַלע מאָל אַוועקגעפאַלן מחמת זיין קורצן אָטעם ביי דער קנאַפּער פרנסה פון אַ שכיר־יום „ביי יענעם״. אויך ס׳איינציקע יינגל חיימעלע איז איר געוואַקסן קרענקלעך בלייך, שוואַך, ווייל געקומען צו טאַטע־מאַמען גאָר ווייט פון זייער בליציים.

יאָ, אין ירושה פון דער מאַמען, גאָלדע די קנאַבל־ייִדענע, זענען טראַגנען געבליבן נאָך אַ פּאָר אייזערנע טעפּ, אַ קופּערנער ראַנדל, אויך אַ פּאַרדומפּעצט קישן מיט אַ פּערענע און אין אַ שמאַטקעלע פאַרקניפּט אַ ביסל אַלט צירונג: אַ גאָלדן רייפל, אַ קייטעלע מיט אַ מעדאַליאָן, אַ שפּילקע מיט אַ בליאַסקעדיק קעפּל און אין דעם עטלעכע דימענטעלעך־שפּריצן. דאָס צירונג איז מיט ציטערניש געווען פאַרהוילן פאַר אַ פרעמד אויג. די מאַמע האָט עס קיין מאָל נישט גענוצט מחמת מורא מ׳זאָל זי נישט מקנא־זיין צווישן די אביונים. אויך טראַגנע, די געראָטענע פון די צוויי פאַריתומטע שוועסטערס, האָט ווי לאַנג ז׳׳ט געקענט זיך האַלטן אויף די פיס, זיך נוהג־געווען פונקט ווי איר מאַמע אולעשולעם: אויב צירונג, דאַרף אַ פויגל דערפון נישט אַ פּיפּס טאָן. ווייל ווי די מאַמע, האָט זי תמיד געטראַכט וועגן אַ זיווג פאַר דער שוועסטער. „שיינדל מיט דער ליאַלקע״ האָט עס געוווסט און פרום געשאָקלט מיטן קאָפּ מיט אַן אויסגעלערנט אידעלע מינע ווען מ׳האָט זי געפרעגט ווי ס׳דערגייט איר: „געלויבט צו גאָט דורפאַר; מאַן שוועסטער זאָל געזינט זאַן, איז מיר ווי אַ מאַמע, אַ לאַנג לעבן אָף איר״. טראַגנע האָט טאָקע ערלעך געזאָרגט פאַר אירט־וועגן, אויך נישט אויפגעהערט טראַכטן פון אַ שידוך פאַר שיינדלען, וועלכע האָט אויף איר שטייגער זיך געשפּילט מיט דער ליאַלקע וואָס ז׳׳ט אַליין אויפגעגנייט פון שמאַטקעלעך, אָנגעטאָן אין קליידלעך פון שטיקלעך פאַר־ביקן קאָרט און אויסגעהאָפטן מיט פעדעם קאָליריקע וואָליטשקע. צו מאָל האָט זי גערעדט צו דער ליאַלקע ווי צו אַ מיידעלע וואָס פאַרשטייט שוין. אָך, ווי מ׳פלעגט זיך פריילעך מאַכן ווען מ׳האָט שיינדלען „דאָס טייערע אויסקראַצעכץ דער קנאַבל־ייִדענעס״ געגומען אויפן טיש אַרויף!

שיינדל מיט דער ליאַלקע איז געבליבן אַן אַלטע מויד מיטן שם פון אַן עגונה. מ׳האָט זיך אַפילו אויפן קול געשושקעט אַז דער פאַר־שווונדענער יונ׳דל זיסקינד האָט צו מאָל נישט געוואָלט נהנה־זיין פון די רעכט וואָס די חופּה־נאַכט גיט דעם מאַנצביל. ר׳האָט נאָר גענומען וואָס

לאָזט זיך פּאַקן אין קעשענע אַרײַן און מיטן וואַליזקעלע תּיכּף נעלם געוואָרן. באַלד אין דער חופּה־נאַכט פאַרענדיקט זײַן שפּיל מיט דער שוואַכזיניקער שיינדל: פאַרכאַפּט ס׳ביסל צירונג וואָס איז על־פּי־הכּתובה געוואָרן זײַנס; אויך די מלבושים וואָס געניית פאַר אים גענומען און אַנטרונען כּדי אפשר אַנדערשוווּ צו זוכן אַ בעסערן מעמד פון אַ בעל־הבית אין אַ ייִדישער עדה. אמת, זעלטן האָבן זיך געטראָפן אויך אַזעלכענע בעלנים אויף שידוכים. קלמעלע קאָבריצן האָט זיך נישט געשמייכלט ווען זיך דערמאָנט אין דער פאַרוועלקטער בתולה. אין מוח האָט אים נאָר געדליביעט די דאגה ווי אַזוי די מוטער וועט אים באַגעגענען... ריכטיק, זי איז געווען אַ ביסל האַרטלעך, די מאַמע, אויב די קינדער זענען איר געוואָרן נישט געהאָרכיק. ווען נישט איר איינגעשפּאַרטקייט, וואָלט ער מסתּמא אויך געבליבן אין דער היים בײַנאַנד מיט אַלעמען, און אפשר, אין קעוואָל, בײַם פעטער שיִע זיך אויסגעלערנט סטאָליערײַ. אָבער צוריק געשמועסט איז אפשר גלײַכער אַזוי ווי ס׳איז געשען. צו הויזן מיט בײַנישבעקער איז אים געווען אַ קנאַפּ גליק, ווײַל אָן אויפהער געמוזט שוין ייִנגלווייז פון מעלקאַמער שלעפּן אויף דער פּלייצע שווערע זעק מעל צו דער דייזשע. אונטער דער משא פלעגט ער זיך וואַקלען אויף די פיס, אָט־אָט צו פאַלן אונטער אַ גוואַלטיקן זאַק און בלײַבן אָן אָטעם. בײַנישבעקער האָט זיך נישט געאײַלט אים צוצולאָזן נישט צום טייג און נישט צום אויוון. „האָסט צאַאַט, בחורל. אַ ביסל מיזן דיר די וואָנסעס אָנוואַקסן", האָט דער תּמיד פאַרשוויצטער ייִד געזאָגט און אַוועקגעטריבן אים אַפילו פון געהייצטן אויוון: „די מאַמע האָט דיר נאָך נישט געוויזן ווי מ׳צינדט אונטער אַ פײַער אין קאַנאָנדל ווען אין דרויסן נעמט דער פראָסט? ס׳פּונקט אַזוי מיטן בעקעראויוון. מ׳צינדט אָן אַ שטיקל קין און מ׳וואַרפט צו צו אים שפּרייזלעך האָלץ; אַ גרויסער אויוון מיז פרעסן מער האָלץ. דיוואַאַל גיי צו ס׳דאַניקע: רײַניק די דייזשעס, גיס אָן וואַסער אין די טונען". ס׳איז געווען אַ לערנען זיך פאַר אַן אייביקן כלאָפּעק. דאָס האָט אים פאַרטריבן פון דער היים, וואָרן די מאַמע האָט זיך צוגעהאָרכט נישט צו איר זונס גרימענישן, נאָר פאַרנומען די רייד פון כיטרע בעלי־בתּים פון די כּלעריי ווערקשטעלן וואָס זי האָט אים באַרייעט. דעם אייגענעם קינד צו מאָל נישט געפרעגט: וואָס איז דער מער מיט דיר וואָס קיין שום בעל־מלאכה געפעלט דיר נישט? ס׳האַרץ האָט אים אָבער אונטערגעזאָגט אַז אַזוי ווי די מאַמע וויל, טויג דאָך נישט. ס׳איז ביטער דעם קינד וואָס האָט נישט קאַ׳ טאַטן. דערפאַר האָט קלמן ווי אַן עלנט הינטל זיך געלאָזט לויפן ווייט־ווייט

זוכן אַן אָרט צו קענען זיך אַ ביסל צוטוליען. וואָס אַ מאָל איז דער מאַמעס שטוב אים געוואָרן שווערער, נו, אַן איבעריקע. זינט דעמאָלט זענען געווג וואַסערן שוין אָפּגעפלאָסן און אויפן האָרץ איז אים מער נישט אַזוי אָנ־געזאָליעט ווען ס׳קומט אויפן זינען די פאַרלוירענע היים. אַצינד איז די בענקעניש צו די היימישע אַ מער קלאָרע, ממש אַן אויסגעצוואָגענע פון דעם מעסטל פּלאָגן וואָס אים איז באַשערט געוואָרן — — חס ושלום, די האָרבע צרות האָבן אים נישט דערוואָרגן, אָבער געשטיקט האָבן זיי אים סיי ווי. וועט די מאַמע האָבן געדולדה, זי׳ט וועלן וויסן אַלץ, אַלצדינג, ׳על איך איר דערציילן — שוין אין פריידן. אַוודאי, איר קלמנשי האָט נישט פאַרבלאָנדזשעט, נאָר געאַרבעט, ערלעך פאַרדינט זיין ברויט. ערשט איז ער אַ פאָלנער מענטש, ר׳באַנעמט אַלץ וואָס געלאָזן הינטער זיך. נו, דער נאַרעוו איז אויך אַ טייך, דאָס זעלבע די פּינע, זי שטראָמט מיט שטאַרקערע וואַסערן ווי די אָכניע, און לודוויקאָווע און בודאַ זענען ניש־קשהדיקע יישובים ווו עס לעבן מענטשן, אויך יידן. ס׳דען אַ נפקא מינה ווו מע שטעלט זיך אָפּ לעבן? מסתמא האָבן זיינע פּיס געדאַרפט אים טראָגן אַהין צו... אַ, זי זאָל נאָר געזונט זיין, דאָס מאַמעלע!

„נאָר אַ שוסטער! דווקא אַ שוסטער האָט זי געוואָלט זען פון אים נאָך אַלע אירע פּרוּוון מיטן זונעלע!״ אויב נישט אַ בעקער, וועט די טויטע הילצערנע קאָפּיטע ברענגען הצלחה איר קלמעלען. „און וועסטו ניש זאָאַן קאַ׳ לאָאַט, וועל׳עך די׳עך ווידער אַ מאָל אָפּגעבן צו אַ בעקער, אַן אַנדערן בעקער, — האָט זי געסטראַשעט. אַ ייִנגל מיז קענען אַ מלאכה, האָט זי אין אים אַריינגעטענהט ווען זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט־קראַבאַנזש און גענומען אויפן קול טראַכטן פון איר אָפּגעהאַרעוועטן טאָג. — „ראַכטיק, ביי אַ בעקער וועסטו ניש הובן ניש קאַ׳ טוג ניש קאַ׳ נאַכט; ביי טוג וועסטו מיזן שלעפּן וואַסער פין סטאַק ווּס אַרויסשטוט; ׳עט זאַן געניג וואַסער אין די פּעסער, וועסטו דאַרפן אונטרוגן זעק מעל צו די דייזשעס און ביי נאַכט, ווען די בעקער־יינגען באַקן, וועט מע די׳עך אַוודאי ניש לאָזן שלופן, כאָטש וועסט זאַן שלעפעריק״ — — ער איז אַלט געווען אין גאַנצן צוועלעף יאָר ווען די מאַמע האָט צו אים גערעדט די אַ האָרטע רייד, כאָטש ר׳האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט די לער סיי ביים טאַנדייטער און סיי ביים בעקער. דער מאַמעס רייד האָבן אים, קלמעלען, גאָר־גאָר אָנגעשראָקן, ווייל געפייניקט מיט דער פיין פון אַ דערוואָקסענעם וואָס שפּירט שוין אויף זיך דעם יאָך פון די באַאָרטע. ער׳ט געטראַכט אין זיך: ער איז נישט פאַר אַ בעקער און ר׳האָט אויך נישט קאַ׳ חשק צו

גיין קוועטשן אַ שוסטערבענקל. ער האָט בחוש באַנומען אַז נישט גאָר געשיקט זענען זיינע הענט צום הילצערנעם פּוסוואָרצל, וועלכן מ׳באַדאַרף קענען צושפּאָרן מיט די פינגער און אויסגלעטיקן דאָס לעדער וואָס האַלט זיך גולמדיק, טויט, אויף דער צעהוידערטער שויס. יאָ, דער שוסטער זבולון נודל איז אים דערגאַנגען די יאָרן אויך מיט פּריקרע רייד באַלד דעם ערשטן טאָג ווען ר׳האָט אַריינגעשמעקט צו אים נאָך דער מוטערס לאַנגער בעטעניש. דער שוסטערוק האָט אָן אויפהער, ווי אַן אַנגעדרייטע קאַטערינקע, איבערגעחזרט איינס און דאָס זעלבע:

— אַ שוסטער ווילסטו זאַן צי אַ סמאַלעקאָפּ?! ס׳זעט אויס, אַ סמאַלע־קאָפּ געיכער, האַ, האַא! קודם כּל ווארף אַרופּ דאַאַן קאַשקעט, ׳עט דיר גרינגער אַראַן אין קאָפּ די מלאכה. אַן אַרבעטאָרער צום טיש! זיצן אויפן שיסטערבענקל אין אַ היטל? און האָט דאָס יינגל גענומען אויף דער שויס אַ צעקרימטן שוך צו לערנען זיך קלאַפּן טשוועקלעך אין אַ פּאָדעשווע אַריין, האָט זבולון דער פּאַנפּאַטש איבער אים זיך צעשריגן:

— אַ בעל־מלאכה ווילסטו ווערן, יינגער־מאַן מיטן אַלטן געזיכט, צי אַ בעל־געסרחה? נאָ, זע, נישט אַזוי האַלט מען ס׳העמערל אין האַנט. — און ר׳האָט בעת־מעשה אין זיין פּאַרפּלאָנטערטער באָרד אַריין אויסגעשפּיגן אַ פול מויל מיט שפּיציקע הילצערנע שטיפטלעך־שפּאַלן, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַרקלעמט צווישן די ליפּן.

קלמעלען האָט באַליידיקט דאָס אָ רעדן פונעם מאַנסטער. שוין ביי צייטנס רופן אים סמאַלעקאָפּ, איז אים באַשיימפּערלעך געווען נאָר אַ תּירוץ צו ווייזן אַז ער האָט נישט ליב אַ לערניונג וואָס קאָן מיט דער צייט „גיין אויף זיין ברויט״. דערפאַר טאַקע ווילן שוסטערס קיינעם נישט נעמען צו לערנען די מלאכה, סיידן אַן אייגענעם זון — האָט קלמעלע שוין געהאַט געהערט. אויך זבולון האָט עס באַלד אויסגעבעבעט: „יונגען וואָס קענען נישט אַ קאַץ דעם ווידל פאַרקניפּן, כאַפּן זיך פלוצלאַלבן צום פאַך און גייען אויפן מאַנסטערס ביסן. זיי קענען נאָך ניש קאָ׳ טשוועקל אַראַנקלאַפּן אין פּאָדעשווע און זעצן זיך שוין מעשה־שוסטער אין אַן אייגענעם וואָר־שטאַט. אַבי זיי האָבן אַ העמערל מיט אַ קאָפּיטע. דאָס קריגט באַלד חוצפּה, אויב ס׳האָט נאָר איבערגענעכטיקט ביי אַ מאַנסטער. אָ, ווער ס׳קאָן נישט דאָס געהינטעכץ!״ מיט אַזאַ מענה־לשון איז מיט אַ מאָל אַרויס דער שוסטער זבולון נודל. ביים יינגל איז דערפון אַלץ געפאַלן פון די הענט. ר׳האָט דעריבער פיינט געקראָגן דעם זבולון וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג נישט אויפגעהערט אים שטעכעלירן. דער מאַנסטער איז אַ שלעכטער, האָט

ער געטראַכט. ר׳גריזשעט אים אַפילו מיט זיין שיקלדיקן בליק. אַ כליאַפּ טרערן האָט קלמנען אַ וואַרג געטאָן, מחמת ר׳האָט ערשט באַזיניקט זיין ביטערן מזל וואָס האָט זיך אָנגעחתמעט אויף ביים נייעם מאַנסטער, וואָס די מאַמע האָט אים צוגעשאַנצט. קלמעלע איז שוין קליינערהייט געפּרווט געוואָרן מיטן נסיון פון די דערוואַקסענע, וועלכע באַרען זיך עפּטערס מיט די אויסטערלישע גרימאַסן פון דער נויט און קענען זיי נישט בייקומען. אַזוי געשעט אויך מיט זיין אומגליקלעכער מאַמען. אים איז געוואָרן שווער אַרויסצווויינען, כאָטש אַלץ אין אים האָט שוין געוויינט: זיין ברוסט האָט טרוקן געכליפּעט, דאָך האָבן אין טרערן זיך געטרונקען זיינע אינגעווייד.

— און דאָס זעצט זיך נאָך צו דער אַרבעט אין קאַשקעט, — האָט דער זבולון דערנאָך רעכט זיך אַרויסגעבראָכן מיט זיין זידנדיקן צאָרן אויפן ייִנגל. הלמאי ער איז אין היטל, בעת ער זיצט אַנטקעגן אים אויפן שוס־טערבענקל. אין „ענטפער" אויף דעם אַ אָנגעיוירענעם געררייד פונעם בייזן ייִד, האָט דאָס ייִנגל אַראָפּגעלאָזן די אויגן און ווי מיט געליימטע הענט אויסגעטאָן ס׳היטל, וואָס יענער האָט נישט אויפגעהערט מאָנען ביי אים:

— ווו איז׳ס געהערט געוואָרן ביי דער אַרבעט צו זיצן אין אַ קאַשקעט! ווער קען אויפהייבן ס׳העמערל אַז אויפן קאָפּ ליגט אַ שקראַב?

אַראָפּגענומען ס׳היטל און די רויטלעכע פלעקן אויף זיין נאַקעטן שאַרבן, וואָס געבליבן נאָך די אויסגעברענטע „רינדלעך", וועלכע האָבן געהאַט פאַרגאָסן זיין גאַנצן קאָפּ, האָט ער באַלד דערשפּירט אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך ערשט צעפלאַמט. זיין לייב האָט זיך דערויף אָפּגעצוואָגן מיט אַן אַנגסטיקן שוויס און אין די אויגן האָט געפינצטערט, גלייך אַן אינעווייניקדיקע היץ וואָלט זיך אָפּגעזעצט אין זיינע שוואַרצאַפּלען. בשעת־מעשה האָט דער פריקרער געדאַנק אין אים דריקנדיק אַ ווימל געטאָן:

— „ס׳אַ בראָך צו דיר. דו שוויצסט נאַריש און באַוויזסט ערשט אַז ביסט טאַקע אַ פּאַרעך! די מאַמע האָט אויף אַ רעכטן אמת דיך געבענדיקט; זי׳ט דיך אַראָנגעזעצט צום ראַכטיקן מאַנסטער. דער ׳עט דיר שוין דערגיין די פּאַר יאָר. דעם ביסן, וואָס ער וועט דיר געבן, פאַרסמט ער שוין בייצייטנס" — —

דער שוך וואָס קלמן האָט גראַד געהאַלטן אויף דער קני האָט ווי אַ שטיין זיך געוואַלגערט אויף אים. דער יונג האָט שוין נישט געזען וואָס ער טוט. ווי אַן אָנגעגליטער טראָפּן האָט אַן אָנגערונענע טרער פאַרנעפּלט זיין בליק און אין געהירן האָט עס געזאָטן, געסיקעט גלייך אַ פייער וואָלט דאָרט געטליִעט: „ער וועט נישט אויסהאַלטן פון דעם שוסטערוק און אויך

נישט פון דער מאַמען. קאָ׳ בעקער וועט ער אַוודאי נישט זיין. ר׳וועט זיין ברוגז מיט אַלע. ר׳וועט קיינעם נישט האָרכן! ר׳וועט אַנטלויפן מיט די ציגיינערס, אויב נישט, וועט ער זיך אַוועקלאָזן מיט די מדינה־גייערס וואָס האַלטן זיך אויף אין הקדש. די מאַמע ׳עט ער מער נישט פאָלגן: נאָר זי וויינט, רק נחת וויל זי האָבן פון אים, אָלאָ אים דערלאַנגט זי פעטש, ערגערע ווי די פעטש פון די מאַנסטערס, וואָס זי האָט שוין אָפּגעזוכט פאַר זיינטוועגן. ער האָט אָבער אויך נישט קאָ׳ געלענק זיי געפעלן צו ווערן. ר׳מוז אַנטלויפן, ווייל אין דער היים קען ער שוין נישט זיין, אויך נישט צוזען דאָס געוויין און הערן די טענות״.

*

דער צונאָמען „סמאַלעקאָפּ״ איז דעם יינגל געווען אַ וויטיקלעכער קלאַפּ איבערן געהירן. ביי אים האָט ס׳האַרץ געטריפט, פאַרוואָלקנט ס׳ליכט וואָס האָט אים געפליצט אין פּנים אַריין. אויף צו להכעיס זענען געשטאַנען שיינענדיקע טעג. זינט יענעם זאַג דעם שוסטערס, האָט קלמעלע נישט געקענט אויפהייבן צו אים די אויגן. דער זבולון האָט מיט זיין וואָנציקן מויל שטענדיק געקייט אַ ברייטן ביס ווייסע הילצערנע שוסטער־שטיפטן. סמאַלעקאָפּ! סמאַלעקאָפּ...! אַזוי, האָט קלמעלען אויסגעדאַכט, שרייט מען אים נאָך; אַלע ווייסן שוין זיין חרפה, אַפילו אַז אַלע מאַנסטערס טרייבן אים אַרויס. ער האָט אויך זיך געשפּירט שולדיק אין עפּעס מטושטשדיקס וואָס האָט אים נישט ווינציקער געדריקט. אָבער אויך דאָס געפיל אַז ער האָט זיך פאַרזינדיקט קעגן עמעצן, האָט קלמעלען באַומרויקט, אָלאָ ביים גאַנצן אָנשטרענג זיינעם האָט ער נישט קלאָר באַנומען — קעגן וועמען ער׳ט זיך פאַרשולדיקט. טאַקע וואָר, אָבער קיינער האָט נישט געזען ווי די מאַמע האָט אים געהיילט דעם קאָפּ וואָס איז געווען קלעפּיק באַשאָטן מיט אַ סך האַרטלעך־שימלדיקע „גרינדלעך״ ווי מיאוסע בלינדע בלאָטערן. זי האָט אים געשמירט מיט פעטע, שטאַרק שפּירעוודיקע זאַלבן, געריבן דעם קאָפּ מיט די שפּיץ־פינגער, בשעת־מעשה זיך געקרימט און פאַר־שאָלטן זיך די אייגענע יאָרן. אַז דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, די שימל־דיקע בלאָטערס וואָס האָבן פאַרכאַפּט אַלע זיינע קאַשטאַן־קאָליריקע גע־קרייזלטע האָר און בשום אופן נישט געלאָזט זיך פאַרטרייבן פון די אַלע שמירעכצער — האָט די מאַמע דעמאָלט אויפן קאָפּ אים אויסגעגאָסן אַ מין לעבלעכע סמאָלע. האַרט, ווי אַ פּאַנצער, האָט דער פּעך זיך פאַרבאַקן

אויף די האָר און זיי אָנגעשטייפּט ווי אַ ברייט צעגאָסענער געשווּיר. ווײַ, ווי די מאַמע האָט זיך געיאָדעט למאַי זי'ט נאָך מער צעפּעטשעט דעם ייִנגלס קאָפּ מיט דער סמאָלע! לאַנגע טעג איז זי אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענע, מסתּמא מיט עמעצן זיך צערעדט וועגן דעם אומגליק וואָס איז איר אויך געווען אַ גרויסע חרפּה. דאָך שוין אַ שפּאָר ייִנגל וואָס דאַרף קומען צווישן לייטן, איז ווי קען מען אַזוי..? לסוף האָט זי מיט אירע פאַרקראַמפּטע פינגער געריסן דעם פאַנצער וואָס האָט זיך צעגאָסן איבער זיין גאַנצן שאַרבן. אַ מאָל, ס'איז שוין געווען שפּעטלעך אויפדערנאַכט, די קינדער זענען געלעגן אין אַ טיפן געשמאַקן שלאָף, האָט די מאַמע גענומען צופּן מיט די שפּיצפינגער דעם פאַנצער וואָס „זי'ט אַליין אָנגעאַרבעט דעם פאַרוויסטן יתום", ווי זי האָט פאַרבאָרגן געמורמלט צו זיך אין איר מאַמישער פאַרצווייפלונג. ווי מ'רייסט אויף די פאַרהאַרטעוועטע ערד, אויף וועלכער מ'וויל פאַר דער שטוב פאַרגרייטן גאָרטנוואַרג, ווי אירע שכנים טוען עס, האָט די מוטער דעמאָלט געריסן שטיקער פון זיין פאַרשלאָפטן שאַרבן, אָבער מיט קלמעלעס קאָפּ איז געווען ערגער ווי מיט פאַרדאַרטער ערד. אַז אַ שכן וויל זיך באַוואָרענען מיט אַן אייגן ביסל ציבעלעס, פּיעטרישקע און מייערן וואָס זאָלן וואַקסן הינטערן פענצטער, רייסט מע נישט די זאַמדיקע ערד מיט אַ רידל. ווײַל די אָ ערד פאַרטראָגט נישט די שאַרף פונעם רידל. זי נייטיקט זיך גיכער אין אַ ביסעלע צאַרטקייט, מ'מוז זי ווייך מאַכן, אָנפייכטן מיט פרישקייט, באַגיסן און ערשט דערנאָך וואַרפן אין איר די זוימען. די פאַרוואָרלאָזטע ערד פרייט זיך, ווען ס'גענענען צו איר געלאַסענע הענט און זי דערוואַכט מיט גענאָד ערשט ווען איבער איר צעפּראַלן זיך די גוטע, וואַרעמע אויגן פון צעשמייכלטן הימל. פאַרקערט איז געווען מיט קלמעלען מלכּה־צייטלס. ער האָט געקרעכצט פון די ווייטיקן וואָס די מאַמע האָט אויף אים געבראַכט מיטן רייסן פון זיין קאָפּ דאָס האַרט־פאַרבאַקענע האָרשיידל, וואָס האָט זיך נישט אונטערגעגעבן אירע קנאָכיקע פינגער. דערצו האָט זיך פון דעם אויפגערירטן האָרפאַנצער געטראָגן אַן איבלדיקער אומריח אַזש ס'האָט פאַרשטיקט דעם אָטעם. נישט מיט אַ מאָל האָט די מוטער באַוויזן אָפּצוטאָן וואָס זי האָט זיך פירגענומען. דער אויסגעגאָסענער לעבלעכער פּעך — צו וואָס זי האָט זיך לסוף דערטראַכט — האָט זיך נישט געלאָזט לייכט פּטרן, סיידן זי וואָלט געווען גרייט צו זען פון דעם ייִנגלס שאַרבן רינען בלוט. בלויז פון טראַכטן דערפון, האָט ס'האַרץ אין איר זיך פאַרצאַפּלט. זי האָט ליבערשט „זיך גענומען צו אים" ביסלעכווייז, אין עטלעכע אַזינע

אומהיימלעכע שפּעטע אויפדערנאַכטן. שטאַרק געהיט, געלאַסן, האָט זי געטאָן די נישט־ניחאדיקע מלאכה פון ה י י ל ן קלמעלעס שלאָפן האָר־שיידל.

ער געדענקט עס בולט ביז גאָר: פון דעם בלינצנדיקן נאַפטלעמפּל האָט קוים זיך געשטעלט אַ בלייכער שיינפלעק איבער דער צעשוווּמענער טונקלקייט פונעם ענגן שטיבל. אַלע קינדער זענען געווען טיף פאַרזונקען אין שלאָף. די מאַמע האָט אומיסטן אויסמאַרקירט אַז קיינער זאָל נישט זען ווי ז׳ עוסקט זיך מיט קלמנקעס אומריינעם קאָפּ; זי האָט עס אויכעט פאַר קיינעם נישט געברענגט איבערן מויל. דאָס אונטערגעוואַקסענע ייִנגל וואָס האָט געטאַמלט צו ווערן אַ מענטש, דערמאָנט זיך ערשט: זיין מאַמע האָט נאָך מערמאָליקע שמירעכצן וואָס זי׳ט גענִיצט צו זיין שלאַפן שאַרבן, אין איינעם אַן אויפדערנאַכט זיך דערגענטערט צו אים מיט אַ באַזונדערער איינגעשפּאַרטקייט; זי איז געגאַנגען מיט די שפּיצפינגער איבער די פאַר־עקשנטע ג ר י נ ד ל ע ך וואָס האָבן האַרט פאַרדעקט זיין קאָפּ און זי האָט שווער אויפגעזיפצט:

— וואָס פאַראַ עצה גיט מע זיך, קלמנשי, מיט דאַאָן קעפּל! כ׳ווייס שוין ניש וואָס ווידער אָנצוהייבן... ס׳וויסטע מזל טוט מיר אָן דין. מ׳קאָן זיך אין אַן אָרנטלעכער שטיב ניש באַוואַזן מיט אַזאַ זאַך. מ׳שפּירט זי פון דערוואַטנס און היילן לאָזט עס זיך ניש: ס׳העלפט ניש קאַ׳ נאַפט, קאַ׳ חזיר־פעטס, אָכעט ניש קאַ׳ פּיטער ווי לאַאַט טיען ווען ס׳מאַכט זיך אַזאַ צרה. ניש אַנדערש — מ׳מיז עס בגעוואַלד אַראָפּראַסן. כ׳האָב שוין ניש קאַ׳ כּוח. און אַזוינס האָט געמיזט זיך טשעפּען צי אַזאַ אורעמאַנטע ווי מלכּה־צאַטל. ס׳האָט ניש געקענט בעסער טרעפן אַן אויסוואַרפלינג און ניש מאַאַן שטיב?!

די ביטער געפּרוווטע ייִדענע האָט ווידער אַ מאָל געזיפצט, ביי נייס מיט די פינגער געפּרוווט דערגיין ווו אַ שטייגער עס זענען שוואַכער די וואָרצלען פון דעם בייז וואָס האָט זיך אויף איר אָנגעזעצט, און אויף ס׳ניי שטילינקע גערעדט צום ייִנגל:

— נישטו קאַ׳ ברירה, קינדלעיב. כ׳על פּריוון נאָך אַ מאָל, נאָר אָף אַן אַנדערן אופן. אויף אַ ווייל האָט זי זיך אָפּגעקערט פון אים, גענומען אין האַנט אַריין אַ פּראָסט צווענגל, מיט וועלכן מ׳פלעגט אַרויסרייסן אַ טשוועקל וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון אַ פּרוכגע בענקל אין שטוב, פון אַ וואַשברעטל וואָס איז צעלאַכצט געוואָרן און מיט דעם גענענט צו קלמעלען מיט בפירושן אומווילן צו טאָן דאָס וואָס זי קלייבט זיך ערשט אָפּטוען:

די „זינדיקע מאַמע" האָט קרימלעך פאַרצויגן די נאָז און דעם ייִנגלס קאָפּ אַראָפּגעבויגן צו אירע קני. אַזוי אַרום האָט זי אָנגעהויבן זיין איינגעקלעמטן קאָפּ ביי נייס „היילן". מיט די אייזערנע לעפּצן פון דער אָבצווענגע איינגעביסן זיך אין אַ האַרפּאַרוואַקסן ג ר י נ ד ל פון דעם ייִנגלס שלאָפן שאַרבן, דערביי אַ שאַרפן קרעכץ געטאָן און מחמת אָנשטרענג מיט פאַרקוועטשטע אויגן אַראָפּגעריסן אַ שטיק פונעם סמאָלע־פּאַנצער. ס'איז געווען אַ פיינלעכע מלאכה פאַר דער חושכדיקער מאַמען, אָבער זי האָט נישט געפונען קיין אַנדערע תרופה. אַ זשאַווער־פאַרוואַקסענע, אַ טעמפּע, האָט די אייזערנע צוואַנג הייזעריק געכאַרכלט איבער קלמעלעס שאַרבן, גלייך זי וואָלט אָקערשט אים צוגעזאָגט עפּעס גינציקס, די אָבצווענגע, אָלאָ ער באַדאַרף האָבן געדולד. ס'ייִנגל האָט אַפּנים שטאַרקער געפילט דער מוטערס געטריישאַפט, כאָטש זי טוט אים אָן יסורים, און טאַקע געשוויגן מיט פאַרביסענער איינגעשפאַרטקייט. פאַר דאָס האָט ער קלאָמפּערשט ווינציקער געשפּירט דעם ווייטיק וואָס יעדער ריס פונעם האַרשיידל האָט אים גורם געווען. קלמעלע האָט דערפאַר אין פאַרבאַרגענער האָפענונג אויף גענעזונג מער פאַרנומען איבער זיין אָנגעדראָלענעם שאַרבן דאָס שטומפּיקע גיין פון דעם אייזערנעם מכשיר ווי דאָס אייגנטלעכע רייסן זיין האַרפּאַנצער: ביי יעדן ריס מיט דער צוואַנג האָט די מוטער אַ סאָפּע געטאָן ווי זי וואָלט זיך געראַנגלט מיט אַ שווערער משא, וואָס דריקט אויף איר נאַקן. די שימלדיק גרינע בלאָטערס זענען אַזוי אַרום שטיקלעכווייז, גלייך איבערגעבראָכן קויטיק אייז, אין גאַנצן אַראָפּגעפאַלן פון דעם ייִנגלס שאַרבן צוזאַמען מיט די פוילע האַרבינטלעך וואָס האָבן זיך געכאַוועט אונטער די שימלדיקע בלאָטערס. מיט ווי האָט די בידנע מאַמע לסוף דערזען ווי פון דעם ייִנגלס קאָפּ איז געבליבן אַן אויסטערליש־נאַקעטע, געפלעקטע רויטלעך־בלייכע מאַפּע, וועלכע ווייזט ניבעטאָ אַן ערגעץ פאַרוואָרפן וויסט מקום אויף גאָטס ווייטער וועלט. זי האָט לאַנג, אייפעריק געזשמורעט אויף דעם וואָס זי האָט אָפּגעטאָן און צום סוף געזאָגט דעם עפּעס פאַרשטאַרטן ייִנגל, אַקוראַט אַ טיפער פּחד וואָלט ביי אים אָפּגענומען דאָס לשון:

— שוין, קלמנשי. ס'זענען געבליבן נאַר פלעקן. כ'על זיי שמירן מיט זיסער סמעטענע וואָס איז הוילע פּעטס אָן שום שאַרפקייט און ס'עט זיך פאַרהיילן. ס'וועלן דיר אָנוואַקסן נייע, ווייכע האָר. וועסט זען, וועסט זאָן אַ שיינער פּאַצעט. — די מאַמע האָט געוואָלט טרייסטן קלמנען, אָבער אים האָט אַ דושע געטאָן אַן אומגעריכטער געוויין. ווייל פון דער מוטערס רייד האָט ער גאָר באַנומען אַז ר'וועט ביי נייס נישט קענען זיך ווייזן פאַר לייטן.

מ׳וועט עס באַלד דערקענען — — און פון אים האָבן אָנגעהויבן זיך גיסן באַכן טרערן.

— ווייַן ניש, קלמנשי. אַ פּאָר טעג ׳עסטו זאַן אין דער היים. כ׳על זוגן אַז ביסט, באַ זייער בלאַבעכץ, עפּעס ניש געזינט, האָסט אַ ביסל היץ. דערנוך וועסטו זאַן אַ שיין ייִנגל.

אַזוי האָט די מאַמע גערעדט אין יענעם פריקרען אויפדערנאַכט און ס׳פלעמל וואָס האָט שיכּור געוואָרפן מיטן אָנגעגליטן צינגל, האָט קוים געבלינצלט איבערן שטום שטוינענדיקן חלל. ס׳געווען שטיל די נאַכטישע פינצטערקייט. קיינער האָט נישט געוווסט פון דער מוטערס געטועכץ אַרום קלמנען און זי האָט מיטליידנדיק געקוקט אויף אים. ווי באַוועגטע טונקעלע גריבלעך האָבן אירע אויגן אומרויִק געשפּיזלט פון אונטערן שטערן, וועלכער האָט זיך מאַט געשאָטנט אין דער ענג איינגערינגלטער שטילקייט פון מלכּה־צייטלס שטיבל.

קלמן האָט געשפּירט אַ רחמנות אויף דער מאַמען, אָבער איינצייטיק האָט ער איבערגעלעבט אַ שאַרפן ברוגז אויפן מאַנסטער זבולון, וועלכער איז אַליין אַ סמאָלעקאָפּ וואָס שלינגט הילצערנע טשוועקלעך מיט זיינע פּאַרפּאַפּטע וואַנצעס. אַ חוצפּה דאָס האָט אים צו באַליידיקן, האָט קלמנשי געטראַכט. באַשר ער איז אַן אָרעם ייִנגל, ס׳נישטאָ קאַ׳ טאַטע וואָס זאָל זיך פאַר אים אָננעמען, מעג ער אַזוי?? יענע מינוטן האָבן קלמעלען אויפגעברויזט און מיט אַ מאָל האָט ער שטיל זיך אָנגערופן צו דער מוטער:

— איך ׳על מער נישט גיין צום שיסטער. איך ׳על נישט שלינגען קאַ׳ הילצערנע שפּאָלן. כ׳קען עים נישט אָנקיקן, און כ׳האָב סיי ווי נישט קאַ׳ געלענק צי שיסטעריי. איך וויל פריִער פאַרדינען געלט און נישט וואַרטן צוויי יאָר, ווי דער מאַנסטער האָט צוגעזאָגט. בחינם אַרבעטן וויל׳עך נישט. כ׳גיי נישט מער צו עים.

די מאַמע האָט דעם ייִנגל אויסגערעדט:

— שיסטעריי איז אַ גיטע מלאכה. ווו דו גייסט און שטייסט, ברויך מען דעם שיך, אויך שטיוול. אַפילו אַ קינד מוז שוין הובן שיכלעך; נאָר קאַטשקעס און גענדז גייען באָרוועס. צו מאָל אַ פערד גייט נישט באָרוועס. עס מיז האָבן פּאָדקאָוועס. אַ קו ווערט געבוירן מיט קאָפּיטעס וואָס זענען פּאַר איר ווי שיך. שיסטעריי איז אַ ברויט מיט אַ מעסער. לערן אויס די מלאכה, וועט דיר זאַן לאַכטיק די וועלט, זינעשי. באָרוועס קען קיינער ניש גיין, אַפילו אום זומער, ווייל די שטיינער בריִען די פיס, אויב זיי זאָלן וועלן גיין באָרוועס. ווינטער איז אַוודאי ניש צו רעדן פון גיין אָן שיך

מיט זאַקן און שטיוול מיט אַניטשעס. פאַלג מיך, גיי צום מאַנסטער. ברוגז זיך ניש מיט עים. ער מיינט דאָך דאַאַן טובה. וועסט גרעסער ווערן, וועסטו הובן אַן אייגענע ווערקשטעל, לאַט וועלן דיִעך אויסלויבן פאַר אַ גיט שטיקל אַרבעט און פריצים וועלן דיִעך אָפגילטן. אַבי לערן אויס די מלאכה. דאַאַן טאַטנס מלאכה האָט מען אָכעט אויסגעלויבט. מ׳האָט געבענטשט זאַנע הענט. גיי צים מאַנסטער. ניש מער, מאַרגן ׳עלעך אַראַנגיין עים זוגן אַז וועסט ניש קענען קימען אַ צוויי־דריי טעג. ביסט פאַרקילט. כ׳האָב געמיזט ריפן חנאַן דעם רופא. ער האָט דיר געשטעלט באַנקעס און געהייסן זיך אויס־וואַרעמען אין בעט אַ דריי טעג. פאַלג די מאַמע, זינעשי.

אָבער קלמן, ווי קליין ער איז נאָך געווען אין דער מוטערס אויגן, האָט זיך שוין געהאַט גענומען אין זינען אַריין גאַר עפּעס אַנדערשס. צום מאַנסטער זבולון, האָט ער זיך איינגעעקשנט, וועט ער זיך נישט צוריק־קערן. אַ סמאַלעקאַפּ זאָל ער בלייבן אַליין. מוחל זאַנע גליקן!

קאַפּיטל צוויי

כיל קאַרמיאַל איז געווען אַ וואַנדערנדיקער הענדלער. מיט אַן אייגע־נעם געשפּאַן איז ער אַרומגעפאָרן איבער די דערפער און שטעטלעך פון לויוויטשער, גאַסטינינער און גאַמבינער קאַנטן. ווו אַ יאַרמאַרק, אַ טאַרג־טאַג אָדער אַ יאַריד, האָט כיל אים נישט אויסגעמיטן. פול מיט פויערנפאַלק און דאַרפּישע יִישובים מיט קאַשטשיאַלן, האָט קאַרמיאַל אויף זיין וואָגן פאַרקויפט אַלערליי צוקערוואַרג, געוויקלטע אין קאָלירטע, גלאַנציקע פּאַ־פּירלעך, אויך פאַרביקע סטענגעס, מיט וועלכע פויערטעס צירן די קליידער פון זייערע טעכטער, פאַרפלעכטן מיט ז״י די שווערע, לאַנגע פלאַקסענע צעפּ. כיל האָט צווישן זיין סחורה דאָס גלייכן געהאַט פאַרשיידענע בייטשלעך קרעלן, פאַלשע ציטער־שפּילקעס, האָר־קעמעלעך, שפּיגעלעך מיט באַגילדטע רעמלעך, אַלערהאַנט ווייסע, פּערלמוטערנע און קאָליריקע קנעפּלעך, פאַס־מעס פאַרביקן פאַדעם אויסצוהעפטן שיינע אוזאָרן אויף דאַרפּישע בלוזעס. יעשיען־צייט האָט ער אין מיסחר אַריינגענומען אויך מיניענדיקע, אַנגעזיל־בערטע און געגילדטע גלעזערנע עפּל, דין־געפינגערטע, קאָליריקע ליכטלעך פאַר ניטלביימער מיט וואָס קריסטלעכע היימען צירן אויס און באַלייכטן

„יענע נאַכט". האָט אַ פויערטע באַגערט פּאַטשערקעס מיט אַ ברוין הילצערן צלמל אָדער אַ געניקלט קרוציפיקסל מיט צעשפּרייטע הענט און אַן אַראָפּ־געזונקענעם בערדל צו דער נאַקעטער ברוסט, האָט כיל קאַרמיאַל אויך אַזוינס געהאַט אין זיין קראָם. ס'פויערנוואַרג האָט שוין געקאַנט דעם קופּיעץ וואָס פלעגט אַלע מאָל אָנשפּאַרן צו זיי מיטן גרויסן וואָגנגעשטעל און שטעלן זיך אין סאַמע מיטן מאַרק. אַרום אים האָבן באַלד זיך געקלעפּט גאַנצע משפּחות צו טאַפּן אין וואָגן, וואָס פאַראַ שטייגער נייע זאַכן דער הענדלער האָט אָקערשט געבראַכט. און כיל האָט געהאַט אַזאַ געלענק צום מיסחר אַז קיינער פונעם פויערנפאָלק איז פון זיין קראָם נישט אַוועק מיט ליידיקע הענט. ווארן שטענדיק האָט ער זיך באַוויזן מיט עפּעס שיינס און ניצלעכס.

כיל איז געווען אַ יונגער־מאַן אַ רירעוודיקער, אַ פריילעכער מיט אַ פול מויל רעדן, דערצו אַ גרויסער עסער און אַן איינרייסער אין מיסחר. איטלעך מאָל האָט ער פאַרגרעסערט דעם סכום סחורה אויף זיין וואָגן וואָס איז באמת געווען אַ גרויס געוועלב אויף באַוועגלעכע רעדער. ביי אים איז געווען וואָס אויסצוקלייבן. דערפאַר האָבן לייט נישט געקענט זיך אָפּרייסן פון זיין קראָם ביז וואַנען זיי האָבן עפּעס איינגעהאַנדלט. כיל האָט אָבער נישט געקענט זיך צוקלייבן אַ ווייב וואָס זאָל זיך ביי אים האַלטן. געגנוי ווייסט מע נישט פאַר וואָס — די מיידלעך וואָס זענען געגאַנגען מיט אים צו דער חופּה, זענען גיך פון אים אַוועק, אַנטרונען ווי אַפּגעבריִטע, כאָטש קיין שלעכטער האָט ער זיך נישט געוויזן, אויך נישט קיין קאַרגער. גאָר יונג האָט ער חתונה־געהאַט, אָבער שוין יונגערהייט געביטן עטלעכע ווייבער. ווייל די ערשטע ווי די צווייטע האָבן באַלד געפּאָדערט אַ גט. די דריטע איז אויך גיך אַוועק פון אים. סוף־כל־סוף איז ער געבליבן אַליין, גלייך אַ קללה וואָלט געהויערט איבער אים. לייט האָבן ווידער אַ מאָל דערוווּשט קאַרמיאַלן אַן אַליינינקן אינעם שטיבל אונטערן דאַך וואָס ער האָט געהאַלטן אַ בעל־הבתיש איינגעשטעלטס אין דניאל הויקערס הייזקע אין דער שוסטערגאַס.

זינט די דריטע איז פון אים אַוועק כמעט אומבאַמערקט, האָט כיל געקראָגן אַ שם פון אַזעלכן וואָס „אַ ווייב איז פאַר זיינעט וועגן נישט קיין אַנגעלייגטע סחורה" און מן הסתם איז די סיבה פון דעם אַ אַנטלויפעניש געווען אַ סוד נישט קיין ווייבערישער. מענטשן האָבן טאַקע געלערנט דערפון אַ קל־וחומר : „וואָס פאַר אַ מיידל, וועלכע גייט שוין צו דער חופּה, גלוסט זיך עס באַלד אַרומצוגיין מיטן פריקרען צונאָמען פון אַ גרושה ?"

אָבער כיל האָט, ווייזט אויס, שוין שלום געמאַכט מיט דער אומהיימלעכער מערכה צו בלייבן אָן אַ ווייב, אָלאָ דערפון נישט געוואָרן נידערגעשלאָגן. אַ ראיה: פונעם מיסחר האָט ער זיך נישט אָפּגעלאָזן. אַדרבא, דעם האַנדל מיט די כּלערליי צאַצקעס און זיסוואַרגן האָט ער פלייסיק אָפּגעהיט און נישט אַרויסגעלאָזט פון זינען אין וועלכער פּאַראַפּיע עס קומט פאַר אַ יאַרמאַרק, ווו ס׳שטעלט זיך אַ קאַשטשעלנע חגא, וועז ס׳קלייבט זיך צונויף ס׳דאָרפישע פאָלק וואָס האָט תּמיד אַ גלוסט צו קויפן עפּעס גלאַנציקס, שימערירנדיקס ווי אַ שפּיגעלע, קאָלירקן פּאַדעם, אַ בריוול נאָדלען, אַ בייטשל קרעלן אָדער אַ קרוציפיקסל.

כיל האָט נישט דורכגעלאָזט קיין שום „אָטפּוסק” ווען סגאַיעס גייען חמרימוורייז אין טומאה אַריין און דערנאָך שטעלט זיך אַ געשמאַק לייזעכץ. דער טענדלער האָט סכּנות באַדאַרפט עמעצן וואָס זאָל אים צוהעלפן אין האַנדל, טאַקע אַ בליק טאָן מ׳זאָל אים נישט באַגנבענען. אין מיסחר האָט ער נישט געקענט זיך באַטוען איינער אַליין מיט די איינע פּאָר אויגן און די איינע פּאָר הענט. איין פּאָר אויגן — האָט ער זיך אויפגעגעסן לעבע־דיקערהייט — זענען ווינציק ווען זיין בויד ווערט באַלעגערט פון אַ המון פּויערטעס, יונגע שיקסלעך און עלטערע דזשאַדעס וואָס זוכן אין קראָם עפּעס איינצוהאַנדלען פאַר אַ טאַכטער, פאַר דער אייגענער „באַבע” אָדער פאַר אַן אייניקל וואָס האָט ליב דעם זיידן. ער האָט שוין גוט קענען גע־לערנט די דאָרפסלייט. ביי זיי איז שאַרף דער גיר צו אַלץ וואָס גיט אַ בלישטש ערשטמאָליק. אַלע מאָל האָט איטלעכער פון זיי אַ גלוסטונג צו קאָליריקע און גלאַנציקע זאַכענישן וואָס אַזאַ קופּיעץ ברענגט פון דער ווייטער שטאָט. באַדאַרף אָבער דער פּויער עפּענען „דאָס קניפּל” וואָס הענגט אים אויפן האַלדז אָדער איז פאַרשטעקט טיף אונטערן גראָבלייוונטענעם העמד, גיט ביי אים אַ ציטער אין האַרצגריבל. סע גלוסט זיך אים גאָר שטאַרק צום דערזעענעם, אָבער עס לאָזט זיך נישט אין ממשות אָנרירן דאָס וואָס איז פאַר אַזוינעם דער גרעסטער אוצר פון לעבן. טרעפט אָבער, אַז עפּעס לאָקנדיקס וואָס געכאַפּט מיטן אויג ביים פּאַרטועגעם קרעמער, גליטשט זיך אומבאַמערקט אַריין אין פּויערס האַנט און ס׳געראָט אים זיך אַוועקצו־שאַרן מיט דעם פון דער בויד. יאָ, כיל האָט שוין מערערע מאָל דערקנאַאַסט אַז מ׳באַגנבעט אים, אָלאָ ער׳ט מורא געהאַט אַז׳עלכן צו כאַפּן ביי דער האַנט, וואָרן ר׳האָט באַלד זיך באַרעכנט אַז דערפון קען אויסברעכן אַ מהומה. דאָר־פישע ערלים טאָר מע נישט רייצן. זיי זענען ביז גאָר שפּירעוודיק אויפן אייגענעם פּוילישן „האָנער”. מיט אַ מאָל קענען אַ סך פון זיי זיך שפּירן

באַליידיקט, אויב אַ זייעריקער זאָל פאַרשעמט ווערן, בפרט ווען דער וואָס כאַפּט דעם גנב אויף דער הייסער מינוט, איז אַ זשיד. באַלד קאָן אַפילו דער גלח זיך איינשטעלן פאַרן כבוד פון זיינעם אַ מיטגלייביקן. באַוּמרויִקט פון אַזאַ מעגלעכן טראַף, האָט קאַרמיאַל לאַנג געזוכט עמעצן וואָס זאָל מיט אים אַרומפאָרן איבער די יאַרידים און זיין מיט אים אין וועג אַ געטרייער העלפער. זיין אויג איז סוף־כל־סוף געפאַלן אויף מלכּה־ציִיטלס זינדל. אַ שפּאַר יינגל שוין אין דער אַרעמער שטוב וואָס איז אָנגעהאַרע פול מיט קליינע קינדער, וואָלט אַזוינער געווען פאַר אים ווי אָנגעמאָסטן...

קאַרמיאַל דער מאַרקפאָרער האָט טאַקע אַ שפּאַר שטיקל צייט געטראַכט ווי אַזוי צו מאַכן דעם דאָזיקן „מיסחר". ר'האָט עטלעכע טעג אויסגעקוקט אַ געלעגנהייט ביז ער וועט קענען האָבן „אַ שמועס" מיט דעם ווייבלס יינגל. דערזען אים אַ מאָל אין גאַס, אויפן ווונק אים פאַרלאָקט צו זיך אין שטיבל אַריין, ווו ער האָט אים איינגענומען מיט ווייכע, אויך לוס־טיקע רייד:

— כ'זע דאָך אַז דו ביסט אַ גיט יינגל; ווערסט זיך אומזיסט פאַר־שוואַרצט ביי די קבצנישע מלאכות, ביי וועלכע מ'פגרט דריי מאָל אין טאָג פאַר אַ לחמאַ; זימער, ווען די טעג זענען גרויסע, שטאַרבט מען ביי דעם נאָך מער, ווייל די אַרבעט ווערט דעמאָלט איינגעדאַרט. פאָלג מיִעך: לאָז שטינקען אַלע גליקן ביי די מאַנסטערס. גיב זיי אַ גלייִדיק שטיק אַאַזן אין האַנט אַראַן, זאָלן זיי זיך האַלטן דערמיט. וועסט פאָרן מיט קאַרמיאַלן, וועסטו קודם זעען אַ וועלט פאַר זיך און ס'עט דיר זאַן וווילֿ. וועסט אַרויס פון דאַאַן מאַמעס שטיבל און מער נישט מיזן איר קיקן אין די אויגן אַראַן זי זאָל זאַן גיט צו דיר מיטן ביסן און אָוועקראַסן ס'שטיקל ברויט פון די קלענערע קינדער. צו עסן וועסטו הובן באַ מיר אַזוי וואָאַט! — און ר'האָט ברייט אַ פיר געטאַן זיין האַנט איבערן אייגענעם האַלדז. — יינגל, הער: וועסט באַ מיר פרעסן מער ווי ס'קאָן אַראַנגיין אין דיר, אַזש וועסט נעמען שרייען: כ'קען שוין ניש...! קאַרמיאַל, ס'איז מיר שוין הייס, איך שוויץ פון אַזוי פיל אַכלען! פאַן קאַרמיאַל, לאָזט אָפּ. איך קען שוין ניש אָטעמען פון דער פרעס. צו פיל זיך אָגעשטאָפּט!

טומלדיק, הויך אויפן קול, האָט דער מענטש גערעדט, געאַרבעט מיט ביידע ידיים, געמאַכט העוויות און האַסטיק זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ:

— קאַרמיאַל טייערער, כ'וויל מער ניש. קאַרמיאַל לאָזט אָפּ! די שלייפן טוען מיר שוין ווי פון קייען. יאָ, אַזעלכער בין איך שוין. אויב עסן, זאָל זאַן געגעסן, אויפן גאַנצן באַראַבאַן. וועסט זען, יינגל!

אין שמייכל האָט כיל האַסטיק צעשפּרייט זיין גרויס מויל מיט די מאַכטיקע ציין און אויף קלמעלען אויסגעשטעלט זיינע פלינקע שוואַרצע אויגן. בעת־מעשה דעם יינגל אויך נאָך צוגעוואָרפן אַ האַפּערדיקן ווונק. דעם יינגלטשינע איז ער טיף אַריין אין די ביינער. אַחוץ דעם זעגען די רייד פון עסן, וואָס ער דערלאַנגט, דאָס פרעסן פון וואָס ר'האָט אַזוי געזונגען אויפן קול, געוואָרן די פּרוכפּערנדיקע זריעה פאַר קלמעלעס צעפלאָמטן אומרו.

צו מאָרגנס האָט קלמעלע שוין בשתיקה זיך צוגעכאַפּט צו כילן אין זיין גאָרנשטיבל — פריער זיך אַרומגעקוקט צי מ'באַמערקט נישט ווהין ער גייט — און אָפּגעשמועסט: ער איז גרייט צו פאָרן מיט אים. מסכים, הייסט עס, אויפן משא־ומתן, האָט ס'יינגל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט שעמעוודיק נאָך צוגעשטאַמלט אויף יאָ.

— ווויל, ווויל. ביסט אַ יאָט ווי ס'קער צו זאָן. וועסט באַ מיר וואַקסן אַ מענטש, נישט זאָן אַ צעיוירן יינגל וואָס לאָזט זיך פירן פון אַ שוסטערוק וואָס קייעט הילצערנע טשוועקלעך.

פאָרן אָוועקגיין האָט „דער יאָט" זיך נאָך געבעטן תחנונים:

— פאָניע קאַרמיאל, כ'בעט אָאַך, די מאַמע זאָל נאָר ניש געוואָר ווערן! חס וחלילה, האָט ער צוגעגעבן אין באַשיימפּערלעכער ציטערניש.

— אַפּילו אַ פּיפּס ניש. ביסט אַ היימיש יינגל, וועל איך דיך פאַר־שיטן? זאָל גאָט דעם איבערשטן אָפּהיטן! — האָט קאַרמיאל אַ דריי געטאָן מיט זיינע פלינקע קוקערס. — באַ מיר וועסטו נישט פאַרפאַלן ווערן. האָ' ניש קאָ' מורא!

אויף יענער זייט שוועל האָט ער קלמעלען נאָך אַ מאָל באַרויקט:

— הערסט, אַ האָן וועט ניש אַ קריי טאָן! צי זיך, יינגל, שטילערהייט איבער די שטיגן, מ'זאָל דיך דאָ נישט דערזען.

עס איז געשען. כאַטש ווייך, שריי — מלכה־צייטל ווייס נישט ווו דאָס יינגל איז אַהינגעקומען. זי האָט אַ סך ביטערע טרערן פאַרגאָסן אויף אים: „ווער ווייס ווו דאָס יינגלשע משוגעת האָט עים פאַרפירט. האָסטו ווייניק, נאַדיר נאָך. רבונו של עולם, ווי דו פּרוווסט די וויסטע מאַמע!" — האָט זי געאָכצט און געציטערט איבער די אַנדערע קינדער. זי'ט שוין גענומען קלערן אַז ציגיינערס האָבן דאָס יינגל פאַרכאַפּט מיט זיך. גראָד איז געווען אַזאַ אונטערגאַנג אין דער געגנט. ציגיינערס האָבן זיך אַרומגעשלעפּט אין גאַנצע קאַראַוואַנען מיט בוידן, אָפּגעשטעלט זיך הינטערן שטעטל, גע־שלייעט איבער אַלע קראָמען און געסלעך. קיין שום יידישע מאַמע איז

נישט געווען רויִק איבער אירע קינדער, וואָרן מ׳האָט זיך שוין אָנדערציילט פּלערליי מעשה־נוראָס פון זייערע גניבות, וועגן אַרויספירן פערד פון די שטאַלן אין מיטן נאַכט, אויך וועגן פאַרכאַפּן קינדער און זיי אַוועקפירן. די ציגײַנערס וואָגלען אַרום איבער שטעט און שטעטלעך, הויערן אין די אַרומיקע וועלדער, שלעפּן אַוועק יונגע קינדער, לערנען זיי אויס פּישוף־קונצן, בייגן זייערע ווייכע גלידער צו קענען אויף די יאַרמערק באַווייזן דאָס קליינוואַרג אין שטוינענדיקע קאָזשלקעס און שלאַנגגען־טענץ. זיי צע־ברעכן ממש די קינדערשע ביינדלעך, אַבי זיי צוגעוויינען צו קונצנמאַכעריי; אויך קנעלן זיי איין מיט די קינדער ווי אַזוי זיך צו שטעלן אויפן קאָפּ, גיין אויף די הענט, ציִען זיך אויף אַ שטריק הויך אין דער לופט און שאַרן זיך מיטן נאַקעטן רוקן איבער צעבראָזגעט גלאָז „אַז קיין בלוט זאָל נישט גיין״.

— מ׳זאָל נישט געפּרוווט ווערן מיט אַזאַ טעם — האָט דער שוסטער זבולון נודל אויך געמאַכט אַ קרומע מינע אויפן געשעען וואָס האָט געקענט טרעפן מיט זיין לערניונגל. ער האָט מיטגעפילט מיט דער מאַמען פון נעלם געוואָרענעם קלמעלע.

— ווי מיר. נאָך דאָס האָט מיר געפעלט, — האָט מלכּה־צײַטל שוין זיך באַוואָשן מיט טרערן.

— אַ וווילע יִנגל, דאָס קלמעלע. ער האָט גאָלדענע הענט, נאָר ער איז אַ שטאַרק אַמביטנער. אַז ר׳ווערט עפּעס ברוגז, שוואַגט ער האַרט, פאַרביסן. מסתּמא אין טאַטן געראָטן, — האָט ער צוגעוואָרפן נאָך אַ ווײַלע טראַכטן, אָבער דער יִידענע באַלד געטרייסט: — חלילה, ער וועט אין ערגעץ נישט פאַרלוירן גיין, וואַאַבל.

קלמן האָט דעמאָלט זיך שוין געוויגט אויף אַ פול אָנגעלאָדענער פור מיט קאַרמיאָלס וואַנדערנדיקער קראָם. זי איז ממש איבערגעגאַנגען מיט טשוויטשעדיקע סחורות פאַרן פויערנוואַרג פון די אַרומיקע פעלדישע קאַנטן. פאַרן יִינגלס בליק האָבן זיך געשפּרייט אָנסופיקע וועגן. דער בעל־הבית איז געזעסן פאָרנט ביי דער אָקס פון וואָגן און געפּאַכעט מיט דער בייטש איבערן פערדישן רוקן, אָן אויפהער זיך געוויגט איבערן גייעריקן פערד גלייך ער וואָלט דערפון אַראָפּגעטריבן זלידנע פליגן. ער׳ט כּסדר געגעקעט:

— אַ נע־עע, שקאַפּע! און ווידער אַ דריי געטאָן מיט דער בייטש איבער דער צעפּאַרעטער פעל. די קליאַטשע וואָס אין אַ ציימל אָן ברילן, האָט אויפגעכאַפּט יעדן באַוועג הינטער זיך, געציטערט מיט די דאַרע זשעברעס און אַלע מאָל, ווי אין פּלוצלינגער דערמאָנונג, גיך אויפגעהויבן

די שטאַרק באַוואַקסענע טלאָען, אײליקער אַ שלעפּ געטאָן די בויד אויף אירע צעוואַקלטע רעדער. אָבער נאָר אויף אַ מינוט־צוויי האָט עס זיך איבערגעוועקט, דאָס פערד, זיך אונטערגעאײלט אַ שטיקל וועגס, דאָס באַשײמפּערלעך פאַרעלטערטע באַשעפעניש. ס'איז באַלד מיד געוואָרן און ווידער קוים זיך געשלעפּט. ס'איז אויך געשווינד צוגעוווינט געוואָרן צו דעם „נע, שקאַפּע" ווי צום פאָכען מיט דער בײטש איבערן רוקן, פון וועלכן עס זענען נאָך אײנאַנדער אַרויף און אַראָפּ געשפּרונגען די אַרויסשטאַרצנדיקע ריפּן.

מתחילת איז קלמעלע געזעסן אָן אַ זייט פון וואָגן, אַקוראַט ער וואָלט געווען אַ ראָגאָזשע פון די פיל ראָגאָזשעס אין דער בויד. מיט הונגעריקע אויגן האָט ער בענקשאַפטלעך געקוקט אויף די פאַרשווינדנדיקע פּליינען און לאָנקעס. אַזוי אַ, שטילערהייט, האָט אין דעם ייִנגל געיורן די גאַרעניש נאָך אַ גיכער ענדערונג, ס'זאָל נעמען אַ סוף צום אומהיימלעכן סקריפּען און רעדלען זיך פון דעם אונטערשפּרינגענדיקן גרויסן קאַסטן, אין וועלכן ער האָט זיך געהאַט אײנגעמאַסטעט; אַ מידקייט האָט אַ רודער געטאָן אויף אין דעם ייִנגלס געהירן: „ווען וועט מע זיך שוין אָפּשטעלן? ווו 'עט זיך אָנהייבן דער יאַריד, ס'זאָל ווערן אַ ביסל לעבעדיקער?!" אים איז געוואָרן לאַנגווייליק פונעם אומבאַוועגלעכן זיצן אויף איין אָרט, פון קוקן מיט די שוין אָנגעמאָזאָליעטע אויגן און אײנהערן זיך אין דעם כאָרכלען, כריפּען פון די פויל־קריכנדיקע רעדער. נמאס איז אים אויך געווען פאַרן ווינט וואָס רײסט זיך אַרויס אַלע מאָל פון דעם ביימערשן געצווייג וואָס גייט אים נאָך פון ביידע זייטן טראַקט. פון צוגעזעסנקייט איז קלמנשי עפּטערס אַרײנגעפאַלן אין אַ דרימל און אין גאַנצן זיך פאַרגעסן ווו ער איז אין דער וועלט. אַ מאָל האָט אים אַפילו זיך אויסגעוויזן אַז דאָס טראָגט ער זיך צום פעטער שיִע קיין קעוויל זיך לערנען סטאָליעריי. דער פעטער שיִע איז אַ גוטער, אויך די מומע ברכה איז אַ באַהאַרצטע יידענע; זי האָט ליב זיך צו פאָרען ביי די זודיקע טעפּ און גרייטן געשמאַקע מאכלים פאַר די אייגענע ווי פאַר געסט, וואָס פאַלן אַריין צו איר. אַנומלט, ווען דער פעטער שיִע איז געווען ביי דער מאַמע, זיין שוועסטער, האָט ער איר צוגערעדט זי זאָל קלמעלען שיקן צו אים. אַ ווייל ייִנגל, דיין קלמעלע, מיך וועט ער מער האָרכן ווי די מאַמע, — האָט ער געטענהט און אין ווונק זי גוטינקערהייט געמוסרט אַלעמאַי זי ווייסט נישט ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט אַ ייִנגל וואָס איז שוין קינדוויז געבליבן אָן אַ טאַטן און נעבעך נאָך געמוזט אונטערהונגערן. דאָס באַנעמט ער ערשט אַצינד, קלמן,

אין זיין האַלבדרימל. ר׳הערט אַפּילו דייטלעך דאָס קול דעם פּעטער שיִעס ווי ער שטייט אַנטקעגן דער מאַמען; ער רעדט אין איר אַריין שטיל, מיט אַ ווייכקייט וואָס איז וואַרעם, ליבלעך:

„צייטעלע, איך זוג דיר צו — באַ מיר ע׳ט דאָס ייִנגל זאַן געהאָרכיק און ווערן אַ לאַאַט. ר׳עט זאַן צישן מאַנע קינדער און געיך זיך אָסלערנען די מלאכה. וועט ער קענען, ׳עט ער פאַרדינען געלט און דער מאַמען אַרויסהעלפן. ׳עסט הובן נחת פון עים!” אַוודאי וועט ער אַזוי טוען: ר׳עט אַהיימשיקן געלט און די מאַמע ׳עט זיך נייען אַ שיין קלייד, שבת ׳עט זי גייך אין שיל אַראַן צו גלייך מיט אַלע בעל־הביתטעס. אין שטיב וועלן אַלע זאַן צופרידן. און ער ׳עט זאַן אַן אמתער פּאַצעט. פרייטיק וועט ער זיך באָדן אין טייך. פּעטער שיִע איז אַ שווימער, וועט ער אים ווייזן ווי אַזוי צו מאַכן אַ נורעק. ר׳וועט זיך אַליין מאַכן אַ לאָדקע, אַריינזעצן זיך אין איר מיט הענעלען, דעם פּעטער שיִעס טעכטערל, און ביינאַנד וועלן זיי זיך טראָגן איבערן טייך. ס׳שיפל וועט פּאַמעלעך זיך גליטשן איבערן גרויסן וואַסער און ער וועט זינגען — — ער האָט ליב צו הערן ווי מ׳זינגט אויף אַ לאָדקע. זיס קלינגט ס׳קול איבער די כוואַליעס וואָס פּליעסקען אַרום שיפל און ביי די ברעגעס הייבן זיך פלאַטערנדיקע פייגל מיט אַ מונטערדיקן געטרעל. אַן אַנדערן קלמן האָט ער שוין געזען אין די דאָזיקע רגעס פון חלומען די ייִנגלשע חלומות. ווען דעם טענדלערס וואָגן האָט אויף זיינע אַקסן אים אַוועקגעפירט וויט, וויט פון דער היים.

ס׳איז געווען וואַרע וואָר: אין וועג האָט קלמעלע געקענט פאַרגעסן אַפילו אין כיל קאַרמיאַלן, דעם בעל־הבית פון דער וואַנדערנדיקער קראָם. מחמת ער איז אָפּט נישט געווען דער זעלביקער פריילעכער כיל וואָס אין דער היים. ער׳ט אונטערוועגס רק זיך געיאָגט נאָכן פערד וואָס האָט פאַר־עקשנט אים געוויזן דעם זאַד, צו מאָל אויף אַן אויגנבליק נישט אָפּגעקערט די מאָרדע אויף הינטערוויילעכטס, צו זען ווער עס טרייבט אים. כיל האָט פון דעסטוועגן נישט אויפגעהערט פויל צו טרייבן די בהמה און נודנע, אַפילו אַ האַלב פאַרדרימלטער, געגעקעט. דאָס ייִנגל האָט ער אַוודאי נישט געדענקט. קלמעלע פלעגט זיך צעגענעצן, זיינע אויגן האָבן זיך געקלעפּט אין אַ זיס אַנגערונענער וואַרעמקייט. אַ צונויפגעקנוילטער האָט ער זיך געטוליעט צו דעם אַנזינקנדיקן תענוג, אַזש ס׳האָט זיך געוואָלט שלאָפן, פּאָפן. אָלאָ דער וואָגן פלעגט איטלעך מאָל אומגעריכט אים אַ טרייסל טאָן, צעקלינגען זיינע אינגעווידן מיט אַ פייכטן כליושטש, גלייך אין אים וואָלט זיך עפּעס אַ פּלוצלינגן גאָס געגעבן. קלמנען האָט עס ראַפּטעם אַרויס־

גרעווארפן פונעם לאַשטשנדיקן דרימל און אויפגעריסן זיינע אויגן. גראָער טאָג האָט אים אַנטקעגן געבלאָזן און אַ ווייטלעכער רעדער־געכאָרכל האָט אים נאָכגעאיילט מיט אַ שטויבוואָלקן.

קאַפּיטל דריי

מיט אַ מאָל האָט אַ טראַסק פון די רעדער, וואָס זיך אָנגעטראָפן אויף שפּיציקע שטיינער, קלמנען אַרויסגעטרייסלט פון זיינע אָנגעפּלאָנטערטע דרימלענישן. איבערן קאָפּ — אַ ברייט פונאַנדערגעשפּרייטער גרינלעך־גראָער הימל און אין זיין וועלבונג איז געשטאַנען טעמפּ אַריינגעשטאָכן אַ טונקלעוואַטער הויכער קאַשטשיאָל־שפּיץ.

אין אַ טומאה־דאָרף האָט זיך געשטעלט אָן אָטפּוסק, אַ יום־טוב פון קריסטלעכן מתוודה־זיין זיך, צו וועלכן עס ציט דאָס פאָלק פון די ווייטסטע און נאָענטע דערפער; עס פאָרט און גייט צו פוס יונג און אַלט. גאַנצע עדהס פויערן און פויערטעס מיט זייער יונגוואַרג באַגערן אָפּדינגען ביים הייליקן גייסט פון דער דריי־איינִיקייט זייערע עבירות אָדער לכל הפחות אַ דערלייכטערונג פאַר די זינד וואָס דער פּראָבאָשטש*) באַוויליקט אין זיין גנאָד. און גייט מען אַרויס פון קאָשטשיאָל האָט מען גערן צו דערפרייען דאָס האַרץ מיט עפּעס שיינס וואָס עס ברענגט אין כאָטע אַריין אַ ממשות־דיקע טרייסט דער הימלישער טאָג פון פאַרגעבונג. ביים צוגעפּאָרענעם קופּ׳עץ אין דער בויד געפינט מען טאָקע באַלד ערדישע גליקזעליקייט פאַר דער פאַרגעבענער זינד, אויף וועלכער דער מענטש איז אויסגעשטעלט.

...אינעם צעפּאַטלטן דרויסן וואָס ווערט מיט אַ מאָל דערוועקט פונעם המון, וועלכער לאָזט זיך חמרימווייז אַרויס פון דער קירך, צעפּלאָשעט זיך דער קרעמער כיל. אין האַנדל ווערט ער גאָר אויפגעלעבט. ס׳וואַכן אויף אַלע זיינע חושים און די הענט און די אויגן באַגלייטן אים מיט אַ צאַפּל־דיקער שפּירעוודיקייט.

ס׳טרעפט אָבער אויך, ווען קאַרמיאַל איז אונטערוועגס, פאַרפאָרט דער קאָפּ זיינער ערגעץ אין אַ בלינד געסל נישט צו וויסן ווו ער געפינט זיך;

*) קאַטוילישער גייסטלעכער, לרוב פון דאָרפישע עדהס.

צו מאָל פלעגט ער נישט טראַכטן דערפון, סיידן די קליאַטשע גיט אים שטומערהייט אַ שלעפּ אַרויס צו דער וואָר. זי האָט שוין „געוווּסט" וואָהין זי באַדאַרף ציִען. אין זיין גאַנצן געביין האָט כּיל קאַרמיאַל דעמאָלט זיך צעפּלאָקערט, ווייל זיך נאָך דערשפּירט כּאילו ער געפינט זיך אויף דער הוידנדיקער פור. פון אים האָט אָפּט אַזוי אַרויסגערעוועט זיין אומגעדול־דיקייט: עך, ווי פון פּעך שלעפּט עס זיך! ר'האָט, אמת, קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט. פון אים האָט עס נאָר שטום געבורטשעט און זיינע אויגנ־ווינקלען האָבן געברענט. ער'ט אַפילו פאַרגעסן אַז די לייצעס דריקן זיינע האַנטפלאַכן. מיט אַ מאָל האָט ער די לייצעס אַ שטאַרקן צי געטאָן צו זיך, אויסגעשטייפּט זיך אויף הינטערוויילעכטס אַזש ר'איז מיט דער פּלייצע אַרונטערגעפאַלן הינטער זיך. אַ מערכה, וואָס די איינגעקרעמפּעוועטע לייצעס אין זיינע דלאָניעס, האָבן אים געהאַלטן אויף דער פאַרנטיקער זיץ, אָבער אָט האָט ער זיי שלאַבעריק נאָכגעלאָזן און זיין גוף האָט זיך אַ שאַרפן וואַקל געטאָן. באותו הרגע האָבן די לייצעס ווידער קאַנוווּלסיוו זיך צע־פּיבערט צווישן זיינע פינגער, זיך געריסן פון אים, שיִער נישט אים אַרויס־געוואָרפן צופוסנס פון דער פור, וואָס האָט זיך גראָד ראַפּטעם אַראָפּגע־קייקלט צו אַ טאָל. כּילס עלנבויגנס האָבן זיך דעמאָלט שטעכיק צעציטערט און די דלאָניעס זענען טונקל אָנגעשוואָלן געוואָרן. אין דעם אויגנבליק האָט ער נישט באַנומען אַז ער בייטשט דאָס פערד און מיט אָנשטרענג שלעפּט ער צו זיך דעם אייזערנעם געביס פון דעם חיהשן פּיסק. קאַרמיאַלן האָט עס אין יענע מינוטן געשלעפּט פון זיינע אייגענע פאַרהוילענע צוימען אַרויס. ער האָט אַלץ אָפּגעטאָן מיט בלינדן אימפּעט. באַדאַרפט דאָס צי נישט — פון דער קליאַטשע האָט ער אַרויסגעיאָגט דעם דעך, אָבער דאָס פערד האָט שוין שוואַך געהויבן די אויסגעדייווערטע זייטן און די צעפּאַרעטע מאָרדע איז געווען באַלייגט מיט אַ ווייסן שוים.

מוז זיין, דער מענטש כּיל קאַרמיאַל האָט אין יענע מינוטן זיך אַליין נישט געפונען. פאַרן גאַנצן טאָג האָט ער נישט געהאַט גענומען אַ ביסן אין מויל אַריין, רק מיטן אַרבל געווישט דעם שטערן און נערוועז גע־האָרעוועט מיטביידע הענט, געצויגן די לייצעס, אָן אויפהער געגעקעט און ממילא פאַרגעסן אָנעם יִנגל וואָס האָט, אַ פאַרלוירנס, זיך מיטגעשלעפּט אַזאַ אומבאַוווּסטן, סומנעם וועג.

דערשפּירט דעם קאָפּ אַן אָנגעדראָלענעם ווי ר'וואָלט געקראָגן אַ פּלוצ־לינגן קלאַפּ וואָס האָט'ך פאַרטייבט, האָט קלמנקע מאָדנע גענומען אָנען פון דער מאַמען. אָבער איינצייטיק האָט ער זיך געשראָקן פאַר אַן אומגעריכטן

אומגליק וואָס קומט אָט אָ אויפן היימישן שטיבל: ווי אַ בליץ האָט ער מיט אַ מאָל שאַרף דערזען ווי די כאַלופּע זינקט אין ראַפּטעם, די בעלקעס מיט פּאַצענעם אַלטן קאַלעך נעמען זיך שיטן, פאַלן מיט האַרטע קלעפּ אָן דער ערד. פאַרן בליק האָט אים זיך געמישט דאָ גלעס, טריבס ווי אָסיענדיקער לבנה־שיין וואָס קומט פון אַ גליווערנדיקן הימל, דאָ רויכיקס וואָס הייבט זיך אַרויס פון אַ העכערן דאַך און אָט פייערדיקס מיט פלאַמען וואָס שפּריצן פונאַנדער ברייט צעפלאַסענע בעזעמס פונקען; זיי בוכען שוין אַרויס מיט רויך פונעם היימישן פענצטער און לעשן זיך לסוף אין אַ תהומיק נאַכטישן שוואַרץ. אָן אַנגסטלעכקייט וואָס איז שווער אָנגעגאָסן מיט טשאַד, האָט געפּויקט אין קלמעלעס שלייפן. אויפגעריסן זיינע ווִיעס, האָט ער ווייטלעך, אַראָפּצוצו פון איינגעפאַלענעם דאַך דערזען ווי פון צעחורבנטן שטיבל כאַפּט זיך אויף אַ ריז, אַ מגושמדיקער גולם אין מענטשנגעשטאַלט, וואָס בייגט זיך אַראָפּ טיף איבער אַ ברונעם, סאָפּעט איבערן טונקעלן וואַסערשפּיגל און צעברומט זיך ווילד אַזש אַ טרייסלענדיקער עכאָ צעטראָגט זיך אַהער צו:

„אַ נכפּה אויף דיר, נע־עעע!"

ער האָט דומפּ געפּרייכט, דער מגושם, און הינטער דעם קול האָט קלמן געשפּירט דעם ריח פון אַ קאַלטענעוואַטער גריווע; אַ קלעפּיקע האָט די גריווע משונה זיך באַוועגט אונטער דעם געשריי, אַזש עס האָט געביסן זיין הויט. קלמנען האָט עס אַריינגעוואָרפן אין אָן אָטעם פאַרשפּאַרנדיקן נעפּל וואָס קנוילט זיך, הייבט זיך איבער אים ווי אַ באַרג, אָן אָנגעהויכטער מיט וואָרהאַפּטיקן לעבן וואָס שפּירט ווייטיקן, עטעמט מיט אַ באַגער זיך צו באַוועגן צו אַ ווייטערן ערגעץ־ווו, ווייטער, ווייטער — —

✶

זיך דערזען אויף אָן אומהיימלעכן מאַרק מיט אויסגעבליאַקעוועטע, הילצערנע בוידן און ליידיקע טישלעך אויף ראַכיטיש אויסגעדאַרטע דרענגלעך־פיסלעך, האָט פון קלמנען מיט אַ מאָל זיך אָפּגעטאָן דער איינ־געגעסענער אומעט. דאָס האָט קאַרמיאָלס פור, אַ געדעקטע מיט אַ פלאַנדעקע שוין זיך צעעפנט. געבליבן שטיין אין אַ טומאַנעם בלענד, האָט די פור לכתחילה געקוקט אין שטוינונג מיט קוים־קוימיקן לעבן. בלעכענער גלאַנץ, געבלאָזענע בלענדיקייט פון קאַליריקן דינעם גלאָז איז געווען דער אוצר פון שטומע האָפענונגען וואָס האָבן אַנומלט אויפגעלויכטן אין זיין יִינגלשן געהירן, אָבער ר׳ווערט מיד פאַרפאַלן אין זיין בידנעם חלום וואָס געחלומט

בעתן קאַלעמוטנעם לאַנגן פאָרן. אויך איז געשען פאַר אים אומגעריכט, ווען אַרום דער פונאַנדערגעעפנטער קראָם אויף קאַרמיאַלס בויד איז אויס־געוואָקסן אַ המון פון פויערנפאָלק. ווי פליגן וואָס קלעפּן זיך האַרבסטצייט צו דער לייכטנדיקער שטוביקער שויב, האָבן דאָרספּלייט מיט נידעריק געקאָסיעטע בערד, אין ברייטע שוואַרצע פילצענע קאַפּעליושן איבער די טליִענדיקע אויגן, פויערטעס ביי דער זייט פון יונגע שיקסלעך אין לאַנגע וואָלענע גרעל־פאַרביקע ספּאָדניצעס, אַרומגעלעגערט דעם וואָגן פון שטאָ־טישן הענדלער. מיט גראָבלעכע פינגער האָט יעדער געגענט צו דער קראָם וואָס אויף פאַרטריקנט־בלאָטיקע רעדער אַלע זענען זיי געוואָרן פאַרלאָקט פון די מיניִענדיקע קאָלירן, גיכער געוואָלט דערגיין צי ס׳איז וואָרהאַפטיק אָט אַ דאָס וואָס האָט פלוצלינג זיך דאָ באַוויזן. ס׳האָט פאַרכאַפּט זייער בליק און צעטומלט דעם געדאַנק וואָס פויזעט ערשט אומזיכער אונטערן מוח־שיידל. ווי שטומע בעלי־חיים האָבן די לייט צו דעם געדאַרשט מיט די אויגן, מיט די שוואַך באַוועגטע ליפּן. ס׳האָט געגומען אַ היפּשע ווײַלע ביז די פאַרתמטקייט איז אָפּגערונען ביי ווּעמען טעמפּ, ביי אַנדערע קינ־דעריש־מילד. ביסלעכווייז האָבן די מענטשן זיך אַריבערגעבויגן איבער די וווּנדערזאַכן, גענישטערט אינעם צעפּלאָטערטן בליאַסק וואָס צווישן די ראַגאָזשעס און וויינטעכער; מיט צעציטערטע שפּיצפינגער באַרירט דאָס, יענצס, אויסגעשפּירט דאָס ווילגעפּעלנסטע און דאָס גענומען זיך אויס־דינגען. מיט קלוגן אויג האָט דער הענדלער דערכאַפּט ווען די לייט האָבן ווי הונגעריקע פיש שוין געהאַט זיך פאַרפּלאָנטערט ביי אים אויף דער ווענטקע. דעמאָלט האָט ער אומישנע נישט באַלד געענטפערט אויפן פרעג וואָס האָט פון דעם און יענעם אַרויסגעפּיבערט אין דער קילכלעכער לופט:

— אילע קומיע זאַ טאַ (וויפל, פריינדל, פאַר דעם אַ)?

דער קרעמער האָט ווידער געמאַכט זיך נישט הערנדיק. קענטיק, ער האָט ליב מ׳זאָל אים מערערע מאָל איבערפרעגן, מחמת ס׳איז אַ סגולה צום פדיון און אויך צום מקח. מעשה צעחושטער פון די מערערע פרעגערס, גיריקע צו הערן דעם קופּיעץ, האָט קאַרמיאַל אומגעריכט איינגעקלעמט צווישן צוויי פינגער די קורצע קאַרטאָפלנאָז וואָס האָט באַקריינט זיין פליישיקע צורה און לאַנג מיט איר געטרומייטערט. אויסגעשנייצט זיך, האָט ער מיקלאָמפּערשט זיך פאַרקוקט אויף דעם צוגעזאָטענעם לעבעדיקן אַרום, לסוף זיך אויסגעגלייכט אויפן וואָגן און פון דער הייך גענומען אַראָפּ־שרייען אויפן פולן גאָרגל אַקוראַט ער וואָלט אין דער נאָענט קיינעמען נישט געזען:

— קומט אַהער, ליבינקע, קומט געשווינדער! זעט און כאַפּט גאַלע גוטס! לייבוש פאַרוואַרפט זיין טייערע סחורה פאַר שפּאַט וואָלוול. כאַפּטס, ס׳אַ ליציטאַציע ביי לייבושן. כאַפּטס, כמעט בחינם — הערט ער נישט אויף צו רופן: — ביי לייבושן ברענט. ער באַדאַרף שוין צאָלן אַ חוב. ער פאַר־קויפט גוטס און שיינס פאַר שפּאַט ביליק.

אַרום דער קראַם נעמען זיך ענגער קלעפּן די לייט, פאַרבליפטע פון דעם הענדלערס דעריאַכמערטן ליאַרעמען. פאַרגאַפטע קוקן זיי דאָ אויף אים, דאָ אויף זיין סחורה וואָס בלישטשעט אַראָפּ פון די הויך־אויסגעשטעלטע קעסטלעך אַז קיין סך הענט זאָלן צו זיי נישט קענען גרייכן. טייל אַרומ־שטייערס חידושן זיך אַפילו אויפן אויסטערלישן שרייער: „וואָסי, ער האָט די זאַכן צו פאַרקויפן אָדער בלויז אָנצוקוקן פון וויטנס?״ איינער קוקט אָן דעם אַנדערן, שמייכלען פאַרלוירן, צוקן מיט די אַקסלען, אָבער ער, דער טענדלער, הערט נישט קיינעם, ער טומלט אָן אויפהער:

— נעמט, קומעס און קומאַשקעס, די וווּנדערלעכע מתּנות וואָס לייבוש האָט געבערענגט. ס׳אַן אויספאַרקויף. אמתע מציאות. כאַפּטס, איילט זיך ווי לאַנג ס׳איז נאָך דאָ!

דערווייל דערלאַנגט ער עמעצן אַ בלישטשנדיק קרוציפיקסל מיט אַ לעמפּעלע אויף אַ שיין געקריצטן טעצל, גיט אַ זאָג „בוג זאַפּלאַטש״ (אַ יישר כּוח פון גאָטס וועגן) און הויכט אַריין אין דער זשמעניע אויפן געלט וואָס דער פויער האָט אים געגעבן. מאַכט איינער „אַ פּאַטשאַנטעק״, בעט אויך אַ צווייטער אַקוראַט אַזוינס. ווייבער קויפן קאָלירטן פאַדעם אויסצוהעפטן קווייטלעך־צווייגלעך אויף בלוזעס און מאַנצבילשע יום־טובדיקע העמדער. אַנדערע זוכן אויס ביים קופיעץ אַ קיילעכיק שפּיגעלע אויף אַ פּיסל און אַ בליאַסקענדיקן רעמל. אַן אַלטיטשקער „גאַספּאַדאַזש״ מיט אַ הויכן שלאַ־בעריקן גאַרגל גלוסט מיט זיינע וואַסערדיק־בלאָע אויגן צו אַ זאַכעלע אַ שיינס פאַר אַן אייניקל. נעמען לייט קויפן מיט חשקות ביים שטאַטישן קרעמער, דעמפט זיך באַלד איין די ענערגיע זיינע. כיל הערט שוין אויף אויפן הויכן קול רופן קונים. ערשט דרייט ער זיך אויפן וואָגן ווי אַ לעבעדיקער צאַפּלמענטש מיט גלאַנציקע אויגן און זיינע הענט טוען גאַר־נישט אַזוי ווי עס באַוועגט זיך דער צאַפּלמענטש, וועלכן קאַרמיאַל באַווייזט אויף טשיקאַוועס די אַרומשטייענדיקע קינדער. ס׳אַ טאָוולנער פלאַטשיקער מענטש, אַ קאָליריקער מיט אַ פּאַיאַצישן פּרצוף וואָס מ׳גיט אים אַ צי ביי אַן אַראָפּהענגענדיקן בענדל, באַוועגט ער מיט זיינע טאָוולנע הענט און דער קאָפּ וואַרפט זיך אַהין־אַהער. קאַרמיאַל, דער טומלער, וואָס האָט

ערשט געהאַט געצאַפּלט, געשריגן, ענטפערט אָקערשט אויפן פרעגן וואָס מ׳פרעגט, דערלאַנגט אַלץ וואָס מ׳בעט ביי אים. צו מאָל שמייכלט ער צו אַ קויפערקע. ער מאַכט אויך אַ הלצהלע מיט אַ יונגינקער, ר׳מעסט איר צו צום בוזעם אַ בייטשל קרעלן:

— אַך, ווי סע פּאַסט! — גיט ער אַ קנאַק מיט דער צונג און פרעגט בינו־לבינה ווען זי גייט צום „שלוב״ מיט איר מלאַדי פּאַניטש*). ביי אַזעלכער פאַרגיסט זיך באַלד ס׳פּנים מיט אַ רויטקייט און ס׳גאַנצע לייב נעמט איר גליַען. פאַר אַן אַנדערער פּאַננאַ מלאַדאַ**), וועלכער ער פרעגט ווען מ׳וועט אויפזינגען די כּלהשע קאָלענדעס***), אָבער פאַר איר ענטפערט שוין די מוטער בכן דאָס טעכטערל איז נאָך צו יונג. זי באַדאַרף נאָך גע־פינען איר באַשערטן. נאָר נישקשה, זיי וואַקסן ביי אונדז — זאָגט זי — אויף די פעלדער און אין די כאַטעס, די גוטע יינגלעך. איר מאַרילאַ וועט גיך קריגן אַ קאַוואַליר, ווייל זי איז גאָר אַ גערעטענע. די שכנים פונעם אַרום ווייסן עס. „פּראַוודאַ״, פּאַטאַקעוועט באַלד אַ שכן וואָס שטייט דערביי און ר׳איז צופרידן צו קענען שמועסן מיטן שטאָטישן קופיעץ. ער רעדט, דער גאַספּאַדאַזש, דער הענדלער ענטפערט אים גערן און תּוך כדי דיבור פאַרגעסט נישט קאַרמיאַל אונטערצומינטערן זיין געזעלן, קלמנען, ער זאָל רואָהן אויף די שלוון ****), ס׳זאָל צו זיי זיך נישט עפּעס צוקלעפּן. — ראַאָס אָף די גלאַצערס, רבונו ד׳יונה, מע קאָן דאָך מ׳עד אין גאַנצן אַוועקטרוגן! געענדיקט אין געמורמל צו וועקן דאָס יינגל, כאַפּט ער זיך באַלד ווידער אַרויס מיט אַ ביסל געענדערטן קול וואָס איז סיי שפּיציק סיי אָנגעפּייכט:

— זעט, טייערע קומעס, וואָס לייבוש האָט! קומט, קומט, — ווערט שטאַרקער זיין שטים — אַ שאָד אַ מינוט צו פאַרלירן! — — כיל האָט ביי נייס געמאַכט אַ גראַטשקע אַרום זיין קראָם מיט די דין בלעכענע און גלעזערנע צאַצקעס וואָס פאַרכאַפּן ס׳אויג. פון די וויטסטע כאַטעס האָט מע זיך טאַקע שוין געוועקט אַ בליק צו טאָן וואָס אַזוינס באַרטאָש סאָכאַצקי האָט געקויפט מיט וואָס לייט זענען אים מקנא. ס׳איז כּדאַי אויך עפּעס אַזעלכעס איינצוהאַנדלען ביים קופיעץ. אַנדערע האָבן ביים שטאָטישן הענדלער באמת אָפּגעקליבן גאָר געהויבענע מציאות וואָס אַזוינס זעט מע נישט אין זייערע קאַנטן.

*) יונגן פריצל. **) די יונגע פריילין. ***) דאָרפישע גראַמענלידער. ****) שאַלעוו־שלוון (שקצים, פאַרדעכטיקע ערלים, אין בלאַט־לשון).

ס'איז שוין לאַנג נאָכן שניט אויף די קאָרנפעלדער און דעם האָבער־פּאַרגרייט; אויך די קרויטבײַיטן און די לעצטע עפּל פון די גערטענער שוין אַריינגעראַמט אונטער די סטריכעס און זיי פּאַרדעקט אין אַ געדיכטן שטרוי־געלעגער. פון האַרעוואַניע, פון קאָסיען און דרעשן איז איבערזאַט דאָס פּויערישע געניק. אָקערשט לאַשטשעט די היימישע רו און די טליִען־דיקע וואַרעמקייט פון געהייצטן אויוון. אין לאַנגוויל רייבט מען זיך די אויגן ווען מ'דערהערט פון דרויסן דעם לאַקנדיקן רוף פון אַ צוגעפּאַרענעם טענדלער. דער פּויער ווערט אויך האַפּערדיק אויפגערודערט ווען ס'יאַוועט זיך אַ קאַטעריניאַזש מיט אַ זינגער פון מאַראַלישע לידער. אָבער פריילעכער ווערט אין דאַרפישן יישוב, ווען עס באַווייזט זיך אַ וואַנדערנדיקע קאַפּעליע פון קונצנמאַכערס, קאַטערינשטשיקעס און טענצערס מיט יונגוואַרג צווישן זיי. אַ גרעסער דאָרף וואָס האָט אַן אייגענעם קאַשטשיאַל מיט אַ גלח איז אַן אָרט וווּהין ס'פּאַרפעלן נישט אויך אום ווינטער צו באַווייזן זיך קאַפּעליעס פריילעך־מאַכערס. טייל פון זיי נעמען אויס גאָר שטאַרק ביי די אַלטע לייט ווי ביים יונגוואַרג אַז מ'פּאַרהאַלט זיי אין די אומעטיקע, קאַלטע וואָכנעס אויף אַ צוויי־דריי טעג, מ'קאַרמעט זיי צו גלייך מיט די היימישע משפּחה־מענטשן, מ'בעט אויס פּאַר זיי וואַרעמע געלעגערס. צו לעצט לייגט מען זיך צונויף צו גילדנס אַז די בידנע שפּילערס זאָלן האָבן עפּעס אַהיימצוברענגען פאַר ווייב און קינדער. מער באַרעמהאַרציקע וואַרפן־צו דעם עלטסטן פון דער קאַפּעליע אויך אַ קעזל; זעלטן דערלאַנגט נאָך עמעצער במתּנה אַ האָן אָדער אַ מאַנדל אייער צו דערכאַפּן זיך ס'האַרץ אויפן ווייטן וועג אַהיים צו.

— טשיקאַווע, זייער טשיקאַווע, גאַספּאַדאַזשו. אַז אַזוינע פאַרבלאָנדזשען צו אונדז פון אַזוי ווייט, זענען זיי ווערט אַלצדינג. אויב נישט אַזעלכע, וואָלטן דאָך מיר, דאָרפישע, אַנטשלאָפן געוואָרן ווי שטיינער בעתן לאַנגן ווינטער, ווען מ'קען די נאָז נישט אַרויסשטעקן. אַזוי פּאַסמאַקעווען זיך מיט די שפּילערס און קונצנמאַכערס די פּויערן וווּהין ס'קומט זעלטן אַ פרעמדער. נאָר אין גרויסע דערפער ווייזן זיך אַזעלכע, אַפילו אין די פּראַסטיקע חדשים; דער עיקר ווייזן זיך טאַנדייטערס וואָס האָבן גרויסע וואַרשטאַטן, אויך קרעמערס וואָס פירן סחורות אויף אייגענע בוידן. דער טענדלער קאַרמיאַל רייסט זיך אַרויס פון ווינטערדיקן דרימל אין זיין תּמידיקער וועלט אַריין, אין די טומאה־דערפער ווו ס'פּויערנוואַרג באַגעגנט אים ווי אַ היימישן.

— דאָבושע ראַבי, פאַן קופיעץ *), טענהן צו אים שוין באַקאַנטע גאָס־פּאַדאַזשעס מיט די נידעריק־געשוירענע בערד, וועלכע זיי גאָלן נאָר לכבוד די וויכטיקסטע חגאות. טאָקע זיי טרייבן די אייגענע צו געבן צו לייזן דעם קרעמער: אַנדערע פאַרבעטן אים אַפילו צו אַ הייסן מאַלצייט, פון וואָס דער יאַרידניק זאָגט זיך אויך נישט אָפּ.

געהילט אין שווערע סערמענגעס און שאָפענע פעלצן איילן זיך דעמאָלט די פויערן צום מאַרק וואָס אַנטקעגן דעם קאָשטשיאָל, ווו דעם טענדלערס בויד האָט זיך אָפּגעשטעלט. איינער טוט אָן חשק דעם אַנדערן מ׳זאָל מהנה־זיין דעם שטאָטישן קרעמער:

— בראַן באָזשע **), מ׳טאָר אַזוינעם נישט אַוועקלאָזן מיט ליידיקע הענט. מ׳באַדאַרף קויפן וואָס ס׳איז נייטיק אין כאַלופּע. אויב נישט היינט נייטיק, וועט מען עס מוזן האָבן שפּעטער. אויב ער וועט אַוועק מיט דער גאַנצער סחורה, וועט ער שוין קיין מאָל נישט קומען צו אונדז. ער׳ט אויך אַנדערע פאַרזאָגן נישט אַהער צו שמעקן קיין וויטאַניע. שטענדיק קויפט מען דאָך נייפאָדעם, קעמלעך, לעמפּלעך און קאָלירטע צאַצקעס; ליכטלעך און פּאַפּירענע פאַרביקע בענדער צו פאַרפּוצן די קריסטאָס־ביימלעך קען מען שוין היינט קויפן.

— האָ, האָ, גערעכט, וולאָדעק! מירן אַזוי ווייט פון שטאָט. אָן דער שטאָט קען מען אַלץ פאַרלירן. כ׳לעבן, ס׳אַ נס וואָס די שטאָטישע וויזן זיך אַהער איצטער. נאָר אַזעלכע זענען די קויפערס פון אונדזערע קאַרטאָפל, קאַטשקעס, גענדז און פּוטער, אויך אַ קעלבל, אַ האָז, און שוואָמען און יאַגדעס. וואָס, מירן אַליין אַלץ אויפעסן? ס׳קאָרן קויפן אויך קופּצעס פון שטאָט. איין האַנט וואַשט די אַנדערע, אַנישט וואָלט מען געפּגרט, קומיע.

געשמועסט צווישן זיך די אויפגעקלערטע און ס׳האָבן זיך גענומען אויפקלייבן כאָפּטעס ווייבער אין לאַנגע וואָלענע קליידער, געהילט אין גראָבע פאַטשוילן מיט פראַנדזן; אַנדערע האָבן געהאַט פאַרוואָרפן זאָפּעסקעס איבער די קעפּ אַזוי אַז מ׳האָט ביי זיי אַרויסגעזען נאָר די געפרוירענע רויטע נעזער און די שפּיצן פון די באַקן. דאָס ווייבערפאָלק איז אַנגעשוואָמען ווי אַ לעבעדיקער וואָלקן און געשטוינט אַנטקעגן דעם טענדלערס צעהילכטן רופן אין דער סווישטשענדיקער שטילקייט אַריין:

— קויפט, קויפט, קומעס און קומאָשקעס, שפּאָט ביליק ביי לייבוש שמאַנדאַק. ר׳האָט אַ חולהוואַט ווייב צו ראַטעווען, פאַרוואָרפט ער די

---

*) גוט טוט דער פאַן סוחר. **) באַהיט גאָט.

בעסטע־שענסטע סחורה פאַר האַלב בחינם. לייבוש איז אַן אָרנטלעכער, ר׳וויל אויך בלייבן אַ מענטש וואָס פאַרדינט צוטרוי. אַ מיאוסער פאַרשוין איז דער סוחר וואָס געווינט נישט צוטרוי ביי די קונים. לייבוש וויל איבערקומען די בייזע קעלטן און ווידער קענען זיך ווייזן אַהער מיט אַ פריילעך פנים. קויפט, אײלט זיך צו, פאַנעלעך. ס׳איז שפּאָט ביליק!

שטייט קאַרמיאַל אין זיין גאַרער גדלותדיקער גרייס אַריבערן פעלד פון די זיך וויגנדיקע שוואַרצע מאַנצבילשע קאַפּעליושן, און די בונטע ווייבערישע קאַפּטיכלעך וואָס טיילן זיך אויס מיט זייער געדיכטער קאַלי־ריקייט אונטערן גראָען הימלקופּאַל ווי פון דעם בראַנדרויטן טומאה־טורעם. ר׳שטייט אַ ווילע שטום, דער טענדלער, אויפן וואָגן, ר׳קוקט אויף די שפּיציקע דאַכלקע־היטלען פון די ווייס־געקאַלעכטע הייזקעס און ער פאַר־נעמט רק אַן איינגעהאַלטן מורמלען צווישן געדיכטן המון. ר׳האָט זיך אָבער גיך אָפּגעניכטערט און ממזריש אַ קוקעלע געטאָן צום פויערנוואָרג, דאָ און דאָרט עמעצן געשאָנקען אַ שמייכל און צעטומלטע, גיריקע הענט האָבן גענומען אייליק זיך באַוועגן איבער די גלאַנצלעך פון די פונאַנדערגע־שפּרייטע שמינגע־דעגינגעס. מיט אַ הונגער צום געזעענעם האָבן די לייט זיך אָנגענומען ביי די אַלע צעפּאַכלטע קאַלירן.

— נעמט, ליבינקע! ס׳שוין איין מאָל פיינע סחורה, פאַנעלעך און פאַניס פון וויטאַניע און דער גאַנצער אָקאַליצע! ס׳איז גאָלד און בריליאַנטן, טיפּ־טאָפּ, אַ נחת דאָס צו האָבן אין שטוב!

ער האָט נאָך אַ דייטלעכן קנאַק געטאָן מיט דער צונג, צוגעטשמאָקעט מיט די ליפּן און בשעת־מעשה אַ קוש געטאָן אַ בלאַנקנדיק חפץ וואָס הויך אויפגעהויבן צו אַלעמענס אויגן. דערנאָך האָט ער זיך נאָך ברייט באַלעקט אַזוי ווי אַ בהמה לעקט זאַלץ און ווי פאַרענדיקט זיין טראַכטן: „איי, סאַראַ טייער חפץ פאַר אַ גאָספּאָדאַרסקע שטוב. ממש גינגאָלד!"

צו דעם קול וואָס זיך געטראָגן פון דער בויד, האָבן מאַנסלייט ביי נייס אויפגעהויבן זייערע שטעכלקע־באַוואַקסענע גאָמבעס, קנאָהדיק געגאַפּט אויפן קרעמער, גענומען זיך דינגען פאַר אַלערהאַנט זאַכענישן און סוף־כל־סוף זיך באַגנוגנט מיט ווינציקער ווי לכתחילה באַגערט צו קויפן. אַנדערע האָבן זיך געקרימט אויפן מקח: „אָך, יאַק דראָגי טען קופּיעץ!" *). טייל האָבן אָפּהענטיק געשאָקלט מיט די קעפּ צו די אַרומשטייענדיקע און זענען אַוועק פון דער בויד מיט ליידיקע הענט:

*) אָך, ווי טייער ס׳איז ביים סוחר.

— ווער האָט אַזאַ קעשענע פאַר דעם קופּיעץ?! — האָבן זיי זיך געקלאָגט אויפן טענדלער. אָבער די וואָס האָבן נישט געקענט זיך אָפּרייסן פון די שמאַכטעס, האָבן עפּעס נישט־דאָיִק נאָך געהויבן די פאַרשטאַרטע פּיס אַרום דעם כּישופדיקן וואָגן. אַז אַ פויער האָט דאָך מיט קענטיקן פּאַראיבל זיך דערוויטערט פונעם מיניענדיקן חלום־באַרג, האָט קאַרמיאַל אים נאָך געהאַלטן אין דער נעץ פון זיינע בליצנדיקע אויגן און אויך אויפן רייצנדיקן געשפּין פון זיין מויל, וואָס איז געגאַנגען אויף שרויפן. כּאָטש שוין אָפּהענטיק אַראָפּגעשפּרונגען פונעם ראָד, אויף וועלכן ער האָט זיך לענגער געהאַלטן און דעם בליק אָנגעהאַנגען אויף די גלוסטיקע זאַ־כענישן, האָט דער מאַנצביל אַלץ נאָך נישט אויפגעהערט אַרויפקוקן צום שטאָטישן; ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט אַז אָט, אָט, וועט אינעם הענדלער זיך צעטייען זיין האַרטקייט, ר׳וועט אַראָפּלאָזן פונעם מקח. די אַ זיכערקייט האָט אין אַזוינעם זיך געשטאַרקט פון מינוט צו מינוט, וואָרן באַלד וועט דער טאָג נעמען טונקלען און די גראָמאַדע וועט זיך צעקריכן אין די כאָטעס אַריין. אַרום וועט ווערן שיטער. איין מאַנצביל איז טאַקע געבליבן ממש צוגעשמידט צו דער וואָגנקראָם; ער האָט געטאָמלט פאַרן שטיישפּיגעלע מיטן זייגער וואָס האָלט זיך ווי אַ קרוין אויפן שפּיץ פון דער באַגילדטער רעם; ווידער זיין ציפערבלאַט איז אַ געמעל פון אַ קאַרליק, אַ שמייכלענ־דיקער לונג־און־לעבער; אַ פאַרשוינדל מיט פעטע באַקן און זיינע וואָנצעס האָבן אַן אָנבליק פון מויזישע עקן וואָס קוקן אויך יאַקאָש, כאָטש אויף מייז איז דאָ גאָר אַ ווייטע אָנצוהערעניש אין דעם קונציקן געמעל פון פּנים ביים שפּיגלזייגער.

קאַרמיאַל האָט דאָס פויערל געהאַלטן אויף דער ווענטקע:

— האָ, האָאָאָ, קומיע, — האָט דער קרעמער זיך שוין אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, דעם בליק אָנגעשטעלט אויפן געפּלעפּטן קונה און צו אים גערעדט אַזוי: — ס׳איז כּדאַי, פריינדל, גוט זיך איינצוקוקן אין דעם אַ קלוגענטשקן פּיטשעמאַנטשיקן מיט די וואָנצעס. זע, ס׳זענען אמתדיקע ווייזערס ווי אין יעדן זייגער. זיי באַוועגן זיך פּאַוואָלינקע אַרויף־אַראָפּ און ציילן געוויי די שעהען מיט דער חכמה פון דעליקאַטנע ספּרוזשינעס און רעדלעך וואָס אין די געדערעם פון דער ווילער כּלי. איין מאָל אין מעת־לעת שטעלט זיך איין וואָנצע גאַנץ אויבן, בעת די אַנדערע וואָנצע בלייבט אונטן קוקן אויף אַרויף. מ׳זעט קלאָר אַז דער וואָנץ וואָס געווען פונקט צופוסנס, האָט זיך אַרויפגעכאַפּט, מעשה־שטיפער, דווקא אויבן. גאַנצע מעת־לעתן מאַכט ער זיינע העוויות, קרימט זיך מיט דער שיינער

צורה, דער זייגער אויפן גאַרן פונעם שטיישפּיגל. דאָס איז אַן אמתע צירונג אויפן קאָמאָד פון דער שענסטער כאַלופּע.

ס'האָט שוין רעכט געטונקלט און דאָס פויערל האָט נישט געקענט זיך אָוועקרירן פון אָרט, פון וואַנען ר'האָט געהאַט אויפן אויג דעם טענדלערס קראָם. ר'האָט אַפילו שוין געהאַט געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ר'איז זיך מייאש און גענומען שטעלן טריט אויף אָוועקגיין, אֶלָא נישט געקענט זיך דערוויטערן. סוף־סוף האָט עס דעם מענטש דאָך אָוועקגעטראָגן, אָבער ער האָט האַסטיק, ווייל מיט באַזונדערן אָנשטרענג זיך אָפּגעניכטערט. קענטיק זיך מיישב־געווען און ווידער געבליבן שטיין ווי געשטאַנען. ער האָט נישט געקענט אַרויסלאָזן פון זינען דעם שפּיגלדיגער. ווי אַ פאַר־כישופטער האָט ער גראָד דערהערט ווי דער הענדלער רופט אים צוריק; ר'האָט בפירוש געשפּירט ווי ער לאָקערט אויף אים, אָבער דאָס איז געווען נאָר אַן אויסדאַכטעניש וואָס האָט זיך צעשפּילט אין דעם פויערלס דמיון. אין אמתן האָט דער קופּיעץ ערשט געקייט האַלב אומפאַרשטענדלעכע רייד וואָס זענען צו אים דערגאַנגען ווי אין אַ שיכּרות:

— כאַליע־נאַ טו, פּאַן, זאַבאַטש יאַקיע טאָ לוסטראָ, יעדנאָ וו'צאַלעם קראַיו *). אָ, אויטשע **), כאַליע־נאַ, גיי נישט אָוועק. דאַ האַסטו ביי לייבוש שמאַנדאַק, דעם ערלעכן סוחר, גאַר אַ גרויסע מציאה! דער גאַנצער קאַנט וועט דיך מקנא זיין מיט דעם קויף. אַזאַ זייגער, אַזאַ שפּיגל, סאַמע קרישטאַל!

דער פויער האָט אַלע מאָל אויפגעריסן די אויגן, זיך געוועקט און אויף דער נעוואָרעט טאַקע „געהערט" דעם רוף פון דעם טענדלער:

„קער זיך צוריק, אויטשע. דערלייג אַ צענערל און איכ'ל אַראָפּלאָזן אַ צענערל, אַבי האַנדעל שעדל ***). כאַליע־נאַ טו פּאַן!"

ר'איז נישט מיד געוואָרן צו רופן, וועקן קונים און נישט אויפגעהערט פון ווייטן צו האַלטן דעם פויער אויפן האָקן פון זיין צעפלאַמטן חשק צום שפּיגל וואָס זיין זייגער האָט פון אים אַראָפּגעקוקט ווי אַ פייערדיקער קאַם פון אַ יונגן האָן. ענדלעך האָט דער קונה זיך מיישב־געווען, מער זיך צוגערוקט צו דער בויד, דערלייגט צום מקח אַז די כאַטע זאָל אויפגע־הייטערט ווערן פון אַזאַ צאַצאַנע זאַך וואָס נאָר די שטאָטישע האָבן שכל זיך צו צירן אין אַזוינס. און האָט דער אייגער, אַ ווייך געוואָרענער, דער־

*) קרענק נאָר אָהער, פּאַן, זע, סאָראַ שפּיגל. עס איז אייגער אין גאַנצן לאַנד.
**) אָ, פאַטערל! (פּויליש).
***) דערלייג, פאַטערל, צום מקח, כ'וויל פאַרקויפן, אַבי דער האַנדל זאָל גיין.

לייגט צום פרייז פאַר דער באַגערטער זאַך, האָט ער אומגעריכט מיטגעצויגן אַ גאַנץ געזעמל דאָרפסלייט וואָס האָבן בכיוון זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן אין שאָטנס פון ווענט אוןביימער, ווייל פאַרקלעמט פון געלוסט אויך נישט אַהיימצוגיין מיטן לײדיקן. ווידער גערעדט מיטן הענדלער, געטונקט די הענט אין וואָגן; אַנדערע האָבן ביי נייס זיך געעצהט מיט אַ שכן:

— געפעלט אייך אַזוינס פאַר מיין יאַדוויגאַ? נעמען אפשר דאָס..? פּראַוודאַ, אַליין קען מען נישט וויסן צי ס׳וועט געפעלן ווערן! בינו־לבינו האָט צאַרטער בלאָ און גלאַנציקער סעלעדין פאַרמיניעט ס׳פאַרטראַכטע אויג און ווידער אָפּגעלויכטן אינעם מידיקלעכן ראָז פון דורכגעווינטיקטן פנים דעם שכנס. אויך פויערטעס האָבן אין דער שקיעה ענגער זיך צונויפ־געקוטשקעט אַרום דער קראָם וואָס אירע רעדער האָבן פון מאָל צו מאָל אָפּגעסקריפּעט אונטערן שטויס פון אַ שטאַרקער ברוסט, וועלכע האָט זיך אין איר אָנגעשפּאַרט. זאַפטיקער גרין און פּאַנס מיטן געל פון די ווייבע־רישע פּאַסנקליידער האָבן ווי מאַטע זונפלעקן זיך געטוקט אין זייערע אויגן.

„נעמען דאָס?״ האָבן ליפּן זיך צוגעבויגן צו אַן אויער — „ס׳וועט זיין שיין פאַר העלענקען, אמת?״ זיך דערערדט און לסוף געכאַפּט זיך צום זילבער־ און קופּער־מינץ אין די פאַרקניפּטע שניפּטיכלעך, באַזאַכט געגומען דעם קופּיעץ אין דלאָניע אַריינצײלן ס׳געלט מיט שאַרסטקע, טונקל צע־אַקערטע פינגער, שטאַרק צעהויקערטע ווי וואַרצלגלידער. מער צוריק־האַלטעוודיקע פויערטעס האָבן נאָך שפּעטער אָנגעהויבן זיך גראַבלען אונטער די קאָפּטלעך, לענגער פאַרטראַכט זיך וועגן דער קניה ביים שטאָ־טישן סוחר: „ערשט, דער אָוונט וועט זיך מער אַראָפּלאָזן, וועט מען גיכער קענען קויפן ביי דעם האַרטן ביין״. דערקנאַאַסט די שושקענדיקע ווייבער האָט דער קרעמער אַ מורמל געטאָן צו זיך מיט צופרידנקייט: — ״ס׳עט זיך באַלד אָנהייבן״! און געקוועטשט די אויגן, באַטראַכט די נייע קונים וואָס דער אויפדערנאַכט האָט אים אונטערגעשיקט. אַלע מאָל געקוקט צו דער כאַפּטע וואָס האָט זיך געהאַלטן אָן אַ זייט, אָבער ערשט האָט ער זיך אָנגעגורט מיט נייעם געדולד. אָלאָ אויף אָפּצושרייען די מעגלעכע חרטה וואָס גייט־נאָך דעם פויערישן קונה, האָט דער טענדלער מיט געניטקייט פון ס׳ביי געפּרוווט אַ לאָק טאָן די דאָרפסלייט מיט זיין סחורה, וועלכע איז ווי אַנטשלאָפן געוואָרן אונטערן פאַרדרימלטן הימלטייך. ער האָט אויף דער גיך אָבער־אַ־מאָל פונאַנדערגעשפּרייט דעם גלאַנץ פון זיין קרעמערישן פאַרמעג (כאָטש דער אָוונט האָט שוין געהאַט אַראָפּגעניזערט) און מיט ברען געגומען אַריינרעדן אין די פנימער, צוגענייגטע צו זיין בויד:

— קוקט, פּאַנעלעך און פּאַניושעס, מיט וואָס פּאַראַ צאַצקאַנע זאָכן לייבוש וויל דערפרייען אייערע הערצער, און פּאַר גאָר וואָלוול!

די סגאַיעס האָבן קודם באַוויזן אויסקרימען זייערע פּאַרמעטענע מינעס, ווייל דער שימער פון די גאָרע שמינגע־דעגינגעס האָט אויך אין דער טונקל אַרויסגעמיניעט פון דער קראָם וואָס האָט געהאָט געפּאַנגען זייערע באַגערן. אַצינד איז דער קרעמער מיט זיינע מציאות אויף צו פלייסן געקראָכן אין די אויגן אַריין פון די „פּאַנעלעך און פּאַניושעס". קאַרמיאַל האָט זיך אין דער בויד אַראָפּגעזעצט אויף די קני, שרייַק־זינגעוודיק ווידער אַ מאָל געררייצט דאָס חשקות פון פויערנוואַרג וואָס האָט ווי אַ באַוועגטער פלעק זיך געטונקלט אַרום זיין קראָם ווי לעבעדיקע שאָטנס. אַזוי האָט דער טענדלער נישט אויפגעהערט זיי רופן, די לעבעדיקע שאָטנס, און וועקן:

— נעמט, גיכער נעמט איין, טייערע קומעס מיינע, אַ מיתה־משונה! ס'איז סחורה ערשטער גאַטונעק, פּריצימלעך מיינע. אַט וועל'עך אַנצינדן אַ לאָמטערן, וועט איר ערשט זען: ס'טינופת פון אַ ווילקאַ פירמאַ *). ס'איז אַן אויספּאַרקויף פּאַר האַלב בחינם, פּאַנעלעך און פּאַניושעס, ווייל־געבוירענע. דערויף האָט ער מיט פּאַרטרווילעכקייט, שטילינקע, צוגעוואָרפן מיט אַ ווונק די זשעדנע אַרומשטייערס:

— יאַק באַגאַ קאַכאַם**), ווי כ'דערלייג דערצו די קישקעס, אָבער כ'מוז. אַנישט איז אַ סוף צו לייבושן; מ'וועט אים מער נישט באַרגן קיין סחורה. נעמט, נעמט, ס'עט באַשיינען יעדע כאַטע. דער פּאַן דזשעדזשיץ פון וויעלקאַ וואָליאַ האָט גענומען צוויי טוך, אמת, פּאַמאַצניק***)? — און מניה וביה זיין פּנים אַ קער געטאָן צו קלמענען ער זאָל עדות־זאָגן אויף די רייד פון באַלעבאָס.

געזעסן אין אַ ווינקל פון וואָגן צווישן אָנגעבערגלטע ראַגאָזשעס האָט קלמן געקוקט אויף די הענט וואָס האָבן גראַבלענדיק זיך געפּלאָנטערט אַרום די בלאַנקנדיק־קאַליריקע זאַכן אין די קאַסטנס און שאַכטלען, אָנגעוואָלגערטע אין דער בויד; גאָר אייפעריק האָט דאָס יינגל געלויערט אויף די באַוועגלעכע פינגער. וואָרן אין זיין זכרון איז געווען אַריינגע־טשוועקעוועט דעם טענדלערס אָנזאָג: „היט, לאָז נישט אַראָפּ די גלאָצערס פון די לאָטכענערס. זיי קענען מיך בדלות שטעלן!" אַ צעיאָכמערטער האָט

---

*) פּסולת פון אַ גרויסער פירמע. **) ווי גאָט איז מיר ליב.
***) צוהעלפער.

דער קרעמער נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט וועגן דעם פּריץ פון וויעלקאַוואָליאַ וואָס האָט מיקלאָמפּערשט געקויפט צוויי טוץ צאַצקעס; געהערט דאָס האָט ס׳ייִנגל דערשפּירט אויך אַ ברי פון קאַרמיאָלס בליקן: ער ווייסט, מיין צוהעלפער ער האָט דעם פּריצס איינקויף אַריינגעטראָגן אין פּאַלעי:

— פּראַוודאַ, ס׳וואָר, — האָט דער קרעמער איבערגעחזרט, אָבער קלמעלע האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אֶלאָ דאָס אָ וואָרט נישט אַרויס־געבּרענגט מחמת ס׳האָט אים שוין געשטיקט.

אָפּגעבאַקן דעם ליגן, איז דער טענדלער אויף אַ ווייל אַנטשוויגן געוואָרן. דערנאָך האָט ער, דרייענדיק די אויגן אין אַלע זייטן, גענומען פּאָנפּעוואַטע פּאַר־זיך אונטערברומען אַזוינס ווי אַ ניגולע, גלייך ער וואָלט קיינעם נישט געזען.

אוי, אוי־אוי,
ס׳נישט גיט אַזוי!
רוֹאֶה, רוֹאֶה, יאַט,
היט פּאַר פּעך אין יד!!

האָט זיך אים פאַרגלוסט, האָט כיל גערעדט צו די סגאַיעס אַ פּויערישן לשון, אַ מאָל נאָך אַריינגעוואָרפן אַ ייִדישלעכן שטאָך ווי אַ ראָזשנקע אין אַ קוילעטש־טייג. אַצינד האָט קאַרמיאָל זיין זינגעכץ פּאַרטייטשט מיט אַ ברומעניש, וואָס איז געווען זיין רצון אויף מאַמע־לשון, אָבער בעת־מעשׂה נישט אַ בליק געטאָן צום ייִנגל:

— הע־עעררסט?! ס׳ניש קאַ׳ געלאַכטער. די לאַאַט קענען מיך לאָזן אָן הויזן. צו פיל הענט טונקען זיך אין די זאַכן וואָס דאַרפן קונים מיט מועס. לאָז ניש אַראָפּ די גלאָצערס פון זייערע לעפל. דערבאַרעם זיך, מלכּה־צייטלס קדיש. זיי זענען עקסטרע געקימען ווען ס׳געוואָרן טינקל. גע־דעענק, ס׳כּולו לקח ווי ס׳שטייט אין פּסוק: דאָס לאַטכנט מיטן אויג. ייִנגל, דערבאַרעם זיך! כ׳בין אין פּעקל.

די מאָדנע רייד האָט ער אויסגעזונגען נישט זעענדיק קלאָמפּערשט די אַרומשטייערס וואָס האָבן להוט זיך געצויגן צום טענדלערס סחורה. זיי האָבן גלוסטיק זיך געגראַבלט אין די גלאַנצן פון שמינגע־דעגינגעס, אָבער ער, דער קרעמער, האָט געזונגען און זיינע הייסע אויגן זענען פיבערדיק אַרומגעלאָפן איבער דער גאַנצער לענג פון דער קראָם וואָס אויף די לייכט סקריפּנדיקע רעדער.

קען זיין, דעם הענדלערס זינגעוודיקע ברומען אויף זיין אומפּאַרשטענ־

דלעכן לשון, האָט דעם פויערנוואָרג געעפנט די אויגן באשר פאַר זיי איז שוין געגוג פינצטער, לכן באַדאַרפן זיי זיך צואיילן, אויב זיי באַגערן עפּעס מתקן־זיין ביי דעם קופּיעץ ז׳ מיאַסטאַ*). גלייך זיי וואָלטן מיט אַ מאָל זיך דערטראַכט צום עיקרשטן, האָבן די לייט געהייסן זיך געבן דאָס שוין אָפּגעקליבענע. קאַרמיאַל האָט דעמאָלט אָנגענומען אַ פול מויל מיט ערנסט און געטאָן ס׳וויכטיקסטע: ר׳האָט געציילט געלט, געציילט אויף אַ קול, אויף גויִיש, איטלעך מאָל אַריינגעהויכט אין דער זשמעניע און דעם פּדיון אַריינגערוקט אין זיינע טיפע קעשענעס. און דווקא צו אָוונט צו האָט זיך אַ גאַס געטאָן דאָס לייזעכץ ווי אַ רעגן. דעריאַכמערט פון דערלאַנגען די גלאַנציקע חפצים און נאָכציילן ס׳געלט, האָט דער קרעמער פון קוראַזש וועגן זיך צעריבן די האַנטפלאַכן, געוואָרפן ביסטרע בליקן צו קלמנען און אַלע מאָל אויסגעשריגן אַזוי, גלייך ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט איבער־וועקן פון אומגעריכטער פאַרטראַכטקייט; און געטראַכט האָט ער בשעת־מעשה: „וואָס זשע ווּעסטו טאָן אַצינד, ווען דער חושך האַלט דיך שוין ביים גאַרגל און דיין קעשענע ברענט און גליט די שליפּיעס פון די סגאַיעס!״

דערויף האָט אין מוח אים אַ בליץ געטאָן אַ פינצטערע אימה וואָס איז אָנגעגאַנגען מיט אַ צעפּאַכעטן גזלנישן מעסערקלונג — לייזן געלט ביי נאַכט אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם מקום איז אַ סכנה מיט פלאַקערנדיקע אויגן! ווי זשע ׳עט עס ערשט זאָן מיט דיִער, חברהמאַן? ער האָט טאַקע באַלד זיך געכאַפּט אַז ר׳טאָר זיך נישט פאַרלירן. ר׳האָט בפירוש זיך איבער־געשריגן מיט אַ נייעם געטומל וואָס אויגנבליקלעך אויפגעהויבן, ווי ר׳טוט עס אַלע מאָל ביי אַ גרויסן צונויפזאַמל אַרום זיין בויד:

— נעמטס, איילט זיך צו עפּעס גוטס פון לייבושן, ווייל ס׳ווערט שפּעט.

לייבוש איז דער גרינגסטער נאָמען פאַר ס׳זייעריקע, ווען זיי האָבן פאַר זיך אַ ייִדישן הענדלער. „מאָשעק״ איז אַ תּמידער נאָמען פאַר אַ זשידעק. דאָס פויערנפאָלק ווייסט אָבער שוין אַז מאָשעק באַליידיקט גאָר אַ סטאַראָזאַקאָנני**), וואָס מ׳מוז אָנקומען צו אים. אָבער מאָדנע: דער קופּיעץ וויל ערשט ווייך מאַכן די הערצער פון די אַרומשטייענדיקע און נעמט צו זיי רעדן מיט אַן אַנדער קול ווי ביז איצט:

— לייבוש איז אַ גוטווינטשנדיקער. ר׳ברענגט סחורה פון גאַנץ ווייט און רייסט נישט אויס מיטן פרייז, אַבי דעם ביסן ברויט צו פאַרדינען. ר׳ווייסט,

---

*) דער הענדלער פון שטאָט. **) אַן אַלטגלייביקער, געמיינט אַ ייִד.

אַ קונה איז נישט אויף איין מאָל. פּראָוודאַ מוויעץ, גאָספּאָדאַזשו ? *) און בייגט זיך צו צו אַ פּויער מיט אַ דאַר אויסגעגלאַנצט פּנים ווי ס׳וואָלט געווען אויסגעגאַרבט. יענער האָט נישט געענטפערט, אָלאָ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף י אַ.

אין האַלבשיין פון דער אויפגעהאַנגענער בעל־עגלהשער לאָמפּ וואָס האָט זיך ערשט געוויגט אין בויד אויף אַ דרענגל, האָט קאַרמיאַל אויך צוגעוואָרפן אַ וואָרט זיין געזעלן וואָס איז געזעסן אויף אַ קעסטל אַן איינגעשרומפּענער ווי אַ שלעפּעריקע הון: — גרוֹאהט זאָל ווערן, האָרכסט, פּעיפּער ?!

קלמן איז נישט געשלאָפן. אים האָט גראַד געטאַרעט אַ ווילדער הונגער. ווי אַ חיה־רעה האָט עס געבורטשעט אין זיינע קישקעס, געשווינדלט פאַר די אויגן אַקוראַט ער וואָלט פּלוצלינג אַריינגעפּלאָנטערט געוואָרן אין געלויף פון אַ הודזשנדיקער קאַרוסעל. ס׳האָט אַזש געטומלט אין זיינע געהירן, אָבער דער פאַרריסענער בעל־הבית הערט נישט אויף צו שינדן אים די הויט מיט זיין געבריל: „רואה, רואה ,יונג. מע וועט מיִעך בדיל הדל מאַכן. געדענק, מ׳לאַטכנט!"... אַ צעטראָגענער האָט כיל אין כלומרשט קאַלטן שמייכל באַלד געריסן זיין ברייט מויל וואָס אויף פערדישע ציין: — איי, יינגלטשינע, שלוף ניש! — און זיך געריבן די הענט, געוועקט דעם צעחושטן קלמן, אַריינגעליאַרעמט אין אים גלייך ער וואָלט לגמרי נישט אין זינען געהאַט דעם לעבעדיקן דרויסן: — געפגרט ביסטו שוין, יינגלטשינע, הע ?!

— קומט אַהער, גוטע לייט! — און איינצייטיק נישט אויפגעהערט רופן די סגאַיעס וואָס האָבן ביי גייס גענומען ציִען צו אים פון אַלע זייטן פעלד; זייער דערנענטערן זיך צו דער בויד איז אָבער געווען ווי פון פאַרשפּעטיקטע. שלאַבעריק איז געווען זייער טראַט. עמעצער האָט טאַקע באַלד עפּעס געקויפט און ווער ס׳איז געבליבן שטיין זיך גאַפיען, סתם קוקן און איינציקווייז אָוועקגיין צעחושטע אַקוראַט זיי וואָלטן זיך געשפּירט אומאייגן אַנטקעגן דעם וואָס זיי האָבן געטראָפן ביים קופּיעץ, וועלכער האָט זיך דערקליבן צו זיי פון דער אומבאַוווּסטער ווייט.

...באַשיימפּערלעך, דער קרעמער קאַרמיאַל איז טייל מאָל עפּעס נישט דער אייגענער וואָס שטענדיק, ווען ער איז אונטערוועגס. נו, נישט תּמיד דער אייגענער. מוז זיך, ביי אים ענדערט זיך ס׳געמיט אַקוראַט אַזוי ווי

---

*) כ׳זאָג דעם אמת, בעל־הבית ?

ס׳טרעפט מיט דער פּאַגאָדע. אָט אָ האָט ער גערופן קונים מיט רעש, אָבער תּיכּף גיט ער עפּעס אַ מורמל צו קלמעלען, גלייך קיין קונים וואָלטן אים נישט אָנגעגאַנגען. מיד פון טשאַטעווען אויף טשעפּקע הענט, איז דאָס ייִנגל געזעסן אין דער בויד, אָלאָ דער קרעמער האָט באַלד פאַרגעסן וואָס ר׳האָט געוואָלט פון קלמעלען און איז מיט ביידע הענט אַריין אין די טיפע הויזן־קעשענעס, גענומען אין זיי קלימפּערן מיטן מינץ, בעת זיין גאַנצער גוף האָט זיך געוויגט אויף די גבורהדיקע שענקלען.

די גלעזערנע, בלעכענע, דיך־געבלאָזענע שמאָכטעס, די אַלערהאַנט מיניעדיקע קאָלירן פון דער אָנגעבראַכטער סחורה, זענען דעמאָלט ביז־לעכווייז אויסגערונען. ערשט איז אים געוואָרן אָנזעעוודיק ס׳לייזעכץ פאַרן פאַרגאַנגענעם טאָג. אין דער בויד האָבן זיך שוין באַוויזן די אויסגעליי־דיקטע רויע קעסטלעך, אָנגעפּוישטע מיט שאָרסטקן זעגעכץ און געקרייזלטן האָלץ־שאָלעכץ. אַזוי־זיך האָט ס׳פּויערנוואַרג פּאַוואָליע אָפּגעקליבן פון „לייבושעס קראָם” אַ באַרג קאַלטע פייערן און ס׳האָט זיך געלאָשן אויך דעם קרעמערס ברען. לסוף איז אין אים געבליבן טליִען אַ שטילער רייץ אויסצומעסטן, אָנצוציילן דעם היפּש אָנגעקליבענעם פּדיון. פון דעסטוועגן האָט קאַרמיאָל נישט געקענט איינזיצן אין זיין מידקייט. איטלעך מאָל האָט ער זיך נאָך אויפגעכאַפּט פון צווישן די אויסגעליידיקטע קעסטלעך און פון זיין גאַנצער גרייס געוואָרפן אַ בליק אויפן שלעפעריקן אַרום. ווידער האָט ער קלאָמפּערשט קיינעם נישט געזען אין דער נאָענט, נאָר געשפּירט זיך ווי איינינקער אַליין אין מיטן דעם שטוינענדיקן קאָשטשיאָל־מאַרק, און הויך זיך צעגענעצט. דער געגעץ האָט אים געכאַפּט שטייענדיקערהייט אויפן וואָגן. בשעת־מעשה האָט ער הינטערווילעכטס, שקאָציש אויסגעצויגן אַ פּוס, באַלד אים אַראָפּגעלאָזן און ווי אַן אויסטערליש גרויסער פויגל מיט די פליגל אויסשפּרייט, אין סאַמע מיטן פון דער אָוונטיקער ליידיקייט, אומ־געריכט זיך צעדונערט מיטן געפּאַטש פון די אייגענע האַרטע דלאָניעס.

פאַרלאַנגווייליקט פון זוכן און דינגען זיך מיטן טענדלער איז דאָס פּויערנוואַרג מער זיך צעקראָכן אין די אייגענע קוים בלינצנדיקע לעכער אַריין. שטילינקע, אפשר אויך מיט פאַראיבל זענען זיי אַוועק. אָבער עמעץ פון דאָרפישן קליינוואַרג האָט אין איינשטעלערישן נייגיר, כאָטש ס׳שוין פינצטערער אויפדערנאַכט, נאָך אַרויסגעשלייכט פון די היימישע כאַטעס אַ קוק טאָן צו דער שטאָטישער בויד מיט די שיינע דזשינדזשיקעס. אין אַ טונקעלן טולעפּל און פאַרפלאָכטענע צעפּלעך וואָס האָבן זיך געבאָמבלט איבער די אַקסלען, האָט אַזוינס שטומערהייט זיך צוגערוקט צום טענדלערס

פור און געמומען שעמעוודיק קוקן; אויך אַ פויערנייִנגל אין אַ סוקמאַנע. און ברייטע הויזן, אַריינגעלאָזענע אין מאַנצבילשע כאַליעווטעס, האָט מיט די אויגן געטאַפּט די לאָקנדיקע זאַכן ביים קרעמער און גיך אַוועקגעכאַפּט די בליקן, ווען דער טענדלער האָט זיך באַגעגנט מיט זיין נישטערנדיקן קוק. דער נייגיר האָט, קענטיק, זיך צעברענט אין דעם פויערישן ייִנגל אַזש ר׳האָט נישט דערזען, אַז נעבן אים איז אויסגעוואַקסן נאָך קלייִנ־וואַרג וואָס איז מסתמא אָנגערעגט געוואָרן אַרויסצוגיין אין חושך מחמת די בגילופנדיקע רייד פון די אַלטע לייט, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט אין דער היים זיך אָנדערציילן פון דער שטאָטישער קראָם. מעשה־דערוואַקסענע האָבן די יונגינקע פויערימלעך וואָס ווילן גערן שוין גרויס זיין, געגאַפט אויפן קופיעץ, אָלאַ דער האָט קלאָמפּערשט לוסטיק אַ ווונק געטאָן צו עמעצן פון זיי, אָבער דאָס קליינע ייִנגל האָט פאַרלוירן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. סוף־כל־סוף האָט דער וויטאָניער טאָג שוין געהאַט גאָר איינגעמידט דעם קופיעץ און ר׳האָט מער נישט געגלוסט צו נאַרעצן מיטן דאָרפישן קליינוואַרג. — ס׳איז צייט זיך אָפּצורוען! — האָט דעם קרעמער אַ צופּ געגעבן אין מוח. און ער האָט מיט אַ מאָל זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַן איבערגעקערט קעסטל, זיך אויסגעשטרעקט צו דער שיין וואָס האָט אין דער בויד פויל זיך געוויגט פון דרענגל אַראָפּ און מיט אַ שטאַרקן בלאָז אויסגעלאָשן דעם בעל־עגלישן לאַמטער. ראַפּטעם אָפּגעשניטן דאָס מאַטע ליכט. אָקערשט האָט דער פלאַם זיך געוויגט איבער די רייצנדיקע קאָלירן, אָבער מיט אַ מאָל זענען זיי איינגעזונקען אין חושך. ר׳האָט „געמאַכט נאַכט״. דער פאַן קופיעץ, אין זיין רייך אָנגעוואַלגערטער בויד. זיך דערשראָקן פאַר דער פינצטערניש וואָס האָט זיך אַ גאַס געטאָן איבער זייער צעגליטן נייגיר, האָבן די פויערישע קינדער זיך אַ וואָרף געגעבן צום אַנטלויפן; צעפּלאָשעט זיך ווי פייגל ביים אָנזאָג פון אַ וויכער. אין דער דאָרפישער געלאַסנקייט האָבן די אַנטלויפנדיקע יונגע פיס אין זייערע שווערע שטיוול אויפגעהויבן אַן אומגעריכטע טופעריי, גלייך אַ טאַבון פערד וואָלט אימפּעטיק דורכ־געריסן די פאַרוויגטע פינצטערניש. עופות האָבן פּלוצלינג איבערגעוועקטע, זיך צערודערט אין די קאַטוכעס און זיך צעפּלאַטערט. קאַרמיאַל האָט דערויף אויף גיך פאַרצויגן די האַרטע פּלאַכטע איבער דער קראָמבויד און שושקנ־דיק, מיט טיפן אָטעם, אַריינגערעדט אין דער פונאַנדערגעגאָסענער נאַכט, וועלכע האָט זיך אין דער בויד דערשפּירט אַ וואַרעמלעך איינגעדושעטע:

— האַרכסט, קלמן, צי דו פּופּסט? ס׳עלן זיך לעשן די פענצטער

ביי די כלאָפּעס, זיי ׳על׳ן שוין האָבן זיך געלייגט סעקן*), ׳עט מען מאַכן פּיס פון דאַנעט. זאָלן די טאַלטלגייערס**) אינדז נאָר ניש דערטאַפּן וועט מ׳עט האָבן אַראַנגעפּאַלן אין דרימל. אוי, בינ׳עך טויטמיד, אָבער שלופן דאָ איז אַ סכנה. ס׳איז אַנצישטעלן ס׳בינטל ביינער, האַרכסט, יינגל? אויפן וועיג קאַ׳ וויעזשבניק איז אַ גיטע קרעטשמע; דאַרט ׳עט מע כאַפּן אַ פּרעס, אויך אַ קאַפּ זיך אופּרוען און באַלד ציען זיך צום מאָרגנדיקן יאַריד. מ׳טאָר ניש באַלעמיטשען, קלמן. ס׳האַרץ זוגט מיר אַז בלאַטע האָבן האָאַנט זיך גערדרייט מאַנק דעם פויערנוואָרג. מ׳מיז זיך אופּטרוגן, יינגל, און ווס געשווינדער — —

קלמן האָט פיינלעך אָפּגעשוויגן און מער זיך אַ טוליע געטאָן צו דער טראָגטע וואָס האָט אים געגעבן אַ ביסל וואַרעמקייט, וואָס ער איז געוואָרן זשעדנע אין דער נאַכט־פינצטערניש. זיין שטומער באַוועג צווישן די שמאַטעס וואָס איז דערגאַנגען צו קאַרמיאַלן, איז געווען דעם יינגלס ענטפער. מתוך דעם גרימעדיקן הונגער אין זיינע געדערעם, האָט קלמן ערשט דערשפּירט אַ נייעם דרעשטש אין די ביינער.

✶

אויף צו מאָרגנס האָט דער יאַרידניק קאַרמיאַל גאַנץ פרי זיך געוועקט, גלייך די מידקייט פון דעם צעליאַרעמטן נעכטן וואָלט אין גאַנצן אויס־געוועפּט דעם שלאָף וואָס ר׳איז נישט דערשלאָפן. ס׳האָט זיך אָבער שוין געוויזן אַן אַנדערער מאַרק מיט אַ באַזונדערער מראה. ווידער האָט ער אין זיין פולער גרייס זיך אַוועקגעשטעלט אין דער וואָגנבויד, געפּאַטשט מיט די שטאַרקע דלאַניעס און צעטרייבערט די גליווערנדיקע שטילקייט פון דעם דרימלענדיקן מקום. אויך מיט זיין הילכיקן קול האָט ער געריסן די געהירן פון דעם שטעטעלע וואָס איז שוין אויף דער זיקנה. דער יאַריד אין כאַדעטש איז באַוווסט אין דעם גאַנצן קאַנט און ער זאַמלט אין תמיד אַ סך פאַלק. ס׳האָבן צו אים געצויגן פויערים אויף פורלעך און דראַבניאַסטע וועגענער ווי אויך טאַנדייטערס מיט קליפּטן פאַר מאַנסלייט, שיכוואַרג און היטלען, טרעפּעס, וועשצייג, סיצן און צעלניק. צום יאַריד האָט אויך זיך געפּעדערט סיי דער געוועלבניק, סיי דער תבואה־הענדלער און ממילא דער אייזנוואַרג־סוחר מיט זיינע קאַסעס, סערפּן, גראַבליעס, שלייפשטיינער.

---

*) שלאָפן. **) גנבים, טאַשנציערס (בלאַט־לשון).

געוויינטלעך האָט אַזאַ טאָג אַרויסגעצויגן אין מאַרק אַריין ס׳גאַנצע שטעטל, אויך די רימערס, די טעפּערס און אַפילו די שערערס וואָס האָבן כּאילו אמתע זנאַכערס „יינגער־געמאַכט" אַלטע דזשאַדעס, וועלכע זענען געקומען אין שטאָט אַריין אַ ביסל אַטכאַיען פון זייער פאַרזעסנקייט אין די דאָרפישע העקן. געשרומפּענע, געקנייטשטע לייט האָט מען מיט שער און גאָלמעסער רעכט אָפּגעפרישט, זיי אָפּגעשוירן די גרויסע קעפּ וואָל, זיי צוגעפּוצט, באַשפּריצט מיט שאַרף־שמעקעדיקע וועסערלעך און צו מאָל צעפאַרעט די מאָרדעס מיט הייסע טיכער, פון וועלכע די זקנים זענען דערנאָך אַרויס ווי באַנייטע, ממש אַנדערע.

ווי שטראָמען פון אַ שטילן טייך האָט ס׳פאָלק געלאָזן אַנגעריזלט צום מאַרקפּלאַץ וואָס איז געוואָרן אָנגעפּראָפּט מיט וועגענער, בהמות און דאָרפישער שפע. אָלאָ מער ווי אַנדערע וועגענער האָט דער הענדלער קאַרמיאָל זיך אַרויסגעזען מיט זיין קראָם סחורה, אַ פול אַנגעלאָדענע מיט געבלאָזענעם געבלענד פון קאָליריקן גלאָזוואַרג, גאָלד און בלעכענעם זילבער. ער האָט געליאַרעמט, גערופן קונים צו זיינע גוטסן און אַלעמען אַנטקעגנגעטראָגן שפּיגעלעך, קרייעדיקע הענדלעך פון געפאַרבטן בלעך, אויך קרוציפיקסלעך מיט לאָמפּאַדעס וואָס ס׳איז „בייטיק יעדער בעל־הביתישער שטוב וואָס פאַרגעסט נישט אין געאַכפּערטן גייסט פון דערלייזער". דער יאַרידניק האָט לאַנג זיך געריסן דעם גאַרגל ביז אַרום דער בויד האָבן זיך געהאַט איינגעזאַמלט המונים דאָרפישע און שטעטלשע לייט.

אַז עולם אַרום אים האָט, ווי אַ פעלד מיט זאַנגען זיך געוויגט מיט די שטוינענדיקע קעפּ, האָט קאַרמיאָל פון ס׳ניי אויפגעהויבן אַ טומל, אָבער דאָס מאָל שוין מיט אַ האַפּערדיקער מינע:

— סקאָצל קומט, פאַנעלעך און פאַניושעס און שיינע פאַניענקעס! — און ר׳האָט לאַקריצדיק געשמייכלט: — איר מעגט הערן: ס׳האָט זיך מיר געחלומט אַ חלום. מיין באָבע איז אויפגעשטאַנען פון דער גרוב. איז מסתמא לעבט זי ווידער, ווייל עס איז דעם פאַן בוגס ווילן דער נס. אַ חלום איז נישט קיין זייפנבלאָז וואָס קינדער צעבלאָזן מיט אַ שטרוי. איך וויל געשווינד אַהיימראָמפּלען און לאָזן פאַר איר אויפשפּילן אַ פריילעכן „דזשען דאָברי"*). איז היידאַ, קינדער איידעלע, קומט אַהער, נעמט אַלצדינג וואָס איך געפעלט, נאַ פּאַמיאַנטקע**). איך באַדאַרף נאָר געלט צו פאַר־

*) „גוט־מאָרגן", אַ הייטערער פּויערישער מאָטיוו.

**) אַ מתנה צום אָנדענק.

ריכטן דעם וואָגן ביים סטעלמאַך, איבערקאָוועט ס׳פערד און אויסלייזן מיין קאָפּ פון די גרויסע קופּצעס. זיי האָבן מיר געבאַרגט סחורה צו קענען פאַרדינען ברויט פאַר די קינדערלעך וואָס גאָט האָט מיר געשענקט. אַלץ „נאָ פּאַמיאָנטקע״. כ׳וויל איר זאָלט געדענקען דעם גוטן לייבוש. פון גאַנצן האַרץ ווינטש איך עס אייך, איר זאָלט דאָס סאַמע בעסטע פון מיין קראָם געזונטערהייט פאַרנוצן. כ׳בין ווייט געפאָרן אייך דאָס איבערצוגעבן אין גאָטס נאָמען. גיך, גיך, האַלב אומזיסט נעמט עס. אַנדערשווו וויל איך דאָס נישט אָוועקפּירן. אייך איז עס באַשערט. כ׳פאַרגין עס מיינע ליבע קומעס פון כאַדעטש, איינע פון די שענסטע פּאַראַפיעס אין גאַנץ קויאַווו.

אַרויס מיטן פּזמון לויברייד פאַר די „קומעס״, האָט דער קרעמער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, צוגענייגט זיך צו די הענט וואָס האָבן שוין געגראַבלט־גענישטערט צווישן דעם האַלץ־שניצעכץ, להוט זיך געשטרעקט צום געשפּיל פון די גלאַנצן אין קאַרמיאַלס ראַמש סחורה. אין מיטן פון די לייטס נישטערן צווישן די בליאַסקעדיקע זאַכן אין די קעסטלעך און טאָוולנע פּודלעס, האָט דער טענדלער אָבער־אַ־מאָל זיך צעזונגען אויפן הויכן קול:

— נאָ, נאָ, נע־עעממט גיכער וואָס לייבוש גיט פון גאַנצן האַרץ. נעמט פאַר האַלב אומזיסט!

אָפּגעאָטעמט, נייגט ער באַלד צו זיין שטערן צו אַ יונג פּויערטעלע מיט טויזיק־פרישע בעקלעך, קוקט איר אַריין אין די אויגן־מענטשעלעך און פאַרסליניעט זיך מיט זיין אייגענעם פרעג:

— ס׳איז עפּעס שיינס, העַ? ר׳קוקט איר אויף די הענט וואָס האַלטן איינגעקלעמט צווישן די פינגער אַ בלישטשנדיק בייטשל קרעלן וואָס פאַר־שליסט זיך אויפן געניק מיט אַ קונציק מיניעדיק שלעסל, גלייך ס׳וואָלט געוועזן באַזעצט מיט לויטערע ברילִיאַנטלעך. — נאָר פאַר אַ שיינער כּלה אַזאַ צירונג, — ווינקט ער צו איר שעלמיש. יענע שמייכלט שטום מיטן רויט־געוואָרענעם פּנימל, אויך שפּילן אירע אויסגעקיילעכיקטע, גלייקע אויגן און זי קען דעם קופּיעץ שוין נישט קוקן אין צורה אַריין. ס׳פאַלן איר צו די וויִעס און קענטיק סע פאַרשפּאַרט איר אויך דער אָטעם פון דעם, אויף וואָס זי האָט זיך שטאַרק פאַרקוקט; זי האָט דערפון שוין נישט געקענט אָפּטרעטן, פונקט ווי זי איז נישט געוועזן בכוח אויסמיידן דעם יאַרידניקס שפּיזיקן בליק. אין פאַרלעגנהייט האָט זי אָבער מיט אַ שלאַבעריק קול פלוצלינג גענומען זוכן עמעצן אַרום זיך:

— סטאַשולו, ווו ביסטו, סטאַאַ־שו־לו־ו־ו? ממש אַן אַנגסטיקע פאַר־

לווירנקייט האָט אַרויסגעטויכט פון דעם אַ רופנדיקן זוכן דער יונגינקער גויקעלעס.

אֶלאָ אויך דער טענדלער האָט אומגעריכט, גלייך ר׳וואָלט דערשפּירט מיטאַמאָליקן צייגוויטיק, אויף ס׳נײַ זיך צעלאָזט מיט זיין אויסגעריבע־נעם גאָרגל:

— גיכער, גיכער, סטאַשולו, קומט אַהער! איילט צו לייבושן, דעם קופּיעץ פון די ווונדערלעכע זאַכן וואָס די גובערניע האָט נאָך אַזוינס נישט געזען. אַלע קומט מיטן גוטן סטאַשולו. ס׳אַ גרויסער אויספאַרקויף!

אָפּגעדעכעט אַ רגע דער קרעמער, און ר׳נעמט ווידער ריטשען שוין אַ ביסל הייזעריקלעך:

— כאַפּטס, ליבע לייט. נעמט ס׳גוטע און שיינע ווי לאַנג לייבוש האָט חשק צו געבן כּמעט אומזיסט. מציאות דאָ וויבאַרו*), ליבינקע לייט — און שטייענדיק אויפן וואַגנקראַם אין זיין גאָרער גרייס, וואַרפט ער מיט די הענט. כאָטש ס׳איז אים שוין טרוקן אין קעל, הערט ער נישט אויף ליאַרעמען, מחמת די שטילקייט באַאומרויִקט אים:

— זעט, זע־עעעט, ליבע לייט, וואָס לייבוש גיט! — טומלט ער.

ערשט האָט זיך רעכט איבערגעוועקט דער יישוב, אַן איינגעוויגטער אין סומנעם דרימל וואָס שפּרייט זיך אונטערן הימלבעקן ווי אונטערן גע־דעמפטן רויש וואָס די מרחקים טראָגן אָן. כאָדעטש איז אַ שלעפּעריק מקום וואָס גרייט זיך לאַנג צו אַ יאַרמאַרק ערב איטלעכן פרילינג און שפּעטהאַרבסט. פון די צעראַיעטע פוילישע וועגן גענענען דעמאָלט צום שטעטל סיי טאַנדייטערס מיט זייערע פּאַרטיקע אָנטועכצער פּאָר יונג און אַלט, סיי רימערס און היטלמאַכערס, פּעלצנגייערס און שוסטערס; בײַנאַנד מיט זיי איילן אַרויס אויך פון וואָלקנס שטויב און פון גרודעס בלאָטע אַ סך דאָרפישע פורן, דראַבניאַסטע וועגענער ווי אויך רייטערס אויף פערד און אויף אָקסן אין זייער מגושמדיקן גאַנג; אַלץ מיט אַלעמען ציט צום כאָדעטשער יאַריד. דאָס גלייכן פון די ווייטלעכסטע כאַטעס, פאַזע דעם שטעטל, האָט מען זיך געלאָזן צום כאָדעטשער מאַרק וואָס האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן ווי אַ ברייטער טייך בעתן פלאַצן פונעם אייז פסח־צייט. מ׳איז אַרויס פון די שטיבער קויפן געגייטיקס. אַנדערע האָבן סתם גע־צויגן צום מאַרק ווי אויף אַ בייזוווּנדער. פויערים און פויערטעס וואָס ברענגען אין שטעטל אַריין די פּרוכט פון זייער פּראַצע, טומלען־ליאַרעמען

---

*) צום אויסקלייבן, וואָס עמעצן געפעלט.

נישט אַזוי וועגן זייערע עופות, קעלבער אָדער שטייגן מיט קראַליקעס וואָס זיי באַגערן צו פאַרקויפן. פאַרקערט, זיי רעדן קנאַפּ, אָבער זענען איינגעשפּאַרט אויפן פּרייז מחמת מורא אַז זיי האָבן סיי ווי ווינציק זיך אויסגערעכנט ווען זיי האָבן אַנגעקליבן זייער האָב און גוטס אין שטייגן אַריין, אין קיישלעך און זעק. צו זייערע פורן דערנענטערן זיך בעלי־ביתטעס וואָס דינגען אַ הון, אַ קעזל, אַ מאַנדל אייער אָדער באַטראַכטן די קראַליקעס צי זיי זענען נאָך גענוג יונג. ביי אַ פּויערישער פור קלאַפּט־צו בעת מעשה צום מקח אַ קרעמער וואָס האַנדלט אין דעם וואָגן האַלץ. מיט גלי אין די אויגן, נאָר באַדאַכט קויפט אַזעלכער. און אָט ווייזט זיך אויך אַן אויפקויפער פון אַ שטייג גענדז, אַ בעלן אויף אַ פּאָר זעק קאָרן און אַ קצב דינגט אויס אַ בהמה. בעתן רעש פון אויפגעזאַמלטן מענטשנוואַרג צעמעקעט זיך אַ קו, וואָס האָט זיך צעבענקט צו איר יאַלעווקע, וואָרן מ׳האָט זי, די מאַמע, אָפּגעריסן פון דאָרפישן שטאַל ווו איר טאָכטער־קועלע איז פאַרבליבן איינע־אַליין. אויך אַ פערד וואָס האָט נאָך נישט געפּונען אויף זיך אַ בעלן, צעהירזשעט זיך פון לאַנגוויל. אָבער צום מערסטן לעכערט דעם קאָפּ אויפן מאַרק דעם טענדלער קאַרמיאַלס טומלען איבער דעם שטעטלש־דאָרפישן יישוב. די אַנגעפּאַרענע פּויערים קוקן אַרויס איי־פעריק אויף קונים וואָס פאַרהאַלטן זיך לענגער ביי זייערע פורן, ווילן וועלוועלער איינהאַנדלען אַ זאַק קאַרטאָפּל, דינגען זיך פּאַר אַ קיישל אייער; אַנדערע וועגן אין דער האַנט אַן אינדיק, פּרוּוון מיט די שפּיץ פינגער צי די גאַנדז האָט נישט אַ פולן ווישט מיט קערנער אָדער זי איז גענוג באַלייבט. אַ בעל־הביתטע טאַפּט ביי דער קאַטשקע צי זי האָט אַ ווייךביינדל אין רוקן וואָס איז אַ סימן פון איר יונגקייט. לייט קומען אויפן מאַרק איינקויפן עפּעס גוטס בעת אַנדערע איילן שוין אַהיים מיט זייערע מציאות. טייל אַהיימגייענדיקע חזרן זיך נאָך איין אין זכרון דעם מקח פון דער קניה און לייגן אָן ברייטע שפּרייז צו קענען גיכער פּטרן דעם איינ־קויף מיט אַ ביסל ריווח. אַ שטעטלשער קרעמער האָט זעלטן די זכיה זיך צו דערוואַרעמען ביים לייזעכץ אין אַ ווינטערדיקן יאַרידטאָג. דער געוועלבניק האָט דעמאָלט שוין צו פיל געדולד זיך צו בענטשן מיט אַ קונה וואָס קומט צו אים עפּעס קויפן; וואָרן דער פּויער באַדאַרף גראָד נישט קיין פעלדגעצייג און ר׳איז געקוועלט אין דעם זלאָטי. אַנדערש איז מיטן טענדלער, וועלכער קומט אויפן שטעטלשן מאַרק מיט זיינע בלישטשנדיקע מציאות וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג און דעם חשק פונעם דאָרפסמענטש. קאַרמיאַל שטעלט זיך מיט זיין קראַם אין מיטן מאַרק און נעמט באַלד מיט

גוואַלדענעס לויבן זיין סחורה. ער מוז ליאַרעמען אַז מ׳זאָל אים אַרויסהערן. ער האָט תּמיד מורא אַז מ׳וועט אים נישט דערזען און ממילא נישט גליסטן צו זיינע שמאַכטעס.

אין דעם שטעטעלע וואָס ליגט פאַרוואָרפן אָן אַ זייט פון דעם ווייסל־טאָל און הערט זיך צו מיט נייגיר צו די רוישיקע וויטן מיט דאָרפישער חידושות האָט דער יאַרידניק קאַרמיאַל זיך אויסגעשפּרייט מיט זיין סחורה וואָס שמייכלט אַראָפּ פון דער בויד זיס, מיט מטושטשער גינציקייט צו די אַלע, וועלכע ער זאַמלט אויף אַרום זיך מיט זיין רופן־ליאַרעמען: „זעט, ליבע לייט, ווי שיין ס׳איז ביי לייבושן!״ — בשעת־מעשה פלאַקערן זיינע אויגן און ער הערט נישט אויף צו רעדן צו די צוקוקערס:

— אויף באָזשע נאַראָדזעניע *) איז דאָס אַ צירונג פאַר יעדער שטוב. מיט דעם אָ וועט דער קריסטבוים האָבן אַלע חנען. יאָק באָגאָ קאָכאָם, אַזוינס איז נאָך נישט געווען. ס׳אַ נייס וואָס נאָר לייבוש קען ברענגען. אָ, ס׳איז כּדאַי ביי צייטנס דאָס צוגרייטן און ס׳וועט אויסמאַכן וועלוועלער,— עצהט ער די צוהערערס. — גלייבט אָ היימישן, ליבינקע. כ׳בין דאָך נישט ס׳ערשטע מאָל ביי אייך. נעענטער צו נײַיאָר, וועט עס ברענגען אין פּרייז. לייט האָבן טאָקע זיך צוגעבויגן צו די זאַכענישן וואָס פאַרצירן אַ ניטלבוים, פאַרפּוצן די כאַטע מיט בלישטשנדיקע קרענצלעך, זילבערדיקע שטערנד־לעך, בילדלעך פון דער מאַטקאָ באָסקאָ **). פאַראיינס האָט ער אויך באַוויזן אַזוינס וואָס דערפרייט שטאַרק דאָס קליינוואַרג, ווי געבלאָזענע פענכערלעך, גן־עדן־עפּעלעך אין גלוסטיקע קאָלירן, דאָס גלייכן אָנגעגילדיקטע שישקעס. דעם טענדלערס נייקייטן האָבן געוועקט דעם חשק פון באַלעבאָסטעס, איינ־געהילטע אין ברייטע, גראָבע פאַטשוילן און גערעגט אויך דעם אָנגעשאַרפטן נייגיר ביי זייערע וואָנציקע מאַנצבילן. עולם האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער קראָם, וואָרן דער קרעמער האָט אָנגעבראַכט אַ סך אַזוינס וואָס ס׳פאַראַן אויסצוקלייבן פאַר איטלעכנס גוסט: געניקלטע אייזערנע קעמלעך, שייך־געראַמטע שפּיגעלעך, אויך שפּיגעלעך אויף הויכע פיסלעך צו שטעלן זיי אויף קאָמאָדעס. און געווען מאַטיקעס פאַרביקע וואָל צו העקלען ווינטער־דיקע הענטשקעס, שטריקן זאָקן, שפּולקעס ביינוול צו נייען, בריוולעך נאָדלען, גרעבערע און דינערע; דעסגלייכן קאָליריקע ליכטלעך, אַלערהאַנט לעמפּלעך מיט גלעזערנע צילינדערלעך אין מערערע קאָלירן, הייליקע

*) די חגא פון גאָטס געבוירן.
**) גאָטס מוטער.

בילדלעך, פּאַטשערקעס, קרעלן, צירלעכע שפּילקעס מיט בליאַסקעדיקע שטיינדלעך. לייט האָבן געקויפט און ס׳האָבן זיך געמערט די קונים אַרום דער בויד. און האָט דער יאַרידניק געוואָלט ס׳זאָל זיך ביי אים נאָך מער רוכעווען*), האָט ער פון אַ שאַכטל אַרויסגעקראָגן אַ געפאַרבט האַנדעלע אַ גרינס וואָס אַז מ׳לייגט עס צו צום מויל מיט אַ בלאָז, קרייט עס משונהדיק, שפּיציק, אַזש לייט אַרום דער בויד הייבן אויף די קעפּ אין התפעלות:

— אַזעלכעס האָט ער אויכעט, דער קופּיעץ? אַפילו בלעכענע טרומייטלעך האָט ער געבראַכט; טרומייטלעך, הענגענדיקע אויף קאָלירטע געפלאָכטענע בענדלעך. קליינוואַרג האָט טאָקע באַלד גענומען זיך יאָווען כאַפּטעסוויז צו באַוווּנדערן די נייסן וואָס דער שטאָטישער האָט געבראַכט. טייל האָבן גיך געקויפט די שיינע טרומייטלעך און הענדלעך און תיכף מיט זיי זיך געלאָזט ווילגיין. אַז די קינדער אַרום בויד האָבן צו זאַט זיך געהאַט צעשפּילט, צערעשט אויף כלערליי טענער, האָט קאַרמיאַל פון ערגעץ אַרויסגעקראָגן אַ בלעכן פייגעלע אויף פּיצינקע קאָלירענע דינע פיסעלעך, צוגעפּעסטיקטע צו אַ ברעקל געפאַרבטן האָלץ, עלעהיי אַ צווייגל אויף וועלכן אַ פייגעלע שטעלט זיך מיד אַרומטראַכטן זיין מערכה אויף גאָטס וועלט. „ס׳אַן איידל צירונג צו האַלטן אין יעדער כאַלופּע״, — האָט דער הענדלער אויפגעקלערט די אויסטערלישע שיינקייט פון דעם פייגעלע וואָס טייל קונהטעס האָט ער מיט אַ ווונק אַנגעלאָקט, אַז ער וועט זיי דאָס געבן ווי אַן אומזיסטן צולאָג: „ס׳איז אַ מתנה פאַר דער פּאַני״ און בגנבה, אַז אַ זייטיק אויג זאָל נישט באַמערקן, אַזעלכער אַריינגעלייגט אַזאַ פייגעלע אין האַנט מיט אַ בכיוונדיקן פינגער־גראַבל אויף יענערס דלאָניע. בינו־לבינו האָט ער נאָך צוגעוואָרפן אַ מורמל: — נעמט עס צו געזונט.

...דער מאַרק אַרום דעם טענדלערס בויד זשומט און די זון, אַן אַרויסגעקראָכענע ווי פון הינטער איינגעפּרוירענער שעפּסנוואָל, זינקט פּאַוואָליע אַראָפּ צום ראַנד פון דער אָנגעטונקלטער ערד. ממש אַ בלינדלעכע פון בלענדן זיך די אויגן אַ גאַנצן לאַנגן טאָג אין דעם אייגענעם שיינקוואַל, טונקט זיך אַצינד די זון אין שטעטלשן יעזשער. ערגעץ נאָענט רייסט נאָך אַ קינד אַרויס אַ קילן טרעל פון אַ ניי־געקויפטן פייפל און דער פּאַטער שמייכלט דערפון מידיקלעך אַקוראַט ווי עס עטעמט ערשט אָפּ דער טענדלער וואָס זעצט זיך אַן אויסגעלאָשענער צופוסנס זיין פאַרשטויבטער בויד.

פוסטלעך איז געוואָרן דער אַרום און אָט אָ פּילט ער אין ממשות

*) ס׳זאָלן שטאַרקער זיך באַוועגן די קונים.

וואַלגערט זיך פאַר אים דער לאַנגאַניקער חלום פון אַ שווערן געלטבייטל. נישט ווילנדיק גיט ער אַן אָכץ: אוי, ס'איז גאָרנישט קיין לייכטער ביסן דאָס פאָרן און רייסן זיך, חלילה נישט צו פאַרשפּעטיקן די „גרויסע גליקן!" אָבער אים באַאומרויִקט אויך באותו הרגע וואָס ער זעט גראָד נישט זיין ייִנגלשן געזעלן. מ'קאָן אים נאָך בדלות שטעלן, אויב ר'עט נישט האָבן אויפגעריסן זיינע אויגן. דאָס ייִנגל איז פון דעסטוועגן געבליבן הויערן אין דער וואַגנקראַם; ר'האָט שטום, אָבער וואָך, אַרויסגעשטאַרצט פון צווישן די ראַגאָזשעס אין דער בויד. קלמעלעס האַרץ האָט דעמאָלט פאַרשמאַכט געפּישטשעט ווי אַ חיהלע אַ מוראַדיק הונגעריקס און ס'וויסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. טיף אין אינגעווייד האָט עס צערפּול גענאָגט אין מלכה־ציטלס קלמנשי. זיינע אויגן זענען סוף־כל־סוף אים פאַרשפּונען געוואָרן אָט מיט אַ שאָטנדיקן געשפּין און אָט מיט אַ פלאַם וואָס לעקט זיין פנים ווי אַ הייסער ווינט, וועלכער וואַרפט אַן אויף אים אַ לעסטיקן שלאָף, כאָטש צו אים האָט זיך נישט געקלעפּט קיין שלאָף מחמת אומגעווײנטלעכער שוואַכעניש. דער הונגער האָט געקנייפּט זיינע געדערעם, אַזש אים האָט זיך געוואָלט אויסשרייען, אָלאָ ער האָט זיך עס נישט דערוועגט מחמת מורא פאַרן משוגענעם כיל; ער האָט נאָר פון מאָל צו מאָל קוים אויסגעקרעכצט אין דער שטיל.

קאַפּיטל פיר

ווי געשטאַנען פריִער אַ פול באַלאָדענע מיט אַלערהאַנט שמאָכטעס אַנטקעגן דעם פאַרדרעמלטן פויערנוואָרג, איז דעם טענדלערס בויד צו נאַכט־צו געבליבן שטאָרן כמעט אַן אויסגעליידיקטע. ווי אויסגעהוילט האָט דעמאָלט געקוקט אויף גאָטס וועלט אויך דער דאָרפישער יישוב, מחמת ס'האָט מיט אַ מאָל געזונקען דער טומל וואָס האָט געהאַט ווי באַלעבט דעם גאַנצן אַרום. ערשט האָט ס'שטעטעלע זיך פאַרזשמורעט. שוין פאַר נאַכט האָט דער מאַרק איינגעגליווערט אין די ברייט פונאַנדערגעשפּרייטע פּאָלעס פון דער פויזנדיקער שאָטנדיקייט. אין דעם וואָגן, ביי נייס אַן אַריבערגעצויגענער מיט אַ פלאַכטע ווי אַ געקאָרבטער דאָך, איז איינער אַליין שוין געבליבן שטאָרן דעם יאַרידניקס ייִנגלשער העלפער.

אָנגעזעטיקט פאַר אַ גאַנצן טאָג פון סוחרישן געלוסט נאָך לייזעכץ, איז קאַרמיאַל תחילת אָונט אַוועק „אַ ביסל אָפּכאַפּן דעם דעך״. אַזוי האָט געהייסן ביי אים דאָס איינשטילן דעם גלי נאָך דער פּרעס וואָס האָט אין אים לענגער געצוקט. געהאַט געגנוג זיך אָנגעגעסן מיט אָנשטרענג און שוויס, האָט קאַרמיאַל צו זיך גערעדט מיט אַן איינגעדעמפּט קול, בעת ר׳האָט געשלונגען שטיקער געבראָטן הייס פליש, פאַרביסן מיט פולע מיילער קנאַקעדיקע פרישע זעמל און נאָכגעטרונקען מיט שוימיקן ביר. אָנגעגעסן זיך „ביז אַרויף״, האָט ער אָפּגעגרעפּצט און ערשט רעכט געשאַצט דאָס כּמעט דאָרפישע שטעטלטשינע ווי אַ וואַזשנע גובערניע. „וואָרן ווו ס׳נישטאָ אָרנטלעך אָפּצועסן, איז נישט קאָ׳ן אָרט פון לעבן, נאָר צו שטאַרבן״, האָט כּיל געהאַט זיין מאָס פאַר דער וויכטיקייט פון די מקומות וווּאַהין ס׳איז כּדאַי צו פאָרן אָפּהאַלטן אַ יאַריד אָדער אַרויסקוקן אויף אַ יאַרמאַרק. ווערדליק די פּרעסאַרניעס האָט ער געהאַט אַ טבע צו באַשטימען וווּאַהין צו לאָזן זיך אין וועג אַריין מאַכן פּרנסה. אַזאַ קל וחומר האָט ער איינגעלערנט מיט זיך און אויך זיינס גלייכן דאָס געלאָזט הערן. „ווו ס׳איז דאָ ראַכטיק אָפּצועסן, קען מע טרעפן אויך לאַטישע מענטשן און טאָקע אויכעט אַ רעכטע נקבה״. פון כאַדעטש, דעם דאָרפישן שטעטל, האָט ער באמת הנאה געהאַט: ווייל ס׳איז געווען פון וועמען צו לייזן געלט — סיי פון דאָרפסלייט, סיי פון שטאָטישע סגאַיעס און מ׳האָט געקענט אַ לעב טאָן ווי ס׳קער צו זיין. און איז ער אַרויסגעגאַנגען פון דער פּרעסאַרניע, דער טענדלער, האָט ער אויך נישט פאַרגעסן מיטצונעמען עפּעס פאַרן יינגל אַ קיי צו טאָן, וואָרן „ס׳האָרץ פאַלט עים אויך שוין אין לאַב אַראַן״.

— די זיך רויק, — האָט כּיל ביים אַוועקגיין צוגעוואָרפן אַ וואָרט קלמעלען. — כ׳על אַ זיך־טון ווי מ׳קען עפּעס אָפּעסן. די דאַרפסט דאָך אָכעט צריקיוגן די נשמה, אמת, יאַט? האָב געדילד. איך ׳על גע׳יך צריק־קימען. אָפּגעמויכלט דאָס און נישט געוואַרט אויפן יינגלס ענטפער. קאַרמיאַל איז תיכף נעלם געוואָרן און נישט געהערט וואָס קלמן האָט גראָד שטאַרק געוואָלט זאָגן.

*

ווען דער אָונט האָט אַראָפּגענידערט איבער כאַדעטש, האָט ער אַלץ פאַרשלונגען אין אַ חשבונותדיקער געדיכטעניש. תיכף איז פאַרווישט געוואָרן יעדער חילוק צווישן דאָ און דאָרט. פאַרן יאַרידניקס צעשראָקענעם העלפער

וואָס איז געבליבן זיצן אין אַנגעמושבטן וואָגן, האָט דער אָרום זיך אָנגע־לויערט אויף אים ווי אַ צעעפנטער שוואַרצער פּיסק פון אַ גיריקער חיה־רעה. דער גראָ פון הימל וואָס איז פריִער געהאָנגען איבערן קאָפּ ווי אַן אויסגעשפּרייטע בהמהשע געפּלעקטע פעל, איז אַצינד צעטראָמפּלט געוואָרן פון אַ קילן ווינטיקן געהייל און אַ הונגעריקן שוואַרץ. ערטערווייז האָט דער הימל זיך נאָך דורכגעליכטיקט מיט כמאַריקע ריסן. ביימער האָבן קאַלע־מוטנע, ממש נאָענט פאַר די שלייפן, געטרישט מיט זייערע צעבייזערטע צווייגן. טייל מאָל האָט אויך אַ העפטיקער געסווישטש אַרויסגעציִשעט פון אַ הימלשפּאַלט, אויגנבליקלעך זיך פאַרמאַכט ווי אַ ווילד חיהש אויג. אַ טרייסל געטאָן דאָס יִינגל וואָס האָט אין דער אויסגעקילטער ליידיקייט אין דרויסן געשטאַרט ווי אַן עלנט קוימענדל אויפן משקולות פון אַן אַלטצעפוילטן דאַך. געכאַפּט אַן אומגערנעם בליק צו יענער זייט בויד האָט ער געהאַט ס׳געפיל אַז אויף אים שטשירעט אַ פּילקעפּיקע אימה מיט דערצערנטע הערנער. אַן אַנדערש מאָל האָט דאָס חשכות געבילט אויף אים ווי אַ הונט, אָט אָ אויף אים אַרויפצושפּרינגען. דאָס יִינגלטשינע האָט דעמאָלט פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין די טראַנטעס; ר׳האָט שוין מורא גע־קראָגן אַרויסצושטעלן דעם בליק. און דווקא אין דעם שוואַרצן איינזינקע־ניש האָט דער קאַשטשיאַל ווי אויף להכעיס זיך געלאָזט הערן מיטן גע־קלאָג פון אַ טשאַטע סאָוועס, פאַרהוילענע אין זיין דראָענדיקן טורעם־חלל. אומגעריכט האָט אויך זיך צעברומט דער תּפילה־גלאָק, אַ צעוויגטער פון אַ ווינט וואָס איז אָנגעלאָפן פון די נאַכטישע ווייטן. אויפגעהויבן זיך אַזאַ ווינט, האָבן אויך לאָדנס פאַרדראָסיק געקלאַפּט אין מידע פענצטער און צעדרינזשעט פּרוכנע סטריכעס פון די פּלאַטשיקע הייזקעס. פאַרטייעט אין קלעפּיקן חושך, האָט קלמעלע מיט פאַרפּרעסטער ברוסט פאַרנומען דאָס סקריפּען פון דער בויד, אַ באַוועגטע פון דער מכשפהדיקער נאַכט.

פּחד האָט געטרייסלט מלכה־צייטלס יִינגל וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אויף עק־וועלט: אָט, אָט וועט דאָס פערד זיך אויפכאַפּן, האָט אים אויס־געדאַכט, פון אַ פייערדיקן שמיץ איבערן רוקן און אונטערשפּרינגענדיק פונעם שאַרפן ברי, זיך לאָזן אין דער אָנסופיקער נאַכט אַריין; עס וועט נאָכאיילן דעם שד וואָס וועט מיט זיינע אָנגעצונדענע אויגן אים אַ ריס טאָן נאָך זיך. ווי אַ ראַפּטעמדיקער פלאַם האָט אויף אים אויך זיך געוואָרפן די דערמאָנונג פון דער באָבען, מיט וועלכער ס׳איז אַזוינס שוין געשען: אין האַלבנאַכט האָט אַ שד אומגעריכט זי פאַרפירט אין מיטן פון אַן איינ־געפרוירענעם טייך. זי׳ט נאָר געהאַט אַרויסגעבליקט פון טאַטע־מאַמעס

שטיבל. מיט אַ פלעמלווונק האָט אַ נישט־גוטער זי געפּירט אין דער פּראַסטיקער נאַכט אַריין און אַזוי אַ, צווישן הורמעס שניי זי אַנידער־געוואָרפן אויפן טייך־דיל, וועלכער האָט אַ ליאַדע־מינוט געקענט זיך איינ־ברעכן פון די וואַסער־שטראָמען וואָס האָבן געבורטשעט אין די טייכישע געדערעם. ס׳איז געשען אַ נס וואָס דער זיידע אין קבר האָט זיך ביי ציטנס געוועקט אויף דעם אומגליק, ר׳איז געקומען אַנצושוועבן זי צו ראַטעווען, קלמנס באָבע ריווע: געגומען זי אין זיינע אָרעמס אַריין, ווי אַ קליין קינד זי געכאַפּט אונטער דער פּאָלע פון זיין לבוש און אַוועק־געשוועבט — — אַן אָפּגעצוואָגענע אין איר אייגענעם שוויס האָט זי זיך איבערגעוועקט אויף דעם היימישן געלעגער. ערשט רייסט זיך דער נישט־גוטער צו אים, צום ווייט־פאַרוואָרפענעם קלמנען. מיט געוואַי קומט ער אַרויס פון דער פינצטערניש. זיין פּרצוף גלאַנצט גלאָזיק־שוואַרץ ווי פאַר־טריקנטער פּעך. אונטער די הויך־פאַרריסענע הערנער פלאַקערן זיינע אויגן מיט פלאַם און רויך, אָט אַ צעברענען זיי זיך ווי שטורקאַצן, די שדישע גלאָצערס. אַ, משוגענערווייז לויפט דאָס פערד, עס פאַרקריכט העט איבער ברייט צעגאָסענע זומפּן און זיי זינקען, ער גופא זינקט בייגאַנד מיטן פערד־און־וואָגן. ווי, די אַנגסטיקייט צערייסט אים ס׳האַרץ, ר׳פאַלט פאַר־חלשט — — מאַ־מע, מאַא־מעעע!

נאָר איין אויגנבליק און ער גיט זיך אַ וואַקל, ר׳דערוואַכט און געפינט קוים אין זיך אַ שפּראָץ כוח. נאָר ר׳זעט קנאַפּ. נאָך אַ גליק וואָס ער באַווייזט אַ קלער צו טאָן וואָס מיט אים איז געשען. אָפּגעניכטערט זיך אַ קאַפּעליע פונעם חלשות, טראַכט ער, אַז ס׳איז דאָך אַ שאָד צו פּטרן ס׳לעבן אין אַזאַ מערכה, אין וועלכער דער יאַרידניק האָט אים אַריינ־געבראַכט. ער געפינט זיך אייגנטלעך אויף דער רייסיקער גאַס ווי אַ הונט אָן אַ בודע. קאַרמיאַל וואָס שלעפּט זיך אַרום איבער די בלינדע וועגן איז אַ ווילדער פאַרשוין אָן אַ ברעקל האַרץ. אַלע זיינע צוזאָגן זענען נישט מער ווי בלאָטע. און ביי נייס נעמט דאָס יינגל טאַמלען פון שרעק. ער זעט איין, מלכה־ציטלס קלמן, אַז דער קאַרמיאַל וועט קוים קענען אַרויסקומען פון דער דאַזיקער וויסטעניש; ער בלאָנדזשעט שוין מסתמא און ר׳ווייסט אַליין נישט פון אַן אויסוועג. ער זוכט שוין דעם מאַרק ווו ר׳האָט געלאָזן זיין בויד און ר׳וועט זי נישט געפינען. און ס׳איז גוט אַזוי. זאָל ער זיך זעצן מיט די פויסטן אין זיין משוגענעם קאָפּ: „ווו בין איך? וואָהין גיי איך ערשט אַצינד! ווי אַזוי זוכט מען זיי, קלמנען מיטן גאַנצן הכל בכל

מיינעם!״ דער ביטערער תענוג פון נקמה האָט סוף־סוף זיך אַרויסגע־קראָגן פון דעם מבולבלן יִינגל:

— אַ מהומה אַף עים, דעם ליגנער. ס'איז פּאַר מאַן עוולה! זאָל ער ערשט זיכן זאַן אייגענעם געביין; גיט, וואָס ר'קען נישט טרעפן צו זאָאַן גאַנצע הוידעדאַראַנאַ! זאָל ער אויך געפּאַאַניקט ווערן און וויסן ווס ס'איז דער טאַטש מיטצינעמען אין וועיג אַראַן אַ מענטש און לאָזן עים אַף הפקר... דער שד ווס ראַאַט אַרים אַף אַ פייערדיקן פערד אין נאַכטישן שטאַרעם, וועט עים אַ פּאַק טון באַם גאַרגל און אַראַנוואַרפן אין זימפּ. נאַ, קוויק זיך, געמיינער פּאַרשוין! צו להכעיס דעם ליגנערישן כמאָל וועט ער, קלמן, זיך אַראָסראַטעווען און בשלום ציריק קימען אַהיים צו דער מאַמען. ר'עט זיך שוין האַלטן באַ איר און זי האַרכן. דעם משוגענעם קאַרמיאַל וועלן אָפּפרעסן די ווערעם פון טיפן געמויזעכץ ווס האָט עים אַאַנגעשלינגען.

קלמעלע שפּירט מער נישט די קעלט וואָס האָט אים געהאָט צענומען די גלידער. צונויפגעדרייט אין די טראַנטעס, ליגט ער אַ פאַרתמטער און די פינצטערניש און דער ווינט הוידען זיך איבער אים.

✶

— נאַ, ווו ביסטו, מלכהס זין?! קאַאַל־מעע!

דאָס קול וויגט זיך פרעמד, ווייטלעך, און קלמן האָט נישט קיין כּוח זיך צו דערנענטערן דערצו. ער האָט זיך מער איינגעקנוילט. קאַרמיאַלס הענט האָבן אים אָבער דערטאַפּט אין דעם הויפן שמאַטעס. ס'יִינגל האָט מיט אַ מאָל דערשפּירט ווי שטאַרקע הענט האָבן אים אַ טאַרע געטאָן. אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט קלמן ערשט אַרויסגעשפּירט ווער ס'האָט געגענט, כאַטש יענעמס צורה איז אים אַקעגנגעשווומען ווי אַ בלייכער פלעק. אויך דאָס קול איז געווען נישט גאָר ממשדיק אַז ר'זאָל עס קענען דערווישן מיטן פאַרשלאָפענעם געהער. אָבער דער שווימענדיקער העלער פלעק וואָס האָט זיך געצייכנט ווי אַ מטושטש פּנים, האָט אומאויפהעריק זיך באַוועגט פאַר קלמנס בליק. אינעם טונקל פון די פאַרוועבטע געהירן האָבן זיך אַקעגן אים נאָך אַנאַנד איבערגעיאָגט אַ פּנים איבער אַ פּנים — אַ קאַראַהאַד אַזאַ וואָס איז גיך פאַרזונקען אין אַ תהומיקער שוואַרצקייט. אין דעם פּחד וואָס האָט דערפון געלויערט, האָט דאָס יִינגל געזוכט פאַר זיך אַן אָנשפּאַר און נישט געפונען. אין דער זעלביקער צייט האָט ער

אויף געהאַט אויסצושטיין אַ שטומען געראַנגל מיט אַ קנייפּן וואָס האָט אָנגעגריפן זיין לייב מיט אומגעזעענע פינגער, וועלכע האָבן לסוף אים אַרויסגעצויגן פון אַן ערגעצדיקער טיפקייט ווו ער האָט פּלוצלינג גענומען בראָדזשען. צעעפנט די אויגן, האָט ער פון ס'ניי געהאַט זיך אָפּצויאָגן דאָ פון אַ קאָנטיקער צורה, דאָ פון אַ שפּיציקן שנוק וואָס האָט אויף אים האַסטיק אַרויפגעטאָטעמט און געשטרויכלט זיין בליק. אַזוי אַרום, אַן אַרויס־געשליידערטער פון אַזאַ קאַלטן חלום, האָט קלמעלע ווידער איינגעגראָבן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און אָנגעהויבן קנייטשן דעם מוח. בינו־לבינו האָט ער געפּרוווט זיך דערמאָנען נאָר וואָס אַוועקגעשווומענס, אָבער איינצייטיק באַגערט מער זיך איבערצוועקן פונעם פאַרבאַקענעם שלאָף־אומשלאָף, וואָס האָט אים אַריינגעוואָרפן אין אַן איבל. אויף עפּעס שווערס האָט געהאַלטן פאַרשאָטן זיין זכרון. ער'ט געגראָבן אין אייגענעם געדע־כעניש און זיך געפּלייסט אַרויסצורופן די געשטאַלט וואָס טראָגט אים ערשט אַנטקעגן דאָס צודרינגלעכע קול: — נאַ, ווי ביסטו, מלכהס זין?... די צורה פון דעם מאַנענדיקן קול האָט זיך וואָס אַ מאָל העפּטיקער צעהוידעט פאַר אים, זיך געוויגט ווי אין לבנה־שיין הייבט זיך אַ שטים איבער אַ מוטנעם אַזיערע־שפּיגל. נו, ווידער איז פאַר אים פירגעקומען אַן אָפּגעמעקטע צורה. דעם יינגלטשינע האָט פון ס'ניי אויסגעוויזן, אַז דאָס האָט די טיפע חשכות אַלצדינג פאַרווישט, גלייך ווי ס'פאַרפליִען פלעוועס וואָס דער ווינט טראָגט אַוועק. ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט קלמן שוין אָפּגעשטויסן פון זיך די האַרטע פינגער וואָס קריכן נאָך אַ מאָל אים קנייפּן. ער האָט געקרעכצט פון טעמפּן ווייטיק און לסוף באַוויזן זיך איבערצוועקן. ער'ט שוין ניכטער דערשפּירט עמעצן נעבן זיך און קאַרמיאַלס „יונג" האָט מיט נייעם אָנשטרענג אויף אים געקוקט, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געשטומט מחמת שרעק פאַר אַ נייעם קנייפּ אין זיין אָרעם, דאָס מאָל האָט עס אים שוין באַגלייט מיט תרעומות:

— יינגלטשינע, ווּס איז מיט דיִער! — האָט אויף קלמעלען ערשט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אויפרייסנדיקער געשריי: — לעיבסט, צי די ביסט שוין אַ יעניקער? עפּן דוס מויל!

— ווע־עער אי־י־ייין?

נישט מיט זיינע כוחות האָט קלמן אַרויסגעקראָגן פון זיך דעם פרעג וואָס איז אים אָט, אָט באַפאַלן אין זיין דורכויסיקער פאַרלוירנקייט.

— דערקענסט ניש...? איך, כיל, כיל קאַרמיאַל... ס'אַראַ פּעיפער די

ביסט! — און ער האָט דאָס פֿאַרשמאַכטע ייִנגל שוין אַ פֿעסטן טרייסל געטאָן בײַם אַקסל.

געגומען קוים, קוים קלאָר זיך דערמאָנען וואָס ס׳געשעט מיט אים, האָט קלמן אויפֿגעריסן די אויגן, אָבער דער חושך האָט זיי געשטאָכן, די אויגן, פֿאַרצויגן ווי מיט שווערע בעלמעס. און פּונקט ווי אַ פּלעמל אַנט־קעגן אַ ראַפּטעם צעעפֿנטער טיר, האָט זיך אין אים צעוואָקלט דער געדאַנק וועגן זײַן געשלאָגענעם גורל; אויף אַ ווײַלע איז אויפֿגעגאַנגען דער פֿאַר־איבל, אָבער באַלד זיך געטוקט, גלײַך דער מוח וואָלט מחמת מידקייט אַראָפּגעלאָזט אַ שטאָר איבער דער איינציקער שויב פֿון זײַן פֿילן און זען. אויפֿגעזעצט זיך צווישן די שמאַטעס און מטושטש אָפּגעוואָרט עפּעס אומ־באַשטימטס; ר׳האָט אָנגעשפּיצט דעם געהער אַקוראַט ר׳וואָלט אינסטינק־טיוו זיך געשטרעקט צו אַן אַנדער וועלט, אַזאַ וואָס איז פֿרעמד דעם הי. לסוף האָט ער זיך צוגעבויגן צו דעם, וועמענס בייזיין ער׳ט מיט אַ מאָל דערפֿילט. יאָ, מיטן געפֿיל אים צו ביסלעך שוין דערקענט, אָלאָ נישט קלאָר. וואָרן ווי בליציקע קראַמפּן האָבן מערערע פּנימער איבער אים זיך געוויקלט און אויגנבליקלעך נישט געוואָרן. נאָך די דאָזיקע שניידיקע אויפֿבראָכן האָט קלמן זיך דערשפּירט ווי ר׳וואָלט פּלוצלינג געבליבן הענגען איבער אַן אָפּגרונט. נשמהדיק האָט ער אָבער באַנומען אַ דריקנ־דיקע ענגעניש צוליבן עלנטן ז י י ן זײַנעם אויפֿן נאַכטישן מאַרק וואָס איז פֿול מיט פּחדים און אומגעזעענע פּלאָטערנדיקע פֿלעדערמייז. נאָך מער האָבן אים געשטיקט די אומריחות פֿון די טראַנטעס, צווישן וועלכע ער שלעפּט זיך אַרום שוין לאַנגע וואָכן אויפֿן שטויב פֿון אומהיימלעכע מערק. אַ נײַ אַנטפּלעקטס איז די נעמלעכע שפּירונג ערשט געלעגן אויף דער שוועל פֿון דעם בחורלס זינען, בעת זײַן גאַנצער מהות האָט זיך פֿאַמעלעכקע געטשוכעט. מחמת דעם האָט אים ניילעך געשניטן אַ ווייטיק גלײַך ר׳וואָלט אומגעריכט געקראָגן אַ פֿאַרטויבנדיקן זעץ איבערן רוקנביין. דערצו האָט די נאַכטישע קעלט אים צעשטאָכן. פֿאַר דאָס האָט אים מערער געצויגן צו די טוכלע שמאַטעס פֿון וואָגן, וועלכע ער האָט שוין געהאַט אויסגע־וואַרעמט מיטן אייגענעם לײַב.

— וואָסי, קלמן? — האָט דער יאַרידניק, ווי אַן אויסגעקלונגענער שאָטן פֿון אַ זשונג זיך אָנגעבויגן צום ייִנגל און אַרײַנגעהיקעט אין זײַן אויסגעהויקערטער פּלייצע:

— דע, דע, האָרכסט?! שפּילסט זיך מיט מ׳ער אין בלינדע קי, צי די ביסט חולה? לאָז הערן אַ וואָרט, אַ ניש — —

אין קאַרמיאַלן האָט זיך אָנגעצונדן דער רויער חי־וקיים וואָס ווייסט נישט פון קיין וואַקלענישן, פון אַוועלכער פּאַרטראַכטעניש. ווען אין אים פלאַקערט אויף דער בלינדער כעס, ס'צינדט זיך אָן אין אים די יוכע, קען ער אויפהייבן זיין שווערע לאַפּע. אין דער איינגעגליווערטער פינצטערניש פון נאַכטישן מאַרק האָט טאַקע באַלד אָפּגעהילכט אַ קלינגיקער פּאַטש. פון דעם האָט קלמעלע זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַן אומגעריכטן זעץ. אַ שאַרפן פלאַם אַזאַ וואָס האָט אויגנבליקלעך אים אָנגעגליט דאָס מוח־שיידל און די אויגן האָבן זיך פאַרנעפּלט. דאָס יינגל האָט דערפון זיך צעצאַפּלט ווי אין אַ פּלוצלינגער קאַנוולסיע, געוואָרפן מיט די הענט און מיט די עלנבויגנס, בלינד זיך געשאַרט איבערן דנאָ פון דער בויד. אין דער אויפ־געשוימטקייט פון זיינע בלוטן, האָט ער אויך גענומען כעסדיק שטויסן מיט די פיס גלייך ר'וואָלט מיט זיי געשלאָגן די פינצטערניש וואָס האָט זיך יאַקאָש געשטעלט קעגן אים מיט העפטיקער ווידערשפעניקונג. אָבער שפּעטער האָט דאָס יינגל זיך צעיאָמערט שוין נישט מיט זיין קול, ווייל ערשט דערשפּירט דעם ברענענדיקן פלאַם פונעם פּאַטש איבער זיין אויער־מושלע. ער האָט ביטער געטאָמלט אין דער מאַרקישער נאַכט אַריין: — אי־אי־י־י־יייי!! — — און האָט קאַרמיאַל צו אים זיך צוגערירט מיט אַן אומגעריכטן גלעט מחמת מיקלאָמפּערשטער חרטה, געפּרווט איבערבעטן:

— „שוין, שוין, קלמעלע! כ'האָב ניש געוואָלט. כ'קען שווערן ביי אַ הייליקן ספר, ווי ניש געוואָלט", — האָט דאָס יינגל זיך מערער צע־צאַפּלט. ליגנדיק אין די טראַנטעס האָבן זיינע אַקסלען ספּאַזמאַטיש זיך געוואָרפן, ער האָט געטופּעט מיט די פיס אין די הויל־אָפּברומענדיקע ברעטער פונעם וואָגן. ר'האָט אויך עקשנותדיק געכליפּעט וואָס האָט טעמפּ אויפגעריסן דעם חושך. אין שפּעטנאַכטיקן מאַרק האָט דעם יינגלס גע־יאָמער פיינלעך געקלאָגט, באַשיימפּערלעך מער ווידערגעשפּעניקט. צום סוף איז ער אַוועקגעפאַלן אין די פייכטלעכע ראַגאָזשעס און מיד, מיטן טרערן פאַרבאַקענעם פּנים, טיף אַנטשלאָפן געוואָרן.

✶

אין דער פרי, ווען קאַרמיאַל איז מיט אַ צעקודלטן קאָפּ האָר אַרויס־געקראָכן פון הינטער אַ שטיק דערע, האָט ער שוין געלאַכט, דער „משו־גענער כיל", ווי קלמן האָט אים גערופן אין זיך. דער מאַרקפאַרער האָט

אויף די קני זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן קלמנען מיט אַ ברייט־אויפגע־ריסענעם שמייכל:

— ביסט נאָך בייז, נאַרעלע? כ׳האָב געמיינט אויף אַ געלאַכטער. אמת, אמת, כ׳האָב אַפילוכע געהאַט דיר מיטגעבערענגט צו פופלען*). איך בין געווען הינגעריק ווי אַ וואָלף, דיר האָבן מסתמא די קישקעס אויך געטאַנצט אַ קאַמאַרינסקע, האָסטו זיך אָבער אָנגעברוגזט אויפן עסן, האָסט ליבערשט געוואָלט זען בעטלערס אין חלום, אַנישט וואָלטסטו זיך ניש געשפּילט מיטן הינגער. אוי, אוי, ווי אַ נאַר שפּילט אויס שלאַכט!

אָפּגעזאָגט וואָס געהאַט אין זינען אין דער רגע, האָט דער מאַרקפאַרער, אַז אָנגעטועטנער אין זיין וועג־באַנדע, ברייט פאַרביגן די פאַלעס און מיט אַרויסגעבאַלטע אויגן געגומען באַדאַכט אַריינצוזיילן זשמעניעס געלט אין דעם לעדערנעם בייטל, וואָס איז הינטער דער באַנדע געווען אָנגעהאַנגען אויף זיין אַקסל. זיצנדיקערהייט אין דער נאָך איבערגעדעקטער בויד, האָט ער איטלעך מאָל פון זיינע קעשענעס אַרויסגעצויגן פּאַפּיר־אַסיגנאַציעס, אויך קופּער־מטבעות און זילבערשטיק, געלאָזן זיי איבערגעציילט און בינו־לבינו אַ צופרידענער געזעדט צום האַרט־אַנטשוויגענעם ייִנגל, אַריבערגייענדיק פון גערייד צו אַ געזאַנגל:

— אָט אַזוי, יונגער־מאַן, נייט אַ שנאַדער: ר׳נייט און נייט אַ גאַאַאַ־אַנ־צעע וואַ־אַך און ר׳פאַרדינט אַ זעקסער מיט אַ לאַאַ־אַך... אין מיטן־דערינען מערער פאַרזשמורעט זיך אויפן געלט און ביי נייס גע־ניגונט: — אָט אַזוי נייט אַ שנאַאַ־אַ־דעער, אָבער אַלץ איינס שלוגט ער די וואַ־אַאַבער — — ס׳איז אַזאַ לידל וואָס אים האָט זיך אומגעריכט אויסגעזונגען, אַלאַ באַלד איז ער אָפּגעטראָטן פונעם ניגונדל וואָס איז אים געווען נאָענט צום האַרץ. ווידער אַ מאָל פאַררוקט די האַנט טיף אין דער הויזן־קעשענע און ווייטער אָנגעאַנגען מיטן ציילן: — דראַ־אַסיק, פערציק — —

שטאַרק פאַרטון אין דעם, האָט ער פון דאָס ניי שפּאַטיש פאַרגלייזט די אויגן, געציילט און צוגעברומט זיך דאָס לידל וואָס האָט קלמנען פאַר־נודעט מחמת ווידערווילן צום פאַרשוין וואָס איז גראָבהויטיק אויך אין זיין געלט־ציילן: „אָט אַזוי נייט אַ שנאַדער”, און געענדערט דעם ניגון: „אַזוי גיי דיִער אין דאַאַן רי אַראַן, געלטעניו. אַכציק, נאַנציק, פינעף און נאַנציק, ערשט נאַ דיר נאָך אַ דראַיער, און נאָך איינעם, איז... פאַרשטייסטו

*) עסן (איראָניש).

מ׳עד, רעדט ער שוין שטילער, מידער און דערנאָך שוין ווי אַן אויפגע־קומענער פון אַ כאַפּעדיקן דרימל: ערשט זאָלסטו זאַן אַנגעלייגט: „כיפּץ, אַראַן אין זאַק, פאַרשטייסטו שוין? מ׳דאַרף ניש זאַן קאַ׳ שמעיה. איז מען אַ שמעיה, ליגט מען אין דר׳ערד מיט די ביינער. די וועלט האָט׳ס ניש ליב״, און ר׳האָט גאָר וואַכעדיק, אָבער שפּאָטיש, אָנגעהויבן רעדן צו זיך אין קאַטאָוועס:

— כיל, כיל, וועסט מיר גליבן? כ׳בין שוין באַלד נישט דרייסט דיך צו דוצן. כילוש ׳עט מען מ׳עך מערטשעם ריפן. כ׳האָף צו גאָט אַז ס׳עט אַזוי זאַן. וואָרן ווי לאַנג איז דער שיעור זיך אַרומצושלעפּן אַ פּענטאַק? וויעלמאָזשני פּאַן קאַרמיאַל, האָסט, כ׳לעבן, דערטאַפּט דעם וישט פון דעם פּאַרעיפּושטן וועלטל. יאָ, יאָ, אַלץ מיט אַנאַנד איז ניש מער ווי דער וישט, האָט געזוגט מאַאַן חכמהדיקער פּעטער פּאַוויש אולעשולעם. פּאַקט דער טאָוול עמעצן באַם וישט, האָט ער באַלד ניש קאַ׳ כּוח צו שלינגען, כאַטש ר׳איז קורח ראַאַך. אַך און וויי צו עים, פּונקט ווי צו אַזוינעם וואָס האָט נעבעך ניש צו שלינגען. ס׳אַ פאַרסרחעטע וועלט אויב מ׳האָט ניש די קלינגערס, פּאַניע קאַרמיאַל!

כאָטש געזעסן אַנטקעגן דעם דרשנער, האָט דאָס בחורל אומבאַוועגלעך, ווי ער וואָלט געווען ערגעץ ווייט און נישט אין דער נמאסער קראָם — זיך צוגעהערט יענעמס שמועסן מיט זיך אַליין. פאַר זיין פּנים האָט ביי נייס זיך געטשאַדעט דער סמיקער הויך פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט, ווען ר׳האָט אַן איינגעשרומפּענער, מיט בויך־גרימעניש פון הונגער, זיך געקנוילט אונ־טערן ווינטיק־שוואַרצן הימל. שווערלעך איז צערונען זיין פאַרדראָס אויפן פאַרשוין וואָס איז מיט אַ מאָל געוואָרן בעל־הבית איבער זיין לייב און לעבן. ביז וויטיק האָט קלמעלען געאַרט דעם שרייערס פאַרריסנקייט; דער חכמהדיקער „שמועס״ מיט זיך גופא, האָט אים געשטאָכן ביזן ביין, ווי עס שטעכט אַ ליאַדע זעמדעלע וואָס קריגט זיך אַרונטער אונטער די וו׳עס. אַצינד איז אים אַ גליק וואָס ער מוז נישט אַנקוקן זיין פּרצוף, ווייל ר׳איז פאַרקאָכט אין געלט־ציילן. מלכה־צייטלס יינגל באַנעמט אָקערשט, אַז אויב ר׳וואָלט אַצינד זיך באַגעגענען מיט דער דאָזיקער פאַרשייטער צורה, וואָלט ער בכיוון זיך פאַרקרימט אויף אים און מיט באַסט זיך אָוועקגעדרייט, מער קען ער אים שוין נישט סובל זיין! דער פאַרשוין וואָלט מסתּמא דערצערנט געוואָרן דערפון, און אפשר זיך געוואָרפן שלאָגן, זיין געמיין מויל וואָלט זיך צעלאָזן ווי ר׳פּלאַצט אַרויס אַלע מאָל אַ צעהיצטער: „פאַרברענט זאָלסטו ווערן, שטינקוואַס. טרוג זעך אופ, כ׳על מ׳עך ניש

לאָזן פירן באַ דער נוז פון אַזאַ נישטאָל. כ׳על דיִעך צעראַאַבן אויב ווערסט ניש אַראָס פין מאַנע אויגן. בראַך הענט אין פיס — —״ ער קאָן אים שוין, דעם ווילדן, אָבער דאָס מאָל וואָלט ער זיך נישט געלאָזט שפּייען אין פּנים אַריין. ר׳וואָלט אים אָנגעשפּיגן אַ פולע צורה און אַנטלאָפן, אַפילו נאָכגעוואָרפן אַ שטיין אין קאָפּ אַריין אַז בלוט זאָל אים רינען איבערן פּרצוף.

— אַ קרענק אָף עים. זיך לאָזן פון אַזאַ כמאָל ?! קלמן האָט זיך נישט געקענט שענקען למאַי ר׳האָט ביז איצט זיך געלאָזט טרעטן פון אים און בשעת־מעשה זיך געביסן די ליפּן. — ר׳עט באַדאַי צו פוס אַנטלויפן פון אים, ביי אַ גוי בעטן אַ שטיקל ברויט, אַבי מער נישט אָנצוקוקן דעם פאַלשן נפש.

אַ פאַרדרענגטער ווייטיק איז אויפגעגאַנגען אין דעם בחורל: ניין, ער הערט גאָאָרנישט וואָס דער פאַרשוין רעדט. ר׳עט זיך מאַכן תּמעוואַטע. שפּעטער האָט די נישט ניחאדיקייט נאָך מער זיך אויסגעקלאָרט אין קלמעלעס געהירן: ס׳איז גוט וואָס די סחורה האָט זיך אויסגעלאָזן אין דער בויד. ער האָט שוין נישט מיט וואָס צו האַנדלען, דער ווילדער יאַרידניק; ר׳וועט מוזן אויפהערן גענאַרן די פּויערים מיט די פּויערטעס מיט זיינע שמאָכטעס וואָס פאַרמאַניען נאָר די אויגן. ר׳עט פון ס׳ניי פאָרן, דער גרוביאַן. זיין משוגעת וועט אים ווידער טרייבן אָנצופולן זיך מיט די בליאַסקעדיקע מצאָצעס. דעמאָלט וועט קלמן שוין נישט זיין אַזוי נאַריש. ר׳וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן.

אינסטינקטיוו האָט דעם יִנגל זיך פאַרבענקט צו אַנטרינען ערגעץ אַהין ווו קאַרמיאָל איז מער נישטאָ. ווייל זיין דעך פאַרסמט די לופט. ס׳עט נישט זיין דער משוגענער וואָס גיט זיך אָן פאַר אַ סוחר, אָבער ער איז נאָר אַ גענאַרניק, לאָזט זיך איבערן לאַנד זוכן נאָר נאַרישע דאָרפסלייט, וועלכע האָבן גערן טשוויטשעדיקע זאַכעלעך, באַדאַי גלעזערנע צי בלע־כענע, אַבי זיי וואַרפן שטאַרקע קאָלירן: רויט, געל, גרין... ער מוז זיך אַוועקדרייען פון דעם פאַרשוין, — האָט קלמן אָפּגעמאַכט ביי זיך, אָבער אַהיים, צו דער מאַמען מיט די ברידערלעך און שוועסטערל, וועט ער אויכעט זיך נישט ווייזן. ער טאָר נישט. די מאַמע וועט אים ווידער טרייבן צו די בעל־מלאכהס, צו וועלכע ער האָט נישט קיין חשק מער, און ר׳האָט נישט קיין געלענק צו זייערע טועכצן. נאָך מער איז אים אומהיימלעך צו קוקן דער מאַמען אין האַנט אַריין זי זאָל אים געבן דאָס קריש ברויט וואָס פעלט סיי ווי שטענדיק פאַר די קלענערע קינדער. אַלע מאָל ווערט

דעם ייִנגל טרויעריק ווען ר׳גיט אַ באַקלער, אַז ער האָט אייגנטלעך נישט קיין היים וואָס קאָן וואַרעמען, ווי אַנדערע קינדער האָבן. דער טאַטע איז ערגעץ געשטאָרבן און די בידנע מאַמע שלאָגט זיך אַרויס פֿון די כּוחות צו קענען זיך אָפּיאָגן פֿון דער ביטערער אביוניִשקייט. גאָר אומגעריכט האָט מלכּה־צייטלס קלמנשי זיך דערטראַכט צום מהות פֿון זיין ייִנגלשן גורל וואָס וואַרגט אים ערשט מיט די קנאַכיקע פֿויסטן פֿון האַרטן עלנט.

מחמת דעם ווייטיק וואָס ער האָט דערשטיקט אין זיך, האָט דאָס ייִנגל גערעדט צו זיך אַליין און דערשפּירט ווי טרערן רינען אים אין דער קעל אַריין.

אין דעם האָט קאַרמיאַל זיך אויסגעדרייט צו אים, אָבער זיין פֿאַר־ריסענער בליק איז געווען פֿאַרענדערט; ס׳איז מער נישט געווען אין זיי דער בליאַסק וואָס שניידט ווי אַ מעסער. דער אַפּוטרופּס זיינער האָט צו אים גערעדט חניפהדיק, קלאַמפּערשט היימיש. ר׳האָט קלמעלען אַפילו אַ פֿאַטערלעכן גלעט געטאָן איבער דער באַק:

— אַ פֿלאַדער דיִער איבערן פּנים, יאַטל! איך ברענג דיִער אַ גע־שמאַקן ביסן און די דרייסט זיך ניש אויס צי מיִער. אַריינגעדרייט זיך אין די לאַכעס און פּופּט. איך וועל זיך אויף דיִער ניש ברוגזן, אָבער די גוידער זיך אָכעט ניש אויף כּילן. כּיל איז אַ נאַש בראַט, ניש קאָ׳ שטאָאָפּער באַלעבוס איבער אַ היימיש קינד. אין אמתן האָב איִעך געהאָט אַ שטיקל טעות אין דיִער, דערפֿאַר ביִנ׳עך אַ רגע געוואָרן אין כּעס. דאַרפֿסט מיִער מוחל זאַן. כּ׳האָ׳ ניש געמיינט דאַאַן שלאַכטס. מאַאַן קליגער קאָפּ האָט מיִעך געשטיפּט... כּ׳האָב געמיינט אַז אַרים אין אַרים קען מע זיך פֿאַרלאָזן אויף דיִער. קענסט פֿאַרשטיין אויפֿן ווינק. ווייסט׳עך, כּ׳בין נאָר אַוועק זיך דערוואַרעמען די בליטן; איך קים צריק (ברייטערט זיך שוין אויס זיין אונטערשטע ליפּ און די גאַמבע ציטערט) — דער יונגער־מאַן ליגט ווי אַ שטיק ליים. נייִן, ר׳ שלופֿט ניש, זעי איך, נאָר ר׳וויל זיך ניש אָסדרייען צו מיִער. כּאַטש האַק און טרען, ער מאַכט זיך גור כּאַמערן און ענטפֿערט ניש אָף מאַאַן ריפֿן און בעיטן זיך: קלמן, ייִנגל, הע־עעערסט?

דער אַזוי ווי פֿאַרגולמטער קלמן האָט זיך אַ ריר געטאָן, גלייך ר׳וואָלט מיט אַ מאָל עפּעס דערהערט און אָנגעשפּיצט די אויערן; ר׳הערט ווי דער בעל־הבית דערציילט וואָס מיט אים איז נעכטן געשען: ער האָט געזוכט אַ קנייפּע און קוים דערווישט אַן אָרט, אַ שטיקל שענק ווו מ׳קאָן עפּעס אָפּכאַפּן, צוריקיאָגן די נשמה. „כּ׳קים צריק, איך רעד, איך ריף — קלמן, קלמעלע, און ניש ער ענטפֿערט, ניש ער לעיבט. כּ׳דערקנאָס עים אין די

לאַכעס, כ׳ראַאַס עים באַ די אַרבל, איך שראַ שוין אַז אַ טויטן קען עס אַפּוועקן, אָבער ער האָט אַוועקגעלייגט דעם הייפּט קרויט, ר׳כאַמערט. ס׳ניש מעגלעך ר׳זאָל שלופן. ניש אַנדערש, ער מאַכט זיך געפגרט. ווי זשע אַנדערש קלערן וועגן אַ ייִנגל אַן עקשן? ביסט׳עך ניש קאַ׳ נאַר... — ר׳האָט זיך פאַרכליניעט מיטן רעדן, דער יאַרידניק וואָס פאַרקויפט שפּינוועבס די חמור־קעפּ וואָס מיינען אַז ס׳איז גאָלד:

— אַוודאי, כ׳גיי דען פאַרלייקענען אַז דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַר־דרייט נאַכטן? כ׳האָב אַראַנגעכאַפּט אַן אמתדיקע כּוסע, אָבער ס׳איז ניש אַזוי שרעקלעך. כיל קאַרמיאַל איז נאָך נישקשהדיק אַ מענטש, מעגסט זיך פאַרלאָזן. ר׳איז ניש קאַ׳ גנידע *). ר׳לאָזט לעיבן פון זיך. קאַרמיאַל האָט נאָך אַ קאָפּ... רעדנדיק ציט זיך אויס זיין גאַמבע און אין די אויגן לויפן אַרום פלעמלעך וואָס בלייבן מיט אַ מאָל סאַמניבוליש שטאַר ווי פאַרטשאַ־דעטע ווייסלעכער. אין מיטן דערינען שטרעקט ער אויס צו קלמעלען אַ האַנט, דערלאַנגט אים אַ פּעקעלע איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר:

— נאַ, נעם כאַטש אַ באַדעיאַנקע. האָסט דאָ אויכעט אַ טעמעדיקע בולקע. — זיין קול נידערט אַראָפּ בשעת־מעשה פון זיין העזהדיקן שטאַפּל, בעט ער זיך שוין. — נאַכטן האָב׳עך דיִער אויכעט געברענגט אַ כּוסע אַנציינעצן דעם גאַרגל, צי דערמינטערן זיך אַ ביסל, נאָר די פּופסט, ניש צו דערראַסן דיִעך. האָב׳עך ניש געהאַט קאַ׳ האַרץ לאָזן דוס אַסוועפּן. כ׳האָב די כּוסע אַליין קאַלט געמאַכט. זעיסט, ס׳פּלעשל וואַלגערט זיך נאָך באַם וואָגן.

צוגעגייגט זיך מיטן פּנים צום ייִנגל, האָט קאַרמיאַל אויף מפייס־זיין אים, פאַרטרוילעך אַריינגערעדט אין קלמעלעס געהירן:

— וועסט זעען, איך בין ניש קאַ׳ שלאַכטער. כ׳האָב נאָר ליב מ׳זאָל מיך פאַרשטיין אויפן ווינק. כ׳האָ׳ ניש קאַ׳ געדילד. אָבער אַ מענטש? צי זיכן אין דער גאַנצער שטוט נאָך אַזאַלכענעם ווי קאַרמיאַל. פאַר אַן אייגענעם קען איך אַוועקגעבן ס׳לעיבן. אסור, כיל איז ניש קאַ׳ באַרימער. איך ברויך ניש צו זוגן ליגנס. ווייל שוין צו פיל געטאַפּט אַ וואַנט. אַפילו באַם אייגענעם טאַטן ניש געלעקט קאַ׳ האַניק. אַרויסגעזוגט דאָס וואָרט, האָט מע באַלד געמיזט האַרכן. די טאַיערע מאַמע האָט ייִנגווייז זיך אַוועק־געפּעקלט. וואַ׳דען, ס׳לעיבן איז ניש קאַ׳ קינדערשפּיל. איך האָב נאָך אַ פּעלער: כ׳האָב גערן אַז אַלץ זאָל געטוען ווערן געיך, איינס־צוויי. — זיין

*) אַ וואָרעם, אַ פּאַראַזיט.

גאַמבע האָט זיך אויסגעברייטערט, די באַקן — אַנגעשאָטנט און ר׳איז מיט אַ מאָל אַנטשוויגן געוואָרן.

ר׳האָט זיך קענטיק מיט אַ מאָל פאַרטראַכט, דער יאַרידניק, אָבער קלמן האָט דערפילט אַ דערלייכטערונג דערפון וואָס עס טראָגן זיך נישט מער קאַרמיאַלס טומלענדיקע רייד. און איבער אַ נייס האָט ער ווי אויף אַ לאַקנדיקן רוף, זיך אָפּגעגעבן דעם יִינגלשן טרוים וואָס האָט פון לאַנג שוין אויפגעטליִעט אין זיין זינען, בכן ער מוז זיך אַוועקלאָזן אין אַן ערגעץ ווו עס איז אַנדערש ווי ביי דעם גראָבן פליגל. ער האָט פיינט אַז מ׳שרייט איבער אים. ביי אַ ליאַדע וואָס צעקאָכט זיך דער מאַרקפאַרער אָדער ר׳ווערט סתם משוגע. דעם פאַרשוין איז נישט צו פאַרשטיין, האָט קלמעלע פלוצטאַלבן אַ טראַכט געטאָן: ערשט קאָן ער זיך ווייזן ווי אַ צערייצטע חיה און אין מינוטן אַרום איז ער שוין מאָדנע האַפּערדיק, גלייך ס׳איז פון אים געוואָרן אַן אַנדער כיל. דעם בחורל איז דערפאַר געוואָרן פיינלעך דאָס געפיל אַז ער שטייט אויפן זעלבן אָרט און מדרגה ווי דער משוגענער טענדלער. ער קען אויכעט אים דערפירן צו משוגעת. ער וועט ביי אים לאַנג נישט אַנהאַלטן און אים איז ווידער קאַפּויער געקומען דער ביינאַכט ווען י ע נ ע ר האָט אים דערלאַנגט דעם הילכיקן פּלעם איבער דער אויער־מושלע. אַ בראָך אויף עים! — האָט דאָס יִינגל אין קלמעלען אויגנבליקלעך ביי נייס אויפגעציטערט. — אַ טאַטע וואָס גיט עסן, זאָרגט זיך פאַר אַלץ וואָס אַ קינד באַדאַרף, וועט זיך אַזוינס נישט פאַזוואַליען. דער איז אַ שווינדלער. ר׳האָט אים אַוועקגעשלעפּט פון דער היים, לאָזט אים הונגערן לאַנגע טעג און וואַרפט זיך נאָך מיט די פויסטן. קלמעלע האָט זיך נישט געקענט שענקען דעם יאַרידניקס חוצפה. נישט גענוג וואָס ר׳לאָזט אים איינעם אַליין זיך וואַלגערן אויפן פינצטערן מאַרק; ווי אַ שטיין גליווערט ער אין די פאַרסרחעטע שמאַטעס פון דער בויד, אָבער ער גופא, דער משוגענער, לייגט זיך אַוועק ערגעץ אין דער ליכטיקייט און ר׳פרעסט, זויפט, אַצינד וויל ער אַנגיין פאַר אַ גוטן, דער כאַמראַץ!

אין דעם יִינגל האָט עס געזאָטן, קאַרמיאַלן האָט ער אָקערשט דערזען מיט אַ חזיר־פּנים און אַן אויסגעפּרעסענעם קיילער־געניק. אָבער באותו הרגע האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אימה, ווייל אַ פאַרצאַפּלטער, האָט אין אים פלוצלינג אויפגעלעבט אַ נאָענטע אַנונג, אַז ער איז געוואָרן שווער קראַנק; אויפן שלאָפן קלמן קאַבריץ וואַרפט זיך שוין דער טויט מחמת דעם אַרומוואַלגערן זיך אַ הונגעריקער אין די מיסטן פון דעם ווילדן הענדלער. די הויט שמאַרצט אים טאַקע פון אַנגעוואַקסענעם ברוד אויף

זיין לייב. ר׳איז איינגעפאַלן פון דער אומציכטיקייט וואָס האָט זיך אָנ־געזאַמלט אין דער בויד, אין וועלכער ער טרייסלט זיך שוין לאַנגע וואָכן, אֶלאָ... בדרך־נס האָט ער זיך דערוויייל אַרויסגעדרייט פון אַלע צרות, דעם חלף האָט ער שוין געהאַט אויפן האַלדז. ס׳איז געשען אַ גליק וואָס אים האָט רעכט אָפּגעצוואָגן די אויסניכטערונג. אָבער ר׳טאָר זיך מער נישט פאַרלירן. און אים האָט געשטאַרקט דער געדאַנק אַז נישקשה, ווי באַלד ר׳וועט זיך נאָר קענען האַלטן אויף די פיס, וועט ער זיך אַוועקרייסן פון דעם צעטראָגענעם יאַרידניק. זאָל דער חזיר זיך אַליין מאָרדעווען ביי זיינע מצאָצעס. נאָר ווי צו אים, דעם חכם קלמן מלכּהַ־ציטלס. ער דאַרף נאָכן פּטור־ווערן פון דעם מאַרקפּאָרער, אויך בלייבן ווייט פון דער היים; ר׳וועט ווידער מוזן זיך וואַלגערן אין דער פרעמד. אַזוי האָט ער אין היץ פון זיינע מוראס וואָס האָבן אָנגעיאָגט אויף אים אָפּגעמאַכט ביי זיך: „איך טאָר נישט זיין דאָרט פון וואַנען איך בין אַנטלאָפן, אַרויסגעגנבעט זיך אויף נישט־צו־ווערן איין מאָל פאַר אַלע מאָל — —״. אָבער אין אמתן נאָגט אים אַ שטאַרקער ווי למאַי ער האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געזען די מאַמע. ר׳וואָלט כאָטש אויף איין מינוט וועלן זיך אַראָפּלאָזן אַהין־צו, אַ קוק טאָן אויף איר און ווידער נעלם ווערן. ריכטיק, איר שטענדיק זאָרגן זיך פאַר זיין תּכלית שטיקט אים נאָך אַצינד. „איי, מאַמע מיינע, — רייסט זיך שוין פון אים אַ וויינענדיק קול — ווי קען איך קלערן פון תּכלית וואָס איז אַזוי נישט אָנגעמאָסטן פאַר אַן אָרעמען יתום, ווייל אַלץ אַרום איז נמאס און דער ביסן ברויט ווערט סם אַפילו ווען ר׳אַרבעט אויף אים אָרנטלעך? ווער האָט אַזוי פיל כּוח צו וואַרטן אויפן קוילעטש פון וועלכן דו חלומסט, מאַמע, אויב ס׳איז נישטאָ צו מאָל דאָס טאָרבעלע קאָרנמעל צו פאַרקנעטן כאָטש די קליינע היימישע דייזשע?!״ פון דעם יִנגלטשינע האָט אומגעריכט שטום אַרויסגעשריגן דער פאַראיבל אויך קעגן דער מוטערס גוטהאַרציקייט. אים איז ביי צייטנס דערפאַר דערעסן געוואָרן ס׳באַקרעכצן זיין קאָפּ און ס׳האָט׳ן פאַרקלעמט דער באַגער גיכער עוקר צו זיין פון דאָ פונקט ווי ר׳איז נעלם געוואָרן פון דאָרט. אַוודאי וועט זיין בעסער אַז אַלע וועלן אים פאַרגעסן ביז... ביז איינעם אַ טאָג, ווען דער אייגענער שכל וועט קענען אים זאָגן, נײַן, אים אונטערטרייבן: שויך, קלמן! ערשט מעגסטו זיך ווייזן אַהין, פון וואַנען דער גורל האָט דיך אַרויסגעשטויסן. אָבער אַצינד, דערוויל? נישט דאָ איז ערשט זיין אָרט און נישט דאָרט ווו עס איז געוועזן קלמן, דער יונג קלמן. אַוודאי איז מער שוין נישטאָ דער קלמנשי פון אַ מאָל.

און דווקא היינט — בעתן הויערן אונטערן פרעמדן, אויסגעבליאַקירטן הימל — האָט קאַרמיאַל דעם יונג געשטאָפּט מיט עסן און מיט זיין גוטסקייט. ר׳האָט אים געבראַכט די פּרעס אויפן וואָגן אַרויף, פון וועלכן דאָס יינגל האָט נישט געוואָלט זיך אַראָפּרירן; פּענעצן ברויט מיט צוואַרעך צוגעטראָגן אים ער זאָל „אַראָנכאַפּן אַ גוטן ביסן״, נאָכטרינקען אַ טעפּל הייס אָנגע־וואָלגע מילעך. מחמת מיטאָמאָליקער געטריישאַפט צום אויסגעדייווערטן יינגל, האָט דער יאַרידניק אין אים אַריינגעשריגן : — נאַ, זויף. פון טריקנס שטיקט מע זיך! נאָר דעם בחורל האָט „נישט געגומען״ נישט קיין עסן, נישט קיין טרינקען. אים האָט געדריקט אַן אומבאַגרייפלעכער אומרו פאַר דעם וואָס ער׳ט ניילעך אַנטפּלעקט אין זיך, דעם טומאַנעם פּחד פאַר קאַרמיאַלן, כאָטש דער איז אומדערוואַרט געוואָרן אַן אַנדערער. אַ כוואַליע פון שרעקן האָט קלמענען אַוועקגעשליידערט פון דעם אָרט, אָבער זיי, די חשודע מוראס, האָבן אים איינצייטיק געפּענטעט.

ווידער דערשפּירט זיך אויסגעשטעלט אויף זיין אייגענער אוממאַכטי־קייט, האָט דעם יינגל זיך פאַרבענקט צום טיף געאַנטן וואָס איז געלעגן ווייט פון דער וואָר. ער׳ט זיך מיט אַ מאָל אַ שטאַרקן הוידע געטאָן אין אַ דמיונותדיקן חלל. אָבער מערער זיך אויפצוהייבן מיטן געדאַנק, האָט קלמענען נישט געקלעקט קיין כוחות. וואָרן אויף עולמות האָט די ערד צוגעבונדן צו זיך סיי דעם מענטש, סיי זיינע חלומות. און אין סך־הכל איז מלכה־ציילטלס יינגל גראָד געגאַנגען דאָס פיפצנטע יאָר.

✶

נאָך לאַנג האָט קלמן זיך געהוידעט אויף קאַרמיאַלס אַרומפאָרנדיקער קראָם. הודזשענדיקע ווינטן האָבן יענעם האַרבסט שטאַרק געוואָיעט איבער די אָפּגעליידיקטע פוילישע פעלדער, וואָס זענען אויך דורכגעווייקט געוואָרן פון קאַלטע, שמייסנדיקע רעגנס. אויף זיין שטייגער האָט קלמעלע טאָג און נאַכט געהיט דעם משוגענעמס פאַרמעג, אָבער ער׳ט שוין נישט אויפגע־הערט, ווי אַ האָז, זיך אָנשפּיצן איבערן אייגענעם דערוועקטן מענטשישן מהות.

„ס׳איז באמת ניש קאַ׳ תכלית אַזוי אַ... ביי דעם משוגענעם כיל וועט ער קאַ׳ לאָאָט ניש ווערן, — האָט צודרינגלעך אין אים געמאָנט און אויך זיך צעפּלעמלט אַ פאַרבאַרגענער רעיון. פאַר אַזאַ לעבעדיקן יתום ווי ער איז, קען מע ניש דערוואַרטן קאַ׳ שום פרייד ביי אַזוינעם, ממילא ניש ברענגען קאַ׳ נחת דער מאַמען וואָס שוואַכט זיך דעם מוח פאַרן נעבעכדיקן אויסקימעניש פון די קליינע קינדערס וועגן — —״

עפּעס דערווידערדיקס האָט זיך צעפּלעמלט אין מלכּה־צייטלס זינדל וואָס איז געקומען אויף קאַרמיאַלס הענט. דערצו האָט דער מוטערס קול, אַ שטראָפנדיקס, טייל מאָל זיך צעהעלט אין קלמנשיס אויפטויכנדיקע געדאַנקען.

נאָך מער האָט עס קלמנען געטאָטשעט, הלמאַי דער יאַרידניק האָט אין האַוועניש פון האַנדל אויף די יאַרידן, אויף אים אויך שוין אַרויפגעוואָרפן דעם עול אַנצוטרייבן דאָס פערד ווען ס'האָט זיך געטראָגן איבער די גרוביקע דאָרפישע וועגן. און ס'איז אויסגעקומען אַזוי אַז דער טענדלער האָט מערסטנס זיך געאיילט. ווייל אָקערשט שטעלט זיך אַ יאַרמאַרק אין דאָמביע און שוין צו מאָרגנס און איבערמאָרגן עפענען זיך גרויסע האַרבסט־יאַרידן אין אַנדערע שטעטלעך; דערנאָך קומען קירכלעכע יום־טובים, רוישיקע פונעם אָנגעפּאָרענעם פויערנפאָלק וואָס ציט מחנותווייז פון די שכנותדיקע פּאַראַפיעס אויסצוקויפן זיך פון די זינד קעגן דער הייליקייט פונעם צלם, וועלכער שטרעקט זיך צו זיי פון די לינדנביימער אויף די דאָרפישע שטעגן און פון די גלאָקן־טורעמס וואָס הייבן זיך אַרויס פון די קאַלעמוטנע פּוילישע יישובים. צו די דאָזיקע מקומות ציט עס קאַרמיאַלן מיט זיין באַוועגלעכער בויד. אומעטום יאַכמערט ער אַרום מיט זיינע בליאַסקענדיקע צאַצקעס און קאָלירקע זאַכענישן. „ער ראַאַסט אַאַן אַ וועלט, דער אָכליאַפּ״ *) — האָט אַ נישט גיחאדיקייט ביי נייס אָנגערייצט דאָס יינגל אויף דעם מאַרקפּאָרער.

— געוווין זיך צו צום פּאַך, קאַלמע. בלויז זיך ציקיקן ווי ס'טראַכט די בהמה, איז ניש קאַ' חכמה. צו ערשט קיק די דעם פערד אין הינטן אַראָן. פאַרלאָז זיך ניש אָף אַן אַנדערן, מיזסט עס קענען — האָט כיל מיט אַ מאָל זיך צערעדט מיט אַ געבייזער. — לערן זיך. אַ יינג מיז זיך עפּעס לערנען, פאַרשטייסט? אָזאַ לאַאַכטע מיתה, מיינסטע צו הובן שטענדיק? און באַלד זיך צעשמייכלט אויף זיינע קלעפּיקע גרויסע ציין. אין אמתן האָט ער נישט געלאַכט, ווען זיין מויל האָט זיך אויסגעקרימט, גלייך עס וואָלט אָט, אָט אַרויספּלאַצן מיט אַ זויער לאַכן. — מיר איז'ס אָכעט ניש גרינג אונגעקימען, און שוין ערנסט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: — זע נאָר, אַ סוחר וויל דוס ווערן אָן בויכווייטיק! וויאָ, ווישטאָ, פּגירה! און תּוך כּדי דיבור קלמנען געשטופּט אין האַנט אַריין די בייטש מיט די לייצעס.

דער יאַרידניק האָט פּלוצלינג כּמעט אויסגעשריגן זיין טעמפּ קלערן,

*) אַ זולל וסובא.

מחמת רוחות האָבן מיט אים געפירט, אָבער פונקט אַזוי גיך ווי עס האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן זיין אומגעריכטע רוגזה, האָט קאַרמיאַל צום יינגל שוין גערעדט מיט אַ קאַלט געלעכטערל:

— ביסט אַ יאָט. ווּעסט זיך אָסראַאַבן און ווערן אַ מענטש, נאָר וואַרט ניש אַז עמעץ זאָל דיִער אינטערהייבן דעם הינטן. הייב עים אָף אַליין. וואָאַז וואָס די קענסט.

קלמן האָט טאַקע שוין נישט געהונגערט ביים „משוגענעם", קיין קלעפּ מער נישט געקראָגן, נאָר אַן אומקלאָרער ווידערווילן האָט אין אים גע־וואַכט, אַ מטושטשער חשד פאַר יעדן קער און ווענד פון דעם ווילדן כיל. אין דעם בחורל האָט ניכטער זיך צעעפנט דער געדאַנק אַז ר'מוז וואָס גיכער נישט־ווערן פון קאַרמיאַלס גוטסן. ער האָט נאָר געגוי נישט באַנומען דעם פּאַר וואָס ער קען אויך אַצינד, ווען דער פאַרשוין וויזט זיך אַ סך בעסער ווי ר'איז געווען, אים מער נישט סובל־זיין. אין קלמנס געהירן האָט רק געפויקט דאָס קול פון אומגיינציקייט צו דעם טומלער, וואָס האָט מיט זיסע צורעדענישן און כיטרע ווונקען אים אַרויס־געפירט אין די אַ וויסטעגישן צום ביטערן ברויט פון אַן אומזיסטיקן משרת. פאַר אַזעלכענעם האָט ער אים אויסגעשטעלט, זיין שווינדלערישער פאַרזאָרגער. בכלל האָט שוין דאָס יינגל איינגעזען, אַז ס'איז ווערעמדיק דאָס רעדן און ס'שמייכלען פון דעם יאַרידניק אַזוי אַז ס'האָט אים געגומען מיגלען פאַר דעם פאַרשוין. — יאָ, יאָ, כ'האָב שוין רעכט דערווישט דעם נפש! — האָט קלמעלע זיך געמוטיקט אויפן צייטיקנדיקן געדאַנק אַז ער מוז פּטור ווערן פון דעם משוגענעם. אין דער דאָזיקער אויסגעקלאָרטקייט פון זיין נייעם זען, האָט ער טאַקע אָנגעהויבן נאָכשפּירן יענעמס טון און רעדן צו די לייט, וועלכע ער ביטרעוועט איבער אין זייערע שלווהדיקע שטילקייטן. דאָס יינגל האָט דעריבער זייטיק געגומען שאַרף פאַרדעכ־טיקן זיין בעל־הבית. ר'האָט געזען, געהערט, און שנײדיק געטראַכט:

...ווי אַ דאַרפישער גנב וואָס איז גרייט אַפילו צו דערהרגענען אַ מענטש אויב ער האָט באַהאַלטן אין בוזעם „אַ קניפּל", לאַכן דעם קרעמערס שפיציקע אויגן צו איטלעכן אַנטעק אַדער אַנטאָשע וואָס קענען נאָר ווערן זיינע קונים. ער טוט כל התפּעלות זיי צו האַלטן נעבן זיך, לאַנג אין זיי אַריינרעדן, איבערציגן אַז ביי אים, נאָר ביי אים קענען זיי געפינען דעם גרויסן אוצר. אַזוינער קען אויך זיך נישט פאַרטראַכטן אויף אַ מינוט, אויב אין אים צעברענט זיך דער כעס. אַן אַ רגע האַרצקלאַפּעניש קען ער אַנשפּייען יעדן אין פּנים און צו מאָל ,נישט ווּיסן' וואָס ער האָט געטאָן.

דאָס משוגעת ט ו ט ע ס פ אַ ר א י ם... ערשט האָט קלמן שוין פאַר־טראַכט עוקר צו זיין פון קאַרמיאַלס גליקן. נו, אים געפעלט סיי ווי נישט דער האַרמידער, אין וועלכן דער כמאָל לעבט אויף ווי אַ פיש אין וואַסער. ר׳שרייט כּלומרשט אַ האַפּערדיקער, כאָטש ער ווייסט נישט אַז אַנדערע לעבערט ער דעם מוח מיט זיין שרייען. אָבער אַלע מאָל הירזשעט ער אין קאַטאָוועסן ווען ר׳דערשפּירט געלט אין זיינע גאַרשקעס. טומאַנע כּוחות שפּאַרן פון אים בשעת ער לייזט געלט, ווען מ׳דערלאַנגט אים קליינגערס פאַר די שמינגע־דעגינגעס, וועלכע ער צעפּירט איבער די דערפער און טויבע שטעטלעך פון דער מדינה. אָבער אַז עס רינט אָפּ דער ליאַרעם פונעם יאַריד וואָס ריזלט אַרום אים, ווערט ער באַלד אויס מענטש; דעמאָלט איז מער נישט צו דערקענען דעם הענדלער. ר׳לעשט זיך ווי אַ האַלעוועשקע. קלמנען האָט אַצינד שטאַרק געאַרט הלמאַי ער איז אַזוי לאַנג געבליבן שטעקן אין סאַמע מיטן פון קאַרמיאַלס געפּאַרעכצן.

ער איז נאָך געווען אַ יינגל מיט אַ דאַרן האַלדז און שמאַלע אַקסלען. פון מאָל צו מאָל האָט זיך אין זיין דערצונדענעם דמיון אויך געפּלאָנטערט די מאַמע מיט אירע אָנמאַכטיק צעשפּרייטע הענט. פלאַטערנדיק מיט הכנעה פלעגט די טוכלע היים זיך יאָגן נאָך אים, אָבער ווייַנען מחמת בענקעניש צו דער היים, האָט אים בפירוש זיך נישט געוואָלט. צו געווין באַדאַרף אין האַרץ אָננעמען אַ שטאַרקע גלוסטונג. קלמעלע האָט שוין אָנגעווירן די קינדערישע גלוסטעניש צו דער היים. אמת, זיין יינגליש האַרץ פלעגט דאָך אָפּט זיך צעפּישטשען ווי אַ קראַנקער פויגל; ס׳האָט פון אים בשמהדיק געטריפט: קאַפּ, קאַפּ, אַזש ערגעץ טיף אין דער ברוסט האָט אַ ברי געטאָן, אָבער ווייַנען? ער וועט נישט ווייַנען און ר׳וועט אויך נישט לאָזן זיך באַוואָלהן פון קיינעם. שוין!! ראַפּטעם האָט זיך צעברויזט זיין געשלאָגענער יינגלשער שטאָלץ, פאַר וועלכן ער האָט נאָך נישט געהאַט קיין נאָמען, כאָטש ר׳האָט שוין דערשפּירט דעם אויסגעצייטיקטן חשק העפּטיק זיך צו פאַרטיידיקן — — אַ נו, זאָל ע ר נאָר פּרווון אים נאָך אַ מאָל אָנרירן: אַזוי האָט מלכה־צייטלס קלמעלע זיך געבונטעוועט קעגן דער אייגענער שוואַכקייט נישט צו קענען זיך אַרויסרייסן פון דאָזיקן געפּענקעניש. ר׳האָט אינסטינקטיוו אויסגעפונען אַז דער עיקר פונעם מענטש א י ז ז י י ן ו ו י ל ן. מ׳באַדאַרף גאָר שטאַרק וועלן דאָס וואָס דער שכל באַגערט, האָט אַ קול אים שטום אונטערגעזאָגט. קלמן האָט דערפאַר אויך זיך געשעמט מיט דער טרערן־גרימאַסע וואָס פלעגט זיך אַריינשניידן אין זיינע באַקן. עפּטערס האָט ס׳געמיט אים זיך געוואָלקנט. צו מאָל האָט ער געשפּירט אַן אומ־

קערפּערלעכן שטויס פון שאָטנס וואָס האָבן אויף אים אָנגעבראַכט אַ שאַרפע קילקייט, אֶלאָ זיין עקשנות איבער זיך גופא האָט עס גובר־געווען. אים האָט, אמת, ערגעץ טיף נאָך אַ גריבל געטאָן, אָבער דעם ווי זיך נישט אונטערגעגעבן. אומעטיקע שליאַכן, נאַקעטעביימער, איינגעקאָרטשעטע, מאַטע כאַטעס אונטער שטרוידעכער זענען אים דעמאָלט אַנטקעגן געשווומען. מיט איינגעשפּאַרטקייט האָט ער זיך געראַנגלט מיט זיין אייגנטלעכער ייִנגלישקייט, מחמת דער שכל האָט זיך ניילעך אין אים געוועקט מיט אַ קלאָרקייט ווי קיין מאָל נישט פריִער: „ר'איז נישט מער קאַ' מאַמעקינד, — האָט ער אין זיך אַריינגערעדט; ער טאָר זיך נישט פּיעשטשען פאַרן גורל, באשר ער האָט אים געלאָזן אויג־אויף־אויג נאָר מיטן האַרטנעקיקן טאָג וואָס ס'איז סכּנות שווער אים דורכצוקומען".

אַלע מאָל האָט פון קלמנען זיך אַרויסגעריסן אַ בריִעדיקער געשריי פון זיין יאָמערלעכער פאַרבלאָנדזשעטקייט. דעמאָלט פלעגט ער אין מיטן סומנעם שליאַך אין זיינע פּויסטן איינשטשעמען די לייצעס, זיי ציִען צו זיך מיט אָנשטרענג און בשעת־מעשה פאַרטרייבן עפּעס אומליבס און אומקלאָרס, אָבער אויך דעם פערד נישט געזשאַלעוועט אַן איבעריקן שמיץ. ווי דערוואַכט פון בהמהשן טראַכטן האָט דאָס באַשעפעניש פלוצלינג גענומען וואַרפן מיט די זייטן, ביינאַנד מיטן וואָגן האָט עס קלמנען תּיכּף אַ הוידע געטאָן אויף זיין שטרויענעם זיץ, פון וועלכן ר'האָט זיך ראַפּטעם אַראָפּגעגליטשט, שיִער זיך צעמזיקט, גלייך דאָס וואָלט געווען פאַר אים אַ וואָרענונג: „זע ווי דו האַלטסט אויף דער וועלט, בחורעץ!"

מיט זיין אויגנבלאָ האָט קלמנשי געשלונגען אומבאַקאַנטע מרחקים וואָס האָבן געפירט צו יאַרידן־רעש, צו קאָשטשיאָל־חגאס, וואַהין פערד־און־וואָגן האָט זיך געקייקלט איבער הויקערדיקע פוילישע וועגן כּדי פון מאָל צו מאָל זיך אָפּצושטעלן ,אויף פאַשע'. אַליין פלעגט ער זיך אָנמאָזאָליען דעם בליק איבער די פריקרע אַרומען פון דער דרימלענדיקער קאָרענער אָרעמשאַפט פון גאַנצע קאַנטן. די מיטלויפנדיקע דאָרפישע און קליינשטעטלשע רחבותן האָבן אים אין פּנים אַריין געבלאָזן מיט צעפּעגטעטער קעלט פון אויסגעבליאַקירטע פליינען, וווּ־נישט־ווּ באַגלייטע פון אומעטיק פאַרטראַכטע ביימערשע אַאַזיסן פאַזע וועג און שטעג. טייל מאָל זענען דעם ייִנגל אויך אַקעגן געגאַנגען פייכט־שפּרייענדיקע נעפּלען. צו דעם אַלעם האָט קלמן זיך שוין געהאַט צוגעוווינט און מיט פאַרטריקנטע ליפּן אָפּט געשמיצלט צום פערד, ווייל אין זיינע קאַלעמוטנע טראַכטענישן זיך געאײַלט צו מקומות נאָך נישט געזעענע, אַפילו נישט געהערט פון זיי.

נישט מיד צו ווערן האָט קאַרמיאַל געמיסחרט מיט זיינע פאַרביק־מיניענדיקע סחורות, געליאַרעמט איבער שטילע געמאַרקן, געוועזן להוט אַרויסצורופן אומגעריכטן בייזווונדער וואָס איז אים עפּטערס ביז גאָר געפעלן געוואָרן אַזש ר׳האָט צו זיך אַליין געזאָגט אין מאָדנעם תּענוג: „איי, וואָס פאַראַ קינצן מ׳קען זיך אויסלערנען שטאַרק נושא חן צו זיין ביי לייט וואָס האָבן דאָאָן פנים נאָך ניש געזען!״ צו מאָל פלעגט ער לשם פריילעכקייט פאַרן איינגעזאַמלטן המון חוזקדיק איבערקערן זיינע אויגן־עמאַליעס אַנטקעגן דאָרפישע גאַפּיעס וואָס האָבן מיט נייגיר געקוקט אויף אים, תּמעוואַטע געהאָרכט זיינע יעלהס. דעם ייִנגלטשינע וואָס האָט זיך מיט אים מיטגעשלעפּט, פלעגט דעמאָלט באַפאַלן אַ ווידערווילן צו זיין ברויט־געבער און ר׳האָט אָפּגעקערט פון אים דעם בליק ווי פון אַ מיגלדיק קריכעדיק באַשעפעניש. קלאָמפּערשט איז ער נישט געווען דערביי, מלכּה־צייטלס ייִנגל, ר׳האָט גאַרנישט געזען, אויך גאַרנישט געהערט. קלמן איז שטיל געזעסן צווישן די פאַלש בלענדיקע זאַכענישן און זיין ראיה געטוקט רויק אינעם בולטן געשוועב פון דער אייגענער צעשפּילטער פאַנטאַזיע. ווי אַ האָז, אָנגעשראָקן פונעם תּמיד לויערנדיקן בייז, האָט דאָס נאָך נישט אונטערגעוואַקסענע מענטשל טאַקע עקשנותדיק אָוועקגעצויגן ערגעץ אַנ־דערשוווּ. ר׳האָט מערסטנס זיך געטרייסט אַז ס׳איז דאָך פאַראַן אַ מקום ווו מענטשן זענען גוט, האָבן ערלעכע הערצער. אַהין צו באַדאַרף ער אָנשפּאַרן. דאָרט וועט דער מאַמעס קלמנשי אויף אַ רעכטן אמת ווערן אַ לייט און פאַרדינען געלט. ד ע ר אַ, מיט וועלכן ער שלעפּט זיך אַרום איבערן לאַנד, איז אַ כליסט, אַ פרעסער און אַ ווילדער שרייער. אַפּנים, ביי אַזעלכע איז אַ תּענוג דאָס טומלען אָן אַ צו וואָס. אים, קלמנען, לעכערט ער דעם קאָפּ מיט זיין רעווען, דער משוגענער טומלער קאַרמיאַל.

קאַפּיטל פינף

שווערע יאָרן זענען אָנגעשטאַנען פאַר מדינת פּוילן. דער רוב ייִדן איז געשלאָגן געוואָרן אויף דער פרנסה, מחמת די שינאה צו זיי איז געוואָרן די עיקר־שפּייז פאַרן שטאַמפּאָלק פון דעם לאַנד. אַ סך ייִדישע הויזגעזינדן זענען שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן אַזש ס׳איז שוין נישט געווען „וואָס

צו לייגן אין מויל אַריין". אין בכּבודיקע היימען האָט מען, אויף צו פאַר־הוילן דאָס מאַוימדיקע געשריי פון די ליידיקע געדערעם, געפּרוווט זיי איינשטילן נאָר מיט זודיק וואַסער וואָס געקאָכט מיטן האַלץ פון בענקלעך און שאַפעס, וואָס אומיסטן צעבראָכן אויף אָנצוצינדן אין קיך אַן אָרעם פייער; אויך האָט מען מבולבל אויפגעזוכט אַ ברעטל, אַ לייסט און אַ קעסטל וואָס ט'זיך פאַרוואַלגערט ערגעץ אין אַ קאַמער צי אין בוידעם. פאַר לייטנס וועגן, זיי זאָלן נישט דערזען די נאַקעטע בידע, האָט מען אויף די פּליטעס געשטעלט קאָכן נאָר טעפּ וואַסער. אַבי פון קוימען זאָל זיך ווייזן אַ רויך און אין שטוב זאָל שטיין אַ פּאַרע, אויב אַ שכן שטעקט אַ מאָל אַריין דעם קאָפּ. ביים רוב־עם האָט מען אַזוי טאָג ב'טאָג בכּבודיקערהייט געצאַנקט, אָבער די פּנימער האָבן אויסגעבליכט און די כּוחות זיך געלאָשן. מ'האָט געפּראַוועט אַפּטע לוויות און די קולות פון קדיש־זאָגערס האָבן כּריפּלע געשניטן די הערצער פון די וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו דער פּיין פון די אייגענע, וועלכע האָבן זיך שוין קוים געהאַלטן אויף די פיס.

יידישע אָרעמע־לייט האָט דאָס דחקות גאָר שטאַרק געדריקט און זיי פאַרשניטן יונגערהייט. פאַרקערט, צווישן ערלים האָט דעמאָלט זיך געוויזן אַן אויפלעב. זיי האָבן זיך געוואָרפן אויפן מיסחר, דערעיקרשט געהאַנדלט מיט עסנוואַרג, אָבער אויך מיט אַנדערע סחורות. גאַנצע גאַסן ווו יידן האָבן יאָרנלאַנג געטריבן אַ האַנדל, זענען מיט אַ מאָל ווי אָפּגעשטאָרבן; די קראָמען האָבן זיך געמוזט שליסן. אויף זייער אָרט זענען אויפגעקומען מערערע געוועלבער פון פאַליאַקן. די ערלים האָבן אין זייער האַנדל זיך סומך געווען אויפן דאָרף. ווער פון זיי ס'האָט געהאַט אַן אָנשפּאַר ביי אַ קרוב אין דאָרף ווו דער קאַרטאָפּל, דאָס הייפּט קרויט און די טאָרבע מעל איז תּמיד פאַראַן. ערלים מיט פלינקערע קעפּ, האָבן זיך שוין געלאָזן אויפן ברייטערן מיסחר: געבראַכט אין שטאָט אַריין גרויסע פורן מיט קאַרטאָפּל, קרויט, בורעקעס, אויך זעק קאָרן און אַפילו גראָב געמאָלן קאָרנמעל וואָס איז ממש פאַרצוקערט געוואָרן. פאַרחושכטע יידישע בעל־הביתטעס האָבן זיך געכאַפּט קויפן דאָס טונקעלע מעל, מחמת ס'איז געווען ווערלוועלער און האָט געהאַט די מעלה וואָס מיט דעם מין מעל האָט מען גיכער געקענט נאַסיטשען די אויסגעהונגערטע מיילער. אין יידישע הייזער האָט מען גענומען קאָכן קאָרענע קליסקעס און אַפילו זיך געקוויקט מיט דער „קלישטשאַנקע", דעם הייסן, מוטנעם וואַסער, אין וועלכן ס'האָבן זיך געקאָכט די קליסקעס וואָס זענען געווען שאַרסטקע פאַרן גומען. יאָ, אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזט עסן, איז געוואָרן אַ סחורה וואָס איז צעפּלאַמט

געוואָרן פון זשעדנע קונים. צו מאָל האָבן זיך גרינג פאַרקויפט איבער־געזויערטע, שוין אונטערגעפוילטע אוגערקעס פון פאַס. אויסגעהונגערטע יידן האָבן זיך געוואָרפן אויף אויף דעם פסולת און טאַקע געגומען דערפון קרענקען. אומגעריכט איז דאָס פויערנוואַרג געוואָרן ד ע ר י ח ס ן פון לאַנד אין דער דאַזיקער פאַרטונקלטער צייט. פויערים וואָס זענען ערשט נעכטן געווען דערשלאָגן פון אייגענער נויט, מחמת זייער פּראָצע איז אויפן מאַרק געווען בזיל הזול, זענען באַלעבעט געוואָרן פון פּוילישע שטאָטלייט, וועלכע האָבן זיך עפּטערס באַוויזן אין דאָרף, אַרומצונישטערן וואָס ס׳לאָזט זיך קויפן. אין אַלע אירע ברייטן איז פּוילן געדיכט פאַרזייט מיט קליינע דערפער, וואָס באַשטייען פון עטלעכע צעוואָרפענע כאַטעס, אַ צאָל סטאָדאָלעס און אָרעמע שטאַלן, אַרומגעצוימטע מיט מיזערנע פּלויטן; פאַראַן אויך גרעסערע דערפער וואָס האָבן אַ צוויי דריי קורצע געסלעך מיט אַ יעזשער און אַ פּיצינקע קאַפּליצע, וואוהין ס׳ציִען אין די זונטיקן ווייטע פויערישע משפחות צום פּאַטשעזש *) וואָס דער גלח פירט אָן אין עלנטן קלויסטערל. אַזוי איז דאָס פויערנפאָלק שיטער צעוואָרפן צווישן פעלדער שוואַרצערדיקע, אויך וועלדער און יעזשערעס וואָס באַלאַנגען צו רייכע פּריצים, די יאַשניע וויעלמאָזשנים, צו וועלכע דער המון איז געווינט זיך פּרום צו בוקן אין הכנעה. מערסטנס איז דאָס פּוילנלאַנד אַ דאָרפיש; די גרעסערע שטעט זענען אָנגעוויזן דערעיקרשט אויפן גערעטעניש פון פעלד, סאָד, טייך און וואַלד. און ווו אַ שטאָט צי אַ שטעטל איז עס נאָר ווי די הויט וואָס איז אַרומגעוואַקסן דעם קערפּער פון די טיף צעוואָרפענע פעלדישע יישובים און פאַראַפיעס. שטאָטישע סטרוזשעס און מויערערס, קאָוואַלעס, שוסטערס, באַנדאַרעס, מעסער־שלייפערס און אויך קריסטלעכע וויבער האָבן ניילעך אָנגעהויבן בלאָנדזשען איבער די נאָענטע און ווייטערע דערפער אויפצוקויפן אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געלאָזן קויפן. ביים טשאַרעק אָקעוויט האָבן די ניי־אויפגעקומענע הענדלערס גיך זיך פאַרקרובט מיט די דאָרפישע לייט, געוואָרן צווישן זיך חברלאַפּ. די גויִישע שטאָט האָט אין אײן שמע־קולינו זיך דערנענטערט צום פעלדמענטש און ביינאַנד האָבן זיי זיך דערפרייט מיט דעם וואָס ס׳איז אָקערשט געשען — ס׳איז פון פּוילן פאַרשטויסן געוואָרן דער זשיד, דער בלוטזייגער און אַנטיכריסט. יונגע פּוילישע פּרוִיען האָבן מיט זיסע שמייכלען און צו מאָל אויך מיט ליבע מער געשטאַרקט אָט די נאָענטקייט. איז דערנאָך געקומען „אַן אייגענער״

*) תפילה.

מיט אַ וואָרצייכן פון דער שיינער העלענקע אָדער גענאָוועפאַ, האָט מען אים אין דאָרף אָנגעשטאָפּט מיט אַלעם גוטן, בפרט אַז ער האָט געבראַכט פון שטאָט מער נייעסן וועגן דעם ווי דער ניעמעץ *) דישעט אויס די זשידעס. אַזוירנאָך האָבן שטאָטישע קריסטן אין זייערע הענט אַריינגע־קראָגן אַלע פּרי־אדמה, אויך עופות, קעז און פּוטער, צו וואָס די שטאָט האָט זיך געשטרעקט מיטן גיר פון שטאַרק אויסגעהונגערט זיין און טאָקע געצאָלט פאַר אַלץ אין טאָג אַריין. ווייל אין קיין געוועלב איז שוין נישט געווען צו באַקומען דאָס נייטיקסטע. דער פּויער האָט זיך שוין נישט באַדאַרפט מטריח זיין צו ברענגען אין שטאָט אַריין די פּרוכטן פון זיין פעלד און גאָרטן און שטאַל. דער שטאָטישער מאַרק האָט שוין באַשטענדיק געפּוסטעוועט אין די געוויינטלעכע טאַרגטעג און דער ייִד וואָס האָט גע־ציטערט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ, איז מיט אַ מאָל אַריינגעשטויסן געוואָרן צווישן צוויי פלאַקערנדיקע פייערן: סיי ער איז געוואָרן געשלאָגן פון פיינלעכן הונגער און סיי ר'איז געווען דער קרבן פון אויפגעהעצטע כּנופיהס גויִיש יונגוואַרג. באַוואָפנטע מיט אייזערנע הענטשקעס און שטעקנס האָבן שקצים, אויך צעלאָזענע גויעס, באַפאַלן ייִדן ווו מ'האָט זיי נאָר געטראָפן. דאָס לאַנד פון דער ווייסל, פון דער וואַרטע און דעם וויעפּזש איז געוואָרן אַ גיהנום פאַרן מין ייִד, כאָטש ס'איז נישט געווען קיין מלחמה מיט פרעמדע חיילות וואָס צערן אויס דאָס פאַריאָכטע פאָלק. און דווקא האָט פּוילן אין יענע יאָרן גראָד געהאַט רייכע גערעטענישן פון קאָרן און פּירות און צוקער און רינדער און שאָף האָבן זיך שטאַרק געמערט. אין לאַנד איז געווען אַ שפע, אָלאָ פאַר ייִדן האָט אָנגערוקט אַן אכזריותדיקער בין־השמשות. דער הונגער און אביונישקייט האָט זיי דערבראַכט צו ייאוש. פון מלאכה אָדער האַנדל האָבן זיי שוין נישט געקענט פאַרדינען דעם פּשוטן פּת לחם פאַר ווייב און קינדער. דער גרויליקער דחקות האָט מערערע אַרויסגעטריבן פון די איינגעזעסענע היימען, מחמת אַ חשכות־וואָלקן האָט זיי געיאָגט און געשמיסן איבער די אומוועגן פון בלינדן גורל. לייט האָבן זיך אַרויסגע־לאָזן איבער דער מדינה זוכן אַ קריש ברויט צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן. פּראָסטע פון פאָלק זענען דערבראַכט געוואָרן צו דער שיפלות פון פּושטי־ייִד אַפילו אין די היימישע ערטער. טייל דערשלאָגענע ייִדן האָט געקאָסט אַ סך געזונט די בושה פון אויסשטרעקן די האַנט צו לייט וואָס האָבן זיי געקאָנט פון קליינווייז אָן. אָבער מער עניוותדיקע האָבן נישט געקאָנט

*) דער דייטש.

פועלן ביי זיך צו לאָזן זיך אויף אַזאַ שפּלן דרך. די חרפּה האָט סוף־סוף מכריע געווען און זיי זענען אויסגעגאַנגען אין די אייגענע ד׳ אמות. אַ סך פון זיי האָט געפּלאָגט דער חשבון אַז מיטן לאָזן זיך אויף בעטל־ברויט, וועלן זיי מבייש־זיין די אייגענע אונטערגעוואַקסענע קינדער וואָס וועלן דערפון ליידן, בעת זיי וועלן דאַרפן אַרויסקומען צווישן מענטשן און אַ שידוך־טאָן. אַנדערע אביונים, געטריבן פון דער נויט, זענען אומ־באַמערקט אַוועק מיטן וועג פון די מדינה־גייערס, וואָס זייער צאָל האָט זיך שטאַרק פאַרמערט. אַן אַליינטרייסט האָבן די דאָזיקע געהאַט אין דעם תירוץ בכן דאָס לאָזן זיך אויף דעם לחם־עניים אין דער ווייט פון דער היים איז אויך מיאוס, אָבער דאָך... דאָס פּנים ווערט נישט אַזוי פאַר־שוואַרצט, כאָטש דאָס האַרץ אַנטפאַלט.

האָבן אָרעמע־לייט געוואָגלט איבער דער מדינה קריעה־בליעה. פון אַ סך קהילות האָבן זיי אַוועקגעוואָגלט, זיך געטראָגן פון ישוב צו ישוב, אויסגעשטרעקט די האַנט צו בני־רחמנים וואָס זענען געשטראָפט מיט אַנדערע נויטן. די שטעטלעך ביי דער בזורע און אַרום דער ווייסל, דער מלכה פון פּוילנס טייכן, האָבן אַנגעקאַציעט דלפנים, פון יאָר צו יאָר האָט ביי זיי זיך געשטאַרקט די דחקות און מערערע יידן אַרויסגעטריבן פון די צעחרובטע היימען. מאַנסלייט האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיט דער טאָרבע צו שאַפן דעם ביסן ברויט דעם טאָג איבערצוקומען און עפּעס־וואָס אויך אָפּצושפּאָרן פאַרן הויזגעזינד וואָס איז געבליבן דאַרן־קוואַרן אין פּזשייטש, סילעוו און באָגעריע. מער בכּבודיקע זענען געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט מיט אַ כּתב פון מרא־דאתרא בכן ר׳ זרח ברב ברוך־מאיר איז נעבעך געוואָרן אַ יורד וואָס מוז בלי נדר ביז חודש ניסן הבע״ל צונויפשאַפן ביי יידן בעלי פּרנסה כ״י אויף הוצאות־החתונה פאַר זיינער אַ בוגרת מיט אַ יונגן־מאַן אַ מופלג בתורה און אַ ירא־שמים, וואָס מקיים צו זיין דאָס איז היינו הך ווי קויפן זיך עולם הבא.

געווען אין וועג אויך משולחים, כאָטש אַליין נעבעך יידן נצרכים, אָבער שטאַרק אָפּגעהיטע אין טון פאַר צרכי ציבור. זיי האָבן זיך אַרויס־געלאָזט איבער דער מדינה זאַמלען געלט פאַר ישיבות, תּלמוד תּורהס, מושבי־זקנים און בכלל פאַר מוסדי קדושה פון פאַראָרעמטע קהילות וואָס זענען אַוועק מיטן רויך אין איין פינצטערער ווינטער־נאַכט נישט צו קענען אָפּראַטעווען די מערסטע שטיבער, בתוכם אויך בתּי־מדרשים, חברות און הקדשים. געליימטע, געברעיקטע און בלינדע זקנים, קוים ניצול געוואָרענע פון דער שריפה אין קלאָדאַווע, וואַלגערן זיך אין אַ שטאַל און זייער נויט

שרייט עד לב השמים. קהל איז נישט ביכולת צו שטילן די פּיין פון דער גאַנצער עדה וואָס אויף איר איז השם ישמרנו געקומען אַזאַ בראָך; נישטאָ דאָרט מער קיין איין ייִדישע טיר זי זאָל קענען אַצינד געבן אַ תמיכה פאַר צרכי ציבור. אויך ניעשאַווע איז האַלב חרוב געוואָרן פון אַ שריפה. ייִדן זענען קוים אַרויס פון דעם אומגליק מיטן נאַקעטן געביין, געבליבן לא עלינו אָן אַ העמד אויפן לייב. דאָס פייער האָט פאַרצוקט איין גאַס נאָך דער אַנדערער און מיטן ווינט זיך נאָך אַריבערגעטראָגן צו די שכנותדיקע שטעטלעך, ס׳רוב כאַלופּעס מיט שטרוידעכער. פון זיי איז מיינסטנס געבליבן האַלעוועשקעס מיט איינגעפאַלענע קוימענדלעך.

צוגעזען ווי ס׳שלעפּן זיך די וואַנדערערס איבער די וועגן, האָט קלמעלען ס׳האַרץ מער זיך פאַרקלעמט, ווייל דער משוגענער קאַרמיאָל האָט פון זיי בכיוון זיך אָוועקגעדרייט נישט צו דאַרפן עמעצן אַרויפצונעמען אויפן וואָגן. און געווען זענען צווישן די דאָזיקע אויך באַיאָרטע ייִדן וואָס זייערע ווייבער און אויסגעשטאַנענע טעכטער זענען געבליבן זיצן אויף אַן אָרט שטופּן־שטויסן די בידע. די מערסטע ווייבער אין די פאַרוויסטע שטעטלעך האָבן גאַנצע זמנים אָפּגעחושכט אין בעל־הבתישע קיכן אין בטחון אַז זיי וועלן זיך דערהאַרן אַ שטיקל נחמה אויסצוגעבן אַ קינד, ווען „דער אַלטער״ וועט מערטשעם זיך צוריקקערן אַהיים. דערווייל האָבן זיי געהאָרעוועט אויף דורכצושוואַרצן די צייט און נישט דאַרפן אום ווינטער פאַרשטייפט ווערן פון קעלט אין היימישן מפּולת מיטן געשפּאָלטענעם דאַך.

אויף די גריבערדיקע פּוילישע גאָסטשינצעס האָט קלמן געזען די וואַנדראָווניקעס פון דער הייך פון דעם יאַרידניקס טרייסלענדיקער בויד. אומעטום אָנבאַגעגנט די זעלביקע כמורנע, ערד־קאָליריקע פּנימער וואָס קוקן אַרויס פון טראַנטעס און בערדיקער אָפּגעלאָזנקייט. מיט געשוואָלענע און אָפּגעדריקטע פיס פון נע־ונדעווען, האָבן בלויז די אויגן ווייטיקלעך אַרויסגעצאַפּלט פון די וואָגלערס. ווינטער צי זומער די פיס געוויקלט מיט שטיקער זאַק און פאַרקניפּט מיט שטריקלעך. מיט קלומעקלעך אויף די פּלייצעס האָבן זיי געשפּאַנט אָן אַ וואוּהין, די קעפּ געזונקען צום פאַרטונקלטן שניי אָדער צום שטויב, אַבי איבערצוקומען נאָך אַ טאָג און אויף נאַכט כאָטש קענען זיך אויסציִען אויף אַ ברעט, אָפּצורוען אונטער אַ דאַך. און איז באַשערט געוואָרן אַ שטרויזאַק פאַרן איבערנעכטיקן, איז עס שוין געווען אַ תענוג פאַרן אויסגעמוטשעטן גוף. זעלטן עמעצער פון די מדינה־גייערס האָט געבעטן קאַרמיאָלן ער זאָל אים אַרויפנעמען אויף זיין וואָגן

פּאַר אַ שטיקל וועגס, צו קענען אַ ביסל אָפּרוען די פיס. קיין זכיה אַריינ־געקומען צו ווערן אין דעם טענדלערס פור האָבן זיי לכתּחילה נישט געהאַט, ווייל קיין וואָגלער האָט אַפילו נישט געהאַט ס׳מזל צו זען דעם מאַרקפּאַרער אין פּנים, כאָטש ער איז אָפט אונטערוועגס. וואָרן ער האָט געהאַט „די גוטע טבע", דער קרעמער קאַרמיאַל, אַוועקצודרייען דעם קאָפּ ווי באַלד ער האָט פון דער ווייט דערבליקט אַז אַזעלכער דערנענטערט זיך צו זיין בויד. ער׳ט אומיסטן אָפּגעקערט די אויגן און אויף צו פלייסן זיך מטריח געווען אונטערצוטרייבן די קליאַטשע זי זאָל „נישט שלאָפן". ער האָט בשעת־מעשה נישט געקאַרגט אַ שטאַרקערן שמיץ מיט דער בייטש: אַ ווישטאַ, פגירה! פּלוצלינג האָט דאָס פערד געמוזט זיך אַרויסשלאָגן פון די כּוחות. דערפאַר האָט קאַרמיאַל קיין מאָל „נישט געזען" אַ וואָגלענדיקן אָרעמאַן. און האָט זיך נישט געשטעלט קיין געשמאַק לייזעכץ אויף אַ מאַרק, איז דער יאַרידניק אויך שווער פאַרזויערט געוואָרן. דעמאָלט איז נישט געווען צו רעדן צו אים. אַ מבולבלער איז כּיל פון אַזאַ יאַריד אַוועק אין גאַנצן פאַרתּמט און געזעסן אין וואָגן מיט אַ צוזאַמענגעדריקט מויל; אַלע מאָל איז ער אונטערגעשפּרונגען ווי פון דערשרעק, ווען די פור האָט זיך אָנ־געשטויסן אויף אַ שפּיציקן שטיין. גלייך אַליין אַ פאַרוואָגלטער, האָט קאַרמיאַלן אין אַזעלכע טעג נישט געקלעקט קיין כּוח אויסצולאָדן זיין ענערגיע. גאָר זעלטן האָט ס׳האַרץ אים שוין אַ צופּ געטאָן ר׳זאָל באַוויליקן צו דערזען אַ נע־ונדניק וואָס האָט אַ פאַרחושכטער זיך געשלעפּט איבער די וועגן. אין אַזוינע מינוטן האָט ער אומגעריכט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ פיבער, אַוועקגעשטעלט זיך אין וואָגן און פון אים האָט אויס־געבראָכן אַ געטומל, אַקוראַט פאַר אים וואָלט זיך געעפנט אַ יאַריד און אַרום ווימלט אַ המון פון פויערנפאָלק:

— העי, למד־וואָווניק! — האָט קאַרמיאַל דעמאָלט אויפגעשריגן, גלייך עמעץ וואָלט אים אונטערגעבריט; אַרויסגעבויגן זיך פון וואָגן וואָס האָט געקומען גיין פּאַמעלעכער, גלייך זיינע רעדער וואָלטן מיד געוואָרן. ר׳האָט זיך אַראָפּגעזעצט מיט אויסגעשטרעקטע הענט, דער טענדלער, און געקומען רופן־ווינקען צו יענעם ער זאָל זיך צואיילן, נעענטער צוקומען. האָט דער וואַנדראָווניק נישט באַוויזן אַזוי גיך אונטערלויפן, איז דער משוגענער אין קאַרמיאַלן שוין אַרויס מיט אַ בייזן, עקבערנדיקן קול: — טיאַ, טיאַ־טיאַאַ, בלייענער פויגל! זע נאָר ווי דאָס קריכט!

מיטן זעקל אויפן רוקן האָט דער אָרעמאַן, אַ דערויאַכמערטער, מיט די לעצטע כּוחות זיך געשטרעקט צום וואָגן וואָס האָט דייטלעך געסקאַוועטשעט

אויף זיינע פאַרטריקנטע אַקסן; דער פאַרמאַטערטער ייִד האָט פאַרט נישט געקענט פאַרגיכערן די טריט מיט זיינע צעקאַליעטשעטע פיס; דער טענ־דלער האָט דערפאַר שוין באַוויליקט אָפּצושטעלן דעם וואָגן און וואַרטן אויפן מדינה־גייער. אָבער קאַרמיאָלן האָט „דאָס קריכן" פון דעם אָרעמאַן באַשיימפּערלעך געקאָסט צו פיל אָנשטרענג, וואָרן רוחות האָבן אים צע־טראָגן. און איז דער נע־ונדניק לסוף צוגעקומען, האָט דער יאַרידניק טיפער זיך אַראָפּגעזעצט אין דער בויד, געמאַכט זיך באַקוועמער און דעם אביון איבערגעלאָזן קוים אַ שטיקל אָרט צווישן די קעסטלעך. איינגעמאָסטעט זיך יאַקאָש דער מדינה־גייער, האָט קאַרמיאָל באַלד גענומען מיט זיינע פּעטע ליפּן שפּריצן סלינע אויפן אויסגעמאָרעטן אורח; ר'האָט גערעדט צו אים ווי צו זיינס גלייכן, אויף דו:

— הער נאַר, אַלטער, גייסט פּין וואַט? יענער האָט אָבער געענט־פערט הכנעהדיק:

— פין וואַט צי ניש פין וואַט, פאַר מידע פיס איז יעדער וועיג וואַט.

— מילאָ, כ'על דיך צי פיל ניש פרעיגן, אַלטער; אָבער טשיקאַווע. אָף לאַנג האָסטע זעך געלאָזט אין וועיג אַראָן? „אַלטער", האָט ער דעם פאַרוואָגלטן ייִדן גערופן, דער פאַרריסענער טענדלער, כאָטש לפּי די יאָרן איז דער אָרעמאַן נאָך נישט געווען אַזוי אַלט ווי אַלט ס'איז געווען די אָרעמקייט וואָס האָט אַראָפּגעווײנט פון אים און איז פיינלעך אָנגעוואַקסן אויף זיין הולך. דערפאַר זיך געפלייסט וואָס ווינציקער צו רעדן מיט דעם בעל־דבר וואָס האָט זיך אויף אים מרחם געווען אונטערצופירן אַ ביסל ביזן נאָענטן שטעטל. קאַרמיאָל האָט אָבער עפּעס אַנדערש געהאַט אין זינען מיטן אַרויפנעמען דעם פאַרוואָגלטן ייִד אויף זיין וואָגן, און דאָס האָט קענטיק אים נישט געלאָזט רוען:

— אַליין ביסטו, אַלטער, צי מיט אַ לעדער? — האָט ער אים געפרעגט און האַרט אים געקוקט אין פנים אַריין.

פון דעם אומגעריכטן פרעג איז דער פאַרחושכטער מענטש שטאַרק מבולבל געוואָרן. נאָכגעקלערט אַ ביסל וואָס דער אַ מיינט, האָט ער זיך פאַרשעמט, באַלד אויפגעהויבן דעם בליק צום בעל־טובה, ווייל ווייטיקלעך דערשפּירט זיין שיפלות; צעמישט דערפון וואָס אים האָט דאָ געטראָפן, האָט ער ווידער אַראָפּגעלאָזן די אויגן. געזען אַז יענער שווייגט, האָט קאַרמיאָל אים אונטערגעמינטערט מיט פאַרריסנקייט:

— ווּס, ס'פּאַסט דיר ניש צו רעדן מיט אַ ייִד פון אַן אַנדער פאַך? ערשט האָט דער אביון זיך שוין דערשפּירט געקרענקט און געענטפערט

מעשה בעל־חוב וואָס איז גרייט נישט צו סילוקן דעם מלווה וואָס אים קומט:

— כ׳האָב ניש ווּס צו זוגן, אויב מ׳רעדט צי מ׳ער אַזוי... אָבער אַ רגע שפּעטער האָט ער מוסיף־געווען: — ווי קימט עס צי אַזוינעם ר׳זאָל פרעיגן צי כ׳בין אַליין צי מיט נאָך אַן עמעץ? אַז כ׳בין מיט מאַאַן קאַפּברעכעניש, דוס קענט עץ דאָך זען, פּאַניע סוחר. אמת, זענט עץ אַ סוחר? — האָט דער דלפון שוין דרייסט געקוקט דעם פּאַרשוין אין פּאַרשייטן פּרצוף אַריין און אויפגעהויבן ס׳קול מיט רוגזה: — איך בין, מיינט עץ, אַ ליאַדע ווער צי סתם אַ שטיק מיסט? פין נחת האָב׳עך זעך געלאָזט אין דער פרעמד אַראָן אויף גאָטס באַראָט?! דער רבונו של עולם האָט מ׳עך געשטראָפט צי מיזן אונקימען צי אַזאַ ביטערן ברויט, אָבער עץ האַלט נאָך ניש גאָט באַ דער באָרד! דער גורל איז ניש אין דעם מענטשס האַנט.

— מ׳וויס שוין די תירוצים. און דאָס דרייט נאָך מיט די צונג. קיקטס נאָר אָן דעם שיינעם ייִד, מוסר גייט ער נאָך זוגן. און גלייב אַזוינעם אַז ר׳איז אַליין אין וועיג. אַליין נעבעך און מ׳עט אים אָנשיטן דעם זאַק, מיינט ער. זוג, האָסט אַ לעדער? כ׳וויס, ס׳איז סמוטנע צו זאָן אין וועיג איינער אַליין דעם מאַנספּערשוין. איך האָב שוין געזען אַ סך דאַאַנס גלאַכן. יעדער איז מיט אַ לעדער. ס׳קען אַנדערש ניש זאָן. מ׳גייט אַרויס פון דער היים אָף אַ גאַנץ יוער צי אָף אַ זמן, מיז מען. וואָל וועיער ע׳ט איבערשווענקען אַ העמד און וועיער ׳עט דערוואַרעמען די געפּרוירענע ביינער באַנאַכט? —

דער פאַרחושכטער ייִד איז געבליבן זיצן געפּלעפּט. ר׳איז מער נישט געווען אין שטאַנד צו רעדן און שווייגנדיק שוין פאַרנומען דאָס סטוקען פון ברעטערדיקן וואָגן וואָס האָט, פאַרנדיק, זיך געוויגט, אויך אונטער־געשפּרונגען ווען די פור איז אַרויף אויף אַ שפּיציקן שטיין און דערנאָך רעשיק זיך געלאָזן איבער דער זאַמדיקער ערד, אַן אַדורכגעקנאָטענע מיט וויספּעס פעלדשטיינער.

ער האָט טרויעריק געשוויגן, ווייל פאַרטראַגן אין סומנע געדאַנקען, אָבער דער בעל־טובה זיינער האָט אים נישט אויפגעהערט צו באַאומרויִקן. דעם אָרעמאַן האָט דעריבער געגומען בייסן דער געדאַנק אַז אַזוינער קאָן אים נאָך אַן עוולה טאָן. ס׳אַ סכנה מיט אַזעלעכן צו זיין אונטערוועגס. ווייזט אויס, אַ הפקרניק. ער איז מסוגל אָפּצוטאָן אַזוינס וואָס אַיעדער דאַרף זיך שרעקן, אויב מ׳איז מיט אים אין וועג. אַזוי איז אויך מיט אַן ערל וואָס בוקט זיך נישט פאַרן צלם אונטערוועגס. ס׳איז אסור צו לאָזן זיך פירן אויף פון אַזאַ בעל־עגלה ווי דער אָ. פון אַ „לעדער", פרעגט ער ביי אים!

משמעות, דאָס מיינט אויף זייער לשון אַ... נקבה. ראַכטיק, טייל מדינה־גייערס פאַרחברן זיך אין וועג מיט אַ ליאַדע אשה אָדער אַ בתולה און זיי גייען שוין ביינאַנד. אַזעלעכע ווערט אויך אַ פלגש צו אַזוינעם. מי־יודע וואָס ס׳קומט פיר צווישן אַזעלעכע. ס׳טרעפט אָבער אויך אַז מאַן און ווייב לאָזן זיך אין איינעם איבער דער מדינה. פון וועגן תּכלית פאַר אַ קינד קען מע געפּרוּווט ווערן אויך מיט אַזוינס אין דער בידע, וואָרן ס׳איז פּיקוח־נפש אַז מ׳זעט אַ טאַכטער נעמט חס־ושלום פאַרזיצן. אַפילו חתן־כּלה טרייבט עס אַרויס פון דער היים. די נויט איז ביי טייל אביונים גאָר אַ האַרבע און יונגע־לייט קענען ביי אָרעמע טאַטע־מאַמען נאָר איינדאַרן. ווייל אין דער אייגענער שטאָט איז בשום אופן נישט צו דערשלאָגן זיך צו אַוועלכן מעמד: סיי ס׳איז נישטאָ צו וואָס זיך צו נעמען פון פרנסה וועגן. אין אַ גרעסערער שטאָט איז גרינגער אָנצושפּאַרן צו אַזוינס וואָס אין קליינעם מקום איז עס נישט שכיח; בלית ברירה קאָן אַ מיידל זיך שטעלן דינען. ווידער דעם חתן־בחור איז מער צו דער האַנט צו וואַרפן זיך צו אַ בילע־יאַקיע טועכץ וואָס אין היימישן אָרט קען ער זיך צו אַזוינס נישט נעמען. דער ילוד אשה מוז זיך ראַטעווען, טון, האַרעווען, אַפילו ווערן אַ משרת, אָבער נישט דאַרפן זיך אָנגיסן מיט חרפּה ווען ס׳קומט אין פּנים אַריין אַ חבר צי אַ שכן בעת מ׳דזשוויגעט *) אַ זאַק קוילן אויף דער פּלייצע און די צורה איז איינגעריסט. די גרויסע שטאָט האָט קוילנבודעס. מ׳פאַר־קויפט אַ קערץ **) אָדער אַ טשוויאַרטקע (אַ פערטל קערץ) קוילן, וועלכע מ׳באַדאַרף אָפּטראָגן דעם קונה אין שטוב אַריין. און פאַראַן גענדזלערס וואָס האַנדלען מיט געשאַכטענע עופות; ביי זיי קען מען טאָן פאַר פרנסה וועגן און נישט מוזן זיך שעמען פאַר אַ היימישן: פליקן גענדז, צעהענגען זיי אויף די האַקנס אין יאַטקע, אויך האַלבירן זיי און צעפּערטלען, ווייל אַפילו אַן אָרעמאַן קען פאַרשמעקן אַ פערטל גענדזנס צו אַ שבתדיקער סעודה. ס׳אַ רוך ***) ביי עופהניקעס אין די „גרויסע האַלעס”, ווו ייִדן פאַרקויפן אַלערהאַנט פליישן און פיש. עולם שיט זיך אַהין־צו אין המונים פאַר אַן ערב שבת און פאַר ימים־טובים. די האַלעס האָבן אַ שם, מחמת פון שענסטן און וואָלוולסטן קריגט מען דאָרט. אין שטאָט אַרבעט מען אַ סך און מ׳עסט, מ׳לעבט בעת אין שטעטלטשינע קען מען בכבוד דאַרן און קוואַרן, אויב ס׳איז נישטאָ דער גילדן. פאַראַן אויך אין כּרך הורט־

---

*) שלעפּט אַ משא. **) אַ משא פון 240 פונט די וואָג.

***) אַ שטאַרקע באַוועגונג פון קונים.

סקלאַדעס ווו מ׳באַדאַרף פּלייצעס צו הייבן אַ זאַק מעל צי אַ קאַסטן זייף. פֿון די שטעטלעך קומען געוועלבניקעס און שפּיליטערס איינקויפֿן סחורות, באַדאַרף מען זיי אויפֿלאַדן אויף פֿורן, טאָ ווער טוט עס? מ׳באַדאַרף דערצו שטאַרקע הענט. שטעטלדיקע קינדער איז דערפֿאַר ליבער צו זיין אין דער גרעסערער שטאָט, דינגען אין אַ סקלאַד אָדער טון אַ מלאכה און זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל מעמד; האָבן אַ ווייב מיט קינדער און אהיימ־ברענגען ס׳וואָכנגעלט. די גרויסע שטאָט איז ווי אַ ברונעם וואָס שעפּט זיך נישט אויס. נעמט דעריבער אַ גלוסט דעם יונגוואַרג צו לאָזן זיך צום דאָזיקן ברונעם. אָלאָ ביז מ׳דערקלייבט זיך אַהין, גייט מען אָפּ מיט זיבן שווייסן. סוף־כל־סוף דערגייט מען צו דער פּרנסה־שטאָט מיטן שליאַך און מיט אומוועגן, אויף וועלכע עס טראָגן זיך קריעה־בליעה אויך כּיתּות מדינה־גייערס. דערשנאַפּט קאַרמיאַל אַזוינעם, פּרוווט ער אים אונטערכאַפּן פֿאַר זיינע טריפהנע גלוסטן. אַזאַ טרעפעניש האָט אַ מאָל מבייש־געווען אַ מענטש וואָס איז פֿון דחקות געטריבן געוואָרן צום נמאסן בעטלברויט: דעם אָרנטלעכן ייד האָט עס שוין געעפּנט ס׳מויל קעגן דעם מחוצף:

— הער נאַר, יונגער־מאַן, — האָט ער אים געזאָגט — מעגסט לפּחות האָבן אַ קאָפּ דרך־ארץ פֿאַר אַ מענטש וואָס איז אַ שעה עלטער פֿון דיר. פֿאַר דאָאַנס גלאַאַכן קענסטו צעלאָזן ס׳געמיינע מויל. מוחל דאַנע טובהס, דו מיאוסקייט! — ר׳האָט אים אָנגעקוקט מיט שינאה און זיך שווער אַראָפּגעלאָזט פֿון דער פֿור.

דעם בעל־נסיון איז, אמת, נישט לייכט אָנגעקומען אויסצומוסרן אַזוינעם. דאָך האָט ער געהאָט אַן אויסקוק ביי אים צו קענען אָפּרוען די פּיס. ר׳האָט אָבער געמוזט מוותּר זיין אויפֿן גוטס פֿון דעם בעל־טובהניק וואָס ר׳האָט אָנגעטראָפֿן אויפֿן סאַמע באַרג מיסט פֿון גאָטס וועלט. ער איז טאָקע געווען אויסגעמאַטערט, אָבער ר׳האָט געמוזט אים אויסשייגעצן און מיט אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ ווידער געגומען שפּאַנען צו פֿוס און געטראַכט אַז בעוונותינו הרבים איז צווישן די אונדזעריקע פֿאַראַן נאָך גענוג פּסולת. שטאַרק באַטריבט האָט דער אביון זיך געשלעפּט צו אַ נייעם פֿרעמדן ישוב, כּאַטש מיטן זעלביקן וועג האָט זיך געטראָגן אויך די בויד פֿון דעם יאַרידניק מיטן טמא מויל. אַוודאי, קאַרמיאַלן זענען נישט געקומען אויפֿן זינען קיין איידלקייטן. געזען אַז אַ נע־ונדניק איז נישט אין יכולת אים צו דערלאַנגען איבער דער נאָז פֿאַר זיין חוצפּה, האָט ער דעם אָרעמאַן נאָך אָנגעכליופּעט מיט אַ שעפּל גראָבע רייד. מיט זיין אויפֿגעריסענער

יאַפּע*) האָט דער טענדלער אַ כּליניע געטאָן אויף אים אַן איבלדיקן שטראָם היץ פון זיינע אינגעווייִדן אַרויס:

— גאָטס גנבֿ! אַליין, זוגט ער, איז ער אין וועיג! קיקטס עים אין פּנים אַראַן. ר׳פּאַרדרייט די אויגן, דער הייליקער ייִד! איִעך בין אָבער ניש קאַ׳ פּינטשעווער ווי מ׳לעיבט רק פין פיטערמילעך. אַ צדיק זענט עץ, הע? וואָבערניקעס זענט עץ אַלע, אויך די קאַפּאָטניקעס, די פּרימיטשקע וואָס לאָזן זיך אָף דער יערגע**); אָבי מ׳קען ענק ניש, טיט עץ כּל דבר אסור. ערשט ווילט עץ אופּקימען פאַר די זינד, הע? אופּרעכטן גלות? אַל דוס בייז איז אין ענק. מ׳קען שוין גיט די בוימל־פ...ס! אַלע, מיינען זיי, זענען נאַראָנים. מילא, ווער ס׳קאָן זיך ניש אָף ענק, ר׳גיט נאָך געלט, ר׳מיינט ער טיט אַ מיצווה, אָבער מיִעך ווען אַזאַלכענע ניש פאַרדרייען. האָט עץ אַ לעדער, אַ שטיקל סחורה מיט אַ גלאַנץ — וואָרן קאַ׳ תּעניתים קען אַ מאַנספּאַרשוין לאַנג נישט טראַאָבן אָן אַ נקבה; האָט עץ — איז גיט, קענט עץ באַנאַנד זיך אַרויפזעצן און ס׳עט זאָאָן אַ לעיבן, מ׳עט אַ הנאה הובן. האַ, האָאַ, ברענגט זי צי, ׳עט עץ ראַכטיק אָפּדעכען. אויב ניש קאַ׳ לעדער, גייטס ברענגען משיחן. איך האָב צאַאָט צי וואַרטן אָף עים אין לאַנקעשין, ווען ס׳שטעלט זיך אַן אָטפּוסט.

דער מאַרקפּאַרער האָט צעקראַטשעט דאָס מויל איבער וועלכן ס׳האָט דין, שווארץ אָפּגעציטערט די שיטער באַוואַקסענע אייבערשטע ליפּ. און תּיכּף האָט די פור, שוין אַן וואַנדראַוויק, ווידער האַסטיק זיך אַוועק־געקייקלט איבער דער פּוסטלעכער פונאַנדערגעשפּרייטקייט פון די פּוי־ערישע יִישובים.

✶

אויך אין די ווייטע דערפער און שטעטלעך ווו ס׳זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן יאַרידן האָט קלמן זיי געזען, די ייִדישע מדינה־גייערס אין אַן אַנטועכץ ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אַרויסגעקראָכן פון הקדש: צעקנאַדערטע, געלאַטעטע און פאַרסאַרגעטע, לאַנג נישט געוואַשענע. דער שטויב פון די וועגן און פוילע אומציכטיקייט פון אַרומוואַלגערן זיך, האָט אויף זיי אַרויפ־געטאָן די מראה פון פריִער זיקנה, כאָטש אַ סך פון די נע־ונדניקעס זענען נאָך געווען יונג אין יאָרן. זיי האָבן איבערן לאַנד פונאַנדערגעטראָגן דאָס

---

*) אַ ווילד מויל.

**) דאָס גיין פון אָרעמעלייט איבער דער מדינה בעטלען.

שטומע געוויין פון מאַטערנדיקן דחקות וואָס פאַרצערט פריצייטיק מענטש־לעכע לעבנס. ס'איז אָבער געטאָן געוואָרן פאַר זיי גרויסע חסדים אין דעם אויסגעצערטן יידישן קיבוץ פון דער ווייסל־מדינה. אין די שטעטלעך האָבן יידן אויפגעהאַלטן צדקה־חברות, הקדשים און אין טייל קהילות זענען אַפילו געווען חברות פאַר הכנסת אורחים וואָס האָבן איטלעכן נצרך וואָס איז געקומען פון דער ווייט, געגעבן אַ תּמיכה פון עטלעכע גילדן, אויך אַ וואַרעם געלעגער פאַר אַ נאַכט־צוויי, אָנגעזעטיקט מיט אַ מאַלצייט און פאַר נאַכט יעדן נאָך געטיילט אַ היפשע פאַרציע ברויט מיט הייסן געזיסטן טיי. מיט די טיי־האַלעס און גאַרקיכן האָבן זיך מטפל געווען די נכבדי העיר מיט זייערע ווייבער און טעכטער, וועלכע האָבן אַליין באַדינט די אָרעמע־לייט. די טיי־האַלעס זענען געווען אַן איבערבלייב פון די צייטן, ווען דעם קייסער ווילהעלמס חיילות האָבן מלחמה־געהאַלטן מיטן צאַר ניקאָליי און די נויט אין פוילן האָט זיך צעפלאַקערט. פאַראָרעמטע יידן האָבן געמוזט זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין זוכן אַ ביסן ברויט להחיות את הנפש. גאַנצע משפחות, אויב זיי זענען נאָר געווען אין שטאַנד צו שפּאַנען צו פוס, האָבן ביינאַנד מיט זייערע קליינע קינדער און זקנים זיך אַרויסגעלאָזן אין די ווייטע קאַנטן, ווו ס'איז געווען צו קריגן ס'שטיקל ברויט. וואָרן ס'זענען געווען שטעט, ווו דער הונגער האָט מוראדיק גע־בושעוועט צו גלייך מיטן בראַנד פונעם פלעקטיפוס, וואָס האָט איטלעכן מעת־לעת פאַרשניטן אָנצייליקע נפשות — פון גרויס ביז קליין. דעם פויער האָט מען אָפּגעגילדט פאַר אַ זעקל קאַרטאָפל, פאַר אַ טאָרבע מעל צי קאַשע. ס'איז געשען אַזוי, ווייל איבער אַלע עקן לאַנד זענען די פעלדער געווען צעראַיעט פון די הונדערטער טויזנטער זעלנער, וואָס האָבן אין ווילדן געראַנגל מיט די אַרמייען פונעם שונא צעטראַטעוועט די פוילישע ערד און זי פאַרברענט מיטן פייער פון זייערע האַרמאַטן. דאָס פויערנפאָלק האָט נישט געאַקערט, נישט געזייט און דער הונגער האָט במשך יאָרן זיך אויסגעבעט אַ ברייט געלעגער, ממילא האָט די נויט האַרטנעקיק אונטער־געקאָסיעט אַ סך לעבנס להוטע צו טרינקען ס'ליכט פון די הימלען און געניסן די ריחות פון די צייטיקע פעלד־לאַנען און גאָרטנבייטן. אַ ביסן ברויט איז געווען מיט גאָלד צו גלייך. אַפילו דורכויסיק פאַרדומפּעצטן קליינן האָט מען געקויפט און פון אים געבאַקן קוכנס, וואָס זענען פאַר די אויסגעהונגערטע געווען ווי די מעדני מלך, און אויך פאַר אַזוינס האָט מען געצאָלט אין טאָג אַריין.

אין די שטעטלעך וואָס זענען געווען אַרומגעגאַרטלט מיט פרידלעכע

פעלדער, איז יאַקאַש נאָך געווען צו קריגן ס׳שטיקל ברויט, כאָטש דער יעקע, דער דייטשישער מושל, האָט אַל דאָס עסנוואַרג ווי אויך בהמות און עופות „בעשלאַגנאַמט״, צוגערויבט, און אין גרויסע טראַנספּאָרטן אַרויסגעפירט אין זיין פ אַ ט ע ר ל אַ נ ד. דאָך האָבן לייט אין די אַ שטעטלעך מער זיך אַן עצה געגעבן. בעקערס האָבן געבאַקן ברויט פאַרן דייטשישן געביטער, אָבער פאַר איין וועגס געקענט אויך אַריינשמוגלען זעק מעל און געבאַקן געהיים און אויך טאַיעמנע (פאַר גוט געלט, פאַרשטייט זיך) פאַרקויפט ברויט צווישן אייגענע און באַקאַנטע. מ׳האָט טאַיעמנע געבאַקן, אַפילו מצות פאַר יידיש קהל, ווען די צייט האָט׳ס געפאָדערט. מ׳האָט לאַנג אָנגעהאַלטן די טייהאַלעס פאַר אייגענע אָרעמע־לייט, ווי פאַר מדינה־גייערס וואָס זענען אויך שפּעטער געקומען פון די חרובע וויטן. ס׳האָט גענומען גאָר לאַנג ביז יידן האָבן, נאָך די ביטערע מלחמה־יאָרן, געקענט זיך אויסהיילן פון דער שווערער מחלה וואָס רופט זיך ד ל ו ת. שוין נאָך אַלע סכנות פון פריערדיקן פייער־געפעכט איבער שטעט און דערפער, האָבן לייט נאָך געוואָגלט איבערן לאַנד, געלעבט פון בעטלברויט. ערשט דעמאָלט האָבן חשובי העיר דאָ און אַנדערשוו ביי נייס געשאַפן צדקה־חברות, פאַרשריבן בעלי־בתים פאַר מיטגלידער צו צאָלן חודשלעכן מס צו קענען העלפן די עניים ואביונים פון די מרחקים וואָס ווייזן זיך נאָך אַלץ אין שטאָט אַריין. אַזוי זענען אין שטעטלעך ביי נייס אויפגעקומען אַ „חברה תומכי אורחים״, „חברה עזרת אחים״ און „לחם לעניים״. אין מערערע עדהס האָבן די צדקה־מוסדות געהייסן פשוט ע ז ר ה. אין פיאַנטקע וואָס צווישן אַזאַרקאָוו און לענטשיץ האָבן די בעלי־בתים זייער חברה אָנגערופן „פת לחם לעניים״. די בעלכאַטאָוער האָבן זייער צדקה־חברה געגעבן אַ נאָמען „בית אברהם״, אַ בולטער רמז אויף אברהם אבינו ז״ל, וואָס איז כידוע געווען אַן אויסנעמלעכער מכניס־אורח. ער פלעגט זיך אַוועקזעצן אין דרויסן אַרויסקוקן אויף אורחים, כדי זיי מהנה צו זיין מיט דער גאָב פון זיין הויז. אויך די פיאַנטקער פשטנים האָבן זיך אָפּגעגעבן דער מיצווה פון הכנסת־אורחים. האָט אַן אורח פון צווישן די אָרעמע־לייט געדאַרפט אויך אַ נאַכטלעגער, ווייל די ווינטערדיקע פינצטערניש איז פרי צוגעפאַלן און די מענטשן האָבן נישט געקענט זיך לאָזן אין וועג אַריין; דעמאָלט האָבן די בעלי „בית־אברהם״ אים אָפּגעטראָטן זייערע אייגענע בעטן, מחמת קיין הקדש האָט די קליינע עדה נישט געקענט אויפהאַלטן. אין עניוות האָבן די בעלכאַטאָווער זיך געדונגען צווישן זיך, ווער עס זאָל האָבן דעם זכות צו האָבן דעם אורח ביי זיך אויף קעסט און נאַכטלאָג.

מִלב מלא האָבן די בעלכאַטאָוועד ווי די פּיאַנטקער געטאָן ערלעך זייער טוּונג פון אויסשטרעקן אַ האַנט צום נויט־באַדערפטיקן.

חיים ווישליצער פון דער חברה „פּת לחם לעניים" האָט געהאַט גאָר אַ גוטן שם צווישן די נע ונדע אביונים וואָס האָבן לאַנגע זמנים זיך נישט געביטן אין פּיאַנטקע; זומערצייט פלעגן אַהין קומען אַלע מאָל די זעלביקע אָרעמע־לייט, אָבער ווינטער האָבן קיין פּיאַנטקע פאַרבלאָנדזשעט אַנדערע פּושטי יד. און געקומען זענען די אָרעמע־לייט נישט ביינאַנד, נאָר צו צוויי אירע אָדער דריי. די פּיאַנטקער האָבן דעמאָלט אויפגעהאַלטן די אורחים עטלעכע טעג, פון זייערט וועגן אַליין אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער קלייבן געלט און די מידע געסט געלאָזן זיך גוט אויסוואַרעמען ביי די היימישע הרובעס. פאַר נאַכט האָבן די טובי העיר מיטגענומען די פרעמדע אין בית־מדרש צו מנחה־מעריב, כדי זיי זאָלן זיך שפּירן אַ ביסל אינדערהיים מיטן עולם וואָס קומט זיך צונויף סוף־טאָג אין מקום קדוש. דאָס ברענגען די אורחים אין בית־מדרש אַריין איז געווען די גוטע המצאה פון ר' חיים ווישליצער. דאָס דאָזיקע צוזאַמענגיין מיט די אָרעמע־לייט אין בית־הכנסת איז אגב געווען אויך אַ מין קבלה אויפן צונויפגעקליבענעם געלט פאַר די ווינטער־אורחים אין שטאָט. עולם איז טאַקע געווען צו־פרידן צו הערן „אַ וואָרט" פון דעם און יענעם אורח. פאַר דאָס האָבן טייל בעלי־בתים איטלעכן פון די אורחים אויך מיטגעגעבן צידה־לדרך, אַ לאַבן ברויט, אַ היימיש קעזל וכדומה. אין די זומערדיקע וואָכן איז דער מין מדינה־גייערס געווען מער אַנזעעוודיק און קהל האָט זיי עפּטערס געזען פּנים־אל־פּנים. די נכבדים האָבן נישט באַדאַרפט זיך מטריח זיין אויפ־צוקלייבן פאַר זיי די פאַר זלאָטיס. זיי זענען נעבעך אַליין געגאַנגען אויף די טירן און איטלעכער האָט דעם אָרעמאַן דערלאַנגט זיין נתינה מיט אַ ברכה: „דער אייבערשטער זאָל העלפן עץ זאָלט מער נישט דאַרפן אָנקומען צו דעם ברויט!" טייל האָבן די אורחים נאָך אַהיימגעבעטן אָפּ־צועסן אַ מאָלצייט ביי אַ בעל־הבתישן טיש — —

ס'איז טרויעריק צו פאַרציילן, אַז שוין יאָרן נאָך דער פאַרצוקער־ישער מלחמה, וואָס האָט פאַר יידן געבערענגט אַ סך ווייטיק, האָבן אַ רוב לייט, פריערדיקע שיינע בעלי־פּרנסה, נעבעך נאָך געמוזט אָנקומען צו דעם לחם צר, ווייל זיי זענען שוין נישט געווען בכוח זיך צו שטעלן אויף די אייגענע פיס. יאָ, דאָס איז געווען אַ סך שפּעטער נאָכן בלוטיקן חשכות; אָרעמע־לייט האָבן, אמת, זיך שוין נישט געטראָגן מחנותווייז איבער די פּוילישע וועגן, אַזוי פיל זיך נישט געוואַלגערט אין הקדשים און אין קאַלטע

פויערישע סטאַדאָלעס, געשטאַרט צווישן סנאָפּעס שטרוי און אין די לאַנגע עלנטע נעכט דורכגעווייטיקט זייער פאַרלוירנקייט. ווי פּלוצלינגע כמאַרעס אין דושנעם זומער האָבן אַזעלכע זיך נאָך אַראָפּגעלאָזן איבער שטעטלעך, מיט די אויגן אויסגעשפּירט ווו ס'זענען פאַראַן יידן בני־רחמנים. און אומעטום, ווו קאַרמיאַל האָט אונטערוועגס באַגעגנט די דאַזיקע, האָט ער געזוכט אויסצוניוכען צי ס'געפינט זיך „אַ לעדער" מיט די מדינה־גייערס, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך דורכגעוואָרפן אויך ווייבספאַרשוינען, להוטע נאָך אַ זאַטן ביסן און אַ נאַכטלעגער. אויף גאַנצענע נעכט פלעגט דער „משוגענער" פאַרשווינדן פונעם וואָגן וואָס איז געווען זיין הויז און זיין מאַיאָנטעק. ווי באַלד דערשפּירט עפּעס, האָט ער אַלצדינג מפקיר געווען און ממילא פאַרגעסן אויך קלמעלען, וועלכער האָט ביים טענדלער זיך דערשפּירט ביז גאָר פאַרלאָזן.

האָט זיך נאָר פאַרענדיקט דער בייטאָגיקער האַנדל אין דער רעדער־דיקער קראָם, איז קלמן על פּי רוב געבליבן אַליין, אויג־אויף־אויג מיט דער אַראָפּגעזונקענער נאַכט און אירע אָניאָגנדיקע שרעקן. בלויז דאָס הירזשען פונעם פערד, אַ צוגעבונדנס צו אַ קלאָניצע פון דער פור און ס'קרעכצן פון די רעדער, וואָס זענען געשטויסן געוואָרן פון נאַכטישן ווינט, האָבן אים אַרויסגעטרייסלט פון די מוטנע טראַכטענישן. אַזוי האָט דאָס בחורל אין דער שטיל זיך צוגעוווינט צו כּעסן זיך אויפן בעל־הבית, וואָס אַחוץ משוגעת זיינעם, איז ער געווען אויך „אַן אַרומלויף, אַן אויס־וואָרפלינג", ווי דאָס יינגל האָט אים אָנגערופן בעת זיינע אויסבראָכן פון פאַראיבל. — ער האָט נישט קיין זיצפלייש, — האָט קלמן גערעדט צו זיך. — ווי באַלד ס'איז נישטאָ קיין לייזעכץ, טראָגט עס אים אַוועק. „לעדערס" איז ער זשעדנע. שטענדיק לויפט ער ווילד מיט די פאַרשייטע אויגן, ווען ר'דערזעט אַ ז״, אַפילו ווען זי איז ווייט פון דער בויד. זיינע גלאָצערס באַוועגן זיך איבער איר, כאָטש ער הייבט זיך דעמאָלט אויף ווי אַ סטראַ־שידלע. און קומט צו אַזעלכע אין אַ ברייטער וואָלענער ספּאָדניצע און דער קאָפּ איינגעקניפּט אין אַ סיצענער פאַטשיילקע, פון וועלכער ס'קריכט אַרויס נאָר אַ שטיקל נאָז מיט פּעטע באַקן, מעסט ער זי אויס מיטן הייסן בליק און גיט אַ כּלאחר־ידיקן ברום צום יינגל אין דער וואָגן־קראָם:

„ביסט אַ מבין ס'אַראַ שטיקל סחורה דאָס איז?" און ר'פּאַרמישט תיכף זיין ברוסטיקן זאָג צו קלמנען, מיט אַ גויִישן סקאַצלקומט פאַר דער דאַזיקער:

— יאַק שע מאַטשע, מאַטולאַ? דאָוונאָ ניע ווידזשאַלעם שאַנאָוונאָן

פּאַניאָן! (וואָס מאַכט מען, מאַמעלע? כ׳האָב שוין לאַנג נישט געזען די חשובע בעל־הביתטע).

...קלמעלען האָט פאַרפייניקט זיין אַרויפגעצוווּנגענע אַליינקייט, ווען אים איז אויסגעקומען אין אַ פאַרוואָרפענעם מקום איבערצונעכטיקן אויפן וואָגן צווישן די טויט־שווייגנדיקע, גלאַנציקע זאַכענישן וואָס קוקן אַרויס ווי מיט בעלמע־אויגן פון די שורשנדיקע גראַכאָווינעס. כמעט שטענדיק איז ער אויף דער נאַכט געבליבן דער היטער פונעם יאַרידניקס פאַרמעג אין אַ פרעמדן מאַרק און אויך דער שומר־חינם פון דער אומהיימלעכקייט אין פריקרען דרויסן. וואָרן תמיד איז דער בעל־הבית נעלם געוואָרן „אַראָנצוכאַפּן אַ קאַפּעלע וואַרעמקייט". אַזוי פלעגט ער זיך אַ מאָל פאַר־ענטפערן, ווען ר׳האָט שפּעט ביי נאַכט זיך אַריינגעלאָזט אין דער בויד און מיט פאַרויסגעשטרעקטע הענט לעפּיש געטאַפּט דעם חושך, ווי ר׳וואָלט געזוכט ווו צו שטעלן דעם טראָט.

ערשט נאָכן צוריקקערן זיך אויפן וואָגן אַרויף, אונטער דער פאַרצוי־גענער דאַך־פּלאַנדעקע, ווו ס׳האָט זיך געוויקלט אַ שיטערע פינצטערניש, האָט קאַרמיאַל אָנגעצונדן דעם בעל־עגלהשן לאַמטער וואָס הינטער אַ קיילעכיקן דראָטענעם געפלעכט. ער האָט דעמאָלט גענומען כיטרע וואָרפן ממזרישע רייד צום יינגל מיטן האַלב־פאַרמעקטן פּנים, אַן אויסגעוואָל־גערטס אויפן שמאַטיקן געלעגער:

— שלופסט? גיט, ווּס די ריסט זיך אויס, כאָטש ס׳איז אַ טראָפּעלע סמוטנע. נאָר נישקשה, וועסט אָכעט מיטגיין מיט מיר. כ׳על דיִעך מיט־נעמען. אָבער מיזסט נאָך אַ ביסל אונטערוואַקסן. ׳עסט זען, כ׳על האַלטן מאַאַן ציזוג. כיל איז אַ מענטש. אַ וואָרט איז אַ וואָרט. ס׳עט קימען די צאַאַט... אָבער ער האָט זיך נישט באַגנוגנט נאָר מיט רייד. קאַרמיאַל האָט ראשית כּל דעם יינגל דערלאַנגט אַ פּרעס צו טאָן, אויך אַ טרונק מיטגעבערענגט. דאָס אים באַלד געגעבן און מוסיף געווען: — ווייס אָכעט פין אַ לעיבן, קלמנשי! דאָס יינגל, אַן אָנגעדראָדלטער, האָט זיך אָבער אַ ריס געטאָן און נישט געוואָלט צו מאָל קוקן אויפן אפּוטרופּוס׳ גע־ברענגעכץ:

— לאָזט מיִעך! איך וויל ניש! ר׳האָט עס כמעט אויסגעשריגן און פון בעל־הבית אָפּגעקערט ס׳פּנים. אין אויגנבליק איז קאַרמיאַל צעטומלט געוואָרן פון דעם יינגלס שאַרפן ווענד. צו מאָל האָט אים גערירט דאָס אייגנגעפיל וואָס ר׳האָט אין דעם העלפער דערווישט אַן אייגענעם, ווען „מ׳דאַרף נישט האַקן אונטער דער צונג". אָבער ער איז פון דעסטוועגן

נשתומם געוואָרן פון דעם יינגלטשינעס ווידערשפּעניקן. פּאַרקוקט זיך אַ ווײַלע אויף קלמעלען, האָט ער פאַרלוירן געשמייכלט אין זיין זייט און שוין געפּרוּווט אים איינעמען מיט אַ ווייך וואָרט:

— נעם, קלמן! ביסט אַ גוטער יאַט. כ׳האַלט פון דיר. ס׳עט ווערן אַ מענטש פון אַזוינעם וואָס פאַרשטייט צו וואָס מ׳האָט אַ קאָפּ. איך וועל דיך מיטנעמען צי אַ לעדער אַכעט. נאָך אַ קאַפּעלע געדילד. ווילסט אַזוי, ווי כ׳זוג? און זיינע פאַרשייטע קוקערס האָבן אַ שפרונג געטאָן איבערן יינגלס צורה, פון וואָס קלמעלעס לייב איז צערינצלט געוואָרן.

קלמן איז שוין געווען געוווינט צו וואַלגערן זיך איינער אַליין אין די לאַנגע אויפדערנאַכטן אויפן וואָגן; איצט האָט ער זיך אָפּגעקערט פון דעם נמאסן פאַרשוין, גלייך ער וואָלט אים אָן ווערטער אָפּגעענטפערט מיט זיינע שפּיציקע אַקסלען:

„מוחל טובות!”

נישט קיין לעדערס, אויך נישט קיין אַנדערע גילדענע גליקן קאַרמיאַלס האָבן געלאָקט דעם יינגל וואָס האָט זיך דערשפּירט אָפּגענאַרט. אָן באַהעלטערלעך האָט קלמן שוין אַרויסגעוויזן ווידערווילן צו דעם כמאָל (אַ נייער צונאָמען וואָס ער׳ט אים געגעבן אין זיין יינגלשן צאָרן), מחמת ער האָט מיט ערמה אים אָפּגעריסן פון זיין היימישער נעסט ווו אַלץ יעלהט באמת פון נויט, אָבער זי איז אים דאָך ליבער, די דאָזיקע היים, ווי די כּלומרשטע נאָענטקייט פון דעם יאַרידניק. ער זעט עס ערשט אַצינד, ווען ער באַמבלט זיך אָן איבעריקער אין דער מיגלדיקער ליידיקייט צווישן אַ בלעכענעם הימל און דער פינצטערער ערד, פון וועלכער עס בלאָזט אַ צופּנדיקע קעלט. אין דעם מעמד איז ער נישט מער ווי אַ זלידנער אָפּברעקל וואָס ווערט ווי שטויב געשליידערט פונעם ווינט. דערפאַר האָט ער זיך שוין רעכט דערטראַכט, דער קליינער זון פון מלכּה־צייטלען, וואָס ער האָט צו טאָן אין זיין אומבאַהאָלפנקייט: ער וועט אַנטלויפן, אַוודאי. ר׳מוז אַנטלויפן. וואָרן אין אים האָט שוין טריב זיך צעוואָקסן די שינאה צו דעם פאַרשוין, וועלכער האָט ביי אַ ליאַדע וואָס געקענט אויף אים זיך צעשרייען אָדער גאָר פלוצלינג צוואַרפן אים אַ פאַרשייטן ווונק וואָס ער באַנעמט נישט אַלע מאָל זיין אייגנטלעכן מיין. אמת, דאָס יינגל האָט אין תּחילת אויך נישט באַנומען הלמאי סע גריזשעט אים אַזוי פּראַסטיק די הויט ווען ר׳הערט קאַרמיאַלן רעדן און עס בריט אים אָפּ דער קוק פון זיינע גיך זיך קאַלערנדיקע שליפּיעס.

אין קלמנען האָט היפּשלעך זיך געהאַט דורכגעבערענט די שינאה צו

דעם, וואָס האָט מיט האַסט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיין לייב און לעבן; ער האָט אָנגעהויבן אים זען אַנדערש ווי אין אָנהייב, איידער ר׳האָט זיך געלאָזן מיט אים אין דאַזיקן ווילדן וועג אַריין: „אַט אַ בער! אַ פרעסער, אַ שרייער...!״ דאָס יינגל האָט אין האַס געקריצט אויף אים די ציין, אין געדאַנק אים אַפילו געביסן, ווי ער האָט געביסן זיינוול קאָזעס יינגל, בעת יענער איז אים באַפאַלן שלאָגן און געפרוווט פון אים אַרויסרייסן אַ גלאַנציק מעטאַלענעם קנאָפּ מיט אַ קריינדל וואָס ער, דאָס קליינע קלמעלע, האָט אויפגעהויבן פון דער ערד און געוואָלט באַהאַלטן אין קעשענע. — „ס׳איז מאַאַנער, דער קנאָפּ — האָט דעמאָלט געשריגן מאָטל קאָזע. — איך האָב אים פריער געזען, ר׳איז מאַאַנער״, האָט יענער זיך געעקשנט, אָבער קלמעלע האָט אים גיכער אויפגעהויבן און געגומען אַריינרוקן אין קעשענע. זיינוול קאָזעס יינגל האָט זיך געבאַרעט מיט אים, אָלאָ ער איז בייגעקומען מאָטלען. קלמעלען איז געוועזן אַ שאָד דער שיינער קנאָפּ און ר׳האָט מיט די ציין זיך איינגעביסן אין מאָטלס האַנט אַזש בלוט האָט זיך באַוויזן אויף דער הויט. אַזוי, האָט ער אַצינד געטאָנט, וועט ער נאָך אויסלאָזן זיין כּעס צום משוגענעם כּיל וואָס איז דערצו אויך אַ מגושם און אַ שלעכטער. ער טוט אַלץ מיט אָנשטעל און מיט זיסלעכע רייד וואָס מאַכן יענעמען אַלץ ביטער. ר׳טוט אַלץ, אַבי נאָר אָפּצונאַרן. ס׳האַרץ האָט מיט אַ מאָל גענומען קלאַגן אין קלמנשין הלמאַי ער האָט אומזיסט געהאָפּט זיך אויס־צומענטשלען ביי דעם אָ. אין צער דערפון האָט קלמן ערשט איינגעזען אַז נאָר אַזעלכער ווי דער כמאָל, האָט אַ קאַנטיק פּנים ווי אַן אומגעהובלט ברעט און אַ פלאַטשיק־ביינערדיקע נאָז וואָס דערמאָנט אָן אַ מאַלפּע. ס׳אַ מיגל צו קוקן אויף אים, — האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך; מיט חיהש בלוט איז דורכגעזאַפּט אַזעלכער און דאָס גליט אַרויס צו מאָל פון זיין בליק.

*

שוין מערערע מאָל האָט קלמן געמאַכט זיך נישט הערן וואָס קאַרמיאַל רעדט צו אים. אָבער דער בעל־הבית האָט נישט קיין געדולד צו וואַרטן מ׳זאָל אים ענטפערן. באַלד נעמט ער ברענען. ער שטשירעט אויפן יינגל מיט זיין ברייט־צעפאָרן מויל, צו מאָל פאָכעט ער מיט דער ביקישער פויסט איבער קלמעלעס שטערן: „היט זיך, זניידאַק! אָדער דו וועסט זאָן אַ מענטש אָדער אַ...״ ר׳האָט נישט פאַרענדיקט דאָס אַ זאָגן, אָלאָ ס׳מויל האָט זיך אים אויסגעקרימט און באַדעקט מיט אַ גאַווער. דער פאַרשוין

האַט קלמעלען געפּרעסן מיט זיין אויגנגלי און זיך אַוועקגעדרייט מיט אַ בערישן ברום.ביים יינגל איז ווידער קלאָר געוואָרן פאַר וואָס די שינאה האָט זיך אין אים אויסגעצייטיקט קעגן זיין אַפּוטרופּוס. ר׳האָט אים פיינט געקראָגן פאַר דער היים וואָס ער׳ט ביי אים צוגערויבט — ר׳האָט זיך אויך געכּעסט פאַר דער צרה וואָס ער׳ט פאַרשאַפט זיין אָרעמער מאַמען, וועלכע האָט אַ באַנומענע אים אַרומגעזוכט, אין שרעק פאַר אַן אומגליק, וואָס קען היינטיקע צייטן טרעפן מיט אַ יידיש קינד וואָס איז אַן השגחה פון טאַטן; די מאַמע קלאָגט און וויינט וואָס אירע קינדער זענען נעבעך לעבעדיקע יתומים און ס׳ציטערט אין איר דער צער למאַי זי׳ איז טאָג ב׳טאָג פאַרקאַפּעט צוליבן נעבעכדיקן שטיקל ברויט. קלמנען האָט אָפּט זיך געחלומט די מאַמע ווי זי גייט אַרום אַ פאַרצווייפלטע, רעדט מיט טרערן פאַר די שכנים וועגן איר יינגל וואָס איז פאַרשוווּנדן גאָט וויס וואַהין. מ׳הערט זיך דען אַן ווינציק ווי ציגיינערס כאַפּן קליינע קינדער און שלעפּן זיך אַרום מיט זיי איבער דער וועלט, מאַכן זיי פאַר קונצנמאַכערס אָדער פאַר גנבים — — ?

די דאָזיקע שפּירונג איז אין דעם יינגל אויפגעקומען ווי אַ דאָרנדיקער שפּראָץ וואָס האָט דורכגעשטאָכן זיין גאַנצן מהות. וואָס ווייטער, האָט ער מער פיינט געקראָגן דעם מאַרקפּאַרער. ס׳איז געווען די שינאה פון דער־וואַכטן מענטש אין קלמעלען דעם פאַרבלאָנדזשעטן יתום, פאַר דעם אויס־געקלאָרטן בענקען וואָס האָט ווי אין אַ נעפּלדיקער טונקלקייט אַלע מאָל שאַרף אַרויסגעשטאַרצט פון זיין האַרטן שווייגן, ווען ר׳איז געבליבן פּנים־אל־פּנים מיטן כמאָל כיל קאַרמיאַל; אויך האָט אין אים גענאָיעט ווי אַן אייטערנדיקער בלאָטער דאָס נאָגנדיקע וואָרטן פון זיינע קליינע ברידערלעך אויפן פענעצל ברויט וואָס די מאַמע האָט זיי מיט דעם קיין מאָל נישט געקענט געוועגענען. אָלאָ ער, דער גרעסטער, האָט שוין אין פּיין באַנומען, אַז אויך ער איז מחויב זיך צו זאָרגן פאַר זיי, פאַרדינען געלט פאַר זייערט וועגן, צו קענען קויפן מער ברויט אַז זיי זאָלן אויף אַן אמת ווערן זאַט. דאָס דאָזיקע טראַכטן האָט אָקערשט האַסטיק זיך אָנגעהויבט אויף זיין צעקרענקטן געמיט.

פאַרנורעט צווישן די ראַגאַזשעס און שמאַטעס פונעם וואָגן, האָט זיך ניילעך אין אים דערוועקט אַ שווערער אומרו און דאָס בחורל קלמן האָט דערפילט אַן אומגעריכטע קנאה צו די פאַרחושכטע מדינה־גייערס, באשר זיי זענען נישט געבונדן פון אַזוינעם ווי ער. דער „משוגענער” האַלט אים אין זיינע לאַפּעס ווי מ׳האַלט אַ הונט אויף דער קייט. כאָטש זיי האָבן נישט

מיט וואָס דעם טאָג דורכצוקומען, זענען די אָרעמע־לייט פריי, קענען גיין וואָהין זיי ווילן, שפּאַנען אין אומבאַקאַנטן וועג ביז פאַר זיי ווייזט זיך אַ פלעמל אין פעלד צו ס׳גענענט אַ יישוב. אויף זיי וואַרט יאַקאַש אַ מענטשלעך ווינקל. און זיי ווערן אויך אַ מאָל אויפגעריכט פון רחמנות, מ׳גיט זיי אַ מאָלצייט, אַ וואַרעם געלעגער און הערן אפשר אַ האַרציק וואָרט. אַזעלכע קען אויך טרעפן עפּעס הייטערס, אַ שמחה אין אַ שטעטל. דעם וואַנדראָווניק פאַלט דעמאָלט צו אַפילו אַ שמייכל פון פרייד, כאָטש ס׳איז נישט זיין פרייד — — געטראַכט דערפון האָט אין קלמנען אַ פּישטשע געטאָן דאָס האַרץ וואָס האָט שיער־נישט זיך צעוויינט. אין אַזאַ רגע האָט ער בפירוש אָפּגעפילט אַז ערגעץ אַנדערשוווּ, ווייט פון דעם מגושמדיקן יאַרידניק, וועט אים זיין בעסער. סוף־כל־סוף וועט ער מוזן דערגיין צו אַ תכלית, פאַרדינען געלט אַז ס׳זאָל זיין גענוג פאַר אים און אויך פאַר דער מאַמען. די מאַמע זאָל נישט דאַרפן אַזוי פיל בידעווען.

קלמנס אויגן האָבן זיך זיס פאַרוועבט: ער׳ט אין גאַנצן זיך אויפ־געלייזט אין אַ מיטאָמאָליקן דרימל, געשטרעקט זיך צו דער וואַרעמקייט וואָס האָט זיך געוויגט איבער אים, געגלעט מיט לאַקנדיק לופטיקע פינגער:

— קים, קים, זינעשי, אַהיים!

דער מאַמעס קול האָט ציטעריק וויברירט אין אים.

קאַפּיטל זעקס

ווי אין חלום האָט קלמן לסוף זיך געגרייט צום ווייט אומבאַוווסטן, וואָס האָט אין דער טונקל אַרויסגעשפּראָצט פון זיין גאַנצן מהות. טיף זיך איינגעהאָרכט אין אַן אינעווייניקדיקן רוף וואָס האָט וואָס אַ מאָל שטאַרקער זיך צעהילכט אין אים און זיך צעגליט. ער האָט אַנגסטלעך זיך געוואָרפן אין חלומות, אין וועלכע ער׳ט זיך אומגערן אַריינגעפּלאָנטערט ווי אין אַ תהום. טייל מאָל האָט דער „משוגענער״ אים אַ טאָרע געטאָן: „דע, ווּס איז דיִער? מיט וועמען רעדסטו אין דער פינצטערניש, בעת ביי טאָג קען מע פון דיִער קאַ׳ וואָרט ניש אַרויסקריגן?״

— גור ניש, כיל, — און ווידער זיך איינגענורעט אין די ראַגאָזשעס, כדי מער נישט צו הערן רעדן דעם אַ. אַפילו זיין קול איז אים דערווידער!

...ער האָט סוף־כּל־סוף עוקר־געווען פון דעם טומלערישן יאַרידניק, קלמנשי מלכּה־צייטלס. ער'ט אין זיך גובר געווען דאָס ווערעמל וואָס האָט אים לאַנג געטאָטשעט. ס'האָט אים אָבער אויך געשטויסן די מורא פאַרן הונגער וואָס קאָן ווידער שלאָגן זיין לייב, ווי פריִער אים מוטשען מיט בויכקראַמפּן און קאָפּ־מישעניש. דער דאָזיקער פּחד האָט קלמנען געהאַלטן אין דער פונאַנדערגעשפּרייטער נעץ פונעם מאַרקפּאַרער אַ גאַנצן דושנעם זומער, אַ לאַנגן פריקרען הארבסט און אויך אַ פּיינלעכן ווינטער, אָן אָנגעפּעלצטן מיט הויכע שנייען און פריריקע, בייזע זאַווייעס. ערשט שטעלט זיך אַ נייער פרילינג, אַלץ וועט נעמען בליִען און דאָס ציטערט שוין אויס אין אים מיט אַ הויכן פיבער: אָט, אָט וועט ער זיך אַרויסרייסן פון די דריקנדיקע פּענטעס, ווי אָפּגעמאַכט ביי זיך נאָך לאַנגן קלערן און פלאָ־נעווען, אָבער תּיכּף האָט ער זיך פון ס'ניי דערשראָקן פאַרן שפּרונג וואָס אָקערשט ציטיקט ער אויס. יאָ, ס'איז נאָר אַ הרף־עין דערפון, ער וועט באַלד־באַלד זיך אָפּקערן פונעם וואָגן, אויסוועפן ווי אַ שאָטן אין דער אָנטרעטנדיקער טונקלעניש. אָך, ווי אַזוי וועט ער זיך טאַקע קערעווען נאָכן נעלם ווערן, זיך אויסבאַהאַלטן און דורכקומען קודם די ערשטע נאַכט — געווען שוין פאַרטיק מיטן רעיון ממשותדיק צו אַנטרינען און איז פון ס'ניי באַפאַלן געוואָרן פון זיין יִינגלשער שוואַכקייט: „ווי קען ער אַצינד, אַ מבולבלער פונעם קוים־קוים דורכגעלעבטן, ווידער אָנהייבן זוכן אַ בילע ערגעץ, בעת אין דרויסן איז נאָך סוף־ווינטער, מיט דער אָנגע־פרוירענער נאָז און פאַראָפּיעטע אויגן? ס'אַלץ נאָך נישט קיין זיכערע פּאַגאָדעס. אָט, דאַכט זיך, הייבט זיך אויף אַ נייע ווילדע שניי־זאַווערוכע. אָבער אין גיכן וועט זיך באַווייזן פריש בליִעכץ, יונגע גרינס וועט אַרויס־שפּאַרן די קעפּלעך, אַלאַ דערוויילע? דערווייל איז נאָך די זון אַ שטיפ־מוטערישע, אָן אומזיכערע מיט זיך אַליין..." דאָך איז אים שוין ערגער, אַ סך ערגער — שפּירט ער, ווייל סוף־כּל־סוף האָט ער נישט געקענט זיך בייקומען און שוין געמאַכט דעם סכּנהדיקן שפּרונג, וואָרן צו לאַנג שוין זיך געקווענקלט, געצאַפּלט מיטן גאַנצן לייב און לעבן: אויב נישט אַצינד, טאָ ווען דען? און ר'האָט עוקר־געווען, ר'שפּירט שוין נישט נעבן זיך דעם הויך פון דעם משוגענעם קאַרמיאַל. אין אמתן איז אים ערשט אַ קאַפּעלע ערגער! ער איז שוין צווישן הימל און ערד וואָס אויך זיי זענען נאָך נישט גאַר קלאָר אין זייער מעמד. און דאָס הענגט אָקערשט איבער זיין קאָפּ! וועלן זיי שוין נישט ברענגען ווייטערדיקע ווינטן, ווי מעסערס אָנגעשאַרפטע ווינטן אָדער גאָר קאַלטע פליי־צרעגנס? אוי, ווי שווער סע

קוקט נאָך די גראָקייט פון הימל און דער אָוונט איז נאָך ערנסט קיל. ער קען נאָך כאַפּן דעם אַמתדיקן ציטער, דער גיבור קלמן קאָבריץ, וואָס די מאַמע איז אים געווען אַ שטער פּאַר זיין קלוגן קאָפּ. אָבער מאָדנע: צו מאָל דאַכט זיך אים אַז ר׳איז נאָך אַלץ נישט אַוועק פון משוגענעם כיל. אים גייט־נאָך זיין ליאַרעמען, עס רייסן אים די הויט קאַרמיאָלס וואָרענישן: „האַרכסט? ס׳ניש קאַ׳ צאַאַט צו דרימלען. מ׳מיז זיך גרייטן. מאָרגן גאַנץ פּרי ׳עט מע דאַרפן זאַן אויפן מאַרק אין וואָלבעזשיץ, זונטיק איז שוין אַטפּוסט אין סאָסנאָווקע. אַ, אויך דאַבזשעלין סקראַבעט מ׳ער דעם מוח. באַלד עט מען אַראַנראַמפּלען קאַ׳ דאַבזשעלין. סגאַיעס פין דער באַנ־סטאַציע און פין דער ציקערפאַבריק גרייטן זיך שוין צום יורמאַריק און קאַרמיאַל מיט זאַן געזעלן שלופן ווי נוך אַ הייסער בוד. געררט זאַל ווערן, יינגערמאַן מיטן אַלטן געזיכט. אַ גאַנצן ווינטער וואַרטן סגאַיעס מ׳זאַל זיי ברענגען עפּעס גוטס. ס׳עט זאַן היימלעך, יינגל; פויערן האַרעווען שוין אויף די פעלדער און זענען פאַרקאַפּטשעט פון אַ גאַנצן ווינטער ליגן אויפן פּיעקעליק, פון גניען*) ביי די פּיעצקעס וואָס זיי הייצן מיט שטרוי און טאָרף. ערשט שטעקן זיי אַרויס די קרויטקעפּ זייערע, זענען זשעדנע צו אַלץ וואָס מ׳וואַאַזט זיי. פאַרשטייסטו שוין, סוחר מאַנער? וועסט זיך לערנען, ׳עט דיר זאַן ווויל. די מאַמע וועט פון דיר קווילן און קישן די הענט פון קאַרמיאַלן וואָס ר׳האָט עים אויסגעלערנט זאַן אַ סוחר און נישט קאַ׳ סמאַלעקאַפּ. אַ שוסטער קוועטשט אייביק ס׳בענקעלע, אַרבעט זיך אָן אַ הויקער, אָבער צו לייגן אין מויל אַראָן האָט ער ניש. תמיד פּעלט עים ניין און צוואַנציק גראָשן צים גילדן. האָרכסט, ווּס כ׳זוג דיר, קלמן? מ׳מיז זיך צואיילן צו אַ סטאַשן און וולאַדעקן. דערלאַנג זיי עפּעס שאַנקעדיקס אינטער דער נוז אַרינטער, וועלן זיי ציילן זלאָטיס, האַרכסט, ווּס כ׳זוג, סוחר?!“

אויפגעכאַפּט זיך ווי פון אַ בייזן חלום, דערשפּירט ער אַ סוואַנד**) ווי פון אַ שרפה וואָס דישעט שוין אָן אַ פלאַם. דאָס האָט קלמנען באַלד אָנגעגאָסן מיט אַן אַנגסטיקייט. אויך די שרעק פאַר אַנזאַגנדיקע אַלייניקע טויבע נעכט אונטער חושכדיקע הימלען וואָס לויערן מיט זאַ־ווייעס, האָט אין דעם בחורל זיך צעשטורעמט און ר׳איז מיט אַ שטיקנדיקן יאָמער געלאָפן איבער אומדורכדרינגלעכע פעלדישע נעפּלען ווי איבער אַן אָנסופיקן תהום. בשעת־מעשה האָבן די פּחדים אויף אים אויך שוין

*) פוילן, ליגן אומבאַוועגלעך; **) אַ טשאַד.

אַנגעדמיונט צעשטשירעטע געלבלעך־מאַטע רייסציינער פון חיהשע מאַרדעס וואָס ברילן פון צווישן ברוּיזיקע פייערן. די אַלע זעונגען האָבן קלמנען, דעם צעטרייסלטן אַנטלויפער, אַנגעטומאַניעט דעם מוח אַזש ער האָט אין ממשות דערשפּירט אַנזאָגן־סימנים פון דערנענטערנדיקע סכנות.

מיט אומגעהייערן אָנשטרענג האָט ער קוים באַוועלטיקט זיין יִנגליש־קייט, וועלכע ער האָט — טאַקע אַ סמאַרק אין לאַנגע געלאַטעטע הויזן — נאָך געפילט ווי אַן אָנשווילנדיקע משא, און ר׳איז מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם טיפער אַריינגעלאָפן אין די טויערן פון דער נאַכט. אַ נ ט ל ו י ף, פ אַ ר־ ש ו ו י נ ד ! — האָט ער שוין אַן אָפּגעניכטערטער — געגומען אַריינשרייען אין זיך. ס׳איז דאָך געווען „די גינציקע מינוט״ פאַר זיין פליטה: דער יאַרידניק האָט גראָד אַ מידער געהאַט זיך אַראָפּגעזעצט צווישן די ליידיקע קעסטלעך פון זיין קראָם — דעמאָלט האָט קלמעלע אומגעריכט זיך אַרויס־געגליטשט פונעם וואָגן און, זיך געגרייט... „כ׳וויל אַ ביסל זיך איבערגיין. די פיס זענען מיר פאַרשטייפט פון זיצן אויף אַן אָרט״, האָט ער געזאָגט דעם בעל־הבית ווען ר׳איז שוין געשטאַנען אויף דער ערד און מיט דער גאָמבע אָנגערירט דעם ראַנד פון דער בויד.

— גיי, גיי זיך אַדאָרעך, מאַנספּערשוין, אָבער פאַרזוים ניש. גאָפּיע זיך ווינציקער. ס׳קאָן זיך נאָך מאַכן אַ גראַטשקע נאָכן פרעס וואָס די לייט וועלן הובן אַראָנגעפּאַקט אין זייערע ווערעמדיקע באַאַכער אַראָן. כע־כעכעע! האָט ער אויסגעשעאָסן מיט אַ געמאַכט געלעכטערל, אָבער תיכף אַ באַפּע־לערישן זאָג געטאָן: — ראַנץ *), נאָר פאַרגעס ניש ווי די האַלטסט!

קלמן האָט קאַרמיאַלן שוין נישט געענטפערט, נאָר אַ בלייכן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און פּאַוואָליע, אָבער דערנאָך שוין אייליקער גענומען זיך טראָגן איבערן מיטנטאָגיקן שליאַך וואָס האָט געפירט צו ווייטערע קאַלעמוטנע דערפער און שטעטלעך. אין קעשענע געהאַט אַ פּאָר מטבעות, אויפן לייב נאָר דאָס איינציקע העמד און ס׳רעקל מיט די געלאַטעטע הויזן. ווען ר׳האָט שוין געהאַט ווייט הינטער זיך דאָס טומאה־דאָרף ווו קאַרמיאַל איז געבליבן מיט זיין קראָם, האָט דאָס בחורל זיך געלאָזט האַסטיקער לויפן, גלייך ר׳וואָלט באַגערט גיכער גרייכן צו אַ מער זיכערן אָרט. אויף דער נעוואָרעט האָט ער דעמאָלט נאָך נישט געוווּסט וואוהין ער לויפט. ר׳איז געלאָפן, ווייל קודם געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון דעם „משוגענעם״. אָפּגעשטעלט זיך אַ מינוט כדי אָפּצוזעטעמען, האָט דאָס יִנגל ערשט באַ־

*) טראָג זיך אָפּ (בלאַט־לשון).

נומען חשבון־הנפשדיק: קלמן, אָקערשט ביסטו מיט זיך אַליין, אֶלאָ אויך אויג־אויף־אויג מיטן גרויסן, אומבאַקאַנטן דרויסן. וואָס ס׳זאָל נישט זיין, — האָט ער זיך אַליין קלאָר געמאַכט — קיין צוריק צום יאַרידניק איז שוין נישטאָ קיין וועג פאַר אים. ער דאַרף אויף אַן אמת זיך פילן גליקלעך וואָס ר׳איז מער נישט אין דעם משוגענעמס תפיסה; אֶלאָ ס׳האָט דאָך אַ צופּ געטאָן קלמנשין, וואָס מיט דעם לויפן אַצינד, ווערט ער ערשט נאָך ווייטער פון אַלע, אַלע, וועלכע ער קען בשום אופן נישט פאַרגעסן: צו דער מאַמען איז ער אַצינד אַ סך, אַ סך ווייטער, אויך צום שוועסטערל און צו די ברידערלעך איז ער מער דערווייטערט, כאָטש עס בענקט זיך צו זיי אַזוי שטאַרק. אָבער זיין ווידער ביינאַנד מיט זיי, פילט ער, איז פון ס׳ניי נישטאָ ביי אים קיין גלוסט. פאַרקערט, אַ ליאַדע פונק פון דעם שרעקט אים גאָר־גאָר, אויב אַזוינס זאָל אין אים אויפטליִען. ער שפירט טאַקע אַן אַליקייט ווען ר׳גיט זיך נאָר אַ דערמאָן: — אוי, די היים! ס׳וואָלט אים ליב געווען צו קענען כאָטשבי זיך שטעלן הינטערן פענצטער פון היימישן שטיבל, אָבער חלילה פון קיינעם נישט באַמערקט ווערן. בלויז אַ בליק טאָן אויף זיי גלוסט זיך. נישט מער, נאָר אַ בליק און ביי בייס נעלם ווערן — ביז אַ צייט. פאַרשווינדן ווי ר׳איז פאַרשוואונדן פון טייערן פאַרזאָרגער, פון קאַרמיאַלן וואָס זשאַלעוועט ניש קאָ׳ זיסע רייד, וואָס זענען ביטער ווי סם.

*

ווען די טרעשטשנדיקע רעדער וואָס האָבן אויף זייערע אַקסן געטראָגן די וואַנדערנדיקע קראָם מיט די בלישטשנדיקע פאַלשקייטן, וועלכע זענען מסוגל אַריינצופירן אין התפעלות דאָס פאַרתמטע פויערנפאָלק, האָבן זיך שוין געהאַט געהוידעט אַנטקעגן דעם ווייט־אַוועקגעלאָפענעם הימלראַנד אָדער זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ ביי אַ יעזשיער אָנצופּאָיען דאָס פערד, איז קלמעלע שוין געווען העט ווייט פון דעם פריטשמעליעטן מאַרקפאַרער כיל קאַרמיאַל. ר׳איז געגאַנגען, מלכה־צייטלס יינגל, צו מאָל אונטערגעלאָפן ווי ר׳וואָלט פלוצלינג זיך דערמאנט עפּעס וויכטיקס וואָס מ׳טאָר נישט פאַרשפּעטיקן; אָפּגעשטעלט זיך אַ רגע, ווידער גענומען שפּאַנען צו אַ ציל וואָס ר׳האָט נאָך נישט געוווסט זיין פּנים. און האָט דעם בחורל אָנגעהויבן נאָגן אונטערן לעפּעלע, די פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט פון שוואַכעניש, אַקוראַט די ערד וואָלט געדראַט זיך אַ וואָרף צו טון, אַז דער גאַנצער אַרום זאָל זיך צעגלושען אין זיינע אויערן ווי מיט אַ מאָל וואָלטן זיך

איבערגעוועקט אַלע אַנטדרימלטע טומאה־גלאָקן פון דעם פעלדישן קאַנט. אַ בלינדער אימפּעט האָט קלמלען דעמאָלט מער אונטערגעטריבן: „לויף, ראַטעווע זיך. געפין עפּעס צו עסן, עסן! כאָטש אַ ביסן ברויט זאָלסט טועם זיין!!״ ס׳האָט אין אים געליאַרעמט מיט אַ וויינענדיק קול. ס׳האָט שוין שטאַרק געטומלט אין זיינע לײַדיקע געדערעם און ר׳איז ביי נייס געלאָפן נישט מיט זיינע כוחות. ר׳האָט אפילו שוין נישט באַנומען אַז ער לויפט. אין פאַרשאָטנטן באַוווסטזיין האָט קלמעלען עפּעס אונטערגעזאָגט אַז ערגעץ, שוין גאָר נישט וויט, וואַרט אויף אים אַ זאַטע געמיטלעכקייט פון וואָס ר׳האָט מטושטש געאָנט, כאָטש זיין גומען האָט ער גראַד געשפּירט ווי אַ שטיק רוילעדער — פיינלעך איז געווען דאָס דאָזיקע טראָגן זיך איבערן וועג וואָס האָט פאַר זיין בליק געוויסטעוועט ווי אַ פאַרטומאַניעטער מידבר. דאָס בחורל האָט פון דעסטוועגן זיך געעקשנט נישט זיך אונטערגעגעבן די יסורים וואָס האָבן אויך שוין געשרפעט די אָפּגעדריקטע פיס. ווי אַ פאַרווונדיקטער פויגל מיט אַנגעשוואָלענע פליגל האָט קלמעלע זיך געוויגט איבערן סומנעם וועג און אַלץ נישט געוווסט דעם וואוהין, צו וועלכן ס׳שטויסט די עקשנות פון דעם אַנטלויף וואָס ער האָט פאַרטראַכט.

אין בלינדע באַגערן האָט זיך געטראָגן דאָס יינגל און אים האָבן גע־דריקט נעפּלדיקע פאַרגעפילן. אוי, — פלעגט ער אין מיטן שפּאַנען פּלוצלינג זיך אַ וועק טאָן — ער זאָל נאָר נישט איינשניידן אין מיטן אַ וואַלד! וואָרן ווי אויף צו להכעיס האָט פון וויטנס זיך נישט געוויזן קיין צייכן פון מענטשיש לעבן. נאָר נאַקעטער דרויסן האָט זיך געשפּרייט אַרום דעם „פאַרמשפּטן יתום״. אין זיין פאַרטראַגנקייט האָבן קלמעלעס נאָזלעכער אַנגעשפּאַרט דווקא צום גלוסטיקן ריח פון פרישגעבאַקן ברויט. אַפּנים, אַזאַ איז געווען דער רייץ פון לעבן וואָס האָט מיט אַן אומבאַשטימטן כוח געדרענגט אויף דעם בחורל, מחמת עפּעטערס האָבן הונגער־קאָנוולסיעס זיך געוואָרפן אויף אים בעת זיין גיין אין די שפּורן פון די אומאָפּטרעטלעכע שרעקן, וואָס די לאַנגאַניקע נויט האָבן אויף אים אַנגעברענגט. אַן אַנדערש מאָל האָט אין זיין פאַרטריקנטער קעל געגומען אַנשווימען דער געשמאַק פון עם זויערלעך־פאַרעדיקן קלייען־באָרשט וואָס די מאַמע פלעגט גרייטן פאַרן הויזגעזינד. אַזאַ צעוואָרעמטע היימלעכקייט איז אויף דעם אָרעמען שטיבל געקומען נאָר ווען די מאַמע האָט פון די „גוטע בעלי־ביתטעס״ צו־נויפגעשלעפּט אַ פּאָר זלאָטיס וואָס זי׳ט זיך פאַרדינט מיט איר פראַצע. איצטער איז ער אָבער נישט דער מאַמעס קלמנשי. און קעגן אייגענעם ווילן האָט קלמעלע ווידער געגומען זיך איילן. טאָקע דער הונגער־קראַמף געכפּלט אויף

די שרעקן פאַר אַ נייער, וויסטער נאַכט האָט געשטויסן זיינע פיס: „גיי געיכער, קלמן, ס׳שוין ניש וואָס ווו מענטשן וווינען!" אויף דער נעוואָרעט האָט ער מער ווי פאַרן הונגער ערשט מורא געהאַט פאַר־פינצטער צו בלייבן שטעקן אין מיטן פעלדישן וועג. אַזוי איז אים שוין אויסגעקומען איבערצוהאָרן לאַנגע נעכט אין קאַלטע סטאַדאָלעס, וואָהין אַ פּויער האָט אים אַריינגעלאָזן און פון דרויסן שטאַרק פאַרשפּאַרט דאָס טויער. אַן אַנדערער, אַ מער דער־באַרעמלעכער פּויער, האָט אויף איבער נאַכט אים אַריינגענומען אין זיין כאַלופּע און אויסגעבעט אַ געלעגער אויפן אויוון. אַ שטיק קאָרנברויט מיט אַ שיסעלע מילך איז געווען דאָס נאַכטמאָל, נאָך וועלכן דער בעל־הבית האָט זיך געצלמט און אַרונטערגעקראָכן אונטערן זאַק פעדערן צו זיין „אַלטער". אָבער נישט שטענדיק איז דעם אַרומבלאָנקענדיקן ייִנגל געראָטן אויף נאַכט אָנצושפּאַרן צו אַ כוטער אָדער אַ דאָרף. מערסטנס האָט די נאַכט אים פאַרכאַפּט אין פוסטן פעלד, ווייל אומענדלעך פאַרוואָרלאָזטע שטחים ערד זענען געווען צעשפּרייט איבער דעם קאַנט. קלמעלען האָבן געשראָקן די נעכט, דערפאַר פלעגט ער ביי טאָג עפּטערס זיך אונטער־איילן, כאָטש דער אימפּעט האָט אים שוין נישט געטראָגן. געשפּאַנט אין דער אומבאַוווּסטקייט און אים האָט געאָנט אַז אָט, אָט דערנענטערט ער זיך צו אַ ייִשוב ווו אַן עלנט ייִנגל וועט אפשר קענען זיך צוטוליען. אַזוי האָט אויף קלמנען אויך אַ ווינק געטאָן אַן אומגעריכט צוגעשטוקעוועטע לאַטע האָפענונג: „נאָך אַ ביסעלע און וועסט נישט חרטה האָבן". ערשט האָט ער געצומען גלייבן אין דער מאַמעס זאָג וואָס זי פלעגט איבערחזרן: „דאָס האַרץ איז ניש קאַ׳ ליגנער. אַז מיר אָנט זיך עפּעס גאַר שטאַרק, ווערט עס וואָר" — — וועסט זען, קלמנשי — האָט דאָס אַרומבלאָנקענ־דיקע ייִנגל זיך געטרייסט אַנטקעגן דעם דאָזיקן רויען אונטערוועגס — נאָך אַ קאַפּעלע און וועסט קענען זיך אָפּרוען, אויך אָפּעסן פאַר דער גאַנצער צייט פון דיין שמאַך. עולם וועלט — עולם אייביק, האָט נישט קיין נאַרישער קאָפּ אויסגעטראַכט. אומגעריכט האָט אויף דאָס ביי אָנגערוקט אויף אים אַ דערמאָנונג, אָבער די פיס זענען אים שוין געווען אָנגעדראָלן און דער הונגער האָט געטאַנצט אַ ווילדן קאַדריל אין די געדערעם.

לאַנג האָט דער פרעמדער וועג אים דאָך געלאָקט, כאָטש אַלע מאָל איז אים באַפאַלן אַ שפּירונג אַז אָט, אָט זינקט ער אין חלשות. אָלאָ מיט אים איז געשען אויסטערלישס: ר׳איז געפאַלן פון די כוחות און פון דעסט־וועגן זיך דורכגעגאַרט מערערע גרויליקע בראַנדטויערן וואָס ער׳ט אָנ־באַגעגנט אין נישט־שטעט, נישט־דערפער, נייערט לישייעס פון דער באַ־

שיימפּערלעך אויסגעדייוועטער ערד, וועלכע האָט אים געטראָגן, אָבער טייל מאָל האָבן אים פּלוצלינג איינגערינגלט אויך שטיקער וואַלד. ער האָט גאָר ווייט אַוועקגעבלאָנדזשעט פון זיין פעלדישער, פּולטייכיקער קויאָווע.

מיט אַלע זיינע חושים האָט קלמעלע שוין געשפּירט אַז ער איז שוין צו פיל זיך פאַרקראָכן פון די היימישע מקומות. וואָרן אויסטערליש אַנדערש האָבן דאָ זיך געשטעלט די טעג, אַנדערש האָבן אויסגעזען די געגנטן וואָס ער האָט דורכגעשפּאַנט. אָבער אָפּשטעלן זיך הויערן, איז נישט געווען שייך. ווייל די שווערע לײדיקייט פון דעם קאָנט האָט אים ממש אַוועקגעסטראַשעט. דערפאַר האָט ער זיך געשטאַרקט אין זיין שוואַכקייט: ר׳מוז גיין ביז ר׳וועט אָנטרעפן אַן ערגעץ וואָס וועט ווילגעפעלן די אויגן פון זיין האַרץ; דאָרט וועט ער קענען רעכט אָפּטעמען. אַזויערנאָך האָט קלמעלע אין זיך איבערגעשריגן אויך די מידקייט וואָס איז אויף אים געפאַלן ווי מאַסיווע קלעצער. ער׳ט צו מאָל זיך דורכגענאַרט פיינלעכע שוועריקייטן מיט אומיסטן צוגעטראַכטער וואַרעמקייט, וועלכע ער האָט בשעת הדחק אָנגעחלומט. מיט דער ייִנגלשער פאַנטאַזיע וואָס האָט געשפּילט אין אים, האָט ער אַליין זיך געלאָזט פאַרלאָקן ביז, ביז ער האָט סוף־כּל־סוף דערגרייכט אַ ייִשוב מיט הייזער, מיט דרימלדיק־פאַרוועבטער שטילקייט פון אַ פרידלעך מענטשלעכער עקסיסטענץ אונטער ווייט אַוועקגייענדיקע הימלען.

נידעריקע, העט צעוואָרפענע כאַטעס, פאַרגאַפּטע איבער קליינע היגלען, פאַרוואָקסענע מיטן פליוש פון מאָכן און געדיכטע קוסטעס, האָט איטלעכע כאַטע אַרויסגעבליקט צום דרויסן מיט אַ גאַנעק, מיט אַ קוימענדל אין מיטן פון אַן אַרויסגעריסענעם שטיק וואַלד; אָט זענען אַלטע פּיעניעס וואָס שטאַרצן אַרויס פון דער פאַרשאָטענער ערד. אַ פּיען נאָך אַ פּיען שפּאַרן פון דער ערד ווי אַלטע ציינער פון אַן אימהדיק פאַרשטאַרטן אָפענעם פּיסק פון אַן אויסטערליש גרויסער חיה. אין קלמנס ייִנגלשן בליק האָט די דאָזיקע פּאַנאָראַמע זיך אַרויסגעוויזן מיט עפּעס אַ נישט־דאָיִקייט וואָס עמעצער האָט אַהער צו אַריבערגעוואָרפן אויף צו פאַרטרייבן די נישט־גוטע וואָס וואַנדלען אַרום אין די אַלע פאַרוואָרפענע וואַלדווינקלען. ס׳איז טאַקע משונה אַנדערש, אָבער ס׳האָט אַ פאַרהוילענעם חן וואָס רייצט. האָט דאָס ייִנגל אַ רגע אַ קלער געטאָן. די לייט פון דאַנען האָבן מסתמא אַ כּישוף קעגן וואַלד־שדים און אַוודאי אויך ביקסן צו שיסן אין די וועלף וואָס לויערן פון די נאָרעס און קוסטעס־געדיכטעניש. און געוויס זענען דאָ נאָך פאַראַן טיגערס, טכויערס, פוקסן און נישט ווינציק רויבפייגל.

קאַפּיטל זיבן

ס'איז אַ שטעטעלע אין מיטן פון אַן אויסגעקראַכענעם וואַלד, אַ ליסינע אַזאַ פון אַן אַלטן וואַלד וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן, אויסגעהאַקט פון וועגן געהילץ פאַר הייזער און שייערס, פאַר באַנשוועלן פון גאַנצן לאַנד ווי אויך פאַר אַ סך טירן און פענצטער, אַן וועלכע די גרויסע וועלט קאָן זיך נישט באַגיין. ס'אַ שטעטעלע וואָס די העט ווייטע שטעט האָבן עס געלאָזן אַ נאַקעטס, אַ הוילס אין באַדאַכטן זיקנהשן גראָ פון טרויעריקן נאָכקלערן הלמאַי מ'האָט עס געלאָזן פאַראיינזאַמט, אָפּגעריסן פון קאָכיקן לעבן וואָס לאָזט זעלטן אַהער צו אַריין אַ פאָדעם פון זייער שיין.

שטילינקע איז אין דאָזיקן מקום. בולטער שפּירט זיך עס ווען דער טאָג איילט אַוועק. אומעטיק לייכטן די פענצטער ביי נאַכט. זיי לייכטן מאַדנע געל, מוטנע ווי געאיילעצטע פּאַפּירענע לאַמטערנעס פון חדר־יינגלעך וואָס טראָגן זיך אין אָוונט איבער די חשכנישן. די לייט קוקן אויף קלמנען, דעם אַנגעקומענעם פון טומאַנע ווייטן, מיט טרויעריקלעכער צוגעלאָזנקייט, גלייך זיי וואָלטן אים געזאָגט: נישט שרעק זיך, בחורל. טייל מאָל קוקט אַזוי אויך זיין מאַמעס אָרעמע פּנים און ס'שמייכלט דורך טרערן אַ צעהעשעט קינד, כאָטש אין די שטיבלעך, אויפגעשטעלטע מערסטנס פון בערווענעס, ווייזן קענטיק נאָר דערוואַקסענע, שווערמוטיקע לייט. פּונקט אַזוי איז דאָ דער הימל שווערמוטיק פאַרקוקט איבערן קאַנט. זעלטן־ווו סע האָדעוועט זיך הי אַ ברעקל קינד אין אַ ליולע וואָס הענגט אַראָפּ פון חלל אויף שטריק, אַנגעקניפּטע אין די בעלקעס פון דער סטעליע.

...די ערשטע וויכע אָוונט־טונקלעניש האָט שוין געהויערט איבערן שטעטעלע בעת קלמנס אָנשפּאַרן אַהער־צו. פּאַוואָליע, אומדרייסט, האָט מלכה־צייטלס בלאָנדזשענדיק יינגל זיך געשאַרט הינטער אַ טריב באַלויכ־טענער הייזקע און ס'האַרץ האָט אים בשעת־מעשה אויפגעציטערט: „ווו־אַהין האָט דער גורל ערשט מיך דערפירט?" מחמת דער גליווערנדיקער דעמערשיין האָט דאָס בחורל זיך געשטרויכלט ביים צודראָפּען זיך צו אַ זשמורנדיקן פענצטער, הינטער וועלכן ס'האָט שלאָבעריק ווי אַ שאָטן זיך באַוועגט דער סילועט פון אַ מענטש. „וואָס קען אַזעלכער טענהן?" האָט אַ שרעק געגומען פּייניקן דאָס יינגל און זיינע אויגן זענען געוואָרן להוט צו דערגיין וואָס ס'וועט ערשט ווערן. פּאַמעלעך געשטעלט אַ פּוס,

מער זיך דערנענטערט צום פענצטער און אַ שוויס האָט אים אָפּגעגאָסן, ווען ער האָט זיך ווי אַ צונויפגעהאַרבעטע קאַץ שוין אָנגעהאַנגען אויפן ביישטידל פונעם פענצטער כּדי אויף דער גיך אַריינצוקוקן אין דער אַנ־באַגעגנטער שטוב. „אַ, כאַטש דאָ אַוועקלייגן די לעסטיקע גלידער! ס'וואָלט געווען אַן אויפריכטעניש פאַרן אויסגעמוטשעטן געביין. רוען. ריכטיק אויסציִען די הענט, די פיס אונטער אַ דאַך". פון דעם הונגער האָט ער פאַרגעסן, מחמת די מידקייט האָט אים שוין געהאַט ווי געליימט. דאָס נאָגעניש אין די געדערעם איז אותו הרגע געווען פאַרטעמפּט. די פינגער פון זיין האַנטפלאַך האָבן ביים יינגל משונה זיך צעפלאָנטערט איינער אין אַנדערן, גלייך זיי וואָלטן אַריינגעבלאָנדזשעט אין אַ שטעכלקעס־נעץ — נישט אַהין, נישט אַהער צו דערגיין. אוממעגלעך!

ווי אַ פאַרשטאַרטער שאָטן איז ער געבליבן קלעפּן אויפן דרויסן פון דער פענצטער־ראַם און... מסתמא באַלד דערויף האָט אָפּגעברומט אַ הוילער קלונג פון דער שויב מחמת קלמנס פלוצלינגן פאַלן הינטערן פענצטער. מחמת מאַטקייט איז ער אומגעריכט אַראָפּגעזונקען, בעת ר'האָט אין דער אַ טונקל־שעה זיך געקאַראַבקעט הינטער דער כאַטע פון דעם מקום ווו די שטילקייט שפּרייט זיך ציטעריק, פאַרדעכטיק. מניה־ביה האָט אין דעם בחורלס אינגעווייד זיך צונויפגעקראַמפּט אַ ברענענדיקער קנופּ, גלייך אַ האַרט צונויפגעבונדענער שטריק וואָלט זיך מיט אַ מאָל אין אים אַריינ־געפלישט און געשרפעט. ר'האָט זיך אָבער אין יסורים אויפגעשטעלט ווי פון אַ הינערפלעט און זיינע אַקסלען האָבן ספּאַזמאַטיש זיך געוואָרפן ווי פון אַן אינעווייניקדיקער קעלט. ס'זענען געווען מינוטן, ווען ער איז נישט געווען מסוגל צו באַנעמען וואָס עס טוט זיך מיט אים; ער האָט נאָר מטושטש „געזען", צאַפּלדיק דערזען אַ רירעוודיק־טונקעלע אויסדאַכטעניש, אַ געקומענס פון אַ שאַרפן ברום וואָס לויפט אים נאָך פון אַ פענצטער־ראַם אַרויס. אויסגעצויגן, דיך, האָט עס געהילכט פון דער דאַזיקער באַאומרויִקטער גלאָזטאָוול און אַ מענטש מיט אַ ציגנבערדל — אַ טונקלס ווי פון אַ שיטערן רויך אויסגעגאָסן — איז אָט אַ אויסגעוואַקסן אַקעגן אים פול מיט געפּרעג און שטומען וואָרפן מיטן קאָפּ.

נו, אַן אויגנרייסנדיקע דאַכטעניש איז עס געווען מחמת דעם צע־טרייסלענדיקן דערשרעק וואָס ער האָט אָפּגעשפּירט בעת דער מאַן וועמען ער האָט יאַקאָש דערבליקט פון יענער זייט פענצטער האָט ערשט גענענט צו אים, ווייל מער זיך צוגעקלעפּט צו דער שויב. קלמנען איז אָבער אויך אַצינד קאַפּויער געקומען נאָך אַ טריבע מענטשנגעשטאַלט מיט אַ כּפול־

שמונהדיקער פאַרהידושדיקייט, אַ פאַרשוין (ווי סטראַשנע!) אָן אויגן, אָן מויל, נייערט מיט אַ צורה ווי אַ פלעקיק טרוקן טייגבלעטל און דאָס גליטשט זיך אומקלאָר ווי אַן אומרעגולערער קיילעך וואָס סימנט מיט זיינע באַוועגונגען אַ לעבעדיקן, נישטערדיקן פּרצוף. אַ רעטענישפולער אין זיין אומקלאָרקייט האָט דער דאָזיקער פון יענער זייט פענצטער מער זיך דער־נענטערט מיט אַ קול וואָס האָט אָפּגעגעבן ווי אַ טרוקענער קלאַפּ איבער אַ לויזן בלעך:

— קטאָ טאַם? (ווער איז דאָס?).

יאָ, פאַר דעם פרעמדן, פאַר קלמעלען, איז אין דער דאָזיקער רגע קלאָר געוואָרן אַז ער איז אָקערשט אַוועקגעשטעלט פאַר אַ ד ר ו י ס ן און אַן א י נ ע ו ו י י נ י ק, אָבער דער אינעווייניק איז נאָך ווייט־ווייט. ס׳איז אַ תהום וואָס ער האָט נאָך נישט באַזיגיקט, צו מאָל נישט באַנומען אַז אַזוינס קען אים צוהאַנדן קומען. מחמת צעטומלטקייט איז ער אַפילו נישט געווען בכוח אַרויסצוברענגען אַ וואָרט, דאָס וואָרט וואָס ער האָט דווקא קלאָר באַזיגיקט:

— אַ פרעמדער, אַ טויטמידער בין איך. איך בעט רחמים פון אַ גוטן מענטש! אַזוי האָט ער געטראַכט אין יענער לויטער־אויפגעבליצטער רגע, אָלאָ נישט געקענט עס אַרויסשטאַמלען צו וואָס זיין גאַנץ לייב און לעבן האָט זיך געשטרעקט. לסוף האָט ער נאָר ווי אַרויסגעקרייעט פון שטיקעניש:

— או־או־וווומממ... כ׳פאַל, — און ס׳איז שוין נישט געווען מיט ווען צו רעדן, עפּעס פרעגן. דער אומבאַקאַנטער איז אַנידערגעזונקען. זיין גאַנצער מהות האָט ערגעץ טיף, שטאַרק אויסגעציטערט אין אינערלעכער קעלט, מחמת אין אים, דעם יינגלשן וואַנדראַווניק, האָט אומגעריכט אַ שלאָג געטאָן אַ לעסטיקע זיקנה וואָס האָט זיך אויף אים אַרויפגעוואַליעט מיט אַן אָנ־געדראָלענער מידקייט.

ערשט איז קלמעלע געלעגן הינטער דעם אָנגעלויערטן פענצטער ווי אַ צוגעפרוירענער צו דר׳ערד. נישט ער איז געווען ביכולת זיך אַוועק־צורירן פונעם אָרט און אויך נישט מסוגל עפּעס צו טראַכטן. נאָר ווי פון אַ מוח־שפּאַלט האָט דאָס בחורל ווייטלעך פאַרנומען דעם ווייטיק וואָס האָט זיך צעגאָסן איבער אַלע זיינע איברים. די לאַסט פון אייגענעם גוף האָט אים פאַרנעפּלט די ראיה. אַזאַ איז אַוודאי דער גורל פון אַ בוים וואָס איז מיט אייַנגעשפּאַרטקייט אונטערגעשניטן געוואָרן פון אַ העקער און ר׳ציטערט אַזוי לאַנג, דער בוים, ביז וואַנען ער פאַלט מיט דער גאַרער משא פון זיין געטייטן לייב. קלאָר, דאָס אַרומבלאָנקענדיקע בחורל האָט זיך געהאַלטן

אויף די פיס ביז זיין רוקנביין האָט אין ממשות דערשפּירט אַ העפטיקן שטויס פון דעם כּמאַריקן מענטש, ווּעמען ער׳ט ערשטמאָליק דערזען אויף יענער זייט פּרינאַכטישן פענצטער. די מידקייט פון זיין אויסגעמאַרעטן לייב האָט קלמענען מערער אַראָפּגעצויגן אין דער נידער, אַזש די ערד אונטער אים האָט אויגנבליקלעך זיך צערונצלט. אין אמתן איז עס געווען יענע שרעק וואָס ברעכט זיך אַרויס פון מענטשס פאַרבאָרגנסטע טונקל־קייטן ווי אַ פאַרציקנדיקער פלאַם וואָס שניידט אָפּ אַפילו אַ מאַכטיק־פונאַנדערגעשפּרייטן פליגל. דער גאַנצער אַרום האָט אין יענער רגע דעם בחורל אויסגעוויזן אַזוי ווי איבער דער גאָרער וועלט וואָלט זיך פונאַנ־דערגעגאָסן אַ סודותדיקע טונקלעניש און פון איר שפּאַנט אַרויס אַ גבר, אַ האָריק באַוואַקסענער זקן מיט אַ סענקאַטן שטעקן און זיינעביידע הענט האָבן מיט אים זיך צעפאַכעט מיט געבייזער. ער האָט געצאַרנט און אַ היציקייט האָט אַרויסגעזעצט פון זיין מויל. די היץ האָט דעם אַנידערגע־פאַלענעם יונגן וואַנדראָוניק געפּאַטשט איבערן פּנים מיט טענה:

„ווי דערוועגסטו זיך אַריינרייסן אַהער צו? ס׳איז פאַרר־באַ־אָאַטן פאַר פרעמדע!“

דעם אַלטנס לאַפּעטע־ציין שניידן זיך אַריין מיט אַ קריצעניש אין מאַרך פון אַנידערגעזונקענעם וואָס ליגט אין אַ וואַלקן יסורים. נו, קלמן האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט פון אימה. מיט פאַרקילטן געהער האָט ער אָבער פאַר־נומען ווי איבער זיין שאַרבן פייפט דער שטעקן וואָס דערזען אין דעם זקנס פויסט. פון שרעק קאָרטשעט ער זיך איין מערער און תּוך כּדי דיבור טוען זיך אָן דעם אַלטנס ברעמען — האַרטע, אַנגעיאָזשעטע ווי די בערשטלעך — אין אַ שיינענדיקער לבנה־בלענדיקייט. דאָס בחורל באַווייזט דעמאָלט על פּי נס זיך אַ קער צו טאָן אַ ביסינקע פונעם אָרט און אָן אַ פּיפּס צו טאָן... רייסט זיך אָפּ זיין נשמה ווי אַן אָפּגעפליקטע פעדער פון דער ערד וואָס האָט, דאַכט זיך אים, אָט אָ זיך צעזאָטן, פונאַנדער־געגאַנגען זיך ווי שטילע פאַליעס אין אַנענד פון דעם חושך; אַ ווײנענדיקע האָט זי זיך אָפּגעריסן, די נשמה, און אַ פאַרוווּנדיקטע נעמט זי אַרומוואָגלען איבער די דאָיקע וועלדער. זי וועט אַוודאי לאַנג יאָמערן און אין ערגעץ נישט געפינען קיין מנוחה. אָט בלאָנדזשעט זי אַרום ווו די וועלט האָט אַן עק, אָבער זי געפינט מער נישט פאַר זיך קיין היים. ס׳איז זיין זינד, קלמן מלכּה־צייטלס, ווייל ער האָט געפעלשט אין די לייבלעכע, וואָס צערן אויס אַלע זייערע טעג און וואַכן צוליב זיין ווילדן אַנטלויפן פון זי... מחמת אומגעטריישאַפט וועט די צעקאַליעטשעטע נשמה זיינע אין דער

אַנסופיקער ווייט מאַטערן די מאַמע אין חלום, צעשינדן איר שוואַך האַרץ. פון אירע אויפשרייען אין די נעכט, וועלן זיך די קינדער איבערשרעקן אויף זייערע געלעגערס. אַלע מאָל וועלן זיי זיך איבערוועקן, לאַנג וויינען און מידע ווידער אַנטשלאָפן ווערן הונגעריקע. דעמאָלט וועט זיין צעבלוטיקטע נשמה איבער אַ נייס זיי אַרויסרייסן פון שלאָף, דודלען, נחלען און חווהלען. אין מיטן נאַכט וועלן זיי אַלע אַרויס מיט אַ פּלוצלינגן געיאָמער:

— מאַמע, ברויט. מאַ־מעעע...!

אָבער דער מוח האָט אים פּאַוואָלינקע אַרויסגעפירט פון די קאַשמאַרן און געניכטערט. אַוודאי, ער איז אין דער האַרטנעקיקער פרעמד ווו קיינער איז נישט קאַפּאַבל אַוועמען אַנטקעגן צו קומען אַז ס׳זאָל אים ווערן גרינגער. דאָך האָט די ניכטערונג אים אַראָפּגעשטויסן פון דער קילער ערד ווו ער איז נאָך געלעגן אַן אַנידערגעזונקענער. ר׳מוז זיך אַליין ראַטעווען, — האָט צו אים גערופן אַן אינעווייניקדיק מונטערנדיק קול. ער איז נאָר מחמת פאַרשמאַכטקייט אַריינגעפאַלן אין אַ פיינלעכן חלום. דאָס האָט ער שוין שוואַכערהייט גערעדט צום אייגענעם געהער.

קלמעלע האָט אין גאַנצן געפיבערט און געגומען שטיל אַריינקלאָגן אין זיך, געקלאָגט אַזוי אַז זיין קול, אַ טיפּס, איז דערגאַנגען צום בלודנעם געהער פון פריִען אַוונטטונקל. ער׳ט זיך אויפגעהויבן פון אויף דער ערד און געשטעלט זיך רופן הינטער דער זעלביקער כאַטע:

— מאַכט אויף, ליבע לייט. לאָזט אַריין אַ בלאָנדזשנדיקן און מידן!

עפּעס וויטלעך פון זיך אַליין האָט אַרויסגעיאָמערט דער דאָזיקער ווי און כאַטש אַ טיר האָט דערנאָך פאַר אים זיך צעעפנט, האָט ער אין שטוב נישט געקענט אַריינגיין. ר׳טאָר נישט, האָט ער געפילט, מחמת ער איז געווען באַדעקט מיט אומציכטיקייט, מיט פאַרבאַקענעם בלוט פון ווונדן אויפן לייב. ער האָט יונגע הענט און מיט זיי רעכט נישט געקענט באַוועגן: זיי זענען אים געוואָרן פאַרשטייפט פון פאַרטריקנטער בלאָטע און אומריינקייט, וואָרן לאַנג זיך נישט געוואַשן.

דערזען פאַר זיך אַ מענטש, האָט ער זיך פאַרלוירן, ווייל געדענקען האָט ער געדענקט אין דער רגע וואָס מיט אים איז געשען אין זיין וואָגל איבער די אומבאַוווסטקייטן פון די ווייטע ערדן. דערצו האָט ער ערשט דערווישט זיין אייגענעם מיאוסן מעמד און זיך דערשפּירט אַן אויסגעהוילטער. דאָס געהירן איז אים אָבער געווען וואַך, ווי איבערגעשוואָנקען אויף קלאָר, אַזש ביז שטעכיקייט דורכגעלויכטן. אָפּגעטרייסלט זיך פון דערשרעק, פון וועלכער ער האָט אַפילו געאָנט באשר ובכן אַז אויך אַזוינס

קען אים צוהאַנדן קומען אין אַזאַ וויסטן וועג אײדער ר׳וועט זיך דער־נענטערן צו אַ מענטשישער נעסט. אויפגעהויבן דעם בליק האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ כאַטע פון בערווענעס און לייכטער אָפּגעאָטעמט: געלויבט איז גאָט! ס׳איז נישט מער דער שייער פול מיט לעכער און שפּאַרונעס, אין וועלכע ס׳פייפן בייזע ווינטן. דער אַלטער וואָס האָט געהאַט אים אַנגע־שראָקן מיט זיין אויסזען און מיטן סענקאָטן שטעקן, איז ערשט נישטאָ. ס׳איז באַשיימפּערלעך געווען אַן אויסדאַכטעניש אַזאַ אין זיין טיפער צע־טראָגנקייט. אַצינד האָט קלמן עס ניכטערער באַנומען. אותו הרגע רעכט דערהערט דאָס סקריפּען פון אַ טיר און ווי פון אַן אָוועקגעשאַרטן וואָלקן האָט צו אים געגענעט אַ חידושלעכער, אָבער אויך נייגיריקער פרעג:

— קטאָ טאַם, אַאַ?

— אַאַ־אַ, — האָט לענגער אָפּגעעכאָט דאָס קול גלייך עס וואָלט געקומען פון אַ טויבשטומען.

דאָס בחורל האָט אַן אומרויִקן טראָט געטאָן מיט די פאַרשטייפטע פיס און דאָך נישט געקענט זיך רירן פונעם אָרט, כאָטש אים האָט אויגנבליקלעך זיך פאַרוואָלט אַנטרינען אויך פון דאַנען. אַ פאַרלוירענער האָט ער פון דעסטוועגן זיך געקלאַמערט אין דער נייער תהומיקייט, וועלכע איז אַקערשט אים געוואָרן אַ מיקלאָמפּערשטע ממשות פאַרן ראַטעווען זיך און זי האָט זיך טאַקע צעפּליסטערט אַרום אים, די דאָזיקע אָפּגרונטיקייט. ער איז נאָך אַלץ געבליבן שטיין מיט אַן אָפּגעטייטן געהער. געקוקט און נישט געזען וואָס עס האָט זיך נאָך געלאָזט זען אין אַראָפּגענידערטן דעמער.

— זאַכאָדי! גיי אַריין, — האָט קלמן אַרויסגעהערט אַ גינציקייט אין דעם אומהיימישן רוף, כאָטש ר׳האָט נישט פאַרשטאַנען דעם באַטייט פון דעם וואָרט. דאָס קול האָט אָבער לאַנג וויברירט אויף זיינע אויערנהייטלעך און אויך אין ברוסט אַ צופּ געטאָן, אַלאַ באַלד האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז אַן אַנדער שטים שעפּטשעט צו אים ליבלעך:

— האָסט, קענטיק, פאַרבלאָנדזשעט, קינד. גיי אַהער. שרעק זיך נישט פאַר אָרנטלעכע לייט — —

און גלייך מ׳וואָלט אים אַנגענומען ביים אָרעם, האָט עס קלמנען אַריינ־געטראָגן אין אַ וואַרעמלעך זשמורענדיקן אַנגעליכטיקטן חלל. ס׳איז אַ שטוי־נענדיקע כאַטע, וואָס איז אים פרידלעך אַנטקעגן געגאַנגען; פון דורכויס שטיל געקאַלעכטע בערווענעס האָט עס געשמעקט אין דעם אָרום ווו ער איז געבליבן שטיין פאַרחידושט מחמת דעם נייעם, וואָס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט: וואַרעם ווייס דער באַלקן, געמיטלעך ווייס, דאַרפיש

באַלעבט די ווענט, פּולכינקע הויך־אויפגעטורעמט די קישנס אויף דעם קלאָרוייס איבערגעצויגענעם איינציקן בעט. אויף פלאַקסהעל, זוניק, איז דאָס קעפּל פונעם קינד וואָס דער מענטש — ווי אַזאַ גלייך ער וואָלט דאָ אַרויסגעשפּראָצט פון דער מאַט־ריגענדיקער לאָמפּנשיין — וויגט אַהין־אַהער אין דעם באַזאַכט שווימענדיקן מולטערל וואָס הענגט אַראָפּ אויף שטריק, וועלכע שפּרייטן זיך צווישן די שאָטנס וואָס קלעטערן לעפּיש לענגאויס די ווענט.

...אַריינגעשטעלט דעם ערשטן טראָט האָט ער, דער פרעמדער, אויף דער שוועל אומדרייסט עפּעס אַ מורמל געטאָן. ס׳איז געווען זיין באַגריסונג פאַר דעם אומאייגענעם אָוונט, וועלכן ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי אים צו באַגעגענען.

— אַ גוטן אָוונט, דאַברי וועטשער, — האָט פריינדלעך געזאָגט דער מענטש וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט זיך אָוועקגעזעצט אויף זיין נידעריקן בענקעלע ביי דער הענגלוויג. מילדקייט פון אַ שמייכל איז געווען אויס־געשפּרייט אויף זיין פּנים און דאָס שמאָלע, שפּיציקע בערדל האָט לייכט ווי אַ דורכזעעוודיק פיש־עקל זיך אַ טרייסל געטאָן:

— ס׳איז גערן געזען דער גאַסט אין אונדזער הויז. זאָל גאָט זיין געלויבט דערפאַר... זיץ, זיץ, יונגער מענטש! — און ר׳האָט אָנגעוויזן אויף דער דערנעבנדיקער ווייס־געשייערטער באַנק — זיץ, האָט ער איי־בערגעחזרט. דאַרפסט זיך נישט שעמען, בחורל.

אַן אָפּהענטיקער האָט קלמן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער באַנק און נישט געוווּסט ווו אַנצושפּאַרן זיין צעטומלטן בליק, בעת ר׳האָט זיך גע־פילט אויג־אויף־אויג מיט דעם וואָס רעדט מיט אַ גלעטנדיקן קול און קוקט אויף אים מיט גינציקייט. גערעדט האָט דער דאָזיקער אויף אַן אומפוילישן לשון וואָס דאָס בחורל האָט נישט פאַרשטאַנען, אָבער געפילט אַז דער מענטש איז צו אים פריינדלעך. דער אָ וואָס איז באַשיימפּערלעך דאָ ביי זיך אין דער היים, האָט טאָקע באַלד זיך געלאָזט ווידער הערן מיט אַ ליבלעכקייט גלייך ער וואָלט דאָס מבולבלעלע יינגל מכניס־אורחדיק אַרומגעאָרעמט מיט זיינע רייד:

— ביסט מיד, יונגער מענטש. וואָש דיינע הענט און וועסט קודם אַ ביס טאָן. אַ גאַסט ברענגט אַ גרוס פון גאָט. דאַרפסט זיך נישט שפּירן דערשלאָגן. קומסט פון אַ לאַנגן וועג, מ׳דערקענט די מידקייט פון דיין אויסזען. ערשט ביסטו צווישן מענטשן, נישט קיין ווילדע לייט. לודוויקאָווע

איז טאַקע העט, העט פון אַ באַנסטאַציע, ווייט אָפּגעוואָרפן פון אַ יִישוב. דאָך ביסטו צווישן מענטשן.

ער האָט גערעדט און די הענט נישט אַראָפּגענומען פון די שטריק, מיט וועלכע ער האָט נישט אויפגעהערט באַוועגן די וויג וואָס הענגט אַראָפּ פון באַלקן.

— ס'איז אין אמתן אַ בערנלאָך, אונדזער מקום, ווייט פון דער וועלט. ס'איז אָבער אַ שטיל אָרט, בחורל, נאָר די מענטשן זענען פון דעסטוועגן מענטשן. נישט געדאגהט, וועסט נישט פאַרפאַלן ווערן. וועסט ערשט דער־קענען אונדזער לודוויקאָווע.

געהערט אים רעדן, דעם בעל־הבית, האָט ער אויך שטאַרקער דער־הערט זיך, קלמן קאָבריצן; דאָס גאַנצע בלוט זיינס האָט געקראָגן צונג און אויערן.

מילדע שמייכלען האָט דער דאָזיקער געשפּרייט פאַרן גאַסט, געוואָרפן רייד פון צוזאָג:

— נישקשה. נישקשה. ס'וועט זיין דאָברע, מאַלאַדי טשעלאָוועק. יעדער לעבט ווו דער גורל באַשערט אים. אַזוי אויך דאָ. מע לעבט און מ'האָפט. דערווייל נישט צו זינדיקן. ס'פעלט נישט קיין ברויט און מילך און קעז, אויך פלייש איז מע נישט זשעדנע. די זשאַנקאַ*), די מאַמאַ, פאַרשטייסט, זי וועט באַלד אַריינקומען און מאַכן היימלעכער. זי'ט זיך פרייען מיט דיר. מ'קוקט זיך אויס די אויגן צו זען אַ נייעם מענטש. יעדער וואָס קומט פון אַן אַנדער קאַנט איז גערן געזען. אונדזער געגנט איז ווייט פון גרויסע שטעט ווו ס'לעבט זיך פריילעכער.

באַשיימפּערלעך, דער בעל־הבית האָט זיך פאַרלוירן אַנטקעגן דעם וואָרט וואָס איז אויף אים אָקערשט אָנגעשוווּמען אַ באַלאַדנס מיט פאַר־הוילענעם האַרצצאַפּל אין אַנבליק פון דעם ניי־אָנגעקומענעם, וועלכער איז ווי אַ שוואַם אָנגעזאַפּט מיט נייסן פון דער וועלט. ער איז מיט אַ מאָל אַנטשוויגן געוואָרן, דער בעל־הבית, מחמת דעם טראַכטן וואָס האָט אויף אים אָנגעכליניעט.

— סע בענקט זיך נאָך אַ ניי פּנים, — האָט ער דערנאָך געזאָגט שוין נאָכדענקלעך מיט אַ צודרינגלעך גינציקן בליק כּדי מער פריינדלעך מהנה

---

*) דאָס ווייבל.

צו זיין דעם, ווַעלכער איז גאַרנישט אַזוי קליין געווען אין זיינע אויגן ווי דער גאַסט האָט אייגן זיך געפילט.

אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם ווי ר׳וואָלט זיך געשטיקט מיטן שטראָם פון אַן אומגעריכט צעעפנטן קוואַל פון טראַכטן, האָט דער מענטש ביי דער הענגלוויג מער זיך צערעדט:

— ס׳אַ באַגליקונג אונדז, יונגער מענטש, צו הערן אַ פריש וואָרט, דערצו אינטערעסנע נייסן פון דעם וייטן דרויסן.

אַ שטאַרקע בענקשאַפט צום אומבאַוווּסטן וואָס ליגט מוראדיק פאַר־שטויסן ערגעץ וייט, האָט באַשיימפערלעך זיך געריסן פון דעם מענטש. אין דעם האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון דער וויג ווו זיך געהאָט געשאָטנט, און עפּעס געפּאָרעט זיך אין אַ ווינקל. דערנאָך האָט ער זיך דערנענטערט צום גאַסט מיט אַ שטיק ברויט אין האַנט:

— צו ערשט עס, יונגער מענטש. אויך מילך וועל איך דיר דערלאַנגען. מ׳באַדאַרף זיך נישט שעמען צווישן לייטן. הונגער איז אַזאַ חוב, פון וועלכן מ׳קאָן זיך נישט אַרויסדרייען מיט פוסטע רייד. און מ׳באַדאַרף אים נישט פאַרשטויסן, אויך נישט אָפּנאַרן, דעם הונגער, אַנישט איז ער זיך נוקם. אויף צו שטילן דעם הונגער פאָדערט זיך פונעם מענטש נאָר אָרנטלעכקייט, נישט מער. קענסט זיין אַ חכם צי אַ נאַר, אַלץ איינס מוזסטו עסן, אָבער די אָרנטלעכקייט טאָר מע נישט פאַרשעמען. ביסט אַצינד צווישן אָרנטלעכע לייט, יונגער מענטש. וועסט קיין חרפה נישט ליידן וואָס ביסט אַריינגעגאַן אין אָנופּריס כאָטע... מילך ווילסטו נישט? וואַסער, זאָגסטו, וועט קלעקן צו לעשן דיין דאָרשט? חלילה! פאַראַן אַן אייגענע קו ביי אָנופּרין, פאַראַן אַלץ צו דער זעט. אויך דעם נאַקעט און באָרוועס צו פאַרדעקן פעלט נישט, סלאַוואַ באָהו*), אַבי נאָר געזונטע הענט און חשק צו אַרבעטן, כע־כעכעעע!

— און זיינע ווייסע ציינער האָבן זיך ווידער פונאַנדערגעשמייכלט.

— אַ טראָפּל וואַסער נאָר, טראַשקע וואָדי, אַן עוקץ דעם האַלדז דורכ־צונעצן, — האָט דאָס בחורל געשטאַמלט מיט האַלב־אויפגעהויבענע אויגן.

— כ׳בין נישט דאָרשטיק, און געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט.

— באַלד גיב איך דיר! — און דער מענטש האָט ווידער אַוועקגע־איילט פונעם מולטערוויגל וואָס ער׳ט מחמת רגילות ביי נייס באַוועגט, כאָטש דאָס קינד האָט סיי ווי זיך נישט געקליבן צו וויינען. אַ ווייס׳, אַ צאַרטס איז עס געלעגן אין וויגל ווי אַ לעמעלע, אַ פאַרקוקטס אין דער

*) דאַנקען גאָט (ווייסרוסיש).

אַרומיקער לײַדיקייט אַרײַן. — אַ מינוטקעלע, האָט אַנופרי בעת־מעשה נאָך אַ שטילן זאָג געטאָן און איז פֿאַרשװוּנדן אינעם פּירהױז װאָס האָט זיך צעעפֿנט מיט אַ װאָרטשע. ס׳האָט געדזיערט אַ הרף־עין און אין מוטנעם ליכט פֿון כאַטע האָט דער בערדלדיקער בעל־הבית זיך צעשטרעקט מיט בײדע הענט אַנטקעגן דעם יונגן מענטש: — נאַ, האָסט אַ טרונק!

אַ װײַסע בלעכענע קװאָרט האָט ער צוגענייגט צום ייִנגלס מויל און צוגעשטאַנען ר׳זאָל טרינקען:

—קרים זיך נישט, יונגער־מאַן. ס׳איז פֿריש אויסגעמעלקט. מילך איז צום געזונט. און װעסטו האָבן חשק צו װאַסער, האָסטו עס אָט אַ דאָ — און מיטן שטערן אָנגעװוּנקען אויפֿן שעפֿער מיטן גרויסן אויער װאָס איז געהאָנגען דערנעבן אויף דער װאַנט — אָבער מיט דעם װעסטו איצטער נאָר װאַשן דײַנע הענט. װאַסער װעסטו ערשט נישט טרינקען. ס׳איז אַ װאַרע כװאַראָבע. דײַנע קישקעס זענען אויסגעטריקנט פֿון לאַנגן װעג װאָס ליגט נאָך אויף דײַן צורה, יונגער־מאַן.

קלמן איז געװען טויטמיד, האָט ער טאַקע באַלד געטרונקען װאָס מ׳האָט אים דערלאַנגט און שטום געדאַנקט פֿאַר דער גוטסקייט װאָס מ׳װײַזט אים אַרויס אין זײַן צרה.

עס איז געװען אָװנט, ס׳איז אָנגעשטאַנען נאַכט, אַ גבהל־נשתוממדיקע, פֿעלדישע, פֿינצטערע נאַכט מיט קאַלטע, גרינע שטערן װאָס האָבן אַרײַנגעקוקט צו קלמנען אין דער קאַמער װוּ ער איז שוין געלעגן אונטער אַ גרויסן שאָפֿענעם פּעלץ.

פּרי איז געװאָרן נאַכט אין אַנופֿריס כאַטע װי אין דעם גאַנצן טיף־פֿינצטערן אַרום פֿון דעם װאַלדישן קאַנט, װוּ קלמן מלפּה־צײַטלס האָט אָפּגעאַכט נאָך זײַן װאַגלען איבער דער סומנער אומבאַװוּסטקייט פֿון גאָטס אַ שטיק װײַטפֿרעמדע װעלט.

*

דער נײַער טאָג האָט קלמנען באַגעגנט אין אַ רויִקן פֿלאָם פֿון דער נאָך יונגער װינטערזון, װעלכע האָט זיך מיט אַ דינעם פּאַס רויטן ליכט שװאַך אָפּגעשפּיגלט אין טונקעלן פּירהױז פֿון דער כאַטע װאָס איז אַן אַלײנינקע, אַן אָפּגעזונדערטע געשטאַנען אין דער ברײטער פֿעלדיש־װאַלדיקער לײַדיקייט. ס׳איז די שטוב פֿון אַנופֿרי דעם באַנדער, װוּאַהין ער איז ערשט נעכטן צו אָװנט־צו אַרײַנגעפֿאַלן אַן אומגעריכטער גאַסט. אַן

אַ זייט פון אַן אויסגעשפּרייטן שטיק לאַנד וואָס איז דאָ און דאָרט צעפּאַסט אויף דאָרפּיש צעשניטענע שטרעקעס, הויערט די אַ כאַטע, אָבער וויטער אַרויף־צו איז די ערד דאָ ווי איבערגעלאָזן אויף הפקר. זי איז צעהויקערט, די ערד, פון נישט אויסגעקאַרטשעטע אַלטע פּיעניעס, אַרומגעוואַקסענע מיט מאַך־קישנס און ווילד אַרויסגעשפּראָצטע יונגע קוסטעס. קיין מענטשישע האַנט רירט זיך נישט צו צו דעם באַשיימפּערלעך פּאַרנאַכלאָזיקטן שטח געוועזענעם וואַלד וואָס נאָר אַ ווינט, אַ רעגן און אַ פּראָסטיק־אַנגלאָזנדיקע זאַווייע טראָגט זיך דורך איבער דעם העק.

איבערגעוועקט זיך, קלמן קאָבריץ, האָט ער מיט נייגיר זיך אַרומגעקוקט און אויך זיך איינגעהערט אין דער זשוזשנדיקער שטילקייט. אין די שייבלעך פון דעם באַנדערס הייזקע איז דער סומנער דרויסן געשטאַנען אין אַ כמורער אַלטקייט, פון וועלכער ס'האָט אינדערפריִיִק אויפגעציטערט עמעצנס אַ שלעפּעריקער רוף. לודוויקאָווע האָט אַזויערנאַך זיך געוועקט פון נאַכטשלאָף. ברייט צעעפנט די טיר, האָט אָנופריס פירהויז באַלד זיך באַוויזן מיטן עול פאַרן נייעם טאָג, מחמת דאָס פירהויז איז געווען סיי דאָס אָרט פאַר דער קיך, סיי פאַר דער ווערקשטעל וואָס הינטער אים איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף די שטאַל פאַרן בהמהלע און דער קאָטוך פון די עופות.

געלאַסן האָט גענומען שפּאַנען דער טאָג, אָבער אויך האָמעטנע ווי דער דרויסן ווי ער איז געווען לגמרי פאַרהוילן פאַר אים, דעם פרעמדן אין דאָזיקן קאַנט. ערשט האָט קלמן נישט געוווּסט ווי אַזוי אָנצוהייבן דעם מאָדנע נייעם טאָג: זאָל ער, נאָכן אָפּרוען, זיך לאָזן ווייטער אין וועג אַריין זוכן ז י י ן מ אַ ר ג ן, וואָרן דאָ, זעט ער, איז גאָר קאַלעמוטנע, שלעפּעריק, אָדער ר'זאָל נעמען טאָן עפּעס אויף צו דערגיין צו אַ ראַגאַטקע, ווו עס וועט אפשר אַציִנד זיך שוין אָנהייבן דער וועג צו תּכלית, פון וואָס די מאַמע האָט גערעדט און געאָכצט? אמת, אַן תּכלית — ווייסט ער שוין — איז די נויט אַ תּמידיקער בן־בית, אָבער דער תּכלית באַוויליקט נישט אויסצווואַקסן ווו מ'באַגערט אים אַזוי שטאַרק ווי די מאַמע האָט אים גערופן, געבענקט צו אים. אָבער צוריק געשמועסט — קלמן מלכה־צייטלס איז אפשר ווינציק קלוג צו פאַרשטיין דעם מיין דערפון, אָבער עפּעס מטושטש־דיקס האָט אים ביי נייס אַריינגעטריבן אין טיפן אומרו. דערפאַר אָנגעהויבן דעם נייעם פרעמדן טאָג אָט ווי אַזוי:

אַריינגעשטעלט דעם קאָפּ אין פירהויז מיט אַ שעמעוודיקן „דאָברי דיען", אויף וואָס עטלעכע שטימעס האָבן אָפּגעענטפערט מיט אַ הייטערקייט

אַזש אים האָט זיך צעצאַפּלט די ברוסט. דאָס האָבן אַ ליבלעכן גוטמאָרגן אים אָפּגעגעבן סיי דער בעל־הבית וואָס האָט זיך שוין געפּאָרעט ביי אַ שטיק געהילץ און סיי די בעל־הביתטע, וועלכע האָט אַצינד אים געזען צום ערשטן מאָל, מחמת נעכטן איז זי שפּעט געקומען אַהיים פון טאַטע־מאַמען, וועלכע לעבן אין אַ ווייטלעכן כוטער.

— דאָברי דיען, פּאַניטש, איך פריי זיך צו האָבן דיך פאַר אַ גאַסט, — האָט זי געזאָגט מיט אַ געמיטלעכן קול אַז קלמנען איז דערפון געוואָרן מאָדנע ליכטיק אויפן האַרץ. בשעת־מעשה האָט זי אויף אַ שריט־צווייַ זיך דערנענטערט צום בחורל און פאַר אים זיך פירגעשטעלט ווי ס׳פירט זיך ביי לייטן: „יעוודאָקיִאַ סטעפּאַנאָוואַ איז מיין נאָמען״, און באַלד צוגעגעבן:

— איך, יעוודאָקיִאַ, מיין מאַן הייסט אָנופּרי. ביידע האָבן מיר ליב גוטע מענטשן. דו ווייזסט אויס צו זיין אַזעלכער. מ׳דערקענט שוין, פּאַניטש. דער קוק זאָגט גענוג! דערויף האָט זי פאַר דעם יונגן מענטש מיט אַן אומדרייסטקייט אויסגעלייגט איר טראַכטן, אַפּנים דערפאַר, אַז דער גאַסט זאָל באַנעמען אַז ס׳זענען ערלעך אירע רייד:

— מיר האָדעווען זיך פון אָרנטלעכער פּראַצע און באַגערן צו האָבן אַרום זיך אויך אַזעלכע. אונדז וועט ווילגעפעלן אויב דו וועסט באַווילין בלייבן מיט אונדז, אַפילו אויף שטענדיק, אָלאַ נישט — דערפריי אונדז מיטן צוזאָג אַז וועסט נישט באַלד אָוועק. וועסט קיין עוולה נישט האָבן. וועסט דיין זאַט און ביינאַנד וועט אונדז זיין היימלעך. זי האָט זיך צערעדט אָפּנהאַרציק אין דער האָפענונג צו האָבן נאָך אַן עמעץ צו קענען אַ מאָל זיך אַראָפּרעדן פון אייגענעם טראַכטן און אפשר אויכעט פון די שטילע בענקענישן. אַוודאי, נישט ווילנדיק כאַפּט זיך אויף אין האַרצן אַ נאָגנדיקע בענקעניש.

אַ לענגערע ווילע איז זי געשטאַנען פאַרן יונגן מענטש און פון אים דערוואַרט נאָך עפּעס. זי׳ט ווידער געזאָגט: — פאַר אַן אָנהייב האָב איך שוין געזאָגט אַ סך; איצטער זאָג אונדז דיין נאָמען, פון וואַנען דו קומסט און צי דו באַשטייסט בלייבן מיט אָנופּרין דעם באַנדער, ווערן אַ היימישער. איך זאָג עס פּראָסטאָ ז׳ מאָסטו *). דו געפעלסט אונדז, בחורל. יאָ, יאָ. ס׳אַן אמת וואָס איך זאָג. מיר האָבן שוין איבערגערעדט פון דעם.

דאָס ייִנגל איז מבולבל געוואָרן פון די צוגעלאָזענע רייד פון דער קאָרן־האָריקער פרוי. אים איז נישט גרינג אָנגעקומען צו ענטפערן דעם

*) וואָס געמיינט — דאָס געזאָגט.

ענטפער וואָס די בעל־הביתטע וויל הערן. אַ ביסל צעטומלט האָט ער געוויגט מיטן קאָפּ, אויך געקוועטשט די וויִעס און באַגערט זיך מערער אויפצוּוועקן צו אַ קלאָרן געדאַנק. לסוף האָט ער פּאַמעלעך, ווי געהיטן זיך מיטן וואָרט, אַרויסגעבראַכט זיין טראַכטעכץ:

— קעלמאַן רופט מען מיך, קעלמאַן קאָבריץ, — און באַשיימפּערלעך נאָכגעקלערט וואָס ער האָט געזאָגט צו דער, וועלכע האָט אַרויסגעקוקט צו הערן וואָס ער האָט צו זאָגן.

— קאַליאַ, קאַלקאַ, האָרכסט, אַנופרי? — האָט זי אויפן קול איבער־געחזרט און געוואָרט אויפן אָפּרוף פונעם מאַן, דעם פּאַרטוענעם ביי זיין מלאכה. — ס׳איז אַ גוטער נאָמען, פון אַ הייליקן אַ נאָמען. ביסט מסתּמא פון גאָר ווייט, האַ? האָסט געגוג געבלאָנדזשעט ביז זיך דערקליבן צו אונדזערע קאַנטן. פיין, וואָס ביסט געקומען אַהער, קאַליענקאַ. מענטשן זענען נייטיק, און מ׳האָט זיי גערן. אַרבעט איז פאַראַן, סיי זומער, סיי ווינטער. אַנדערשווו זוכן מענטשן אַרבעט און קריגן זי נישט. אָבער אַהער קומען ווינציק אַזעלכע. פאַר וואָס, זאָג מיר, קאַליאַ, קומען זיי נישט אַהער צו? אַוודאי ווייל זיי ווייסן נישט פון אונדזערע שטעטלעך און דערפער, די ווייטע, ווו ס׳טומלט זיך נישט, פּראַוודאַ? אָבער אַרבעט איז פאַראַן ביי אונדז אין די וועלדער, אין די טאַרטאַקן און ביי מלאכהס. לייט הונגערן דאָך אין אייערע שטעט, און הונגער איז אַ צרה. מענטשן האָבן נישט ביי וואָס צו אַרבעטן. אין די גרויסע שטעט איז ערשט נישטאָ קיין אַרבעט. ריכטיק, קאַליאַ? אַזוי זאָגן לייט וואָס פאָרן איבערן לאַנד, טייל גרייכן אַ מאָל אויך אַהער צו. ס׳קאָכט, זאָגט מען, אַן אומרוּיִקייט צווישן די מענטשן איבער דעם הונגער. לייט קליאַנטשען ביי די שוועלן פון די רייכע, מ׳זאָל זיי געבן צו פאַרדינען אויף ברויט.

— ריכטיק איז דאָס, נאָר נישט אין גאַנצן אמת וואָס לייט זאָגן, — האָט דאָס בחורל קאַליאַ געענטפערט נישט דרייסט. — פאַראַן אַ סך אַרבעט, אָבער נישט פאַר אַלעמען, אַפילו נישט פאַר די וואָס קענען גוט אַרבעטן. ס׳טוט זיך פאַרשיידן ביי מענטשן, ווייל נישט איטלעכער קען זיין ענלעך צו זיין שכן, צו מאָל נישט צום אייגענעם ברודער. איך גופא האָב זיך נאָך נישט אויסגעלערנט אַ מלאכה, כאָטש כ׳מוז אויכעט אַרבעטן און פאַרדינען. מיר האָבן אַן אָרעמע שטוב. מיין מאַמע פאַרדינט ווינציק. אַ טאַטע איז נישטאָ. דער טאַטע איז געשטאָרבן אין דער מלחמה. מיך האָט גענומען אַ יאַריד־הענדלער פאַר זיין קראָם וואָס פאָרט אַרום איבער די מערק פון שטעטלעך און דערפער. לאַנגע וואָכן האָט ער מיך אַרומ־

געפירט איבער די מערק. ר׳פאַרקויפט צאַצקעס, שפּיגעלעך, קרעלן, קעמלעך, אויך סטענגעס, פּאַסמעס פאַדעם אויסצוהעפטן בלוזעס, אויך שמאַכטעס פאַר קינדער. ס׳זענען שיינע זאַכן; אָבער דער הענדלער איז אַ ווילדער, ר׳האָט פאַרגעסן מיר צו געבן אָנבייסן, אַ וואַרעמען מיטאָג כמעט קיין מאָל נישט געגעבן, אויך געלאָזן פרירן אויפן וואָגן אין די נעכט. אַליין איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די קרעטשמעס הוליען. איך בין אַנטלאָפן, נישט געוואָלט זיין באַ אַזאַ... כ׳האָב לאַנג אַרומגעבלאָנקעט ביז — איך האָב נישט געוווּסט וואָהין כ׳בין דערגאַנגען. קיין מאָל נישט געהערט אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ אָרט ווי לודוויקאָווע — —

אויסדערציילט אַלץ וואָס אים איז ווי אַ שטיין געלעגן אויפן האַרץ. לסוף האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווייל דערפילט אַזוי ווי ער וואָלט באַדאַרפט זיך שעמען מיט זיין ווינציקייט.

— אַרעמענקער, האָסט זיך אָנגעליטן, געהונגערט, האַ? — איז יעווּדאָקיאַ סטעפאַנאָווּנאַ געוואָרן נייגיריק און מער זיך איינגעקוקט אין דעם בחורל. אויך אָנופּרי האָט, דערהערנדיק קאַליאַס געשיכטע, אויפ־געהויבן דעם בליק צום יינגל און נישט געכאַפּט זיך אַז ס׳שניצמעסער איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט:

— האַ, האַאַ, וואָס סע טרעפט אַלץ מיט אַ בידנע באַשעפעניש, — האָט ער זיך אָנגערופן. — נישט גרינג איז די דאָליע פונעם מענטש ביז ער קען זיך האַלטן אויף די אייגענע פיס! אָבער אַזעלכן וואָס גענאַרט אַ שוואַכן, באַדאַרף מען אָנלערנען ווי ס׳קער צו זיין. גענומען אין ווייטן וועג אַריין אַ בחורל און געלאָזן אויף הפקר. פוי, פוי, אַ זשוליק. ר׳האָט גוט געטאָן, קאַליאַ, וואָס זיך אַוועקגעריסן פון אַזוינעם. ערשט קראַצט ער זיך דעם הינטן. ר׳האָט מער נישט דאָס בחורל וואָס איז אים געווען אַ גוטע האַנט צו דער אַרבעט. מאַלאַדיעץ, קאַליענקאַ! ביי אונדז וועסטו האָבן אַ היים און טאָקע לערנען די מלאכה. אַ נו, בעל־הביתטע, לאָמיר זען אַ ריכטיקן פּיק צו טאָן. מעשהס וועט מע לאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל.

— קאַליאַ, ליבינקער, פאַרגיב מיר מיין נאַרישקייט. איידער הערן, האָב איך ליבערשט באַדאַרפט דיך אָנקאָרמען. באַלד וועט זיין דער באָרשט, — האָט יעווּדאָקיאַ שוין אַרויסגערעדט פון הינטער דער קאַפּע פונעם אויוון ווו ס׳האָבן געקאָכט טעפּ און איבערן פּירהויז האָט די פּאַרע זיך געשפּרייט ווי אַ וואָלקן צעדריוולטע וואַטע. ס׳האָט פאַרשמעקט מיט שאַרפע געקעכטסן וואָס רייצן די נאָזלעכער, אַלאַ פון פּירהויז האָבן אויך זיך געהערט שטיקנ־דיקע ריחות פון אָנופּריס ווערקשטעל: האַרבע אויסדעמפונגען פון פּריש

געשניצטן האָלץ און אונטער די פיס האָבן געשורשעט שטיף־געקרייזלטע שפענער פון ערשט געהובלטן געהילץ, פון אָלכע, יאָדלע און דעמב.

מחמת לאַנגוויל פון זיין גאָרנישט האָבן צו טאָן דעם לאַנגן טאָג, האָט קלמן־קאַליאַ אומדרייסט זיך צוגערוקט צו דער ווערקשטעל, זיך אָנגעבויגן דאָ צו אַ צעבער, דאָ צו אַ פאַס וואָס איז שוין פאַרטיק געוואָרן פון אונטער אַנופריס געניטע הענט. ר׳האָט זיך צוגעקוקט ווי מ׳הייבט אָן אויסטעסען ביעגונעס — ברייטע און לאַנגע הילצערנע „פיס" פאַר אַ פויערישן שליטן, פיס וואָס זענען אין די פאָדערשטע עקן אויסגעבויגן אויף אַרויף; מיט פלייס האָט ער זיך צוגעקוקט צו דער מלאכה און אײנציײטיק געשפירט אָן אויסטערלישע גינציקייט פון דער אַ אומבאַקאַנטער וועלט וואָס אַנט־פלעקט פאַר אים אמתע גוטסקייט. אַנופרי האָט זייטיק אים צוגעוואָרפן אַ בליק און דערפילט די נייטיקייט דאָס יינגל מער צו דערנענטערן צו זיך, נישט צו שפילן דעם בעל־הבית, וואָס מאָנט, באַפעלט.

— ס׳איז נישקשה אומעטיק, האַ, קאַליאַ? לערן זיך פלייסיק דאָס פאַך, וועסטו זיין צופרידן און פריילעכער. ס׳איז גוט דערלערנען דעם וועג וואָס וואָס פירט צום קאָרען*), וועלכער גיט דעם מענטש ערלעך ברויט. זיך צוקוקן ווי סע מאַכן זיך אַזעלכע זאַכן וואָס איעדער בעל־הבית מוז האָבן, איז אַ ווילע קונץ. לייט באַדאַרפן דאָס פונקט אַזוי ווי זיי מוזן האָבן אַ טאַרבע זאַלץ צום געקעכטס אַז ס׳זאָל קריגן דעם ריכטיקן טעם; נו, ווי ס׳איז נייטיק קעראָסין פאַר דער לאָמפּ נישט צו מוזן זיצן אין דער פינצטער. אַזויערנאָך האָט אַנופרי אָנגעטאָן קלמנען חשק זיך צוצוקוקן צו זיינע טועכצן.

נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן, האָט קלמן־קאַליאַ מיט אַ האַלב־צעעפנטן מויל זיך דערנענטערט צום מענטש מיטן שניצמעסער אין האַנט און מיט האַלצשפּענער אין זיין בלאָנדער באָרד. ר׳איז שעמעוודיק צוגעגאַנגען און געשטעלט זיך ביי אים מיט קענטיקער אומזיכערקייט.

— קוק זיך איין, קאַליאַ, און לערן זיך אויס ביז וועסט אַליין נעמען אַ דלאָטע און אַ הובל אין האַנט. ס׳איז אַ מלאכה וואָס לייט לויבן די הענט וואָס מאַכן נייטיקע זאַכן.

אומדרייסט האָט דאָס יינגל זיך שוין צוגעבונדן אויף צו אַנופריס האַרטלעכן לשון און געפילט נשמהדיקע דאַנקשאַפט פאַר דער מנוחה וואָס מ׳גרייט פאַר אים טאָג איין, טאָג אויס. מיט נייגיר האָט מלכּה־צייטלס יינגל געשפירט, אַז דאָ לעשט זיך זיין שוואַך אָפּגעדעקטער ווייַ וואָס

---

*) וואָרצל, יסוד.

עקבערט אין אים מיט להוט טראַכטנדיקע אויגן, אָבער נאָך אַלץ מיט אַ געליימטער, שטומער צונג.

*

כאַזיאַין *) רופט ער ערשט דעם מענטש, וואָס האָט אים געגעבן ברויט פון זיין ברויט, אים, דעם פאַרפאַלענעם אין דער טויבער וויט. „גיין, ס׳וועט נישט גוט זיין, בחורל, אַז וועסט מיך לאָזן פאַרגעסן מיין נאָמען. אַנופרי הייס איך, בחורל, און אַזוי זאָלסטו מיך רופן״, — האָט ער אַ ביסל צוריקהאַלטעוודיק, אָבער פשוט, גערעדט צו קלמן־קאַליאַן. אַ האַרעפּאַשנער, ווי עס זענען דער רוב לייט אין דעם פאַרוואָרפענעם העק פון וואַלדיקן פּאָלעסיע, איז אַנופרי אַ תּמעוואַט גרויסגעוואַקסן קינד, אַזאַ וואָס האָט ווי אַ קוסט אַרויסגעשפּראָצט צווישן די אַרומיקע וועלדער און די קליינע, עלנטע יישובים. פון רגילות ווייסט אַנופרי נאָר צו אַרבעטן אין שטוב און אַרום שטוב, פונקט ווי ער איז געוווינט צו די מאָלצייטן וואָס ס׳וויב גרייט פון קאַרטאָפל, פונעם קרויט און דעם מילכוואַרג וואָס האָדעוועט זיך סיי אויף זיין שטיקל פעלד און סיי אין שטאַל. פּראָסט איז די גאָב פון דער ערד וואָס שפּייזט דעם פּאָלישוק אַנופרי, אָבער די מלאכה וואָס ער טוט, מאַכט באַטעמטער, זאַפטיקער דעם ביסן וואָס ער עסט.

— געדענק, בחורל. נישטאָ קיין כאַזיאַין אויף דעם פּאַס ערד וואָס פּאַסע דער שטאַט. לודוויקאָווע, זעסטו, האָט אַ וואַזשנעם כאַזיאַין. מערערע כאַזיאַינעס אַפילו, פון זעגמילן, פון ברייהייזער, אויך פון גרויסע סקלאַדעס און סטאַדאָלעס, אָבער דער גרעסטער פון זיי איז זיין בלאַהאָראָדיע **) לודאָוויק ראַדזיוויל. איך, ליבינקער, בין בלויז אַן אַנופרי. נישט פאַרגעס אין דעם, אַ מענטש אַ מאַזאָלנער. סאַגלאַסען? ***) און גלעטנדיק קאַליאַן איבער אַ באַק זיך אַריינגעשטעלט אים אין די אויגן מיט אַ וויכן שמייכל.

קלמן האָט פאַרנומען דעם מיין דעם בעל־הביתס און ווידער אַ מאָל שעמעוודיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

טעג פון זשעדנער איינגעהערטקייט אין דעם סומנעם אַרום זענען פאַרביי און קלמנען האָט זיך נאָך נישט פאַטויפעט אין מוח דאָס אַנווער־טערדיקע לשון פון זיין גורל וואָס האָט אים רק געשטויסן, געוואָרפן ווי

*) בעל־הבית (רוסיש) ; **) זיין וווילגעבוירן ;
***) ביסט מסכים, פאַרשטייסט ?

אין קדחת פון נויט צו וואָגל. ער איז אַ גוטער, דער אָנופרי, אָבער וואָס וועט ער טאָן ביי אים — עסן זיין ברויט, צערייבן מיטן רוקן דעם סנאָפּ שטרוי וואָס ער׳ט אַריינגעשטאָפּט אין גרויסן זאַק פאַר אַ וואַרעם געלעגער פון זיינעט וועגן? אָבער ווייטער!? ניין, ס׳האַרצט אים נישט, מלכּה־צייטלס קלמנשין. ער מוז אָנהייבן עפּעס פון דאָס ניי, ס׳וועט ווידער זיין שווער, פיינלעך און... וואָס קאָן זיין ערגער ווי וואַלגערן זיך ווי אַ הונט אָן אַ בודע? ווייל כאָטש ער איז ליבלעך, דער אָנופרי, שפּירט קלמן אַז ס׳איז שטעכיק, קאַלעמוטנע די אָ נייע פרעמד ווו ער קאָן כּלומרשט זיך אָפּרוען. צי מעג ער אָבער רוען? נו, דער לויערנדיקער פּחד פאַרן מוז וואָס מוז סוף־כּל־סוף ווידער דערפירן ער זאָל זיך פאַרנעמען אין אַן אַנדערן ערגעץ, האָט דעם בחורל ווי איינגעגליווערט דעם מוח. ר׳איז מער נישט געווען אין שטאַנד צו טראַכטן וועגן דעם „וואָס ווייטער!״ ער האָט נישט געוווּסט וואָס ביי נייס אָנצוהייבן, אויב ר׳זאָל דאָך פּירנעמען שטעלן אַ נייעם טראָט, בפרט אַז קיין קלאָרן וואַהין, האָט זיין טומאַנע פאַנטאַזיע נאָך נישט געקענט דערגרייכן. פאַר אַ צולאָג האָט אָנופרי, דער גוטער אומבאַקאַנטער, פון אים נישט געקענט אָפּטרעטן:

— יונגער מענטש, אויב דיר וועט ווילגעפעלן צו בלייבן דאָ, קענסטו זיין מיט אונדז ווי אַן אייגענער. פראָסט געֶרעדט, אַ ברודערל, אַ פּלימעניק אָדער אַ... וואָס זאָל איך נאָך זאָגן? וועסט צוהעלפן ווי אַן אייגענער, אַ היימישער ווי איך, ווי יעוודאָקיאַ, אָן שום חילוק. שפּעטער, האָף איך, וועסטו זיך שפּירן בעסער ווי אין דיין אַנומלטיקער היים. צו וואָס זוכן גליקן אַז גליק איז נאָר אַן איינרעדעניש פון די פּוילע וואָס האָבן נישט קיין גלוסט צו אַרבעטן פאַר זייער טעגלעכן ביסן, גרייטן אַ גינציקן מאָרגן; ס׳גייט דען נישט אַ שפּעטער פאַרן לעבעדיקן מענטש, מ׳ווערט עלטער, מ׳פאַלט פון די כּוחות?

צעטומלט דערפון, האָט קלמן געשוויגן און איבער זיך געלאָזן אַריבער־שפּאַנען אַ טאָג נאָך אַ טאָג און ווי אַ שאָטן אין סוף־טאָג געפּרוּווט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר זיין אומרו, וואָס האָט גענומען פון ס׳ניי פלאָגן, נאָגן אין די בלוטן.

די טעג פון מידקייט זענען שוין געווען אויסגערונען. קאַליאַן, ווי אָנופרי האָט נישט אויפגעהערט אים רופן, האָט דער בעל־הבית טאַקע געוואָלט איבערוועקן, מוטיקן אויף זיין שטייגער: „זעסט, קאַליאַ, כ׳האָב צוגעטראַכט אַז דיר זאָל נישט זיין קאַלעמוטנע, ווייל אומערן איז אַ שלעכטער חבר דעם מענטש. וועסט זיך פאַרען אַרום ווערקשטעל, ווו

ס׳טוט זיך עפּעס, צוקוקן זיך צו אַלץ, וועסטו דערנאָך פּאַוואָלינקע נעמען אַליין טון, ווערן אַ באַנדער. ס׳אַ גוטע מלאכה, וואָס איטלעכער באַדאַרף זיך מיט איר באַנוצן". קלמנען איז אָבער געוואָרן טאָפּלט שווער. מער מבולבל ווי אין תחילת, האָט ער נישט געהאַט ווו אַנצולעגען זיין בליק וואָס האָט געזוכט אַן אַנשפּאַר פאַר דער צערודערונג, וועלכע האָט אין אים פאַרשרומפּן דאָס צעפלאַטערטע האַרץ, ער׳ט אומוויליק געגעסן דעם פענעץ ברויט וואָס אַנופרי האָט בתשועת־חן אים געגעבן, כאָטש ער האָט׳ס אין ממשות נאָך נישט פאַרדינט. אדרבא, אויף צו פלייסן האָט דער באַנדער אים אַנגעטון אַ חשק מער צו עסן. — ס׳איז דאָס הייצעכץ פאַרן קעסל וואָס טרייבט דעם פּאַראָוואָז*) וואָס שלעפּט אַלע וואַגאָנעס. נאָר טויטע עסן נישט, ברודערקע, — האָט אַנופרי אים געמינטערט. דו מוזסט שטאַרקן דיינע מוסקלען. זיי אַ מאַנצביל, קאָליאַ. ער איז געווען גאָר צופרידן וואָס דער בחור הויזט מיט אים, לאָזט הערן זיין קלאָר קול, כאָטש ר׳איז עפּעטערס אַרומגעגאַנגען אַ פאַרשטומטער. קלמנען איז אין אמתן אַלץ נאָך נישט גלאַט אַראָפּגעגאַנגען דער געשענקטער ביסן. גאַרנישט איז אים געווען ניחא, דעם יינגל. אַלע מאָל האָט עס אים דערמאָנט ווי די מאַמע פלעגט איבערחזרן פאַר די הונגעריקע קינדער: „באַהיט מיך, רבונו של עולם, פאַר אַ געשענקטן ביסן!" תמיד, ווען אַנופרי האָט אים צוגערופן צום מאַלצייט, האָט קלמן אין אַלע זיינע אברים דערשפּירט אַ דרינזשעניש פונעם געדאַנק וואָס איז אים געקומען אויפן זינען אַז דאָס וואָס ער עסט אָקערשט, איז ווי אַ נדבה. אַזאַ ביסן שטיקט. פון דער מאַמעס געפלאַגטער היים האָט ער מיטגעטראָגן מיט זיך דעם ווידערווילן צו דער גאָב פון פרעמדע לייט. דערפאַר האָט אַן אומרו מטושטש צעשפּאַרט זיין יינגלשע ברוסט.

און ערשט האָט אַן אינעווייניקדיקע טרייסלעניש ווידער גענומען אים טרייבן אין אַן אומבאַוווסטן ערגעץ, כאָטש קיין שום וואוהין איז נישט געלעגן אין קלמן־קאָליאַס דמיון. אָבער דאָס געפיל האָט אים שוין פאַר־קלעמט די ברוסט און ר׳האָט זיך אָוועקגעריסן פון זיך אַליין: ר׳וועט גיין, אַבי נישט זיין אַן איינגעבעטענער; וואָרן די דאָזיקע גוטסקייט וואָס ס׳שטראָמט אַן אויף אים פונעם באַנדערס שטוב, טונקלט אַן זיין ראיה. ער איז זיך נישט טועה, מלכה־ציילטס זון. אין אָנהייב זענען אַלע מיקלאָמ־פּערשט צוקערזיס, — האָט אַן אומגעזעענער פינגער אים געוואָרנט, אַלאַ

---

*) לאָקאָמאָטיוו.

אַנופּרי האָט ביי צייטנס דערפילט קאַליאַס אויפגעזאָטענעם אומרו און נישט אויפגעהערט אַריינרעדן אין אים:

— וויל נאַר, קענסטו אַן נאַרישער טראַכטעניש בלייבן מיט אונדז. כ'שווער דיר, ס'איז אמתדיק וואָס איך זאָג. מיר האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דיר, און ליב באַקומען. ביסט אַ געהאָרכיק ייִנגל וואָס די נויט האָט שטאַרק אויפגערודערט. דאָס איז אַן אמתדיקע שקאָלע. קאַליאַ, באַדאַרפסט דאָ בלייבן. מיינע איז אויך אַ היימישער מענטש, נישט קיין פּאַרריסענע נאַז.

— רעד אויך אַ וואָרט, זשאַנקאַ, — האָט ער בשעת־מעשה זיך געווענדט צום ווייב זי זאָל העלפן וויל מאַכן דאָס בחורל. — זי האָט גערן גוטע מענטשן, מיין יעוודאָקיאַ, אַבי נאַר אָרנטלעך. דו ביסט דאָס, בחורל. מע דערקענט אַז דו ביסט פון אַן איידעלן קאָרען*). דערפאַר ווילן מיר דיך האָבן מיט אונדז, בחורעץ ליבינקער.

— וואָר רעדט אַנופרי, יעי באָהו, — האָט זי זיך אָנגערופן און געווענדט צום בחורל. — ער מיינט עס אויף אַן אמת, קאַליענקאַ. מירן דערפון איבערגעשמועסט. אַ ווילער כלאָפּעץ, דער קאַליאַ, ר'וועט זיין ווי אַ ברודערקע. מיר וועלן דיר גאַרנישט זשאַלעווען. זאָג, קאַליאַ, פילסט אַן עוולה פון אונדז, ווערסט געקוועלט? פאַרקערט, סע פרייט וואָס דו ביסט מיט אונדז אין כאַלופּע. עלעהיי אַ לייבלעכער האָט זיך אָפּגעזוכט. ער'ט אונדז העלפן און מירן אים פאַרגרינגערן אין אַלץ, אַלץ ווי ס'קער צו זיין. מיר ווייסן נישט פון קיין פאַלשקייטן. אַ ברודערקע ביסטו אונדז, קאַליאַ.

אָפּהענטיק פון דעם גערייד וואָס האָט אים אומגעריכטערהייט געפּאַנגען, האָט קלמן רעכט נישט געקענט אויפהייבן די אויגן. נאָר אַ רגע אַ בליק געטאָן אויף דער אַנופריכע — אַ בלאָנדער יונגער קאָפּ איינגעקניפּט אין אַ קאָליריקן טיכל, אָבער באַלד דערויף האָט ער דערפילט אַז אויף אים קוקט דער ברייט־צעפליגלטער סיצענער קנופּ פון אונטער דער גאָמבע אָפּיר און אירע אויגנגלאַנצלעך בלאָנדזשען מיט נייגיר איבער זיין פּנים.

— שעמסט זיך, קאַליאַ? — האָט ווידער זיך געטראָגן איר וואָרעם קול. — באַדאַרפסט זיך נישט שעמען. מיר זענען ערלעכע און האָסט זיך נישט צו שרעקן. מיר האָבן האָלט אַזוינעם ווי דו. אויך מיר זענען דורכ־

*) אָפּשטאַם.

געגאַנגען אַ שקאָלע פון אָרעמשאַפט, נישט געבאָדן זיך אין ראַסקאַש. אַנטלויף נישט מיטן געדאַנק אין אַנדערע וויטענישן. האָסט געפונען אַן אָרט פאַר אַ וואַרעמער היים ווי ביי אייגענע. עלעהיי אַן עלטערער ברו־דערקע פון אונדזער אַנדריושען. זאָג אַ דרייסטן יאָ, קאַליאַ!

ער האָט זיך שטאַרק געקווענקלט, מלכה־ציילטלס יתום, ווייל זאָגן נ י י ן איז ער נישט געווען אין שטאַנד. אַ שאַרפע ביטערקייט האָט אים צעטאָרעט; ער׳ט געשפּירט איבער זיך דאָס געוועלטיקן פון אַ מטושטש אַנען וואָס האָט נישט קיין נאָמען. ווידער אַ מאָל נישט דרייסט אויפגעהויבן דעם בליק און אַ רעד געטאָן צו איר, אָבער געזען האָט ער נישט זי, יעוודאָקיאַן, נייערט איר טומאַנע געשטאַלט וואָס הערט אים אָקערשט ווי פון הינטער אַ וואַנט:

— אַ דאַנק, פאַר אַלץ אַ דאַנק, — און ער האָט גענומען זיך שטיקן מיט אַן אומגעריכט העשען.

...אויף אַן אמת האָט קלמן־קאַליאַ מיט אַ מאָל זיך דערשפּירט גענעזן ווי נאָך אַ פיבערקרענק. אַפּנים, דאָס לאַנגע טראַכטן פון וועגן זיין שווערן גורל און ס׳איבערקייען אין זיך די ליבלעכקייט וואָס עס וויזן אים אַרויס די לייט, וועלכע זענען אים אונטערגעקומען מיט לויטערן גוטס — אַלצדינג אין אים האָט זיך פּאַוואָליע איבערגעבערענט.

אַ דאַרער, מיט שפּיציקע קינבאַקן אונטער פאַרטראַכטע קאַרע אויגן, האָט אַנופרי ווידער און אָבער־אַ־מאָל געריעדט צום בחורל ווי צו זיין גלייכן: „אייל זיך נישט. סע איז נישט קיין געאייל. צו ערשט קוק זיך איין ווי סע טוט זיך, דערנאָך וועסטו אַליין בעטן דיר צו געבן עפּעס צו טון; דערווייל ביסטו נאָך מיד, כאָטש דו מיינסט אפשר אַז קענסט זיך שוין שטעלן צו אַן אַרבעט״. געריעדט ווען ער האָט מיטן הובל פלייסיק אויסגעגלאַטיקט אַ סענקאָטן גראָבן ברעט מיט זשיווע־פּעטע, טונקעלע האָלצאָדערן. אין מיטן דעם אַ טועכץ האָט אַנופרי איטלעך מאָל אַ בליק געגעבן אין קלמנס זייט, ווייל באַמערקט זיין צעטראַגנקייט. ער׳ט זיך נאָך אַלץ געוויזן אַ פאַרלוירענער, דאָס בחורל וואָס אים האָט אָב־געבראַכט די צעטומלטע ווייט. באַגעגנט זיך מיט אַנופריס בליק, האָט דאָס ייִנגלטשינע איינגעגראָבן די אויגן אין די שפּיצן פון זיינע שיך. בשתּומם דערפון וואָס קאַליאַ איז אויף אַן אמת אומרויִק, איז דער מענטש ביי נייס צו אים צוגעשטאַנען:

— דאַ, ברודערקע, וועסטו זיין געזונט ווי אַ בוים אין קראַפטיקן בליִען און פרוכפּערן. וועסט זיין ווי יעדער פון אונדז. איכ׳ל דיך נישט

טרייבן, נישט באַליידיקן, און באמת — פאַר וואָס? ערשטנס ביסטו ווי אַן אָפּגעבראָכענער צווייג פון אַן איינגעזונקענעם שטאַם וואָס אַ בליץ האָט אים צעשפּאָלטן; צווייטנס געפעלסטו מיר זייער און אויך מיינע האָט דיך געגרן. ריכטיק, וועסט זיין אַן עלטערער ברודערקע צו אַנדריושען, אונדזער זונעלע. האָסטו חשק, קענסטו שוין מיט דעם אַ — און מיטן שטערן אַ ווונק געטאָן אויפן הובל וואָס ער׳ט געפירט מיט זיין האַנט — פון דעם אויגנבליק, שוין אָרנטלעך פאַרדינען דיין ברויט. כ׳מיין, דו זאָלסט זיך שפּירן בעסער. איך וועל דיך לערנען. נאָך אַ ביסעלע צייט, וועסטו אַרבעטן קאַק ווסיאַקי טשעלאָוועק*). דאַרפסט נאָר פאַרטרייבן דאָס אומ־נייטיקע טראַכטן, קאַליאַ. דאָס אַריינטראַכטן מאַכט קאַליע דעם קאָפּ. דאָס קאָן נאָך אָנשאַדענען ווי אַ ווילדער חזיר וואָס גראָבט זיך אַריין אין אַ גאָרטן אויף וועלכן אַ טוץ האָרעפּאַשנע לייט האָבן געהאָרעוועט אויף אַרויסצוקריגן פון אים גרינוואַרג און קאַרטאָפל פאַר אַ לאַנגן ווינטער. דער חזיר צעפּרעסט אַלץ און לאָזט נישט איבער קיין מינדסטס. דאַרפסט סעריאָזנע**) זאָגן צו זיך: דאָ וועל איך פון היינט און ווייטער הויזן מיט די לייט וואָס אַנגעטראָפן און מיט זיי לעבן פרידלעך. דאָס וועט זיין אַן אמתע ברכה פון גאָט. נישט גוט צו לאָזן זיך אויף סתם בלאָנדזשעניש, יונגער־מאַן!

אַנופרי האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן, איבער אַ נייס זיך אָנגעבויגן איבערן ווערקשטעל און אַרום זיך געלאָזן פאַלן לאַנגע געקרייזלטע האָלץ־שלענגלעך, פריש אָנגעפּאַסעוועטע פונעם הובל.

*

מעשה דערוואַקסענער, האָט קלמן־קאַליאַ מיט אַ מאָל זיך צעקווענקלט, כאָטש אַ ייִנגלשע ראַזקיית האָט נישט־ווו, נישט־ווען געפלעמלט אויף זיין פּנים בעת אַנופרי מיטן ווייב האָבן דווקא געוואָלט אים פאַרהאַלטן ביי זיך. ער האָט אָבער נישט געקענט געגוגן־טאָן זיין אייגענע דעה: „בלייבן, צי ווידער זיך אַוועקלאָזן אין אַן אומבאַוווסטן וועג?" ווייל ווו ס׳איז זיין ווייטער, האָט ער סיי ווי נישט געוווסט, אַפילו נישט געוווען מסוגל צו טראַכטן דערפון. ער האָט נאָר שטיל געאָנט אַז ער איז טאָקע אַרומ־געוואַקסן מיט אַ רעטעניששפּולן פאַנצער; זיך אַליין איז ער נאָך פרעמד

---

*) ווי יעדער מענטש. **) ערנסט.

ווי אים איז פֿרעמד דאָס דאַזיקע לודוויקאָווע. אויך אַן אימה האָט אים אַ שניט געטאָן אין סאַמע שאַרבן ווי אַן אומגעריכטער פּלאַם וואָלט אים אַ ביס געטאָן דער פֿרעג, וואָס האָט אים ניילעך גענומען טאַטשען: — צי אַזוינע אַנופּריס טרעפֿן זיך נאָך ערגעץ...? שוין פֿון דער ערשטער רגע זינט ער האָט אַריבערגעטראָטן די אַ שוועל, האָט אין אים זיך אַריינגעגראָבן דער ספק צי זיינע גאַסטגעבערס זענען באמת אַזעלכע ווי זיי גיבן זיך אויס מיט זייערע רייד. וואָרן אַנופּרי איז עפּעס אַ מאָדנער, אַזאַ גוטער, אָלאָ אים, קלמנען, קאָן ער נישט פֿאַרשטיין. ער איז דאָך אַ פֿרעמד ייִדיש ייִנגל וואָס איז אַרומגעריסן־אַרומגעשליסן, דערצו האָט ער צעקראַכענע הענט. וועלן זיי אים אַריינגעמען אַזוי נאַקעט? ניין, אים גלייבט זיך עס נישט. און דאָס בחורל האָט סוף־כּל־סוף אַ ברום געטאָן אין זיך: „ס'איז גרינג צו זאָגן — קלער נישט פֿון לויפֿן. ביי אונדז וועט דיר זיין גוט די וועלט!" ווי קען ער דאָס, מלכּה־צייטלס קלמן, ווען די מאַמע האָט אין די געהירן אַריינגעדליביעט דעם פּונק פֿון תּכלית — „אַ מענטש קאָן נישט לעבן אָן תּכלית!" אָבער איינצייטיק האָט אין מוח אים געווימלט ווי אַ מילבן־נעסט די טענה פֿון די דאָזיקע לייט וואָס ווילן צו אים זיין גוטע און ווילע: „ס'וועט דיר זיין אַ טובה, הערסט, קאַליאַ? וואָהין ועסטו וואָגלען!? האָסט דען עמעצן ערגעץ? סיידן אין פּוילן וואָס אין משוגענער אויסרייסעניש. און ס'איז אויך נישט אויף איצטער, ווען ס'גייען ווילדע קעלטן מיט זאַווייעס. הערך וואָס מ'זאָגט דיר, בחורל. כּ'מיין, אַ וואַנדער־פֿאַראָשאָק האָסטו אַראָפּגעשלונגען. ס'וואָר, יונגער מענטש?" און זיך אָנגעטון אַ כּוח אַרויסצוקריגן אַ ווייכע מינע פֿון דעם ייִנגל וואָס איז דערצו אויך אַ שטומער עקשן: רעדסט צו אים — האָט אַנופּרי אַ מאָל כּמעט זיך צעשריגן — און ער שווייגט, דער קאַליאַ!

אויך יעוודאָקיאַ סטעפּאַנאָוונאַ אין ברייטן קלייד האָט אָוועקגעלייגט די סטעמפּע מיט וועלכער זי'ט געגרייט אַ צעבער מעקענע פֿאַר דער קו אין שטאַל; זי האָט געפֿילט אַז אויך זי מוז אַריינוואַרפֿן איר וואָרט אין דעם לאַנגן גערייד וואָס פֿירט זיך מיט דעם ווילן פּאַרען*). וואָרן דער מאַן האָט באַשיימפּערלעך גאָר נישט געקענט פּועלן ביי קאַליאַן. מיט באַדויער אויפֿן קנאַפּן שׂכל דעם ייִנגלס האָט אין איר זינען זיך אַריינגעגריזשעט אַנופּריס געטענהכץ, באשר דאָס בחורל דרייט זיך נאָך אין קראַמפּן ווי אַ פּאַרסמטער פֿון זיין פֿינצטערער דאָליע. זי האָט מיטן שפּיץ

---

*) יונגער בחור.

פאַרטעך אַ וויש געטון די נאָז און זיך צערעדט אין אַ טאָן גלייך זי וואָלט אָקערשט אָנגעקומען פון דרויסן:

— וואָס, מ׳רעדט נאָך אַלץ דאָס זעלבע וואָס שוין גערעדט נעכטן? ס׳דען אַ שכל אַזוי פיל צו טענהן? ווילסט דווקא גיין, קאַליענקאַ, וועסטו גיין, דאַברע פאַרען. אָבער וואָס איז דאָס געאייל! אַנדערשוווּ וואַרטן אויף דיר וואַזשנע עסקים, קאַליאַ? גאָט איז מיט דיר: איך פאַרשטיי נישט. לאָזן זיך אין אַן אומבאַוווּסטן וועג אין אַזוינע אומוועטערס? מיר דאַכט, דו שעמסט זיך, דערפאַר ווילסטו לויפן ווי אַ בלודנע באַשעפעניש וואָס קען נישט טראַכטן וואָס סע גייט טון. מ׳קאָן ביטער אַריינפאַלן, יונגער מענטש. נישט רעכט צו שעמען זיך, אויב עפּעס דריקט אויפן האַרץ. מעגסטו אונדז זאָגן וואָס דו באַגערסט אין דער אמתן. אפשר קענען מיר דיר פאַרגרינגערן. ווייל ס׳איז אַ וויטיק צוצוזען ווי אַ גוט באַשעפעניש ליידט, בפרט אַז ס׳איז אַ מענטשנקינד. ביסט דאָך אַן עלנטער פאַרען. מיר זענען פשוטע, אַלץ וואָס מ׳זאָגט מיינט מען מיטן גאַנצן האַרץ. אַז מ׳וויל זאָלסט פאַרבלייבן, זאָגן מיר עס מיט דער נשמה, קאַליענקאַ. בלייב כאָטש איבערוואַרטן די שווערע וואָכן. קענסט, גאָט באַהיט, אומקומען אין די וויסטע פאַגאָדעס אין אומבאַקאַנטן וועג. דער ווינטער איז אַ שטרענגער. ער בושעוועט. דערווייל פאַרגעס וואָס געלאָזן הינטער זיך. שלעכטס צערטלט מע נישט אין געדעכעניש. פון אַזוינס ווערט מען קראַנק. איצטער איז שטאַרק אומעטיק. קיינעם איז נישט היימלעך אין די אַ וואָכענעס ווען דער דרויסן ווערט טריב און טריבער. בלייב זשע, וועט אַלעמען זיין פריילעכער, אויך דיר. פון שלעכטס וואָס דריבלט דיר אין זכרון באַדאַרף מען אַנטלויפן ווי פון אַ פאַזשאַר. פאַראַן סלאַוואַ באָהו גענוג האָלץ פאַר דער פיעטשקע*) און כאַרטש**) איז פאַרגרייט פאַר די פריקרע צייטן... זי האָט אים אַ גלעט געגעבן איבערן אַקסל און ערשט זיך צערעדט אין אַ מער היימישן טאָן, מעשה־אייגענע:

— ביסט ווי אַ דריאַכמערטער האָן וואָס האָט פאַרלוירן זיינע פעדערן. מירן דיך אָנטאָן ווינטערדיק אין אַ שאָפענעם טולעפּ, אויך געבן גוטע כאָדאַקעס מיט אָניטשעס. ס׳וועט דיר זיין וואַרעם און די קישקעס וועלן זיין אָנגעשטאָפּט, זאָט. מיר האָבן אַ קליין יינגעלע אין דער ליולע, וועסטו אונדז זיין אַן עלטער זונעלע, ניין — גיכער וועסטו זיין אַ פריינדל וואָס

---

*) דער אויוון; **) פּאַשע, עסנוואַרג.

מ׳קאָן מיט אים שמועסן פון אַלצדינג. נו, וועסט זיין אַן אמתדיקער דרוה *). קאַליאַ, מעגסט האָרכן וואָס גוטע לייט עצהן דיר און וועסט אַליין פאַרדינען דיין אויסקומעניש, עסן ערלעך ברויט. דער אמת איז, אונדזער בעל־הבתישקייט באַדאַרף האָבן אַן אייגענעם מענטש. דו ביסט עס אַקוראַט. נימאַ בידי **). ביסט אַן אָרנטלעך בחורל, באַדאַרפסט נישט אַראָפּלאָזן דעם בליק. ריכטיק, טאַטוש, וואָס איך זאָג, — האָט יעדוואָקיאַ זיך שוין געווענדט צום מאַן, וועלכער האָט זיך צוגעהערט ווי זי שמועסט מיטן יינגל וואָס איז זיי געפעלן געוואָרן. טאַקע ער איז אַ שעמעוודיקער און רעדט נאָר מיט שטאַמלדיקער עקשנות.

„ר׳איז אַ ווילינקער, דער קאַליאַ. ער איז נאָר עלנט ווי אַ הינטל אַן אָוועקגעבלאָנדזשעטס און געפינט נישט דעם בעל־הבית. מ׳באַדאַרף אים נאָר צוטוליען, וועט ער ווערן היימיש״, האָט אַנופרי פאַרטראַכטערהייט געפירט דאָס שניצמעסער איבער אַ קלעפּקע וואָס געהאַט אין דער אַרבעט.

קלמן האָט זיך געקרימט אויף די רייד וואָס האָבן זיך אין אים אַריינ־געעקבערט ווי אַ זשאַווערדיקע שרויף. ער וועט דאָ נישט בלייבן. ר׳קען נישט. די היים האָט ווידער זיך אָפּגערופן אין אים. זי איז פאַרוויסט און די מאַמע זוכט אים אַ פאַרצווייפלטע. ער האָט געביסן די אונטערשטע ליפּ, אָבער די אַ, יעוודאָקיאַ, האָט דורכויס געוואָלט אים איבערדברן. זי האָט נישט אויפגעהערט אַריינרעדן אין דעם בחורל:

— בלייב איבערוואַרטן די שלעכטע וואָכנעס, יונגער־מאַן. דער קאָפּ דיינער וועט דערווייל מער זיך אויסקלאָרן. ביסט דאָך אַן אַרומגעצופּטער פויגל פון אַ צעשטערטער נעסט און אין דרויסן גייט שוין דער ווינטער. ר׳קומט אָפּט מאָל באַזאָם מיטן אָסיען. הייבט זיך אויף אַ שטורעם, ברענגט ער באַלד אַ געדיכטן שאָט פון שניי און קעלט. האָרך מיך, אויב באַשערט גליקן, וועלן זיי דיר אונטערקומען. פון אָסיען ביז וועסנע איז פון דעסט־וועגן נישט אַזוי ווייט אַז זאָלסט נישט קענען איבערוואַרטן. דעמאָלט וועסטו זען וואָס צו טאָן. איצטער זענען די טעג קורצינקע און וועלן נאָך מער איינשרומפּן. באַוואַרנסט זיך נישט אומקוקן און ער איז שוין פאַרפלויגן. איצטער איז וואָאָבשטשע ***) טונקל איבער דער וועלט. לייט וואָס ווייזן זיך אַהער, דערציילן אַז ערשט איז די צייט גאָר ליכאַ ****). אַ נו, ריר זיך אַרויס אין וועג אַריין אין סאַמע סמוטנעם פאַר נאַכט! ערשט שטעלט

---

*) אַ פריינד. **) חלילה נישט קיין אומגליק אין דעם.
) בכלל. *) שלעכט.

זיך באַשטענדיקער פּאַר נאַכט וואָס זאָגט אָן פריקרע קאַלטע, לאַנגע רעגנס און בייסיקע ווינטן. וועסטו בלייבן דאָ, וועט דיר נישט זיין אַזוי קאַלעמוטנע ווי ס׳שרייבט זיך דער אָסיען און דער ווינטער אין אונדזער קאַנט. קיין צווייפל, וואַרעמע פּאַגאַדעס וועלן שוין נישט זיין. און געוווינשאַפט פון מענטש איז ווי דער ד ו ך פון דער אייגענער מאַמע. בלויז דאָס פילן זי אין דער נאָענט, מאַכט לאַגאַדנע ס׳געמיט. דאָ איז מען שוין צוגעגרייט צו מאַרקאַטנע צייטן, ווייל אַנדערש גייט עס נישט. וועסט זיין מיט אונדז, וועסטו זען אַז דער באַנדער מיטן ווייב זענען נישט די ערגסטע צווישן לייטן. און געגאַרניקעס אַוודאי נישט. איז — ווי אַזוי וועסטו איצטער קריכן איבער בלאָטעס און גריבער, קאַליאַ? — —

געהאַט אַוועקגעלייגט די הענט אויפן ווערקשטעלטיש, האָט אַנופרי פאַרנומען דעם ווייבס רייד, אָבער אים האָט אויסגעוויזן אַז אייגנטלעך רעדט ער צו קאַליאַן; יעוודאָקיאַ שטייט גאָר הינטער אים און ער טענהט צום בחורל: „וואָהין לויפסטו, וועוויריק, אַז האָסט אין ערגעץ נישט קיין באַהעלטעניש!" און נאָך האָט אים געחידושט: ווי גיך ער האָט זיך צוגע־קניפּט צום בחורל, וועלכער איז שוין געווען אַוועק ווייט־ווייט פון דאַנען (האָט אים שוין אויסגעדאַכט אין דעם אויגנבליק), אָבער ר׳האָט לאַנג געלאָזט וואַרטן ביז זיך אַליין צוריק געקערט אַ פאַרנעבעכטער; אויף אַן אמת איז שווער זיך אַרויסצולאָזן אין אַזאַ הוקנדיקן דרויסן. אומיסטן האָט ער געלאָזט אויף זיך וואַרטן, דער בחורעץ, אַז מ׳זאָל אים מערער ליב קריגן — — — אויף אַ הרף־עין האָט אַנופרי פאַרפרעסט זיינע ליפּן, אָבער באַלד, טאַקע אויף דער וואָר, זיך געשטעלט אַקעגן דעם קאַפּריזניאַק, ווייל ער׳ט געוואָלט שטאַרקן יעוודאָקיאַס ערשט דערהערטע דעה. אַ רגע געקנייטשט דעם שטערן, אויפגעהויבן דעם ווייזפינגער און פון ס׳ניי גע־לאָזט זיך הערן פון ווערקשטעל אַוועק:

— דו באַנעמסט כאָטש, קאַליענקאַ, ווי ריכטיק זי זאָגט, מיין זשאַנקאַ? ס׳איז שפּעטער אָסיען. פּרווו זשע זיך לאָזן אין אומבאַוווסטן וועג אין אומ־זיכערע פּאַגאַדעס. מ׳באַדאַרף זיין משוגע איינצושטעלן ס׳לעבן אין דער אַ צייט! ס׳איז דאָך אָסיען, און וואָסער אָסיען! באַלד וועט אַנהייבן פליוכען אַ קאַלטער גאָסרעגן. בררר, ווי קען אַ מענטש זיך אויסבאַהאַלטן אין מיטן פעלד ווען ס׳טרעפט אַזאַ ווילדער אַנפאַל?! — האָט אַנופרי זיך אַנגענומען מיט קוראַזש.

די שטאַרקע רייד האָבן געהאַט אַ פעולה. זיי האָבן קלמנען איינגענומען, כאָטש זייער לשון, אַנופריס און יעוודאָקיאַס, איז ווייט נישט געווען דאָס

לשון פון זייער אייגנטלעכן טראַכטן וועגן דעם בחורל. דער ווידערקלאַנג פון די רייד האָט פון דעסטוועגן אין אים אַרויסגערופן אַ ציטער, אַפילו זיין בליק אָנגעדאַרשטיקט אַזוי אַז ר׳זאָל זען מער ווי דאָס אויג קען זען. דאָס צושטיין צו אים, באשר גליקן וואָלגערן זיך נישט אין בלאָטע, האָט אויף קלמנען אויך אָנגעווייעט די רירנדי׳קע געטריישאַפט צו אַ געשלאָגענעם. ער איז דאָך דער נאַקעטסטער עלנט אויף דער וועלט, אָן אַ זעמדל היים אונטער די פיס — איינגעהערט זיך אין דעם פּאַרפאַלק וואָס באַגעגנט אין עק־וועלט, האָט דער בחור דאָס באַנומען ווי אַ וואַרהאַפטיק עקסטאַטיש וויספּערן וואָס הייבט זיך איבער אים ווי אַ שטרעמל היילעוודיקן באַלזאַם. ער האָט דאָס מער דערפילט בחוש, כאָטש נשמהדיק נאָך נישט געקענט אויסמעסטן אויף ווי ווייט ס׳זענען ממשותדיק די רייד וואָס זיי לאָזן אים אָפּטלעך הערן. זיין בליק האָט אָבער זיך אָנגעשטויסן אויפן אָנגעדראָלענעם אָנגעטונקלטן הימלראַנד, וועלכער האָט פון פוסטן פעלד זיך אַריינגעשפּאַרט אין פענצטער. אין אַן אומדערוואַרטן געשווים זענען גראָד אָנגעגאַנגען מגושמדיק אָנגעבערגלטע כוואַליעס ווי ברויך־גראָע שופן פון פּאַרציקע־רישע הייפיש. אָ, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — ס׳פּאַרנעמט זיך גריילעך אויף אַן אמתדיקער וויוגע. דער שווערער שפּאַן פון די כמאַרעס איז געפאַלן אויף זיין געמיט אַזש ר׳האָט שוין דערשפּירט דעם אָטעם פון גריזשנדיקן ערב־ווינטער. אַפנים, ס׳איז טאַקע אָנגעשטאַנען די צייט וואָס האָט שוין נישט איין מאָל צערינצלט זיין אויסגעמאַטערט לייב און לעבן. ברר, ווו זשע אין אמתן זיך אַהינטאָן? ס׳גייען צאָרניקע טעג ווי שפּיציקער, שטאַרער אייזבראָך, וואָס ווייזט זיך צו מאָל אויך אין סוף ווינטער און ס׳צעדרינזשעט די אברים. אַזעלכע שפּירונגען האָבן קאַנוווּלסיוו זיך אויפגעכאַפּט אין דעם יינגל אין זיין פאַרוואָרפנקייט. דער רעיון דערפון האָט ביסלעכוויז זיך געקלאָרט און אים איז ביי נייס געוואָרן איבערדריסיק הלמאַי דער גורל וואַרפט זיך אויף אים ווידער אַ מאָל מיט לעסטיקייט.

ווי נאָך אַ פאַרטויבנדיקער שיכּרות האָט קלמנשי ערשט באַנומען אַז ער איז באמת נאָך צו שוואַך פאַר דעם שווערן עול וואָס דאָס זשיפּען אויף דער וועלט וואַרפט אָן אויפן מענטש.

דערווייל האָט דער דרויסן מערער זיך געוואָלקנט. די פליינען וואָס פונאַנדערגעוואָרפן ווייט איבער דער געגנט, האָבן ביי טאָג שוין געהודזשעט מיט אַ קילקייט, אַרויסגעשטעלט אַ וויסטע צורה און די נעכט האָבן גע־הוילט מיט אַ פינצטערניש נאָר אויסצושטעכן זיך די אויגן. אַ קלעפּיקער האָט דער האַרבסט מיט קויטיקע נעגל זיך אַריינגעגראָבן אין דעם קאַנט

וואָס איז אויסגעשפּרייט איבער דער שטשירנדיקער שוואַרצערד און ברו־מעדיקע וועלדער. אויף אַ רעכטן אמת האָט דער אָסיען זיך שוין געשטעלט מיט דויערנדיקע רעגנס, ווילנווייז אויך מיט צויטלענדיקע נעפּלען וואָס האָבן ווי צעפּלאָשעטע וואַטע־קלעמבעס נידעריק זיך אַראָפּגעלאָזן איבער די דעכער און איבער די נאַקעטעביימער ביי די נידעריק געזונקענע שטיבלעך. מחמת די געדיכטע נעפּלען האָט דעם מענטשנס גאַנג אין דרויסן זיך געשטרויכלט. כמורנע, פּלאַטשיק האָט דער הימל שטאַרק אַראָפּגעני־דערט. זעלטן האָט אויך די זון, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע, זיך נאָך אַ באַוויז געטאָן אַ נאָענטע, כאָטש גיי און פאַנג זי אין די זשמעניעס אַריין; באַוויזן זיך אַ רויטלעכע, אָבער גיך זיך צוגעקייקלט צו די מוטנע לוזשעס, פונאַנ־דערגעגאָסענע איבער דער ערד, צו מאָל האָבן זיי אַרויסגעשיקלט פון די ערדשפּאַלטן און זיך פאַרלוירן אין די שימלדיק־אָנגעוואַקסענע זומפּן. מיט אַ שווינדזיכטיקער גרימאַסע האָט די זון אַן אייליקן לעצטן שמייכל געטאָן צו די נאַקעטע ביימערצווייגן. אָבער מיטן אויסגיין פון שטראַליקן ליכט האָבן די נעפּלען גיך זיך צעדריוולט; ענלעך צו די קריכנדיקע נעפּלען צויטלען זיך אויס אויך די טומאַנען וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אין די זומער־דיקע באַגינענס איבער לודוויקאָווע, וואָס איז פונאַנדערגעשפּרייט צווישן מאַנאַטאָנע האָפּנפעלדער, מאַכיקע בערגלעך און סטאַרטשנדיקע קאַרטשעס פון פאַרטריבענעם וואַלד.

קלמן איז טאַקע פאַרבליבן ביים פּאָלישוק מחמת די אָנהאַלטנדיקע רעגנס וואָס האָבן גענומען גיסן טאָג און נאַכט. פאַרבליבן בעל־כּרחו. עס האָט אים ווידער געאומרוט. די אייגנאַניקייט האָט טריב אויסגעצויגן די צייט און איינגעמידט אויף די אָנגעטרערטע שויבן אין דעם עק־וועלט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון אַ משונה־קאַפּריזנעם, קאַליקעוואַטן פּוילישן שררה.

קאַפּיטל אַכט

נישט־ניחאָדיק האָבן זיך געשלעפּט די טעג פון האַרבסט. ס׳זענען אָנגעשטאַנען טעג וואָס האָבן אויך געהוקעט הינטער די ווענט; שטאַרק צעווינטיקטע האָבן טייל טעג געהונקען פאַר קלמנס דמיון און אָפּטלעך

אויפגעפיבערט פּנים־אל־פּנים מיט די אָנגעגעפּלטע רחבותן, וועלכע ער האָט אין זיין אומרו געפּרווט דורכדרינגען. איבערן קליינעם יישוב האָבן געפּויזעט שמאַטיקע וואָלקנס, געגליווערט איבער די דעכער, איבער די אָנטבלויזטע קרוינען פון די ביימער. דאָך האָבן זיי ווי אַ קאַלטער גראָער שטראָם זיך איינטאָניק צעגאָסן איבער די שויבן פון דעם באַנדערס היל־צערנער כאַלופּע, אַ געפּעסטיקטע אויף אַ שטיינערנער פּאָדוואַלינע. פול איז אַנופּריס כאַטע געווען מיט אַ היימיש־געקאָוועטן קופערט, אַ ווייס־געשייערטן, גלאַט־ברעטערדיקן טיש, אויך פּראָסטע בענק און אַ הויכפּיסיק, ברוין־געפאַרבט פויעריש גרויס בעט מיט אַ פּיראַמידע קישנס און קישע־לעך. און גלייך ווי אַ מאַטער זונפלעק האָט די ליולע, אַן אַליין באַוועגטע איבערן חלל, צום בולטסטן זיך אַרויסגעהויבן פון דעם דאָזיקן שטובן־באַשטאַנד. ווייל מחמת נייגיר צום אָרום, האָט דאָס פלאַקסהעלע קעפּל פונעם קינד אין דער הוידלוויג אין זיין פאַרשפּילטקייט עפּטערס זיך גע־שטרעקט צו די אייגענע ראָזע, פולבלעכע פיסלעך וואָס האָבן אַרויסגע־שפּאַרט פון די פּלאַנעלן; אַ הענגענדיקס אין כמורן חלל האָט דאָס וויגל אַזוי אָרום זיך מיטגעשפּילט בײַנאַנד מיטן קינדס הענטלעך און פיסלעך.

... צו גלייך מיטן אָנקום פון די נאָכאַנאַנדיקע קילע רעגנס, האָט אַנופּרי זיין באַנדער־ווערקשטעל פון דרויסן (וואָס געשטאַנען אונטער אַ סתם־דעכל אויף צו שיצן זיך פון דער גלייקער זומערזון אָדער אַן אַדורכפּלאַטערנדיקן שפּריירעגן מתוך אַ זונענפלייץ) אַריבערגעטראָגן אינעם פירהויז, אויך אַ יוסט צונויפגעפּוגעוועטס פון רויע בערוועניס. סיי ווי איז דאָס פירהויז געווען פול מיט בעל־הבתישן רומל און פאַרלעגענע ריחות וואָס האָדעווען זיך בײַנאַנד מיט די האָרבקייטן פון קאַרטאָפל, בורעקעס, ציבעלעס (פאַר־גרייטע פאַר די קאַלטע ווינטער־חדשים), וועלכע בייסן דעם נאָזשליים. ערשט ווו זענען די פעסלעך איינגעזייערטע קרויט, געזאַלצענע אוגערקעס און נישט געלופטערטער שאָפּנפּעלץ? אַצינד איז צו אַלצדינג צוגעקומען דער סטאָליערישער טיש, קעסטלעך מכשירים און דער איבל פון פריש־געפאַלמעסטן האָלץ געמישט מיטן אומריח פון קאָכיקן לאָאָם צו קלעפּן ס׳געהילץ אַז שפּאַרונעס זאָלן אויף אים נישט האָבן קיין שום שליטה.

אַ בעל־מלאכה אויף אַלע הענט, איז אַנופּרי, וואָס אום פרילינג און זומער איז ער דער אויסגענומענער סטעלמאַך, איצטער שוין געווען ווייט פון שניצן ספּריכעס פאַר צעקאַליעטשעטע, שוואַר־הילצערנע רעדער פאַר פויערישע וועגענער. ניילעך האָט אים פאַרשלונגען די באַנדעריי. פאַר־וואָרפן די בלאַנקנדיק־אויסגעשאַרפטע האַק, מיט וועלכער ער פלעגט היג־

טער דער שטוב אַרבעטן רייטנדיק אויף אַ קלאָץ, געקניט ביי אַ שפּרייזל האָלץ, אָט אַ געמייסטערוועט איבער אַ קורץ, האַרט קלעצל מיט אַ דינ־שפּיצעכיק דלאָטעלע און געשניצט מיט קרומלעכע שניצמעסערס. ביי דער שיין פון אַ נידעריק פענצטערל האָט ער ערשט זיך געצאַצקעט מיט קלעפּ־קעס צו פעסער, צעבערס; אַן אויסגעבייכלט ברעטל צוגעפּאַסט צו אַן ענלעך ברעטל, אויף זיי געמרוזשעט מיט זיינע קאַרע אויגן, אויך אַרומ־געניוכעט דאָס און יענצס אויף צו געפינען אַ שפּאַרונקעלע צווישן די נעט פון די פעסלדיקע ווענט. אומאויפהערלעך פלעגט ער אויסגלייכן די קאַנטן מיט אַ דלאָטקעלע, אַנגעשנאָבלט דאָס מויל און אַזויערנאָך אַרויסבאַקומען אַנווערטערדיקע קלאַנגען, גלייך ער וואָלט נאָכגעמאַכט דעם געפייף פונעם ווינט אין קוימען. שפּיציק־הויל האָט אַנופרי געפייפט ביי זיין געטועכץ און ברעטלדיק קונציק, מיט פלייס, אויפגעשטעלט הילצערנע כּלים אַן וועלכע אַ הויזגעזינד קען זיך נישט באַגיין. און אַז אַזוינס איז געשטאַנען אַן אַרויסגעענדיקטס, אויסגעפורעמט ממש ווי אַ צייטיקע פרי צווישן נייע אייזערנע באַנדרייפן און אַ יוסטן דנאָ, איז אַנופרי נישט געווען מער דער אין זיך איינגעשלאָסענער באַנדער וואָס איז דורכויס פּאַרטון אין דער מלאכה מיט צונויפגעשמיצלטע ליפּן און ברומט אַ מין וואַיענדיקן ניגון. ווידער אַרויסגעענדיקט אַ שטיקל אַרבעט, האָט ער זעלטן אויך זיך „פונאַנדערגערעדט" מיטן ווערק פון זיין מי. אַן אַנדערש מאָל — ער איז געווען מער אויפגעלייגט — פלעגט ער אַ רוף טאָן דאָס ווייב, כאָטש זי איז נישט געווען אין דער דערבייִיקער קאַמער; ווען זי האָט סוף־כּל־סוף זיך אַריינגעוויזן, איז ער אַרויס צו איר מיט אַ הייטערער טענה:

—אַוווּ דיך זוכן, מאַמעלע? איך רוף, שריי, און דו, גלייך וואָלטסט אַוועק קיין קלעצק אַפילו אַן אַ גוטן דיר, אַנופרי, אַ לעבן אויף דיר, אַנדריושאַ. און ערשט ווו איז כּוח צו פאַרגעסן קאַליאַן? איז גוט מ'זעט דיך שוין, — צערעדט ער זיך מיט אַ ברען — טאָ גיב אַ קוק, מאַמינקע יעוודאָקיִאַ סטעפּאַנאָוונאַ, וואָס פאַר אַ פעסעלע ס'איז אַרויס! ממש גאָלד, ווייל מיטן האָלץ גראָד געטראָפן. טשיקאַווע וואָס דער חשובער אַפאַנאַסי יערעמייעווקאָ וועט טענהן צו דעם. האַ, נישט אומזיסט אַריינגעאַרבעט? ווער האָט זיך געקענט ריכטן אַז אַזוינס וועט אַרויסקומען! ס'איז צו פאַר־דאַנקען דעם האָלץ, נישט נאָר מיינע הענט. געטראָפן, הייסט עס, אין פּינטל, ווען זיך פאַרמאָסטן אויפן גילדיקן פוקס בעת ר'איז דורכגעלאָפן דעם וואַלד. ריכטיק, מאַמעלע?

יעוודאָקיאָ האָט ליכטיק געשמייכלט און פון נישט אַרויסגעבראַכטן תּענוג זיך צוגעטוליעט צום מאַנס אָרעם:

— ביסט מיר אַ געראָטענער, מייסטער פון האַנטווערק וואָס מאַכט היימלעך איעדע שטוב, וועלכע דערקענט זיך אויף דיין האַרעפּאַשנער געטריישאַפט צו די זאַכן וועלכע מ׳באַדאַרף גאַר נייטיק! — און באַלד האָט זי שוין אַ ליידנשאַפטלעכן שאַר געטאָן איר אָנגעלענטן קאָפּ אָנעם מאַנצבילס ברוסט מיט אַ הייסן מורמל:

— אַפאַנאַסי וועט זיין איבערגליקלעך אַז ר׳וועט זען אַזאַ פּעסעלע. און ס׳איז גראָד די רעכטע צייט איינצוזויערן דאָס קרויט. כ׳פריי זיך וואָס ס׳איז שוין אַרויסגעענדיקט, וואָרן ס׳איז ליב צו בלייבן גוט מיט אַ ווילן שכן.

דערויף האָט אַנופּרי פון הנאה וועגן מער צוגעקלעפּט די גיטן־קעפּלעך פון די אייזערנע רייפן; מיטן לייכטן העמערל געטאַנצט איבערן בלאַנקנ־דיקן מעטאַל און גערעדט צום געדאַנק וואָס האָט אים אַפּנים גערעגט:

— שניצן? וואָס פאַראַ פּעולה איז פון סתם שניצן, אויב מ׳באַדאַרף עס נישט אַקוראַט? ווער באַדאַרף אַ שמאַכטע, נאָר ס׳אויג אָנצוזעטיקן! ס׳איז פּריצישער גוסט אָדער אַ וועלעכץ פון אַ פּוסטן קאָפּ. אַ פאַס איז אַ כּלי וואָס דאַרף ברענגען קוויקונג דעם פאַרהאָרעוועטן מענטש. נאַ, שאַטקעווע איין דיין קרויט! מ׳קאָן דאָך נישט זאָגן אַ בעל־הבית וואָס מוז פאַרגרייטן קרויט אויף ווינטער: זייער עס איין אין דער שובע, דעם בידנעם בהמהלע גיב צו טרינקען אין אַ שיסעלע וואָס סטייעט קוים פאַר אַנדריושקעלעך, כיאַ, כיאַ־כיאַכיאַכאַכאַאַ... און צעלאַכט זיך אַזש זיין בויך האָט זיך אויפ־געהויבן, זיך אָנגעבלאָזן, ווידער אַראָפּגעלאָזן זיך, אַרויף־אַראָפּ זיך געבלאָזן ווי אַ בלאָזזאַק.

פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, צעפּעגען זיך ווידער אַנופּריס ליפּן, ר׳באַ־לעקט זיך מיטן טעם פון אָקערשט־יקן טראַכטן זיינעם:

— אוגערקעס, גן־עדן־עפּעלעך פאַרן פאַרחלשטן האַרץ וועלן אַרויס־קומען פון דעם שטיקל אַרבעט. ר׳האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ פאַרטראַגנ־קייט, גלייך ער וואָלט אָט שוין דערשפּירט ס׳דערקוויקעניש פון גוט אויס־געשטאַנענע איינגעזייערטע ירקותן וואָס פאַרגיסן דעם האַלדז מיט תּענוג־דיקן סאָק. — זעסטו, שפּינט ער ווייטער אויפן קול דעם געדאַנק — איינ־געזייערטע גרינע אוגערקעס געמישט מיט פּעטינקן קנאָבל, אויך דין געשניטענער זויערקרויט מיט פיינע אָסיענדיקע עפּל, איז ממש אַ פאַנסקער ביסן. האַ, און דו, וואָס זאָגסטו, קאַליאַ, צו אַזאַ מאכל ווען דער דרויסן

ווייזט זיינע ציין אין דער צעבר־ילטער מאַרדע פון דעם זשעדנעם וואָלף? נישט דרייסט שמייכלענדיק האָט דאָס בחורל פאַרקרימט דאָס מויל און קיין וואָרט ווידער נישט אַרויסגעבראַכט. דערפאַר האָט יעוודאָקיאַ נישט געקאַרגט קיין לויב פאַרן מאַנס חלומען אויף דער וואָר:

— ס׳אַליץ געשמאַק וואָס ווערט פאַרגרייט איידער סע שטעלט זיך אַריין דער פעטער מיקאָלאַשקע מיטן זאַק ווינטער־מתנות פאַרן קליינוואַרג. פון אים רעדט אָבער דעמאָלט אַרויס דער טרעשטשנדיקער פראָסט און די וויוגעס וואָס פאַרשיטן מיט הויכן שניי אַלע וועגן־שטעגן. אַ פויער וועט שוין אין דרויסן נישט דערווישן אַ סטעזשקע, די ערד איז פאַרפרוירן און דער שניי שיט און שיט; אַן אויפהער מאָלט אים דער הימל טאָג און נאַכט און ר׳פאַרבלענדט די אויגן. רעדסט פון איינגעזייערטן קרויט, פאַרמישטן מיט עפּל וואָס טרינקען זיך אָן מיט גוטינקן סאָק. מיינסט, נאָר צו אַזוינס זענען פונעם מייסטער באַשאַפן אַזוינע פעסלעך? ניין, נישט נאָר פון וועגן קרויט און אוגערקעס איז דאָס פאַס. אַזוי קענען טראַכטן נאָר די פּראָסטינקע לייט פון דאָרף און פון כוטער. פאַראַן נאָך עפּעס, פאַפּינקע. אָך, אָך, וואָס פאַראַ פאַרגעסער ס׳איז דער באַנדער אָנופרי! און פאַרן קערנדיקן האָניק פון בינשטאָק האָט זיין פעסל זיך צו פאַרשעמען!? אויך האָניק, געדענק, באַדאַרף אַ פאַס, ליובימי מאַי *).

— ריכטיק, פאַר האָניק אויך, — האָט ער אַ ביסל שעמעוודיק מודה געווען פאַרן וויב וואָס איז רעדנדיק אַריין אין התפּעלות פון וועגן דעם פלייס זיינעם אין דער באַנדער־מלאכה — און גוטינקע בינען האָדעווען, פאַרשטייט זיך, געשמאַקינקן האָניק דווקא ביי די בלאַגאָראָדיעס, די וויל־געבוירענע וואָס האָבן גרויסע, רייכע גאָרטנס און סעדער. טאָקע די שררות, אַפילו די ראַדזיוווילס שיקן פון הויף צום לודוויקאָווער באַנדער פרעגן אויף פעסער, נאָר פון דעמבע און אָלכע. אויך אַזעלכע פעסער וועט גרייטן זיין הערראַי **), דער לודוויקאָווער. מירן אָנהייבן מיט אַ בלומען־גאָרטן אַז ס׳זאָלן ביי אונדז זיך האַלטן גוטינקע בינען וואָס דאַרפן האָבן פון וואָס זיך רעכט צו פּאַזשיווויען ***). בלומען און בליִעכץ פון עפּלביימער, פון ווייַנשל, פלוימען, זענען פאַר זיי אַ ריכטיקע קאַרמע. אָנהייבן וועט מען מיט פיאַלקעס, מיט די זיסע ריחות פון זשאַסמין, פון לאַנדיש. פּאַוואָלינקע וועלן זיך מערן בינען־מלכּהס און בינען פּראָסטע סאָלדאַטן. באמת, אַ מלך

*) מיין ליבער. **) העלד. ***) דאָס האַרץ זיך צו דערכאַפּן.

מוז האָבן אויך אַ זווילע מלכה. אַזעלכע ברענגט מען צומאָל פון ווי־ווייט, מע צאָלט פאַר זיי גרויסע געלטער. ס׳איז אַ געהויבענער ענין, דער בינ־שטאָק. צו ערשט מוז מען זיי אַריינפירן, אויב ס׳שוין פאַראַן אַ גאָרטן און בלומען־פלאַנצן. ס׳איז אַ געבענטשטע מלאכה דאָס האָדעווען בינען. קודם גיבן זיי אַ קריגל האָניק, אָבער שפּעטער? שפּעטער מערט מען די בינשטאָקס, אויב די בינען האָבן שוין פון וואָס זיך צו דערנערן, דערנאָך גיבן זיי שוין מער, אַפילו אַ פעסל האָניק. דער בינשטאָק איז אַ ברכה, ער גיט אויך וואַקס. און וואַקס איז אַ געשמאַקער צושטייער צו דער קעשענע. פאַוואָליע, און ס׳קומט אַ פולע זאַטקייט אין דער איזבע אַריין. די שפּע וועט וואַקסן בייגאַנד מיט אַנדריושקען. טון און האָפן איז אַ נחתדיקע פאַר פאַר איעדער כאָלופּע, מאַמינקע. זאָגסט, כ׳האָב גוט געטון וואָס געגעבן שטאַרקע רייפן פאַר אַפּאַנאַסיס פאַס. לייט וועלן מער אויס־לויבן אַנופריס מלאכה. וועט זיין וויל פאַר אונדזער הויז. ס׳וואָר, אויך ס׳ביסל מזל באַדאַרף אַנטקעגן גיין אַפילו דעם פליסיקן. הלוואַי אויף אונדז געזאָגט כוועדאָרס מערכה, ווייל זיין מלאכה האָט שוין לאַנג אַ גוטן שם אין דער אָקאָליצע. מיט זיין הצלחה וואָלטן מיר שוין געקענט זיך פאַרגינען נעמען האָדעווען בינען. אָבער צו ערשט וועלן מיר פאַרפלאַנצן אַ גאָרטן אַרום דער כאַטע. דערווייל זענען די זלאָטיס ביי כוועדאָר ראַצינקאָ און נישט ביי אונדז. כוועדאָר איז אָנגעבאָנצעט מיט געלט, כאָטש אים איז אַפילו אַ קנאַפּער חילוק וואָס עמעצער זאָגט וועגן אים.

— נו־נו, כוועדאָר איז אַ גאַנצער פּאָמעשטשיק *), כאָטש אַ בלומען־גאָרטן צי אַפילו אַ סאָד קומט אים נישט אויפן זינען. כ׳וואָלט געשווירן אַז ר׳וויס נאָך נישט דערפון. ער האָט אַ האַרטן קאָפּ. פון האָניק ווייסט ער אפשר גאָרנישט, ר׳באַנעמט נישט וואָסער טעם דאָס האָט. רייכע מוזן דען האָבן קעפּ אויף די פּלייצעס, דאָראַהאָי? — בשעת־מעשה האָט דעם ווייבס מויל אָפּגעציטערט און אַ קאָסאָקער שטראַל האָט זיך אַרויסגעשניטן פון אירע אויגן. דערנאָך האָט אַנופרי זיך צעפּייפט, ווייל ר׳איז פון ס׳ביי פאַרקראָכן אין אומעטיקלעכן טראַכטן.

יעוודאָקיאַ איז ווידער אַוועק צו אירע עסקים, ווי ווייל ס׳געזינדל איז נישט גרויס. דער עול רופט זי אָט צום איינציקן קיעלע אין שטאָל, אָט צו די קראָליקעס; אויך די עופות לאָזן נישט פאַרגעסן אין זיך. טאָקע זיי וועקן עפּעטערס די בעל־הביתטע: אַ וואָסערס פאַרלירט דאָס איי אין אַ

---

*) גוטבאַזיצער.

ווינקל, אָן אַנדערס וואָס דערשפּירט אַ פּיק פון אַ פּלוצלינגן געלוסט און פּאַרפּליט אין אַ פרעמדן גערטל אָדער סע צעפּלאָשעט זיך ווען ס׳דערניוכעט די סכּנה פון אַ שפּאַרבער. אַזוינס באַדאַרף מען תּיכּף גיין אָפּזוכן. אויך די בורע קאָץ, אַ מיאָוקענדיקע, קערט זיך אָן צום היימישן רומל. איז ווער זשע וועט דאָס אַלץ אַרומזען, אויב נישט די מאַמינקע? און זי טאָר נישט פּאַרגעסן דעם זיסינקן אַנדריושען וואָס רייסט זיך שוין אַרויס פון דער ליולע; זי ווערט אים ענג, דעם ליבינקן. ר׳הייבט זיך אַרויס מיט די הענטלעך, מיט די פּולכינקע פיסלעך. ערשט די מאַנצבילן אין כאַלופּע, אַנופּרי און קאָליאַ? אויך זיי רייסן ביי איר די פּאָלעס: נישט פּאַרגעס, בעל־הביתטע, אין דיינע לעבעדיקע ווערעם וואָס קענען נישט שרייען אַז ס׳הונגערט זיי! די גאַנציטשקע שטוב טרעט נישט אָפּ פון אירע אויגן, וועקט. נישט אומזיסט רופט זי אַנופּרי מאַמינקע. זי איז דאָך די מאַממאַ, ווי ס׳קינד שטאַמלט אויס איר נאָמען מיטן חנעוודיקן מיילכל. שטענדיק איז זי פּאַרטון און רעדט צו מאָל צו זיך אין באַזאָרגטקייט: יעוודאָקיאַ סטעפּאַנאָוונאַ, אַ סך לעבנס זענען דיר איבערגעענטפערט. טאָרסט גאָר־נישט פּאַרנאָכלאָזיקן. „די שטוב, טענהט זי שוין צום מאַן, וועלכער האָט די טבע זי אָן איבעריק מאָל מטריח צו זיין מיט אַ רוף, מיט אַ פרעגן דאָס, יענצס; די שטוב, פּאַרגעס נישט, איז ווי אַ קליין קינד. מ׳באַדאַרף זי צוהיטן, אָנקאָרמען, אַפילו איינשלעפערן אין צייט, אַנישט וואַקסט זי נישט און קען, באַך פּאַמילוי*) פּאַרקריפּלט ווערן. אַ מינדסטע זאַך טאָר מע נישט פּאַרגעסן. אַ שטוב מוז וואַקסן, אויב נישט — שרימפּט זי. שטענדיק באַדאַרף מען טון פּאַרשטייסט, מאַנצפּערשוין? איז באַלאַמוטשע מיך נישט" און גיט זיך אַ ריס אַוועק פון אים, דעם פרעגער, כאָטש ר׳איז אַלע מאָל פּאַרשפּילט אין זיין געטועכץ.

יעוודאָקיאַ מיט אַנופּרין זענען ס׳דריטע יאָר נאָך דער חתונה, אָבער זייער הויז שטייט שוין ווי אויף דורותדיקע געוווינשאַפטן פון די פּשוטע פּאָלישוקעס. און געוווינט איז ער תּמיד צו טון אין גאָרטן וואָס נעבן שטוב (אַ גאָרטן פון ציבעלע, בורעקעס און קירבעס), אין וואַלד אָדער ביי דער מלאכה, אַ דאָרפישע מלאכה וואָס איז נייטיק די מענטשן פון דער שכנה־שאַפט. מאַן און ווייב האָבן פולע הענט מיט אַרבעט. שטורעמט אין דרויסן אַ וויוגע אָדער דער שניי פּאַרשיט די כאַטע אַריבער דעם פענצטער — ס׳איז נישט קיין אַריין און קיין אַרויס, שפּינט זי, די באַבע, וואָל אָדער

*) גאָט זאָל זיך מרחם־זיין.

שטריקט זאַקן; ווידער דער מאַנצביל פלעכט פאַסטאַלעס, פאַרריכט שטרי־קענע לייצעס, שניצט אַ נייע דוהע. פון לײדיקגײן װײסט מע נישט, װאָרן ס׳איז שטאַרק אומעטיק פון פוסטעפּאַסעװען. ביי נאַכט, געדיכט איז די חשכניש צעגאָסן איבערן כוטער, קען זיך דער מאַנצביל פאַרנעמען מיט גרייטן אַ פּאָר מעסטלעך סאַמאַהאָן *) צו דערקוויקן די פאַרחלשטע נשמה. מ׳טוט עס בשתיקה אַז אַ פרעמד אויג זאָל נישט דערזען, װײל פאַר שנאַפּערס איז אַ פחד; ס׳קאָן אַרויסקומען אַ גרימעניש אין די געדערעם פון אַזאַ מעשה. דערפון נעמט דורכלויפן אַ סקרוד איבערן לייב. ר׳איז אַ געדענקער און אַ טראַכטער, דער פאַלישוק. ער שפירט בייציטנס דעם הויך פון וואַלד און דעם אָנקום פון וואָלף. אַזאַ איז אויך אָנופרי אַפילו ווען ר׳זיצט אין כאַלופּע. ער איז איינגעהאָרכט אינעם אַרום. צו מאָל האָט דאָס פיצל ייִנגעלע אין הענגלמולטער שוין זיך צוגעווינט איין־אַליין זיך צו שפּילן אין מיטן דעם ווייס־אויסגעקאַלעכטן טאַגשיין, כאָטש קיינער איז נישטאָ נעבן אים, נישטאָ וועמען צו רופן. אַנדריושקעלע איז דעמאָלט פאַרטון אין די צעדרויבלטע קלאַנגען וואָס רייסן זיך אַרויס פון זיין קעל, ווי ווויל דאָס צינגל איז נאָך שטום. אַפילו אַזאַ דריבנינקס „ווייסט שוין" דעם עול וואָס דער טאָג ברענגט. וואָרן סיי דער פאָטער סיי די מוטער זענען אײפּעריק אַריינגעטון אין דער בעל־הבתישקייט; סע פאַרשטייט שוין, דאָס קליינינקע, אַז ווי באַלד ס׳טאָגליכט פאַרבאַהאַלט זיך אויף דער זייט פון וואַנען סע שוואַרצלט זיך תמיד אַריין אין שויב דער טונקעלער פאַס, צעעפנט זיך אין קאַמער דאָס גליִענדיק זשמורנדיקע אויג פון לאָמפּ וואָס שלאָפט אַ גאַנצענעם טאָג ווי אַן איינגעגליווערטער זשוק; דעמאָלט דערשפירט דאָס שטילינקע עופעלע אַז סע באַדאַרף זיך לאָזן הערן. אַנדריושקעלע קריגט מורא פאַר די פּויזנדיקע שטילקייטן; סע רופט זיך אָפּ ווי אַ געגדזעלע מיט אַ פּלוצלינגן געגעגען און דאָס איז אַ צייכן אַז ס׳וויל מער נישט ליגן אין דער ליולע. בעסער איז צו הוידען זיך אויף דעם פּאַפּאַס שטאַרקע אָרעמס אַרויף־אַראָפּ און ווידער אַ מאָל אַזוי; אויך הערן־זען דאָס צושמיצלען אים מיט די וואָנציקע ליפּן ווי דאָס זען־הערן דעם פּאַפּאַס פּלוידערן מעשה־קינד; „אַ נו, ווייז אַז קענסט שוין רעדן, אַנדריוש: פּאַ, פּאַ, פּאַ... אַט אַזוי, ייִנגעלע — פּאַ, פּאַ!" אַפּנים, ס׳קען אומערן אויך אַ פּיצינק מענטשעלע. אָבער נאָר אין דער געדעמפּטער שיין פון וואַכיקן אויפדערנאַכט האָט דער פּאַפּאַ צייט און די מאַטולאַ קען רעדן,

*) היימיש געטריבענער בראַנפן.

צוטוליען ס׳פּנים צום קינדס בייכעלע, מיט דער נאָז אַ קיצל טאָן דעם בייכעלע. נאָר אין אָוונטשיין דערלעבט עס דאָס ביסעלע היימלעכקייט, ס׳ברעקעלע מענטשל אַנדריושקאַ.

טאָג איין, טאָג אויס, גייען מאַן און ווייב אין באַשטענדיקן שפּאַן פאַר דער שטוב וואָס איז פאַוואַלינקע אויפגעשטעלט געוואָרן. ער — ביים וואַרשטאַט, זי — אַרום שטוב, וועלכע זי טראָגט אויף איר קאָפּ, מחמת אַזוי מאָנט אַל דאָס לעבעדיקע וואָס לאָזט זיך נישט פאַרשטויסן. סע צופּט, רייסט שטיקער. און איז יעוודאָקיאַ נישטאָ אין דער נאָענט, אָנופּרי פילט נישט איר בייזיין — אַ פאַרטיקער פּאַס שטייט געגאַרטלט אין בלאָלעך נייע אייזערנע רייפן, נעמט אָנופּרי ביי נייס זיך מיִען צווישן די פאַרגרייטע, הויך אויפגעשטאַפּלטע קלעפּקעס (על פי רוב טוט דאָס אויך זי, דאָס ווייב), וואָרן ר׳וויל נעמען אויפשטעלן אַנדערע פעסער, צעבערס, עמערס. בשעת־מעשה ציט ער אויס די ליפּן גלייך זיי וואָלטן געגלוסט זיך אַ פּיעשטשע טון פאַר אַן עמעצן נעבן זיך, כאָטש אין זינען האָט ער זי יעוודאָקיאַן:

— אָט אַ חפץ! כאָטש שפּיגל זיך אין דעם.

גראָד וועקט זיך אין אים אַ שטיפער, זיין פאַרשפּעטיקטע יינגלשקייט און ס׳גיט פון אים אַ זונג אַרויס אַ נאַגנדיקע ברומעניש. דאָס העמערל אין זיין האַנט בלייבט הענגען אין דער לופטן און דער באַגערטער קלאַפּ אינעם באַנדאייזן קלינגט אויס מיט אַ מענטשיש קול, גלייך ס׳וואָלט זיך אויס־געמישט מיטן דעמערקלאַנג פון די צעוויגטע קלויסטערגלאָקן. יאָ, שוין לאַנג האָט ער נישט פאַרנומען דעם גלאָקישן גערייד פון די שטעטלשע פאַר־נאַכטן, דער באַנדער פון לודוויקאָווע. אַצינד גייט אויף פאַר אים דער אַ געקלאַנג מיט שטומער בענקעניש צו דער פאַרפלאָסענער קינדהייט. ענלעכס פלעגט זיך אויך טרעפן מיט דעם יינגל קלמעלען, וואָס האָט גורלדיק זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין דעם באַנדערס גבול.

מיט דין מאָגערן פּנים איז אָנופּרי שטאַרק אַריינגעטון אין די אויס־געבייכלטע ברעטלעך, וועלכע ער האָט פאַר אַ צייט געהאַט פאַרגרייט פון וועגן דער מלאכה. גאָרנישט מער האָט פאַרכאַפּט זיין געדאַנק. קאַליאַ וואָס איז נעבן אים געווען פאַרקוקט אויף די נייַינקע קלעפּקעס, האָט — פּונקט ווי דער בעל־הבית — נישט פאַרנומען דעם אַרום נישט מיטן אויג און נישט מיטן געהער, אָלאָ מיטן מוח; ווי מיט אַן אינעווייניקדיקן אויער איז ער געוואָרן פאַרשלעפּט פון אָנגעשוומענע ערגעץ־טענער וואָס האָבן ווי אין אַ חלום זיך געטראָגן צו אים פון אומוועגן, וועלכע גייען אים נאָך פון דער פאַרלוירענער היים. ס׳איז אַזאַ לעפּישע אויסגעבליאַקירטקייט וואָס

האָט שוין לאַנג זיך אָפּגעזעצט אויפן דנאָ פון זיין נשמה. געווען אַפילו מינוטן אַזעלכע ווען דאָס ייִנגלטשינע האָט דערפילט ווי ר׳איז אַן איבער־ריקער ביי אַנופרין, נישט מער — דער באַנדער איז אַ ווייכהאַרציקער, האַלט ער אים פון רחמנות. אָבער אויף אַן אמת איז קלמן מלכה־צייטלס גאָר אַ פאַרבלאַנדזשעטער יתום אָן אַ היים און ער ווייסט נישט ווי אַזוי זיך אַרויסצוקריגן פון דעם נייעם קלעם. ריכטיק, ער פילט אויך אַז דעם אַנופרין מיטן ווייב איז שטאַרק אומעטיק, איז מעג אַזאַ בחורל זיך פּלאָנ־טערן ביי זיי. עלעהיי דער מענטש וואָס האָט ליב זיך צו גראַבלען ביי האַלץ מיט שניצמעסערס, דלאָטעס און הובלען, האָט צובאַקומען אַן עמעץ וואָס קאָן אים הערן ווען אים טראַכט זיך אויף אַ קול. און אָפּט ווילט זיך עפּעס זאָגן דעם באַנדער, האָט קלמן־קאַליאַן אונטערגעזאָגט זיין אָנ־געגליטער שכל. אומהיימלעך איז דעם באַנדער, מחמת ס׳ווייב איז אַ גאַנ־צ־טשקן טאָג פאַרטון מיטן הויז, איז ווער זאָל אַ בליק טאָן צו אַנדריושאַן וואָס האָט קענטיק אויך זיך שוין אויסגעלערנט שווייגן אָדער „רעדן“ צו זיינע אייגענע הענטלעך, בעת ער הערט דעם וויטלעכן געפּלוידער פון די ביימער וואָס וויגן זיך נאָענט־שעפּטשנדיק פאַר זיין בליק? איז דעריבער גלייכער אַז אַזאַ בחורל זאָל זיך אַרומדרייען אין איזבע. אַפילו אין אָוונט האָט ער כמעט נישט צו וועמען אַרויסצורעדן אַ וואָרט, דער פאַרטרודטער באַנדער, וועלכער שטייט מיט זיין כאַלופּע אָן אַ זייט פון שכנים. אויף דער נאַכט פאַלט אַוועק די באַבע פון מידקייט, איז גוט אַז נאָך אַ פּאָר אויגן, אַז אַ פּאָר אויערן זאָלן פאַרנעמען זיין טראַכטן. אויך האָט קלמן אַנומלט שוין דערשפּירט ווי אַ ברי אין וישט, ווען דער באַנדער האָט אומגעריכט זיך צעלאָזט אין אַן אַנווערטערדיקן געזאַנגל וואָס האָט אים ווי צוריקגעשטויסן אין דרויסן אַרויס, קאַליאַן, פון וואַנען עס האָט אים נאָר וואָס געהאַט אַריינגעטריבן אין קאַמער. ר׳האָט געברומט, אַנופרי, ווי ר׳וואָלט אים נישט געזען, קאַליאַן, אָבער נישט מיט אַ וואָרט זיך אָפּגערופן צו אים. אַ מבולבלער פלעגט „דער יונגער מענטש““ אָפּט זיך דרייען אַריין און אַרויס. יעוודאָקיאַ האָט דאָס באַמערקט און זי׳ט דעם מאַן כּלאחר־יד צוגעוואָרפן אַ פאַרדושעטן מורמל:

— ס׳אַ גאָטס רחמנות אויף דעם אַ, טאַטינקע!

— ס׳אַ צעטומלט פייגעלע וואָס האָט שוין פאַרגעסן ווי אָנצוהייבן פון ס׳ניי זינגען, כאָטש פליִען פליט עס, מחמת די פליגל ווערן געשטאָכן פון אומרו.

אַנופרי האָט נישט געקענט אויפהייבן דעם בליק, ווען ער׳ט דעם ווייב

צעגעוואָרפן דעם טרויעריקלעכן זאַג. זיינע הענט האָבן דערויף גענומען אימפּעטיקער שניצן דאָס ברעטל וואָס געהאַט אין דער אַרבעט. בינו-לבינו האָט אין זיינע געהירן זיך אַ ריס געגעבן אַ שטרעמל פון מחשבותדיקן געפּעדעם: אָך, ווי דער גורל בינדט הענט און פיס דעם מענטשן, שלעפּט אים בלינד און ער וואַקלט זיך ווי לאַנג די כּוחות סטייען — — אַוודאי, אוודאי, לויפט אים נאָך אַ שפּריצל געדאַנק וואָס האָט אַ לייכט געטון אונטערן מוח־שיידל: טאַטע־מאַמעס הינקעדיקער גורל מיידט זעלטן אויס זייערע קינדער. ווי שרפה־טשאַד קלעפּט זיך צו אַזעלכע די שלימזלדיקייט, סיידן דאָס אומגליק ווערט דערשטיקט על פּי טראַף. אָבער דאָס איז שוין אַ גליק וואָס דער לאָמער גורל פאַרמיידט מחמת פאַרבלענדעניש. איי, אַזעלכע נסים טרעפן מערסטנטס מיט די וואָס זענען שוין צו פיל אויס־געמאַרעט. אין ווערמענס קאָפּ קען זיך פּאַמעשטשען אַז אַזוינס קאָן געשען מיט עמעצן פון די וואָס זענען פון גורל פאַרשאַלטן? אַז אַן אוצר זאָל פּלוצלינג באַגעגענען אַ ווערמען־עס־איז! כיבע אין אַ מעשהלע פאַר קליינ־וואַרג. נישט פון פאַרגעניגן וועגן האָט אַזאַ יינגל געמוזט זיך פאַרנעמען אויפן וואַגלוועג. נישט אַזוי, טשעלאָוועק? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט, גלייך ר׳וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ הינערפלעט און נישט געווען מסוגל מער צו טראַכטן, און אַוודאי קאָן קאָליאַ נישט פאַר איטלעכן עפענען זיין האַרץ. אויף אייגענער הויט באַדאַרף מען אַזוינס אָפּשפּירן. דו, אַנופרי, קענסט אַזוינס גלייבן. אויך דיינע וווּנדן זענען רעכט נאָך נישט אין גאַנצן פאַרהיילט. און גלייך ער וואָלט דאָס בחורל דערזען צום ערשטן מאָל, האָט דער באַנדער אַצינד אים דערווישט אַ שטאַרק אָפּגעמאָגערטן. יאָ, קאָליאַ איז בלייך, ר׳האָט אונטערגעשלאָגענע אויגן. קענטיק, אַ פּחד האָט זיך אַריינגעגראָבן אין זיין נשמה און ר׳קאָן אים נישט אַרויסשרייען — — אַנופרי האָט פון ס׳ניי דערפילט אַ ממשותדיקע באַדאַרפטיקייט צו האָבן דאָס יינגל נעבן זיך, צו קענען אַראָפּלייענען פון דעם אויסגעדייוועריטן באַשעפעניש זיינע אייגענע אַמאָליקע פּיינען. קאָליאַס קינבאַקן, האָט אים אויסגעוויזן, שפּאַרן אַרויס פון זיין אָפּגעצויגענעם פּנים און די אויגן פלעמ־לען אומרויִק מיטן ליכט פון נערוון־שוואַכע וואָס פאַלן סוף־כּל־סוף אונטער אַן אַנגעשטורעמטער נויט.

דער באַנדער האָט אין געדאַנק גערעדט צו זיך, אויך ווייטיקלעך שטיל געזונגען פאַרן אייגענעם געהער, פאַרטראַכטערהייט געוויגן יעדן קלאַנג וואָס איז דערגאַנגען צו אים. זיין געוויינטלעכע רירעוודיקייט האָט זיך

אויסגעלאָדן אין אַלץ וואָס ער האָט געטון, אָבער נישט געקענט זיך פאַר־מעסטן צו טון עפּעס מער אָנזעעוודיקס, פון וואָס ער האָט שוואַך, אפשר נאָך אומדרייסט דערפון געאָגט. יעוודאָקיאַ איז געווען שטאַרק פאַרנומען; ס׳קינד איז מערסטנס געלעגן אינעם הענגענדיקן מולטערל פאַרקוקט אויפן בעליק, פון וואַנען ס׳האָבן זיך לייכט־הוידנדיק אַראָפּגעלאָזן די שטריק פון וויגל. צו מאָל איז ס׳קליינינקע געווען אויך איינגעהערט אין דעם מעקען פון בהמהלע אין שטאָל. מעשה־מאַמע פון אַ גרויס הויזגעזינד האָט יעוודאָקיאַ פּלייסיק זיך געגרייט צום ווינטער וואָס איז שטרענג און קאַפּריזנע. און דער יונגער מענטש וואָס פאַרהיימישט זיך מיט זיי גאָר שווער, איז איר אויך געוואָרן אַ היפשע זאָרג. ר׳איז אַרומגעגאַנגען צעטומלט. דער וואָרעם פון עלנט האָט נישט אויפגעהערט אים טאָטשען, ניין, דער עלנט האָט שוין שטומערהייט פון אים געשריגן בקולי־קולות פון אַ נפש וואָס וויל דאָך לעבן, לעבן פאַרן ליכט, כאָטש עס שפּרייעט טריב פון הימל.

אין דרויסן האָט שוין גערעגנט מיט אַ באַדאַכטקייט, גלייך די געגנט וואָלט זיך פאַרקלערט וואָהין זי זאָל פאַרשטעקן איר קאָפּ, בעת די פיס קענען שוין נישט גרינג זיך הייבן, אויב פּרוון צו אַנטרינען. ס׳רעגנט, ס׳כליאָפּעט. ס׳אַ מעשה אויף לאַנגע־לאַנגע טעג און נעכט, אויב נישט גאַנצע וואָכן. אויך בלאָזט אַ שניידיקע קעלט. די קאַלעמוטנעקייט האָט געווייַנט פון אַ פרעמדן יעשיען. אומגעריכט אויפגעוואַכטע כּוחות האָבן דעמאָלט זיך געראַנגלט מיטן בחורל וואָס ט׳זיך אָפּגעשטעלט ביים באַנדער. די שטוב וואָס וויל זיין גוט צו אים, האָט אין פאַרטועקייט מיט זיך, קלמנען קלאָמפּערשט געטריבן, באַוויזן אים אַ פנים וואָס האָט אין זיין זינען זיך אויסטערליש געגנעפּלט. און איז ער אַרויס אין דרויסן, האָט די קויטיקע רחבות אים ענג געמאַכט די גרייס וואָס זיינע אויגן האָבן מיט שרעק אויסגעמאָסטן. צעפלאָשעטע ווינטן האָבן אים פאַרשפּאַרט דעם אָטעם. געטריבן פון אַן אומרו איז ער אַלע מאָל אַריין און אַרויס פון קאַמער, נישט געקענט זיך איינשטילן אין די איינגעצאַמטע ד׳ אמות. געכאַפּט זיך לסוף: ס׳איז נישט לייטיש צו דרייען זיך פוסט און פּאָס און ס׳איז נישט רעכט פון אים זיך צו פירן אַזוי. ווייל ראשית קילט ער אויס די אויסגעהייצטע כאַטע, בעת אין אמתן שטעכט עס אַלעמען אין די אויגן אַז עסן עסט ער אויך דאָס וואָס אַנדערע (וועלכע האָרעווען אין שווייס) דאַרפן אויפעסן. ווידער זיך פאַרטראַכט און נישט געקענט באַוועלטיקן די פּלוצלינגע דריקעניש. אין אַ האַרטן קנופּ האָט זיך אויף אים געלייגט די בושה פאַר זיין איבעריקייט אין דער שטוב וואָס ווייסט נישט אַנדערש ווי פּלייסן זיך אויף האָרעוואַניע

פון גאַנץ פרי ביז דער זינקענדיקער פינצטערניש. איטלעכער אַרבעט פאַרן לעבן וואָס ער לעבט, נאָר ער... קלמן־קאַליאַ האָט זיך אַליין געגריזשעט. אַפּנים, ער לעבט שוין נישט, מלכּה־צייטלס אַוועקגעבלאָנדזשעטער זון. דערשפּירט מיט אַ מאָל אַ שטאָך אין נאַקן האָט דער קאָפּ אים שווער זיך אַראָפּגעלאָזן צו דער ברוסט. ס׳איז געוועזן אַן אָנגרייף פון קילן באַזיניקן זיין מערכה, וועלכע ענגט אים איין וואָס אַ מאָל מער און מער דעם דעך ווי ער וואָלט געשפּירט אַ פּעטליע אויפן האַלדז. וווּ זשע זיך אַהינטאָן אַצינד, אויב קיין ווייטער פון דאַנען איז נישטאָ? דערצו פאַרנעמט זיך ערשט דער ווינטער אין וועג אַריין מיט זאַווייעס און ברייַדיקע קרירות, אָבער ער איז הויל און נאַקעט.

קלמן האָט נישט געקענט אויפהייבן די אויגן צו די שטוביקע, כאָטש אַנופרי מיטן ווייב האָבן געזוכט אים צו מוטיקן:

— קלערסט נאָך אַלץ פון ד אָ ר ט? ריכטיק, אַזוי אַרבעט שוין דער קאָפּ ביים מענטש, אָבער אַז ער ווערט איבערגעשטעלט אויף אַן אַנדער אָרט, דערשפּירט ער אַן אַנדערע לופט, ד ע ר ז ע ט ש ו י ן ג אָ ר אַ נ ד ע ר ע אומבאַקאַנטע קאַרטינעס. אַזאַ זען מיינט אויך דאָס דערשפּירן דעם מ ו ז אַנדערש צו פאַרשטיין אַלץ וואָס אַרום. דערפון איז קלאָר אַז דאָס שווערלעכע וועט איבערגיין. ס׳איז ווי אַ כוואָראָבע וואָס קומט אויף קליינע קינדער ווי מאָזלען און פּאָקן. די חולאת קומט אין פיבער מיט בייסיקע בלאָטערלעך, אָבער די קרענק פאַרגייט פּונקט ווי אַ ראַפּטעמדיקער זומערעגן. דערנאָך בלייבט דער דרויסן אַן אויסגעוואָשענער, אויב נישט נאָך אַ ביסעלע טריב. אָלאָ סוף־סוף ווייזט זיך אויך די זון און זי לייכט. אויף דעם מענטש קומען ווייטיקן אויך פון צו פיל טראַכטן, קאַליענקאַ, פון דערמאָנען טרויעריקס, אָבער דו לאָז זיך אָפּ פון דעם. וועסט ווייט נישט דערגיין. העכסטנס קענסטו אָנשרייבן אַהין צו אַ בריוו און וואַרטן אַן ענטפער.

— געדערכט איז אַנופרי. וועסט פון דאָרט קריגן די נייס אַז ביי די דייניקע איז אַלץ גוט, זיי פרייען זיך וואָס דו האָסט זיך געשטעלט טון אַ מלאכה ביי פיינע לייט, אויב דו וועסט זיי אַזוי באַשרייבן. נישקשה, מעגסט זאָגן אַ שטיקל ליגן וועגן דיינע לודוויקאָווער פריינד, ווען דו לאָזסט וויסן פון זיך די דייניקע אין דער ווייט, — האָט יעוודאָקיאַ זיך שוין געכּוחט אויף אַ שמייכל אַז אים זאָל ווערן גרינגער. — נישט געדאגהט, קאַליאַ. ס׳וועט קומען די צייט, וועסטו פאָרן צו די היימישע און אַלע זען גאַנצע, געזונטע; דעמאָלט וועסטו שוין זיין מיט פאַלנעם שכל, — איז די

אָנופריכע אים שוין אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ מינע פול טרייסט. — באַדאַרפסט זיך נאָר נעמען אין די הענט, מאַלאַדאַי טשעלאָוועק, און זי׳ט אין צולאָג נאָך אַ פריינדלעכן קלעפּל געטאָן אים איבערן אַקסל: — נישט רעכט פאַר אַ יונגן־מאַן צו פאַלן ביי זיך!

די לייט האָבן אין אים אַריינגערעדט, געפּרוווט אים שטאַרקן. האָט יעוודאָקיִאַ אויפגעהערט אים איבערדברן, איז אָנופרי ביי נייס צו קאָליאַן צוגעשטאַנען:

— איי, מאַלאַדעשינאַ, ווי לייכט דו פאַרלירסט זיך! אַ מאַן דאַרף נישט לאָזן זיך בייגן פון אַ ליאַדע ווינטל וואָס גיט אַ בלאָז איבערן מוח־שיידל. כ׳מיין אויף אַן אמת. פון אומזיסטיקן טראַכטן קענסטו קראַנק ווערן. קום ליבערשט צום ווערקשטעלטיש, וועט דיר זיין גרינגער.

אגב האָט דעם באַנדערס שטוב נישט געלאָזט איבעריק זיך פאַרזוימען אויפן פוסטן. דאָס שטילע פייפן אָנופריס עפּעס לידלדיקס האָט ווידער געשפּאַרט אויף קלמנען און אויפגערודערט זיין דמיון. ס׳איז געווען ווי אַ ליכטשטראַל וואָלט אויף אַן אויגנבליק געוואַרעמט אַ פאַרוואָלגערטע גרודע שוואַרצערד. קאָליאַ האָט דעמאָלט ווידער זיך דערשפּירט אַ באַזעסענער פון בייסנדיקן עלנט. אַ נייע שטומעניש האָט גענומען פון אים „רעדן״, אָלאַ אין זיין ברוסט האָבן קולות נישט אויפגעהערט ליאַרעמען.

— ווייסט, מאַמעלע? — האָט אָנופרי אין מיטן פון זיין פאַרטועניקייט אַ ווונק געטאָן דעם ווייב — דעם אַ (און בשעת־מעשה אַ וויג געטאָן דעם קאָפּ אין דער זייט פון קאָליאַן) באַדאַרף מען מערער צוזען. ר׳האָט קענטיק נישט ווינציק געהונגערט, פאַר דאָס טראָגט דער מוח אים אַוועק פון דאַנען. ער וועט זיך צוגעוווינען. זאָל זיך אונדז אויסדאַכטן, אַ ברודערל איז צוגעקומען. פּראַוודאַ, פאַר אים איז דאָ אַ העק, דערפאַר בענקט ער. בין איך גערעכט, מאַטולאַ? אָט שפּילט ער זיך מיט אַנדריושקאַן, אָבער באַלד טראָגט עס אים אַרויס.

ער האָט דערפון נישט באַדאַרפט אַ סך רעדן מיטן ווייב. ס׳האָט געקלעקט אַז דאָס וואָס האָט זיך פון אים נאָר אַרויסגעכאַפּט, זאָל פון פאַרגעסנקייט אַרויסרופן לאַנגאָניקע געפילן וואָס האָבן נאָך געלעבט אין איר גופא. וואָרן אויך אין איר, אין יעוודאָקיִאַן, איז די נשמה געבליבן ערגעץ דערדריקט.

— או־ו־וככהה, — האָט זי טיף אָפּגעאָטעמט אויף אַ האַלב־קול, אָבער איינצייטיק זיך אַריינגעלעבט אינעם געפילן־אויפשטורעם פון איר מאַן, וועלכער האָט, אויך אַ פאַרוואָגלטער, געהאַט פאַרבלאָנדזשעט אַהער, אָלאַ

ר׳איז פֿאַמעלעכל געוואָרן אַן אייגענער און אייגן מיט אַ סך. ערשט האָט מען דעם באַנדער זייער גערן. פּונקט ווי דער קאַליאַ אַצינד האָט ער דעמאָלט געפֿונען אַן אויסגעשטרעקטע מענטשישע האַנט און, זיך געראַטעוועט. ער איז אַרויס ווי פֿון אַ תּהומיקן זומפּ. די בידע איז בטבע פֿאַרשייט, אויב מ׳לאָזט זי זיך צעהפקרן. לייכט געפֿינט זי אירע קרבנות צווישן די וואָס זענען געבליבן אויף גאָטס באַראָט. אָבער לייט זענען דערעיקרשט פֿאַר־קוקט אין זיך אַליין, האָבן קנאַפּ גאָט אין האַרצן. דער דערשלאָגענער אַנופֿרי איז סוף־סוף געוואָרן אַנופֿרי פּעסטרון מיט אַן אייגענער היים, וועלכע ער האָט אַליין, אויף אַ באַשיידענעם אופֿן, אויפֿגעשטעלט. געווען אָרעם ווי אַ פּעלדמויז, נאָר זיך איינגעשפּאַנט אין האָרעוואַניע, אַנגעלעבט ווונדן אויף די דלאָניעס פֿון פּראַצעווען, אָבער ביסלעכווייז געוואָרן דאָס וואָס גאָט און לייט באַגערן. פֿון דעסטוועגן איז בעסער דאָס ביסעלע גליק, אויב גאָט שענקט עס. דערצו באַדאַרף מע נאָך געניג שכל צו געדענקען אַז דעם אייגענעם מאָרגן מוז מען אַליין אַריינבויען שוין אין דעם היינט.

אומגעריכט איז יעוודאָקיאַ פּעסטרון פֿאַרזונקען אינעם אייגענעם אָפּ־געפֿלאָסענעם וועג וואָס איז געבליבן הינטער איר בייגאַנד מיט איר גורל־דיקן זיווג. אָך, ווי אַראָפּגעזונקען ס׳איז געווען דאָס געמיט ווען זיך באַגעגנט מיט אַנופֿרין. אָבער סלאַוואַ באָהו, סע זענען שוין פֿאַרביי יענע פֿאַרהאָרעוועטע זומערס און ווינטערס. זאַלבענאַנד האָבן זיי זיך געשטעלט טון, שלעפּן לאַסטן און בוקן זיך אין דרייען פֿאַר איטלעכן וואָס האָט געגעבן צו פֿאַרדינען דעם זלאָטי. ערשט שטייגט אַרויף צו ביסלעך אַנופֿרי פּעסטרון, דער בעל־הבית. מ׳רעדט פֿון אים מיט דרך־ארץ.

אַ פֿריידיקע מינע באַלעבט יעוודאָקיאַן. זי האָט אין ממשות דערשפּירט ווי קאַליאַ ווערט אויך איר היימיש, אַקוראַט אַזוי ווי אַנופֿרין.

„לאָמיר זיך דאַכטן, טאַקע יעוודאָקיאַן, דער טאַכטער פֿון דעם תּמיד קראַנקן סטעפּאַן וויאַזגאַ — האָט זי אין געדאַנק נאָכגעחזרט דעם מאַנס זאָג — אַ ברודערקע אַ פֿאַרלוירענער האָט זיך באַוויזן אויף אונדזער שוועל; אירס אַ ברודערקע אָדער אַנופֿריס — ס׳איז דען נישט אַלץ איינס?ביידע וועלן מיר אים ליב האָבן — —"

✶

ווידער האָבן טעג פֿאַרביטן טעג און ס׳איז אָנגעשטאַנען דער ווינטער מיט זיין האַרטנעקיקייט.

אָנגעטון אין אַ וואַטעווקע, וואָס אַזעלכע האָט ער ביז איצט נישט געזען אין זיין היימישער געגנט ביי דער אָכניע — האָט קאַליאַ געהאָלפן דעם מאַנסטער אין דער באַנדעריי און אויך פאַר יעוודאָקיאַן געווען אַן אונטערשפאַר אין דער בעל־הבתישקייט. ר׳איז טייל מאָל שוין געגאַנגען אין אַ שליחות פון אָנופרין. ער איז אַריין אין די געוווינשאַפטן צו טון, אָנופריס געזעלן אַזוי, אַז אין באַשטענדיקן טועכץ האָט ער ביסלעכווייז זיך אַרויסגעשיילט פונעם שאָלעכץ וואָס איז אין די לאַנגע וואָכענעס פון אומבאַשטימטקייט אים אַרומגעוואַקסן צו גלייך מיט זיינע טומאַנע טראַכטעניש: בכן די מאַמע ווײנט אין די נעכט נאָך אירע אָפּגעפראַצעוועטע טעג אין די גבירישע הייזער. זי באַקלאָגט אים, דעם פאַרוויסטן זון, וואָס אַ יינגעלע נאָך איז ער אַרויס פון שטוב אָן „אַ גוטן טאָג, מאַמע״. ערשט ווייסט זי נישט פון זיין געביין. ער איז געווען נאָך קליין, ווען דער פויערן־וואָיטעק קאַרמיאָל האָט אים פאַרשלעפּט. די מאַמע קלאָגט, ברעכט די הענט למאַי מ׳הערט נישט פון דעם יינגל און דעם טענדלער קאָן מע זעלטן טרעפן אין שטאָט. אַ ביטערער פאַרשוין, דער פאַרדריפּעטער אַלטער בחור וואָס האָט שוין ווער ווייסט וויפל ווייבערישע הערצער צעבראָכן און צום סאַמע סוף געבליבן זיצן איינער־אַליין. מיינסטנס איז ער אונטערוועגס. צוליבן משוגענעם הענדלער איז קלמן געווען צערודערט. ר׳האָט טרויעריק געטראַכט פון דעם יאַרידניק: אַפילו ער וועט צוריקקומען אין שטעטל אַריין, וועט ער זיין מאַמען, מלכּה־צייטלען, צו מאָל נישט געבן קיין אָנצוהערעניש אַז איר זון האָט אַנומלט „זיך מיטגעכאַפּט מיט אים אויפן וואָגן״, אָבער ער, קאַרמיאָל, האָט אים פאַרלוירן פונעם אויג. ווו, ווען? ער וועט נישט זאָגן, דער פאַסקודניאַק, אַז ר׳האָט קלמעלען פאַרנאַרט מיט גילדענע צוזאָגן. דער אומגליקלעכער מאַמען וועט ער נישט לאָזן וויסן אַז איר יינגל איז אַוועק ערגעץ אַנדערשווו, נישט אין דער געגנט ווו ער, דער משוגענער, פירט זיין האַנדל מיט די שמאָכטעס וואָס פויערטעס און דאָרפישע שיקסעס קענען זיך פון זיי נישט אָפּרייסן. די מאַמע וועט אַפילו נישט וויסן אַז ס׳האָבן פּאָרט זיך אָפּגעפונען גוטע מענטשן אין דער ווייטער פרעמד און זיי טוליען צו צו זיך איר געשטראָפטן יתום. איר זונעלע לעבט. די גוטע לייט, מיט וועלכע איר קלמנשי הויזט, זענען טאַקע גויִם, דאָך גוטהאַרציקע — — אַזוי האָט דאָס בחורל אין זיין נייער פאַרפאַלנקייט ווידער בלאָטיק אַריינגעטאָפּטשעט אין אַלע זיינע אומעטיקע נעכטנס. דער מוח פלעגט אים גאָר אָפּט פאַרטראָגן אין אַ בענקעניש. אין דמיון האָבן זיך אים צעקרימט די פּנימער פון וויט־פאַרגאַנגענע טעג, אָבער

אין איינוועגס זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ טרייסט אַז סוף־סוף האָט ער געטאָן ווי ס׳קאַפּעלע מזל האָט אים געפירט. פון דעסטוועגן האָט ער שוין ניכטערער באַנומען אַז ס׳איז אים דאָך גוט געשען, וואָרן אויב אַנדערש וואָלט ער אומגעקומען אין דער פאַרחושכטער היים. נישט מעגלעך געווען לענגער צו בלייבן אין דער כמורנער שטוב ווו אַלע קרימען זיך מחמת דעם תּמידיקן דחקות. ערשט האָט ער ביי נייס איבערגעקרענקט הלמאַי יעדער וואָס האָט געהאַט אַ האַנט און אַ פוס, האָט אים נישט געלאָזן אויף די אויגן, הפקרדיק זיך געמאַכטיקט איבער אים. ר׳איז אויסגעריסן געוואָרן ביים אויפבלאָזן די קאָפּטשנדיקע פּרעסלעך, אויך ביים שוסטערוק איז נישט געווען אויסצוהאַלטן, ווייל משונהדיק פּריקרע איז דער זבולון נודל וואָס קייט הילצערנע שטיפטן מיט זיין געלהאַריקן מויל. און אין פּיסגרוב ביים אויסגעהייצטן בעקער־אויוון האָט ער דען געהאַט בעסער? ס׳איז געווען אַן אמתער גיהנום. געמאַכט פון אים רק אַ טרעגער פון שווערע זעק מעל אַזש זיך איבערגעריסן מיט זיי! ס׳איז נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה — ר׳האָט געמוזט זיך אַנכאַפּן אין דעם משוגענעם קאַרמיאַל, וועלכער וואַלגערט זיך אין דער סמוטנער פרעמד מיט זיין קראָם אויפן סטוקנדיקן וואָגן; פון אים געלאָזט זיך פירן, אַבי מער נישט צו הערן פון דעם תּכלית, צו וועלכן עס האָט געוואָלט אים ברענגען די פאַרזויערטע מאַמע. אַ פאַרלוירענער האָט ער זיך געטראָגן אויף דער סקריפּנדיקער בויד מיט די שמאַכטעס, מיט וועלכע דער טענדלער נאַרט אָפּ אַ וועלט מיט פויערים. אַפּנים, אַזוי איז דאָס מזל פון אַ יתום. פאַר דאָס פאַרנעמט ער שוין פאַר ליב דעם אומעטיקן אָנשפּאַר וואָס געפונען אין דעם לוהוויקאָווע. טאַקע נישט קיין יידן די וואָס האָבן אים אַריינגענומען צו זיך, אָבער ווילע לייט. זיי באַהאַנדלען אים ווי אַן אייגענעם. אַצינד וואָלט גוט געווען די מאַמע זאָל געוואָר ווערן אַז קלמנשי איז נישט פאַרפאַלן געוואָרן, ער איז נאָר וויט פון דער היימישער שטוב. ר׳וועט זיך אויסלערנען אַ מלאכה. אַז ס׳עט קומען אַ צייט אַ גרינגערע, וועט ער זיך אַהיימווייזן אַן אַנדערער מענטש. ד אָ ר ט, אין דער היים, האָט מען ס׳גענאַר פון אַ יינגל וואָס האָט נישט קיין טאַטן. דערפאַר איז אים ליבער דאָ, בפרט אַז אין דרויסן לענגערן זיך ערשט די פּריקרע קעלטן און סלאָטעס. אַוודאי וואָלט גוט געווען צו וויסן געבן פון זיך דער פאַרדאגהטער מאַמען. אָבער דער משוגענער וועט אומישנע איר גאָרנישט זאָגן. ס׳אַראַ ווייטיק דאָס איז אים! וואָלט ער כאָטש איר געקענט שיקן אַ בריוול, איז ער אָבער ווידער נישט קאָ׳ לייט. ר׳האָט אויך נישט באַגערט ס׳לערנען אין שקאָלע.

ווי זשע פאַרהוילט מען אַזאַ קלעמעניש וואָס שפּאַרט אָקערשט אויף אים מחמת זיין פלאַמיקן בענקען צו דער מאַמען? דאָס דערציילן אָנופּרין איז ביי נייס אַ גרויסע חרפּה — און אַ בלינדלעכע, טוכלע האָט די נעבעכדיקע ווייטע היים פון ס׳ניי אים אַ שטויס געטאָן, אין ממשות מער דערווייטערט פון זיך. ר׳קען דאָך נישט האַלטן די פעדער אין האַנט, איז ווי אַזוי זאָל ער לאָזן וויסן אַז ר׳לעבט, קלמן, ר׳בענקט! גיין בעטן אַן אַנדערן ער זאָל עס טון פאַר אים? איז ווידער אַ מאָל אַ ווייטיק. ר׳איז דאָך שוין נישט קיין פּיצל יינגעלע!

דעם בחור איז געווען גאַר פיינלעך, ווייל נישט געוווּסט וואָס סוף־כל־סוף אָנצוהייבן כּדי אַרויסצוגיין פון דעם פּלאָנטער וואָס אין אים איז ער אַריינגעפּלאָנטערט געוואָרן מיטן נעלם ווערן פון דער היים.

יאָ, ר׳דאַרף שיקן אַ בריוו דער מאַמען — אָבער ווי אַזוי? ניין, ס׳מוז שוין בלייבן ווי ס׳איז. פאַר לייטן קען ער נישט מער פאַרמיאוסן זיין מיאוסקייט. ר׳טאָר נישט, ווייל ר׳וואָלט נישט געקענט אויפהייבן די אויגן פאַר די מענטשן מיט וועלכע ער הויזט — — אין דער נעמלעכער פאַר־טוענקייט, אין זיין ברענענדיקער פּיין, האָט קלמן ביי נייס זיך געפונען אַזעלכן ווי ער איז געווען אַנומלט, ווען ר׳איז שעמעוודיק נאָך געזעסן אין ווינקל פון דער דאָזיקער כאַטע. הייַנט איז ער דאָ שוין נוצלעך. אַז מ׳באַדאַרף גיין עפּעס ברענגען פון וועגן אָנופּריס מלאכה, טוט עס קאַליאַ; איז נייטיק אָפּצוטראָגן אַ נייעם פּאַס, גיט קאַליאַ אַ כאַפּ אויפן אַקסל די פאַרטיק געוואָרענע כּלי און שוועבט אַרויס מיט איר ווי אַ פאַרהיימישטער פויגל, כּדי נאָכן אָפּכאַפּן אין דרויסן אַ פּאָר טיפע שלוק לופט ווידער זיך צוריקקערן אין דער פאַראייגנטער נעסט. קלמן־קאַליאַ איז אין הויז פון באַנדער געוואָרן שטאַרק הערעוודיק. אויך זיינע אויגן זענען אָפענער פאַר די רייד און פאַר די באַדאַרפטיקייטן פון דער שטוב וואָס איז פאַמעלעכל געוואָרן אים — זיין נייע היים. ער האָט שוין אַפילו אייגנווויליק גענומען אויף זיך דעם עול אָנצוטראָגן וואַסער אין שטוב אַריין און צוגרייטן האָלץ פאַר דער הרובע. אַז עס איז נייטיק צו טון, האָט קאַליאַ שוין דערפילט אינעם ציטער פון אָנופּריס ווייעס, בעת ר׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ טאַבורעט נאָכן אויסשטאַמפּן לעכער אין אַן אייזנבאַנד פאַר נייע רייפן פון פעסער צי צעבערס. אַז מ׳באַדאַרף טון עפּעס געניי־טיקס, האָט דער בחור זיך שוין געכאַפּט אויך פונעם קלאַנג וואָס איז געפאַלן פון יעוודאָקיאַס אַן אומגעריכטן וואָרט: „איי, ווי מאַשאַן ווערט פאַרדאַרט דער גאַרגל״ — אַזוי פלעגט זי זיפצנדיק אַ זאָג טון ביי דער

פיעטשקע, בעת זי האָט עס אַליין נישט געקענט טון. מאַשאַ איז די קו אין שטאַל וואָס קוקט אַרויס איטלעך מאָל מ׳זאָל צו איר אַריינבליקן, עפּעס צושיטן צו דער זשלויב צי אָנגיסן די קאַרעטע מיט אַ פרישן טרונק. קלמנען איז דער זיפץ געוועזן אַ אָנווונק און ער׳ט עס געטון גאָר גערן, גלייך ר׳וואָלט דערין דערשפּירט אַ געגעזונג פון אַ מיחוש וואָס האָט פאַר אַ צייט אויסגענאָגט זיינע בלוטן.

ווי צווישן אייגענע האָט קלמן אין דער אַ שטוב געפונען אין זיך מער דרייסטקייט. בפירוש, ער האָט זיך געשפּירט געגעזן פון דער שאַרסטקער פרעמד וואָס האָט אַ פאַרטייעטע געהויערט אין דער אָנסופיקער שניי־ווייסקייט, אין וועלכער די באַנדערישע כאַטע איז ווי אַ היטערביידל גע־שרומפּן אויף פאַרלוירענע וועגן פון וואַנען עס לויערן סכנות. ווי דער־וואַכט פון אַ טיפן דרימל, האָט אין זיין זינען אומגעריכט אָנגעקלאַפּט דער שנאָבל פון אַ ליב געזעענעם פויגל וואָס גראַבלט זיך מיט געלבלעכע פיס־לעך מיט אַ בשורה אין אַנופריס נידעריקן פענצטער: ר׳איז געקומען. הייסט עס, דער מבשר, וואָס ברענגט אַ לאַנגאַניק איבערגעחזרטן גוטן גרוס. יאָ, מיט אַ מאָל האָט דאָס שוין געקלונגען ווי אַ היימיש רעדן:

— גיי שוין, גיי, מיט דיין עקשנות, ליבינקער! שוין איבער גענוג מיטן פילן זיך ווי אַ גאַסט. מיר האָבן אין דיר אַן אייגענעם — דאַרפסט עס שפּירן, קאַליאַ; דו ביסט אונדז ליב. אמת, מיר זענען אין אַ קאַנט ווו דאָס לעבן שפּראָצט פּאַמעלעך. דאַרפסט אַנדערש נישט טראַכטן ווי צו בלייבן דאָ. ס׳זענען גוט די אַלטע וועלדער און זאַט דאָס ברויט פון דעם קאַנט. פאַרוואָרף, מאַלאַדטשינאַ, דיינע פאַנטאַזיעס אַז אַנדערשוווּ וועסטו באַלד קענען כאַפּן אַ זעלטענעם שפּילפויגל און קענען אויף שטענדיק אים איינטוליען אין דיין בוזעם. ס׳זענען קינדערישע חלומות, אָבער ברויט זענען זיי נישט אין שטאַנד צו ברענגען — —

אַזוי האָט דער באַנדער גערעדט צו קאַליאַן וואָס האָט געדאַנקלעך נישט אויפגעהערט צו בלאָנדזשען, כאָטש ער איז נאָך געווען אויף אַן אָרט, אין דער כאַטע פון אַנופרי פּעסטרון.

— ווילסטו דווקא גיין זוכן אַן אַנדער ערגעץ, וועסטו גיין, ווען אין דרויסן וועלן זיך שטעלן וואַרעמע וועטערס. איצטער וועל איך דיך נישט אַרויסלאָזן. ס׳וואָלט דיך פאַרטריבן גלייך צו אַ וואָלף אין פּיסק אַריין, און דאָס וואָלט געווען פון מיר אַ זינד. ריכטיקער איז מיין טענה: דערווייל זיץ ווו דו האָסט אַ ברעקל היים. אַ מענטש באַדאַרף האָבן כאָטש אַ ברע־קעלע היים, אויב אַ גאַנצע איז נישט באַשערט. דערפאַר מוזן מענטשן

בלייבן — מענטשן: געבן אַן עלנטן אַן אָנשפּאַר וואָס וואַרעמט כאָטש אַ ביסינקע. מיט קאָפּ און האַרץ האָט דער באַנדער באַלערנט דאָס ייִנגל־טשינע ווּעמען עס סטייעט נאָך נישט קיין שכל צו קענען אַליין זיך האַלטן אויף די פּיס. אַן אַנדערש מאָל האָט ער אויף קאַליאַן אַפילו ליבלעך אָנגעשריגן:

— ס׳איז געזינטער אַז מ׳שפּירט זיך ווי אַן אייגענער אין אַ שטוב ווו מ׳איז צו דיר גערעכטיק. האָסט אָפענע אויגן און אַ ביסל געהירן צו זען און שפּירן וואָס דאָס מיינט. — אַז מ׳טוט־צו אַ ביסינקע דעם קאָפּ, ווערט לייכטער דאָס לעבן, קאַלקאַ! — האָט אויך יעוודאָקיאַ מיטן לאַנגן העלן צאָפּ אויף דער פּלייצע, אַריינגערעדט אין דעם בחורל. זי׳ט געוואָלט פאַרטרייבן די טריבקייט וואָס האָט זיך נאָך געמאָלן אין זיין שווייגן בעת ר׳האָט נידעריק אַראָפּגעלאָזן דעם בליק.

ס׳האָט נאָך לאַנג גענומען ביז קלמן־קאַליאַ איז בייגעקומען דעם שטומען שטורעם וואָס האָט אין אים געזאָטן: ר׳האָט אַלץ געהערט, אַפילו אין זינען דורכגעקייט דאָס דערהערטע, אָלאָ די איבערדריסיקייט האָט אַלץ איינס אויף אים האַסטיק אָנגעיאָגט; אַזוי אויך געפילט ווען די בעל־הביתטע האָט שוין פון רגילות אים דערלאַנגט אַ פריש־געוואַשן העמד איבערצובייטן אָדער מ׳האָט אויף ס׳כוח אים אַוועקגעזעצט ביים טיש אָפּ־עסן אַ מאָלצייט בייגאַנד מיטן פאַרפאַלק. צו מאָל האָט מען אים, מעשה־קינד אַפילו געשטופּט דעם לעפל אין האַנט אַריין. פשוט, קאַליאַ האָט נאָך אַלץ זיך געשעמט צו עסן ס׳געשאָנקענע ברויט.

— נו, ס׳וועט שוין קלעקן אויף אַנדערע הונדערט עקשנים דיין זייטלען זיך! ביסט מאָדנע, יונגער־מאַן. עסן מוז מען אַפילו ווען מ׳איז נישט קיין פרעסער. טאָ צו וואָס דאָס גרימאַסען, ווען ס׳איז די צייט פאַר עסן. נו ,נו, מאַנספאַרשוין. נישקשה, — כ׳בין זיכער אַז וועסט אָפּגעבן, קאַליאַ. זיי אַ מענטש, וועסטו דיין ביסן פאַרדינען, פאַרדינען, דו הערסט? זאָרג ווינציקער פאַר דעם. אַפילו היינט פאַרדינסטו שוין דיין ברויט, דורען*) איינער — און אָנופרי האָט אים פאָטערלעך אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים.

מאַן און ווייב האָבן באַגערט דאָס ייִנגל מער פאַרהיימישן. זיי איז געווען אַ רחמנות אויף דער עלנטקייט וואָס האָט זיך אַריינגעזשאַווערט אין קאַליאַן. פון אים האָט זיך אָבער נישט אָפּגעטון די טריבע שפּירונג

*) שוטה.

אַקוראַט ווי אַ פּיאַווקע וואָס ווערט געשטעלט אויפן לייב פון אַ שלאָפן — רק זי נאָגט דאָס בלוט און קאָן זיך נישט אָנזעטיקן ביז זי פּאַלט. אמת, זיי האָבן באַגערט קאַליאַס נאָענטקייט אויך מחמת זייער אייגענער אַליינקייט, כאָטש זיי זענען אין צווייען געווען לייבלעך צונויפגעלעבט, אָבער אויכעט שוין צוגעוווינט צום בחורלס אָפּהענטיקייט וואָס האָט זיי נישט ווינציק אָנגעשטעקט. זיי האָבן עפּעטערס געליטן פון אַ דריקנדיקן לאַנגווייל. ס׳איינציקע וואָס האָט זיי געשטאַרקט, איז געווען די פּאַרטוענקייט אין דער ווירטשאַפט און דאָס טוען־פּאַרען זיך ביי דער מלאכה; אויך דאָס קינדעלע וואָס האָט שוין גענומען געגנגען, שטום רעדן מיט די אייגענע הענטלעך. אָנופרין מיטן ווייב האָט זיך שוין שטאַרקער געבענקט נאָך אַ קאָפּעלע פריילעכקייט, אַ געלוסט וואָס זיי האָבן נישט געקענט אַרויס־ברענגען צווישן זיך, טאָקע מחמת אַ שעמעוודיקייט וואָס האָט ערגעץ טיף זיי באַוועלטיקט. אין אָוונט פלעגט אָנופרי זיך אָוועקזעצן אַנטקעגן דער נאַפטלאָמפּ, וואָס איז אין דער גרויסער לאַנגער קאַמער אַראָפּגעהאָנגען אויף אַ געפלאָכטענער דראָט, גענומען אויף דער שויס דאָס ווייסקעפּיקע יינגעלע און פאַרצויגן אַן אומעטיק היימלעכס וואָס האָט ווי מיניעדיקע קרעלן זיך צעשאָטן איבערן סומנעם חלל:

אַרנו, אַרנו, טי קיסע מענע,
פּיידו סודי קיסע מענע...

אויך יעוודאָקיאַ האָט זיך צוגעזעצט אויף דער זעלביקער באַנק, אַ לייכטנדיקע צוגעברומט צו אָנופריס געזאַנג און בינה־לבינו אַריבערגע־שריגן צו קאַליאַן וואָס האָט זיך געטוליעט צו די אָוונטשאָטנס, הויערנדיקע אין ווינקל פון דער קאַמער.

— בחורעץ, וואָס דומעסטו אַזוי? עפּן אויך אויף דאָס מויל. אַ קאָ־פּיטשקע היימלעכקייט מעג אַ רעד טאָן אין דער איזבע נאָך אַ טאָג האָרעוואַניע! נו, לאָמיר זען.

קאַליאַ האָט אויף אַ ווייל זיך אַרויסגערוקט פון דער טונקלקייט, ווי ר׳וואָלט אַזויערנאָך געוואָלט דערווייזן אַז ער דרימלט נישט, ר׳הערט, אָלאָ קיין קלאַנג נישט געלאָזט הערן. ס׳האָט זיך באַקומען גאָר פריקרע. אָפּט מאָל פלעגט דאָס זיך איבערחזרן אין די אויפדערנאַכטן. איין מאָל האָט ער שעמעוודיק אַ זאָג געטאָן גלייך ר׳וואָלט דערוועגן לאַנג נאָכגעטראַכט:

— ס׳זינגט זיך נישט. די צונג הייבט זיך נישט אויף צו דעם. אפשר איז זי צו שווער, מיין צונג, — און תיכף אַראָפּגעלאָזן די אויגנדעקלעך. דעם פּאַרפּאָלק האָט דווקא זיך געוואָלט פון אים עפּעס הערן, טאָקע פון

זיין יוגנטלעכן געמיט. אָבער קאָליאַ איז געזעסן ווי אַ הון אויף דער גזשענדע און געקאָפּעט אין האַלבדרימל. — נו, מאַלאָדטשינאַ! — האָבן שוין מאַן און ווייב,ביידע אין איינעם, געפּרוווט אים אַרויסרייסן פון זיין שווייגן. קאָליאַ האָט זיך נאָר פאַרענטפערט:

— וואָס רעדן, אויב די צונג לייגט זיך נישט. ס׳איז מסתמא אַ מום אַזאַ פון געבוירן אָן. מיין מאַמען האָב איך קיין מאָל נישט געהערט זינגען, אַפילו נישט ביים איינשלעפערן אַ ברויזעלע אין וויג — — פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, גלייך עפּעס וואָלט אים געגומען קרעקן. דערנאָך האָט ער זיך שוין אָנטדרייסט צו עפּענען ס׳האַרץ און דערציילט פון זיך: — כ׳האָב געהאַט אַ טאַטן וואָס כ׳געדענק אים כמעט נישט. כ׳בין נאָך געווען אַ פּיצל ווען ער איז אַוועק אין סאָלדאַטן. ס׳איז גראַד אויסגעבראָכן די מלחמה, פון וועלכער ער האָט זיך שוין נישט צוריקגעקערט. מיך, דעם עלטסטן — כאָטש נאָך אַ קליינינקער — געלאָזן אַ יתום ביי דער מאַמען. די אַנדערע קינדער זענען געווען נאָך גאָר־גאָר פּיצעלעך. אָבער מיר איז ביי צייטנס געקראָכן אין קאָפּ אַריין אַז אַ גוואַלדאָוונער שאָדן איז געשען דער מאַמען. זי האָט אַ סך און לאַנג געוויינט אויף איר אומבאַהאָלפנקייט. נאָך אַ יונ־גינקע געבליבן אַליין מיט אַ שטוב קליינוואַרג און זינט דעמאָלט ליידט זי אַלע אירע יאָרן. ערשט איז זי אַזוי וויט און איך בין אַזאַ ווי איר זעט מיך. אַצינד איז מיר טאָפּלט שלעכט, ווייל כ׳בין שוין לאַנג אַוועק פון דער היים און די מאַמע ווייס אַפילו נישט ווו איך בין, צי איך לעב — —

אָן איינציק מאָל האָט קאָליאַ אַזוי אַרויסגעלייגט אויפן דרויסן זיין צערודערט האַרץ, אָלאַ באַלד זיך פאַרהאַקט ווי אויף אַ שלאָס. מסתמא ווייל ער׳ט נישט פאַרגעסן אַז ר׳לעבט אויפן חסד פון פרעמדע, גוטע לייט. שוין צו מאָרגנס האָט ער זיך ווידער געפּלייסט צו זיין נוצלעך פאַר דער שטוב, געטאָן אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט: אין שטאָל אונטער־געבעט פריש שטרוי פאַר דער קו מאַשאַ זי זאָל קענען בעסער זיך אַוועק־לייגן ווען זי ווערט מיד; אָנגעבראַכט וואַסער פון אַ וויטלעכן ברונעם, אַרויסגעהאָלפן אויך יעוודאָקיאַן אין דער בעל־הבתישקייט, צוגעגרייט קאַרטאָפל פון קאָפּיעץ, געשפּאָלטן קין צו קענען אויפברענגען פייער אין אויוון אָבער ביי אַלצדינג וואָס באַוויזן צו טאָן, האָט אים נישט נאָכגעלאָזן די אָנונג אַז אָט, אָט מוז אויף אים קומען עפּעס גינציקס. ס׳וואָרט אויף אים. פון דעסטוועגן, אַז וואָכן זענען פאַרביי אַזוי מאָנאָטאָן, האָט קלמן אומגעריכט זיך דערשפּירט ווי אויפגעוועקט פון אַ שלאָף. ר׳איז שוין געווען מער צוגעלאָזן צו די שטוביקע. עפּעטרס זיך געשפּילט מיטן קליינינקן

אַנדריושאַן וואָס איז נאָך געבליבן אין דער הענגלוויג, כאָטש שוין מער געזעסן אין איר ווי געלעגן. יעוודאָקיאַ האָט, אמת, אויך שוין געהאַט געפונען אַ מוטערלעך שטעגל צום געמיט פון דעם בחורל וואָס האָט נאָך אַלץ געבלאָנקעט אין זיין אַליינקייט. זי האָט קאַליאַן אַנגעזעטיקט מיטן יוסטן ברויט פון אייגענעם געבעק, מיט דער מילך פון היימישן מעלקשעפל ווי מיטן דאָרפישן געקעכטס. פון קלמנס אויסגעדאַרטן בלוט האָט אויס־געוועפּט דער אומרו און ביינאַנד מיט דעם — דער נערוועזער גלאַנץ פון זיינע אויגן. ער איז אַרויף אויפן פנים, אָפּגעפּונענע כּוחות האָבן בלייך וויברירט אין דער פאַרב פון זיינע באַקן. אַפילו אויפגעטויכטע יונגמאַנצ־בּילשע גבורה האָט זיך שוין געצייכנט אין זיין אימפּעטיקן שלעפּן אַ קלאָץ פאַר אַנופּריס מלאכה; אַקוראַט אַזוי אויך זיך געוויזן ביים שפּאַלטן האָלץ פאַר דער פּיעטשקע און אינעם ענערגישן אַנטראָגן וואַסער. מ׳האָט קאַליאַן שוין נישט באַדאַרפט אַנווינקען וואָס מען באַדאַרף אין הויז. ר׳האָט גע־קראָגן די געוווינשאַפט אַליין זיך אַרומצוקוקן וואָס ס׳איז נייטיק און עס געטאָן מיט פליס. ענערגיע האָט פון אים געשפּאַרט און דער מוח האָט געניכטערט. אין כאָטע האָט שוין אָפּט אָפּגעקלונגען קלמנס קול וואָס איז געקומען מיט אַ דינעם כריפּ פון זיין קרעפּטיקער ברוסט.

ווידער זענען אַוועק וואָכן און קלמן־קאַליאַ האָט זיך געשפּירט אויס־געטאָן פון זיין יינגלשער פאַרבלענדעניש. ער האָט שוין באַזיניקט אַז דאָס אומקלאָרע ציִעניש זיינס צו אַן אַנדערן אומבאַוווּסטן ערגעץ־ווו וועט סיי ווי אים נישט ברענגען „קיין לעקעכלעך", בנוגע וועלכע עס טליִעט אויף טייל מאָל זיין געדאַנק: באשר ס׳קען ווערן געשמאַקער דאָס באַדאָסטע לעבן, אויב ער וועט טרעפן אויף אַן אָרט ווי ס׳קער צו זיין... אָבער לסוף האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך — אַז מ׳באַדאַרף זיך שטאַרקער באַקלערן צי ס׳איז כּדאַי צו זוכן בעסערס. וואָרן וואָס מיינט — בעסערס? ר׳עט האָבן מער ברויט צי ס׳געלעגער וועט זיין בעסער? דער עיקר זענען דאָך די מענטשן, און די אַ זענען דען שלעכטע, חלילה פאַלשע? ס׳איז, ווער ווייסט, אַ גרויסע איינשטעלעניש צו לאָזן זיך זוכן אַן אוצר וואָס מ׳וויס נישט צי אַזוינס איז בכלל פאַראַן, סיידן אין דער נאַרישער פאַנטאַזיע. פון אַזאַ לויפן זוכן, ווי אים גלוסט זיך רגעווייז, קאָן חלילה ערגער זיין דאָס געפינעכץ ווי דאָס וואָס מ׳האָט פאַרלוירן צוליבן שפּרונג פון מיקלאָמפּערשטער פאַר־צווייפלונג. טאָקע דעמאָלט האָט די צייט ביי קלמנען גענומען שטעלן פּסיעות גסות: ר׳האָט זיך פאַמעלעך צוגעוווינט צו טון געלאַסן אַלץ ווי ס׳האָט זיך געטאָן אין דעם אָפּגעלעגענעם קאַנט. ווי־עס־איז אויך „גע־

פונען אַ טעם״ אין די שלעפּעריקע טעג ווי אין די פּעכיקע נעכט וואָס האָבן זיך געלייגט אויפן דאַך פון דער פעסט אַראָפּגעזעצטער כאַלופּע, וועלכע האָט זיך פאַרהוילן אונטער די פירהענגלעך פון דעם באַנדערס שויבן. און געווען איז אַנופריס כאַלופּע עפּעס אַן אַ זייט ווי אַן אינדזעלע צווישן ווייט־לויפנדיקע וואַלדשטעגן און ברייטע פליינען פוסטן פעלד. אַ דורכוי־סיקע לײדיקייט איז געלעגן צווישן אַ לאַנגער, טונקעלער שורה ביימערקעפּ וואָס שניידן אָפּ אין דער נאָענט דאָס פּנים פונעם זשמורנדיקן האָריזאָנט. יאָ, ס׳איז אַן אומהיימלעך אָרט, האָט קלמן נאָך אַ מאָל זיך קלאָר געמאַכט, אָבער דאָס מקבל־באהבה גענומען מחמת אַזוינס איז אים באַשערט. אֶלָא מיט דעם „וואָס וועט זיין ווייטער ?״ האָט ער זיך טייל מאָל אַליין געוועקט, אָבער תיכף זיך געענטפערט אַז ס׳איז רעכט נישט צו טראַכטן דערפון. אפשר שפּעטער. אויך די לודוויקאָווע וואָס איז נישט ווייט פון דער באַנדע־רישער כאַלופּע, איז אים צו ביסלעך געוואָרן נאָענט, נעענטער. מיט דער צייט איז דאָס שטעטעלע אים אַפילו אַריין אין אויג. ס׳געוואָרן אים עפּעס היימלעכער ווען ר׳האָט דערזען זיינע הייזקעס, באַטראַכט די גערטלעך פאַר די פאַרטקעס. ער איז שוין געווען דאָרט פון וועגן אַנופריס טועכץ און אויך מיטגעגאַנגען אַהין צו מיט יעוודאָקיאַן. אַזוי איז דער אומהיימלעכער דרויסן געוואָרן עפּעס אַזוי אייגן. טאָקע ערשט אַנומלט —

קאַליאַ גייט מיט אַ נייעם צעבער פאַר אַ שטעטלשער בעל־הביתטע. הויך איבערן קאָפּ מיטביידע אויפגעהויבענע הענט — אין דער לופטן — טראָגט ער דעם צעבער ווי אַן אומגעהייערן הילצערנעם קאַפּעליוש; ר׳גייט און ברומט צו אַ לידל וואָס האָט אין אים זיך געוועקט ווי באַלד ער האָט זיך דערשפּירט אין דרויסן ווי אַ פרייער פויגל. ער טראָגט זיך גרינג, אַ לופטיקער און זינגט זיך אונטער זיין ניגולע. אָבער פּלוצלינג דעריאָגט אים אַ רוף, אַן אויסגעהילכטער אַזאַ ווי אַ וואָרענונג קעגן אַ סכנה וואָס רוקט אַן אַט, אַט:

— העי, כלאָפּיעץ, פאַרקריכסט אין אַ זומפּ! שוין טרעטסטו אַריין אין געמויזעכץ, שלימזל!

אומגעקוקט זיך אַ דערשטוינטער און פאַר אים שטייט אַ קורץ נפשל מיט אַ פאַרמעקטער צורה. אין אַ לאַנגן שאָפּענעם פּעלץ, אָבער מיט באָרוועסע פיס איז דאָס פאַרשוינדל און עס גיט זיך נישט קיין ריר, גלייך ר׳וואָלט געווען צוגעפרוירן צום אָרט. רק ער קוקט קלמנען אין פּנים אַריין און זאָגט גאָרנישט מער ווי דאָס וואָס שוין געזאָגט מיט זיין אומ־געריכטן אויפשריי. ר׳שטייט, דער פּעלץ אויף די באָרוועסע פיס, ר׳קוקט

פּאַרתּמט אויפֿן יונג מיטן צעבער אין די אויפֿגעהויבענע הענט; ס׳באַוועגן זיך נערוועז זיינע נאָזפֿליגל, גלייך ר׳וואָלט מיט זיי דערווישט עפּעס חשודס, דער תּמעוואַטער נפֿש. קלמן, פֿאַרחידושט פֿון דעם וואָס ער זעט — אַ פֿאַרשווינדל נישט גאָר יונג און אפֿשר אויך נישט אַלט, נאָר זיינע באַקן זענען טונקל געלבלעך ווי האַרבסטיק פֿאַרוועלקטע; ער איז טאַקע אין אַ פּעלץ און — באָרוועס, כאָטש אונטער די פֿיס ליגט צעטאָפּטשעטער ווינטער, קויטיקער שניי. פֿאַרבליפֿט פֿון געזעענעם, גיט ער אַ קלער, אָנופּריס געזעלן: דער דאָזיקער איז ספֿק זקן, אָלאָ אויך ספֿק יִנגל וועדליק דעם קול, הגם דער באָרוועס בלאָזט פּראָסטיק פֿון אים נישט ווינציקער. אָט שטייט ער ווי אַ סטראַשידלע מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ איינגעגורעט אין שאָפּענעם קאָלנער. ער איז שטום און איבערן בלייכן שטערן רינט אים אַ מוטנע שנירל. איז עס שוויס? — נעמט קלמנען צופֿן דער נייגיר, אָבער צוקוקנדיקערהייט צעשפּרייט זיך דאָס קאַפּנדיקע ריטשקעלע איבער דעם נפֿשלס באַקן, צעגיסט זיך אין אַ מינע אַזאַ ווי עס וואָלט זיך פֿאַרנומען אַרויסצופּלאַצן מיט אַ געלעכטער אָדער אַ חסר־דעהדיקן געוויין. ווער קאָן זיך ערשט כאַפּן אויפֿן חילוק וואָס עס שפּילט זיך אויס ביי אַזאַ אויסטערלישן? זיין מויל ציטערט טאַקע שוין. קלמנען טרייבט אין דעם אויגנבליק אַ פֿיינלעכער געדאַנק: „וואָס טוט זיך דאָ?” אָלאָ בינו־לבינו דערמאָנט ער זיך: *דער דאָזיקער נישט* האָט דאָך אים איבערגעשראָקן מיט אַ... זומפּ! נעמט ער זיך אַרומקוקן און זוכט: ס׳נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן. זומפּ? נישטאָ קיין סימן פֿון אַזוינס. ס׳איז אַ באַשיימפּערלעכער תּירוץ צו פֿאַרהאַלטן אים, דעם פֿרעמדן. נישט אַנדערש — אַ דולער קאָפּ איז אים אַנטקעגן געקומען. געוואָלט מיך צעטומלען. קלמן האָט מיט פֿאַראיבל אַ מרוקע געטאָן אויף דער אָנגעפּעלצטער סטראַשידלע, אַפֿילו זיך געקרימט אויף יענעמס פֿאַרבלאָטיקטע, נאַקעטע פֿיס, אָבער ביי דעם האָט צו מאָל אַ ליפּ נישט אויפֿגעצוקט. אַפֿילו נישט קיין לעפֿישן שמייכל געטאָן למאַי אים איז „געראָטן” אַזאַ שפּיצל. אַדרבא, דאָס נפֿשל איז גאָר געוואָרן טויט־ערנסט, אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע; באַלד האָט ער געלאָזט הערן אַן אויסגעלענגערטן פֿוילן גענעץ און באַלד דערויף אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער וואָס האָט ווי האַמערקלעפּ אַריינגעסטוקעט אין דעם אָנגעהאָרבעטן גראָען טאָג. דערנאָך האָט ער, דער תּם אין פּעלץ, אַרויסגעשטעלט זיינע פֿערדישע ציין און מיט נאָז און אויגן זשעדנע געניוכעט וואָסער רושם ס׳האָט געלאָזן דאָס געזאָגטע פֿון אָנגעפּעלצטן קאַרליק, און ר׳האָט אומגעריכט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ שפּיציק געלעכטער.

דאָס אַ צעשפּריצטע לאַכן האָט קלמנען אַ טרייסל געטאָן און ער האָט זיך אָנגעדראָדלט, געקוקט אויף דעם פֿאַרשווינדל און בשעת מעשה געקלערט אַז דער איז מסתּמא דער שטעטלשער נאַר. דערפֿאַר האָט ער אים שפּאָטיש צוגעוואָרפֿן אַ פֿריקרען בליק און תּיכּף זיך אָפּגעקערט פֿון אים:

— אַ וואָזשנע חכמה באַוויזן, דער נבזה. געוואָלט איבערשרעקן מיט אַ... צוגעטראַכטן זומפּ. קלמן־קאַליאַ האָט דאָס שאַרף אָפּגעברומט און זיך פֿאַרנומען מיטן צעבער וואָס ווידער געטראָגן הויך אויפֿגעהויבן איבערן קאָפּ. ר׳גייט זיך ווייטער זיין וועג, אָבער יענער לויפֿט ערשט אונטער, כאַפּט אים אָן ביים אָקסל:

— הער נאַר, אָנופּריס געזעלן! לויפֿסט?... וואָס לויפֿסטו, אויב מ׳טרייבט דיך נישט. מ׳רופֿט דיך, צי נישט? מענטשן רופֿן דיך און דו ראַמפּלסט. הער וואָס מ׳זאָגט דיר: קום אַריין צו אונדז, צו דאַבען זאָלסטו פּרעגן. אָן אָ אין יענער שטוב, זעסט? ס׳איז מיין מאַמעס שטוב, — ר׳גיט זיך אַ דריי אויס און טייטלט מיטן פֿינגער אויף אַ כאַטע אין עק גאַס. ווייסט שוין? וועסט זען אַ פֿאַרטקע פֿון אַ גערטל פֿאַרנט. זאָג צו — דו קומסט? דאָרט, ביי ד י י נ ע ם איז קאַלעמוטנע. אָן אומעטיקע שטוב אין אַ הוילן אַרום. אַ קלעפּיקע פֿינצטערניש זינקט אַראָפּ ווי באַלד ס׳פֿאַלט צו דער אָוונט, — האָט געזאָגט דער באָרוועסער יונג מיטן פֿאַרוועלקטן פּנים פֿון אַ טומטום: — איך וואָלט זיך אָפּגעריסן פֿון אַזאַ שטוב ווי אַ הונט רייסט זיך אָפּ פֿון דער קייט. ס׳איז סקוטשנע ביי אַזעלכע ווי דער באַנדער. עד, אַ וואָזשנער מזל אַריינצופֿאַלן אין אַזאַ כאַלופּע.

מיט אָנפֿאַרביקע אויגן ווי אויסגעלאָשענער אַש, האָט דאָס נפֿשל מיט אַ מין קרעכץ אַ ווונק געטאָן צום פֿרעמדלעכן בחור וואָס דינט ביים באַנדער: „הייסט עס, דו קומסט?‟ האָט דער ווונק געזאָלט זאָגן, אָבער יענער האָט נישט געענטפֿערט, אֶלאָ ביי נייס זיך אַ קרים געטאָן און איז אַוועק מיטן צעבער אויף די אויפֿגעהויבענע אָרעמס. דער באָרוועסער האָט אָבער נישט אויפֿגעהערט אים נאָכצושרייען:

— ע, עעע! צו דאַבען וועסטו פּרעגן. דאַ־אָבע, גע־דענבק! און שטי־לער פֿאַרענדיקט ווי ר׳וואָלט אַליין געוואָלט לענגער הערן ס׳לשון פֿון זיין טראַכטן: — „ביי דאַבען איז היימלעכער‟.

נישט ווילנדיק האָט קלמן־קאַליאַ געמוזט נאָך אַ מאָל זיך אומקוקן.

*

צו שטאָטישע לייט האָט קלמן אָפט פונאַנדערגעטראָגן פעסלעך, צעבערס, הילצערנע קובלעס וואָס מ׳האָט געהאַט באַשטעלט ביי זיין בעל־הבית אָנופרי פעסטרון. פון אַלע שטיבער האָבן אין פנים אַריין אים אַנטקעגן געשלאָגן האַרבע גערוכן פון טוכלע קאַרטאָפל־גריבער, פון וועלקנדיקע הייפטן קרויט און ס׳האָט זיך געהערט דער איבל פון פריידיקס דאַרפלייש, אויסגעשטאָפטע בהמהשע קישקע, געוועוועדזלטע, פונאַנדערגעהאָנגען צום טריקענען אין האַלב־טונקעלע אַלקערס. אויך האָט זיך געשפירט דער זיסלעך־שאַרפער ריח פון איינגעלעגערטע פעלד־עפעלעך.

שלעפעריקע דאָרפישע ריחות האָבן מלכּה־צייטלס ייִנגל באַגלייט אין לודוויקאָווע, וואָס איז נאָך נישט אין גאַנצן דערגאַנגען צו אַ שטאָט, אָבער אויך זיך נישט אַרויסגעדראַפעט פון דער מדרגה פון אַ גרויס דאָרף. קי, ציגן, שעפסן, פערד און עופות אין קוואָקנדיקע, קרייענדיקע און געגענדיקע טשאַטעס האָבן זיך געהאָדעוועט כּמעט אין אַלע הייף וואָס הינטער זיי האָבן זיך געשפרייט בייטן מיט גאָרטנוואַרג פאַר היימישן געברויך, צו מאָל אויך ווייט־אַוועקלויפנדיקע לאַנעס תּבואה; ביי אַנדערע שטיבער זענען געלעגן האָפן־פעלדער, באַפלאַנצטע מיט חמרים אומעטיקלעך־שטאַרע דרענגלעך וואָס שפאַרן אונטער די הויכע, ווייכלעכע האָפן־שטענגלעך.

שטאַרק דערווייטערט פון זיין בייער היימשטוב, איז לודוויקאָווע איטלעך מאָל קלמנען קאַפויער געקומען אַן אַנדערע, אַ צוציִענדיקע מיט די פאַרבן פון דעם נאָר וואָס אַנטפלעקטן פאַר זיין אומבאַרירטן באַוווסטזיין. ווייל כּמעט אַלץ וואָס געזען, איז אים ווילגעפעלן. אויך צו די לייט זיך צוגעוווינט. אַראָפגעוואָרפן די משא, וועלכע ער האָט געטראָגן אַ מאָל אַ ווערסט צוויי פון אָנופריס כּאַלופע, פלעגט דאָס שטעטל אים אַנטקעגן גיין אַ צעשפילטס אין דער אויפגעוואַכטער קאָליריקייט פון זיין אָרעמען דמיון: די פראָסטע הילצערנע הייזקעס מיט די גרין און ברוין־געפאַרבטע לאָדנדלעך, די צו דער ערד צוגענייגטע גאַניקעס מיט די קאָליריק־געשמירטע שטאַכעטן־ווענטלעך ווי אויך דער פוסטער מאַרק האָבן, פאַרגולמטע, אַריינגעשריגן אין דער ליידיקייט ווי מיט פאַרהאַקטע ציינער. קלמנען האָט אויסגעוויזן אַז טייל געסלקעס רעדן צו אים מיט אַלטע איינגעפאַלענע מיילער און אפשר דערפאַר איז ער געוואָרן נייגיריק צו קוקן אויף זיי, זיך געקוויקט מיט דער באַזונדערקייט פון דער קאַרטינע, ווייל קיין מאָל נאָך נישט געזען אַזוינס. אַזעלכע הייזקעס מיט גאַניקעס און אַזאַ אופן פון ספראַווען זיך מיט די בעל־הבתישקייטן, מיט אייגענע גאָרטנס ביי דער שטוב, האָבן אים פאַרחידושט. און אָט שפאַנט אים אַנטקעגן אַ בנעימותדיק פערדל מיט אַ דוהע

איבערן קאַרק און הינטער דעם האָט אויף זשאַווערדיקע אַקסן געטראָסקעט אַ הויך־פּליעסקענדיקער פּאַס, אַ לאַנגער פּאַס אויף הוידנדיקע רעדער און ס׳וואַסער אין אים כּיכעט צו מידיקלעך, ברעקלט אויס אַ מין געלעכטערל — אַלץ האָט זיך געוויגט מתּוך אַ בלינצנדיקער זון וואָס האָט אין דעם בחורל ערשט אויפגעחלומט אַ נעפּלדיק פּילן וואָס פּלייצט איבער אים ווי דער־וועקטע פּאַליעס פון אַ פּאַרטראַכטער אָזערע.

מיט דאַרשטיקע בליקן האָט קאַליאַ געשלונגען די נייקייט וואָס האָט אים געפאַנגען מיט אַטלאַסענע דלאָניעס פון רו, פון ס׳נייִ געפאַנגען אין אים דאָס יינגל. און ער האָט צו דעם שוין גערן זיך געשטרעקט. און נאָך אַ נייס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיין נייגיר: „פּאַרעמבעס״, ברייט פונאַנ־דערגעוואָרפענע ריסן אין די שווערע פּאָלעס פונעם אַלטן וואַלד, וועלכער איז קענטיק נאָך צעשפּאַרט איבער די דאָיִקע אומעטומען. אומגעריכט האָט פאַר אים זיך איבערגעטאַשט די וואָר, ראַפּטעמדיק אַזוי ווי אין חלום פון אַ קינד וואָס פאַלט אַריין אין דער כוואַליע פונעם ראָזלעך צעצונדענעם פאַר נאַכט. די פּאַרעמבעס, אויסגעשניטענע שטחים וואַלד, האָבן שטום זיך צעעפנט מיט שטוינענדיקע מאָך־קישנס, אויסגעוואַקסענע אַרום פּיעניעס מיט שטאַרצנדיקע וואָרצלען וואָס זענען העפטיק אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער וואַלדערד. אָבער איבער אַלעם — שטיקער הימל, אַרויסגעשאָסענע ווי בלאָלעכע קופּאָלן אויף פּילגעשטאַלטיקע פוביקע געביידן, אומגע־הייערע אין דער לופט געצייכנטע פּאַליען, אַלאַ האַרט פאַר זיי טונקלט זיך דער גראַנאַט פון וואַלד וואָס שפּאַנט שווער און סאָפּעט אַוועק אויף בערישע פיס העט, העט.

ווי פּאַליעס אין אַ רויקן טייך איז געפלאָסן די צייט; ס׳האָט געזשומעט, געמורמלט ווי וואַסער, צו מאָל אויך זיך געברוגזט, געשטורעמט. קלמן האָט זיך שוין פון פריִער דערקענט אויפן חילוף הזמן און רעכט זיך אויסגעטשור־כעט. אַן איינגעהיימישטער אין דער געגנט, פלעגט ער גערן זיך איינקוקן אין די צו מאָל לאַקנדיקע בלאָקייטן פון די טיף אויסגעשניטענע פּאַסן וואַלד. גלייך צעשטויבטער רויך האָבן די דאָזיקע גרויסע שפּאַלטן ליכטי־קייט אינעם וואַלדמאַסיוו אויסגעדאַמפּט די שאַרפקייט פון זשיוויצע וואָס איז לאַנג געווען פאַרדרענגט אין די ערשט אָפּגעדעקטע ביימערפּלאַסטן ווי אין דעם געשלענג פון די פּריש אויסגעגראָבענע הונדערטיאָריקע קאַרטשעס.

אין געוועב פון די טעג האָט עפּעס ליכטיקס, כאָטש נאָך אַ ביסל מטושטשדיקס, זיך אָנגעהויבן שפּינען ביי קלמנען: ער האָט זיך געכאַפּט

מער צו טון אין דער באַנדער־מלאכה. און וואָס ווייטער, אַלץ גיכער איז דאָס הילצערנע געווערק אַפּירגעוואַקסן פון אונטער אַנופרי פּעסטרונס דאַך. קאַליאַ האָט זיך שוין געוויזן אַ געניטער העלפער אין דער פליסיקער שטוב פונעם איינציקן באַנדער אין דער געגנט פון לודוויקאָווע. באַגלייך מיטן בעל־הבית האָט ער שוין געטעסעט, געהובלט, געפוגעוועט אין האַלץ, און אויך זיך פאַרהיימישט מיט די לייט, פאַרוואָרצלטע מיט באַלעבאַטישקייט, שיטערלעך צעזייטע בשכנות פון דעם דרימלענדיקן שטעטעלע.

קאַפּיטל ניין

נאָך די קאַלטע כליאַפּרעגנס וואָס האָבן בשפע געגאָסן איבער די אומעטיקע רחבותן — די טיפע, קלעפּיקע בלאָטעס זענען מיט אַ מאָל געוואָרן שטייפע הרודעס, האָט קאַליאַ זיך פאַרקליבן אין וואַלד אַריין; איינער אַליין אַוועק אַהין צו עפּעס אויפצוטון. און ווו וואַלד, דאָרט איז שוין סומנע העק. ער וועט אָנברענגען אַ ביסל געהילץ פאַר דער ווערקשטעל, איז ער געפאַלן אויף דער המצאה וואָס האָט זיך אין אים אויפגעכאַפּט ווי אַן אומגעריכט פלעמל. ס׳איז געווען דער טונקל טליִעדיקער דראַנג גינציק געזען צו ווערן אין דעם הויז וואָס נערט זיין לייב און לעבן, אַן ארויסגעצויגנס פון אַ פעוונע דערטרינקעניש. מיט אַ מאָל האָט ביי אים אויפגעטויכט דער דאַזיקער געדאַנק. אַפילו נישט געלאָזט וויסן די שטוביקע, וואָס ער האָט פאַרטראַכט און — ר׳האָט אָוועקגעשפּאַנט. ער וועט זיי איבערראַשן, די ווילע לייט וואָס גיבן אים אַהיים נאָכן גורלדיקן משפט וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין דעם מבולבלן, אומדערבאַרעמלעכן דרויסן.

באַטראָטן דעם וואַלד, האָט קאַליאַ דערשפּירט ווי ער וואַלט אַרויף אויפן רוקן פון אַ כוואַליע זשוזשנדיקער שטילקייט וואָס פאַרשיכורט, צעשוימט די בלוטן. אַן צו באַנעמען אַז ער שפּאַנט צווישן געפלאָנטער פון שאָטנדיקע שטאַמען, האָבן זיינע טריט זיך געשטרויכלט. גיך דערשפּירט זיך מיד, האָט קלמן זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ האַלב אָנגעפוילטן פּיען, געבליבן אין זיך פאַרקאָרטשעט ווי אַ הון אין בין־השמשות. דעם קאָפּ אַריינגעצויגן צווישן די אַקסלען האָט ער, לייכט דרימלענדיק, אין אַ תענוגדיקער טיפער איינגעע־הערטקייט פלוצלינג זיך דערשראָקן: ר׳טאָר עס נישט! אַזויאַרום וועט ער

אַנטדרימלט ווערן. וואַלד און פראָסט זענען סכנהדיק, זיי קענען איינשלעפערן אויף אייביק, — האָט אויף אים שוין אָנגעווימלט אַן אַלטע געשיכטע פון אַזעלכע אויסטערלישקייטן וואָס ווייזן זיך אָפּטלעך ווי די סאַמע האַרבע וואָר. ר׳האָט טאַקע געגומען זיך אונטעראײַלן אַהײמצוגיין מיטן ליידיקן. ס׳איז אַ סכנה צו בלייבן אַזוי. „מיט אַ מאָל שטעלט זיך דאָ אַזוי שאַרף דער ווינטער?! דאָס איז צו ערנסט. ווייל פראָסט איז ווי אַ שריפה פלאַמיק און אויך טשאַדיק וואָס פאַרסמט. ערשט דער ניוך פון אַ חיה? ניין, קלמן!״ און פון ס׳ניי געשפּאַנט. ס׳גלייכער צו זיין געוואָרנט, האָט ער צו זיך אַ רעד געטאָן כמעט אויף אַ קול. ווייל מיט אַ מאָל, אין אַנגסט, דערשפּירט אין זיך אַזאַ טיפע רו וואָס איז עלול אים ראַפּטעם איינצושלעפערן, אַפילו צעמאָלן צו ווערן אויף קרעפּלפּלייש. ס׳איז געגוג אין שפּרונג פון אַ וואָלף! אַלצדינג איז דאָ סודותדיק, טיף, און די אומדערוואַרטע פרייד מיט דער מנוחה וואָס ערשט געפונען — אַלץ, אַלץ ווערט צערונען.

ווידער האָט ער זיך דערזען אַ קליין, שוואַך ייִנגל וואָס איז נוטה אַ ליאַדע רגע אויסצוברעכן אין אַ קינדערישן געוויין. קלמן האָט מורא געקראָגן פאַר דער וועלט וואָס איז אומגעהאַריש באַלאָדן מיטן בייז פון די מענטשן וואָס אין זיי זענען אָנגעפּלאָדיעט גאַנצע בערג מיט רשעותן. ווו נאָר עמעץ אַן אָנגעפּרעסענער, האָט ער פאַרשמאַלציקטע אויגן אַזש ר׳דערזעט נישט, קען נישט זען אַ ז י ע נ ע ם א י ז ש ל ע כ ט. איבערגענומען פון דער געפּלטער אימה פאַרן אַרום האָט עס אים אַ וואַרג געטון און שוין אין געאייל האָט ער אַהײמגעקערט פון וואַלד כדי זיך אויסצובאַהאַלטן פאַרן שאַרפן אומרו וואָס הייבט אויף ביי נייס דעם קאָפּ קעגן אים. אָקע־מ׳זעט האָט ער דערפילט די נייטיקייט אַז אַן עמעץ, אַ גוטער, זאָל באַוועלטיקן זיין שלאַבעריקייט. אים האָט אָבער באַלד אָנגעפּאַקט אַ גרויל למאַי אַזעלכן געפינט ער נישט גענבן זיך, כאָטש אין אים צאַפּלט אויס זיין נשמה אין שווערע קראַמפּן.

✶

...שפּעטער־צו, ווען שניי איז שוין געפאַלן פון די הימל־ביידעמער, האָט אַלץ פון דאָס ניי זיך איבערגעאָנדערשט אין קלמנס אויגן. די קאַמער ביי אָנופרין האָט אַן אויפהער זיך געהייצט מיטן הובלעכץ און שניצעכץ פון ווערקשטעל וואָס איז אין שטאַלווינקל געווען אויפגעזאַמלט אין אַ

הויכן סטויג, וועלכער האָט אַלע מאָל זיך געלאָזט הערן מיטן אַוויר פון אויפגערודערטן דאָרפישן מיסט. געהילט אין אַ געשטריקטן גראָב־וואָלענעם טוך וואָס איז געווען פאַרקניפּט אויף דער פּלייצע און אויף די פיס גרויסע מאַנצבילשע שטיוול האָט יעוודאָקיאַ סטעפּאַנאָווגאַ, אַ דעררייטלטע, אָפּט אַנידערגעקניט ביי דער הרובע וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו הודזשען מיט פּרעסערישן געפּלאַם אָדער די הרובע האָט שטיל, אין גלי, טונקלרויט געזשאַרעט אין מידער היץ. דאָס פאַרשלעפּערטע פייער האָט זיך גענערט דערעיקרשט מיט קורצע שפּרייזלעך דעמבע און אַלכע, וועלכע זענען פון מאָל צו מאָל צוגעוואָרפן געוואָרן צום אומגעזעטיקטן זשאַר. די אַנופריכע האָט שטאַרק געהיט די איזבע, ווי זי׳ט גערופן דייער גרויסע כאַלופּע, אַז זי זאָל זיך נישט אויסקילן אין די קרירהדיקע וואָכן; זי האָט מורא געהאַט דערפאַר, ווייל דאָס קינד קאָפּעט אָפּט אַראָפּ פון זיך דאָס קאָזשוכל, מיט וועלכן עס איז איינגעדעקט. דערהויפּט צוליב אַנדריושקען האָט זי אין די פרעסט געפּילעוועט דאָס פייער, צו מאָל זיך איבערגעוועקט אין מיטן נאַכט צוצוואַרפן האָלץ צום פייער. אַנופרי איז, ווי זיין שטייגער, געווען פאַרטון אין דער מלאכה. מיטן אָנקום פון די שאַרפע פּאַגאָדעס, איז אים דערעסן געוואָרן דאָס עוסקן זיך מיט די קלעפּקעס פאַר פּעסער און צעבערס. מחמת נעדיזנע וואָס האָט זיך געלייגט אויפן געמיט בעת די גרויסע קעלטן, האָט ער די בייכלדיקע קלעפּקעס ביינאַנד מיט די צוגעגרייטע דנאָען פאַר־וואָרפן אין שטאָל אויף דער דראָבניאַסטער פּאָליצע וואָס העכער איבער דער סטאַילע. דעמאָלט האָט ער גענומען גרייטן לאַנגע, האַרטע דרענגער פון יונגע אָלכעס און יאָדלעס, פון זיי אָפּגעהאַקט די צווייגן. ער האָט עס געטון מיט אַ געשאַרפטער קאָסע, די שטאַמען דערנאָך געווייקט אין אַ קאַרעטע וואַסער, אַזוי אַרום זיי געהאַרטעוועט און מיט געניטקייט די דאַזיקע העלצער קונציק געבויגן, אויסגעבייכלט אַזוי אַז זייערע עקן זאָלן זיך אויפהייבן אויף אַרויף. לכאורה האָבן די געבויגענע שטאַמען געכאַפּט דעם אָנבליק ווי מאָדנע הערנער פון אַן אויסטערלישער חיה. דערנאָך, אַז אין די כמו־הערנער זענען שוין געווען אויסגעשטאַמסט קאַנטיקע לעכער, האָט אַנופרי אין זיי אַריינגעלאָזט הילצערנע פּלאָקנס און זיי צוגעשמידט מיט געקאָוועטע אייזערנע באַנדאַזשן. פּאַמעלעך, יוסט האָט ער אויפגע־שטעלט שטאַרקע פויערישע שליטנס. אין אַנופריס גרויסן פירהויז זענען אַזויערנאָך געבליבן שטיין אויסגעפּאַרטיקטע נידעריקע, ברייטע, טיפע דאָרפישע שליטנס. צו ערשט אין שליטן, דערנאָך אַ צווייטער, אַ דריטער. געווען שליטנס, האָבן זיך געיאָוועט בעלנים אויף זיי. לייט זענען געקומען

און אויך געקויפט. אין באַנדערס כאַטע איז געוואָרן שטאַרק היימלעך. מ׳האָט זיך געדונגען אויפן מקח, גערעדט הויך, צו מאָל האָפערדיק, אויך געפּאַטשט זיך אין די האַרטע דלאָניעס; דורכגעקומען וועגן פּרייז, האָבן די קונים געבראַכט פערד צו פאַרשפּאַנען די נייע שליטנס און מיט זיי האָבן לייט פריילעך זיך אָוועקגעגליטשט איבערן שנייִק־אויסגעבעטן, בלאָ־לעך אַנגענעפּלטן אַנענד. פאַרקויפט די ערשטע שליטנס, האָט אַנופריס ווינטערדיקע מלאכה רעכט זיך צעפלאַקערט. ווי דער בעל־הבית, האָט אויך קאַליאַן פאַרכאַפּט דער אימפּעט פון דעם טועכץ. ווי באַלד עס איז ווידער אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן אַ נייער שליטן, האָט דאָס גיך זיך צע־טראָגן איבער די כאַלופּעס. עס קומט אַ פּויער אין קאָזשוך און פּאַסטעלעס געוויקלטע מיט אָניטשעס און ביי נייס הייבט זיך אויף אַ הייטערער גע־רודער אַרום דעם באַנדערס כאַטע. סע קומט איוואַן, ברענגט ער פּטילאָמייען אויף מבינות און ער רעדט טאַקע, טענהט, ווינקט צו מעשה בקי. דערנאָך דערהערט זיך שוין אַ וויטלעכער גלעקלגעקלאַנג פון אַ פערדישן געשפּאַן אינעם פליִענדיקן שליטן. קלמנען חלומט זיך דעמאָלט אומגעריכט אַן אימפּעטיק גליטשן זיך זיינס אויף אַ קינדעריש שליטל אין אַ פּרעסטלדיקער שניינאַכט. אין אַזעלכע מינוטן זעט ער זיך ווידער אין דער מאַמישער היים, ווי אַ מאָל, ווען דודל — געדענקט ער — האָט אומגעריכט זיך הילכיק צעלאַכט אינעם שליטעלע און באַלד דערויף זיך הייס צעוויינט; ווייל אַ ביסעלע שפּעטער, ווען ר׳האָט זיך שוין דערשפּירט ליגן אויף דער פרירנדיקער ערד, האָט ער, דאָס קינד, רעכט דערוואַכט פונעם וויטיקלעכן קלאַפּ וואָס געקראָגן בעתן אַרויספאַלן פון שליטעלע. יאָ, אין דער פינצטער האָט ער זיך ווייט געקייקלט איבער דער פריריקער ערד אונטער די צע־שטווינטע גרינע שטערן. ס׳איז געשען בעת דודל איז אין מיטן פאָרן פלוצלינג אַרויסגעפאַלן פון שליטעלע, כאָטש חוהלע האָט, הינטערוויי־לעכטס, דאָס שליטעלע צוגעהאַלטן מיט אירעביידע געפרוירענע הענטלעך. דאָס לייכטע שליטעלע האָט גראַד ראַפּטעם זיך אַראָפּגעגליטשט פון אַ בערגל, זיך אַ וואַקל געטאָן אין דער ברייט און איבערגעקערט זיך אַזש ס׳מיידעלע האָט אין בלינדן אימפּעט אויך זיך מיטגעקייקלט; אויך זי איז געבליבן ליגן אַ צעקלאַפּטע, ווייט פונעם שליטעלע — — דאָ איז ערשט ווייס, שנייִק־בלענדיק דער דרויסן; סע סקריפּעט אונטער די פיס דער סיקנ־דיקער פראָסט, אין כאַטע איז מחיהדיק וואַרעם און די אַרבעט איז אַ ווילע. אַרויסגעענדיקט אַ שליטן, שטייט שוין פאַר אים אַ קונה, אַ בגילופינדיקער פון פרייד, מחמת זיין בעל־הבתישקייט ווערט רייכער מיט אַ וואָגן, אַן

אויסגעמייסטרעוועטער פון גוטווינטשנדיקע הענט. אַזאַ שם האָט שוין דער באַנדער אַנופּרי פון כוטער הינטער לודוויקאָווע.

אַלע מאָל איז געוואָרן היימלעך ווען מ׳האָט אַרויסגעפירט אַ שליטן פון אַנופּריס פּירהויז. ווייל מיטן קויפער איז אַפּטלעך געקומען אויך זיין משפחה מיט ווייב און קינדער ביז די סאַמע קלענסטע. און אינעם פּרווו דורכצופאָרן זיך מיטן ניי־איינגעהאַנדלטן שליטן האָבן אַלע אַרויסבאַוויזן אַ האַפּעדיקייט. ס׳קליינוואַרג האָט גאָר זיך צעטומלט. מיט אַ מטושטש־זיסן געפיל האָט קאַליאַ אַצינד אייפעריק זיך איינגעשפּאַנט אין שטוביקן עול און מיט חשק אַריין אין באַשטענדיקן האַרמידער, וואָס איז עפּעס ווי געפּענטעט, כאָטש אייגן דעם רויען ווינטער אין די דאָזיקע מקומות: קאַליאַ האָט גענומען פון וואַלד שלעפּן אייז־פאַרגלאַזיקטע שטיקער האָלץ, שוין אָפּגעריייניקטע פון די צווייגן און וואָרצל־בעזעמער, איטלעכס געמאָסטן מיטן בליק צי ס׳וועט זיין טויגלעך פאַר דער מלאכה און צי עס וועט געפעלן דעם מאַנסטער. דערפאַר זיך שוין דערשפּירט מער חשוב ווי פריִער. אָ, אַצינד ווייסט שוין קאַליאַ זיין ווערט. ערשט איז צו אים דערגאַנגען דער אמתדיקער טעם פון אַנופּריס אַנומלטיקן זאָג: „בישקשה, וועסט שוין אַליין באַנעמען ווען דו פאַרדינסט זיך דיין ברויט. ס׳וועט קומען די צייט, נאָר געדולד״. פון יעדן קלאַפּ איבערן זיך אונטערגעבנדיקן ויילעכל האָלץ, האָט ער עס דערהערט. ווי אַ קראַנקע הויט איז פון קלמנען אַראָפּגעפאַלן די קאָרע פון דראָענדיקן בייז וואָס פאַרבאַהאַלט זיך הינטער אים און פאַר־פאַלגט. פאַרן בחורלס בליק איז מיט אַ מאָל איינגעזונקען די וואַנט, וואָס האָט פאַר אים פאַרשטעלט די גוטסקייט פון די לייט וואָס קענען באמת ליב האָבן אָן אַ פאַר וואָס. אַוודאי, סע טרעפן זעלטן אַזעלכע מענטשן וואָס זענען געבענטשט מיטן איידעלן ציטער פון רחמנות פאַר עלנטע. אויך דאָס יינגל קלמן האָט אין דער דאָזיקער סומנער פרעמד גראָד געטראָפן גוטע לייט וואָס האָבן פאַר אים באַשאַפן אַ נייע וועלט. פון זיין וואַקלדיקן פילן האָט קלמן, ווען מ׳רופט אַצינד קאַליאַ, דערשפּירט אין דער באַנדערס כאַטע מענטשישע נאָענטקייט וואָס וואָרעמט זיין נשמה, צו וואָס ער איז געוואָרן אַזוי להוט. ריכטיק, ס׳איז נישט די היים וואָס געוועזן ד אָ ר ט, אָבער דאָך... ער׳ט דערשפּירט אַ געגעזונג פאַרן צעוווּנדיקטן געמיט וואָס האָט אים אָן אויפהער געטאָרעט: וואָס טון ערשט? ווי אַזוי זיך פאַר־נעמען אַהין צו?! אין דער נשמה ציטערט דאָס אויף, וואָרן דאָ בלאָזט אַ פונאַנדערגעשפּרייטע פוסטקייט, אָבער זי איז פון דעסטוועגן אָן ע פּ ע ס; סע האַלטן זיך ביי דעם אַזוי פיל מענטשן, מערערע שטעטלעך, דערפאַר

מיט וואַלד, פעלד און היימישע גאָרטנס. און קיינער גייט נישט אַוועק פון זייערע היימען.

ס׳האָט באַשיימפּערלעך געמוזט געדויערן לאַנג ביז ס׳וועט זיך אויס־צייטיקן דאָס וואָס האָט פּלוצלינג זיך צעעפנט פאַר קלמנס אויגן. מיט אַ מאָל האָט קאַליאַ קינדעריש זיך צוגעכאַפּט צו אַלץ וואָס האָט פאַר־שמעקט מיט דער ליב געוואָרענער שטוב. „וואָס ?... ער קען דען ערגעץ־ווו אַוועקגיין ! ס׳דען פאַראַן אַ ו ו ו מיט צוגעגרייטן גוטס ? ניין, מ׳וועט אים צעהאַקן, וועט ער פון דאַנען שוין נישט אַוועקגיין, סיידן מ׳וועט אים אַרויסטרייבן. ר׳וועט טאָן אַלצדינג אַז ער זאָל פאַרדינען זיין ברויט״. און באַלד זיך צעפלאַמט בנוגע דעם חוב פון געטריישאַפט צום הויז וואָס האָט פאַר אים געעפנט די טיר ווי פאַר אַן אייגענעם, געגעבן באַדאַי נאָר אַ דערוויילִיקע היים. האָט ער טאַקע זיך גענומען עוסקן פאַר דער דאָזיקער היים. ער האָט ליב געקראָגן צו טאָן פאַר די לייט וואָס האָבן אים צוגע־טוליעט צו זיך.

... פאַרקראָכן זיך אַ מאָל טיף אין וואַלד אַריין און לודוויקאָווע איז לגמרי אים שוין געווען פאַרלוירן פון האָריזאָנט. אין קלמנס אויגן, אויפ־געהויבענע צו דער ווייט, האָבן אין אַ האַמטענע באַוועגטן קאַראַהאָד, פּלוצלינג זיך צעוויגט די קרוינען פון די מיט אַ מאָל דערוועקטעביימער און איבער זיין קאָפּ האָבן גענומען פויזען אַנגעפּוישטע כמאַרעס. ווי גרויסע ווייסע קלעקן איז דער שניי דעמאָלט געלעגן אויסגעגאָסן איבער דער שוואַרצלעכער ערד ; טיפער אין וואַלד איז דער שניי, אַ האַרטלעך צו־געפרוירענער ווי אויסטערלישע וואַטעפּייגל חמרימוויז געווען פונאַנדער־געשפּרייט איבער די צווייגן און שטאַמען. ווו־נישט־ווו האָבן קראָען זיך דורכגעטראָגן איבער דער אַנגעשאַרפטער קאַלטער ווייסקייט. פון מאָל צו מאָל איז אויף קלמנס אַקסל, אויך אויפן היטל, געפאַלן אַ טראָפּן און באַלד דערויף — אַ דומפּער קלאַנג ווי פון אַ טראָט איבער דער שורשנ־דיקער וואַלדערד. ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, דעם בליק תיכף אַראָפּ־גענידערט צו די שטאַמען און, שוין אַן איבערגעשראָקענער, אינסטינקטיוו גענומען נישטערן אַרום דעם נאָענטן וואָרצל־געפלאָנטער : אפשר האָט אַ חיה זיך פאַרבלאָנדזשעט אַהער ? בגוואַלד זיך געניכטערט, גלייך ר׳וואָלט געשטאַנען אַנטקעגן אַ סכנה, האָט ער באותו הרגע אין זיין האַנט דער־שפּירט די ברענענדיקע וואָג פון דער האַק וואָס מיטגענומען אַלע מאָל ווען ר׳איז אַוועק אין וואַלד. די האַק איז אַ גוט געווער, אַ טאָפּל נוצלעכס, אין אַזאַ וועג, — האָט אַנופרי אים געהאַט באַלערנט. זינט דעמאָלט האָט

ער זיך צוגעווינט, ביים גיין אין וואַלד אַריין, זיך לאָזן באַגלייטן פון דער האַק. „ווען דו ביסט ווייטלעך פון שטוב, קאָליאַ, זאָלסטו געדענקען, איז די ווילדע חיה תּמיד ביי זיך אין דער היים. דאָ איז אַ מקום אַזאַ ווו די פּאַרציקערישע חיה איז מער היימיש ווי דער מענטש. מ׳מוז האָבן די אויגן נישט נאָר אין קאָפּ, נייערט אויך אין דער פּלייצע און דעם שפּירער — נישט בלויז אין דער נאָז, אֶלאָ אַפילו אין געהער!"

און קאָליאַ האָט גערן געוואָלט זיך פאַרהיימישן מיט דעם קאַנט וואָס לעבט דערעיקרשט מיטן וואַלד און זיינע סודות.

...דערווישט אַ גוט ביימל וואָס נייטיק אים אויף פּיס־ביעגונעס פאַר אַ שליטן, אֶלאָ דאָס אויג איז אים געווען פאַרטומאַניעט, דערפאַר איז ער נאָך נישט אין גאַנצן געווען זיכער מיט זיין דעה. מ׳באַדאַרף זיך טאַקע אָפּשטעלן, וואָרן דערנעבן מוז זיין אַן ענלעך ביימל, אַ צווילינגל; אויב אַזוי וועט עס זיין אַקוראַט פאַר אַ שליטן אַ גאַנציטשקן, גליטשערס פאַר ביידע „פּיס". אָבער אַז ס׳איז נישטאָ? בשעת־מעשה איז אין מוח פּריש אויפגעשווומען אָנופּריס זאָג: „סענקעס זענען ווילדפּלייש פאַר טעסלער־און באָנדער־געהילץ. אַ געזונטן אבר קענסטו דערפון נישט אויפשטעלן. דער סענק איז גלייך צו אַ הינעראויג. אֶלאָ אין האָלץ קאָן עס פון זיך אַליין אַרויספאַלן, פּונקט פאַרקערט ווי אין אַ מענטשישן פוס. ווייל מיט דער צייט טריקנט ער איין, דער סענק, און די ראַם אַרום אים ווערט אַ נעסט פאַר ווערעם. ס׳איז אַקוראַט ווי מ׳זאָל ווענלן פון דער לופט... אויס־שניצן ריסאָרן צו אַ וואָגן. ביים צוקלייבן געהילץ פאַרן וואַרשטאַט, טאָר מע נישט זיין קיין היצקאָפּ, קאָליאַ. באַזאַכט זיך איינקוקן וואָס מ׳נעמט אין האַנט. אַן אײלעוודיקער איז ווי אַ שיכּור — ר׳גייט, גיט זיך אַ וואַקל און אָט ליגט ער שוין. איז נישט געאײלט, אויב מע טוט אין דער מלאכה!" — —

ערשט כאַפּט קאָליאַ נאָך אַ בליק: ווי אַ טויטראָפּן הענגט זיין אויג ווידער אויפן יונגן שטאַמל, אֶלאָ זיין געהער צאַפּלט אויף ווי אין פיבער, אָן אומ־געוויינטלעך זשומשען פון אַ געדיכטן קוסטן־געצווייג, און טאַקע באַלד טראָגט זיך אויך אַ שטאַרק סאָפּען. אומבאַגרייפלעך שאַרף איז געוואָרן די שפּירעוו־דיקייט פון קאָליאַן. דאָס בלוט איז אים פאַרשטאַרט, אַקוראַט עס וואָלט זיך איבערגעריסן דאָס ריזלען אין זיינע אָדערן און די האַנט פאַרלירט איר מאַכט. און צו להכעיס איז די האַק אַראָפּגעפאַלן צו קלמנס פיס. דאָס ביימל, וואָס באַגערט, האָט נאָך געלויכטן פאַרן אויג מיט דער אויפגעקוואָלענער פרייד פון אַ באַגערטער מתנה וואָס מ׳קלייבט אָפּ פאַר אַ געליבטן, פאַר וועמען מ׳וויל זיך באַווייזן מיט באַזונדערער אויסנאַמלעכקייט. פון דעם גרינגלעך־

אַשיקן אַזשור האָט דאָס ביימל, זיך חנדלענדיק, אַרויסגעקוקט צו קאַליאַן, דעם גאַסט אין וואַלד, אָבער ערשט האָט ער געמוזט מערער זיך איינהאָרכן אין פאַרשטאַרקטן סאָפּען וואָס האָט זיך ווי דערנענטערט מיט ווייכע, דראָ־ענדיקע טריט פון אַ ווילדער חיה. און די חיה איז שטענדיק אין גיר אַ שפּרונג צו טאָן אויף איר קרבן. מיט אימה־אַנגסטן האָט קאַליאַ גאָר זיך אָנגעשפּיצט, ווייל זיך געשראָקן נעמען לויפן: „געגענט טאָקע אַ חיה וואָס ברענט שוין מיט איר דעך? די שאַרף פון דער האַק זאָל נאָר נישט פאַר־פעלן דעם פאַך אין דעם איינציקן אויגנבליק! בלויז אַ רגע, איין צאַפּל פון דער רגע — —״ קאַליאַ האָט אָבער נישט באַוויזן לענגער צו טראַכטן: ס'אַ וואָלף! דער גראָ פון דער אויפגעשפּאַרנטער פעל, אַ דורכגעשפּונענע מיט שוואַרץ, האָט אויף אים שוין געפלאַמט פון דעם חיהשן לעכץ אין די בלוט־פאַרגאָסענע קוקערס וואָס האָבן דעם מענטש געביסן מיט זייער שטע־כיקן גלאַנץ. ס'איז אָנגעשטאַנען די גורלדיקסטע רגע. דער בחור איז מבולבל געוואָרן פון דער סכנה, אָבער ר'האָט זיך געשטאַרקט. די קני האָבן גע־ציטערט, זיי נישט געקענט איינשטייפן, כאָטש דער זינען האָט אים ניכטער צוגעלויכטן — האַלט זיך, קלמן! אָבער די אימה האָט אויף אים דאָך שולט געוועז. די צוק־חיה איז געבליבן שטיין אַנטקעגן אים אויף אַ קליינעם מרחק. אין אַ רגע וואָס האָט אויסגעשאַרפט זיין בליק האָט דער מענטש מיט אַ פלינקן בייג אויפגעהויבן די האַק וואָס איז געהאַט אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט. אַוודאי, ר'האָט זיך שוין געריכט אויפן ווילדן שפּרונג פון דער חיה. אָבער ביי קלמנען האָט זיך ס'בלוט צעברענט מחמת דעם קאָנצענטרירטן אָנשטרענגנג פאַרן פאַרמעסט מיט דער חיה, וועלכע איז אָן ספק געוועזן להוט דאָס וואַרעמע געפלייש, פון וואָס זי האָט געאָנט אָט־אָט אין דעם זיך אַריינ־צולאָזן מיט די רייסציינער און פאַרשלינגען. דאָך — פּנים אל פּנים מיטן קלאָמפּערשט אומדערשראָקענעם קרבן, איז דער וואָלף אַלץ נאָך געבליבן צוגענאָגלט צום אָרט ווו זיך אָפּגעשטעלט אין זיין זשעדנעם אַנלויף אויפן ג ר י י ט ן ז אַ ק ר ו י ב. אָ, ווי איבערן בן־אדם האָט דעמאָלט געהימלט דער ביטערער נסיון! מיט דער האַק אין האַנט האָט אויך ער זיך נישט אַ ריר געטאָן, נייערט געוועזן אָנגעשפּיצט אויף דער לויערנדיקער חיה. ער'ט אויף איר שטאַר געקוקט און זי האָט נישט אויפגעהערט סאָפּען, קנורן, גלייך עפּעס וואָלט איר שטעכיק געקראָכן איבערן רוקן. דאָס זענען געווען נאָר געציילטע רגעס אַזעלכע וואָס האָבן זיך פיינלעך לאַנג געצויגן. „אַנטלויפן?״ האָט דעם נערוועזן מענטש ווידער אַ בליץ געטאָן איבערן שאַרבן, אָבער ער האָט נישט געקענט זיך באַשליסן: „כ'וועל זיך נאָר

אַ ריר געבן, וועט די חיה תיכף זיך אַ וואָרף טאָן און כ׳בין אַ פאַרשפּיל־טער!״ זיין מוח האָט נישט אויפגעהערט האַרעווען, בעת די אויגן קלמנס האָבן עקשנותדיק געשפּיזט צו דער בעסטיע. אָלאָ די כּוחות, האָט ער גע־שפּירט, גייען אים אויס פון אָנשפּיזן דעם בליק אויפן וואָלף, וועלכער האָט באַשיימפּערלעך נישט געקענט זיך דערוויטערן פון דעם מעגלעכן קרבן. סוף־כּל־סוף האָט דער מענטש זיך אַליין גובר געווען אין ראַנגלעניש מיט זיין אייגנטלעכער שוואַכקייט אַנטקעגן דער סטיכיע וואָס אין דער חיהשער נאַטור. ער איז נישט אַנטלאָפן פאַרן וואָלף. ר׳טאָר נישט פּרווון אַזוינס, האָט ער מיטן גאַנצן פאַרהוילענעם כּוח וואָס נאָך געשפּירט, אַריינגעליאַ־רעמט אין זיך. וואָרן אַנטלויפן — האָט ער גערעדט צו זיך אָן אַ קול, ווען אין אָן אָפּשפּריץ פון אַ רגע האָט ער זיך איינגעקוקט אינעם אַ נ ד ע ר ן פּ נ י ם ז י י נ ע ם, אין פּנים פון דעם ביסל שׂכל הישר וואָס האָט נאָך באַוויזן זיך איינצוהאַלטן אין אים; דאָס וואָלט געווען אַן אַרויסרוף פון זיין פּחד, אַ סימן פון איינברעכן זיך. ערשט איז דער אויספּרוּוו פון מיין גורל אַנטקעגן דער ביטערער וואָר, און לייב און לעבן האָבן נישט אויפגעהערט אים וואָרענען: ה י ט ז י ך! ז י י ג ר י י ט ז י ך ק ע ג נ צ ו ש ט ע ל ן — —

רגעס האָט אָנגעהאַלטן דער דאָזיקער שטורעם אין אים — און אפשר האָט עס געדויערט שעהען! ווער קאָן מעסטן אַזאַ גסיסה, בעת די ברוסט שפּרינגט אַרויס באַדאַי אין פייער אַריין? דער אומגעוויינטלעכער מ ה ל ך וואָס דער דאָזיקער נערוונגרויל האָט אָנגעברענגט, האָט קלמן־קאַליאַן צע־וואַקלט. מיט פאַרדריקטע ציין האָט ער זיך איינגעביסן אין אייגענעם נפש וואָס איז שוין אָנגעגליט געוואָרן, מחמת דאָס איז פאַר אים געווען די וואָגשאָל פאַרן לעבן אָדער טויט. געגנוג איין הרף־עין און די וואָגשאָל גיט זיך אַ וואַקל אַהין אָדער — אַ ה ע ר. . . גוואַלד, וועט ער טאַקע קענען ביישטיין קעגן דער סטיכיע פון דעם פּלאָם וואָס פלאַקערט ערשט אין דער לאָקערנדיקער בעסטיע? אָט האָבן העננט און פיס אים זיך אונטערגעבראָכן, אָבער זיין מוח האָט איבערגעוועלטיקט די אינעווייניקדיקע ציטערניש וואָס האָט׳ן מוראדיק צעטרייסלט. ער האָט שוין געפילט דעם שטייגנדיקן פיבער וואָס עס האָט אויף אים אָנגעבראַכט די באַגעגעניש מיט דער צערייצטער חיה — סוף־סוף איז ער אַרויס ג אַ נ ץ פון דעם מאוימדיקן געראַנגל מיטן טויט. ביז ווייטיק האָט ער אין דער דלאָניע נאָך געדריקט ס׳הענטל פון דער האַק, ווייל ציטעריקער ווי אַלע מאָל דערשפּירט דעם קראַמף פון דער ברענענדיקער סכּנה פאַרן בינטל לעבן. אַלע זיינע חושים האָבן זיך אָנגע־שפּאַנט צו פאַרנעמען דאָס אימפּעטיקע סאָפּען פון דער חיה וואָס האָט

קענטיק נישט געקענט אָפּטרעטן פון דער לעבעדיקער סעודה, אָבער אַלץ נאָך נישט דערוועגט זיך צו וואַרפן אויף אים, וואָס איז געווען אַנטשלאָסן נישט צו ווערן אַ לעקישעוואַטער קרבן. אין קלמנען האָט עס אין יענע סעקונדעס פאַרעקשנט, שטום געהיקעט: „ניין, ער וועט זי בייקומען. איך מוז — —".

קלמן „דער עקשן" איז בייגעקומען דער חיה־רעה. זי האָט פּלוצלינג כריפּעדיק אַ שטאַרקן קנורע געטאָן און ראַפּטעם זיך אַריינגעלאָזן אין דער טיפעניש פון וואַלד. אַפּנים זי איז געווען אַן עלנטע, איינינקע אַליין אין דעם אַ שטח וואַלד, וואָהין זי האָט געהאַט פאַרבלאָנדזשעט.

*

— יעוודאָקיִאַ! מאַמינקע, האָרך נאָר, מאַאַ!

איבער דער כאַטע האָט אומגעריכט זיך צעהילכט דעם באַנדערס רוף. און האָט דאָס ווייב נישט באַלד זיך אָפּגערופן, ווייל מסתמא געווען ערגעץ אַרויס פון וועגן דער באַלעבאַטישקייט, האָט אַנופּריס פּנים, אַ ברייט צע־לויכטנס, ברייט זיך צערעדט איבער דער שטוב, גלייך יעוודאָקיִאַ וואָלט אָט שוין צוגעקומען אים אויסהערן:

— גיכער, זשאַנקאַ, ועסטו האָבן צו לאַכן! — האָבן זיינע באַקן זיך געצונדן און די ליפּן זיך פאַרסליניעט. אָבער די זשאַנקאַ האָט אַזוי גיך זיך נישט געוויזן. אַ פאַרלוירענער איז קאַליאַ דערווייל געשטאַנען פאַר אים, אַלאַ ער, דער מאַן מיטן שניצמעסער אין האַנט, קייכט, דאָס מויל רייסט זיך ממש אין גערייד מיט וועלכן ער האָט זיך געסמאַקעוועט, די אָדערן אויפן האַלדז ציטערן ווי אין אַ ספּאַזם; אַפילו זיין בויך אָטעמט שווער אינעם לאַכן און פון די אויגן רינען אים טרערן, טרערן פון אַ פריידיקייט וואָס האָט אָקערשט געשפּאַרט אויף אים. — הערסט, מאַמינקע, וואָס ס'האָט געטראָפן? מירן אַ ניי־געבוירענעם קאַליאַ — האָט אַנופּרי נאָך געפּרעסן שטיקער געלעכטער וואָס האָט אויפגעציטערט אויך אויף זיינע שלייפן אַזש די האַלצשפּענער וואָס זיין מלאכה צעפּלייצט אַרום זיך האָבן זיך פאַרפּלאָנ־טערט אין אַנגעפּייכטלטן קאַנאַפּלענעם בערדל זיינעם.

ענדלעך אָנגעקומען, האָט יעוודאָקיִאַ נאָך געטראָפן דעם מאַן אין טראַנס פון זיין האַרציקן לאַכן, אָבער זי'ט נאָך נישט געוווסט למאַי ס'איז אויף אים געקומען אַזאַ פּלוצלינגע גדולה. זי האָט אים געפרעגט:

— וואָסי, אַטיעץ*), אַזאַ כיכען מיט אַ מאָל! צי האָט די סאָווע פון דיין כבוד וועגן אומיסטן פּריצייטיק זיך געקעלבט, דיר געבראַכט אין שטוב אַריין אַ קאַנאַריק אין סאַמע העלן טאָג, ווען זי באַדאַרף דרימלען? נאָר דער מאַנצביל האָט נישט אויפגעהערט שפּריצן מיט געלעכטער. ערשט דערנאָך האָט די כאַלופּע די גאַנצע זיך דערוווּסט אַז ס׳געלעכטער האָט אויסגעבראָכן מחמת קאַליאַס יינגלשער שרעק פאַר אַ פאַרבלאָנדזשעטן הונט וואָס ער׳ט באַגעגנט אין וואַלד: „ער און דער הונט, האָט אַנופּרי אויפגע־קלערט דעם ווייב און ווידער געמוזט צאַמען זיין רייץ צום געלעכטער, זענען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן אין סאַמע מיטן וואַלד און נישט קאַליאַ און נישט דער הונט האָבן זיך נישט געלאָזט הערן צו מאָל מיט אַ בילן און נישט מיט אַ געשריי. קאַלינקע האָט זיך אַפילו פאַרמאָסטן מיט דער האַק, אָבער דער הונט האָט אין פּחד געמאַכט פּיס. הער, מיט וואָס פאַראַ טשודאָ**) קאַליאַ איז אונדז צוריקגעקערט געוואָרן אַ לעבעדיקער!״

אַנופּרי האָט דערציילט פון דעם טשיקאַוון געשעעניש מיט אַ היימלעך גלאַנציקן בלישטשל אין די אויגן, אָלאַ יעוודאָקיאַ האָט מיט היץ זיך צע־טענהט מיט אים הלמאַי ער צעגאַרטלט זיך מיט שפּאָט איבער דעם נס וואָס האָט געטראָפן מיטן בחורל, וועלכער איז קוים אַרויס אַ גאַנצער מיטן זעקל ביינער.

— הערצי מיינער***), ערשט ביסטו אַ קלוגער ווייל ביסט גראָד נישט געווען אין וואַלד ווען די בעסטיע האָט אָט, אָט געזאָלט זיך וואַרפן אויפן בחורל. ס׳איז באמת געשען אַ נס וואָס די חיה האָט זיך מיישב געווען צי זי זאָל זיך לאָזן אין אַ פאַרמעסט מיט אַזוינעם וואָס האַלט זיך שטייף אַקעגן איר. קלערסט אפשר אַז אַ חיה קען נישט טראַכטן. זיי האָבן זיך זייער שטייגער קלוגשאַפט. זי׳ט פ אַ ר ש ט אַ נ ע ן אַז ס׳איז געזינטער פאַר איר אָפּצוטרעטן פון דעם עסק וואָס איז אונטערגעקומען אין אַ פּוילער פּאַגאָדע און געמאַכט פּליטה. און דו פאַרגעס נישט, פּאַפּינקע, אַז קאַליאַ איז פאָרט נישט געווינט צום וואַלד; ר׳ווייסט נישט אַפילו ווי אַזוי זיך צו פירן ווען סע טרעפט וואָס ס׳קען טרעפן. טאַקע גוט וואָס ער וואָלט געקענט זיך פאַר־טיידיקן מיט דער האַק. כ׳בין זיכער אַז ס׳איז געווען אַ וואָלף, נישט אַ הונט ווי דו ברייעסט אויס, חכם איינער! הינט פאַרבלאָנדזשען נישט אין וואַלד. אַ הונט שרעקט זיך פאַרן וואַלד, סיידן ער ווערט געפירט פון בעל־הבית

*) פאָטער. **) אַ נס. ***) הערצל מיינער.

זיינעם. אַז מ׳זיצט ביי דער וואַרעמער הרובע קען מען זיין אַזוי קלוג ווי ס׳איז אַקערשט אַנופרי פעסטרון.

— מאַמעלע, איך ברייע נישט אויס קיין הונט, כאַטש אַזוינס קען טרעפן אַ מאָל, אָבער ווען האָסטו געהערט דערפון?... פראַוודאַ, אויך אַן איינצלנער וואָלף קען אַרומבלאָנקען אין וואַלד ווען אים ווערט שטאַרק אומעטיק אין דער נאָרע, אָדער אַ קריכעדיקער חלום זאָגט אים צו עפּעס געשמאַקס. יאָ, יאָ, זשאַנקאַ. חיות חלומען אויכעט חלומות. אָבער דו האָרך ליבערשט מיך — האָט ער שוין געענדערט דעם אופן רעדן וועגן קאַליאַס גע־שעעניש, בעת ר׳האָט איינער אַליין זיך געלאָזן אין וואַלד אַריין: — האָרכסט? אַהיימגעקומען מיט אַ יונגער אָסינע, האָט נאָש קאַליאַ*) מיט אויסגעקיי־לעכיקטע אויגן קוים געקענט דערציילן אַז ער האָט שיִער נישט אוספּייעט צו קענען אַ לעבעדיקער אַרויסקריכן פון וואַלד. האָרכסט גוט? אַ ווילדע חיה איז אָנגעלאָפן אויף אים און פּלוצלינג געבליבן שטיין און — שוין! ס׳איז געווויס געווען אַ בער מיט אַ טעמפער מאָרדע. אַן אומגעריכטע סכּנה אַזאַ איז צום שרעקלעכסטן, אמת? ריכט מען זיך כאַטש, צעאַרבעט זיך דער קאָפּ, מ׳קריכט גיך אַרויף אויף אַ בוים אָדער מ׳צינדט אָן אַ שייטער וואָס באַשיצט קעגן דער ווילדקייט. קאַליאַ האָט אויף אַזוינס זיך נישט געריכט, נאָר אויף קלאָר האָט ער געדענקט וואָסערע ביימלעך ער באַדאַרף אויסגעפינען פאַרן ווערקשטאַט. איז אָבער אַן אַנדער באַשערטקייט קאַפּויער געקומען אַז ער זאָל זיך איבערפרעסן מיט טויטשרעק. ער איז סיי ווי אַ כוואַט. דאָס בריִעדיקע סאָפּען פון דער חיה האָט אים אַ שטויס געטאָן, קאַליענקען, דעם מוח, און ר׳האָט זיך באַלד קלאָר געמאַכט: אויב ס׳ווייזט זיך איין חיה איז פאַראַן אין אַרום מערערע בעסטיעס, אַ גאַנצע סטייע. און טאַקע מעגלעך, אַז אונדזער בחורעץ איז אַרויף אויף אַ פאַר־הוילענער יאַמע, דערפאַר איז אים באַפאַלן די שרעק פון אַ בייז ברומעניש, אַ יאָ, קאַליאַ? — און אַנופרי האָט זיך שוין געשטיקט מיט אַ נייעם אַנפאַל פון געלעכטער, אָבער מיט כּוח אַנגעהאַלטן אַ מינע פון טויטן ערנסט. דערנאָך האָט ער קלוגעטשקע זיך געשטעלט אַקעגן דעם ווייב:

— און דו און אויך דער נאַרעלע, גלייבן נאָך אַז ס׳איז אויף אַן אמת געווען אַזוינס וואָס זאָל דאַרפן אָנוואַרפן אַ פּחד ווי פאַר וועלף צי בערן? אוך, אוך, וואָס פאַראַ קעפּעלעך דאָס זענען! — און ווידער פּלאַצט ער אַרויס מיט אַ כאָכען, דער מיושבדיקער מאַנצביל. — וואָלט עס געווען

*) אונדזער קאַליאַ.

אַ וואָלף, איז ער נישט איינער; ר׳וואָלט נישט געהאַט פּאַר וואָס זיך צו דערשרעקן אַקעגן אַ בידנע בחורל, אַפילו ווען ר׳איז מיט אַ האַק אין האַנט. אַ וואָלף איז נישט קיין מבין אויף אַ האַק; און אַ טראַכטער איז ער אַוודאי נישט, ר׳ווייסט אַפילו נישט אַז ס׳פאַראַן אַזוינס ווי סכּנה. ס׳איינציקע וואָס אים קאָן אַנשרעקן, איז אַ פייערפלאַקער. דער וואָלף צי דער בער פאַרשטייט זיך נישט אויף קיין שרעק; זיי אַוועקטרייבן קען נאָר אַ ראַפּטעמדיקער אויפפלאַם פון פייער אָדער אַ הילכיקער ביקסנזאַלפּ אויב ער טרעפט זיי פּונקט אין קאָפּ. כאַ־כאַכאַכאַאַ, — צעזידט זיך פון ס׳ניי דעם באַנדערס געלעכטער. — פּחד פאַר אַ קעצל האָט דיך אַנגעשראָקן, קאַליאַ. יאַ, יאַ, טשעלאָוועק, — צעשאָקלט זיך אַנופריס שטערן צו גלייך מיטן בערדל.

— ביסט זיך טועה, מאַנספּאַרשוין. ס׳קאָן האָבן געווען אַן אַלטע וואָלפיכע וואָס האָט געזוכט אַן אָרט ווו צו קענען אויסציִען די לאַפּעס, ווייל די לעצטע כּוחות האָבן איר אַנגעזאָגט דעם סוף; זי האָט נישט געוואָלט ווערן אַ קרבן־מאַלצייט פאַר דער סטייע, וועלכע האָט זי מסתּמא שוין פאַר־שעמט מחמת איר אַלטקייט און פאַרלאָזן זי איינע־אַליין ווי אַן אומנייטיק באַשעפעניש. אַ חיה קאָן אויך שפּירן עלנט ווען ס׳קומט אַזאַ צייט... דו טראַכט ליבערשט אַ ביסעלע, הערא, וועסטו ווינציקער לאַכן דערפון וואָס קאַליאַ דערציילט, — האָט יעוודאָקיִאַ געזוכט צו פאַרענטפערן דאָס בחורל וואָס האָט זיך געשפּירט דערשלאָגן. — אויך אַזוינס טרעפט, אַנופּרי פּעסטרון. סיי ווי איז קאַליאַ געגוג זשוואָוועע. ר׳האָט זיך נישט אונטער־געגעבן דער שרעק. ס׳איז בעסער צו שטעלן זיך קעגן דער ווילדער חיה, אויב אַזעלכע שפּרינגט אַרויס אומגעריכט, איידער פאַלן איר אויף די זשעדנע ציינער. מ׳באַדאַרף אָבער געדענקען אַז אַנרייצן אַזעלכע איז נישט ווינציקער ריזיקע. טשעפּעט מען אַ וואָלף, קאָן באַלד אויפפלאַקערן אַ וועלפישער אַליאַרם אין גאַנצן וואַלד. אַזאַ סכּנה איז מער ווי אַ פאַזשאַר. אַלע יאַמעס ווו די ווילדע דרימלען, דערוועקן זיך מיט אַ מאָל און ס׳גאַנצע ווילדערניש לאָזט זיך אַרויס צום אָרט פון דער סכּנה וואָס לויערט אויף אַ זייעריקן. חיות פאַרשטייען זיך אויף זייערע לשונות און פאַר דעם בידנעם מענטש איז דעמאָלט נישטאָ קיין וועג פאַר אַן אַנטלויף.

— אמת, אמת, — האָט קאַליאַ אַ דערמוטיקטער זיך אַנגערופן. — חיות האָבן אַן אויסגעשאַרפטן ניוך — און אין מאַטערנדיקן ערנסט האָט ער אָפּגעקערט דעם בליק פון די גוטע לייט וואָס פרייען זיך מיט זיין אָפּקומען נאָר מיט האַרצקלאַפּעניש וואָס אים איז באַשערט געוואָרן אין וואַלד.

— ס׳איז וואָר, וואָס קאַליאַ זאָגט, — איז יעוודאָקיאַ ווידער אים געקומען צו הילף. — שטאַרקע שמעקערס האָט דאָס חיהשע מין. און דו, חכם קאַליאַ, ביסט טאַקע געלאָפן געשווינדער פון אַ וואָלף אָדער פון אַ פיפערנאָטער. ביסט אַ כוואַט.

— דאָס איז ריכטיק, — האָט דער באַנדער שוין קיל געשמייכלט. — די ווילדע קענען דעריאָגן דעם אַנטלויפער, אים אָנכאַפּן ביי אַ פוס, איינבייסן זיך אין אַ פולקע און ערשט דערנאָך אים זיך וואַרפן אויפן האַלדז. אמת, מאַמינקע?

ער האָט נאָך גערעדט קאַטאָוועסדיק, געבראָכן מינעס מיט די ליפּן. ביי קלמנען האָט אומעטיק זיך געקנייטשט דאָס מויל, אָנגעזויערט שאָטנס אונטער די אויגן. ר׳האָט אָבער געפילט אַז ד ע ר וויזט נישט קיין באַגער צו דערפירן אים, קאַליאַן, צו טרויעריקייט, אָלאַ אַ שפּיל טאָן זיך מיט זיין יינגלשער שרעק, האָט ער דווקא יאַ אַ הנאה. פון אָנופרין האָט טאַקע אַרויסגעקוואָלן די צופרידנקייט מיט דער ראָלע וואָס אים איז אונטערגעקומען. יעוודאָקיאַ האָט אומגערן מיטגעלאַכט, אָבער זי׳ט דאָס בחורל באַלד אַרויסגעפירט פון פאַרלעגנהייט.

— כ׳האָב געמיינט, קאַליענקאַ, דו ביסט געניט — האָט זי געזאָגט.

— דו וועסט זיך נישט איבערשרעקן פון אַ ליאַדע נאַרישקייט. און דיך באַדאַרף נישט אַרן זיין לאַכן, בחורעץ גרויסער! — דערויף האָט זי מיט אַ קלוגן פירוואָרף באַלד זיך געווענדט צום מאַן: — בעל־הבית, כ׳פאַרשטיי נישט וואָס אויף דיר איז אַזאַ גדולה אויב קאַליאַ האָט זיך דערשראָקן ווען אָפילו פאַר אַ הונט, ווי דו ברייעסט אויס? ר׳איז דאָך אַ לעבעדיקער מענטש, ווען ס׳קען אַלץ צוהאַנדן קומען. פאַר דיר איז אַזוינס אַ נייעס? דערפאַר ביסטו ווערט ריכטיקע פעטש. דו האָסט באַדאַרפט קאַליאַן פריִער וואָרענען פאַר די אייגנשאַפטן פון דעם וואַלד, פאַר זאַכן וואָס ער ווייסט נישט. און אין דער אמתן — ס׳דען אַ נייעס אַז אַ וואָלף זאָל זיך שטעלן דיר הינטערן פענצטער? אין אונדזערע קאַנטן קען אַ חיה אַלע מאָל זיך פאַרבלאָנדזשען. קאַליאַ מוז דען שוין וויסן אַלץ וואָס דו ווייסט, קלוגעטשקער? פאַרט אַ וואַלדיקע געגנט! אַ געוועזענער אַלטער וואַלד איז נאָך אַלץ אַ מקום פון חיות, כאָטש אויך פון שטיקער ווּיסט לאַנד מיט קאַרטשעס און קוסטעס. די חיות זענען מיינסטנס שוין פאַרטריבן, אָבער אַזוינס קאָן נאָך אַהערשמעקן. און ס׳קאָן אויך טרעפן עפּעס גאָר ערנסטס. חיות וואַקסן אין וועלדער ווי די שישקעס אויף די סאָסנעס: זיי מערן זיך אין די טיפע ערדשפּאַלטן, אין קוסטן־געדיכטעניִשן און קענען

אומגעריכט אַרויסקומען מיט צעשטשירעטע רייסציין. אַן אמתע אַנשיקעניש זענען די וועלף, כאָטש זיי זענען שוין ווינציק. כאַפּן נאָר די פּרעסט, ס׳הודזשען וויכערס, באַווייזן זיי זיך אַפילו אַהער צו; האָרכסט זיך דען נישט צו אין די פּראָסטיקע שנײַעכט ווי זיי ניוכען סטייעסווייז אַרום אונדזער כאַלופּע? דאָס אָרט איז צוגעוווינט צו ווילדע חיות. הערסט, קאַליאַ: זאָלסט מער נישט גיין איינער אַליין אין וואַלד אַריין. ס׳נישט קיין קאַטאָוועס.

— ביסט טאַקע נאָך אַ וועוועריק, קאַליאַ, אַ וועוועריק ביסטו — לאַכט ווידער אַנופּרי און ס׳גאַנצע פּנים לאַכט מיט. — ריזן־חיות וואָס לאָזן זיך הערן אין וואַלד זענען שוין נישטאָ ביי אונדז. אַלע זענען זיי אויסגעראָטן געוואָרן באַגלייך מיט דיביימער. פירשט ראַדזיוויל האָט זיי אויסגעראָמט מיט זיינע הוליאַנקעס. די איבערגעבליבענע באַשעפעניש זענען זיך פאַר־נאַנדערגעלאָפן. ליכטיקע פּאָרעמבעס שרעקן די חיות. די ליידיקייטן וואָס זענען דאָ אויסגעשפּרייט ווי מיאוסע פליכן, שרעקן אָפּ די פירפיסיקע, סיידן די יאַשטשערקעס און אַנדערע קליינע שרצים וואָס קענען זיך נאָך האַלטן צווישן די קוסטעס און מאָכן. פונקט אַזוי זענען די נאַקעטע ווינטן וואָס טראָגן זיך דורך די פּאָרעמבעס, אַ סטראַשונאַק פאַר די וועלף נישט ווינציקער ווי פייערפלאַקערס וואָס מענטשן קענען אָנצינדן. אָבער לענ־גערע יאָרן באַדאַרף מע שוין נישט קיין פלאַקערס קעגן זיי. נישטאָ קיין וועלף, סיידן אַן אַלטער הונגעריקער וואָלף שוין אַן ציינער פאַרבלאָנדזשעט אַהער. אויך דאָס געשעט זעלטן. אויב וועלף, האַלטן זיי זיך אויך נאָר אין די ווייטלעכע פושטשעס. אַ ראיה: שוין יאָרן ווי מ׳זעט דאָ נישט קיין יעגערס ווי אין פריערדיקע צייטן. געבליבן זענען בלויז קליינע וואַלד־חלקים וואָס די סוחרים האָבן אויסבראַקירט; זיי איז נישט אָנגעשטאַנען דעם בראַק צו פאַרלאָדענען אויף זייערע טראַנספּאָרטן וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען אין אַנדערע לענדער. דאָס בלייבעכץ פון אַלטן וואַלד גייט נאָר אויף געהילץ פאַר סוחרים־לאַפּיטוטן, פון וועלכע דער כראַביע שיט אויך נאָך אַן זעק מיט גאָלד. געפּאַנצערטע קאָסעס און אייגענע זעלנער האָט דער כראַביע אין פירשטלעכן פּאַליי. אויך פון צעלאָזענע אַפּעטיטן וואָס קומט פון וויל־טאָג, הערט זיך דער פּאַלאַץ. ביסט נאָך אַ שטאָטישער, קאַליאַ, ווייסטו נישט וואָס עס מיינט ווילדע חיות. אויך צווישן צוויי־פיסיקע אין פראַקן אָדער רײַטהויזן זענען זיי פאַראַן, די ווילדע. אַלץ אַ דאַנק דעם וואַלד וואָס איז בטבע שטיל, אָבער נישט ווינציקער שאַרף אין זיין לויערונג. יעדעס שטיקל וואַלד ווערט דיר, צוציק, אַן אָנזאָג פון פּאַרציקערישע באַשעפעניש.

פאַראַן אָבער אויך מילדע באַשעפענישן אין די וועלדער. מ׳באַדאַרף זיך אויסקענען אויף די קאַפּריזן פון וואַלד און זיינע אמתדיקע בעלי־בתים. אין די אָ זאַכן ביסטו נאָך רוי. מ׳באַדאַרף אויך דאָס לערנען, אָבער ס׳גייט נישט אַזוי געשווינד. וועסט וואַרטן אַ קאַפּיטשקע, — שמייכלט ער און לאָזט אויס זיינע רייד מיט אַ בלעכענעם געלעכטערל: — יאָ, יאָ (זאָגט ער און צעשיט איבערן חלל זיין לענגערן כיע, כיעכיע־כיעעע, מאַלאַדטשינאַ); ניטשעהאָ, קאַליאַ. ס׳גאַלע נאַרישקייט וואָס דו האָסט געזען.

— אַז איך ווייס נישט, — שטאַמלט ווידער דאָס בחורל. — כ׳האָב געמיינט... זי האָט דאָך שטאַרק געסאָפּעט, די חיה, אַ גרויסע, אַ טונקעלע ווי אַ היכער הונט, אַ גראָער מיט אַ לאַנגער מאָרדע. כ׳קען שווערן אַז מיט זיין סאָפּען איז עס געווען אַ וואָלף — און ער לאָזט ביי נייס אַראָפּ די אויגן פון בושה מחמת זיין אומוויסן פון מענטשנס הנהגה וואָס שייך דעם וואַלד. און אפשר, — האָט ער שוין גענומען איבערקלערן — איז זיין אָקערשטיקע איבערלעבעניש טאַקע אַן איבערבלייב פון די מעשיות מיט וועלכע ער האָט קליינוויַיז זיך אָנגעהערט פון פינצטערע וועלדער מיט ווילדע חיות און האָט ווידער גענומען נאָכטראַכטן וואָס ס׳געשען מיט אים און פאַמעלעך זיך געניכטערט.

אָנופּריס באַקן האָבן אויף ס׳ניי זיך געקנייטשט אין אַ נישט־דערגאַנ־גענעם שמייכל.

— מיינסט, איך לאַך פון דעם וואָס דיר האָט געטראָפן? דאָס לאַכן איז נאָר פון דיין קינדישקייט, גרויסער בחור. אין די פאַרעמבעס, מעגסטו וויסן, פאַרבלאָנדזשעט אַ מאָל אַ פּוקסל, ס׳שפּרינגט אויף אין שרעק אַ שיינע סאַרנע וואָס דערשפּירט אַ שלאַנג — — אין דעם אָ וואַלד וואַקסן ערשט גוטע שוואָמען, אָבער סכנהדיקע חיות — דאָ? נישטאָ זיי היינט. זענען געווען — פריִערדיקע יאָרן. יאָ, פאַראַן אַזעלכע, אָבער ווייט פון דאַנען, אין די פּושטשעס וואָס גרייכן אַריבער צו יענער זייט געפּערלעכער גרענעץ.

קאָליאַ האָט פון דעסטוועגן ווידער געפּרוּווט זיך ווערן קעגן דעם חוזק וואָס צילט אין זיין שטאָלץ:

— איר מעגט גלייבן. מיר האָט זיך נישט געחלומט קיין בער צי אַ קאַץ, — האָט ער גערעדט מיט אַ ניצוץ עקשנות — אָבער אַז וועלף לאָזן זיך שוין אויף מיר, האָט זיך מיר אויסגעוויזן אויף דער וואָר. אַז מ׳גייט אַרום אין וואַלד, באַדאַרף מע נישט דרימלען, דאָס ווייס איך אויך. די

אויגן מוזן זיין וואַך און אָפן די אויערן. כ׳האָב געהערט דעם דעך פון וועלף וואָס אָט, אָט קענען זיי מיך באַפאַלן. וואָס מער כ׳האָב זיך אַ ריר געטון פון אָרט, אַלץ שטאַרקער האָט זיך דערטראָגן דער אימדיקער אָטעם פון ווילדן גיר. ס׳האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט — די חיה האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן מיר, זי פאַרסקעט און טרעט נישט אָפּ. דאָס האָבן מיינע אויגן געזען; געזען און ממש געשפירט אַז ס׳שפריצט פייער פון איר צעשטשירעטן פיסק. אַפּנים, זי האָט אויך מורא געקראָגן, טאַקע פאַר מיין פאַרעקשנטן שטיין אַנטקעגן איר מיט דער פאַרשטשעמעטער רוטשקע *) פון דער בלאַנקענדיקער האַק. איך זאָג דעם אמת. איר דאַרפט נישט לאַכן — האָבן קלמנס אויגן זיך געצונדן ווי צייטיקע טרויבן אין גלי פון דער זון. מסתמא מחמת דעם האָט אָנופּרי פון ס׳ניי זיך נישט געקענט איינהאַלטן אין זיין קלאָמפּערשט ערנסטן הערן און שוייגן, אָבער ער האָט סוף־סוף ווידער אומדערוואַרט גערופן דאָס ווייב:

— יעוודאָקיאָ, גיי אַהער, וועסטו האָבן אַן אמתן טריאַטער! הער נאָר ווי קאַליענקע איז געראָטן: גאָרנישט אויף קיין קאַטאָוועס האָט ער זיך דערשראָקן פאַר אַ דזשיק **)! מ׳באַדאַרף דורכויס אויסגיסן וואָקס, דער־לאַנג שוין דעם בעזעם, — און חוזקדיק זיך פאַרזשמורעט אויף דעם בחורל.

— נישט קיין בייזס, — קומט זי צו און שטעלט זיך אַוועק אַקעגן ביידע מאַנסלייט. — ווידער דיר דער זעלביקער חידוש, פאַפינקע? — ווענדט זי זיך צום מאַן. — האָסט ביי נייס פאַרגעסן אַז קאַליאַ איז נישט געוווינט צו אונדזער קאַנט!? אומזיסט קריכסטו אויף אים, ווילסט אים אָנטון פאַרדראָס, כאָטש האָסט אים האַלט, מאַנספאַרשוין איינער, — און בינו לבינו גיט זי דעם בחורל אַ קלעפּל איבערן אַקסל: — הער אים נישט. ער טרייבט קאַטאָוועס. פלוידערוואַסער האָט ער אויסגעטרונקען און דאָס רעדט אַרויס פון אים. שעם זיך ליבערשט, — מוסרט יעוודאָקיאָ דעם מאַן. וואָס ווילסטו ערשט ווען דו האָסט שוין אַרויסגעלאָזט אַלע האָזן פון דער קליאַטקע? פּילסט זיך ווי אַ מאַלטשישקאַ ***). נו, גענוג פאַר דיר! און צו קאַליאַן: — און דו שרעק זיך ווינציקער פאַר אונדזער וואַלד מיט זיינע חיות. ר׳איז זייער אַלט, האָט מען אים שוין אָפּגעשונדן די פעל. און ר׳האָט נישט מיט וואָס צו בייסן. פאַראַן נאָר דאָס איבערבלייבעכץ וואָס איז אָרעם און נאַקעט. פון „אָכאָטע" ****) האָט אונדזער געגנט שוין

*) דאָס הילצערנע הענטל פון אַ האַק, אַ האַמער; **) אַ ווילדע חיה; ***) אַ יינגעלע; ****) יאַגד אויף חיות.

גאָר פאַרגעסן. שפּעטער־צו וועסטו מער זיך דערוויסן און צו אַלץ זיך צוגעוווינען. איכ׳ל טאַקע אויסגיסן וואַקס און דיך אַריבערפירן איבער דעם. ווי רויִק וועט דער פּחד אַוועק! גיך וועט דער איבערשרעק דיינער אויסוועפּן. אמת, אין וואַלד קאָן מען זיך אַ מאָל נאָך איבערשרעקן פון דער שטילקייט אָדער פון אַ פּלוצלינגן רויש אין די צווייגן, ווען סע גענענט אַ שטורעם. אָבער נישטאָ קיין סכּנות פון אַ דזשיק. האַלט זיך ווי אַ מאַנצביל, קאַליאַ, הער זיך נישט צו צו די קאַטאַוועסן פונעם בעל־הבית. דו, פּאַפּינקע, האַרכסט וואָס איך זאָג? געגוג מיט דיינע קינדערשע שטיק. ס׳פּאַסט פאַר אַנדריושקאַן. אָבער אַנופרי הערט נישט אויף זיך שוימען פון געלעכטער דעם ווייב אין פּנים אַריין מיט באַשיימפּערלעכער הנאה פון זיין שקאַצישקייט:

— מיט וואַקס וועסטו פאַרטרייבן די דזשיקעס, זיי זאָלן מער נישט דערשרעקן דעם בחורעץ? און אַז אַנדריושאַ וועט זיך צעוויינען פון דיין גרויסן אויפטו, וואָס וועסטו טענהן, מאַמינקע! וועסט אויסגיסן וואַקס און ס׳וועט אַרויסקומען אַ פאַרעמבע מיט שוואַרצע קאַרטשעס — וואָס דעמאָלט, פעלדשעריצע? וועסט קיצלען די פּליי הלמאַי זיי בייסן די פּעל פון די שעפּסן? נעם זיך אונטער ליבערשט צו פאַרטרייבן די יינגלשע צעקראַכנקייט קאַליאַס! נו, נו, ער׳ט זיך שוין אויסניכטערן, אַ קאַפּיטשקע צייט וועט עס טון.

— הער אים נישט, — נעמט יעוודאָקיאַ אַריין קאַליאַס פּנים אין אירעביידע דלאָניעס און קערט אים אָפּ פונעם מאַנס זייט: — ר׳האָט פאַר־געניגן צו רייצן זיך, דער בעל־הבית. דער שד פון חוזק פּאַקט אים אָן ביים גאַרגל. איצטער טומלט ער ווי אַן איינגעמידטע פאַזשאַרנע טראָמפּייט. שפּעטער וועסטו מוזן זיך רירן ס׳האַרץ ער זאָל אַרויסברענגען אַ וואָרט, דער פּאַפּינקע. באַלד נעמט ער איין שטומעניש. האָב נישט פאַראיבל פאַר זיינע שקאַצישע רייד.

קאַליאַ איז געשטאַנען מיט אַ צוגעוואַקסענער צונג צום גומען.

יעוודאָקיאַ האָט קיין וואַקס נישט אויסגעגאָסן קעגן קאַליאַס דערשרעק; זי האָט אים אויך נישט אַריבערגעפירט איבער אַ בעזעם ווי באַבעס זענען זיך נוהג בעת אַזאַ געשען. אַנופרי איז ווידער אַריין אין זיין באַשטענדיקן ערנסט: געאַרבעט אין פירהויז אויף זיינע שליטנס, שווייגנדיק זיך איינ־געהאָרכט צום דינעם געפּייף פון אייגענעם טעסען ס׳געהילץ מיט זיין קאָסע, אויך צום ציקנדיקן שניצן מיט מעסער און דלאָטע ווי צום פרייכן פון זיין ברוסט מחמת שטאַרקער אַריינגעטוענקייט אין דער מלאכה.

ווען אָוונט איז צוגעפאַלן, האָט אַנופרי שטילינקע אַריבערגעטראָגן די

שאָטנפלעקיקע שיין פונעם פירהויז אין דער וואַרעמער איזבע, ווו עס איז שוין געווען אויסגעשפּרייט די צייטלעכע ווינטערנאַכט. אַריינגעקומען דער בעל־הבית, האָבן באַלד אויפגעטויכט גוט אָנזעעוודיקע ליכטלאַטעס סיי אויף די ווענט סיי אויף די בעלקעס פון דער סטעליע. די לאָמפּ וואָס געהאַט אָנגעצונדן נאָך אין פירהויז, האָט אַצינד גיך באַשפּרענגט דעם חלל גלייך ער וואָלט פון דער נאַכט אומגעריכט אָנגעטריבן סטייעס ווייסע קראָליקעס וואָס לויפן אין איינע שרעק זוכן אַ באַהעלטעניש פון בייזע יעגערס. און דווקא דעמאָלט האָט ווי פון אַ טומאַנעם געקנויל זיך אויסגעטיילט די געשטאַלט פון יעוודאָקיאַן, אַן איינגעבוקטע איבער דער הענגלוויג. זי האָט שוין פריִער באַוויזן זיצנדיקערהייט כאַפּן אַ דרימל נאָכן טאָג האָרעװאַניע. דערשפּירט מיט אַ מאָל דעם קלאַפּ פון דער ליכטשיין וואָס אָנופּרי האָט אַריינגעבראַכט, האָט דאָס ווייב ראַפּטעם זיך איבערגעוועקט מיט אַן אָפּגעדריקטן שטערן און רויטע פּליאַמעס אויף די באַקן. איר קרעפּקע רירעוודיקייט האָט זיך געלאָשן צו גלייך מיטן פאַרגייענדיקן טאָג. אַ מיד־מאַטע האָט זי אָקערשט נישט געקענט עפענען די אויגן אַנטקעגן דעם אויפגעריסענעם ליכט. דער קאָפּ איז איר ווידער אַראָפּגעפאַלן צו דער ברוסט און די הענט האָבן גענומען מעכאַניש זיך באַוועגן איבער די שטריק פון דער ליולע. טריפנדיק ווי אַ ביימל נאָך אַ זומערשפּריי אין מיטן דער זונשיין, האָט ביי נייס זיך צעבאָלבעט איר לאַנג איינגעשטילט קינדעריש געזאַנגל:

שלי טאַטאַרי
נאַ באַזאַרי.
טשטאָ קופּילי?
— סאַמאָאָ־וואַאַ־אַ־אַ־אַאַרי־י־י־י
קו־קע־רי־קו־ווווו! *)

געזונגען איבערן וויגל, האָט דאָס קליינינקע נייגעריק צעעפנט די אייגעלעך צום אויפגעשוומענעם חלל, אָבער זי, די זינגענדיקע, ווערט פאַוואָלינקע שטיל: קאָפּ, קאַפּ־קאַפּ און ווידער אַנטדרימלט. פאַרוועבט אין דער זשומענדיקער שטילקייט, נעמט אַנדריושקעלע זיך שפּילן מיט די אייגענע הענטלעך. דערזען דעם ווייבס פלוצלינגדיק אַנטשוויגן ווערן, האָט אָנופּרי, גלייך ער וואָלט זיך געהויבן אויף די שפּיצפינגער, גענומען זי וועקן און

*) זענען געגאַנגען די טאַטערס / איבער די מערק. / וואָס האָבן זיי געקויפט? / סאַמאָווארן. — קוקעריקו!

אַליין, אויטאָמאַטיש, באַוועגט די ליולע. אמת, דער אויפדערנאַכט האָט שוין מידיקלעך געשפּאַרט איך אויף אים. יעוודאָקיִאַ האָט ערשט דעמאָלט פּויל זיך אויסגעלענגערט און אומגעריכט, ווי אַ פריש אויפגעוואַכטע, זיך געלאָזט הערן מיטן געקלימפּער צווישן געפעס. וואָרן גראָד זיך דערמאָנט אַז ז׳ט נאָך נישט געגרייט דאָס נאַכטמאָל. דער אָוונט האָט טאַקע גענומען וואַכיק צעפּעפּענען די וויִעס און אויך דער בעל־הבית האָט ביי נייס אויפ־געלעבט. אָבער די דרויסנדיקע טריבקייט וואָס האָט מיט רוגזה געפּרוווט זיך אַריינשפּאַרן דורכן פענצטער, דורך דער מיט שמאַטעס אַנגעפּעלצטער טיר — דעם גאַנצן אומהיימלעכן, אָוונטלעכן ווינטער האָט ער, שוין ביים טיש, געטריבן מיט זיין אַפּעטיטלעכן עסן און האַפּערדיקן רעדן. און גערעדט האָט אָנופרי אַז אַלע זאָלן אים הערן, קוקן אין זיין זייט; אַלע, אַפילו די ווענט מיט די בעלקעס און ס׳פּירהענגל פאַרן פענצטער. יאָ, דער באַנדער האָט תּמיד עפּעס צו דערציילן, ס׳דערמאָנען זיך אים אַ סך געשעענישן. אָבער אַנומלט האָט ער, רעדנדיק, געשונדן דעם גליוועך פונעם הויז וואָס איז אין דער טריפנדיקער שיין אַוועק אין זיינע אייגענע פאַרפלאָסענע יאָרן ווי צו די לייט די טשיקאַווע און אויסטערלישע; דערציילט, און אין מיטן־דערינען האָט אויפגעפלאַצט אַ פענכער געלעכטער, אַזש קאַליאַ האָט פאַר־נאַנדערגעפראַלט די אויגן: באמת אויסטערלישע געווען טייל פון די וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די דאָזיקע קאַנטן. אַן אַנדערש מאָל, ביי וועטשערע, האָט אָנופרין אַפילו אָנגעגלוסט צו צעקייען קאַליאַס אַנומלטיקע וואַלד־שרעק און ניילעך געלאָזט הערן זיין הויל לאַכן:

— כיע, כיע־כיעכיעעע! בעזעמער גייען אַרום אין וואַלד, באַרדיקע בעזעמער האָב איך ערשט אין וואַלד, און דו? — האָט ער זיך געווענדט צום ווייב און ווידער געכיכעט: כיע, כיעכיעעע!

— שוין? יעוודאָקיִאַ האָט שיִער נישט הויך אַרויסגעלאַכט אויף דער דאָזיקער דערמאָנונג, אָבער זי האָט אויפן מאַן אָנגעשטעלט אַ כלומרשט בייזע מינע, וואָרן (דאָס האָט זי נאָר אָנגעוווּנקען) דער בחור פאַרשעמט זיך הלמאַי מ׳קען נאָך נישט פאַרגעסן זיין אַנומלטיקע שטרויכלונג. „הער, הער", — האָט קלמן בעת־מעשה זיך געביסן די ליפּן און יעדער שלונג וואָס איז אים אַראָפּ אין דער קעל, האָט אַ כליופּע געטאָן אין זיין אייגענעם געהער.

— נו, נו, ניטשעהאָ, קאַליאַ. כ׳בין דיר אַן אמתער פריינד. סתּם אַ קאַטאָוועסל זיך פאַרגלוסט. דער נאַר טוט אַ שטויס, פאַרשטייסט? ווייל ס׳איז אומעטיק, אויב נישט די אַרבעט, בלייבט זיך צו דערהרגענען פון

לאַנגוויל. לאָך אויך אַ ביסל, בחורעץ! — און געגומען לאַשטשען קאַליאַן אין באַשיימפּערלעכער חרטה אויף דעם וואָס ער האָט אַנגערירט זיין האָנער. שפּעטער האָט דער באַנדער שוין טאַטיש מדריך־געווען דעם בחור׳ל אין הלכות וואַלד, אַריינגעפירט אים אין די סודות פון דער געגנט וואָס איז אין קאַליאַס אויגן געשטאַנען אַן אַפגעוואָרפענע אין אַ פוסטלעכן עק־וועלט. „מעגסט עס וויסן, קאַליאַ. ס׳וועט דיר זיין אַ רפואה אויף אַן אַנדערש מאָל״ — — און די אָוונטן זענען אַוועק אונטער דער שיין פון וויטן געשען אין די וואַלד־געדיכטעניש אין לודוויקאָווער קאַנט. אַפילו פון אויסטראַכטענישן האָבן זיך שטאַרק קאָלאַרירט די זאַכן, וועלכע זענען אין גלוסטונג אַרויסגעהויבן געוואָרן אין די געשיכטעס וואָס דער באַנדער האָט דערציילט, כאָטש זיי האָבן דערמאָנט אויך וואָרע פּלאָגן און סכנות. ס׳האָט געטראָפן: אַ צוויי הונדערט מאַנצבילן האָט מען אַרויסגעצויגן אין וואַלד אַריין. שררות, תּאוותדיקע פּרעסערס און זויפערס, האָבן זיי גערונגען צו באַגינציקן זייער געיעג אויף געווילד וואָס הויערט אין די טונקלענישן פון די אין שניי פאַרבאַבלטע אַלטע פירשטלעכע וועלדער. ס׳זענען גראָד געשטאַנען קנאַקעדיקע פרעסט אַזש די מאַכטיקעביימער האָבן געפּלאַצט פון דער קעלט. מיט דובינעס, קאָסעס, שאַרפע ווידלעס און אויך ביקסן זענען אַלע פויערים געשטאַנען ווי אַ לעבעדיקע קייט, געהיט די דזשיקעס, די וועלף און בערן אַז זיי זאָלן נישט קענען זיך צעלויפן. צו ערשט האָט מען זיי אַרויסגעטריבן פון די נאָרעס, אויך גערייצט מיט צעיושעטע גרויסע הינט וואָס האָבן געהודזשעט, געבילט. ווי אַ דורכזעעוודיקער טומאַן האָט אין וואַלד זיך געשטעלט אַן אימהדיקע ברומעניש און אַ ריטשען פון די צעשראָקענע חיות, געטריבענע מיט ביקסנפייער און שפּיזן. איבער די אויפגעזאַמלטע לייט האָט אין וואַלד זיך צעקייקלט אַ שיכור דונערן מתּוך אַן אמתן נעפל פון צעשטויבטע גרודעס ערד און צעשפּרונגענע שטיקער אייז מיט שניי, גלייך עס וואָלט געפאַלן אַן אומגעריכטער שווערער האָגל. דער הייסער רעש צווישן צעיאַכמערטן מענטש און דער געיאָגטער, פאַר־ווונדיקטער חיה, האָט אויפגעטרייסלט דעם וואַלד וואָס איז געשטאַנען פאַרטראַכט אין זיין טיף־פאַרוואָרצלטער צעוואַקסנקייט. לסוף האָט זיך איינגעשטילט דער שטורעם איבערן געווילד, די יעגערהינט האָבן אויפ־געהערט בילן, קנורן, רופן די בעלי־בתּים, באשר דאָ און דאָרט ליגן געפאַלענע וועלף, בערן און אויך האָזן צו וועלכע זיי האָבן געגלוסט, אָבער זיי איז געוועזן פאַרזאָגט: „ניע רוש״ *)? די פויערים וואָס האָבן ווי אַ

*) זאָלסט נישט דערוועגן זיך צורירן.

מויער געהאַט פאַרצאַמט דעם וואַלד קעגן דעם אַנטלויף פון די געיאָגטע וועלף און ווילדע חזירים, האָבן דערנאָך זיך פונאַנדערגעשאָטן איבער אַלע ברייטן פון וואַלד און מיט גבורהדיקע הענט און פּלייצעס אויף הויפישע וועגענער אַרויפגעוואָרפן דעם געטייטן געפאַנג כדי אָפּצופירן אים אין ראַדזיווילישן פּאַליי. די כלאָפּעס האָבן דענצמאָל געקראָגן אָפּצועסן אַ רייכן מאָלצייט מיט פלייש און אָקעוויט און זיך צוריקגעקערט אין די כאַטעס אויך מיט עטלעכע דוקאַטן.

לאַנג האָט ס׳פּויערימוואַרג נישט געקענט זיך אָפּלויבן פון דער שרהשער אַנטיפּעריזע צו לאָזן זיך אויפן געווילד אין דער סאַמע שאַרפסטער קרירה. ווייל אַחוץ די דוקאַטן וואָס געקראָגן, האָבן די פּריצים אַרויסגעלאָזט*) פון די פאַרהוילענע יאַמעס אויך די ווילדע חזירים וואָס פלעגן זומערצייט, ווען די פעלדער און גערטנער האָבן געצייטיקט מיט תבואה, מיט קאַרטאָפל, בורעקעס און קירבעס, אין די נעכט פאַרציקן זייער גאַנצע פּראַצע. די מערסטע פּויערישע משפּחות זענען אַזוי אַרום געווען אויסגעשטעלט אויף הונגערנויט פאַר אַ גאַנץ יאָר. אין די קאַיאָרן פלעגן די פּויערטעס אין אומרו אַרויסגיין אַ קוק טאָן ווי ס׳זעט אויס זייער פעלד; דערזען דעם בראָך האָבן זיי אויפגעהויבן אַ יללה, צו וועלכער סע זענען צוגעשטאַנען אויך די קינדער און זקנים. זייער געיאָמער האָט זיך געטראָגן ווי אַן אומגעריכטער זומערשטורעם וואָס פאַרדאַרבט די שפּייז פון אַ סך געזינדן פאַר אַ לאַנגן פיינלעכן יאָר. זינט ווייטע צייטן האָבן ווילדע חזירים זיך אַריינגענאַדיעט אין דעם קאַנט און אַלע מאָל צעפרעסן די פּרוכט פון דער פּויערישער מי. און האָבן די לייט מיט כלאָפּסקער איינגעשפּאַרטקייט געגומען אַליין אויסראָטן דאָס סכנותדיקע געווילד, פלעגן פאַלן קרבנות צווישן די לייט. סטייעס חזירים האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די פּויערים און מיט גרויליקן געקוויטש זיי צעטריי־בערט מיט די רייסציין. די יללה האָט דעמאָלט זיך פאַרכפּלט: סיי ס׳האָט זיך מערער אַריינגעביסן די נויט אין די כאַטעס און סיי ס׳האָט געשניטן דאָס האַרץ למאי גאַנצע משפּחות זענען געבליבן פאַריתומט נאָך זייערע שפּייזערס.

זינט יאָרן מיט יאָרן האָבן אָנגעהאַלטן די פאַרדאַרבערישע בייגאַכטיקע אָנלויפן פון די ווילדע חזירים. זיי האָבן בדיל הדל געשטעלט די האָרע־פּאַשנע לייט וואָס זיצן אויף חלקים געירשנטער ערד, אויסגעקאַרטשעטע

---

*) פאַרטיליקט.

פון די געוועזענע וועלדער. פאַרצווייפלטע פון די גזלעוואַיעס מצד די שוין „איינגעהיימישטע" פּרעסערישע ברואים, האָבן די פּויערים שוין נישט געוואוסט וואָס אָנצוהייבן פון דאָס ניי: אַוועקגיין אין אַן אַנדער אָרט איז געוועזן אומהיימלעך שווער, ווייל שוין אויסגענאַגט געווען ביי זיי אַלע מאַרכן פון די ביינער. די ווייבער האָבן תמיד געאַכצט, קינדער האָבן געוויינט פון הונגער, מחמת די חיות האָבן תמיד אַלץ צעפרעסן, די לאַנגע תבואה צעראַיעט ווי באַלד זיי זענען אויפגעגאַנגען אין יונגן גרין; אַפילו די פריש פאַרזייטע זוימען האָבן זיי געפּטרט. די דחקות האָט געשריגן אויף קולי־קולות. איין מאָל, נאָך אַ צונויפשמועס צווישן שכנישע כוטערס און דערפער, האָבן די פּויערים אָפּגעמאַכט אַרויסצוגיין אין אַ גרויסער מחנה אויף מלחמה מיט דעם געווילד. ס'פאָלק האָט זיך צעיאַכמערט ביים טרייבן די חיות וואָס האָבן שוין געהאַט צעפרעסן דעם נייעם פאַרזיי. אַ קייט פון מאַנצבילן האָט אַרומגעצאַמט די געיאָגטע חיות, זיי באַגעגנט מיט שפּיציקע קאָסעס, געשטאָכן מיט געשליפענע ווידלעס, געשניטן מיט העק. כאָטש זייער פעל איז שטיינהאַרט, האָבן די געטריבענע חזירים כאַרכלענדיק שאַרף זיך צעריטשעט ווען די פּויערישע כלי־זיין האָבן זיי פאַרוווּנדיקט. דער געקוויטש און רעש איבערן וואַלד האָט זיך אויפגעהויבן ווי אַ מוטנער שטויב. די מלחמה פון פּויער מיט דער חיה־רעה האָט לפּנים געהאַט אַ פעולה, אָבער נישט אויף לאַנג. נאָכן הייסן צעיאַכמערן זיך, איז אויף אַ שטיקל צייט געבליבן פלייש צו עסן פון די געבענדיקטע חזירים; אויך די פעלן האָבן געבראַכט אַ ביסל ריווח פון די שטאָטישע הענדלערס. אַנדערע האָבן אַליין אויסגעגאַרבט די לעדערס, אַוועקגעטראָגן צום לודווי־קאָווער שוסטער ר'זאַל פאַר זיי נייען כאָליעוועס צו שטיוול, ווייל קיין האַרטע לעדער האָט פון דעם חזיר־פעל נישט געקענט זיין.

ס'איז געווען אַ סך נאָכצודערציילן פון יענעם פּויערישן געיעג נאָך דעם געווילד. אָבער קורץ נאָך דעם, האָבן די חזירים ווידער באַוויזן צו צעפרעסן די פעלדער מיטן ניי־פאַרזיי. און פאַרנעמט זיך אַ פּויער מיט אַ קאָסע אויף אַזאַ חיה גראָד ווען זי צעראַיעט זיינע בייטן, פאַלט אַן דער חזיר אויפן מענטש מיט אַזאַ נקמה־ברען אַז ס'איז נישט שכיח ניצול צו ווערן פון זיינע רייסציין. אַזוי גייך און שאַרף איז די חיה. אָ, אָ־אָאָ, די חזירים — דאָס איז אַ פּלאָג וואָס איז ערגער פון די טכויערס, וועלכע דערשטיקן די עופות אין שטאַל מיטן בלויזן געשטאַנק. דערנאָך גראָבן זיי זיך אונטער און שלעפּן אַרויס זייערע קרבנות. אַ טכויר, אַפילו אַ וואָלף, וואָס קען פאַרוואַרפן אַ קאַלב אויף זיין רוקן און מיט אים אַנטלויפן,

איז נישט אַזאַ צרה. אַ וואָלף קען מע אויך פאַרטרייבן מיט אַ פייערפלאַם, אָלאָ אַ ווילד־חזיר פאַרשטייט זיך קנאַפּ אויף אַזעלכע אימהס. אָ, אַאַאַ, מיט אַ חזיר האָט אַ מאָל געטראָפן אַזאַ געשיכטע: דער ווייסער וואַסיל, אַ שכן פון אַ ווייטלעכן כוטער, האָט אומוויליק פאַרטשעפּעט אַן אַנטדרימלטן ווילדן חזיר; ר׳האָט מיטן אויג אים נישט דערכאַפּט צווישן די וואַלד־קוסטעס וואָס וואַקסן שטאַרק געדיכט און דווקא דורך זיי האָט ער באַדאַרפט זיך דורכשפּאַרן אין זיין וועג אַהיים צו. די חיה האָט פּלוצלינג זיך אַ ריס געטון אויף אים מיט אַ בייזן געקוויטש ווי אַן אָפּגעבריטע, אָבער וואַסיל איז, צום גליק, גיכער געלאָפן ווי דער פירפיסיקער. די סכנה וואָלט וואַסילן נישט אויסגעמיטן אויב ר׳וואָלט אין דער סאַמע לעצטער מינוט זיך נישט אַרויפגעדראַפּעט אויף אַ הויכן שטאַרקן בוים. שיער־שיער וואָלט די חיה זיך איינגעביסן אין זיין פוס און ר׳וואָלט אַראָפּגעפאַלן, אָלאָ דער חזיר איז אָלץ איינס נישט אָפּגעטראָטן, ווי לאַנג ר׳האָט געשפּירט אַ מעגלעכן גוטן ביסן הענגען איבער זיין צעהיצטן קאָפּ. דאָס שטיק געווילד האָט מיט פלייס זיך אַנגעהויקערט אַרום בוים און מיט זיינע פיסנעגל גענומען אים אונטערגראָבן, דעם טיף אין דער ערד אַריינגעוואַקסענעם גיגאַנט מיטן ברייטן וואָרצל־געפלעכט. מיט האַרצקלאַפּעניש האָט וואַסיל אויבן זיך געקלאַמערט אין דעם בוימטונקל צו די פעסטע צווייגן און דער דזשיק האָט אייפעריק געגראָבן אונטן. דער דזשיק האָט צייט. די חיה האָט אַ סך געדולד און אַ שטאַרקייט אין די שאַרפע שמאָלע קאָפּיטעס ווי אין די רייסציין. דעם בידנעם מענטש האָט געטרייסלט אַ פינצטערע אימה מחמת ר׳האָט שוין בפירוש דערשפּירט ווי די חיה־רעה גראָבט זיך צו אים אָלץ נעענטער, נענטער, זי רייסט און בייסט שטיקער פון די וואָרצלען. דערוויייל האָט אויך דער הונגער געכאַפּט דעם ווייסן וואַסיל. ס׳האָבן זיך צעבורטשעט זיינע געדערעם, אָבער די חיה נורעט פלייסיק די מאָרדע און די פיס אַרום בוים; זי דערגייט טיפער, טיף צו די קאָרעניעס, בייסט זיי און „טראַכט אַפּנים” נישט אָפּצוטרעטן ביז זי וועט אים דערגרייכן. די בעסטיע איז, ווייזט אויס, שוין גאָר זשעדנע דעם פרעס וואָס איר חלומט זיך און האַס־טיקער, מיט געאייל, געריסן די בוימוואָרצלען וואָס איבער זיי, אין הויכן געצווייג, וואָרט אויף איר אַ געשמאַקער ביסן. ס׳איז אָבער באַשערט גע־וואָרן אַ טשודאָ דעם מבולבלן וואַסיל. אומגעריכט האָט אַנגעהויבן שטאַרק בליצן, באַלד האָבן גענידערט העפטיקע, שווערע דונערס און אַ גאַסרעגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן מיט אַ האַסטיקייט, אַזש דאָס געווילד צופוסנס דעם בוים, ווו וואַסיל איז געזעסן אַ דערציטערטער, האָט זיך אויף טויט דער־

שראָקן; ס׳האָט זיך צעצאַפּלט פון מורא מער ווי דער מענטש, וועלכער האָט שוין געשפּירט ווי די נשמה גייט אים אויס. פון אימה האָט דאָס פאַרעקשנטע געווילד ראַפּטעם זיך אָפּגעריסן פון דעם צעראָיעטן בוים און עוקר געווען. וואַסיל איז שוין געווען פאַרשמאַכט, אֶלאָ דער רעגנשטורעם האָט אים אָפּגעמינטערט. ער האָט שוין קוים זיך געהאַלטן מיטן אָרעם אָן אַ צווייג, פון אים פאַוואָליע זיך אַראָפּגעגליטשט מיטן הונגעריק פאַרטשאַדעטן קאָפּ. דער האַסטיקער רעגן האָט אים דעמאָלט מער צעוועקט און דערזען זיך באַפרייט פון דעם געווילד וואָס האָט אויף אים געטשאַטעוועט. היות עס איז שוין געווען צוגעפאַלן די טונקל־שעה, האָט ער — אויף צו דערמינטערן זיך פון שמאַך, געגעבן זיך אַ קלאַפּ מיט דער פויסט אין שטערן, צו זען צי ער לעבט נאָך. אָפּגעשפּירט די אברים פאַרהילציקטע פון לאַנגן זיצן אויפן משקולת, האָט וואַסיל פאַמעלעכקע גענומען זיך ביכטערן. ביי נייס האָבן דונערס מגושמדיק שווער גענידערט, געפּלאַצט ערגעץ, די בליצן האָבן צעטרייסלט די וואַלד־פינצטערניש, ווי מיט מעסער־שאַרפן זי צעפּאַלמעסט מיט פייער, ווען דאָס געווילד צעלויפט זיך אין טויטשרעק אין די נאָרעס אַריין; דעמאָלט האָט דער אָרעמער וואַסיל, אַ שיכּורער פון אָפּגעשוואַכטקייט, גענומען טאַפּן פאַר זיך אַ וועג פאָרויס. פון דעם שיינדל קלאָרקייט וואָס האָט זיך נאָך געבאָמבלט אין זיין זינען, האָט ער פאַוואָליע צוריק געוווּנען די האַרטקייט אונטער די פיס און קוים־קוים, שוין אויף דער נאַכט, זיך דערשלאָגן צו זיין כוטער. אָך, ווי ער האָט דערנאָך מורא געהאַט אַריינצושטעלן אַ פוס אין וואַלד! און אַלץ איבער איין ווילדן חזיר וואָס האָט אין זיין שאַרבן שוין געהאַט שטעקן אַ שפּיז וואָס אַ יעגער האָט אים פאַרפאָרן אויפן ריכטיקן אָרט. ס׳האָט אים נישט ווינציק ווי געטון; ער׳ט שטאַרק געריטשעט, דאָס ווילדע באַשעפעניש, אָבער דער רייך נאָך אַ קרבן האָט אים דאָך נישט אָפּגעלאָזן. וואַסילן איז געשען דער נס מיט די פלוצלינגע בליצן און דונערס. ס׳איז געווען, כ׳לעבן, אַ גאָטס וווּנדער. פרעג דערפון יעוודאָקיאַן — דאַרפסט ווייט נישט גיין צו איר — זי קען נאָך עפּעס געבן צושטייער צום דאָזיקן געדענקען. דער קאָפּ, מיינסטו, קען לאַנג אויסטראָגן אַלע פּיטשעווקעס פון אַזאַ געשעעניש וואָס לאָזט זיך עפּעס נישט גלייבן?

פאַרן שלאָפנגיין, בעתן אָפּוויקלען די ליינענע אָניטשעס, האָט אָגופּרי נאָך געקנעלט מיטן בחורל מכּוח דעם וואָס עס מיינט דער וואַלד, אַז מ׳מוז וויסן אויך זיינע „שטיק” וואָס ר׳קען פאַרגרייטן אין זיינע טונקלענישן און פאַרפּלאָנטערטע שטעגן. — האָ, האָ, אַ וואַלד איז דיר נישט אויפּ־

צועסן אַ ברויט מיט קאָלבאַס, ער קען באַוויזן כּלערליי קאַפּריזן און אַפּטון להכעיסן. אין זיינע געדיכטטעניִשן באַהאַלט ער אויס בלוטדאָרשטיקע גזלנים; חשודע לייט קענען אין וואַלד אונטער דער ערד צעבויען סודותדיקע קאַמערן פאַר שפּיאָנען. יאָ, אויך אַזוינס איז מעגלעך. וואָרן היינטיקע צייטן זענען מלוכות שטאַרק אויפגערייצט איינע קעגן דער אַנדערער, מ׳זוכט נאָר אונ־טערצושטעלן אַ פּיסל דעם שכן אַז ער זאָל ברעכן רוק און לענד. ערשט ווו האַסטו די זיכערקייט אַז גאָט אין הימל זאָל נישט דערצערנט ווערן אויף דער מיאוסער באַלעבאַטישקייט פון די מענטשן און מיט אַ בליק אָנצינדן אַ גרויסן וואַלד אַז ער זאָל ברענען, פלאַקערן וואָכן דורכאַנאַנד, טאָג און נאַכט ברענען און ס׳זאָל נישט מעגלעך זיין אים צו דערלעשן. מוראדיק איז אַ שרפה אין אַ וואַלד וואָס ליגט צווישן גרענעצן פון שכנים וואָס האָבן זיך גאָר, גאָאָאָר ני־יי־שט ליב! דאָס, בחורעץ מיינער, דאַרף מען אויכעט באַנעמען — האָט דער באַנדער כּלאחר־יד אַריינגעוואָרפן אין די רייד וואָס האָבן נאַכטיש זיך געשפּונען אין דער קאַמער וואָס האָט אַקערשט זיך געהאַלטן ווי אויף אַ תּהום פון דער שווימענדיקער פינצטער־ניש. — ס׳איז אַ ליבשאַפט ווי צווישן פייער און וואַסער. פאַר דאָס איז נייטיק גוט זיך אויסצוקענען אין וואַלד, בפרט זיך צו דערקענען אויף אונדזער וואַלד. מ׳קאָן גרינג פאַרבלאָנדזשען און — נאָך ערגער. איין געשטרויכלטער טריט קען באַטרעפן גאָר טייער. כ׳מיין, דו פאַרשטייסט מיך. דאָ לעבט זיך טאָקע רויִק, אָבער מ׳מוז וויסן ווי אַזוי צו גיין אין וואַלד אַריין און זיך אויסקענען אויף זיינע שטעגן. שוין יאָרן לעבט זיך דאָ אין מנוחה; נישט אין רייכקייט, מיט מוזיקע און פריילעכקייט. ס׳איז אַ ראַזעוואַנע זאַטקייט מיט גוטער לופט. סיידן מ׳זאָל נאָך דערמאָנען, אַז ס׳קומט אויס אַ מאָל אום ווינטער, אין מיטן נאַכט אַרויסגיין פון כאַטע מיט אַ פייערפלאַקער פאַרטרייבן אַ סטייע וועלף וואָס קומען אין כוטער שטילן דעם הונגער. פאַר פייער אַנטלויפן זיי גיכער ווי פאַרן געקנאַל פון אַ ביקס. אַרום און אַרום זענען דאָ באַזעצט טויזנטער לייט וואָס לעבן נישט נאָר פון געהילץ, גייערט אויך פון פוטערס, לעדער, האָפּן און טאָקע אויך פון ברויט. מ׳פאַר־אַקערט שטיקער פעלד, מ׳פאַרזייט און מע נעמט אַראָפּ די פּרוכט פון דער אָפּגעטועגער אַרבעט. דער עיקר איז אָבער נאָך אַלץ דער וואַלד. פון אים דערנערן זיך די בראַקערס, די לייט וואָס קענען זיך אויס וואָסערעביימער מ׳דאַרף לייגן. אין זייערע שריט גייען נאָך בריגאַדעס העקערס, פורמאַנעס און אַפילו פליטן־טרייבערס. קאַליענקע, וואַלד איז גאָר אַ וויכטיקער ענין. כ׳באַדאַרף נאָר צוטון אַ ביסל קאָפּ צו די אומשטאַנדן וואָס די געגנט

באַרייט אָן פאַרן מענטש. מעגסט שלאָפן רויִק, קאַליאַ, ווי לאַנג אַרום איז שטיל און גאָטס שטראָף אָדער אַ מענטשישע קללה שטרעקט זיך נישט צום וואַלד, — וויל דער באַנדער ווי פאַרענדיקן זיין אָוונטלעכן גערייד, ווען ר׳קריכט אַרונטער אונטער דער קאָלדרע. די שיין פון לאָמפּ האָט ער אַ רגע פריִער פאַרדושעט. אין חלל שטעלט זיך אַ האַרטע פינצטערניש און די מידע גלידער וואָס ציִען זיך אויס פּאַוואָליענקע, באַגערן באַלד די געאָנטע וואַרעמקייט פון ערב־שלאָף. אָבער קאַליאַס בעל־הבית לאָזט זיך ווײַלנוויז נאָך הערן פון חושך אַרויס, אָט מיט אַ כריפּ פון טרוקענעם גאָרגל און אָט גיט אַ שאָרך דאָס הילצערנע בעט אונטערן גוף וואָס פּרוווט זיך רעכט איינמאָסטן אויפן געלעגער. אין דער טיפער שטילקייט וואָס הילכט ממש, לאָזט ער זיך נאָך הערן, דער באַנדער, מיט זיין אָטעמען, אַ סימן אַז אים שלאָפט זיך נישט; אינעם חושך וועבט זיך זיין נאָך מיט־אַמאָליקע שטומקייט און עס טראָגט זיך אַלץ דער עכאָ וואָס דריוולט אויס ווי אַ שיטערן געוועב זיינע איבערגעריסענע רייד. לאַנגע שטרעקעס לויפט זיי נאָך די באַרוועסע נאַכט; זי סודעט זיך, די נאַכט, איבער די אויערן־הייטלעך פון דעם וואַכן אָנופרי. אָן אומרו צופּט אים, שטעכט רגעוויז זיינע האַרוואַרצלען. לסוף לאָזט ער אין ממשות ווידער זיך הערן פון דער פינצטערניש אַרויס. און רעדן, רעדט ער שטילינקע, אַבי ס׳זאָל דערגיין צום געהער נאָר פון קאַליאַן, זיין שטומען מיטשמועסער.

— שלאָפסט, בחורל? מעגסט הערן, זאָגט ער שטיל, קוים צו כאַפּן דאָס וויברירן פון קול. — שפּעטער וועט זיך דיר גרינגער שלאָפן. וואָרן וויסן איז אָפט מאָל אַ רפואה.

— איך הער, בעל־הבית, — רופט זיך אָפּ קלמן פון געלעגער אַראָפּ אין געשעפּטש, וואָרן דערצו האָט ער זיך אַרויסגעבויגן פון דעם חושך און זיין שטים גיט אָפּ מיט אַן אָפּהענטיקייט. — ס׳טאַקע וויכטיק צו וויסן; כ׳וויל גערן הערן — כוחט ער זיך צו געוועלטיקן איבער דער שלאַבעריקייט וואָס אים איז גראָד באַפאַלן.

— טאָ געדענק, בחורל, — באַמיט ער זיך מער איינשטילן זיין קול, — ביי אונדז ליגט ערשט דער וואַלד נאָר אויף אַ קורצן מרחק פון כוטער און אויך נישט ווייט פון לודוויקאָווע. דער גרויסער וואַלד וואָס איז געווען דאָ, איז פאַרשוווּנדן. בלויז פּיעניעס שטאַרצן אַרויס פון דער געוועזענער וואַלדערד. דאָ וועלן מוזן אויפקומען סמאָליאַרניעס. אומעטום געשעט אַזוי, ווען דער וואַלד ווערט פאַרטריבן. ברענענדיקע קאַרטשעס וועלן זיך לאָזן הערן מיט רויך, סמאָלע און טערפּענטין. קופּצעס קומען נאָך פון ווי־ווייט

איינהאַנדלען שטיקער וואַלד. זיי וועלן אויך דעם לעצטן איבערבלייב אויס־האַקן. ווי די שפּירהינט לויפן אַרום די לייט. גוטע פאַרדינסטן זוכן זיי. בראַקן טאַקע אַריין אַ סך געלט אין ווילדע פּאַסטראַיקעס מיט קעסלען, טרובעס און קוימענס, אָבער שלעפּן אַרויס דערפון פאַרמעגנס. דערנאָך לאָזן זיי איבער ליידיקע געביידן און שייערס, פאַרברענטע ערד, אויף וועלכער ס׳וועלן שפּעטער אפשר אויפקומען נייע שטעטלעך. איז נישטאָ מער קיין האָפענונג צו ציִען רווחים פון וואַלד אָדער סמאָליאַרניעס. נעמען לייט זוכן ערגעץ־ווו אַנדערע גליקן. דו וויסט נישט ווער, ווען — מ׳נעמט פלוצלינג האַקן, זעגן צי ברענען. טעמפּע עכאָס פאַרגלושען דעם גאַנצן אַרום, אָבער דערנאָך ווערט מוראדיק אומעטיק. גאַל, האַרט, ווי מאַזאָלנע הענט בלייבט שטאַרן די פאַריתומטע ערד וואָס איז מער נישט קיין וואַלד, אויך נישט קיין פעלד פאַר קאָרן אָדער קאַרטאָפל. דער אַלטער ראַדזיוויל האָט אָנגעהויבן לייגן דעם וואַלד וואָס האָט געשווּיבלט מיט די שענסטע דעמבעס, סאָסנעס, אָלכעס, יאָדלעס און נישט ווינציקער מיט סאַמעטענע שוואָמען, מיט יאַגדעס. ערשט די חיות! די ווילדער האָבן אַלעמען געגעבן לעבן.

געווען גרויסער, טיפער וואַלד, האָט דער אָרעמאַן נישט געוווּסט פון קיין בידע. האָזן, רויטע פוקסן, וועווערקעס, האָבן זיך געהאָדעוועט צו מאָל אין טייל כאָטעס. און פאַזאַנעס און קוראָפּאַטוועס האָט דער וואַלד אויס־געוואָרעמט אין זיינע אינגעווייִדן. זענען געקומען סוחרים פון דער ווייט און קיין מאָל נישט אַוועק מיט ליידיקע הענט. דער אַלטער כראַביע האָט גענומען שניידן דעם וואַלד וואָס האָט זיך געכאָוועט אַריבער דריי הונדערט יאָר; די אָ מיאוסע זאַך פאַרענדיקן ערשט זיינע אייניקלעך. דער קאַנט ווערט נאַקעט און ממילא אַרויסגעשטעלט אויף די זשעדנע, שפּיציקע אויגן פונעם שונא אויף יענער זייט גרענעץ. מיט דער פּינע און מיטן ניעמען ווערט דער וואַלד אָוועקגעטריבן צו ווייטע לענדער. וואַלד גייט אַוועק אויך מיט דער ווייסל. אַרום לודוויקאָווע איז כמעט שוין נישטאָ קיין רעכטער חלק וואַלד. ס׳זעט אויס ווי מ׳וואָלט דעם קאַנט פאַוואָליע אויסגעטון סיי דעם שפּענצער סיי די פלודערן. ר׳איז געבליבן מוטערנאַקעט, נישט צו קענען פאַרהוילן די שאַנד, אַפילו נישט צו שיצן זיך קעגן שטורעמס, כליאַפּרעגנס און קעלטן. קלעצק האָט נאָך וואַלד וואָס פאַרלויפט אַזש צו יענער זייט גרענעץ, טיף אין האַלדז אַריין פון שונא. אָבער דאָ איז מער נישטאָ קיין סכנות פאַר ווילדע חיות; די סכנה איז נאָר אין דער מיאוסער נאַקעטקייט וואָס עס איז געבליבן נאָכן באַגזלטן וואַלד. פונקט ווי מיר שרעקן זיך שוין נישט פאַר די חיות, ווייל זיי האָבן ווייט אַוועקגעבלאָנדזשעט, אַזוי

שרעקן זיי זיך דאָ פאַרן מענטש, אויב אַ חיה פאַרבלאָנקעט אַהער־צו. ביי אונדז האָט דאָס געווילד מער נישט ווו צו נעסטיקן. פאַר אַזוינס איז געבליבן נאָר מיזעריע. אַ מאָל קאָן זיך נאָך באַווייזן אַ בלודנע באַשעפעניש. די וואָס זענען געבליבן לעבן, נאָכן פאַרפּטרן דעם וואַלד, זענען אַוועק ווי אונטערגעשאָסענע אין אַנדערע וואַלד־געדיכטעניישן. בעת די גרויסע קרירות קען זיך אַהער יאָוועון אַ פוקסיכע וואָס קאָן שוין אַ סך נישט לויפן. ביי נאַכט נאָדיעט זי זיך אַריין אין אַ שטאָל כאַפּן אַ הון, דערוואָרגן אַ קראָליק און טראָגט זיי אַוועק. אַנומלט ביסטו נישט ווייט פאַרקראָכן אין וואַלד, ווייל האָסט זיך צוריקגעקערט אין רעכטן מיטן טאָג, כאָטש די טעג זענען שוין אַזוי גרויס ווי אַ פוילישער גראָשן. וואָלטסטו געווען איינגעשניטן טיף אין וואַלד, וואָלטסטו שוין געמוזט, צוליב דער פינצטערניש, זיך באַהאַלטן אויף אַ בוים, אַזוי איבערנעכטיקן און פרירן, אָבער נישט טאָרן איינדרימלען פון מידקייט. צו מאָל נישט זיך אַ ריר טאָן ביז גרויסער טאָג וועט אָנשפּאַרן. וואָלסט אויך נישט געטאָרט אַ שנאָרך טאָן, באָזשע ספּאַסאַי *) פאַר אַזוינס: מ׳טאָר זיך נישט פאַרגעסן אויף אַן אויגנבליק. אַ ווילדער חזיר איז גאָר פאַרעקשנט אויב ער דערשפּירט אַזאַ פרישן ביסן. אַריינצובייסן זיך אין אַ מענטש איז ביי אים ווי אַראָפּשלינגען אַ שטיקל קאָלבאַסע. מיט זייערע גאָפּלציינער קענען די אַ ווילדע חיות צערייסן־צעבייסן אַ וועלט ממש, נישט נאָר אונטערגראָבן אַ שטאַרקן דעמב. אָבי אין זיי צעבערענט זיך נאָר דער געלוסט צו לעבעדיקן פלייש. ביזן ביין צעכרוקען זיי דעם קרבן. וועלף קענען דען זיך נישט דערביוֹוען צו אַ מענטש, ווען זיי דערשפּירן אים, אַז ביי אַ גייענדיקן פערד בייסן זיי דורך דעם גאָרגל, אָבי זיי דערשפּרינגען נאָר צו אים; מיט אַ דערשטיקטן קאָלב דערשלעפּט זיך דער וואָלף גיך אין נאָרע אַריין און לאָזט נישט פון אים קיין ביינדל. אַ שעפּס איז ביי אַ וואָלף קיי און שפּיי. זיי פאַרשלעפּן גאַנצע סטאַדעס שעפּסן. די וועלף גייען דאָך אין מחנות אויף רויב. די קונצשטיק באַווייזן זיי נישט זעלטן. שוין מיטן פאַכען מיט די ווידלען אין די שפּאַרעס פון די שטאַלן טוען זיי ס׳זייעריקע. פון שרעק וואַרפן זיך די שעפּסן איינע אויף די אַנדערע און אין אימה דערשטיקן זיי זיך. דערנאָך דערגראָבן זיך די חיות אין די שטאַלן אַריין און טראָגן אַוועק די שעפּסן. אָבער דו שרעק זיך נישט, קאָליאַ. דאַרפסט נאָר געדענקען אַז וואַלד איז אַלע מאָל אַ פאַסטקע פאַרן מענטש.

— כ׳בין טאַקע נישט קיין וויסער אין די זאַכן, בעל־הבית, אָבער

*) גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען.

פאַרשטיין פאַרשטיי איך שוין אַ ביסל, — האָט קלמן געפּרוווט זיך אַליין מוטיקן. וואָרן ר׳האָט געפילט אַז עפּעס גלייבט מען נאָך נישט דאָס אַנומל־טיקע געשעען מיט אים. שוין זיצנדיק אין געלעגער, האָט אַנופרי דאָס שטילינקע אַריבערגערעדט, מחמת ר׳האָט בחוש באַנומען אַז קאַליאַ איז נאָך צערודערט פון יענעם פאַל, ר׳וועט ערשט נישט קענען איינשלאָפן. אויף אַ לענגערער ווייל איז דאָס גערייד געווען אַזוי ווי איבערגעריסן אין דער פליסיקער פינצטערניש פון דער שטוביקער נאַכט. אָלאָ אין גיכן האָט אַנופרי ווידער זיך צערעדט, אָבער מער איינגעדעמפּט זיין קול:

— דו, כאַפּ איך זיך ערשט, האָסט דאָרט געהערט דאָס רוישן פון די גאַטערס *) אין דער זעגמיל. אין דרויסן גיט דאָס אָפּ ווי אַ סאָפּען. ווי איך וואָלט געווען דערביי — ס׳איז געווען נישט עפּעס אַנדערש ווי דאָס אָטעמען פון די גאַטערס. זאָלסט זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אַז ס׳איז געווען דער דעך פון אַ חיה דאָס וואָס דו האָסט געהערט. הערך מיך — פון די גאַטערס האָסטו געהערט דאָס סאָפּען. האָסט שוין געזען אַ מיל וואָס צע־מאָלט ביימער און ס׳קומען פון זיי אַרויס קלעצער, אויך ברעטער, סלופּעס? האָ, נאָר אַ מעלמיל געזען? כיע־כיעעע, אַ געלעכטער מיט דעם בחורל. דו ווייסט נאָך קנאַפּ פון זאַכן פון וועלכע דער מענטש לעבט. וועסט נאָך געוואָר ווערן. מיט די יאָרן קומט אַלץ. אַ זעגמיל, אויך אַ טאַרטאַק רופט מען זי, שניידט ברעטער און בעלקעס פון גרויסע ביימער. אַלץ גייט פאַר געביייען, פאַר שפּיכלערס, פאַר שוועלן פון באַנען, סטויפּעס פאַר לעקטרע און פאַרקאַנעס. טאַרטאַקן פרעסן אויף די וועלדער. נישט נאָר מיט חיות איז סודותדיק דער וואַלד, אויך מיט זיין געהילץ איז ער אינטערעסנע. די קלעצער און שוועלן ווערן מיט טראַטוועס געטריבן איבערן וואַסער אין ווייטע שטרעקעס, אַפילו אין ווייטע לענדער. פליסאַקעס הייסן די לייט וואָס טרייבן די טראַטוועס מיט געהילץ אַראָפּ שטראָם פון די גרויסע טייכן. מיטן פריפּעטש, מיטן ניעמען און דער ווייסל גייען די צונויפגע־בונדענע פליטן געהילץ. אויך מיט באַנען ווערט אַוועקגעפירט ס׳געהילץ, פון וועלכן מ׳מאַכט אין די שטעט שאַפעס, בעטן, טישן און אַלערהאַנט זאַכענישן, אָן וועלכע די מענטשן קענען נישט אויסקומען. האָסט דאָך שוין געזען וויפל האָלצוואַרג ס׳געפינט זיך אין יעדער שטוב, דערפאַר איז שטאַרק וויכטיק דאָס האָדעווען וועלדער, כאָטש קינדער שרעקט די טונקל־קייט פון וואַלד; ערשט די חיות וואָס קאָציען זיך אין וואַלד!? דער וואַלד

---

*) מעכאַנישע זעגן פון אַ טאַרטאַק.

מאַכט רייך אַ סך מענטשן, אָבער אַנדערע צינדט ער אָן מיט צאָרן, ווייל ער פאַרהוילט ביי זיך צו פיל סודות, אַפילו סכּנות. אָן אויסטערלישע וועלט איז דער וואַלד, ער יאָגט אָן אַ רויִקייט אויף לייט אָדער דערשלאָגט זיי. מ׳באַדאַרף זיך נאָר אויף אים דערקענען. אַ בלינדן שטראָפט יעדער טראָט, ברודערקע. ווו ער גייט, שטויסט ער זיך אָן אויף אַ וואַנט, אַ מאָל פאַלט ער און מעקט זיך אָפּ די נאָז. אויך גריבער פעלן נישט און איבער זיי שטרויכלט ער זיך.

כמעט יעדן אויפדערנאַכט האָט אַנופרי זיך אומגעקערט צו דער סודות־דיקייט פון זיין געגנט. ער האָט באַגערט קאַליאַן באַלערנען אַז ר׳זאָל קענען אויסמיידן שטרויכלענישן. „אַ סך געשעענישן האָבן הי שוין געטראָפן און זיי געדענקען זיך, אַפילו רציחות פון לייט וואָס כאַוועט זיך אויס אין די אייביק דראָענדיקע שרעקן, מיט וועלכע מ׳מוז לעבן. וואָרן נישט אַלע קענען לויפן אין שטאָט אַריין. פאַראַן מענטשן וואָס טויגן נישט פאַרן טומל. איז געוווינט מע זיך צו צו אַלץ, קאַליאַ פוילישער, און סע ווערט היימיש אויך דאָס פריקרעוואַטע. אַזעלכע נעמט אַפילו נישט דער חשק צו מאַכן זיך פריילעך. גיכער ציט עס צום ביסל סאַמאַהאָן. ער שטילט איין דעם וואָרעם וואָס טאַטשעט די נשמה. אָבער מ׳טאָר זיך נישט צולאָזן צום ביטערן טראָפּן. דערפון שטעלט זיך אַ מוטנעקייט אין די געהירן. ליבערשט איז זיך אַריינצוטון אין האַרעוואַניע אַז זאַטקייט זאָל זיין אין כאַטע און אויפן האַרץ — מנוחה. ס׳גוט אַלץ צו טון, אָבער אַ פּחד טאָר מען נישט צולאָזן נאָענט צו זיך. מ׳באַדאַרף זיין דרייסט ווען מ׳באַוועגט זיך צווישן חיות וואָס קענען אַ טויטלעכן ביס טאָן און גרינג פאַרדייען דיין לייב און לעבן. דאָ איז שטיל, אָפּט צו שטיל, אֶלָא אַז מ׳גייט דרייסט, געשעט נישט קיין שלעכטס. ס׳איז ווי אַ פאַדעם וואָס פאַרפּלאָנטערט זיך אין אַ קנויל און ער דריקט אין דיר — אָבער אויך דאָס קאָן גאָר־גאָר זיך אויסגלייכן. וועסט ווערן אַ טשעלאָוועק פאָ נאַשעמו*).

וואָס מער דער באַנדער האָט גערעדט, אַלץ אָפּטער האָט דאָס יִנגל־טשיגע אַרויסגעגאַפט פון קלמנען. ר׳האָט גיריק זיך צוגעהערט צו די מאָדנע נייסן און ביסלעכווייז זיך איינגעלעבט מיטן מטושטשן לויערן פונעם וואַלד, דעם שוין קנאָפּערן וואַלד אַרום לודוויקאָווע. אים איז אַפילו פאַרגעקומען אויסטערליש, דאָס פחדימדיקע האָט דווקא געגומען לאָקן. גלייך ר׳וואָלט באַגערט צו דערגיין צי ס׳איז אמתע וואָר דאָס וואָס ער האָט דערהערט.

---

*) וועסט ווערן אַ מענטש ווי ס׳קער צו זיין, אָן אונדזעריקער.

צו מאָל פלעגט קלמן להוט זיך איינהערן אין קאַליאַן, דעם וואָס האָט פּאַוואָליע אויף זיך אַרויפגעצויגן אַן אַנדערע הויט.

קאַפּיטל צען

גאַר שווערע יאָרן זענען אָנגעשטאַנען אויפן לאַנד פון דער ווייסל. הונגער האָט אומדערבאַרעמלעך אויסגעצערט דאָס פאָלק. שטיינערנע, פּאַב־ריקישע און האַנדלנדיקע שטעט האָבן געגליווערט ווי אין אַ שטיקנדיקן סקלעראָז פון די אָטעם־קאַנאַלן. כאָטש די סקלאַדעס זענען געווען איבערפולט מיט סחורות, די גערעטענישן אויף די פעלדער און סעדער — שפּעדיקע, די שפּייכלערס האָבן זיך געבראָכן מיט תבואות און מעל, איז ס׳טעגלעכע ברויט פאַר די מערסטע היימען געווען אַ חלום צו מאָל פאַר קליינע קינדער. לייט האָבן זיך געשעמט פאַר אַזאַ שיפלות אַז זיי זאָלן שוין מוזן קלאָגן (פאַר אייגענע) מיט פאַרטרערטע אויגן אַז ס׳איז נישטאָ „וואָס צו לייגן אין טעפּל אַריין״, אַז „גאַנצע וואָכן קומט ניש קאָ׳ לעפל געקעכטס אין מויל״. קאָן מען עפּעס קרימע־ד׳קראַצן מוז מען עס קודם געבן די קליינע קינדער וואָס טאָרן נישט וויסן פון קיין נויט. אַזאַ פּיין איז דאָס ווייטיק־לעכסטע פאַר טאַטע־מאַמען. און דווקא איז געווען בחצי־חינם דער מקח אויף מעל, גרויפּן, פּאַסאָליעס, אָבער לייט האָבן נישט געקענט קויפן. שווער געווען צו פאַרדינען דעם זלאָטי. פלעריי פליישן, צוקער, אייזנוואַרג, גע־גאַרבטע לעדערס, פאַרטיקע בגדים, אויך וויגאַניע־שטאָפן און וואָלענע טיכער האָט מען אין גרויסע פּראַכטצוגן און שיפן אַרויסגעפירט אין ווייטע לענדער, קיין אַזיע און אַפריקע, אין די ענגלישע און פראַנצייזישע קאָלאָניעס און אין די בעלגישע קוילנגרובנס. אין די אומבאַקאַנטע מרחקים האָט מען אַלץ פאַרשאַכערט פאַר שפּאָט וואָלוול און אין די אייגענע שטעט און דערפער פון לאַנד, האָט געפּאַנעוועט אַ שאַרפע נויט. די שרים פון בעלוועדער ווי אויך די פון סיים האָבן רק געזאָרגט ווי אַזוי מ׳זאָל וואָס מער פּוילישע סחורות, אויך קוילן, געהילץ און צוקער וואַרפן פאַר קליינגעלט אויף די וועלטמערק. אַלץ וואָס איז געוואַקסן, וואָס אויסגעאַרבעט געוואָרן אויף פּוילישער ערד האָט מען אַרויסגעפירט, כדי מיקלאָמפערשט ווידער אויפ־צובויען דאָס לאַנד וואָס איז חרוב געוואָרן פון דער לאַנגער צאַרישער

ממשלה און איז לסוף צעשטערט פון די פרעמדע קריגערישע חיילות וואָס האָבן ביז לעצט אויסגעדאַרט סיי די שטעט סיי די דערפער. דאָס דחקות איז געווען אַזוי גרויס, נאָכן פאַרטרייבן קייזער ווילהעלמס אַרמייען, אַז אויך דער פויער האָט געליטן הונגער, כאָטש ער האָט מיט זיינע מאַזאָלנע הענט געהאָדעוועט ברויט, געפּאַשעט בהמות און עופות, אויסגעשלאָגן פּוטער און געפּילעוועט אַ סאָד מיט פּירות. די דאָרפישע משפחה האָט געמוזט זיך דערנערן רק מיט דער פּאָסנער קאַרטאָפל און געזייערטן קרויט; אַלץ וואָס געקענט אָוועקרייסן פון אייגענעם מויל האָט ער געמוזט ברענגען אויפן שטאָטישן מאַרק, געמוזט פאַרקויפן פאַר פּרוטות. וואָרן עס זענען געווען גאָר ווינציקע וואָס האָבן געקענט קויפן אַ שטיקל פּוטער, אַ מעסטל צוואָרעך אָדער אַן עוף. טאַקע געווען וואָלוול, אָבער דער זלאָטי איז געווען נאָר אין הייסן חלום פון אויסגעמאַרעטן מענטש. יידן האָבן נאָך שטאַרקער אָפּגעשפּירט די נויט, ווייל געהאַט ווינציקער זכיות צו קענען זיך דערשלאָגן צו אַוועלכער אַרבעט אויף צו פאַרדינען דאָס אויסקומעניש. אויב האַנדלען, האָבן די מערסטע יידן נישט געהאַט מיט וואָס איינצופּע־דעמען אַ שטיקל מיסחר; און האָט עמעץ זיך שוין גענומען „צו עפּעס", האָט דער פּאָליאַק, איעדער שגץ געקענט אים פאַרטרייבן מיט דער סחורה אָדער זי צוגזלענען אין סאַמע העלן טאָג. יידישע קינדער האָבן געמוזט ליידן הונגער.

די קללה פון הונגער האָט קרענקלעך אַרויסגעפּיבערט פון די מערסטע פּנימער. אַפילו די שטאָט גופא האָט געקראָגן אַ גראָע מראה, כאָטש דער רעש האָט נישט אויפגעהערט יערן. ס'איז געווען אַ געטומל מיט אַ סקע־לעטישן שאָטן. אָבער דעם פויער איז אויך נישט געווען מקנא צו זיין, כאָטש די מאַמע־ערד האָט אים דאָך געגעבן עפּעס צו קענען אָפּיאָגן דעם הונגער פון דער נשמה וואָס ליידט אויך, אויב דער גוף ווערט שטאַרק אויסגעצערט. דער פויער האָט ערשט אויך געקלאָגט אַז ס'קלעקט אים נישט דער גילדן צו קויפן אַ פלעשל נאַפט אָנצוצינדן אַ קאַנעצל ווען ס'פאַלט צו די נאַכט. אַפילו די „זאַפּלקע", ס'שוועבעלע, זיך נישט געקענט פאַרגינען. אַ שוועבעלע, אויב ער האָט עס שוין געהאַט, האָט ער צעשפּאָלטן אויף צוויי. ס'האָט אויך געטראָפן אַז אַ גוטער שכן האָט מיט אַן אָנגעצונ־דענעם קינדל געשפּאַנט צו עטלעכע כאַטעס כדי מהנה צו זיין אַנדערע פויערישע כאַלופּעס מיט אַ פעדעמל פייער צו קענען אָנצינדן אַ פלעמל פאַר אַ פּאָר אָוונט־שעהען; זיכער, דער אומעט דריקט שטאַרקער, אויב מ'מוז זיצן אין דער פינצטער. און איז דער פויער געבליבן אָן שטיוול,

האָט ער געוויקלט די פיס אין שמאַטעס, די צעפּליקטע שובע פּאַרלאַטעט און די הויזן פאַרשטשאָבעט. אַן אונטערגעוואַקסן קינד, אַ מיידעלע אַ צענ־יאָריקע, האָט ער אָוועקגעפירט אין שטאָט אַריין דינען אין אַ רייכער שטוב. דער אָרעמער פויער האָט באַגערט אַז זיין מאַלגאָזשאַטע זאָל מער נישט הונגערן און זי זאָל ביי אַ פּאַני זיך נאָך פאַרדינען אויף אַ קליידל. נו, אַז דער דאָרפישער האָרעפּאַשניק האָט נישט געקענט פאַרקויפן זיין פּראַצע פון פעלד, האָט אויך דער שטאָטישער קרעמער געטריקנט ביי דער טאָמ־באַנק, אָבער די פּאַדאַטקעס זענען פאַר אים סיי ווי אָנגעשוואָלן געוואָרן. די גרויסע שטייערן האָט מען געמוזט צאָלן אין צייט, אַנישט האָט מען ביים קרעמער צוגענומען די סחורות. און האָט דער באַטרעף פון דער קאָנפיסקירטער סחורה נישט געקלעקט פאַרן באַשטימטן שטייער, האָט מען ביים הענדלער צוגענומען אויך דאָס קישן פון אונטערן קאָפּ. ביים בעל־מלאכה האָט מען פאַר פּאַדאַטקעס סעקוועסטרירט אַפילו די ניימאַשין און דעם טיש מיט די בענקלעך פון שטוב. די מענטשן האָבן געשרומפּן, אָבער די פּאַדאַטקעס וואָס מלכות האָט באַשטימט לפי אייגענעם אָפּשאַץ, האָבן געמוזט געדעקט ווערן אין פולן. נישט געווען קיין אייגזעעניש. ווען נישט גע־צאָלט — איז מען געקומען פון שטייעראַמט און צוגענומען אַלץ וואָס מ׳האָט נאָר געפונען אין געוועלב, צי אין שטוב. אָפט איז דער בעל־חוב געבליבן נאָר מיט די ליידיקע ווענט און אַ צעחרובט געמיט. אויפן פענצטערברעטל (קיין טיש איז על פּי רוב שוין נישט געווען) האָט זיך נאָך געוואַלגערט אַ פּאַפּירל פון עקזעקוטאָר מיט אַ לענגלעכן שטעמפּל און אַן אָדלער מיט צעשפּרייטע שוואַרצע פליגל.

פיינלעך איז געוואָרן נאָכן אָפּפאָרן פונעם וואָגן מיט די גולמדיק אַרויפּ־געוואָרפענע סחורות און די שטובזאַכן מיטן מעבל. אין די אומגעבעטענע וויזיטן פון שטייער־מאַנער האָבן ייִדן דערשפּירט דעם ביטערן טעם ווי פון לוויות נאָך אייגענע און ליבלעכע. אין די הערצער האָט געגאַיעט אַ וויי און דעם וואָגן וואָס האָט אָוועקגעפירט זייער ביסל האָב און גאָב האָבן זיי אָנגערופן „גראַבסקיס עגלה“. אין די גאַסן ווו עס האָט זיך געוויזן דער מסוכנער וואָגן, איז פאַר ייִדן געווען אַ פינצטערע בשורה אַז אויך נאָך זיי יאָגט זיך שוין דער מלאך המות וואָס באַגערט וואָס גיכער זיי אונטער־שניידן. מבולבלע האָבן זיי געמורמלט צו זיך און צו מאָל געזיפצט אויך אין שכנישע אויערן אַריין:

— היינט וועט גראַבסקיס עגלה שוין ווידער מאַכן אַ מוראַדיקן שניט אין גאַס. מ׳עט אונדז אַלע בדיל הדל שטעלן און ווער ווייסט וואָס ס׳עט

זיין מאָרגן. אויך דער ערב־רב לאָזט זיך שוין ווילגיין און ס׳איז נישטאָ פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן אויף דעם הפקרות. פּאָליציע טענהט אַז זי קאָן גאָרנישט טון — קעגן ייִנגלעך וואָס שטיפן אַ ביסל מחמת לאַנגווייל; ס׳איז נישט רעכט צו קלאָגן זיך, — האָבן די פּוילישע פּאָליצייסקע טויטן־שמשים נאָך געמוסרט די געליטענע ייִדן — ווען ייִנגלעך מאַכן אַ וויץ איבער אַ ייִד מיט „פּעיסעס”...

די מערסטע ייִדישע הענדלערס און בעל־מלאכהס זענען געבליבן ביי זייערע פאַרמאַכטע אויסגעליידיקטע געוועלבלעך און צעשטערטע וואַרשטאַטן. גראַבסקי, דער מיניסטער, האָט זיי אויסגעשטעלט אויף בעטל־ברויט אָדער אומקום פון הונגער מיט ווייב און קינדער. ווייל פון וועגן פּרנסה האָט מען זיי צו גאָרנישט צוגעלאָזט; אַפילו פריי זיך באַוועגן אין גאַס האָט מען זיי געשטערט. נישט מעגלעך געווען צו באַווייזן זיך אין דרויסן. ס׳פּעבל האָט געשלאָגן מיט שטעקנס, געשטאָכן מיט מעסערס איטלעכן וואָס האָט נאָר געהאַט אַן אָנבליק פון אַ זשיד. ס׳האָט אַפילו געטראָפן אַז אויך אַן ערל איז צעבלוטיקט געוואָרן אויב ער האָט אויס־געוויזן אַ ביסל ענלעך צו אַ ייִד. „נאָר אויף אונדז האָט זיך אויסגעגאָסן די תוכחה — האָבן לייט געשלונגען שטיקער וויטיק — וואָס פאַראַ עצה גיט מע זיך ערשט? באַשיימפּערלעך, זיי האָבן בכיוון פאַרטראַכט אַזוי אָרום צו פאַרקירצן אונדז די יאָרן. אויף אַ גירוש־פּוילן דערוועגן זיי זיך נאָך נישט, כאָטש אַן אינקוויזיציע האָבן זיי שוין איינגעפירט קעגן די בני ישראל. טאַקע פון גראַבסקיס פּה־קדוש וואָס ר׳האָט געעפנט אין סיים, רעדט־נאָך דאָס עם־רע בכן „שוין צו פיל האָבן די ייִדן פאַרפלייצט אונ־דזערע שטעט און שטעטלעך און נעמען צו דעם ביסן ברויט פון די פּוילישע קינדער” — — נישטאָ דער טאָג אַז גראַבסקי מיט זיינע אונטערהעלפערס זאָלן זיך נישט לאָזן הערן מיט פּראָיעקטן ווי אַזוי אויסצורייניקן דאָס לאַנד פון די כאַלאַטשאַזשעס *); באשר די זשידעס האָבן אין זייערע הענט אַלע פאַבריקן און געשעפטן, בעת די פּאָליאַקן קענען נעבעך נישט צוקומען צו אָרנטלעכע פּרנסות. ווי ס׳האָט גערעדט דער מיניסטער, האָבן אים פלייסיק אונטערגעהאַלטן אויך די שרייבערס פון די גאַזעטן. דאָס בלעטל „דוואַ גראָשע”, האָט מיט באַנומענקייט געשאָטן פייער אויף מאַשעקן און אויך אויף דער ייִדישער שחיטה, באשר מ׳האָט נישט קיין רחמנות אויף

---

*) שפּאָטנאָמען פאַר ייִדן מיט זייערע טראַדיציאָנעלע לאַנגע מלבושים.

די אײדעלע בהמות, מ׳שעכט זײ באַרבאַריש מיט חלפים און נישט מ׳פאַר־טײבט זײ מיט קלינעס די קעפּ אײדער מ׳שנײדט זײ אײן די גאָרגלען.

...אַלץ שװערער איז געװאָרן די מערכה פונעם ייִד װאָס האָט צענד־ליגגער דורות געהאָרעװעט און מיט זײן שװײס באַפרוכטיקט פּױלנס ערד. מ׳האָט די ייִדן שױן נישט געלאָזט רויִק נישט אין שטוב און נישט אין גאַס. אױפן מאַרק האָבן זײ שױן אין גאַנצן נישט געטאָרט זיך װײזן מיט אַ שטיקל מיסחר. מחנות װילדע יונגװאַרג זענען זײ באַפאַלן מיט דרענגער און אײזנס, צערױבט די סחורה און געפּלעט די קעפּ פון די קרעמערס. פון דער אַנדערער זײט האָבן די פּריצים בײנאַנד מיט די פּאָלקאָװניקעס אַרײנגענומען אין זײערע הענט דעם גאַנצן האַנדל און פאַבריקאַציע פון נ ײ ע ם פּ ױ ל ן. די קריסטלעכע שוסטערס, פעלצנמאַכערס, שלאָסערס, קױלערס און געװעלבניקעס האָבן זיך אױך פאַראײניקט אין „ספּולדזשעל־ניעס״ *), געעפנט הונדערטער קראָמען, געשטעלט אין זײערע פענצטער צלמים און גערופן אַלע, מ׳זאָל קומען קױפן נאָר צו זײ, אױך באַשטעלן אַרבעט. ייִדנס געניטע הענט און המצאות לטובת יעדן טועכץ זענען מיט אַ מאָל פאַרשטױסן געװאָרן. אַפילו אַ ייִדישער דאָקטער איז פאַרחרמט גע־װאָרן, כאָטש ר׳איז געװען אַ גרױסער מומחה. און האָט אַ ייִד בלית ברירה געפּרוװט זיך שטעלן אין זײן געװעלבל, האָט מען די סחורה באַגאָסן מיט װיטריאָל, פאַרברענט. דער גורל פון גאַנצן לאַנד איז איבערגעענטפערט געװאָרן צו פאַרװילדעטע ברואים און די ייִדישע נױט האָט זיך אױס־געבעט אַ ברײט געלעגער. אַ קראַנקע חשכות האָט זיך געגעפּלט אין פּױלנס געהירן און ייִדן זענען געװאָרן דער שעיר לעזאזל פאַר אַלץ און אַלעמען װאָס האָט אין װי זיך אַראָפּגעלאָזן איבערן לאַנד.

דער ייִד האָט אין צער געמוזט צוזען װי זײן הױזגעזינד גײט אױס פון נױט. אַפילו קלײנע קינדער זענען געשטראָפט געװאָרן פון דער גױיִשער שינאה. מיטן פּױלישן צוקער האָט מען אין די ענגלישע און פראַנצײזישע קאָלאָניעס פון אַזיע און אַפריקע געפּאַשעט די פערד און חזירים, און אין לאָדזש, אין סאָכאַטשעװ, קוטנע און קראָקע האָט אַ ייִדישער אָרעמאַן צו מאָל נישט געקענט חלומען פון אַ שטיקל צוקער פאַר זײן שװאַכן קינד. פאַבריקן האָבן, אמת, װינציק געאַרבעט. איז געװען אַ ביסל סחורה, האָבן סוחרים פאַרעקשנט זי אױסבאַהאַלטן פאַר די גיריקע קונים; איז אָבער געקומען אַ קונה מיט דאָלאַרן אָדער פונט־שטערלינגן, האָבן זײ זיך שױן

---

*) קאָאָפּעראַטיװעס.

געלאָזט בייגן און יאָ פאַרקויפט אַ „פּעקל״. פון די „פּוילישע שמאַטעס״ די זלאָטיס, האָט מען אומעטום געוויכט. אָבער אין פּוילן איז דעם ייִדישן אָרעמאַן געווען שווער צו פאַרדינען דעם זלאָטי. די טריבקייט פון די פאַרגאַנגענע מלחמה־יאָרן האָט לאַנג זיך געלייגט ווי אַ שווערער שטויב אויף די געמיטער פון די מענטשן. דער תּירוץ: ס׳איז נישטאָ קיין סחורה אין ערגעץ, מ׳אַרבעט נישט. די פאַבריקן זענען חרוב און די מאַשינען זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון די אָקופּאַנטן, צערויבט. איבער נאַכט זענען פון דעסטוועגן אויפגעקומען נייע סוחרים, טאַקע אויך צווישן די פּאַליאַקן וואָס האָבן ווי פון אונטער דער ערד אַרויסבאַקומען ראַמשן פאַרווערעמטע אַרבעס. פּעסער אוגערקעס און אַלץ באַלד „פאַרצוקערט״. שוין נישט צו רעדן פון שיכוואַרג וואָס איז שוין געווען לאַנג אַרויס פון דעם מאַרק; קיינער האָט דערויף נישט געוואָלט קוקן ווי אויף אַן עיפּוש. אַזוי אויך אויף כּלערליי פאַרשימלטע מלבושים, זאָקנוואַרג, רויע לייוונט און וועש. אַלץ איז פאַר־קויפט געוואָרן פאַר גרויסע מיליאָנען זלאָטיס וואָס שוין צו מאַרגנס זענען די „מיליאָנערן״ געוואָרן אויס קאַפּעליוש־מאַכערס. פאַר אַ זאַק זלאָטיס האָט מען קוים געקענט קויפן אַ ביסל קאַרטאָפל און אַ לאַבן ברויט וואָס מ׳האָט מיט אים געקענט פאַרקלעפּן די לעכער פון אַ קראַנקער וואַנט. אַנדערע גויִישע הענדלערס האָבן זיך גענומען צום שמוגל אין גרויסן שניט און געבליבן קורח־רייך. פאַר זיי איז דאָס „נייע פּוילן״ געוואָרן אַן אָפענע, ליכטיקע וועלט.

דעם אָרעמען ייִד איז, פאַרקערט, געווען פינצטער די וועלט. ר׳איז בדיל הדל געוואָרן און זיינע אונטערגעוואַקסענע קינדער זענען אַרומגע־גאַנגען פאַרקלעמטע און פאַרביטערט, ווייל שטענדיק הונגעריק און נעבעך אויף אַן שיך און אָן אַ שטיקל מלבוש. יונגע מענטשן זענען געבליבן אָן שום תּכלית; מ׳האָט זיי אין ערגעץ נישט באַדאַרפט אחוץ אויף באַליידיקן און דערנידעריקן. איינגעקוואַרטע פון לאַנגן אונטער־הונגערן, איבערגעשראָקענע, אָבער פאַרהאַרטעוועט אין רצון זיך אַרויס־צורייסן פון דאָזיקן לעבעדיקן גיהנום, האָבן זיי טאַקע געזוכט אַ וועג צום אומבאַוווסטן, אָבער צוזאַגנדיקן. גרופּעס יונגע־לייט, בחורים ווי מיידלעך, בעל־הבתּיש אָנגעטוענע אַז די ווערעמדיקע אויגן פונעם „שפּיצעל״ זאָלן זיי נישט נאָכשפּירן, חושד־זיין אין באָלשעוויקישער אויפגעקלערטקייט (און דאָס האָט באמת, אין געהיים, אין ביכלעך און בלעטלעך אַריינגעדרונגען אין דעם צעטומלטן לאַנד) זענען פאַרקלעמטע, אָבער בשתיקה, אַרויס פון זייערע פאַרחושכטע היימען; מיט אָפּגעלעגענע וועגן האָבן זיי אויף דאָרפישע

פורלעך און צו מאָל אויך צו פוס געצויגן „אויף מיזרח". ווייל ס'האָט אַ חבר זיין חבר אויפן אויער סודותפול דערציילט אַז ד אָ ר ט, א ו י ף י ע נ ע ר ז י י ט, אַריבער וואַלד, אַריבער זומפּן און שטעכלדראָט, פינקלט אַ ליכט וואָס וואַרעמט דאָס האַרץ. מ'באַדאַרף נאָר איבערקומען די פּיינלעכע אומזיכערקייט וואָס איז אָנגעדראָלן מיט כּלערליי שטרויכלונגען און האַרצקלאַפּעניש. מחמת גאָר שאַרף זענען די לויערונגען וואָס זענען אויסגעשפּרייט אויפן דאָזיקן וועג. ס'איז אַ שטאַרק פּאַרצוימטע גרענעץ וואָס טיילט אָפּ דעם ד אָ פון דעם ד אָ ר ט. איבער ברייט פונאַנדערגעוואָרפענע, אומבאַקאַנטע פעלדער, פּאַרזונקענע צווישן וואַלד־שטרעקעס און זומפּן ליגט זי, די גרענעץ, און זעלנערישע פּאַטרולן טשאַטעווען אויף י ע נ ע ר ז י י ט, באַזונדער שאַרף איז דער לויער אין די נעכט פון דורכויסיקער פינצטערניש. אַ, יענע נעכט זענען אימהדיק! קיין שום פלעמל בלינצלט נישט פון ערגעץ, אַ פונק פון אַ פּאַפּיראָס קען גורם זיין דורכצורייסן דעם געדיכטן חושך, ווייל רייכערן גלוסט זיך דווקא אין אַזאַ חשכות.

און געצויגן צו דער פּחדימדיקער גרענעץ האָט מען דערעיקרשט ווען די נעכט זענען געווען בלינד, אָן שטערן און קיל. יעשיענצייט זענען די נעכט געווען די פּאַסיקסטע צייט פאַר „שוואַרצן" די גרענעץ, צו וואָס לייט פון פוילישע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך געגרייט אין אומגעהאַרישן אָנשטרענג. פאַר דעם האָט מען אויך לאַנג געדאַרפט קלייבן גרויסע געלטער, לפּי די השגות פון די וואָס האָבן אין זייער געקוועל געגאַרט זיך אויפצוריכטן מיטן אַנטרינען אַהין צו... די דאָזיקע האָבן געמוזט דאָס געלט צונויפשטוקעווען צו מאָל מיט קרבנות וואָס עס האָבן געבראַכט אייגענע און גוטע פריינד. אַנדערע האָבן פאַרמשכּונט דאָס טייערסטע, אַבי אַרויסצוהעלפן אַ ברודער, אַ שוואָגער אַז ער זאָל זיך ראַטעווען. ר אַ ט ע ו ו ע ן האָט געמיינט קודם כּל צוזאַמענקלייבן „אַ מאַיאָנטעק" געלט וואָס עס האָט אָפּגעקאָסט בלויז דאָס שוואַרצן זיך, כאָטש דאָס איז אויך געווען אַ גרויס איינשטעלעניש, ווייל מ'האָט חלילה געקענט אַריינפאַלן נאָך „אויף דער זייט", פאַרן אַריבערגיין אַהין צו. שוין דאָס פאַרן צום מולכער מיטן באַן און פורמאַנקעס האָט געשמעקט מיט שווערע הונדערטערס. און געפאָרן זענען דערהויפּט די אויסגעמאַרכטע, די קבצנישע זין און טעכטער וואָס האָבן א י ן ו ו ע ג אַ ר י י ן געמוזט זיך גרייטן אויך מיט פעסטע שיך, וואַרעמע בורקעס און וועש. אַ געשוואָלענעם סכום געלט האָט מען באַדאַרפט האָבן פאַרן בעל־הבית, דעם בעל־אחריות פון „אַריבערשוואַרצן". אַ נייע בראַנזשע איז געוואָרן דאָס אַריבערוואַרפן „קעפּלעך" אויף י ע נ ע ר

ז י י ט. פאַר דער עיקרשטער מלאכה האָבן זיך גענומען פויערים פון די ק ר ע ס ן, פון פּאָלעסיע און וואָלין. די מערסטע „קעפּלעך" זענען אַריבער־געוואָרפן געוואָרן איבערן בוג. די וואָס מ'האָט געכאַפּט שמוגלערס, זענען זיך געזעסן באַקוועם אין פינסק, אין לוצק און האָבן געשטעלט דעם פּרייז פאַר יעדן ק ע פּ ל. אָבער געווען מולכערס וואָס אין דער לעצטער מינוט, ווען דער ג אַ ס ט איז שוין געשטאַנעןביים סאַמע ברעג פון גורלדיקן אַנטרינען פונעם אכזריותדיקן בייז, האָבן זיי פון דאָס ניי גענומען קוועטשן דעם גאָרגל פון דעם וואָס האָט זיך איבערגעענטפערט צו די דאַזיקע: געמאָנט פון ס'ניי געלט און אויך געפּאָדערט פון די זאַכן וואָס דער געפּלאָגטער האָט לאַנג געגרייט מיטצונעמען אין וועג אַריין. דער פויער וואָס איז געווען דער אמתער מולכער איז ערשט געוואָרן האַרטנעקיק. — ניע כאַטשעש, דאַ אָסטאַוואַיסיאַ!"*). פשוט, ווי ער וואָלט דעם מענטש צוגעשטעלט אַ מעסער צום האַרץ. טיף צעטרייסלטע מענטשן זענען אַזוי אַרום געשטעלט געוואָרן פאַר אַ מאוימדיקן תהום. בלית ברירה האָט דער „גליקלעכער" וואָס שוין געהאַט הינטער זיך געגנוג האַרצקלאַפּעניש, מסכים געווען אויך אויפן נייעם פיינלעכן צינדז. אַנדערע וואָס האָבן אויך באַגערט זיך אַרויס־ראַטעווען פון רע־פּוילן (ניצול געוואָרענע האָבן עס שפּעטער דערציילט מיט ציטערניש אין קול) האָבן ערגער אָפּגעשניטן. זיי זענען שוין אין ערגעץ נישט דערגאַנגען. דער מולכער האָט ביים קרבן צוגערויבט אַלצדינג בעת ער איז שוין געזעסן מיט אים אין דער לאָדקע אין מיטנגאַכטיקן טייך; צוגענומען דאָס רענצל, פּראָסט פשוט באַגזלט און מיט אַ ראַפּטעמדיקן שטויס אַריינגעשליידערט דעם מענטש אין אָפּגרונט פון אייביקער נאַכט. אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס גליק פון אַזעלכע וואָס האָבן געחלומט פון אַן אַנדער פריי, זאַט לעבן אויף י ע נ ע ר ז י י ט. אומגעריכט זענען זיי נעלם געוואָרן בעת זיי האָבן ערשט זיך געקליבן צו לעבן אין דעם לאַנד וואָהין עס האָט זיי געצויגן דאָס פלעמל פון לאַנג געגאַרטע האָפענונגען. צו דעם האָט די משפחה פון דעם אומשולדיק פאַרשניטענעם נאָך געטון כל התפעלות צו העלפן פאַרוואָרן דעם חלום פון די הונגעריקע און פאַר־חושכטע. מ'האָט אַפילו פאַרקויפט דאָס קישן פון אונטערן קאָפּ אַפּער. ווייל יונג און אַלט האָט געלאָקט די ווילקלינגענדיקע מ ע ש ה פ ו ן י ע נ ע ר ז י י ט ווו ס'לעבן איז „אויף אַן אמת אַוועקגעשטעלט אויף יושר און צדק". מ'האָט זיך דערפון געשושקעט און מקנא געווען יענע וואָס האָבן שוין

---

*) ווילסט נישט? טאָ בלייב.

באַוויזן זיך אַריבערצוכאַפּן. ס'האָט אַהין צו געצויגן נאָך עפּעס וואָס ס'איז נישט אויסצומעסטן מיט קיין שום מאָס: מ'ווייסט דאָרט נישט פון קיין קריזיסן וואָס חזרן זיך דאָ איבער גאָר אָפט. דאָס בלייבן אָן אַרבעט און אָן דעם ביסן ברויט דעם טאָג איבערצוקומען איז דאָרט „נישט מעגלעך". און אַוודאי איז אַ גליק פאַר ייִדן וואָס „דאָרט" ווייסט מע נישט פון דער מכה ווי ייִדנהאַס, וואָרן די תורה וואָס האָט געבראַכט די רעוואָלוציע, פאַרווערט שאַרף די שינאה פון אַ פאָלק קעגן אַן אַנדער פאָלק. און ס'איז נישטאָ קיין אָרעם און רייך. יעדער מוז אַרבעטן לפּי זיינע פעיִקייטן און מעגלעכקייטן. ס'אַ לאַנד ווו ס'בליט די סאַמע פריינדשאַפט און ליבע פון מענטש צו מענטש. טאַקע, דאָרט איז אַן עולם היפך, האָבן געטייטשט אַפילו פרומע ייִדן, באשר ס'איז קלאָר דער פּ א ר וו א ס ס'איז אַזוי: ווייל דאָס פאָלק איז דער בעל־הבית איבער זיין אייגענעם גורל. אַן אַרבעטער צי אַ בעל־מלאכה איז נישט קיין שטיפקינד, מע טרעט זיי נישט מיט די פיס ווי ס'געשעט ביי די פּוילישע שררות וואָס זענען געוואָרן ווילד־שיכּור פון זייער „נאַשאַ פּאָלסקאַ". מ'האָט די פּאָליאַקן געגעבן דאָס לאַנד מיקלאַמ־פערשט אַ באַפרייטס, אין אמתן איז עס געוואָרן פריי נאָר פאַר דער הפקרות פון די וואַיטשעכס און סטעפאַנס. בלויז זיי זענען אויפגעריכט געוואָרן נאָך זייער לאַנגן בראָך צו זיין שקלאַפן ביי פּאַניען. אָלאָ פאַר סרוליקן איז דאָס לאַנד געוואָרן פּונקט דאָס פאַרקערטע. ערשט האָבן די ייִדן אָפּגע־שפּירט דאָס סאַמע ערגסטע — וואָרן די פּאָליאַקן זענען פון דער מאַמעס בויך אַרויסגעקומען אייביקע קנעכט מיט חיהשע מוחות. זיי מעלה־גירהן וועגן פאָטערלאַנד, אָלאָ די לופט פון מענטשלעכער פרייקייט דינט זיי נישט. אָט האָבן זייערע פירערס געשווירן געטריישאַפט דעם אונטעריאָכער, דעם צאַר באַטיושקאַ; און איז געקומען אַ טונקל־שעה אויף זייער לאַנד, האָבן די זעלביקע עס אויך נישט שטאַרק אָפּגעשפּירט, אָלאָ באַלד אַנידערגעקניט פאַרן אַטאַמאַן בולאַק־בולאַכאָוויטש מיט זיינע רוצחים, ווי זיי זענען דער־נאָך געוואָרן ברידערלעך נאָענט מיטן האַרדן־פירער יוזעף האַלער וואָס האָט זיך געוואָרפן אין „הייליקן קריג" צו פאַרלענדן די ייִדן פון „נייעם פּוילן": געכאַפּט אַ ייִד אין גאַס, האָבן די האַלערטשיקעס ביי אים אויס־געריסן די באָרד צוזאַמען מיט אַ שטיק פּנים — און געלאַכט, ווען דער „זשיד" האָט געבלוטיקט. די רוצחישע מלאכה איז אין פּוילן געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע רגילות. ייִדנס בלוט איז תּמיד הפקר אין לאַנד פון דער בזורע און נאַרעוו. קנעכטיש איז די נשמה פון דעם פּוילן, פון וועלכן ס'האָט אין זיין גלות פרום געזונגען דער פאָעט אַדאַם מיצקעוויטש. תּמיד מוזן

פּאַליאַקן האָבן אַן אייבערהאַר אים צו דינען, אָבי ער גיט זיי די פּליאַשקע אָקעוויט און דאָס שטיק חזיר־פליש. זיי זענען תּמיד גרייט צו משרתעווען פאַר איטלעכן טיראַן. די אומגליקלעכע ייִדן האָבן געגומען טענהן, ווען ס'איז געקומען אויף זייער געבוירנלאַנד אַ נייע ליקוי־חמה, אַז ס'איז שוין גענוג געליטן פון די פאַלשע שכנים; מיר האָבן דערהערט פון „יענער זייט" ווי ס'איז בעסער און אָרנטלעכער פאַר איטלעכן מענטש. דאָרט וואַרעמט אַ ליכטשטראַל אויך פאַר אונדז — טאָ פאַר וואָס נישט פּרוּוון זיך דורכרייסן אַהין צו, כאָטש ס'איז גרויס די סכּנה צו גנבענען די גרענעץ? אויב נישט מיר קענען דאָס דערגרייכן, ווייל אַלטע און שוואַכע לייט זענען מיר, זאָלן כאָטש אונדזערע יונגע זיך דערשלאָגן צו אַ ברעג ווו דער מענטש בלייבט אַ מענטש. און דער ייִד איז נישט ווינציקער ווי אַ מענטש מיט זיינע לעכצן און נויטן.

די פליגל פון דעם שיינעם מעשהלע האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער דער קאַלעמוטנער וואַר פון פוילנלאַנד וואָס איז ניבעטאָ געשטאַנען אין שטענדיקן בין־השמשות. ס'אַנטלויפן אויף יענער זייט איז געוואָרן אַ חלום ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן. לאַקנדיקע קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן איבער שטעט און שטעטלעך. אין טריבע אויפדערנאַכטן פלעגן יונגע מאַמעס איינוויגן זייער קליינוואַרג מיט פאַרוועטע, אָבער נאָגנדיקע לידלעך:

טאַטעס, מאַמעס, קינדערלעך,
בוי־עען באַ־אַ־רי־י־י־קאַאַאַדן...

✶

אַ האַרבער, אַן עסיקער, האָט דער ווינטער געיאָמערט הינטער אייזפאַרקאַווטע פענצטער פון די קאַמעניצעס ווי פון די נידעריקע הילצערנע שטיבלעך. און פּונקט ווי אַ פּנים פול מיט בראַנדוווּנדן, האָט די נויט — אַן אייטערנדיקע, צו מאָל אַ שימלדיק־טריפנדיקע — אַרויסגעקוקט פון אַלע ווינקלען שטאָט, פון יעדער שטאָט; זי האָט אויך הויל געהוסט, די שרייִקע נויט, פון ענג אָנגעפּאַקטע, טוכלע תּפיסה־מויערן ווי פון שמאָך איינגעדרימלטע שטובן מיט מאַט־פאַרקוקטע פענצטער.

אין אַ רוב ייִדישע היימען איז די אונטערגעוואַקסענע קינדער געוואָרן ביז גאָר מאַרקאָטנע זיך צוצוקוקן צו לייבלעכע טאַטע־מאַמע וואָס זענען פון אויסגעצערטקייט געפאַלן צו בעט מיט אויסגעשפּיצטע, בלייכע פּנימער. ס'יונגוואַרג האָט ווי־עס־איז צו ביסלעך זיך אַרויסגעדרייט פונעם מאַטערנ־

דיקן הונגער: לייכט אויף די פיס, האָט אַן עמעץ געכאַפּט עפּעס אין מויל אַריין ביי אַ חבר צי ביי אַ פריינדינע. יונגע בחורים ווערן געווײנטלעך געטריבן פון דער אומגעשטילטער ענערגיע. זיי האָבן אין אומרו געזוכט ערגעץ אַ שטיקל אָנהאַלט און אַ מאָל טאַקע אויך געקראָגן צו פאַרדינען אַ זלאָטי. עלטערע לייט זענען נישט געווען אין שטאַנד גיך זיך צו באַוועגן ווי ס׳איז דער שטייגער אין דער גרויסער שטאָט, ממילא אויך נישט מסוגל אויסצושפּירן אַן אָנשפּאַר פאַרן בידנעם אויסקומעניש. אַזעלכע זענען מערסטנס געבליבן זיצן אין שטוב פאַרשפּונען אין יִאוש בעת אין דרויסן האָט פון עולם דאָ און דאָרט זיך געריסן אַן אָכץ: — אוי, אוי, מ׳דאַרף האָבן כּוח אויסצוהאַלטן סיי די קרירות סיי דעם מאַרטוס *). אין אַלע זייטן איז מאַרטוס. טייל האָבן זיך שוין געשעמט מיט דער צודרינגלעכער אָרעמקייט, ווייל מער נישט געהאַט ווו צו באָרגן אַ ביסל געלט אויף „אָפּצויאָגן די נשמה״. אַזעלכע האָבן ליבערשט זיך געלייגט אין בעט אַריין, געפּרווט פאַרשלאָפן דעם הונגער, כאָטש דאָס נאָגעניש אונטערן לעפעלע לאָזט זיך נישט איינשלעפערן. פאַרשלאָסן זיך אין די כמורנע ד׳ אמות און מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן געדרימלט, מחמת דער געפּויק אין די געהירן האָט זיי נישט געלאָזן שטיל רוען ווי דער מוח האָט... געעצהט. האָט עמעץ באַמערקט אַז שוין לאַנגע טעג עפנט זיך נישט די טיר ביים שכן וואָס איבער דער וואַנט, האָט ער משער געווען אַז די בידע דריקט נעבעך די לייט ה״נטער דער פאַרמאַכטער טיר. אַזוינער פלעגט באַזאַכט אָנקלאַפּן אין אַזאַ שטוב און אַריינטראָגן אַ פּאָר גילדן „בתּורת הלוואה״. דער רך־לב האָט נאָך בעניוות זיך פאַרענטפערט למאַי ער איז צו זיי אַריינגעפאַלן אַזוי אומגעריכט: „ס׳איז אים געווען אַ חידוש, האָט ער אויסגעברייטערט, וואָס מ׳זעט לאַנג נישט אין דרויסן עמעצן פון די גוטע שכנים. דערפאַר אַ טראַכט געטון: נישט געשען זאָל עס — ר׳איז אפשר נישט ביים בעסטן געזונט, דער שכן. לכן איז ער געקומען אַ קוק טון און, מעגלעך, באַדאַרף מען פון אים עפּעס אַ הילף. וואָרן ס׳גיבן מענטשן וואָס זענען אַ מאָל נישט דרייסט צו בעטן אַ טובה, כאָטש זיי זענען שטאַרק געקוועלט. ס׳טרעפט, ס׳זאָל אַזוי נישט טרעפן. תּוך כּדי דיבור דערלאַנגט ער דער שכנה אַ ביסל געלט, וואָס באַשיימפּערלעך געהאַט צוגעגרייט און זאָגט דערביי: — ס׳אַ הלוואה און פאַרענטפערט זיך ווידער בנוגע זיין כוונה:

---

*) אַ טויטקייט אין די פאַבריקן, ווען מחנות אַרבעטערס דרייען זיך אַרום שלינג און שלאַנג. דאָס נעמלעכע אין מסחר.

—אַז מ׳מוז חס ושלום ליגן צו בעט, קאָן אַ מאָל אויספעלן דער גילדן. פאַר דעם איז אַ מענטש מחויב אַזוינס צו געדענקען, כ׳מיין, אַ נאָענטער שכן. מ׳איז דאָך שוין ברוך השם שכנים זינט יאָרן, האַ? טאָ ווי שיקט זיך עס אַז מ׳זאָל אַזוינס נישט האָבן אין זינען אין אַזאַ צייט...?

— חס וחלילה, אַ האַרצעדיקן דאַנק, ליבער שכן. מ׳ברויך ניש, — האָט די ייִדענע געענטפערט דעם גאַסט און בינו־לבינו געוואָרן גרין פון בלאַסקייט. — ניין, חס ושלום, מ׳באַדאַרף ניש, שכן. דער זון, זאָל־לעבן, קומט אַריין. און טאַמער פעלט עפעס, באַזאָרגט ער עס. חס וחלילה — האָט זי זיך אָפּגעשאָקלט פון דער נתינה, אָבער אין די רייד האָט דער שכן, דער בעל־מידות, דאָך דערפילט אַז אין דער ייִדענע ציטערט נעבעך אַ גרויליקע חולשות גלייך אָט, אָט רייסט זיך אָפּ חלילה איר אָטעם. דער איידעלער ייִד איז אָבער באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע און נישט געוואָלט אָפּטרעטן:

— ס׳נאָר אַ גמילת חסד פון אַ מענטש וואָס וווינט ביי ענקער טיר. ׳עט נאָר אין דרויסן לאָזן דאָס האַרבע וועטער, ס׳עט זיך נעמען רירן מיט פּרנסה, ׳עט איר מערטשעשעם אָפּגעבן. מ׳דאַרף האָבן בטחון, שכנטע. אַ יאָרנלאַנגער שכן דאָ, האָב איך איבערגעקלערט, למאַי ס׳אַזוי שטיל ביי ענק, מ׳זעט ניש ס׳זאָל זיך עפענען די טיר, ביז׳עך געקומען. איז וואָס דער מאַלעער אין דעם? צ׳עט אָפּגעבן מיט גאָטס הילעף.

ער, דער אַלטער, וואָס אין בעטגעוואַנט, האָט ביטער געשוויגן, ווען ס׳ווייב האָט גערעדט מיטן אַריינגעקומענעם, אָבער ר׳האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט שאַרף דערשפּירט אַ קראַמף אין די געדערעם מחמת אַ מאָדנער געפיל האָט אין דער ציטעריקער רגע אים אונטערגעזאָגט אַז ס׳גייט אויף אים אַ פיינלעכער נסיון. וואָרן פון דעמס רייד הערט זיך אַן אומהיימלעכער ריח ווי פון אַ מתנת בן־אדם. באַהיט און באַשערעמט זאָל ער ווערן, — האָט דער שלאָפער וויטיקלעך שטיל אַריינגעשריגן אין זיך, אַזש ס׳האָט׳ן אַ שטאָך געטון אין דער ברוסט.

— ניטע, חנה, — האָט ער אומגעריכט אַרויסגעכאָרכלט פון פאַר־טריקנטן האַלדז און דעם קאָפּ מער אַריינגעגראָבן אין קישן, דעם אַריינ־געקומענעם נישט דערוועגט זיך צו קוקן אין פּנים אַריין.

דער שכן, וואָס געפילט זיך יאַקאָש נישט ניחאדיק, אַנטקעגן די איידעלע שכנים וואָס זענען בלתי ספק אין פאַרלעגנהייט, האָט ביי נייס זיך פאַר־ענטפערט פאַר זיין אַריינקומען:

— חס ושלום! כ׳בין ניש אויסן אויפצוצווינגען. ווי אַ שכן בינ׳עך

נאָר אַריין אַ בליק טון, באשר... האָסט געהערט וואָס אַ מענטש רעדט! געזען אַז טעג דורכאַנאַנד עפּנט זיך נישט די טיר ביים נאָענטסטן שכן, זאָל מע ניש אַ קוק טון? בינו־לבינו וויל׳עך אַקעגנקומען מיט אַ גמילת־חסד. ס׳גייען גראָד אַצינד שווערע וואָכן. ס׳איז „מוך״ *) אין מיסחר. אין אַ סך שטובן קוועלט מע זיך, באַדאַרף מע קומען צו אַ נאָענטן שכן מיט אַ ביסל פריינדלעכקייט. איך באָרג ענק נאָר. אַליין זענט איר מסתּמא ניש דרייסט צו בעטן אַ פּאָר זלאָטיס „פון דער האַנט״. מ׳איז דאָך נישט אין וואַלד. ר׳ שואל פרענקל, רעדט ער שוין צום אַלטן אין געלעגער, מער־טשעשעם, ס׳עט ווערן גערוימער מיט לייזעכץ, לייט ׳עלן נעמען אַרבעטן, ׳עט עך אָפּגעבן. דער אייבערשטער זאָל נאָר שענקען ס׳געזינט.

*

גאָר אַ געדריקט געמיט איז ווי אַ פינצטערער וואָלקן געהאַנגען איבער יידישע אָרעמע־לייט, וועלכע זענען מיט אַ מאָל אָפּגעשניטן געוואָרן פון זייערע פּרנסות. ס׳פעבל איז אין המונים אַרויס אויף די מערק ווו יידישע ווייבער האָבן געהאַנדלט מיט אַ ביסל צעלניק, מיט אַ קויבער בייגל, אַ קיישל עפּל און די טאָלאַלייסטווע האָט אַלץ צעטראָטן מיט די פיס, גע־ליאַרעמט „הוזשאַ נאַ זשידאַ״; לאָבוזעס האָבן נאָך באַגאָסן דעם יידישן סטראַגאַן מיט אַ כליאַפּ זאַלצזייערס, אַ סם אַזאַ. צעלאָזענע שקצים מיט שטעקנס און אייזערנע הענטשקעס אין זייערע פויסטן, האָבן אין די גאַסן זיך געוואָרפן שלאָגן דורכגייענדיקע יידן; הפקרים אין סטודענטישע היטלען און אין גימנאַזיע־אוניפאָרמען האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויף די שוועלן פון יידישע געוועלבער נישט אַריינצולאָזן קיין קונים. ס׳ווילדע אַנגעלויף האָט זיך צעשריגן אויפן גאַנצן גאַרגל: — קויף נישט ביים זשיד! ער איז אַ בלוטזייגער. קריסט, אַלץ קענסטו באַקומען וועלוועלער אין דער פּוילישער „ספּולדזשעלניע״! — — און האָט אַ זייעריקער דאָך געקויפט אין אַ יידישן געוועלב וואָס דער סוחר האָט מחמת פיינלעכער געקוועלטקייט געמוזט עפענען (כאָטש ס׳האַרץ האָט אים געציטערט פאַר אַ מעשה־רע פונעם פעבל), האָט דער ערב־רב דעם קונה אָנגעשפּיגן אין פּנים און נאָכבאַגלייט מיט אַ געפּילדער: „זעט, דער איז אַ יידישער משרת, אַ ברודיקער מאָשעק!״

---

*) שוואַך מיט פּרנסה, שטילשטאַנד.

צו מאָל האָט מען אַזעלכן אויך נאָכגעוואָרפן אַ שטיין. אַנדערע וואָס זענען נכשול געוואָרן מיט נייען זיך אַ מלבוש ביי אַ ייִד, האָבן די ברואים, וואָס האָבן געטשאַטעוועט אין די ווינקלען, בגוואַלד אים אָנגעהאָנגען אויף דער פּלייצע אַ פּאַפּירענעם „שיר המעלות״: — איך בין אַ ייִדישער פּאַכאַלעק! (אַן אונטערלעקער). דאָס גוייִשע פּסולת האָט נאָך אייפעריק געהיט אַז דער פּ אַ ר ז י נ ד י ק ט ע ר זאָל פון זיין בגד נישט אַראָפּנעמען דעם טומלערישן פּסק וואָס איז אויפן פּאַפּיר געווען אויפגעשריבן מיט גרויסע שוואַרצע, שרייִקע אותיות. סיי קליינוואַרג סיי דערוואַקסענע זענען פון באַגינען ביזן טיפן פאַר נאַכט געווען אויף דער וואָך פון אָפּהיטן דעם אָנזאָג פון די „וויכטיקע״ אַז מ׳באַדאַרף וואָס מער פאַרמיאוסן דאָס לעבן פונעם זשיד. בכלל פלעגן ערלים, אַפילו די וואָס זענען נישט צוגעשטאַנען צום ליאַרעמ־דיקן העצן, אויך שוין גענומען וויכן פון זייערע נאָענטסטע ייִדישע שכנים. אויב יאָ געוואָלט קויפן ביי ייִדן, איז מען צו זיי געגאַנגען דורך אַ הינטער־טיר. אַ ייִדישן דאָקטער האָט מען מער נישט גערופן צו אַ קראַנקן קריסט, כאָטש דער זעלביקער איז געווען הויך געשעצט ווי אַ מומחה. אין אַ ייִדישער אַפּטייק האָט מען אויפגעהערט אַריינגיין, אַפילו ווען אין דער געגנט איז נישט געווען קיין קריסטלעכע אַפּטייק. ווידער אַ קריסטלעכע אַפּטייק האָט אַ ייִדן אָפּגעזאָגט צו פאַרקויפן אַ רפואה. די זעלטענע צווישן די קריסטן וואָס האָבן זיך געשעמט מיטן מיאוסן פירעכץ צו דערנידעריקן די ייִדן, האָבן מורא געקראָגן פאַר אַ בלוטיקער נקמה פון פעבל, פאַר האָבן מחזקות מיט אַ ייִד. דאָס עם־רע האָט אַן שום שטערונגען געווילדעוועט אויך אויף די טראַקטן פון לאַנד, ווען ייִדישע הענדלערס און בעל־מלאכהס זענען בלית־ברירה געפאָרן צו אַ יאַריד. פון די שליאַכן און דאָרפישע וועגן האָבן זיך געטראָגן יאָמערלעכע געשרייען פון באַפאַלענע מאַרקפאָרערס. האָט אַ יידישער קרעמער אָדער טאַנדייטער דאָך זיך געשטעלט אויספּאַקן זיין סחורה אויפן מאַרק, האָט מען אים צעשלאָגן, די סחורה געוואָרפן אין בלאָטע אָדער זי צוגעגזלט. מ׳האָט אים אויך נישט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ מיט אייזערנע פרענטן אָדער צעשטאָכן מיט מעסערס. פּאָליציע האָט געקראָגן אַן אָנזאָג נישט צו ווייזן זיך אין דרויסן, ווען ס׳שטעלט זיך אַ מאַרקטאָג.

דאָס פעבל האָט געהאַט פרייע הענט צו טאָן אַלץ וואָס אים גלוסט זיך. אַ זשיד איז אַן ווערדע און אומגעוווּנטשן אויף פּוילישער ערד. מ׳דאַרף אים כלל נישט האָבן אין די אויגן. ערשט קומען פּאַליאַקן פירן מיסחרים און טון אַלצדינג פון פרנסה וועגן. ייִדן האָבן אָבער נישט געקענט אָוועקגיין

פון לאַנד אין איילעניש. זינט אַ סך הונדערטער יאָרן האָבן זיי זיך אַריינ־געלעבט אין די שטעט און שטעטלעך מיט זייערע מלאכהס און אַנדערע פּרנסות און אויך געווען צווישן זיך צונויפגעוואַקסן מיט טיפע משפּחה־פֿאַרצלען. איבערלאָזן אַלץ און אַלעמען איז געווען גלייך ווי אויסצוגיין אין נויט מיט ווייב און קינדער אין אַן אומבאַקאַנטער פרעמד. נישט געווען קיין סך ברירהס. מ׳האָט אין אומעט געלעבט מיטן דורותדיקן בטחון אַז מ׳וועט איבערקומען אויך דאָס בייז און סוף־סוף ווידער זיך געלאָזט מיט אַ יידישן בעל־עגלה ערגעץ אויף אַ יאַריד. אולי ירחם! האָט טאַקע געטראָפן אַז שוין אונטערוועגס האָבן גוייִשע עדהס, באַוואָפנטע מיט קלאַניצעס, אויך מיט פּיסטוילן, באַרויבט די יידן פון אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט, סיי די סחורה סיי דאָס געלט. אַנדערע ערלים האָבן די יידן נאָך צעממיתט מיט גזלנישער אכזריות און ווי קויטיקע שמאַטעס אַראָפּגעוואָרפן פון וואָגן. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די הויפּט קרבנות, האָבן זיי דעם בעל־עגלה געצוווּנגען ער זאָל זיי אָוועקפירן אין אַ ווייטערן מקום צוזאַמען מיט דער צוגערויבטער סחורה. דערנאָך האָבן זיי אויך דעם בעל־עגלה, ווייל ער איז אַ זשיד, „אָפּגעפּאַרטיקט״ אויף אַ פעלד, דעם טויטן גוף אַריינגעשטויסן מיט די פיס ווי אַ שטיק מיסט אין אַ גרוב און אים פאַרשאָטן מיט פאַר־וועלקטע צווייגן און גרעזער.

ווי אַ בייז געוויטער האָט דער הפקר זיך געטראָגן איבערן פרידלעכן יידישן לייב און לעבן און פון אין ערגעץ איז נישט געקומען קיין רוף פאַר איינזעעניש, באשר אויך דער ייִד איז געאַטס אַ באַשעפעניש. די שתדלנות פון יידישע פּני אין וואַרשע צי אין לעמבעריק האָט גאָר אַרויסגערופן אַ שטראָם מוסר פון די מיניסטאַרישע און וואָיעוואָדישע קאַבינעטן:

„וואָס פאַר אַ טומל מאַכט איר, פּאַנאָוויע יידן, אויב דאָס פּוילישע פאָלק וואָס איז ביי זיך אין דער היים, וויל אויך זיך אָפּגעבן מיט האַנדל און פאַבריקאַציע? און אַז עמעץ ווייזט נישט אַרויס גענוג יראת־הכבוד פאַר אייערן אַ קרעמער, ליאַרעמט איר שוין אין די אויסלאַנדס אַז אין פּוילן פירט מען דורך עקסצעסן קעגן יידן! דאָס איז רכילות קעגן אַ פאָלק וואָס זיצט אין זיין פאָטערלאַנד — צי באַנעמט איר, פּאַנאָוויע פון קאַהאַל, וואָס דאָס מיינט? הערט ליבערשט אונדזער עצה: זייט מער געהיט מיט אייערע קלאַגערייען אַז מ׳טוט עוולות די יידן. אויב עמעצער באַגייט באמת אַ פאַרברעך קעגן וועמען־עס־איז, באַשטראָפט אים אונדזער געזעץ. דער עיקר: איר דאַרפט אָנזאָגן אייער קאַהאַל ער זאָל ווינציקער טרייבן רכילות קעגן פּוילישן פאָלק און נישט שענדן דעם נאָמען פון פּוילנס גוטע שכנים.

אַ חוצפּה דאָס האָט אָנרופן אַ הונט מיטן נאָמען פון דעם פירער פון דייטשישן פאָלק, וואָס איז אַ פריינד אונדזערער. איר׳ט אַ שלעכטע נאַטור, פּאַנאָוויע: ביי אַ ליאַדע שטות, קענט איר אַרויסקומען מיט אייער שאַרף מויל. יאָ, יאָ, פּראַצעסירן פאַר אַזוינס איז ווינציק. ווייסט: מירן מער נישט סובל זיין אַזוינס! געדענקט וואָס מיר זאָגן אייך ווי אמתדיקע פריינד!״ אָפּגעזאָגט די פּאַרציע מוסר, האָט דער פּאַן וולאַדזאַ *) זיך אויפגעשטעלט. ס׳איז געווען אַ צייכן אַז ר׳האָט מער נישט צוצוגעבן און די שליחים פון די יידן זענען אַוועק אָפּהענטיקע אַזוי אַז אין דרויסן האָט איינער מיטן אַנדערן לאַנג נישט געקענט אויסבייטן אַ וואָרט, כאָטש עס האָט זיך געוואָלט אַ סך רעדן, ווייל אויפן האַרץ האָט געזאָטן אַ טיפער ווײ. יעדן פון זיי איז אָפּגענומען געוואָרן ס׳לשון. וואָס, רבונו של עולם, — האָט אין איטלעכן זיך צעוויינט דער יאוש — קען מע שוין דערוואַרטן אַצינד פון דעם עם־רע? דער הפקר האָט טאַקע אָן אויפהער געבושעוועט. יידישע משפחות זענען ווי תּפיסהניקעס געזעסן געבונדענע אין די אייגענע ד׳ אמות און געציטערט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ. ס׳איז געווען אָן איינשטעלעניש אַרויסצולאָזן עמעצן אין גאַס אַריין. אַרויסגיין איינקויפן געניטיקס אויף איבערצוקומען דעם טאָג, איז געווען ווי דורכגיין אַ בראַנד. אויך טרעפן זיך מיט אייגענע איז געווען אַ סכנה, וואָרן די גאַס איז פאַרן ייִד געוואָרן אַ פּולאַפּקע, אַקוראַט אַזוי ווי מע שטעלט אויף פּולאַפּקעס פאַר מייז אומעטום ווו עס האָבן זיך אַריינגעקראָגן די מיאוסע שרצים, איינגענעסטיקטע אין שפּאַרעס אונטער דער פּאָדלאָגע, פון וואַנען זיי לאָזן זיך אַרויס אין דער פינצטערניש. לייט מיגלען זיך פאַר זיי, האָבן אויך מורא זיי זאָלן נישט צעבייסן אַ מלבוש. דער ייִד איז אויסגעשטעלט אויף דער סכנה אַז אַ ליאַדע שגץ, אַפילו אַ שכן פון לאַנגע יאָרן, זאָל אים באַפאַלן. מענטשן האָבן פון דעסטוועגן נישט געקענט זיך באַרויִקן; אַנדערע האָבן זיך איינגעשטעלט און זענען יאָ אַרויס אין גאַס. „וואָס, אין אַ וואַלד זענען מיר? מ׳מוז זיך פאַרטיידיקן. אַפילו אויף אַ קלאַפּ ענטפערן מיט אַ קלאַפּ. מ׳טאָר זיך נישט לאָזן אַזוי פיל״ — האָבן טייל שוין אויסגעשריגן צעוויטיקטע פון דער־נידערונג. ס׳האָט אָבער ווינציק געהאָלפן. די גאַס האָט געברענט מיט ייִדן־שינאה. דער זשיד איז געוואָרן די גרינגסטע סיבה פאַרן אויפפלאַם פון דעם הפקרניק. איז אַ צעבלוטיקטער אַוועק אין פּאָליציע זיך באַקלאָגן אויף

*) דער האַר געוועלטיקער.

אַ רציחה וואָס מ׳איז נאָר וואָס באַגאַנגען קעגן אים, האָט דער פּאָליציייסקער געביטער דעם מענטש אויסגעלאַכט:

— נישקשה, ס׳וועט זיך פאַרהיילן. אַ קליין ביסל בלוט אָפּגערונען. ס׳נישט קיין סכנה. דער פאַן אָביוואַטעל זעט דאָך אַליין: ס׳איז נאָר אַן אויבנאויפיקער ראַץ אויף דער הויט. איר שטייט נאָך, זע איך, שטייף אויף אייערע פיס. גייט ליבערשט אַהיים זיך אויסרוען. אַז י׳ינגלעך מאַכן זיך אַ ביסעלע פריילעך, באַדאַרף מע נישט האָבן פאַראיבל אויף זיי. ס׳זענען דאָך פּוילישע קינדער!

מוראדיק אומהיימלעך געוואָרן. דער דרויסן איז געווען אַ בראַנדטויער, וועלכן דער ייִד האָט געמוזט דורכגיין. אומעטום האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף דער צעשטשירעטער צורה פון אַ רוצח. מיט וועלקנדיקע טריט איז די דערנידערונג נאָכגעגאַנגען אויף דעם אונטערוואַקסנדיקן ייִדישן קינד וואָס האָט מיט צער געמוזט צוזען די דערשלאָגנקייט פון זיין לייבלעכער מאַמען און אַנטקעגנגיין דעם פאַרחושכטן טאַטן, וועלכער האָט אין שטוב ביי זיך אַרומגעשלייכט מיט אַ פאַרפרעסט מויל מחמת די נישט אַרויסגעבראַכטע יסורים.

אין פראָסטנעפּל וואָס איז געהאָנגען איבער די קויטיקע גאַסן, האָבן געזעמלעך הונגעריקע מיט פאַרשטאַרטע פּנימער זיך געוואָרעמט ביי פלאַקערנדיקע קאָקסאויוונס ווי צעגליטע אייזערנע קוישן וואָס האָבן געטשאַדעט אויף מערערע ראַגן פון שטאָט. מיט חלשות־קראַמפּן אין די אינגעווייידן האָבן לייט „געטאַנצט" אויף פאַרשטייפטע פיס און אין זייער זינען האָט זיך שטאַרקער צעטליִעט דער אַנומלט אויפגעלעבטער באַגער צו אַנטרינען פון די אייגענע ד׳ אמות וואָס שטויסן זיי אַרויף אויפן סאַמע סכנותדיקן שפּיץ באַרג פון שוין אָנגעפּלאָנטערטן אומרו. די היימישע נעסטן זענען דאָך געוואָרן ווי אויסגעפּרוירענע לעבעדיקע קברים, פון וועלכע עס טרייבט דער אומאָפּטרעטלעכער זלידנער הונגער וואָס צעטרייסלט דעם גוף.

נמאס און מיאוס איז געוואָרן דאָס שטיפמוטערישע היימלאַנד ביי דער ווייסל, ביים נאַרעוו און סאַן.

ווי אויף צו להכעיס האָבן פאַר די דערשלאָגענע הונגעריקע דעמאָלט ווי פון אונטער דער ערד אויפגעטויכט די אַנומלטיקע יללות וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אונטערגעצונדענע דערפער ביינאַנד מיט זייערע צייטיקע תבואה־פעלדער. גלייך אַ מבול פון גליוועריעם האָט דענצמאָל איבערן מוח־שיידל זיך דורכגעריסן אויף דער גרויליקער געשריי פון די ייִדן מיט די

אויסגעריסענע בערד צוזאַמען מיט שטיקער פון זייערע פנימער, צעשניטענע מיט שאַרפע גאָלקלינגלעך. אַ צעטאַפּטשעטס מיט פרייד פון מונדווירטע זעלנערישע רוצחים, האָט דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט געווירן אויף דער הייוון פונעם בייז וואָס האָט געדייעט אין דעם עם־רע, אַ משוגע־געוואָרנס פון דער אומגעריכטער אויפריכטעניש באַפרייט צו ווערן פון דורות־לאַנגן פרעמדן יאָך. צעגאַרטלט פון דער גדולה מיט דעם נייעם פוילן, האָבן די „ייִנגלעך" געקוילעט דאָס ביסל יידן וואָס זיי איז אונטערגעקומען. המוניש האָט דער אַ שגעון זיך צעהילכט איבערן לאַנד ווי פון בהמות אויפגעריסענע מאָרדעס וואָס האָבן זיך דערזען ביי לײדיקע קאָרעטעס:

„אַוועק מיט די זשידעס! פוילן איז נאָר פאַר די פאָליאַקן!" צו דערצו זענען נאָך געקומען די פרעדיקס פון פרומען פאַטערל טשעטשיאַק וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פון אַמבאָנעס און אויך פון טריבונעס אויף שטאָטישע מערק. אַלע מאָל איז ער אויסגעוואַקסן מיט זיינע פרעדיקס אין אַן אַנדער אָרט.

— איטלעכער פאָליאַק מוז געדענקען ווי אַ הייליקן חוק פון אונדזערע עוואַנגעליעס אַז אין פוילן מוז טאָג־טעגלעך צווישן אונדז קאַטאָליקן שטענדיק גילטן נאָר דער „סוואָי דאָ סוועגאָ" *). יעדער קאַטאָליק דאַרף גיין נאָר צום אייגענעם שטאַמברודער סיי אין האַנדל, סיי אין אַרבעט און סיי אין באַדינונג. אין זיין פרעדיקן האָט דער הייליקער פאַטערל זיך צעליאַרעמט מיט בלוטפעטער סלינע אויף די ליפּן: — ברודער פאָליאַק, באַשיץ אויף יעדן שריט די טובה פון דיין ברודער, דעם קאַטאָליק, אָבער נישט דיין שונא, דעם זשיד. קויף נאָר ביים פאָליאַק. היט געטריי די חברשאַפט מיטן פאָליאַק און דיין פאָלק, אַ געאייניקטס, וועט זיין שטאַרק אַנטקעגן דעם זשיד. ער פעלשט אין דעם לאַנד וואָס איז אונדז טייער און ער גראָבט אונטער זיין קיום. אַז דער זשיד גענאַרט אָפּ פון צאָלן פאָדאַטקעס פאַרן לאַנד ווו ער לעבט, עסט זיין ברויט, האָט שוין קלאָר באַוויזן דער הויכער סיים.

✶

דער דרויסן האָט אָנגענומען די צורה פון אַ צעיאָכמערטן גולם וואָס האָט אַן אויפהער געשטשירעט מיט זיינע צעפּוילטע ציין. אויף דער הימל

*) יעדער צו דעם זייניקן.

האָט טונקל זיך גערונצלט און די דאגות פאַרן אָרעמען ביסן האָבן פיינלעך געדריקט אויפן געמיט.

— מ׳וואָלט כאָטש אויסגעצאָלט דעם שוין אויסגעהאָרעוועטן זלאָטי, מ׳זאָל קענען די נשמה צוריקיאָגן, — האָבן געפינצטערט די פּנימער פון די לייט וואָס האָבן פון פראַצע אָנגעלעבט נאָר מאָזאָליעס אויף זייערע הענט. די שטובן זענען געווען „לעכער" פון וועלכע ס׳האָט זיי אַרויסגעטריבן, כאָטש קיין פרייד האָט אויך אַנדערשווו זיי נישט דערוואַרט. — אָנגעאַרבעט זיך דעם הויקער, האָבן מערערע געזיפצט, אָבער באַצאָלן דעם גראָשן צאָלט מע נישט. „נישטאָ. קיינער ברענגט ניש קאַ׳ געלט", טענהן די פּרנסה־געבערס אונדזערע. כאָטש גיי צונויפנעמען פאַר זיי אויף שבת, — מורמלען די אביונים און זויערן אויס אַ צעבראָכענעם שמייכל צווישן באָרד און וואָנצעס.

— צעשנייד יעדן גראָשן, ווטסטו זען מיין פאַרקלעמט האַרץ, — האָבן צעקנאָדערטע ווייבער געאָכצט איבער אויסגעקילטע הרובעס. — ערגער פון אַלץ איז אַז ס׳איז נישטאָ אַפילו די פאַסנע קאַרטאָפל. די טעפּ זענען שוין איבעריק געוואָרן אין שטוב. ווי, שוין אַזוי לאַנג איז נישטאָ וואָס אין זיי אַריינצולייגן.

די פּיין האָט מוראדיק געביסן דאָס לעבעדיקע לייב פון די וואָס האָבן אין דחקות געזוכט אַן אויער וואָס זאָל זיי הערן: „אָך איז אונדז פאַרן ווייטיק צו מוזן צוקוקן ווי ס׳דאַרן אונדזערע יונגע קינדער. מיר זענען באַשיימפּערלעך שוין פאַרמשפּטע. ווייל ווער האָט דעם כּוח צו טראַכטן וועגן לויפן זיך ראַטעווען ערגעץ? מיר ׳עלן דאָ אויסגיין, בעת די ערלים לעבן און לאַכן אַפילו היינט. מסתמא האָבן מיר גרויסע זינד אויף זיך, אָבער וואָס זענען די קינדער שולדיק?!" אָפּט האָט פון אַוועמען זיך אַרויסגעריסן אַ כריפּלער געקלאָג אַז ס׳איז נישט רעכט מיט איבעריקער סבלנות צו וואַרטן אויפן אומקום, רחמנא ליצלן. ביי אַן אַנדערן האָט ווי אַ בליץ אינעם חושך זיך דורכגעשניטן דער רעיון, וואָס האָט מיט אַ מאָל אָנגעליכטיקט אַז אין אמתן האָט דווקא דאָס חושכניש אָנגעצייטיקט אַ ווידערווילן צו די איינגעהיימישטע מקומות, פון וואַנען ס׳האָט בולט אַרויסגעפינצטערט די אימה פאַר נייע פּלאָגן.

„מ׳מוז זיך איינשטעלן און נישט־ווערן פון דאַנעט וואָס איז פאַרשאָלטן געוואָרן פון גאָט. קודם נעלם ווערן פון די ביטערע שכנים וואָס האָבן ערשט ביי נייס אַנטפּלעקט זייערע אמתע פּרצופים". עמעצער האָט דאָס סודותדיק אַרויסגעבראַכט פאַר אַן אייגענעם און דער האָט עס איבער־

געחזרט פאַר אַן אַנדערן און סע האָט געגומען חושכדיק אויפבליִען ווי א געשוויר אין די אַנגעטומלטע מוחות. לייט האָבן אָנגעהויבן זיך שושקען דערוועגן, איבערווינקען זיך און בשתיקה טאַקע זיך אָפּגעריסן פון די היימישע און ליבע. זאַלבע צווייט, זאַלבע דריט האָט מען זיך אַרויסגעלאָזן פון דער היים כדי אין דער וויסטער פרעמד נישט צו שפּירן זיך עלנט, איינער־אַליין. אַזוי אַרום האָבן לייט ביסלעכווייז זיך געשטרעקט צו די ווייטע, סכּנהדיקע וועגן, בעת אין האַרץ האָט נישט אויפגעהערט ציטערן אַ ווייטיקלעכער אומרו. דערעיקרשט האָט יונגוואַרג זיך אַרויסגעריסן.

אין פינצטערער, צו מאָל אין וויכערדיקער נאַכט, האָבן יונגע־לייט, אָפט אויך פאַרפעלקער שאַטנדיק געשפּאַנט צו אַ בלינדן ערגעץ, אַבי נישט צו בלייבן בייַנאַנד מיטן הפקרדיקן וואַטשעך און אַנטעק. אין פאַרטראַגנקייט און אין בענקען צו די אייגענע, וואָס זענען געבליבן אין טיפסטער פאַר־לאָזנקייט, האָט די דאָזיקע פּליטים עפּעטערס זיך אויסגעוויזן אַז אַ כּישוף־האָרן רופט זיי צו זיך. אָבער פאַרויס פון זיי איז דער וועג דערווייַל נאָך געלעגן אין טומאַנעס געקלער: „ווער ווייסט ווו ס׳איז ערשט באַשערט אָנצושפּאַרן״. אָלאָ דער וועג גופא האָט אויך אָנגעשראָקן מיט זיין מראה און ריח פון פרעמדקייט. איטלעכן האָט זיך אויסגעדאַכט אַז מ׳שפּירט אים נאָך, סכּנה טרעט אים שוין אויף די פּיאַטעס, אַז „ער״, דער נאָכשלייכנדיקער שאָטן, איז אַן אָנלאָדונג פון פייער און סם וואָס וועט אָט־אָט אויפרייסן האַרט ביי זיינע פיס, ס׳פּנים אַרומכאַפּן מיט זשעדנע פלאַמען. צו מאָל פלעגט אַוועמען אויפן הויכן קול טאַקע אַניאַגן דער צאַרנדיקער געשריי פונעם נאָכשפּירער, וועלכער האָט מיט זיין שוים אָפּגעבריט די אויערנ־לעפלעך אַפילו פון די תּמימים וואָס האָבן אַפילו נישט געטראַכט פון גיין זוכן אַ מקום־מיקלט פאַרן פאַרצרהטן מעמד:

— צו די באָלשעוויקעס, פּשיאַ קרעוו, טראָגט עס דעם פאַרשאָלטענעם אַנטיקריסט! ווו נאָר אַ זשיד איז ער פאַרקאָכט אין דער ברודנער באָל־שעוויע — — האָט געליאַרעמט די צעקאָכטע פּוילישע יוכע. אָ, זיי ווייסן שוין וואָס עמעצער טראַכט, מיט וועמען איטלעכער באַגעגנט זיך, די משוגענע הינט פון דער רוצחישער דעפענסיווע *). אויף טריט און שריט ווימלט עס מיט די ווערעמדיקע מוסרים. יעדער וואָס האָט באמת בדעה צו לאָזן זיך „אין וועג אַריין״, לעבט איבער ביי צייטנס די פּיינען וואָס די דעפענסיווע־אַגענטן טיילן אויס זייערע קרבנות. צעיאָכמערטע בייגן זיי זיך

*) די פּוילישע פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי.

מיט בייזן פּליים איבער די וואָס קומען זיי אין די הענט אַריין. פֿאַר די דאָזיקע תּלינים איז געגוג אַ ליאַדע חשד, עמעצנס אַ ווונק, אַז זיי זאָלן אַוועקמען ממיתן אין לאַנגע, יסורימדיקע טאָרטורן. ס׳פֿאַלן העפּטיקע קלעפּ איבער די פּיס, איבער די פּלייצעס אַזש דעם קרבן כאַפּט אַ מוראַדיקער קאָרטש אין חוט־השדרה. די פֿינגער פֿון די הענט ווערן איינגעקלעמט צווישן די טיר־זאַוויעסעס פֿון דער פּאָליציי־קאַמער; פֿון די אויסגעהאַקטע ציינער רינט ס׳בלוט און דאָס מויל ווערט אָנגעשוואָלן ווי אַ באַרג. גומענע שטעקנס מיט בליי־קייקעלעך אין די שפּיצן פֿאַלן מיט רוגזה איבער די אָנטבלויזטע לייבער פֿון די געשטרויכלטע. אָך, די פֿרענגעס ברענען איבערן נאַקן ווי אָנגעגליטע קישנס!

די אימה פֿאַר די דראַענדיקע יסורים וואָס אַ ליאַדע אויסוויכניען דעם טראַט קען גורם זיין אין דעם מוראַדיקן ענגן וועג, צינדט אָן דעם דמיון פֿון די פֿאַרמאַרעטע וואָס קלייבן זיך צו אַנטרינען פֿונעם געבוירנלאַנד. דאַך האָבן זיי ווי די שאָטנס, שאַרנדיק זיך ווי גנבים, שטיל זיך דורכ־געטראָגן איבער די שטעט פֿון פּאָלעסיע, אַזוי אויך זיך אַריינגעשאַרט אין באַן־וואַגאָנעס. פֿון די פּאָלעסיער און אויך וואָלינער מרה־שחורהדיקע וואָקזאַלן איז מען מיקלאָמפּערשט געפֿאָרן אויף משפּחה־שמחות צו „מומעס״, צו „פֿעטערס״ און שוועסטער־קינדער. מיט קליינע קלומעקלעך געלאָזן זיך אין וועג אַריין; אַנדערע האָבן ווי האַנדלס־אַגענטן פֿון לאָדזשער, טאָמאַ־שאָווער און ביעלסקער טעקסטיל־פֿירמעס זיך געטראָגן איבער די ראַנדן פֿון דער פֿאַרטונקלטער פּוילישער מדינה. אויף די „קרעסן״, ווי ס׳האָבן געהייסן יענע ראַנד־שטחים פֿון לאַנד, האָט עס טאַקע געווימלט מיט די וואָס וואַרפֿן אַריבער קעפּלעך אויף יענער זייט געהיימעגישפּולער, לאָקנדיקער גרענעץ. כּך וכך איז געשטאַנען דער מקח פֿאַר אַריבערפֿירן „אַ קעפּל״.

*

אין בעל־הבתּישע הייזער זענען זיי געזעסן, די מולכערס, וואָס האָבן אומרויִק אַרויסגעקוקט אויף דער צוגעזאָגטער סחורה וואָס ציט פֿון די ווייטע ערגעצן. זיי, „די סוחרים״ אָפּנעמערס, האָבן בנעימות געפּלוידערט ביי זידנדיקע סאַמאָוואַרן, געשמאַק אַריינגעכאַפּט דעם נאַכמיטיקדיקן שלאָף און אין שפּעטלעכן פֿאַר נאַכט מיט הנאה שוין געציילט די שווערע געלטער וואָס זיי איז איינגעצאָלט געוואָרן מיט ליפּנציטער צו גלייך מיטן איבער־

ענטפערן אין זייערע הענט אַרייַן דעם גורל פון צעפּייניקטע, פאַרמאַרעטע מענטשלעכע לעבנס. אויסגעפּראַצעוועטע הענט האָבן אָפּגעגעבן דאָס קוים־צוזאַמענגעקראַצטע, אויך געבאַרגטע געלט און אַפּילו דאָס וואָס איז ווי אַ פּקדון אויסבאַהאַלטן געוואָרן זיבט יאָרן פון וועגן אַ נעבעכדיקן אויס־שטייער פאַר אַ שוועסטער צי פאַר רפואות פאַר אַ דעכעוויצנעם טאַטן אָדער אַ מאַמען וואָס עטעמט קוים.

מולכערס! אַ פּחד האָט די אויסגעליטענע אָנגעכאַפּט ביים דערמאָנען „זייער שליחות״ כלומרשט אַרויסצוראַטעווען מענטשן פון דריקנדיקער נויט און, אפשר, אויך פון אומקום מצד פּאָליצייסקע אויספּאַרשערס פון ווידער־שפּעניקע און זינדיקע. מיט אַ פּרומער העוויה, ווי ביי גאָטספּאַרכטיקע ייִדן בעתן דאַווענען, האָבן די אָנגעקומענע אין די אומבאַקאַנטע טויבע מקומות מיט לייב און לעבן זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די אַ סודותדיקע לייט, געגלייבט אַז זיי האָבן אַ טיפע שייכות מיט די פון יענער זייט... בכן זיי זענען אומיסטן געשיקט געוואָרן ווי פּאָלקסגעטרייע שליחים פון אַ נייער וועלט וואָס איז ערשט אַרויס פון דער אייערשאָל; מ׳האָט זיי געשיקט אַרויסצוראַטעווען די פאַרשקלאַפּטע צו ביטערער האָרעוואַניע פאַר די וואָס לעבן רייך, בשפע, אויפן חשבון פון גרויסע מתנות וואָס אַרבעטן מיטן שווייס פון זייערע לייבער און קענען דאָך נישט דורכקומען מיט דער בידנער חיונה. אָפּנים, אויף די פּלייצעס פון די אַ שליחים ליגט די אחריות פאַר דער געלייטערטקייט פון דער באַפרייערישער רעוואָלוציע לטובת אַלע געליטענע פון דעם מענטשן־מין. מסתמא נאָר מיט בייזע כוונות פאַרשפּרייטן שווערקעפּיקע וויסטע רכילותן באשר די אַריבערשוואַרצערס איבער דער גרענעץ, זענען פּראָסטע פּויערים, רויבערס. פון די צעשראָקענע אַנטלויפערס ציִען די אַראָפּ אַלץ וואָס לאָזט זיך נאָר; ביזן לעצטן פאָדעם גזלען זיי צו ביי די וועלכע ווערן געפירט צו דער גרענעץ. די קרבנות לאָזן זיי הויל און נאַקעט, אַפּילו אין פּראָסט צי אין מיטן זאַווערוכע טרייבן זיי די אומ־גליקלעכע צו די, צו וועלכע ס׳האָט זיי געלאָקט. מעגלעך, — האָט זיך געטראַכט אין אַליינטרייסט — טייל פון די דאָזיקע זענען אפשר קנאַפּע צדיקים, דאָך ראַטעווען זיי אַרויס אַ סך מענטשן וואָס טרענקען זיך אָן שום האָפּענונג ניצול צו ווערן פון טיפסטן תהום. סוף־כל־סוף ברענגען זיי די צעפּייניקטע צו אַ ל י כ ט י ק ן ב ר ע ג. איז אַ כפּרה אַלץ, אַפּילו דאָס געלט וואָס נאָך געהאָט אין קעשענע ווי אויך די זאַכן וואָס זענען אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם. איי, מ׳איז אַחוץ דעם אויך אויסגע־שטעלט אויף האַרצקלאַפּעניש? אָן איבערלעבעניש קאָן מען קאַ׳ גוטס

נישט דערגרייכן. וויכטיק איז דאָס עצמדיק גרויסע — דאָס אַריבערוואַרפן די אויסגעליטענע אויף „יענער זייט", ווו עס נעמט אַ סוף צום גיהנום און ס'הייבט זיך אָן אַ באַנייט לעבן אונטער אַ יושרדיקער ממשלה פון אַ גרויס דורכגעלייטערט לאַנד. מ'באַדאַרף לאַכן פון דעם וואָס לייט נאַבלען. אַבי מ'קומט נאָר אַריבער אַהין צו — —

אין אמתן האָבן די מולכערס געהאַט פאַרטרוילעכע בעל־עגלהס וואָס פלעגן אויף פויערישע פורלעך, איבער אומהיימלעכע שטעגן, צווישן זומפּן און פּיצינקע דערפלעך, אין נאַכט־פינצטערניש צעוואַרפן „די סחורה" אין כאַטעס, נאָענטע צו דער גרענעץ. אויך מעשה חתונה־געסט פלעגט מען אַפילו אין מיטן העלן טאָג זיך טראָגן איבער די קאַלעמוטנע יִשובים, מיט כּלומרשט האַפערדיקן געמיט געפאָרן און זיך פאַרגונען לאַכן אויפן הויכן קול. דערצו זענען שוין געווען געגרייט יומטובדיקע טישן און „אַ כלה" האָט שוין ערגעץ געוואַרט — אויב ס'וועט זיין נייטיק, פאַר הונדערט טויזנט ערליי... דערהויפּט האָבן די בעל־עגלהס שטיל שטילינקע, ווי די וועלף, זיך געגנבעט ביי נאַכט איבער וועלדער. די אויפגעקליבענע פאַרשויינען זענען געפירט געוואָרן אין גרופּעס. די ק ע פּ ל ע ך האָבן ווי די בלינדע געמוזט שלעפּן די פיס איבער זומפּן, זומפּ אַריין, זומפּ אַרויס, איבער ליימיקע גריבער, צו מאָל אויך איבער וואַלד־ריטשקעס. קיינער האָט נישט געטאָרט זיך אַ קרים טאָן. די פויערישע אַריבערוואַרפערס האָבן, אַפנים, געהאַלטן אַז גרעסערע שטערונגען אין גאַנג זענען אַ סגולה קעגן דער שרעק וואָס האָט פייערדיקע אויגן. און איז מען געפאָרן ביי טאָג, איז דער חשבון אויך געווען אַ גוט־באַרעכנטער: באשר דער נישטערנדיקער בליק פון די שומרים איז ביי דער טאָגשיין נישט אַזוי שפּיציק, מחמת דעם אַנגענומענעם כּלל אַז דאָס ס אַ מ ע אַ ר י ב ע ר ג י י ן קומט פאַר נאָר אין דער פינצטער. און חשודע פאַרשוינען וואָס קומען פון דער ווייט, סמייען נישט ביי טאָג אַרויסצושטעקן די נעז. אין די דאָזיקע אָפּגעלעגענע שטעטלעך איז די פּאָליציייסקע שמירה סתּם מיד פון נאַכאַנאַנדיקן יאָגן זיך אין די טונקלענישן נאָך פאַרדעכטיקע און ווידערשפּעניקע. צו מאָל זענען די שמעקערס געוואָרן דערשלאָגן פון אומזיסטיקן אַרויסקוקן אויף „אַ ביסעלע היימלעכקייט". זיי איז אויך געווען נמאס דאָס וואַרטן צו קענען קריגן אין יד אַריין אַ כאַפּעדיק שטעקגעלט, ווי ס'טרעפט אַ מאָל ווען ס'קומט אַ וואַזשנע פּאַרטיע אַנטלויפערס. פּשיאַ קרעוו, סוקיני סיני *) זענען די שמוגלערס פון דער לעבעדיקער

*) הינטיש בלוט, צויגן־זין / אַ פּוילישע קללה /.

סחורה, — פלעגט די פּאָליציייסקע הידרע זיך טרייסלען פון כּעס. — מ׳באַדאַרף זיך שטאַרק אַריינבייסן אין זייער גאָרגל ווען זיי גליטשן זיך אויס. אָבער זיי זענען כיטרע, פּשיאַ קרעוו, שפּאַרן זיך דורך דורך אַ מויזנלאָך. זיי זענען געמיין, פּאַלש קעגן אייגענעם פּאַטערלאַנד; זיי ברענגען אַ טובה דווקא דעם קרעציקן באָלשעוויק, אָלאַ אַ היימישן מענטש פאַרגינען זיי נישט צו מאָל אַ גוטן פּרעס טאָן; אָפּט האָבן זיך אַזוי צעשוימט די שמעקערס וואָס דינען סכּנות געטריי דער נאָשאַ פּאָלסקאַ קאָכאַנאַ *).

✶

ערב־פינצטער — די קורצזיכטיקסטע שעה פון מעת־לעת אין די אַנגעיאָזשעטע גרענעץ־ערטער — בלייבן די פרעמדע פורלעך שטעקן ערגעץ אויפן ראַנד פון אַן עלנט יישובל, וואָס איז פּלאַטשיק צוגעפּאַלן צו דער קאַלעמוטנער געגנט. פּלוצלינג שטעלט זיך אָפּ דאָס פורל. די אַהערגעבראַכטע כאַפּט אַרום אַ קאַלטער פּלאַם, גלייך דאָס געשפּענסטיקע וואָס אייגנטלעך דערוואַרט, איז דאָך געקומען פּריצייטיק. אַן אויפצאַפּל שפּירט זיך אין די פינצטער־אַנגעגליטע פּליגל פון דעם צעפּלאַשעטן פּחד. ממש ווי אַן אַנטבלויזטער חלף וואָלט זיך געוואָרפן אויפן באַדראָעטן נפש: „אוי, מאַמע!״ עמעץ דערשטיקט זיין אויפגעריסענעם ווײ, ווייל אַ שטאַרקע האַנט גיט אים אומגעריכט אַ שלעפּביים אַקסל און לייגט אַרויף אויפן מויל אַ בינטל האַרטע פינגער. ס׳איז אַ הרף־עין אַזאַ וואָס ניכטערט אָפּ, אָבער באַצווינגט אויך דעם שכל־הישר ווען ר׳זינקט באַשיימפּערלעך אין אַנגסטיקן חלום.

...ווערליק דעם בילן פון הינט און דעם קילבלעכן בלאָזן פון די זומפּיקע פּליינען, פונאַנדערגעשפּרייטע איבערן גאַנצן קאַנט, איז עס טאַקע דאָס וואָס מ׳באַדאַרף איבערקומען אין ציטערניש. פונעם אָקערשט קאַפּויער־געקומענעם שפּירט מען אַ ברי אין אינגעווייד און אין מוח גיט עס אַ צופּ: אָט קומט דאָס רעכטע־געדעכטע. האַרץ מיינס, שפּרינג נישט אַזוי! אָט אָ, אין אַ רגע, וועט עס אפשר אַרויסשפּרינגען פון דעם לאָקערנדיקן חושך מיט פייערדיקע חיהשע אויגן.

*) אונדזער פוילן די געליבטע.

קאַפּיטל עלף

— — — אין דער אָנגעדראָלענער טונקלקייט איז דאָס פּורל איינגעגליווערט געוואָרן אויף אַן אָרט, גלייך זיינע רעדער וואָלטן איינגעזונקען אין אַ שליימיקן שווייגן. ביינאַנד מיטן לעבעדיקן באַגאַזש ווערט אויך דאָס פּורל אין גיכן פאַרשלונגען פונעם שאָטן־געקנויל וואָס הויקערט זיך אויף ווי אַ ריזיקער יאָזש, וועלכער באַווייזט זיין נאָדל־שטעכיקע פעל ווי אַ וואָרענונג אַז מ׳זאָל זיך צו אים נישט צורירן. אָן אַ פּיפּס, נאָר נאָך אַ שטומען צי ביי אַן אַרבל עמעצן פון די וואָס האָבן לאַנג זיך געהוידעט אויף דער פּויערישער פורמאַנקע, נעמט עולם תיכף זיך באַוועגן הינטער אַ ווילדפרעמדן ייִנגל — אָדער אפשר הינטער אַ פּיצינקן פּויערל — אין אַ שאָפּענעם טולעפּ. דאָס אָ קאַפּויער־געקומענע פאַרשווינדל גיט אַ ווונק מיט אַ האַנט און אַלע אָנגעקומענע נעמען גיין. דאָס יינגל שאָטנט זיך פאָרויס און הינטער אים, פּלייצע הינטער פּלייצע, ציִען זיך נאָך אַלע, גלייך אַ שטריק וואָלט אַלעמען צונויפגעבונדן און, געשלעפּט. מחמת דעם אויפגעראָלטן רויש וואָס האָט זיך צעליאַרעמט אין די געהירן, זעט קיינער נישט גענוי אויף וואָס ער קוקט. ס׳איז דער שטויב פון צעטומלונג. רק עס פירט די פּלייצע וואָס פאָרויס. אַזויערנאָך, שפּאַנענדיק אין האַמעטנעם טראָט, זענען אַלע „קעפּלעך" אַריין אין אַ כאַטע, וועלכע איז מיט אַ מאָל ווי אַרויסגעשווומען פון דעם חושך וואָס האָט שוין געשטאָכן די אויגן. אָבער באַלד האָט זיך אַהין צו באַוויזן אַ פרוי, דאַכט זיך אַ בלאַס־פּנימדיקע ווי אַ טונקל־לייכטנדיקער לאַמטערן. מיקלאָמפּערשט איז זי געקומען אַ בליק טון וואָס ס׳געשעט דאָ, ווייל אַ האַרטלעך סקריפּען האָט זי איבערגעוועקט פון דרימל, אין וועלכן זי איז געווען אַריינגעפאַלן אין דעם אָונטגעוועב וואָס האָט אַריינגעפּויזעט אין איר געצעלט. קלאָמפּערשט נייגיריק זיך באַגריסט מיט אַ „דאָברי וועטשער", ווען דערזען „די קעפּלעך" און זי פירט באַלד אַוועק מיט זיך אַ מיידל מיט אַ בחור און שושקעט זיי אין פּנים אַריין: „איר זענט מאַן און ווייב, איר האָרכט? פאַרשטייט זיך, אויב מ׳וועט פרעגן..." זי׳ט נישט געוואַרט קיין ענטפער און ווי פון פריִער אָפּגעשמועסט, גייט „די פּאָר" איר נאָך שטומערהייט. דאָס אומגעריכט צונויפגעפּאָרטע „פּאָרל" דערוועגט זיך נישט צו קוקן איינס אויף ס׳אַנדערע. גלייך לבנה־גייערס קריכט מען נאָך אַ מענטשן ווּעמען מ׳קאָן נישט און מ׳ווייס אַפילו נישט ווי ער זעט אויס. אַנדערע „פּאָרלעך" פירט אַוועק

אַ מאַנצביל מיט אַן אומגעוויינטלעך קנאָכיק פּנים און אַ הויכן דאַרן האַלדז. אַ שטיל אויסגעשעפּטשעט קול האָט זיך אין אַ רגע געעפֿנט פֿאַר די פֿרעמדע, אַ געדעמפּט קול ווי אַ באַוועגטער פֿלעק אין טומאַנע ליניעס. נו, און דער פֿלעק נעמט שוין פֿירן. אַזוי אַרום האָט מען אַלעמען אַוועקגעפֿירט אין פֿאַרשיידענע אָפּגעזונדערטקייטן.

מע האָט די אָנגעבראַכטע „קעפּלעך" גיך פֿונאַנדערגעוואָרפֿן איבער מערערע כאַטעס און קאַמערן, אַלע אין אַן איינגעבוקטער סומנער טונקלקייט אַריין. אין דעם אָנטאַפּעוודיקן חושך האָבן זיך באַגעגנט מענטשן־סילועטן מיטן רוקן פֿון אַ זאַמדבאַרג וואָס אָקערשט האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן דעם נישטערנדיקן בליק. אַרייַנגעהויקערט אין זיך זענען די מענטשן געזעסן און נישט־ניחאדיק פֿאַרנומען אַ ליאַדע טראָט, עמעצנס אַ מורמל. פֿיינלעך האָט אָנגעהאַלטן די אָנגעשטרענגטקייט פֿון די חושים. אַזש אויף אַלעמענס איברים איז אָנגערונען אַ ווייטיק ווי אַ געשווילעכץ נישט צו קענען רירן מיט אַ פֿוס און די הענט זענען פֿאַרהילציקט געוואָרן. שפּעטער־צו, שוין אין פֿולער נאַכט, האָט מען פֿון ס'ניי אַלעמען צונויפֿגעבראַכט אין איין אָרט. ווידער שטאַרק ענגלעך און דער חושך איז געווען געדיכט אויסגעגאָסן אַזוי, גלייך די נאַכט וואָלט דאָ פֿון איר איינגעווייד אויסגעדאַמפּט אַ שווערע פּאַרע. טויבשטום איז געוואָרן דער אַרום ווי פֿרעמד ס'האָט זיך געלייגט דער לעסטיקער ריח וואָס האָט זיך געטראָגן פֿונעם חלל. האָט עמעץ, מחמת ענגעניש, זיך אַ ריר געטאָן, האָט דער באַוועג בלויז פֿריקרע אָנגעשלאָגן אין די שלייפֿן. ווייל איטלעכן וואָס מ'האָט געפֿירט פֿון דעם ע ר ג ע ץ אין דער דאָזיקער נייער אומבאַוווּסטקייט אַריין, האָט געפּייניקט דער געדאַנק אַז אַ חשודער פֿאַרשוין גנבעט זיך הינטער אים. גוואַלד, — האָט אין הייסן געשעפּטש ביי עמעצן אויך אַ קריץ געטון דער געביס אין מויל — דער שטן איז אויף אונדזערע סליאַדן. ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ צרה ס'גייט נאָך אויף אונדז!

...ערשט איז מען אַנטקעגן דער בלינדער נאַכט געזעסן אין אַן עיפּושדיקער קאַמער צווישן אַ געגאָנער פֿון גענדז, איבערגעשראָקענע פֿון פֿרעמדע אָטעמס וואָס האָבן אויף זיי אומהיימיש געפּאָכעט. ס'האָט ניילעך געדריקט דאָס געפֿיל אַז ביי בייס מוז מען, ווער ווייסט ווי לאַנג, זיך שטיקן אין אַ חושך מצרים, אויף וואָס מ'האָט זיך אַליין פֿאַרמישפּט. אין דער סאַמע נאָענט האָט מען גאַרנישט געקענט זען, וואָרן פֿאַר די אויגן איז געשטאַנען אַ שוואַרצער נעפּל. צווישן אַנטדרימלטע פֿון מידקייט, האָט אַן עמעץ אויפֿגעצאַפּלט פֿון אַ ליאַדע שאָרך. דער רוב אָבער האָט געטשאַטעוועט

איבער דער אייגענער ניכטערקייט, זיך געשראָקן אַנטשלאָפן צו ווערן, כאָטש דער שלאָף האָט שווער גענאָגט איבערן גאַנצן גוף. ס׳איז געווען אַ געראַנגל מיט דער שוואַכקייט וואָס האָט שולט געווען אויפן פּאַרמאַ־טערטן געביין. הייבט זיך אויף אַ געפלאַטער פון אַן עוף וואָס האָט ראַפּטעם ווי אַ בליץ אויפגעריסן דעם נאַכטישן חושך, אָבער עס האָט תיכף ווידער אַנידערגעזונקען ווי אין אַן אַנסופיקן תהום. מיליאָסן פויזנדיקע ווערעמלעך זענען באַלד זיך פונאַנדערגעקראָכן איבערן רוקן און דער שאַרבן האָט גענומען גליִען אין אַן אומגעזעענעם פאַרצוקנדיקן פלאַם. אָ, ווי פיינלעך דאָס איז צו באַזיניקן מיטן שלעפעריקן מוח! אָבער די אימה האָט סיי ווי געוועלטיקט איבער די צונויפגעטריבענע אין דער ענגעניש. ס׳האָט אויף זיי געאָטעמט אַזאַ אַווירדיק פוילעכץ אין אַזאַ אומדערהערטן אומרו, אָט־אָט אויפצושפּרינגען און נעמען לויפן ווי פון אַ שריפה־אויסבראָך. טייל האָבן טאַקע אויפגעצאַפּלט ווי אונטערגעבריטע. די געדיכטע פינצטערניש האָט זיי באַלד געהאַמעוועט, גלייך זיי וואָלטן שאַרף דערשפּירט די גראָבע קנופּן פון שטריק אויף זייערע לייבער. בלית ברירה האָבן לייט, שיכּור צערודערטע, צוריק זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די האַרטע געזעסן, ווידער זיך אויסגעשטאָכן די אויגן פונעם חושך און אין די געהירן האָבן ווידער גענומען זיך ראַיען געדאַנקען־צויטן פון דאָס און יענץ.

„פון איין אומגליק אַרויס און...?״

„מ׳זאָל נאָר נישט האָבן אַריינגעפאַלן איבער די אויערן!״

סכּנה האָט געצוקט אין בלוט, אָבער ס׳איז נישט געווען קיין צייט צו פאַרצווייפלען מחמת דעם אויפגיי פון אַ נייער מצודה. געזעסן צונויפגע־קוטשקעט קעפּ אויף אַקסלען, איינגעהאַלטן דעם אָטעם און פאַרקוועטשט די אויגן כּדי צו האַלטן וואָך אַלע חושים פאַר דעם וואָס דאַרף נאָך געשען. אוי, ווי קומט מען עס שוין אַדורך...

לאַנג, לאַנג האָט זיך געגאָסן די קלעפּיקע פינצטערניש און די צייט האָט זיך געשפּירט ווי זי צעגראָבט האַמעטנע די הויט. און קומט ענדלעך דער וואָס דאַרף קומען, דער מולכער, ציטערן די וויִעס דערפון וואָס מ׳זעט קוים־קוים, טאַקע פונעם אָנשטרענג, זיך איינצוקוקן אין אים, וואָסערער ער קען זיין...? וואָרן איטלעכער פון די צונויפגעטוליעטע, כאָטש פרעמדע, שפּירט מיטן גאַנצן לייב און לעבן אַז דער וואָס שטייט אַנטקעגן זיי, איז ממש דער דראָענדיקער שאָטן פונעם טייוול גופא, צו וועמען אַלע זענען גורלדיק אָפּגעגעבן געוואָרן; משמעות, ס׳איז די להכעיס־שפּיל פון דעם אָרעמאַנס מזל. פּיין איז די באַשערטקייט פונעם דלפון. ער טאָר זיך נישט

אַרויסדרייען דערפֿון. דאָס שפּירט זיך אַפילו פֿון דעם דאָזיקן. אָט ווי ער שטייט אַנטקעגן זיי מיט דער קוים זשיפּענדיקער שטאַל־לאַמטערנע אין האַנט. ער זעט אויס גלייך ר׳וואָלט ערשט אַ אַרויסגעקראָכן פֿון שלאָף צו זען ווי סע האַלט מיט ז י י ן ס ט אַ ד ע, מחמת אין דער געגנט שפּירט זיך דער קדחתדיקער הייסער געברום פֿון אַן אַניאָגנדיקער סטייע הונגעריקע וועלף. אין דער אמתן איז ע ר טאַקע אויפגעקומען פֿון אַ כאַפּעדיקן שלאָף זיך גרייטן צו דער מלאכה. און, קענטיק, ער רעכנט זיך נישט מיט אַוועלכע סכּנות. ר׳ווייס שוין ווי אַזוי ענלעכס איבערצוקליגן. אָפּהענטיקע, האָבן די לייט געקוקט אויף אים, געוואָלט הערן וואָס ער וועט זאָגן וועגן דעם תּוך פֿון זייער וואָגלען און פּלאָטערן פֿאַר דעם וואָס ס׳שטייט נאָך פֿאַר דורכצומאַכן. עס לאָזט אָבער וואַרטן דער וואָס איז אַזוי קרעמפּ אין געשטאַלט, אויך פּלייציק און גראָבע פֿאַלדן גוידערן זיך אונטער זיין בייניקן, ברייטן קין. אר־אר־ווו, ס׳איז ענערגיש זיין וואָרט, כאָטש בכיוון אַראָפּגעדריקט. געוואָרפֿן אויף אים אַ בליק און דערשפּירט אַן אינעווייניקדיקן שוידער פֿאַר דער גבורה וואָס הויכט פֿון זיין פּרצוף.

...אָבער כאָטש אַזוי שטילינקע ווי ער איז אַריין אין קאַמער צו די איינגעזאַמלטע, מיד־אַוועקגעפֿאַלענע וואָגלערס, איז ער פֿאַר זיי געשטאַנען ווי אַ באַפֿעלער. טאַקע ווינציק גערעדט, נאָר פֿון זיין אַוועקשטעלן זיך האָבן געקרעכצט די דילברעטער און דער לאַמטערנשיין וואָס האָט זיך צעזייט אַרום אים, האָט אָנצייניק קוים־קוים אָפּגעשאָבן דעם דורכויסיקן חושך. קוקנדיק אויף אים, האָט ביי טייל איבערגעוועקטע זיך אויפגעהויבן אַ נייער אומרו, ס׳האָט זיי צעטרייסלט גלייך אַ תּלין וואָלט צו זיי געגענט מיט אָנגעהלפּטער אכזריות. די אומזיכערקייט וואָס איז אויף רגעס איינגעשלעפּערט געוואָרן, האָט ווידער זיך צעוואַקלט. קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אויפצוהייבן דעם בליק, אָבער איטלעכער האָט קלאָר דערהערט דאָס הוקען פֿון אייגענעם האַרץ. אַפילו דאָס אָטעמען פֿון דעם, וואָס אַקעגן אַלע, האָט אָנגעטראָגן אַ טויטלעך־קנאָכיקע אימה, גלייך דער סאַמע מלאך־המוות וואָלט אָט אָ זיך צו זיי דערנענטערט. „ווײ, ווײ, ווי גיט מען אָפּ דעם קאָפּ אין רשות פֿון אַזוינעם!״ — האָט זיך ביים רוב דורכגעקראַמפּט דער געדאַנק, וואָס האָט אַ דריק געטון אויף דער ברוסט. „דער פֿאַרשוין מיט דער שטאַללאָמפּ אין האַנט איז אַ קורנאָסער מיט אַ צעבלאָטערטער לעבער״, איז עמעצן איינגעפֿאַלן און ר׳האָט עס אַריינגעשושקעט אין אויער זיין שכן, דעם נאָענט זיצנדיקן אין זיין ביטערן מעמד: — אַזאַ פּרצוף זאָגט אָן נישט עפּעס אַנדערש, אַז אָט־אָט וועט ער אויסברעכן מיט אַ ווילדן

צאָרן. יאָ, דאָס האָט טרויעריק זיך געלייגט אויפן געמיט, מחמת ווייטער פון דער אייגענער נאָז האָט קיינער שוין נישט געקענט זען. ווייל פאַר אַלעמען האָט זיך געשטעלט אַ וואַנט פון אַן אַנגענעפּלטער פינצטערניש. די רויכיקע שיין וואָס איז אַקערשט געהאָנגען אין חלל, איז אומגעריכט אַרונטערגעריסן געוואָרן מיט אַ שטאַרקן בלאָז וואָס האָט זיך דערהערט מיט אַ ראַסלענדיקן כּוח. דער בלאָז האָט פאַרשלונגען די בלינדלעכע שיין, וועלכע האָט נאָר וואָס זיך געוויגט ווי אַ בלאַנקענדיקער פלעק. נאָר אַ רויטלעכער פונק פון אַן אויפגעגליטן פּאַפּיראָס האָט אַצינד דורכגעשטאָכן דעם חושך. דער פונק איז אויך געבליבן דער סימן פון זיין צודרינגלעכן קוקן אויף אַלעמען אין געשפּאַנטן וואַרטן. אויף וואָס וואַרט ער, אויף וועמען? ווי אַ וואָלקנבראָך האָט דאָס דאַזיקע טראַכטן שאַרף זיך אַ ריס געטון איבערן שוואַרצן תהום וואָס האָט געגליווערט איבער די צוויפגעקאַרטשעטע „קעפּלעך”. אָבער אין גיכן האָט אויף דעם אַ נערוונצאַפּל זיך צעצויגן אַ רייסנדיקער קאַלטער אָפּרוף פון איבערוועקטע עופות, קוואַקנדיקע, געגנגעדיקע און קרייענדיקע. ס׳איז געווען אַ מין תּרעומות הלמאַי מ׳שטערט זיי דעם מנוחהדיקן שלאָף. וואַרט, וואַרט — צופּט עס באַלד אין דער ברוסט פון די איינגעתּפיסהטע אין דעם אַנגעלויערטן חושך. אָלאָ פלוצלינג גיט זיך פון ס׳ניי אַ טראַג אַן אויף דער צונויפגעהאַרבעטער חברותא אַ פאַרדומפּטער רוף, גלייך מ׳וואָלט אָט אָ מיט אַ שפּיציק פלעמל איבערגעבערענט אַ גראָבן שטריק:

— פּאַשלי רעביאַטאַ! *). אַנגעלאָדן מיט לויער גיט דאָס חשכות האָסטיק זיך אַ שפּרייט אויס מיט פּאַטשנדיקע לאַפּעס.

— — — שוידער־געשיכטעס גייען־נאָך די מענטשן וואָס שפּירן ווידער אַ מאָל אַז ערשט לאָזן זיי שוין אויף פאַרלענד די היימישע ווינקלען, אויך די טייערסטע אין מאַטערנדיקער נויט. פאַר דאָס נעמען זיי פאַר ליב דאָס סכנהדיק אומבאַוווסטע וואָס קומט ערשט אַנטקעגן.

אַרויס פון דער פינצטערער, טוכלער קאַמער, זענען זיי ווידער געוואָרן דאָס שטרוי פון דעם פלאַקערנדיקן ווילן (צי גאָר אומווילן, מחמת חרטה וואָס זיך געלאָזן לויפן אין אַ נייעם פייער אַריין) איבערצוקומען דאָס אימהדיקסטע.

אַרויסגעפירט „די קעפּלעך” אונטער די דריקנדיקע הימלען, אָבער דער מולכער מיטן מלאך־המות־פּנים איז מער נישטאָ. אַקע־מ׳זעט איז ער

---

*) געגאַנגען זאָל ווערן, חברה!

געשטאַנען אין בלייכן שיין פון דער שטאַללאָמפּ און שוין איז ער געלם געוואָרן. באַשיימפּערלעך, ער האָט באַפוילן אַז אַנדערע זאָלן אָפּטון די סאַמע איינשטעלערישע זאַך. עטלעכע אירע האָבן טאַקע מיט אַ מאָל זיך געשטעלט צום אַריבערוואָרפן „די סחורה", אָלאָ באַלד צעפלאַקערט זיך אַ שוואַרצע בראַנד. ס'ווייזט זיך אַרויס: די אַריבערוואָרפערס זענען גאָר האַרטהאַרציקע. זיי לאָזן נישט הערן אַ וואָרט, נאָר בורטשען, שטויסן מיט די פויסטן שטאָטס עפּעס צו זאָגן. איז מי־יודע וואָס ס'קען אָקערשט געשען! — האָט איטלעכן פון דער „עקספּעדיציע" אַ ברי געטון אין די בלוטן. דערפון נאָדלט זיך אַריין אין די פּנימער אַ שניידיקער ווינט. אויך ז י י ע ר קוקן און דאָס פלינקע שעפּטשען צווישן זיך, וואָרפן אָן אַ גרויל אויף די געפירטע קעפּלעך. פון „זיי" לאָזט נאָך קיינער נישט הערן אַן אָנצוהערעניש וועגן דעם וו ו אַ ה י ן אָדער ו ו י אַ ז ו י עס וועט זיין אַצינד; אַזאַ פרעגן צעגראָבט אַלעמענס געביין. אָבער ז י י קריצן נאָר מיט די ציין, צו מאָל הערט מען זיי פאַרסקען ווי פערד. גאָר אַנדערש ווי זיך פירגעשטעלט צייכנט זיך דער גורלדיקער גאַנג. דאָס ברויזיקע שווייגן פון די מולכערס ברענט אויס שטיקער לעבעדיק לייב ביי די פאַרצאַפּלטע וואָס אָנען ערשט אַז גאָר שווער איז דאָס געגענען צום בראָכשטול פון זייער באַנייונג. באַגערט עמעץ ז י י עפּעס צו פרעגן, ווערגט באַלד דער וואָרעם וואָס טאָטשעט אים; וואָרן די גאַנצע וועלט איז לסוף געבליבן אַזאַ, גלייך זי וואָלט שוין געווען אָפּגעריסן פון דעם דינינקן פעדעמל ע ק ס י ס ט ע נ ץ: אָט, אָט, זינקט זי מער אַראָפּ אין שאול־התחתיה. אין דער שטיקנדיקער ענגשאַפט אַרום האַרץ פאַלט אָבער אומגעריכט אַ שניידיקער ברום: — אַלע נאָך מיר! גע־גאַאַנ־געעעען!! מער נישט קיין איין וואָרט פון די דאָזיקע, אויך פון די געפירטע נישט אַ וואָרט, כאָטש פרעגן האָט פון ס'ביי זיך געוואָלט, אָבער די דריקעניש האָט מכריע געווען. די שטומקייט האָט ווי אַ שטורעם זיך צעווירבלט פון די מולכערס, וועלכע וואָרפן ווילנוויז אין דעם נאַכטטונקל נאָר אַ העפטיקן האַנטבאַוועג ווי אַ צייכן פאַרן שפּאַנענדיקן געזעמל. די גרופּע האָט געשפּרייזט ווי שאָטנס, ס'האָבן נאָר געדיכט געקווילט די טריט אין פייכטן געמויזעכץ און אין צאַפּלדיקן דערוואַרטן — וואָס, ווען?... שטאַרק אַריינגעשפּונען אין אַן אָנגרייפנדיקער קאָנוולסיע, זענען די ק ע פּ ל ע ך ביי נייס געווען ווי נאַקעט אַרויסגעצויגענע אין דעם נאַכטיש פאַרשרומפּענעם פעלד וואָס אונטער אַ האַרבאָטן הימל, וועלכער איז ערשט אַדורכגעשטאָכן פון טונקעלע שפּיצן ווי אויסגעשאַרפטע דראָ־ענדיקע פּיקעס. דאָס זענען שיטער צעשטעלטע סטויפּעס איבער הויך אויפ־

געהויבענע זעלנערישע וואַכביידלעך אַנטקעגן די אָפענע און צו מאָל ראַפּטעם איבערגעשניטענע האָריזאָנטן.

— — — געגאַנגען זענען אַלע ווי נישט מיט די אייגענע פיס און זיך געשטיקט מיטן אויפגעצוווּנגענעם שווייגן. געגאַנגען און די פינצטערניש האָט געטראָגן די מענטשן צו אַ טומאַנעם ערגעץ־ווו. „ר'האָט עפּעס געזאָגט, דער אַ...?" אין פיבערדיקן שפּאַנען איבער גריבער און גרודעס, האָט וועמען זיך אויסגעדאַכט: אַ רופט מען אים. אַן אַנדערן האָט אויסגעוויזן אַז דער דערנעבנגייענדיקער וויל אים עפּעס וואָרענען. אָבער פּלוצלינג שטעלט מען זיך אָפּ אויף אַ „ווונק" פון אַן אויפגעהויבענער האַנט. וואָרן גיין גייט מען אין צווייען, אין אַ געגנדזענער ריי אַזאַ. ששש! אַפּנים, אַצינד דאַרף נאָך קומען אַ לעצטער, גאָר ערנסטער שפּרונג אַריבער דעם באַרג פון צעגליטער סכנה. אין מיטן שפּאַנען האָט דאָס געזעמל אַ ביסל זיך צעצויגן איבערן מעלאַנכאָליש צעהויקערטן פעלד נישט־פעלד, נייערט געוועזענער וואַלד, וואָס מ'דערשפּירט אָפּטלעך אין די אַרויסטאַרטשענדיקע קאָרטשעס; מידע ספּאָטיקען זיך די לייט, שיִער נישט צו פאַלן איבער די קאָרטשעס און איינמושבן זיך אין ליים, אין קויט. ערשט דערוואַרט מען דעם סאַמע גוואַלטיקן שפּאַן אַריבערן תהום וואָס שפּריצט מיט פייער, דערפאַר אַלעמענס שווערע פרייכן אין אומרו: ככהו־ההו־ווו! סע האַרעוועט דאָס צעצאַפּלטע האַרץ. אָבער הלמאַי וואַרט מען ערשט אַ? ס'פרעגן די בליקן וואָס שניידן זיך אַריין אָט אין איינעם, אָט אין אַ צווייטן פּנים. קיין ענטפער איז נישט געקומען, אָבער ס'האָט נישט לאַנג גענומען דאָס דאַזיקע פיינלעכע שטומען: ס'איז געוואָרן קלאָר אַז עמעץ פון געזעמל איז אין מיטן גאַנג צום ד אָ ר ט מיט אַ מאָל געבליבן הינטערשטעליק: אַ געכאָרכל האָט אים גענומען שטיקן, און דווקא האָט מע נישט געטאָרט צו מאָל הויך אָטעמען. אַ פּלוצלינגע טרוקנקייט אין דער קעל האָט אים געוואָרגן, אָלאָ ס'איז שטרענג אָנגעזאָגט געוואָרן נישט צו הוסטן, אַפילו נישט לאָזן הערן אַ פּיפּס. אָבער יענעם האָט געשטיקט אַן אומגעבעטענער הוסט. ער האָט אים פאַרשטומט מיט אָנשטרענג, דערפאַר אָנמאַכטיק זיך צוגעשפּאַרט צו אַ בוים — — אָך, וואָסער ביטערער סימן, — האָט עמעץ שוין אַריינגעסודעט אין רוקן פון זיין אָח לצרה. — מיר זענען איצעט פאַרלוירן. כ'האָב מורא ס'איז אַן אַטאַק פון אַ בלוטשטורץ. אַ מענטש פאַלט, קען נישט קומען צו זיך! צום גליק איז דאָס געווען נאָר אַן אויפבליץ פון איינעמס צעפיבערטן דמיון. דער הינטערשטעליקער האָט נאָר מחמת מידקייט געמוזט אַ קאַפּל זיך אָפּשטעלן, דערפאַר געלאָזט וואַרטן אויף זיך

אָדער זיך אַליין, באין ברירה, מקריב־זיין פאַר די אַנדערע — בלייבן אין קלעם פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן אין דעם דאָזיקן פאַרוועדטן שטח. אָבער ר׳האָט סוף־כּל־סוף באַוויזן זיך צו שטאַרקן און טאַקע זיך אונטעראײלן. ביי אַלע־מען איז דעמאָלט מער אַנגעשפּיצט געוואָרן דאָס געהער אויפן אַרומיקן געשאַרך פון דער מוטנער שטילקייט. דאָס געזעמל האָט לסוף ווידער גע־רירט פון אָרט, געשלעפּט די פיס פון דער ליימיקער ערד. פון דעסטוועגן איז געווען געגוג אַז אַ סעקונדע שפּעטער זאָל אויפשוימען אַ נייע שטילע צערודערונג אין אַנגעלויערטן פעלד נישט־פעלד פון אַן עמעץ ווען ביי אים האָט אויפגעטוקט אַ פלעמל פון חשד: אוי, ווי די צייט שפּילט זיך מיט אונדז אין קאַץ און מויז! שוין טיף אַריין אין דער נאַכט און מ׳האַלטן נאָך אין מיטן פון דעם אַ נמאסן שלעפּן זיך. ס׳נעמט נישט קיין ענד צום פירן אונדז. איז ווער ווייסט צי מ׳עט נישט גיין אַזוי לאַנג ביז עפּעס וועט פּלאַצן — —

„אַוודאי, ס׳מוז פּלאַצן, אויב מ׳דערגייט אַלץ נאָך ניש צו דער ראָ־גאַטקע. כ׳זאָל וויסן אַז ס׳עט אַזוי אויסזען דאָס גיין און גיין, וואָלט איך זיך ניש געלאָזט אין וועג אַריין. אַזאַאַאַ וועג!!? און עץ וואָלט געיכער ניש געבליבן זיצן אין דער היים?״ און אַן אַנדער שטיל פאַרקייכט קול האָט ממש אָפּגעבריט אַ נאָענט אויערלעפּל:

— עך, מ׳זאָל כאָטש דאָנזשען אַריינצוכאַפּן דעם עיקרשטן ביסן אײדער ס׳וועט אָנהייבן טאָגן. גאָט באַהיט! דעמאָלט וואָלטן מיר געווען פאַרטיק ווי אַ באַרנע. העיערטס מיָעך, בלאָבן אַזוי אַ — ניש אַהין, ניש אַהער איז אַרגער ווי ליגן אין קאַמער צישן די סטאַדעס געגנדז און דעם טאַיערן געשטאַנק פון די הינער. וויי, ס׳איז נאָך ווינציק דאָס קלעמען זיך ס׳האַרץ נאָכן אָרעמען ביסן וואָס מ׳וואַרט אויף אים שוין אַזוי לאַנג. איז ווער ווייסט?

אין מיטן דעם אַ גאַנג צו דער אומבאַוווסטקייט פון בלינדן גורל רייסט זיך ביי נייס אַ שושקעניש אין פרעמדע אויערן:

— אַך, דער ביסן? מ׳וואַרט שוין מיט צו פיל ציטערניש אויף אים. — און נאָך אַ רגע שווייגעניש:

— איר׳ט געהערט אַ רעוועו פון דער גרענעץ־נאַכט?

— זי רעוועט, מיינט איר? ס׳איז נאָר אַ שלוקערץ פון אַ ביקסן־זאַלפּ. איך קען זיך אויס אויף דעם. ס׳גאָר ניש היימלעך!

— מ׳האָט דען אַ סך ברירהס?

— אַ נישקשהדיקע שאלה. אַז ס׳גייט ניש, ליגט מען, — גיט יענער אַ האַק אָפּ מיט אַ לאַמיך געמאַך.

גערעדט אין באַשיימפּערלעכער שטיקעניש מיט יעדן וואָרט. גערעדט און תיכף ווידער זיך אַנגעשפּיצט, געפּרווט קוקן אָן אַ זייט: אפשר קאָן מען עפּעס דערקנאַאַסן? ביי נייס האָט מען פון אויער צו אויער אַלעמען אַנגעזאָגט מ׳זאָל בלייבן שטיין און נידעריק אַראָפּבייגן זיך צו דער ערד. דער עיקר — שווייגן!

ס׳איז אָבער נישט שכיח איינצושטילן דאָס באַאומרויִקטע האַרץ וואָס „דערזעט אָט אָ״ זיך דערנענטערן כּלערליי פּורעניותן. ס׳איז דאָך אַ סכּנה־דיקער קאַנט, אַן אויסגעשפּרייטער אויף וויסטע שטרעקעס וואָס ווערן געהיט מיט פייער און ווילדע שפּירהינט. אָלאָ טראַכטנדיק דערפון, ווערט די זשווזשנדיקע חשכות פּלוצלינג צעפאַלמעסט, פון ערגעץ אַ בייזן כּוח צע־ריסן אין לאַנגע, קרימלעכע פּאַסן, אין לאַטעס לויפנדיקע, זוכנדיקע אין בלענדיקן פיאַלעט און טיפן, שניידיקן ווייס. דער אַנגעוויסטעוועטער אַרום וועקט זיך, שטעלט זיך מגושמדיק אויף בלאַטיקע פיס, גלייך ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן ווידערצושפּעניקן קעגן דעם אַנגעפּרישטשעטן הולהוואַטן הימל. באַלד בלענדט ווידער אויף אַ בליצנדיק שאַרפע ווייסקייט וואָס בלייבט לענגערע רגעס גליווערן אַנטקעגן דעם פּנים פון איינעם פון די „קעפּלעך״ און אָט קריכט אַ בלענדנדיקער שטרייף אויך אויפן פּנים פון אַ צווייטן. אָלאָ אומגעריכט שטעלט זיך אַקעגן דעם גאַנצן געזעמל אַ פּויסט מיט צישנדיקער רציחה און אַ — מעסערקלונג.

— אַ, אַאַ? וואָס געשעט דאָ! — נעמט כּהרף־עין אין בהלה זיך ניכטערן דער בליק און ס׳קילט דער געדאַנק.

אסור, ס׳איז נישט קיין אויסדאַכטעניש פון דער אַ צערודערטער נאַכט. אַ קעלט נעמט שוין אַנגסטיק דורכשטעכן „דעם מאַרך וואָס קוקט״ אויפן אָקערשט אויפגעבליצטן מעסערקלונג. ס׳איז פון ז י י, — גיט שניידיק אַ רעד דער חשבון־הנפשדיקער בליק פונעם בעל־נסיון. קענטיק, ערשט קלעקט נישט דאָס געדולד פון דעם מולכער וואָס פון אים איז אַרויסגע־שפּרונגען דער רצחן. טאַקע ער גיט אַ פאַרביסענעם כּריפּ אין פּנים אַריין דעם ערשטן פון „די קעפּלעך״ וואָס אַקעגן זיינע אויגן:

— נו קאַ, נישט פּרווון מיט קיין אַרויסדרייעניש.. דאַוואַיטיע ביסטרעי! ווסיאָ, דיענגי, טשאַסיקי. ווסיאָ!*)

*) גיט אַרויס גיכער, אַלץ, אַלץ! געלט, זייגערלעך, אַלץ!

אַן אַוועלכע איידלקייטן בייגן זיי זיך אַן, די אַ ר י ב ע ר װ ו אַ ר פ ע ר ס, צו די וואָס האָבן געקוקט אויף זיי ווי גוט באַצאָלטע אויסלייזערס פון תמידער פּיין און נויט: האַסטיק, מיט נערוועזקייט, טעמפּ לאָזן אַריין די אַריבערשוואַרצערס זייערע הענט אין די קעשענעס פון די יונגע־לייט, פליקן מיט באַסט אויף די קאָפּטלעך פון די פּרויען, דערווישן טאָרבעלעך צווישן זייערע בריסטן, רייסן אַראָפּ פון די העלדזער פאַרבאַהאַלטענע „קניפּלעך", טאַפּן דורך אין געאייל אויף די זיימען פון די מאַנטלען און קורטקעס. זיי נישטערן אויס קונציק־איינגענייטע באַנקנאָטן, קליינע שטיקלעך צירונג און שטופּן אַל דאָס געפונענע צו זיך אין די פּאַזעכעס און אין די קעשענעס אַריין. אָפּגעטון די גזלעוואַיע איבער די צעטומלט־איבערגעשראָקענע, נעמען זיך די שמוגלערס אויך צו טייל קלומיקלעך, גראַבלען אַרויס דאָס ווייל־געפּעלנסטע און ווי אַנגעזעטיקטע צוק־חיות פאַרשווינדן זיי אין דעם צע־גאָסענעם חושך פון קיינעמס לאַנד.

— גע־גאַאַאַנגגעען, לויפן רעכטס, נישט פּטרן צייט! — לאָזט עמעץ פון זיי הינטער זיך נאָר אָט דעם איילִיקן, שטיל דערשטיקטן רוף צו די „קעפּלעך" וואָס זענען זיי געווען איבערגעענטפערט.

— פּאַשלי, נאַ פּראַאַ־וואָאַ, ביסטרעי! — האָט איבערגעחזרט אויך אַ צווייטער פון די אָפּטרעטנדיקע מולכערס וואָס זענען חפּזונדיק אַוועק מיטן זאַקרויב.

אַנדערע מולכערס, האָבן לייט דערנאָך שוין איבערגעגעבן איש מפּי איש, רייסן אַרויס ביי די, וועלכע זיי באַדאַרפן פירן, אַ ר ו י ס ר אַ ט ע װ ע ן פ ו ן א ו מ ג ל י ק, אויך דאָס בינטל פאַרציטערטע לעבן. פּשוט, זיי הרגענען די „קעפּלעך" נאָכן באַגזלען זיי. מ׳האָט אַפילו געפונען קערפּערס מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ זיך וואַלגערן אין מידברשן גרענעץ־פּאַס, אויך מתים מיט דורכגעריסענע גאָרגלען. אַפּנים, אַז די קרבנות זאָלן נישט באַוויזן צו שרייען ווען די טויטשרעק האָט זיך געוואָרפן אויף זיי. „אוי, וואָס מ׳האָט צוגעזען. ס׳האַרץ איז אַזש אַנטפּאַלן". און מ׳שיסט אין די דאָזיקע קאַנטן. בלינדע קוילן בלאָנדזשען אַרום אין דעם גרענעץ־ווילדערניש. ווער ס׳שיסט? איבערן מעלאַנכאָלישן שטיק לאַנד וואָס איז משונה פול מיט ליידיקן הימל און פאַרוואָרלאָזטער ערד, טראָגט זיך אַ מאָל אויך אַ דומפּער רוף: — „סטאָ־אָאָי!" מ׳באַוויזט נישט זיך אומצוקוקן ווען מע מיינט און ס׳גראָגערט אָפּ אַ טויבער זאַלפּ, באַלד אַ צווייטער און אַ דריטער. ס׳איז אַן אויסטערליש רייסנדיקע אומהיימלעכקייט צווישן די גרענעצן דאָזיקע און דאָרטיקע וואָס זענען באַוואַכט מיט ביקסנפייער און וואַכפּאָסטנס.

סע טרעפט, דער שאָס כאַפּט דעם ציל: געוועזן אַן עמעץ וואָס וויל נישט־ווערן פון דער טויטשרעק, וואַרפט זיך האַסטיקער אַ לויף טאָן, אָבער אַט אַ פאַלט ער ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים. אויך טרעפט: שפּיאָנען פּרוּוון זיך דורכקריגן, דאָס גלייכן — דיוועדסאַנטן צו זייען מהומה און טויט אין דער שכנישער מלוכה: גרייטן אויפשטאַנדן, לייגן אונטער בסוד סכנהדיקע לאַדונגען ביי מיליטערישע גאַרניזאָנען, רייסן אויף בריקן, צעשטערן באַנ־וועגן, „ליקווידירן" אַנפירנדיקע לייט, פאַרסמען ברינעמער, צינדן שריפות. אין דעם גרענעץ־דזשונגל גלאָצט ברענעדיקער האַס פון מאַסקירטע פאַר־הוילעניש.

„אונדזער טרויעריקע מערכה איז עס, וואָס גאָר אַ שאַרפע איז אונדזער גרענעץ — ווינקען זיך איבער אין שטום־לשון לייט פון די ישובים וואָס זענען שוין צוגעוווינט צו גרויל־געשעעניש. פּטרן דאָ דאָס לעבן איז טאָקע גרינג, אָבער וואוהין וועט מען גיין ביי נייס אַנוואָרעמען אַ ביסל היימיש־קייט? מען מוז גניען אַזוי אַ ווי שוין געפּטרט די מערסטע יאָרן. אַבי מ׳מישט נישט די חיונה מיט פּולווער. מיר טוען ס׳אונדזעריקע, האָרעווען אויף די גאָרטנס, פאַראַקערן ס׳אייגענע שטיקל פעלד און גייען טון אין וואַלד צי אין טאַרטאַק, אויב ס׳ווילט זיך שפּאָרן אַ פּאָר זלאָטיס פאַר אַ רעגנדיקן טאָג. אויף אַל דאָס אַנדערע זאָל זאָרגן דער זשאַנד*) און די גרענעצלערס וואָס באַוואַכן די ליניעס צווישן אונדז און זיי".

די תושבים פון מסוכנעם קאַנט איז נישט רויק אויפן האַרץ. די באַ־שטענדיקע פּינצטערניש וואָס האַלט אָן די לעצטע יאָרן, זינט ס׳האָבן גע־נומען זיך מערן „די קעפּלעך" צום אַריבערוואַרפן אויף יענער זייט, שרעקט נישקשהדיק די לייט פון די קליינע הייזקעס מיט די בלינצנדיקע נידעריקע פענצטערלעך; וואָרן ווילנדיק, נישט ווילנדיק ווערן זיי אַריינ־געצויגן אין די חשודע עסקים. זיי מוזן געדענקען אַז די וואָס ווילן אַריבער־לויפן, טאָרן זיך נישט לאָזן הערן און אַוודאי נישט וואַרפן זיך אין די אויגן מיט זייער נישט־דאָיקייט וואָס קוקט אויס אויסטערליש אַנדערש און דאָס איז אַנזעעוודיק שוין אויפן ערשטן בליק. יאָ, אַפילו דער הילוך זייערער וועקט דאָס שטוינען איבער אַזעלכע. איז צום גלייכסטן, אַז די אייגענע שטוב וויכט פון די דאָזיקע, לאָזט זיי נישט אַריבער איבער דער שוועל, ממילא נישט לאָזן אַזוינעם איבערנעכטיקן. קלאָר, מ׳טאָר נישט איבער־שרעקן די סודותדיק באַלאַדענע שטילקייט פון דער געגנט — שוין דאָס

---

*) די רעגירונג.

איבערטראַכטן דערפון רודערט אויף. בפרט לעבן אין פחד די וואָס גרייטן זיך אַליין צום שווערן נסיון פון אַ ר י ב ע ר ל ו י פ ן פונקט אַזוי ווי די אַ צוגעפּאָרענע פון דער פרעמד. עס מעג גראָד אין דרויסן זיין אַ חמימה, שטאַרק דושנע אונטער די אויסגעבליאַקירטע הימלען, זיי טרייסלט אַ צאָן אָן אַ צאָן, ווען ס׳דערהערט זיך פון ערגעץ דער דעך פון ניי־אָנגעיוירענע סכּנות. נישט ווילנדיק הייבט מען אויף דעם קראַגן איבערן האַלדז, מ׳גראָבט איין דעם קאָפּ אין די אַקסלען. קומט נישט קיין גזלעוואַיע אויף די וואָס האָבן קוים זיך דערשלעפּט צום גרוילקנופּ ג ר ע נ ע ץ, זיי גערעאָט זיך אַריבערצושוואַרצן אויף י ע נ ע ר ז י י ט, הייבט זיך אויף ביי טייל איינגעזעסענע אין לודוויקאָווע אַזאַ געפיל ווי אַ שטיין וואָלט זיי אַראָפּ פונעם האַרץ. אָבער די מיקלאָמפּערשט אומגליקלעכע, ווען ס׳איז נישט געראָטן זיך אַריבערצופּעקלען, שפּירן אַזוי (מחמת זיי מוזן ווידער זיין אין באַהעלטעניש) אַקוראַט זיי וואָלטן ווי פאַרוואונדיקטע פייגל שוין צו לאַנג זיך געקאַראַבטשעט איבער אַ משופּעדיקער מויער און גליטשן זיך אַלע מאָל אַראָפּ פון איר. שרעקלעך אומהיימלעך איז אין דעם קאַנט. די צוגעפּאָרענע שפּירן זיך ווי אין אַ קאַראַנטין צוליב אַ פלאַקערנדיקער מגפה וואָס גליט האַרט אויף דער אַנדערער זייט וואַנט פון זייער קעמערל. יסורימדיק איז די דאָזיקע שפּירונג, אַזש אַ טייל טראַכט שוין תחבולות צו געפינען אַ וועג פאַרן צוריקקער אַהיים־צו, פון וואַנען זיי האָבן סכּנותדיק באַגערט זיך אַרויסצוראַטעווען. מער געלאַסענע נעמען ביי נייס זוכן ערגעץ אַ מקום צו קענען זיך שטעלן אַרבעטן און אַזוי אַרום זיך דערהאַרן אַ מעגלעכקייט צו פאַרוואָרן דעם חלום אַריבערצוגיין אין לאַנד ווו דאָס פּיצל באַשערטע מענטשלעכע גליק איז באַשיימפּערלעך יסודותדיקער. וואָרן שוין אַזוי פיל זיך אָנגעהערט דערפון, אויך אָנגעלייענט זיך און פון דעם גענומען חלומען אויף דער וואָר. נישט מער, די אַ גרענעץ באַדאַרף מען ממשותדיק פאַראייגענען מיט מער אויסדויער. אַליין זיך שטאַרקן און געפינען פריינדשאַפט מיט אַ דאָיִקן, וואָס האָט קענטיקע „סימפּאַטיעס פאַר דאָרט״.

קאַפּיטל צוועלף

אַזאַ איז די לודוויקאָווע. פון די טומלדיקע ווייטן האָבן אַהין־צו געפירט ברייט פאַרצווייגטע וואַלד און האָלץ־מיסחרים. ווער ס׳האָט דאָרט אָפּגע־קויפט אַ שטח שררהשן וואַלד און אַליין אים אויסגעהאַקט, ווער ס׳האָט געזוכט אַ גרייטן האָלץ־טראַנספּאָרט. קיין לודוויקאָווע איז מען געפאָרן מיט גוט־פאַרשנאַלטע גרויסע לעדערנע טעקעס, פולע מיט געחתמעטע פירמע־חשבונות, מיט ספּעציפיקאַציעס פאַר נייע באַשטעלונגען אויף מעבל אָדער בוי־געהילץ. אויך האָט מען געפירט מיט זיך וועקסל־בלאַנקן און קעשענע־שטעמפּעלעך, טשעק־ביכלעך ווי אויך באַנדאַראָלירטע שטויסלעך אַסיגנאַציעס נאָר וואָס אַרויסגענומען פון באַנק, צו דעקן אַן אַדערויף אויף אַ נייעם טראַנספּאָרט סחורה. קיין לודוויקאָווע זענען געפאָרן מענטשן געניטע אין דער בראַנזשע, טייל האָבן געבראַכט אויך אייגענע בראַקערס. צווישן עולם צוגעפאָרענע האָבן אין שטעטל דאָס גלייכן זיך געוויזן פּאָדריאַטשיקעס. מיושבע אין זייער גאַנג, אָבער מיט פלינקע קעפּ. ווי אַ וואַלדגעגנט האָט לודוויקאָווע אַן רעש אַרויסגעשיקט אַלע סאָרטן געהילץ אין דער וועלט אַריין, צו צפון און נאָך מער צום מערב; ס׳זענען געגאַנגען פראַכטצוגן מיט שווערן וואַלד, דעריין שוועלן פאַר נייע באַן־מאַגיסטראַלן וואָס אויסלאַנד ברייטערט אויס פאַר איר מיסחר מיט פוילן. אין לודווי־קאָווע האָט מען געלאָסן זיך גענדונגען וועגן מקח, האַרט זיך געשטעלט אויף די טערמינען פון ליפערן די טראַנספּאָרטן. צום סוף האָט מען זיך געלאָזט ווילגיין מיט אַ שיינער מאַלצייט אין יוסטן משפחה־הויז כדי מהנה צו זיין דעם געהויבענעם קונה וואָס האָט סוף־סוף זיך געוויזן אויך אַ ווילער מענטש. זעלטן פלעגט טרעפן אַז די צדדים האָבן זיך צעברוגזט, ווען איינער האָט זיך איינגעשפּאַרט, נישט געוואָלט נאָכקומען אַ פּרט אין קאָנטראַקט וואָס באַדאַרפט חתמענען נאָך אַ דינגעניש. און קאָנטראַקטן האָט מען זיך אויסגעלערנט שרייבן געענוי און דייטלעך, ברחל בתך הקטנה, וואָרן געריבענע סוחרים האָבן שוין באַוויזן אָנצודרייען אַן אויער אַ לוד־וויקאָווער סטאָכמאַל, וועלכער האָט פון דעסטוועגן שוין געהאַט גענוג חכמה זיך ארויפצודראַפּען צו דער מדרגה אַז סקלאַדניקעס פון קרוינפּוילן צי גאַליציע זאָלן מוזן אָנקומען צו אים נאָך אַן אָפּקלייב סחורה פּערווי סאָרט, סיי גוט פאַרן מעבל־סטאָליער און סיי טויגלעך פאַרן טעסלער ווי פאַרן בוימייסטער. און דער שטייגער איז געווען — איז איין וואַלד־ייִד

אַריינגעפאַלן, האָט ער באַלד עס אָנגעזאָגט אַ צווייטן, כאָטש אַנדערע האָבן זיך פאַרגונען צו פאַרשווייגן דעם טרמאָסק וואָס אַ פּוילישע דריפּקע האָט דערלאַנגט דעם שכן. אדרבא, אַזוינער האָט גערן געוואָלט דערלעבן אַ נקמה אין זיין קאָנקורענט. ס'וואָלט אים שטאַרק הנאה געטאָן אַז אויך יענער זאָל דערשפּירן זיין טעם פון אַן אָפּגעבריטן. אָבער „אַ קאָנקורענט" איז אויכעט אַזוינער וואָס קוקט־צו אָדער הערט ווי זיין שכן האָט געמאַכט אַ גוטן משא־ומתן מיט אַזעלכן וואָס האָט אַנומלט אַהער זיך אַריינגעלאָ־וויעט, אָבער צו אים, דעם וואָס חלשט ערשט נאָך נקמה, האָט מען אַפילו נישט אַריינגעשמעקט.

...איבער ווייט צעוואָרפענע וואַלדשטרעקעס האָבן געאַרבעט זעגמילן. בראַקערס מיט בריגאַדעס פּויערים פלעגן זיך אַריינלאָזן אין שטח אַלטן וואַלד און אים גענומען לייגן. סעזאָן האָט זיך געשטעלט סוכות־צייט, ווען אין דער געגנט האָבן אָנגעהויבן שימלען די ערשטע שטייפע פרעסטלעך. פראָסטטוי האָט געזילבערט אויף דער בוימקאָרע און פון די צווייגן האָבן געבלישטשעט פריש־אָנגעפאַלענע שניי־שטערנדלעך. אין וואַלד האָבן האַק און זעג הילכיק זיך איבערגערופן אין דער טרוקענער לופט און בוים נאָך בוים איז געפאַלן כורעים צו דער מאַכיקער ערד. דעמבעס, אַלכעס, יאָדלעס און סאָסנעס האָבן, געזונקענע, זיך געלאָזט הערן מיט אַ האַרבן געוויין מחמת זייערע אומגעריכט איבערגעשניטענע אָדערן. בראַקערס האָבן געקאָמאַנדעוועט מיט די העקערס און זעגערס און שרייבערס פון קאַנטאָר האָבן געציילט, נאָכקאָנטראָלירט דאָס אומאָפּשאַצלעכע פאַרמעג. ווידער אין פירשטלעכע וועלדער, פונאַנדערגעשפּרייטע איבער אומגעהייערע שטחים אויך אין אַנדערע פּאָוויאַטן, האָבן עקאָנאָמען געטריבן ס'געשעפט וואָס איז אָן איבעררייס געוועז אָנגעשפּאַנט אויף פּויערישע מוסקלען אין פראַ־צעוויטער שיפלות צום עול וואָס דער מוכר האָט באַגינציקט מיט זיין חתימה פאַר אַ וואַלד־חלק וואָס געקויפט און מוז צום טערמין צוגעשטעלט ווערן אין ראַיעלער סחורה ווי בויקלעצער און אויך פאַר געקליבענעם מעבל־געהילץ.

לודוויקאָווע איז טאַקע אַ דרימלדיקער יישוב, אָבער אין האַרץ איז ער שוין להוט אַ ביסעלע אימפּעט. דער דאָזיקער אינעווייניקדיקער צאַפּל בֿרענגט שוין זינט יאָרצענדלינגער, אָבער סוף־כל־סוף בלייבט דאָס מקום טונקלען אינעם אַש פון מוטנע רעגונגען ביי די שטעטלשע לייט. דערעיקרשט בלייבט זיי צו שלינגען דורכויסיקע וואָכעדיקייט. ריכטיק, אויך זעלטענע יום־טובים פראַוועט מען, אָבער נאָר אין ראַדזיווילס פּאַלאַץ וואָס אַז דערפון

דערשמעקט דער שכנותדיקער יִשוב, דערשלאָגט דאָס מער די דער־שלאָגענע. דערפֿאַר האָט די „גדולה" מיטן פֿירשט, בעת ער באַוויזט זיך אויפֿן שטעטלשן מאַרק, שוין לאַנג אויסגעוועפּט. דעם עולם איז דערעסן געוואָרן די איינגעוווינטע שטייפֿקייט וואָס מ׳מוז מחמת אָפּשיי אַרויסווייזן דעם יאַשניע וויעלמאַזשני פֿאַן כראַביאַ. וואָס אַ מאָל זאַמלען זיך די לייט ווינציקער אין דרויסן ווען מע ריכט זיך אויפֿן פֿאַן כראַביאַ. מ׳פֿאַדעט נישט אַזוי פֿיל פֿאַר אים. דער לאַנגער פֿאַסנער אינדערוואַכן האָט שוין צו שטאַרק דורכגעדרינדזשעט דעם המון. אים איז לאַנגווייליק און אין די בלוטן פֿיקט דער באַגער צו אַזוינס וואָס האָט נישט קיין גאַר קלאָרן נאָמען. נײַן, קיינעם שמעקט אויך נישט דאָס שושקען זיך מיט אַ שכן צי מיט אַן אייגענעם ווען אַזוינס וואָס לאָזט זיך „אונטערטראָגן דעם קנעפּל", און דאָס באַצאָלט זיך גראָד נישקשהדיק ביים פֿאַן קאָמיסאַר. נישט דאָס, פּריינדל, איז עס וואָס ס׳טראַכט זיך נישט ווילנדיק, צו אַל די רוחות! — שרייט אַרויס פֿון עמעצן די דריקנדיקע שטילקייט, אין וועלכער עס זויערט אַן אָנזאָג פֿון אַ שטורעם.

✶

ער זיצט אין זיין ווייך־אויסגעבעטן ניקלנעם וועגעלע אויף האַלבהויכע גלאַנציקע רעדער, אָנגעטוענע אין שטאַרק אָנגעפּאָמפּעטע גומירייפֿן. דער קאָפּ פֿונעם פֿירשט איז שוין גראָלעך, גאָר שטאָלץ פֿאַרהויבן ווי די קרוין פֿון אַ ציפּרעס. זיינע אומעטיקלעכע אויגן וויגן זיך לייכט אַהין־אַהער צו גלייך מיט דעם ברייט־אַקסלדיקן געזונטן האַלבן קערפּער, בעת זיין אויס־געכאָליעטע האַנט באַוועגט פֿאַוואָליע מיט אַ ראָד פֿונעם יסורים־בענקלע וואָס טראָגט אים ווי אויף אויסגעלִיענע, קיילעכיקע, עפּעס אומאייגענע פֿיס. אַזוי האָט ער אַ לענגערע ווילע להוט זיך אַרומגעקוקט איבערן מאַרק וואָס געגעצט פֿוסטלעך מיט די עטלעכע טונקל־שווייגנדיקע קראָמען; ערשט ווען ער ווידער אַוועק פֿאַרויס, צום פֿאַרנעמיקן קרייז פֿון זיינע מאַיאָנטקעס, אַנגעוואָרצלטע אויף דער אַ ערד, וועלכע איז אים נכנע מיט דער גע־טריישאַפֿט פֿון אַ ליבלעכן הונט. יאָ, די פֿאַראַבקעס פּעטיקן זי אַן און באַאַרבעטן גוט, די ערד, פֿון קאַיאַר ביז זונזעצן. און ביזן ביין שוויצן זיי ווען מ׳באַדאַרף אַריינשייערן אַל דאָס צייטיקע פֿון פֿעלד און לאָנקע. ער האָט זיך נישט צו באַקלאָגן, דער פֿאַן כראַביאַ, אויפֿן עקאָנאָם און זיינע העלפֿערס. די אָפּגעראַמטע פֿעלדער זענען טיילוויז שוין אויפֿגעהויבן פֿון

זייער קימפעט־רו; ערשט איז פאַרן נייעם פאַרזיי, ערב באַמיסטיקונג. איצטער האָט פירשט ראַדזיוויל די סיבה רעכט צו זיין צופרידן.

פאַרהאַלטן זיך אַ ביסל, בעת דער קאַמערדינער קאַראַל מאַדזשעיעווסקי שטייט אַן אַפוואַרטנדיקער אויפן אָנוויז וואוהין דער יאַשניע וויעלמאַזשני פאַן קזשאַנזשע *) וועט באַוויליקן הייסן טרייבן זיין יסורים־וועגעלע. ניין, ער גופא וויל זיך באַוועגן, — האָט דער האַר אָנגעוווּנקען מיט אַ קאַפּשאַקל. אָנגעשפּאַרט דעם בליק אויפן שררהשן וואַלד בייגט זיך פאַר ראַדזיווילן אויך דער הימלראַנד אין זיין שטאַליקן בלאָ. מיט חידוש פאַרקוקט ער זיך אין דער ווייט: אָט, דאַכט זיך, שווימט אַרויס אַ טונקל וואָלקנדל און דער פאַן גיט אַ שנופּ מיט די נאָזפליגל: „פאַרנעמט זיך טאַקע אויף אַ רעגן?‟ דער פירשט פאַרזשמורעט זיך, גיט באַלד מיט דער האַנט אַ שטויס אַ ראָד פון וואַגנבענקל און די פאַליעדיקע, העל־געשטרייפטע דערע וואָס איז אויס־געשפּרייט איבער זיין זיץ פאַרהוילט גאַלאַנט די געליימטע פיס פון זיין דורכלויכט.

ראַדזיוויל וואָס קער זיך אָן מיט דורותדיק איידעלן פוילישן בלוט, איז אַ ליידנדיקער מענטש. שוין דאָס אומגערנווילעקע טראַכטן וועגן איי־גענעם געשטראָפטן גורל, גריזשעט אויס לעכער אין זיין נשמה און די אַ וווּנדן פּינצטערן אים אָן דאָס געמיט. גאָר נישט פרייט זיין ווילגעבוירן: נישט דער מייסטעריש אויסגעבויטער פּאַליי אין ניעסוויזש, נישט די אוצרות אין גאָלד, איידלשטיינער און די הויכגעשאַצטע געמעלן פון מאַטעיקאָ און קאָסאַק. אויך די לייטזעליקייט וואָס דאָס פאָלק, סיי אָרעם סיי רייך, שפּרייט פאַר אים אין אונטערטעניקייט, שטאַרקן נישט זיין מוט. דער פּאַראַליזש האָט יסורימדיק צעקרענקט אויך זיין נשמה. די דינערס פון לודוויקאָווער קאַנצעלאַריע, ממילא אויך די פּאַראָבקעס, באַגערן צוצוטראָגן ליכט און לוסט פאַרן נידערגעשלאָגענעם פאַן קזשאַנזשע. ווי באַלד ער באַווייזט זיך אין דער סביבה זיינע אייגנטומס. די קאַרעטע לאָזט ער אין לודוויקאָווער איז אים נישט צום האַרצן, ווען ער לאָזט זיך אַרויס פון ניעסוויזש זען אין דער סביבה זיינע אייגנטומס. (די קאַרעטע לאָזט ער אין לודוויקאָווער הויף), פאַלן אַלע אויף די קני אין דאַנקשאַפט למאַי ער פאַרגעסט נישט זיינע געטרייע. וואָרן זיי איז קלאָר אַז דעם פאַן קזשאַנזשע איז ליב דאָס פאָלק פונקט אַזוי ווי זיין עלטער־זיידן, דעם פאַניע קאַכאַנקו וואָס האָט געלייטזעליקט דאָס פאָלק מיט זיין פרומקייט און איידעלע פּירעכצן. קומט

*) ווילגעבוירענער האַר פירשט.

ער, דער פירשט, צלמען זיי זיך און בוקן זיך פאַר אים. איינציקווייז גענענען זיי דערנאָך מיט אַפּשיי צום יסורים־וועגעלע צו ווינטשן זיין ווילגעבוירן און אַכפּערן אין איינוועגס די חסדים פון זיינע פּעטערס און שעפּטשען־מורמלען פרום: „זאָל זיין געלויבט דער אָפּשטאַמיקער פון זיין דורכלויכט, דעם באַליביקן פּאַניע קאַכאַנקו וואָס האָט מיט זיין גוטסקייט זיך איינגעקויפט אין געדעכעניש פון פאָלק און פון דער געבענטשטער אויטשיזנע!" *).

דער פירשט שמייכלט בלייך, וויגט אין אַלע זייטן מיטן אָפּגעדעקטן קאָפּ, שעפּטשעט: „בוג זאַפּלאַטש" **) און ר'נעמט באַלד מיטביידע הענט באַוועגן די רעדער פון בענקל־וועגעלע. ר'דערווייטערט זיך פון פּאַוואָליע פון המון און זיין ציטערנדיקע מינע רעדט קלאָר: בכן די לויטער קוקנדיקע וועלט האָט אים געשטראָפט, זי טוט אים וויי דורך און דורך.

דאָס פאָלק וואָס האָט זיך אויפגעזאַמלט אין קרענצלעך צו זאָגן אַ „גאָט העלף" דעם בעל־הבית פון די לענדערייען וואָס אַרום לודוויקאָווע, פּאַרלירט נאָך אַ זיפץ אויפן גורל פונעם שררה. לסוף בלייבט פאַר אַ שטיקל צייט גליווערן דאָס געמיט פון די אָרעמע־לייט וואָס טראַכטן פון דעם שלאָפן כראַביע. „אוי, אוי, אַזוי רייך ווי ער איז, איז נעבעך אָרעם פאַרשלאָפט זיין גוף. אויב דער הייליקער גייסט באַווייזט אַ נס פון גענעזונג פאַר זיין וויל־געבוירן, וואָלט ער אויך דערפרייט דאָס פאַרפינצטערטע פאָלק. ער איז דאָך גוט און פרום, דער פּאַן כראַביאַ; אין אים שלאָגט אָן אָדער פון זיין עלטער־זיידע, דעם ליכטיקן „פּאַניע קאַכאַנקו" וואָס פלעגט זיין גנאָדיק אַפילו צו אַ פּראָסטן מענטשעלע. ערשט איז פאַרביטערט די נשמה פון זיין ווילגעבוירן. דערפאַר ווערט שטאַרק אָפּגעהיט די רו פון לודוויקאָווע, ווען ער באַווייזט זיך אַהין צו. ס'איז באַשיימפּערלעך וואָס כאָטש ס'איז גרויס דער פּאַלאַץ אין ניעסוויזש, איז דאָרט פּיינלעך ענג פאַר זיין פאַרשלאָפטן געמיט. שווערע יסורים מאַטערן דעם פּאַן כראַביאַ, ווייל ס'איז גאָר לעסטיק די געליימטקייט פון זיין גוף. מיט קענטיקן דאָרשט צו דורכויסיקער שטילקייט איז פול זיין געקרענקטע נשמה. געשעט טאָקע אַזוי: קומט דער שלאָפער פירשט קיין לודוויקאָווע, שרימפּט איין תיכף דער ליאַרעם צווישן די וואַלדלייט וואָס לאָדעווען ס'געהילץ אויף לאַנגע ראַלוואַגנס. אַפילו די טאַרטאַקן ווערן איינגעשטומט. אויבנאויפיק איז די רו אים לרפואה: „די שטילקייט טאָר אין ערגעץ נישט געשטערט ווערן. זיין ווילגעבוירן, דער כראַביאַ קומט!" זאָגט אָן ביי צייטנס דער סטאַראָסטע דורך עקסטרע

*) פאָטערלאַנד! **) זאָל גאָט באַצאָלן.

שטאַפּעטן וואָס לאָזן זיך רייטן צו די קאַנטאָרן פֿון די זעגמילן און צו די בריגאַדירן וואָס עפֿענען נייע פֿאָרעמבעס אין לודוויקאָווער וואַלד. סע נעמט נאָר מינוטן און אַרום שטעלט זיך אַן איינגעפּרעסטע שטילקייט; אויך אין שיניאַווע, אין בודי ווי אין אַנדערע ראַדזיווילישע יישובים ווערט ביי אַלעמען ממש פֿאַרהאַקט דער אָטעם, ווען אַהין צו באַווייזט זיך דער געאַכפּערטער פּאַן. מיט די אייגענע הענט טרייבט ער אַליין די בליאַסקנדיקע רעדער וואָס דינען זיין געשלאָגענער עקסיסטענץ, וועלכע אומרוט אין אים, שטויסט אים עפּטערס צו זיין נאָענט פֿון אַלץ מיט אַנאַנד. טאַקע דאָס איז דער רייץ וואָס באַוועגט אים פֿון מאָל צו מאָל זיך אַרויסצורירן פֿון ניעסוויזשער שלאָס. מחמת אים צעטרייסלט די אַליינקייט. ר׳איז אמת אַרומגערינגלט מיט געטרייע קאָמערדינערס און דער ליבהאַרציקער פּאַננאַ יאַדוויגאַ, די אָפּטע באַגלייטערין זיינע אויף די שפּאַצירן אין פֿירשטלעכן פּאַרק און אין דער סביבה. זי פֿאַרווילט אויך זיין ווילגעבוירן מיט איר צאַרטן זינגען און איז תמיד זיין פּאַרטנערקע אין שאָכשפּיל. דאָס שפּילן שאָך געשעט אָבער זעלטענער. ווייל זעלטן איז דעם פּאַן קזשאַנזשע רויִק אויפֿן האַרץ אַז ס׳זאָל אים אָנגעמען אַ חשק זיך צו זעצן פֿאַרן שאָכברעט.

דער פֿירשט איז אַ שווערער בעל־יסורים. שוין אַ צוויי יאָרצענדלינג ווי ער שפּירט זיך אַ פֿאַרמשפּטער פֿון גורל. אים וואַרגט דער עלנט און די כמעט אויפֿגעצווונגענע שטומקייט, וועלכע שרייט פֿון אים אויף קולי־קולות. איינפֿאַך, ער האָט זיך פֿירגענומען צו שווייגן כדי אַליין נישט צו צערודערן די כלומרשטע רו אין פּאַלאַץ. דעם דאָזיקן כוח האָט אויף אים אַרויפֿגעצוווּנגען „די בלענדיקע שיין פֿון זיין יוגנט“, דאָס ווייב העלענע. נישט לאַנג נאָך דעם ווי ער איז איינגעפֿאַלן, האָט זי גענומען בעטן, ממש געוויינט אין דער שטיל, דערנאָך גערעדט לאַנג, איבערגעחזרט איינס און דאָס זעלביקע: „באַפֿריי מיך. איך קאָן נישט אַזוי. כ׳וויל דיר בלייבן אַן ערלעכע פֿריינדין, נאָר נישט קיין ווייב...“ אָבער ער האָט זי געקושט אין טרערן: — ווי מעגסטו אַזוינס, טייערע? זי איז דאָך באַשטאַנען אויף אירס; זי האָט שוין אַ צעפּייניקטע געטענהט צודריגגלעך, מיט בעטעניש:

— „אין נאָמען פֿון דיין אַזוי־גערופֿענער ליבע מעגסטו מיך אַריינפֿירן אין אַ פֿייער אויף אַ גאַנצן לעבן? דו מוזסט באַווייזן דיין האַרטן עגאָיזם, לודוויקו?! געדענק, איך בין נאָך יונג. איך קען נישט אַזוי ווי דו ווילסט. ס׳וועט זיין שלעכט און מיאוס פֿאַרביידן. טאַקע פֿון וועגן דיין ליבע צו מיר און פֿון דרך־ארץ פֿאַרן שטאַם מוזסטו מיך ראַטעווען, לודוויקו. אויב

נישט, ווּעסטו זיך מוזן שעמען, וואָרן איך, איך... לסוף האָט זי שוין גאָר שטאַרק געטומלט ער זאָל זי „באַפרייען".

פּאָר אַ שטיק צייט האָט די פּירשטין העלענאַ העפּטיק צעטרייסלט די מנוחה סיי פון דער ראַדזיווילישער פאַמיליע און סיי באַאומרויִקט מיט אירע וויזיטן דעם וואַטיקאַנישן נונציוס מכּוח אַן אויפגעצווונגענער צע־שיידונג. „ער מוז זי אָוועקלאָזן, האָט זי שטיל, בעטנדיק אַריינגערעדט אין דעם וואַטיקאַנישן פאַרטרעטער, וואָרן ע ר וועט דערפירן צו זינד". דאָס האָט זי לסוף אַריינגעווינט אין דעם וואַטיקאַנישן זקנס אויערן. דער נונציוס האָט מערערע מאָל שוין זיך מטריח געווען אין ניעסוויזשער פירשטלעכן פּאַלאַץ אַריין, געפירט סודותדיקע שמועסן מיטן שלאָפן פאַן כראַביאַ, אָבער דער האָט ממש זיך צעריסן פון האַרצווייטיק און שאַנדע. מיט איינגע־שפּאַרטקייט האָט ז י שוין שאַרפער זיך געלאָזט הערן: — פּאַטערל הייליקער, עמינענץ וואָס אים איז געגעבן געוואָרן דעם רשות צו רעדן, אַפילו באַפעלן אין נאָמען פון דער סאַמע העכסטער שטול אין וואַטיקאַן, ער דאַרף ענדלעך באַנעמען אַז דאָס געצוווּנגענע אַנגעקניפּט זיין אין א י ם, פאַרוויסטעוועט דאָס לעבן פון אַן אָרנטלעכער קאַטוילישער טאָכטער. זאָל דער פאַן לודוויק דאָס געדענקען. איך קאָן מער נישט פוילן אין דער מחיצה פון אַ כלומרשטן פּאַלאַץ וואָס איז מיר נישט מער ווי אַ תּפיסה! לאַנג האָט דער פירשט געמוזט הערן איר געשריי וואָס צעטומלט אים נאָך אַצינד. די צעשיידונג וואָס איז סוף־כּל־סוף צו שטאַנד געקומען, האָט צעבראָכן לודוויק ראַדזיווילס גאַרע וועלט. ערשט איז די תּמידיקע טענה זיינע פון טיפסטער פאַרביטערונג: „רו, לאָזט מיך צו רו, שטעלט אָפּ דעם רעש!" אויך דאָס איז געוואָרן אַ קרענק וואָס הערט נישט אויף צעברויזן דאָס געמיט פון זיין ווילגעבוירן און עס אָנפינצטערן.

קאַפּיטל דרייצן

— — — און ס'האָבן געצויגן אַהין צו די, וואָס האָבן באַגערט צו אַנטרינען פון דעם לאַנד פון לאַקריצדיקער פיינקייט (פּראָשען פּאַנאַ; פּראָשען באַרדזאָ; דזשענקויִען; פשעפּראַשאַם *) און טויזנט פּאַרבאָטן:

*) כ'בעט אייך איבער, האַר; איך בעט אייך זייער; אַ דאַנק; האָט נישט פאַראיבל.

ס'איז פאַרווערט צו זאָגן אַז ס'איז גאָר־גאָר שווער דורכצולעבן אַ טאָג אין לאַנד פון שפּראַצנדיקער שפּע; אַז דער פילאַנטראָפּישער פאַראיין „דער טראָפּן מילך״ קאָן נישט אויסקומען מיט די אומאויפהעריקע „בלימל־טעג״, וואָס ווערן דורכגעפירט איבער די גאַסן פון די שטעט, ווו דאָס דחקות וואַקסט ראַפּטעם און קליינע קינדער שטאַרבן מאַסנדיק פון אויס־צערונג. אַלצדינג איז פאַרבאָטן, אַפילו צו זאָגן אַז פון נישט־דערעסן, פאַרגרעסערט זיך אין פוילן די צאָל שווינדזיכטיקע, וואָס זייער רוב צאַנקט אויס יינגערהייט. ס'איז אויך שטאַרק פאַרווערט די גאַזעטן צו שרייבן אַז אין ממשות איז דעם פּאָלק געשטערט צו עסן דאָס פּאַסנע שטיקל ברויט, כאָטש דאָס פעלד איז פּרוכטיק סיי אין קאָרן, סיי אין שאָף און רינדער און צוקער און האָניק.

דער מענטש פון אַלע טאָג איז מוראדיק פאַראָרעמט געוואָרן; ער האָט נישט פאַר וואָס צו קויפן דעם לאַבן ברויט און דאָס שטיקל פלייש וואָס איז בזיל הזול. ער האָט נישט ביי וואָס צו פאַרדינען דעם זלאָטי. צו מאָל פאַר שלאָפע קינדער איז נישטאָ דאָס מינדסטע ביסל לאַבונג צו קענען זיי שטעלן אויף די פיסלעך. מחמת דעם האָט זיך באַוויזן די מאָדנע פּלאָג וואָס אַזוי פיל יונגע קינדער וואַקסן מיט וואַסערדיקע, גרויסע קעפּ און שטאַרק אויסגעדאַרטע פיס ווי די שטעקעלעך. די מערסטע פאַבריקן הייצן נישט די קעסלען זינט חדשים און קרעמערס שטייען גאַנצע טעג ווי פאַר־גליווערטע אין זייערע געוועלבער און זעען נישט אַריין קיין קונה. זומער האָבן יונגע, געזונטע מענער געמוזט זיך „טריקענען״ אויף דער זון פון דער דושנער, שטויביקער גאַס, אויך איינדאַרן די קישקעס און אום ווינטער זענען זיי געסטאַיעט געוואָרן פון קעלט. פון פאַרהייצן אַ בידנע שטוב איז נישט געווען קיין רייד, כאָטש קוילן זענען געווען לרוב אין שטאָט; די בוידן פון קוילנהענדלערס זענען געווען פול מיט סחורה און די קוילנ־שאַכטעס פון קאַטאָוויץ און בענדין האָבן נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן די שפע אויסגעגראָבענע קוילן וואָס האָבן אין הויכע בערג געשפאַרט צו די גראָע הימלען. אין צוגאָב צו די אַלע שטרויכלעניש וואָס האָבן געטראָפן דעם יידישן אָרעמאַן, איז אים נאָך פאַרווערט געוואָרן פריי צו אָטעמען די לופט וואָס איז די גאָב פון זיין ליבן נאָמען. יעדער פאַרבאָט איז אויף אים אָנגעוואָרפן געוואָרן מיט רוגזה נאָר פאַר דער זינד, הלמאַי ער דער־וועגט זיך צו בלייבן אַ ייִד. אין דאָזיקן לאַנד פון זיין געבוירן האָט דער

ייִד נישט געהאַט דעם רשות צו פאַרדינען זיין באַשיידן אויסקומעניש. געווען, אמת, דרייסטע ייִדן וואָס זענען ווי אַ ב י וו אַ ט ע ל ע ס*) גע־גאַנגען בעטן ביי די לייט פון די הויכע פענצטער מ׳זאָל זיי לאָזן לעבן, פשוט לעבן, מחמת די מענטשלעכקייט וואָס איז געהייליקט פון די געטלעכע געזעצן פאָדערט עס. אַחוץ דעם וואָס די תּקנות פונעם לאַנד פון דער ווייסל פאַרזיכערן ברויט און רעכט אויף אַרבעט פאַר אַלעמען, וואָס זיצן אויף דער דאָזיקער ערד. די מוטיקע צווישן זיי האָבן זיך צו מאָל פאַראייניקט, געפּרוווט אַליין זיך העלפן, אָבער ס׳איז געבליבן אָן פּעולה. ווייל ווען אַ פּאָר ייִדן האָבן זיך צונויפגעקליבן כּדי זיך צוזאַמענרעדן, האָט מען זיי תּיכף צעטריבן ווי בוגדים, שונאים פון לאַנד. און האָט עמעצער דאָך געמאָנט וואָס אים קומט על פּי די פּירונגען פון אויפגעקלערטע לענדער, געשריבן „פּראָשעניעס" **), גערעדט צום געוויסן פון די שׂרים, איז עס ווידער געווען אומזיסטע טירחא. פאַר ייִדן זענען אַלע אויערן געווען טויב. די קליגערע פון די מושלים האָבן כיטרעטשקע זיך פאַרענטפערט הלמאַי ס׳קען אַנדערש נישט זיין: „נישטאָ ערשט קיין מעגלעכקייטן נאָכצוקומען אַלע געברויכן פון פאָלק וואָס ליידט פון דער ירושה וואָס די שלעכטע בעל־הבתּישקייט פון נעכטן און אייערנעכטן האָט אונדז איבערגעלאָזן. אַלע ליידן מיר פאַר דעם". גאָר גרינג האָבן זיך געמאַכט יענע צווישן די צוררים וואָס האָבן געענטפערט די בעלי־טענה: „פון קריזיס איז נישט געשווינט קיין שום לאַנד. גאַנץ פּוילן איז נאָך אַלץ רויִנירט פון דער אָקופּאַציע. איצט מוזן אַלע, דער דור פון נ י י ע ם פּ ו י ל ן, צאָלן שווערן צינדז. ס׳איז אַ קריזיס נישט נאָר פאַר די אָביוואַטעלעס־ייִדן. דער ניעמעץ האָט צערויבט די פאַבריקן, אַרויסגעפירט אַלע מאַשינעס, צעקאַליעטשעט ס׳גאַנצע לאַנד און צעטומלט אויך דאָס יונגוואַרג. אָבער ס׳וועט זיך באַרויִקן — —" די אויסגעמאַרעטע ייִדן האָבן באַנומען אַז די ענטפערס זענען פּניותדיקע; ווייל מ׳האָט זיי נישט געזאָגט פאַר וואָס מע לאָזט זיי נישט דערכען, מ׳רייסט ס׳פלייש פון זייער לייב און מ׳שטעלט זיי אויס אויף הונגער. די פּאַליאַקן, אוקראַיִנער, ליטווינער און די דייטשן וואָס וווינען אין לאַנד לעבן יאַקאָש אויך אין דעם קריזיס. און מ׳שלאָגט זיי נישט און ס׳פאַלן נישט אויף זייערע קעפּ אַזעלכע גזירות־רעות. ייִדן האָט מען אַפילו נישט געלאָזט ווערן גאַסנקערערס, ברוקירערס. די ייִדן־שׂינאה האָט געברענט אין רע־פּוילן. משהן און יאַנקלען האָט מען געשטערט אַליין זיך העלפן, טון זיין

*) בירגער. **) בקשות, ווענדונגען צו אָפיציעלע אַמטן.

מלאכה, פירן אַ קליינעם האַנדל. ייִדן וואָס האָבן געוואָלט טון פון פּרנסה וועגן, האָט מען מיט דרענגער, מיט מעסערס זיי פאַרטריבן פון מאַרק. אויף די יאַרידן האָט אַ ייִדישער שניידער־טאַנדייטער, היטלמאַכער אָדער רימער נישט געטאָרט זיך באַווייזן מיטן ביידל סחורה. אַ סך ייִדישע בעל־מלאכהס זענען אַהיימגעקומען צעבלוטיקטע, אָדער בכלל שוין נישט אַהיימגעקערט זיך און זייער סחורה האָט מען צוגעראַבעוועט. רשעותדיקע גזירות זענען געקומען אויף ייִדן. הונגער האָט זיך איינגעקראַמפּט אין די מערסטע הויז־געזינדן, כאָטש אַלץ איז געווען שפּאָט וואָלוול. דער ייִד האָט נישט געטאָרט פאַרדינען פאַר זיין אויסקומעניש. אַן אָקס פאַר אַ גראָשן, אַז דער גראָשן איז נישטאָ, האָבן לייט געמורמלט אין יִיאוש. דאָס גערעטעניש פון פעלד און גאָרטן און פאַבריק האָט מען פאַרקויפט אין וויטע לענדער. צוקער פון דאָבזשעליץ, דעם האָניק און מעל פון לויוויטש, די פּאַלטנס און הויזנעס פון בזשעזשין, האָט מען אַרויסגעשיקט אין די ענגלישע, פּאָרטוגעזישע און פראַנצייזישע קאָלאָניעס פון אַפריקע און אַזיע; מיטן צוקער און חזיר־פלייש פון פוילן האָבן זיך געקוויקט די קוילנגרעבערס פון בעלגיע און די שטעט פון אַלזשיר. אויך די דזשונגל־שבטים פון מאָזאַמביק און ניגעריע האָבן געגעסן פון דער האַרעוואַניע פון פוילנס אָרעמע־לייט, וועלכע זענען אַליין געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. דערצו האָט מע נאָך געחוזקט פון גאָסטי־נינער, זשיראַרדאָווער און אַפּטער שלימזלדיקן דאַרפישן גוי, וואָס כאָטש ער האָדעוועט ברויט און רינדער און עופות, איז ער פון דעסטוועגן משועבד צום ווילדן הונגער, זיין ברויט עסן אויף אַנדערע, שוואַרצהויטיקע און קוטשעראַווע, האַלבנאַקעטע שקלאַפן אין די מעשהדיקע וויטן. דער פוי־לישער פויער איז צו פיל פאַרתּמט, ר׳ווייסט נאָר צו פּראַצעווען און ס׳וויב מוז אים אַלע מאָל אַרויפליגן אַן אַנדערע לאַטע אויף זיין גראָבליינענעם העמד. ר׳מוז זעטיקן זיין ליידיקן מאָגן מיט פּאַסנע ערדעפּל *) און קרויט. פאַרן ביסל קאָרן וואָס אים בלייבט פאַרן אויסבאַק פון היימישן ברויט, קען ער קוים קויפן זאַלץ פאַרן אָרעמען געקעכטס און אַ קענדל נאַפט נישט צו דאַרפן זיצן אין דער פינצטער די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט. ס׳איז טרויעריק, אָבער פאַר אַ זייטיקן לאָזן פאַלן אַ וואָרט צי אַ בייסיקן שמייכל דערוועגן, איז חלילה וחלילה. אויפן מיסט פון דער אויסטערלישער צייט זענען אויסגעוואַקסן חונפים צו די שטאַרקע, וועלכע רייטן אויפן רוקן פון די פאַרחושכטע. מוסרים זענען צווישן לייטן געוואָרן יחסנים, מחמת

*) קאַרטאָפל.

מורא פאַר זייערע ווערעמדיקע ליפּן. די מושלים מיט די שליפעס קענען אומגעריכט קאַפּויער קומען מיט זייער כּוח. דאָס דחקות האָט דערום געפייפט איבער אַלע דעכער. אויך אויפן ליכטל איז מען געוואָרן ביז גאַר זשעדנע, ווייל ליכט זענען געוואָרן בראַנדטייער פאַרן דלפון. מ׳האָט טאַקע די אויפדערנאַכטן פאַרבראַכט אין דער פינצטער אָדער ביי צייטנס זיך אַריינגעוואַלגערט אין די געלעגערס, כאָטש פון שלאָפן האָט מע נישט געקענט טראַכטן, וואָרן ס׳נאַגעניש אין די געדערעם האָט שוין דערפאַר פלייסיק געזאָרגט. סכנות שווער איז געווען איינצושטילן דאָס האַקן אין די שלייפן און אויף דער נשמה איז געווען סומנע ווי אַ מידברישער דרויסן אין מיטן נאַכט. הויך רעדן וועגן דעם בייז וואָס יוירט אין לאַנד, האָט מען מורא געהאַט. פאַר דאָס זענען מענטשן געלאָפן „אין דער העל אַרייך״ ווי פון אַ שריפה וואָס בושעוועט אונטער די משוגענע ווינטן. בפרט איז אַוועק צו די גרענעצן דאָס יידישע יונגוואַרג. מ׳איז אַוועק מיט אומוועגן (מיט באַנען האָט מע זיך געשראָקן צו פאָרן, ווייל אומעטום האָט עס געזויערט מיט שפּיצלעס), געלאָזן זיך אויף מיזרח: קיין לאָשיץ, אַריבער שעדלעץ, קיין סאַרני, קיין מאַלקין; אויך האָט מען געצויגן קיין לודוויקאָווע, כאָטש זי איז אַ ביסל אָן אַ זייט פון די טראַקטן וואָס פירן צו „יענער זייט״. ווי פרומע בחורים פלעגן אַלע מאָל ציִען אין די ווייטע ישיבות פון דער ליטע, זענען אַצינד די מיקלאָמפּערשט פּשוטערע, צווישן זיי אויך מיידלעך, געקומען אין די אַ פרעמדע קאַנטן; געקומען מיט סודותדיק דורכגעבערענטן ווילן צו לייטערן זיך, ליידן פאַר תּכלית. אָנגעטון אין שטיוול, אין וואַטענע בורקעס מיט שוואַרץ געפאַרבטע קאַצענע קראַגנס, קאַשקעטן און אַפילו מאַטשעיוווקעס, האָבן זיי זיך געדרייט אין שטעטל ווי פאַרבלאָנדזשעטע, געשנאַפּט ווו מ׳קאָן זיך ערגעץ „אָנוואַרעמען״. טייל האָבן זיך אָנגעדונגען אין אַ טאַרטאַק צו טון שווערע אַרבעט פאַרן ביסל עסן און פאַר אַ נאַכט־לעגער. מ׳איז אויך אַוועק אין די וועלדער ווו בראַקערס קלייבן אָפּ וואַסערן שטח וואַלד מ׳באַדאַרף לייגן. די אָנגעקומענע יונגע־לייט האָבן זיך איינ־געשפּאַנט אין בריגאַדעס וואָס האַקן, זעגן אונטער שטאַמען וואָס פאַלן צו דער וואַלדערד מיט אַ טויבן עכאָ. די ניי־געקומענע זענען געגאַנגען דאָ אויף מסירת נפש מיט דער כּוונה בייצוקומען סכּנות, צו מאָל פאַר ליב גענומען הונגער, האַרצקלאַפּעניש, געציטערט פאַר אַ „שמירה״, פאַר יעדן ק נ ע פּ ל. דאָס אַלץ — אַבי צו ווערן היימיש מיט די דאָיִקע לייט, אויך ווערן אייגן מיטן אַרום כּדי אין אַ שעת־הכּושר צו קענען זיך אַריבערכאַפּן אויף י ע נ ע ר ז י י ט.

ווערליק דעם אַנטוועכץ, דעם לשון און דעם פּירעכץ, האָבן די אַנטרו־נענע פון קרוינפּוילן ווי פון גאַליציע טאַקע זיך געוואָרפן אין די אויגן ווי פרעמדע; דאָך האָבן זיי פּאַוואָלינקע זיך דערנענטערט צו די אָרטיקע לייט, יאַקאַש מיט זיי זיך צונויפגעלעבט און בשתיקה זיך דעררעדט מיט אייגענע, וועלכע האָבן שוין עפּעס געוואָר געוואָרן בנוגע דעם, וואָס עס האָט זיי געבראַכט אין דעם עק־וועלט. זיי האָבן אויך שוין בסוד־סודות געהערט אַז ס׳זענען פאַראַן פויערימלעך וואַלדהעקערס, טעסליאַרעס, אויך שוסטערס וואָס קוקן מער אַ ה י ן ־ צ ו ווי אַהער, ווו זיי לעבן זינט לאַנגע יאָרן און געדענקען וואָס אין די אַ קאַנטן האָט זיך שוין אָפּגעטון. איצטער זיצן זיי שוין דערווייליק, ווייל אויך מיטן אויסקוק אויף ד אָ ר ט. זיצן נאָך אין אייגענע כאַטעס, מחמת אַזוי איז געווען גוט באַרעכנט. מ׳האָט געוואָרט אויף דער ריכטיקער טונקל־שעה אָדער טיפע נאַכט וואָס פאַרן אמתדיקן אויפבראָך פון „בייעם טאָג פאַר די דערנידעריקטע״. דעמאָלט וועלן אויך זיי זיין גרייט און — פוף, ס׳איז אַוועק דאָס פייגעלע. געווען איינער אַזאַ און אַזאַ און נישטאָ אים מער. סלאַוואַ באָהו, סוף־כל־סוף פּטור געוואָרן די „בלינדקייט״ וואָס האָט קלאָמפּערשט באַגלייט במשך יאָרן דעם פּרווו אויסצודויערן פאַר דער גרויסער זאַך. דעמאָלט וועלן אויך זיי קענען אָפּעטעמען אויף אַן אמת. ענדלעך וועלן זיי זיך געפינען צווישן חברים איבערגעגעבענע דעם אידעאַל פון יענעם אחרית־הימים, ווען אביונישקייט וועט מער זיך נישט וואַרפן מיט רוגזה אויפן פּראָסטן מענטש און אויך נישט דערדריקן דעם געלערנטן — — סוף־כל־סוף האָט אויף אַ טייל פון דער פאַראומווערדיקטער ערד אַראָפּגענידערט דאָס מלכות פון אמתדיקער דערלייזונג און צו איר איז ערשט די איינציקע האָפענונג, דער חלום פון אַלע חלומות.

שטילינקערהייט, אויפן ווונק, האָט איינער דעם אַנדערן זיך פאַרטרויט וועגן „קאָנטאַקטן״ וואָס שוין אָפּגעפונען, אָבער דערווייל שאַ, שטאַרק זיין געהיט מיט דעם. מ׳באַדאַרף נאָך האָבן געדולד. די צייט וועט אויף געוויס דערפירן צום ריכטיקן וועג. דערווייל זענען די ניי־געקומענע אַרומגעגאַנגען אין אַ ווייסטער הייט, אויך מבולבל און מיט פאַרקלעמטע מיילער. געהאָרע־וועט אויפן ביסן וואָס געגעסן ביי די בעל־הבתים, מיט וועלכע זיי האָבן אויך געהויזט און געשוויגן ווען געקומען פּנים־אל־פּנים מיט זיי, בעת דער דרויסן האָט אַריינגעטריבן אין די כאַלופּעס. ס׳איז געשען אין די טעג פון שאַרפע ווערטערס, אַלע מאָל, ווען ס׳איז אויסגעפאַלן אַ האַסטיקער

רעגן צי ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ וויוגע וואָס האָט געשלאָגן אין פּנים מיט אַ שניי־געפּליאַסק.

פאַרן נישט־דאַיקן זענען די אַלע ענדערונגען געווען דערדריקנדיק, ממש נישט געקענט לעבן און אויך נישט געקענט שטאַרבן. די הלבשה וואָס מ׳האָט זי לאַנג געגרייט אין וועג אַריין, האָט שוין פון זיי אַראָפּ־געווינט, ווייל זי איז גיך אויסגעריבן געוואָרן ביי דער עבודת־פּרך, צו וועלכער די פאַרוואָגלטע זענען נישט געווען צוגעוווינט. די יונגע מענטשן האָבן געטון די אַרבעט מיט גרויסן אָנשטרענג — ביי אַ ליאַדע־וואָס זיך צעקרעלט דאָס פּנים; האָט פּלוצלינג זיך אָפּגעבראָכן אַ שווערע צוויג, איז ער געפאַלן דווקא אַזוינעם אין קאָפּ אַריין און אים צעבלוטיקט; אַ צווייטן האָט מעשה־שטן זיך אַרויסגעגליטשט פון האַנט אַ מאַסיוו שטיק געהילץ און געפאַלן אויפן פוס, וואָס איז תיכף אויפגעשוואָלן ווי אַ קאַן. מיט צעאַייטערטע פינגער און צעריסענע בגדים זענען זיי אַלע אַרומגע־גאַנגען, מחמת די אַרבעט האָט זיך נישט געקלעפּט צו זייער רצון און אַוודאי נישט צו די כּוחות. דאָך האָבן זיי זיך באַמיט ווייטער צו טון וואָס געמוזט, כאָטש ס׳איז געווען אַ טאָג־טעגלעכע צאַפּלעניש פון עקשנות קעגן זיך גופא, מחמת דער דערווייליקייט, וואָס וועט לסוף דערברענגען צום אויסגעחלומטן ברעג. מערסטנס אַרויסגעמאַכט זיך פון באַגעגענישן מיט אַזאַ וואָס ווייל דווקא הערן וואָס אַזוינער פון דער ווייטער וועלט „האָט צו דערציילן". אין אָוונט אָפּגעגעסן ס׳זייניקע, האָט אַזעלכער באַלד זיך געוואָרפן אויפן געלעגער, באשר ער איז מיד, אָבער נישט ווינציקער דערשלאָגן מחמת אָפּגעריסנקייט פון די אייגענע. די לייט האָבן זיך גע־צווונגען צו אַזאַ פּירעכץ, ווייל דער תּירוץ האָט גוט צוגעדינט — בכן פון שוואַכקייט נעמט אים באַלד דער שלאָף. דערפאַר האָבן די לודוויקאָווער אפשר נישט געהאָט פאַראיבל אויף די יונגע מענטשן. ווידער דאָס אָפּטע שווייגן זייערס, האָבן די בעלי־בתּים אויסגעטייטשט מיטן שעמען זיך פון די יונגע־לייט פאַר די ברויטגעבערס וואָס זענען צו זיי לייטזעליק. אין אמתן האָט זייער שווייגן בפירוש געערעדט פון אַן אינעווייניקדיקער פאַר־ביסנקייט „נישט צו לאָזן אין גאַנג דאָס מויל" וואָס קאָן חלילה אויפשוימען פון טאָטשנדיקן געדאַנק; עס קען זיך אַרויסכאַפּן, נישט ווילנדיק, מיט אַזוינס וואָס האָט שטאַרק געטליִעט אין זיי. נייך, נאָר נישט אַרויסרופן קיין חשד! — און אַזוי האָבן די לייט זיך געהאַרטעוועט. און נאָך עפּעס: די דאָזיקע „שטומע ברואים" האָבן לפנים געמאַכט דעם אָנשטעל אַז זיי זענען צופרידן פון דעם וואָס אָפּגעשטעלט זיך אין לודוויקאָווע, ווו די

תּושבים זענען פֿאַרשטאַנדיקע און גוטע; אַנדערע האָבן אַפֿילו זיך געפּוחט צו ווייזן אַז זיי געוווינען זיך צו צו אַלץ וואָס פֿריִער איז זיי געווען לגמרי פֿרעמד. חס ושלום, זיי האָבן נישט קיין סיבה חרטה צו האָבן דערויף וואָס דער גורל האָט באַשערט צו זיין אָפּגעריסן פֿון דעם קאַפּעלע היימישער וואַרעמקייט וואָס אַ מענטש באַדאַרף האָבן — האָט אַן עמעץ פֿון זיי אַ מאָל זיך אַרויסגעכאַפּט אויף אַ קול פֿאַר אַזעלכן וואָס האָט געעפֿנט די טיר פֿאַר אים, אַן אומבאַקאַנטן, וואָס זוכט אָרנטלעך צו פֿאַרדינען ס׳טעגלעכע ברויט. איטלעכער האָט אויף זיין שטייגער געזוכט גוט אויסצושפּילן דאָס לידל פֿון אַן עלנטן וואָס איז מקבל־באהבה זיין ברעקל מזל. ביי אַלעם וואָס זיך שוין אויסגעשטאַנען אין דעם פֿאַרוועהרטן גרענעץ־שטח (שוין תּחילת נאַכט האָט מע נישט געטאָרט זיך ווייזן אין דרויסן, מ׳האָט זיך געשטיקט אין האַלב־באַלויכטענע כאַטעס ווו ס׳האָט געזשיפּעט אַ שוואַך קעראָסען־פֿלעמל), האָבן זיי פֿון דעסטוועגן נישט אויפֿגעהערט צו פֿיבערן מיט דער זעונג צו וואָס סע פֿירט זייער נע־ונד. נו, די יונגע מענטשן האָבן נישט געקענט אויפֿהערן חלומען מיט אָפֿענע אויגן אַפֿילו אין דער דאָזיקער באַטריבטקייט. אָ, גילדענער פֿלאַטער פֿון נאַיִווער יונגשאַפֿט! רק זי האָט, נישט מיד צו ווערן, להוט אַרויסגעקוקט די לאַנג דערוואַרטע געלעגנהייט וואָס אָט, אָט וועט זי געזעגנען — זי׳ט זיך אונטעררוקן מיט אַ ליבן גלי און ער און אויך זיין חבר וועלן פֿון דעם דויערנדיקן בראַנד קענען אַרויסציִען זייערע נאָענטסטע וואָס זיצן נאָך געפּענטע אין דער פֿאַרחושכטער ווייטער היים. זיכער וועט פֿון ד אָ ר ט ן קומען אַ שליח צו זיי; ר׳וועט קומען שטיל, עניוותדיק, אַז מ׳זאָל שוין מאָרגן, אַ מאָרגן אַן אויסדערוויילטער פֿון אַלע טעג — איידער לודוויקאָווע פּעדערט זיך צו גיין אין וואַלד אַריין, זאָל מע שוין האָבן „פֿאַרבלאָנדזשעט" אַהין ווו מ׳קוקט אַרויס אויף זיי ווי אויף לייבלעכע ברידער.

אָלאָ שטיל־שטילל איז נאָך אַלץ אין דער כּמו־דרימלענדיקער געגנט. און אין שטילקייט זענען איינגעצאַמט די עסקים פֿון די צוגעקומענע, וועלכע שלייכן אַרום אין באַגערטער פֿאַרהוילנקייט. כאָטש איטלעכן טאָג גייען זיי אַרויס צו זייערע טועכצן. אָבער אויף דער וואָר ציטערן זיי ווי די בלעטער אין ווינט נישט דורכגעשטאָכן צו ווערן פֿון בייסנדיקע אויגן. זיי ווילן ליבערשט געזען ווערן אַזוי ווי מ׳זעט די דאָיִקע לייט צווישן די ווענט פֿון די היגע הייזקעס און ווי די שאָטנס פֿון די ביימער. זיי גופֿא זענען אָבער שטאַרק אָנגעשפּיצט אויף אַ נאָך נישט געהערט וואָרט, אויף אַ בייס, זיי זאָלן זיך קענען אָנכאַפּן דערין ווי אין אַ שווימענדיקן ברעט, ווען די

כוואַליעס גיבן זיך אַ וואָרף אין אומגעריכטן שטורעם. ס׳דריקט מערער דער אָנגעצויגענער עלנט פונעם מענטש, ווען ער באַוועגט זיך אין דאָזיקן אָנקאָליריקן חלל וואָס שרייט שטום מיט פאַרקריצטע ציינער. יאָ, אַ סך „שמעקערס״ שלייכן דאָ אַרום; זיי האָבן פאַרוועמט איטלעך ווינקעלע. „היט זיך, ברודערקע!״ — מיינט אַ ליאַדע בליק, מחמת ס׳דרייען זיך אַרום יענע לייט מיט קלאָמפּערשט תּמעוואַטע פּנימער און אויסגעבליאַקירטע שוואַרצאַפּלען. דעם פירשטס און אויך אַנדערע „שפּיקעס״ האָבן ווי מערעשקעס פאַרקראָכן דעם פּוסטלעכן, וואַלדיקן קאַנט. אַ שכן טאָר אַ שכן נישט גלייבן אַלץ וואָס ער זאָגט; אַ קינד וואָס גייט ערגעץ אַרויס, מוז מען וואָרענען: — געדענק, דו ווייסט גאָרנישט, האָסט קיינעם נישט געזען, האָסט אויך גאָר נישט געהערט — אויב מ׳וועט דיך פרעגן. די מאַמע קאָכט באָרשט, די שוועסטער וואַשט די גרעט, דער טאַטע? דער פּאַפּאַ מיינער איז אַוועק קיין לונע קויפן דזשעגעכץ, אויך קאָנאָפּלענע שטריק פאַרן ברונעם און לעדער פאַר נייע פּאָדעשוועס. האָרכסט, וואָס מ׳זאָגט דיר? מער קיין וואָרט נישט, אַזיסט... איטלעכער היט זיך נישט אַריינגעפּלאָנטערט צו ווערן אין חשד און ר׳ווערט אויך געהיט, נאָכגעשפּירט. מ׳איז געוואָרנט, ווי באַלד אַזוינס צו וואָס ס׳אויג איז נישט צוגעוווינט, באַווייזט דעם קרומען שנאָבל ווי די נאַרישע פּאַפּוגיי: „טישקאָ? ס׳דערזעלבער טישקאָ? מסתּמא נישט דער אייגענער. וואָרן פון וואַנעט האָט דער קבצניוק אַנטאָש טישקאָ מיט אַ מאָל זיך דערשלאָגן צו אַן אייגענער קו?! אוי, טאַטעניו, וואָס ס׳טוט זיך! ווען איז עס ראָמאַן סטאַנקעוויטש אַזוי איידל געוואָרן אַז ר׳זאָל גיין אין כראָמעווע שטיוול? אין לודוויקאָווע פירט אַזאַ שטאָט נישט אַ בילע־ווער, האָ־האָאָ!״ אומעטום שנאַפּט עמעץ נאָך עמעצן: וואָס, ווען, מיט וועמען טרעפט ער זיך? אַזעלכער איז קלאָמפּערשט ווי יעדער מאַנצביל באַוואָפנט מיט אַ זעג, בלאָנקעט אַרום אין וואַלד מיט אַ האַק, פּאָרעט זיך ביי אַן אָרעמען געשפּאַן, שניצט אַ דוהע אָדער פירט קלעצער צום טאַרטאַק. אַזעלכער „הערט גאָרנישט, ווייסט גאָרנישט און זעט גאָרנישט״, נאָר שפּיצט אָן די גלאָצערס: — וואָס ווערסטו זאָגן, טימאָפעי?

— סע געשעט וואָס סע באַדאַרף געשען. מע שלאָנדערט זיך אַרום אויפן מאַרק. נישטאָ דאָך איצטער מער וואָס צו טון! — רוקט זיך אונטער אַ פּאָלישוקל אַ נעבעכל, אָנגעטון אין אַ צעפּליקטער בורקע, טרעט אין צעלאַכצטע פּאָסטעלעס, שטעלט זיך אָפּ ביי אַ ליאַדע וועמען מיט אַן אָכצע:

— בידאַ, בידאַ! און קוקט נישט יענעם גלייך אין פּנים אַריין, גלייך ער וואָלט בשעת־מעשה נאָך איבערגעטראַכט דעם ווי־ וואָס אים איז געשען. באַלד

אָבער בייגט ער זיך אַן אַקוראַט ער וואָלט באַדאַרפט פלוצלינג צובינדן די צעפאָרענע פאַסטעלעס און — פאַלט, בלייבט ליגן ווי אַ גליבע ערד. ליגט און רירט נישט מיט אַן אבר. טויט ווי אַלע טויטע.

— אַ טשאָ? — כאַפּט זיך עמעצער אַ דערשראָקענער: אַ מענטש איז אַוועקגעפאַלן, מ׳באַדאַרף טאָן עפּעס, אָבער ר׳פאַרשטאַמלט זיך, שאָקלט מיטן קאָפּ און קוקט צעטומלט. פון צער ווערן אויך אַנדערע צוגעזאָטן צום אָרט פון אַנידערגעפאַלענעם וואָס ליגט אָן אַ סימן לעבן. נאָך אַן עמעץ גיט שוין אַ צערודער די פאַרגולמטע צוקוקערס מיט אַ בורטשע:

— לודי *), ס׳דאָך אַ מענטש... מ׳קאָן אַזוי אַ נישט שטיין! פול מוסר איז זיין קול, ר׳בייגט זיך אַראָפּ צום אַוועקגעפאַלענעם, רעדט צו אים: „טשויעש, טי זשיוו?! לודי, שטייט נישט, רעדט ער שוין צו אַלע וואָס אַרום: רופט אַ דאָקטער, ברענגט אפשר אַ ביסל וואַסער!" און ר׳טאָרעט ביים עלנבויגן דעם ליגנדיקן. נאָך איינער טוט אויך שוין עפּעס — ער רייסט ביי די האָר דעם אַנידערגעזונקענעם אַז ער זאָל אויפקומען, כאַטש עפענען אַ שפּאַרע פון אַן אויג. ר׳פּרוּווט טאָקע ביי אים אויפהייבן אַ וויִע. נייִן, קיין צייכן פון אַ לעבעדיקן.

לייט נעמען זיך שוין צלמען, שטעלן אַן אויף איינאַנדער שטאַרע פרעגנדיקע בליקן און ווייסן נישט וואָס צו זאָגן. — טאָקע געשטאָרבן? — גיט עס עמעצן אַ שאַרפן רודער אין די געהירן, אָבער ער שעמט זיך צו עפענען דאָס מויל. עס נעמט נאָך אַ ביסינקע און דאָס אַנידערגעפאַלענע פּויערל רייסט אויף די מוטנע אויגן אינעם שטעכיק באַוואַקסענעם פרצוף. דערנאָך שטעלט ער זיך אויף שוואַכינקע, מעשה־חלוש, ווי אַט־אַט פאַלט ער ווידער. ר׳קוקט זיך אָבער אַרום, זעט דעם אַרומשטיי פון באַקאַנטע און לאָזט הערן פון דער שרעק וואָס האָט אים נאָר וואָס געהאַט אַנידערגעוואָרפן ווי מ׳וואַרפט אַ שטיין צו דר׳ערד:

— ני סליכאַל? — הייבט ער אָן פריקרע וויגן מיטן טונקל־באַוואַקסענעם קאָפּ ווי אַ קוים זשיפּענדיקע סאָווע און קוקט מיטן שטרויכלענדיקן בליק צו די וואָס נעבן אים: — ס׳האָרץ שטאַרבט אָפּ אַז כ׳דערמאָן זיך די נאַכט, זאָגט ער. ס׳געווען אַ גרויל! נישט געהערט, טשאָ? — און עפנט ביי בייס די קיילעכיקע סאָווע־אויגן: — מ׳האָט געשאָסן, לאַנג געשאָסן.

לייט האָבן געקוקט סטאַמפּיִעטע. ערשט איינער רופט זיך אָן:

*) מענטשן.

— מסתמא בערן זיך געיאָוועט פון וואַלד, האָ, האָאָ, ביי צייטנס שאַרפן זיך די קרירות. ער זאָגט שוין אָן, דער ווינטער.

— בערן!? — קרימט אויס אַ שאַטנדיק־האַריקע מינע דאָס פאַר־חלשטע פאָלישוקל, — באַנדיטן האָבן זיך באַוויזן! פאַר מיין פענצ־טער זענען זיי פאַרבייגעלאָפן, געהערט אַפילו זייער דעכען. „סטאַי־אַי! סטאַאַאַאַי־אַיאַי!!" האָט אַ געשריי רייסיק זיך געטראָגן פון דער פינצטער־ניש און תיכף נאָך דעם... טרראַאַאַך! טרראַאַאַך! אַ שיסעריי אויף בלינד האָט געענטפערט דעם אַנגעיאָזשעטן חושך. אוך, וואָס פאַראַ נאַכט! מסתם אויפן קניאַזס *) פאַלאַץ איז מען געגאַנגען. טשויעש? — זאָגט ער שוין פאַרטרוילעך: טשויעש? כ׳קאָן שווערן ס׳נישט קיין חלום, — און צלמט זיך. — אויך דער קאָמענדאַנט איז אַרויס מיט דער ביקס. ביזן גראָען באַגינען זענען די סאָלדאַטן נישט אַוועק. פון דעם קניאַזס פּאַרק האָט מען געטשאַטעוועט אין אַלע זייטן. פון ד אָ ר ט — האָט ער מיט דער האַנט אַנגעטייטלט אין דער ווייט — פון דאָרט קומט דאָס בייזס. אויך זיי זענען געשיקט געוואָרן פון דאָרט, די... טשויעש וואָס מ׳זאָגט?

געטאָן אַ קוועטש מיט די פאַרוואָקסענע ברעמען און חשדיק זיך אויס־געדרייט מיטן פנים צו דער זייט ווו ס׳האָט ווי אַ שווערע וואָנט זיך גע־טונקלט דער איבערבלייב פון אַלטן לודוויקאָווער וואַלד. ס׳איז געווען אַ ווונק וואָס האָט געלאָזט הערן לערך אַזוינס ווי אַ געברום פון דעם פאַר־חלשטן פויערל, גלייך ער וואָלט אויף ס׳ניי איבערגעלעבט דעם סכנהדיקן ביינאַכט:

„אָט אַ גבורה פון די ראַדזיווילס... טאַקע אויך אַ גוט מזל וואָס די סאָלדאַטן האָבן נישט איינגעדרימלט אין פראָסט. אַך, אַך, קעפּשטיק האָבן די לייט ביים קניאַז! אַלע, אַלע זענען אים געטריי, דערפאַר דער קניאַז זיי באַזעצט לעם זיך!"

... און פון דאַנען גייט לודוויקאָווע אַוועק מיטן גאַסטשיניעץ **) קיין בודי, קיין שיניאַווע, אויך קיין ניעסוויזש. אַרויף מיט די וואַלדיקע מאַסיוון זענען אויף שאַטנדיקע אומוועגן ווי קעמפּעס הויכע גראָזן און קוסטעס אין מיטן ברוזיקן טייך, צעשאָטן נידעריקע, גרויסע קאַזאַרמעס מיט קליינע פאַר־קראַטעוועטע פענצטערלעך. אין זיי וווינען די קנעכט־האַרעפּאַשניקעס דעם יאַשניע וויעלמאָזשנים. אין דער ברייט און לענג פון דער סביבה אַרבעטן דעם פירשטס ברייהייזער, זעגמילן, ציגלפאַבריקן און גרויסע ראַלוואַגגס.

---

*) דעם פירשטס; **) ברייטער ברוקירטער פאַרוועג.

געשפּאַנט מיט שטאַרקע פערד, פירן קלעצער, פאַרגרייטן געהילץ פאַרן ספלאַוו מיט די טייכן, אויך פאַר באַן־טראַנספּאָרטן. קאָלעמוטנע לייגט זיך די רויִקייט וואָס איז דאָ איינגעוואָרצלט. הילכיק כפלט זיך יעדער קלאַנג וואָס רייסט זיך אַריין אַהער צו. אין דערשרעק כאַפּט זיך אויף — אַ מאָל — ווי אַ בלאַסער פלאַם אַ רויטלעך־ברוינער פוקס וואָס שניידט דורך אין פלינקן געלויף די איינגעגליווערטע טריבקייט; אויף אַ רגע וויגט זיך אין חלל ווי אַ רויכל זיין פוכיקער עק, וועלכער צעדריוולט זיך יאַקאַש. אויך אַ וואָלפיכע צעוואָיעט זיך ווען ס׳גייט אַ סכנה אויף איר יאַמע ווו זי וואַרעמט אירע ערשט אויסגעקאַציעטע וועלפעלעך. און קומט די צייט, זענען דעם פירשטס יעגערס גרייט מיט דער ביקס, מיט שפּיזן און מע־סערס — אין באַגלייט פון לאַנג־שנויציקע כאַרטן — צו באַפאַלן די באַ־העלטענישן פונעם געווילד. צעוואָיעט זיך דאָס וואָלדגעווילד, דערקייקלט זיך אַהער אין טונקעלע פּאַליעס דער דראַענדיקער געברום מיט שאַרפּ־צייניקע ווידער־קולות, וואָס צערינצלען די הויט פון די מענטשן.

צו מאָל, אין שפּעטער נאַכט, דערמאַנט נאָך דער אָפּגעבראַכענער חיהשער געבריל אַז געדיכט איז די אַרומיקע פינצטערניש און קאַלט און ממש אונטער דער נאָז ליגט די גרענעץ אַ פאַרטייעטע, וואָרן תּמיד אָנ־געלויערט פון כּלערליי סכנות.

קאַפּיטל פערצן

ווי געיאָגטע חיות זענען מענטשן געלאָפן צו דער גרענעץ וואָס פון „יענער זייט״, ווו עס בויט זיך אַ ב ע ס ע ר ע װ ע ל ט, וועדליק ס׳האָבן געלאָזט הערן געהיימע רייד. לייט האָבן דערפון זשעדנע געלייענט אויך אין ביכלעך און זשורנאַלן וואָס האָבן אין באַהעלטעניש זיך דורכגעקראָגן פון יענער מדינה, וועלכע איז פאַר אַלעמען פאַרהוילן אין סודות. די גרענעץ שניידט זיך אַריבער וואַלד, וועלכער איז ווו־נישט־ווו אויפגעפלאָנטערט מיט שטאַרק פאַרפלאָכטענעם שטעכלדראָט און טיף־דורכגעגראָבענע קאַ־נאַוועס. דער וואַלד, נאָך מער זיינע שאָטנס, ווערט שטרענג געהיט אין גוואַלדאָוונער אָנגעשפּיצטקייט פון סאָלדאַטן, פון ביידע זייטן געהיט פון די מוראדיק אָפּגעפרעמדטע שכנים, מיט וואָפן און לויערנדיקע אויגן

באַוואַכט; פון דעסטוועגן זענען פאַראַן איבערשוואַרצערס וואָס קענען זיך אויס אין אַלע וואַלד־סטעזשקעס און פאַראַן אויך הייזער, אַפילו גאַנצע משפחות וואָס זענען מיט האַרץ און מוח אַריינגעלעבט אין אַלץ וואָס סע טוט זיך אויף **יענער זייט**, כאָטש דאָס דאַזיקע טוען און טראַכטן מיינט לאָזן זיך גערנווייליק אויף תּמידן האַרצקלאַפּעניש.

ביי דאָבע דער עגונה איז איינע אַזאַ שטוב אין לודוויקאָווע.

דאָבע איז אַ ווייבל אַ קורצינקע און אַ געשווינדע. להיפוך צו אַ רוב ווייבער וואָס זענען דאָ אַריינגעטאָן אין האַנדל מיט גריקע, פּלאַקס און האָפּן, איז דאָבע האַלאָוועץ אַ מאָדנע דאַמעטשקע. אַן איינציקע אַזאַ אין דעם „עק־וועלט" פון מדינת פּוילן. אַפילו די בעל־הבתּישקייט פון אייגענעם הויז איז איר קנאַפּ אָנגעגאַנגען. דעם עול פאַר דער שטוב האָט זי כּלל נישט גענומען אויף זיך, גלייך עס וואָלט נישט געווען קיין שטוב ווי אַלע שטיבער ווו מע לעבט און מאַנט זאָרג פאַר יעדן טאָג. דער האַנדל מיט האָפּן און פּלאַקס איז אין דער געגנט דערעיקרשט אַ ווייבערישער עסק; וואָרן קליין זענען די חלקים פּרוכפּעריק פּעלד, בעת די מאַנסלייט זענען פאַרטון מיט **פירן וואַלד** אויף די וועגענער און שליטנס, עוסקן זיך אויך אין דער מלאכה פון נייען טולעפּעס, הויזנוואַרג, שטעלן צונויף פון פּעלעכלעך שובעס, פּעלצן, מאַכן שטיוול, טוען אין קוזניע ביים שמידן אייזן. לודוויקאָווער ווייבער גיבן זיך אָפּ לרוב מיט דער בעל־הבתּישקייט, אָבער אַנדערע זענען אויך אַריינגעטאָן אין קליין־מיסחר. אַנדערש פון אַלע איז דאָבע האַלאָוועץ. זי „גיט נישט אַוועק ס'לעבן" פאַר אירע קינדער, האָט מען אין יידישע שטיבער פאַראיבל אויף דאָבען, וואָס שפּילט אַ פאַנפאַראָנקע, כאָטש דאָס איז שוין לאַנג איר נישט צום פּנים. אירע בעקלעך זענען קלאָמפּערשט שטענד'יק יונג, ווייל אָנגעפּודערט. זי שמירט אויס די ליפּן מיט אַ רויטן פּאַפּיר. „דאָבע וויל זיין אַן אויסנעם פון אַלע", רעדט מען מיט ווידערווילן, און אפשר מיט קנאה. עפּעס ליאַלקעדיקס איז אין דעם צו וואָס דאָבע האַלאָוועץ יאָגט זיך, אָבער דאָס קלעפּט זיך נישט צו דער קאָרענער בעל־הבתּישקייט פון די מערסטע שטיבער אין דער געגנט. ווייבער זענען אָנגעטון אין פּשוטן קלייד מיט אַ פאַרטעך אויף די באַקעס, דעם קאָפּ אַריינגעשטעלט אין אַ טיכל אַריבערן שטערן. ווען די בעל־הביתטעס זענען פריי פון העלפן צו דער פּרנסה, טונקען זיי די הענט אין די דייזשעס, קנעטן און באַקן ברויט, שיילן בולבעס, בראָקן קירבעס און קלייען אין צעבערס פון וועגן פאַשע פאַר דער בהמה. דעם שווערן זאַק דאגות פאַרן אויסקומעניש, וואַרפן זיי אויכעט נישט אַראָפּ

פון די פלייצעס און דעם עול פון מאַמעס שלעפּן זיי געוויינטלעך מיט געדולד און ליבשאַפט. גאָר נישט אַזוי ווי די דאָבע. קרימט מען די נעזער אויף דאָבען: „נישט אומזיסט האָט מען זי געלאָזן אַן עגונה. אַ רעכטער מאַנצביל קען זיך דען האַלטן ביי אַזעלכער? אַ נ י ש ט איז זי, אַ פלוטעוואַטע שטיק אָן שכל פאַר זיך און אָן אחריות פאַר אייגן בלוט און פלייש". לודוויקאַוער ווייבער רעכענען אַפילו אויס אַז די דאָבע איז שוין גאָר נישט אַזאַ יונגע, כאָטש זי שטעלט זיך אַלע מאָל פאַרבן די בעקלעך און שפּילן יאַקבי אַ כלה־מויד. אין אמתן איז געשרומפּן איר פּנים און לענגאויס די באַקן הויערט אַ נעץ פון דינע טונקעלע קנייטשלעך ווי פאַרטריקנטע ריטשקעלעך און דאָס אַלץ כּוחט זי זיך צו פאַרווישן מיט פּודער. אַזאַ איז זי די איינציקע ווייבספאַרשוין אין דעם האַרעפּאַשנעם קאַנט.

אויסטערליש כאַוועט זיך ביי דאָבען אויך אירע קינדער: איר מיידל האָט שוין אַ יאָר זעכצן־זיבעצן און דאָס יינגל איז היפּש אַריבער די בר־מיצווה, אָבער ביידע זענען נאָך ווייט פון אַזעלכן תּכלית ווי ס'געשיקט זיך ביי לייטן. און דאָס מאַמעלע הייבט נישט אָן צו טראַכטן דערפון, גלייך סע וואָלטן ביי איר געוואַקסן דערנער וואָס נישט זיי באַדאַרפן וואַסער אין צייט און נישט סע אַרט זיי, די דערנער, נישט די ברענענדיקע זון און אויך נישט דער שמייסנדיקער שטורעם. דאָס מיידל רבקהלע האָט, אמת, נאָך אַ קינדיש פּנימל, אָבער זי גייט שוין מעשה בעל־הביתטע אין מאַרק אַריין איינקויפן אַלץ וואָס נייטיק, דינגט זיך אויס פאַר יעדן גראָשן און פירט זיך נישט מיט קיין חברטאָרינס. „ס'אַן אַלט געמיט", זאָגט מען. זי, רבקהלע, האָט טאַקע גיכער מחזקות מיט עלטערע באַבעס, פירט סודות מיט דער מאַמען. דאָבעס יינגל גבריאל איז, להיפוך צו דער שוועסטער, אַן אַריינגייער אין מערערע שטיבער, אַבי מ'לאָזט אים נאָר אַריין. ווו ס'איז פאַראַן אַ יינגל אין זיינע יאָרן צי אַפילו יינגער, גייט ער צו אים. אומעטום זוכט ער עמעצן וואָס זאָל וועלן אים הערן און רעדן מיט אים; אָבער ווי אויף להכעיס, געפינט ער נישט אַזוינעם. פון גאַוורושן דעם גולם, ווי קליינוואַרג רופט אים, לאַכט חברה. מ'וויל זיך נישט אָפּגעבן מיט אים, ווייל תּמיד האָט ער צו דערציילן די זעלביקע אומוויכטיקע זאַכן. און רעדט ער, שפּריצט אים פון מויל, די אונטערשטע ליפּ ווערט גליטשיק נאַס און ר'קוועטשט די אויגנדעקלעך. אין זיין וואַקסן איז דאָס יינגל פאַרנאַרישט געוואָרן. שטאָטס קליגער ווערן, ווייזט ער זיך מער פאַרחושט. „רעדט פון וועג". טייל יינגלעך מיגלען זיך צו זיין נאָענט מיט אים. אַנדערע

שעמען זיך סתם צו חברן מיט דאָבעס יורש. ווייל ער איז אָנגעטון אין שטאַרק אָפּגעטראָגענע, אויך געלאַטעטע פּלודערן, אין אויסגעדרייטע, צו־גרויסע שיך. אַפילו טאַטעס רעדן אויס פאַר זייערע קינדער אויף גאַוורושן: „נישט שיין, זונעלע, זיך צו פריינדלען מיט אַ גולם. גאַוורוש איז באמת אַ גולם וואָס פאַרשטייט גאָרנישט!" קינדער וויזן טאַקע גאַוורושן די פּלייצע ווי באַלד ער דערנענטערט זיך צו זיי. אָבער דאָבעס יינגל אַרט דאָס קנאַפּ. אַז מען וויל אים נישט האָבן פאַר אַ חבר, זעט ער גישט; אַזוינס קריכט אים צו מאָל נישט אין קאָפּ אַריין. און דווקא קלעפּט ער צו אַלעמען, טראַכט נישט אַז מ'קוקט אויף אים מיט שפּאָט. און גאַוורוש האָט שטענדיק צייט. ער גייט נישט אין שקאָלע צו גלייך מיט אַנדערע ייִנגלעך; ר'לערנט אויך נישט ביי יונה מלמד וואָס קנעלט עברי מיט קליינע ייִנגלעך און חומש מיט גרעסערע. אַן אַלטן גרויסן שאָפּענעם פּעלץ האָט גאַוורוש אָנ־געטון, ווען אים איז געווען קוים נייִן־צען יאָר. דאָס האָט די מוטער דעמאָלט אים געגעבן אָנצוטון, מחמת אין דרויסן איז שוין געווען אויס־געפאַלן אַ טיפער שניי וואָס איז געבליבן ליגן אונטערן שטאַרן הימל עטלעכע שטילע, סווישטשנדיקע טעג און נעכט און דער פראָסט האָט אים טונקלעוואַטע פאַרהאַרטעוועט מיט אַ ווייס־גלאַנציקער סקאָרינקע. אין דעם פּעלץ קריכט גאַוורוש אַריין אַלע מאָל ווען אין דרויסן שניידן זיך די ערשטע פרעסטלעך. אַצינד איז דער קאָזשוך שוין גאָר אַלט, ער פאַלט שוין אַראָפּ פון אים שטיקערווייז, אָבער ר'איז נאָך אַלץ צו לאַנג און ברייט פאַר זיין שמאָלן ייִנגלשן גוף. פאַר אַן אַנדערן ווינטערדיקן בגד זאָרגט זיך נישט דאָבע, זיין מאַמע. דאָס ייִנגל איז שוין מיד געוואָרן פון בעטן, אַפילו וויינען אַז די מוטער זאָל אים פאַרשאַפן אויף ווינטער אַן אַנדער מלבוש פאַרן נאַקעטן לייב. דער שאָפּענער פּעלץ וואָס וואַרעמט אים אין די שאַרפע קעלטן פון כסליו, טבת און שבט, איז געבליבן אין שטוב לאַנג זיך וואָל־גערן נאָכן נעלם ווערן פון ד ע ם, וואָס האָט קליינווייז גאַוורושן נאָך געהאַלטן אויף די קני, געלערנט אים רעדן: „זאָג, ייִנגעלע מיינס, טאַ־טאַאַ, און איך וועל דיך שטאַרק ליב האָבן — פּאַ, פּאַ־פּאַאַ — —". אַ סך יאָרן זענען אַוועק זינט דעמאָלט, ווען ד ע ר אַ איז אַרויס פון שטוב און מער זיך נישט צוריקגעקערט. גאַוורוש געדענקט אים אַפילו נישט, ווייל ר'איז נאָך געווען גאָר אַ פּיצעלע. און אין שטוב דערמאָנט מען אים כלל נישט, כאָטש דאָס שוועסטערל, רבקהלע, פלעגט ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע — מערערע מאָל יאָ מאָנען ביי דער מאַמען: „דער טאַטע, ווען וועט דער טאַטע שוין קומען...? אַזוי לאַנג קומט ער נישט", און זי'ט

שיִער זיך צעכליפּעט פון בענקעניש. דער טאַטע איז מער נישט געקומען, זיין נאָמען האָבן דאָבעס קינדער קיין מאָל מער נישט געהערט. ר׳איז טאַקע פאַרגעסן געוואָרן, דער טאַטע. פון אים איז געבליבן דער גרויסער פּעלץ, וועלכן דאָבע פלעגט אין בעט אונטערלייגן אונטערן שטרויזאַק. יאָרן־לאַנג האָט דער פּעלץ, אַן איבעריקער, אַזוי זיך געוואַלגערט, קיין מאָל נישט אַרויסגעטראָגן געוואָרן צו לופטערן. ערשט ווען גאַוורוש איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָט דאָבע זיך דערמאָנט אין אים און אויפן קליינעם יינגלס אַקסלען אַרויפגעוואָרפן דעם גרויסן פּעלץ, שוין אַן אַדורכגעפּרעסענעם פון די מאָלן:

— טו אָן, גאַוורוש, וועט דיר זיין וואַרעם. ס׳גייען אַצינד קעלטן. ס׳אַ גוטער קאָזשוך. טאַקע אַ ביסל צו־גרויס, אָבער בעסער גרויס איידער צו ענג. וועסט אין אים גיכער וואַקסן, זונעלע. ער וועט דיר שטאַרק צו ניץ קומען, — האָט די מוטער אָנגעטון חשק דעם יינגל ער זאָל בעמען אויף זיך אַרויף דעם אַלטן פּעלץ פאַר אַ ווינטערדיקן מלבוש.

אָבער גאַוורושן איז דער פּעלץ שפּעטער גאָר נמאס געוואָרן, ווייל ס׳זענען געפאַלן פון אים שטיקער, אַחוץ דעם וואָס ער איז אין אים אַרומגעשווומען; ר׳איז געווען אויפן יינגל צו לאַנג און ער׳ט זיך פאַרלוירן אין זיין פאַרקאַלטנטער האַריקייט. אַפּנים, יינגלעך האָבן גאַוורושן אויסגעמיטן אויך צוליבן אָרעמאַנסקן קאָזשוך. ער האָט נעבעך שוין געגנוג זיך אויסגעווינט פאַר דער מאַמען: „כ׳וויל מער נישט דעם פּעלץ. ר׳איז אַ פאַרשימלטע טראַנטע". און מסתּמא דערפאַר האָט ער אויך שוין דערשפּירט דעם שאַרפן חוזק וואָס איז אַלע מאָל אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ צישעריי:

— דער פאַניטשעק גאַוורוש גייט! דער פאַניטשעק אין שיינעם קאָזשוך...

— זע נאָר, דער יינגסטער ראַדזיוויל איז דאָ. טשעשטש, יאַשניע ווילמאָזשני!*) — האָט יונגוואַרג געשפּעט ווי באַלד זיי האָבן אים געזען אָנקומען. אַנדערע האָבן חוזקדיק, אויפן הויכן קול אים נאָכגעשריגן און געכאַכאַטשעט.

דאָס אַלץ, האָט גאַוורוש געפילט, איז צוליבן קאָזשוך, אין וועלכן זיין יינגלשער גוף איז פאַרשלייערט. דערפאַר האָט ער פאַר דער מאַמען אַ סך מאָל איבערגעחזרט מיט טרערן און לסוף געדראָט: — כ׳וועל אין ערגעץ מער נישט גיין. וועסט מעגן שיקן רבקהן. איך וויל אַ נייע בורקע. דעם קאָזשוך

*) כּבוד דיר, איידל געבוירענער.

וועל׳עך פאַרברענען. כ׳על שטאַרבן, אָבער אים פריִער פאַרברענען. אַזאַ שמאַטע, כ׳וויל אים נישט! — און ווידער אויסגעלאָזט מיט אַ געוויין און כּעס.

— שוין זאָלסטו שטאַרבן, יונגאַטש, — האָט דאָבע, די מאַמע, זיך שוין געלאָזט הערן מיט אַ געבייזער. — נישט אַנדערש ווי אַ נייע בורקע גיב אים. די באָבע איז מיר נאָך נישט רייך געוואָרן!

אַ מאָדנע איז די מאַמע פון דעם יינגל וואָס אין די תּמידע טראַנטעס. זי גופא איז לייטיש צוגעקליבן, טוט אָן שיינע קאָפּטלעך, געפאַלדעוועטע ספּאָדניצעס. באַשיימפּערלעך, זי וויל בגוואַלד איינהאַלטן איר צייטיקע ווייבלעכקייט, אָבער דאָס שטיבל וואָס הינטערן שטעטל, גייט איר אָן גאַנץ קנאַפּ. עגמת־נפש צעשטערט ס׳געזונט, און איז מע נישט געזונט, ווערט מען אָן אַלע חנען; אַפילו די יונגשאַפט האָט נישט קיין רייץ אויב מ׳איז שלאָף — האָט דאָבע נישט אַרויסגעלאָזט פון זינען, אויך שטיל איינגעחזרט אין זיך. „דאָבע היט שטאַרק איר מצבה", האָבן לייט געשפּעט הינטער אירע פּלייצעס. ס׳געווען די אָנצוהערעניש הלמאַי זי זאָרגט שטאַרק פאַר איר שקורע, גלעט זיך דאָס פּנים מיט די שפּיץ פינגער וואָס זי טינקט אין סמעטענע, האָט עמעץ וועגן איר דערציילט. זי׳ט געוואָלט פאַרטרייבן די קנייטשן וואָס עקשנען זיך דווקא צו בלייבן אויף אירע באַקן, אויפן צעאָקערטן שטערן. דערפאַר געלאָזט אַלע טועכצן אין שטוב נאָר פאַר דער בת־יחידה, דעם מיידעלע רבקה.

מיט אַ מינדסט איז דאָבע האַלאָוועץ נישט ענלעך צו קיין שום בעל־הביתטע אין לודוויקאָווע. זי פלעכט נישט קיין לאַפּטשעס פאַרן מאַרק, בינדט אויך נישט קיין בעזעמער און האַנדלט נישט מיט האָפּן. מ׳זעט נישט אַז די פרוי זאָל עפּעס טון פון פּרנסה וועגן. די קרובים וואָס אין די גרויסע שטעט העלפן איר, — האָט זי פאַר עמעצן געלאָזט פאַלן אַ וואָרט בנוגע איר מצב. זי איז קראַנק, טאָר זיך נישט אָנשטרענגען. דאָקטוירים האָבן עס איר פאַרזאָגט. „די לונגען, טשאַכאָטקע" — סודעט מע זיך און מ׳וויל פון איר זיין וואָס ווייטער, באשר שוין דער אָטעם איז סכּנהדיק. סע ברענט אַ פייער. לייט גלייבן אין דעם וואָס זי זאָגט, די אויסטערלישע. מ׳זעט דען נישט ווי אירע בעקלעך בליִען? דאָס איז דער בולטסטער סימן פון טשאַכאָטקע, — שאָקלט מען מיט די קעפּ. אַנדערע לאַכן: „אירע לונגען זענען געכאַפּט? אַ לונג־און־לעבער באַמבלט זיך פאַר דער נאָז פון אַלע נאַראָנים. דער באָבען אין קבר זאָל זי דערציילן די מעשה, — טענהן די דאָזיקע. — ס׳איז דאָס אמתדיקע פייגעלע. רק זי זאָגט תּהילים, די פאַנ־

פאַראַנקע, וואָס גאָרנישט גייט איר אָן, אֶלאָ נאָר איר ליכטיקער געביין; אַפילו די קינדער אירע באַווייזן וויפל מע קאָן זיך פאַרלאָזן אויפן זאָגעכץ וואָס אַזאַ זאָגט".

פון מאָל צו מאָל פאָרט דאָבע אַרויס פון דער היים. צו גוטע פריינד און צו קרובים פאָרט זי. דאָס לאָזט זי וויסן אַזוי־זיך. מיט דעם איז זי אויסן אויך אַן אָנצוהערעניש אַז זי איז נישט אַ בילע־ווער. אַצינד איז זי אַזוי אָ, אַ געשלאָגענער הונט. פון דעסטוועגן האָט זי נאָך גוטע פריינד און הינטער זיך — „אַן אינטערעסאַנטן נעכטן האָט זי, די אומגליקלעכע דאָבע האָלאָוועץ..." פאַרשטייט זיך, זי איז אויך יונג געווען און דאָס יונג־זיין איז אַוודאי שיין. פריִער האָט זי אַ ביסינקע אַנדערש געלעבט — גיט זי נאָך אַ שנירל מיטן פיסקל. און אַ ווערטל האָט זי: „גוטע פריינד אַז מ'פאַרשאַפט זיך, איז דאָס אַן אמתער אוצר. מער ווי גאָלד און דיאַמאַנטן". די דאָזיקע רייד קערן זיך אָן מיט אירע יונגע יאָרן וואָס זענען כמו נאָך נישט אַזוי ווייט הינטער איר, ווי עמעצן קען זיך אפשר אויסווייזן. נאָך היינט פאָרט זי צו די פריינד. דאָס איז איר ממש אַ סגולה קעגן דער גרויסער נודאָטע וואָס לייט רופן אָן מיטן מישטיינס געזאָגטן נאָמען — לעבן. דער מענטש ווייסט דען מיט וואָס סע גייען אַוועק זיינע וואָכן און יאָרן? אסור, צי זיי פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם. מ'באַדאַרף קענען טראַכטן, גיט צו דאָבע מיט אַ פילזאָגנדיקן קוועטש אויף אירע ווערטער וואָס „קוקן" יענעם גלייך אין די אויגן אַריין. ממילא גיט אַזוינער בשעת־מעשה אַ קלער, אַז די אָ איז באמת אַ קאָפּשטיק. „דערפאַר האַלט זי אונטער די פריינד־שאַפט וואָס זיך ביי ציַיטנס פאַרשאַפט. און אַ לויב צו גאָט, זאָגט זי כלאחר־יד, וואָס זיי זענען נישט קיין אָרעמע־לייט, אָבער אויך געבענטשט מיט גוטהאַרציקייט. קומט זי צו זיי, פרישן זיך אָפּ אירע כּוחות. דערצו ווערט די פריינדשאַפט ממשותדיק באַקרעפטיקט: זיי לאָזן זי קיין מאָל נישט אַוועק מיט ליידיקע הענט. אַ דאַנק זיי און אויך די קרובים קען זי זיך האַלטן אויף די פיס — —" אויף אַזוי פיל ווייסט מען צווישן שכנים וועגן דאָבען. אָבער אַלע אירע מעשיות כאַפּט מען אויף נאָר „מיט איין אויער".

— זי'ט סתּם ליב זיך אַוועקצולאָזן צו די טייערע מענטשן, אַלע מאָל צו אַנדערע, לאָזט זי אָפּ פאַר אַ שכן אַ ליבן מענטש, אַ מין ווידוייִשן סוד, ווייל אָנזעטיקן זיך אויף אַ מאָל מיט אַלעמען, וואָלט געווען צו פיל ווויל־טאָג. וואָרן ביי איטלעכן שעפּט זי אַן אַנדער פאַרגעניגן. איי, דער איידע־

לער טעם פון גוטפריינדשאַפט ! — פאַרכליניעט זי זיך תמיד ווען ס׳קומט צו רייד וועגן אירע ליבע און טייערע אין דער ווייט.

און נאָך אַן אַנטיפּעריזע האָט די דאָבע האַלאָוועץ, ווען איר האַרץ איז רויק, בעת רבקה „די מויד״, פּירט די שטוב, קערט דעם דיל, קאָכט די טעפּלעך און קוקט אַלע מאָל פאַרבענקט אין פענצטער צו ס׳גייט עמעץ אַריין צו זיי. זי ליידט, קענטיק, די טאָכטער פונקט ווי די מאַמע, פון דער נודאָטע. דערצו האָט דאָבע די טבע יעדן טאָג אין דער זעלביקער צייט אַרויסצוגיין פאַר דער שוועל אָפּוואַרטן דעם אַלטן פּאַוועל, וועלכער טראָגט פונאַנדער די בריוו וואָס קומען אָן פון די ווייטן, ווו די וועלט קאָכט זיך. דאָבע ווייסט ווען דער בריווטרעגער דאַרף זיך באַווייזן מיט דער טאַרבע, אָן אָנגעהאָנגענע אויף זיין אַקסל. תמיד האָט זי פאַר אים דעם זעלבן פּזמון :

— אַ גוטינקן, פּאַוולו, — און קוקט מיט נייגיר אויף זיין מינע. — נו, כ׳באַדאַרף ווידער זיין בייז ? פרעגט זי. גאָט באַהיט, נישט אויף דיר בין איך בייז. — שאָקלט דאָבע מיטן קאָפּ און דער סטויג אָפּגעבליאַקעוועטע שאָטען־האָר וויגט זיך מיט. — ברענגסטו אויך היינט נישט קיין גוטן גרוס ? ! קומט אַ בריוו, ווערט היימלעכער אויפן האַרץ. פּאַפּראָווע זיך, פּאַוועל ! — פּרוּווט זי זיך שוין פּיעשטשען מחמת אַ מין שעמעוודיקייט פאַרן אָפּטן אומזיסטיקן וואַרטן אויף בריוו וואָס דאַרפן קומען צו איר, אָבער זיי ווייזן זיך זעלטן, גאָר זעלטן.

— כ׳על הייסן דיר שרייבן, דאָבאַ, — ענטפערט דער אַלטער און קוקט איר אין פּנים אַריין מיט אַ שמייכלדיקן בליק. אין פאַרלוירנקייט גייט זי אַלע מאָל אַוועק פון אים מיטן צוזאָג :

— וועסט ברענגען דעם ריכטיקן בריוו, קריגסטו אַ קוש, קאָכאַני פּאַוולו.

— כי־כיכי, אויף אַן אמת ? אויב דו זאָגסט צו, דאָבאַ, וועל איך זיך שטאַרק באַמיִען מ׳זאָל דיר שרייבן, — צעלייכטן זיך ביי נייס די טריפנ־דיקע אויגן ביים אַלטן.

פּאַוולען האָט דאָס מזל נישט דערבאָקן. ער איז נישט קיין נאַר, חלילה ; ער איז נאַר אַ ביסל צו פּאַמעלעך אויפן פאַרשטיין וואָס מ׳רעדט צו אים, אָבער ער צינדט זיך אָן לייכט, ווערט באַליידיקט ביי אַ ליאַדע וואָס. ר׳קלערט לאַנג אויף אַ וואָרט וואָס ר׳וויל זאָגן. לודוויקאָווע קאָן אים ווי אַ פּאַרזעסענעם קאַוואַליר וואָס האָט — כאָטש שוין אויף דער עלטער — ליב זיך צו חנדלען צו פרויען, וועלכע שטעלן אָן אויף אים אַ חנדלענדיקן בליק אָדער פרעגן בכיוון עפּעס. און הערט ער פון אַזעלכער אַ ווייך וואָרט,

שטעלט ער זיך תיכף אָפּ, אַפילו ווען ער איז אין איילעניש, מ׳שיקט אים מיט אַ טעלעגראַם וואָס האָט קוים־קוים זיך צוגעקראַבטשעט צום פֿאַר־וואָרפֿענעם לודוויקאָווע. מיט קליינע מיידעלעך האָט דער אַלטער פּאַוועל גאָר גערן צו שמועסן אַנדערע גלעט ער איבער אַ בעקל, גיט צו מאָל אַ קיצל ביי די נאָך אומדרייסט אַרויסקוקנדיקע בריסטלעך וואָס ציטערן הינטערן קליידל.

אַ שולדיקער קוקט אָן דער בריווטרעגער דאָבען אַ לעצטן מאָל: „כ׳וועל שוין ברענגען!״ זאָגט ער און שאָקלט זיך אַוועק מיט אַ קרימ־לעכער מינע ווי אַ נישט דערגאַנגען שמייכעלע.

...זינט דער מלחמה קוקט דאָבע אויס אַ בריוו פֿון דער אומבאַקאַנטער וועלט. אַ טייערער מענטש — פֿאַרטרויט זי זיך טייל מאָל אין פֿאַרלוירנקייט, גלייך עס וואָלט געווען אַ מעשה ערשט פֿון פֿאַראַיאָרן — כ׳מיין מיין מאַן באַדאַרף זיך אָפּרופֿן פֿון ערגעץ. ס׳האַרץ זאָגט מיר: איי, וואָס פֿאַרא קאַזשל־קעס די מלחמה מאַכט מיט די מענטשן! ווער סע גייט אַראָפּ, ווער סע בלייבט אַ קאַליקע אויפֿן גאַנצן לעבן און ווער ס׳ווערט פֿאַרפֿאַלן ווי אין אַ תהום; אַנדערע קריגן זיך נאָך אַרויס פֿון אַלע פּורעניותן, אַפילו אויך מיט אַ שטיקל פֿאַרמעג. מיר האָט דער גורל גאָר אַן עוולה געטון. נאָך אַזאַ מאַן קאָן מע נישט אויפֿהערן בענקען. יאָ, אַזעלעכן איז נישט לייכט צו פֿאַרבייטן... לייט געדענקען אים און לויבן שטאַרק. אַ קראַסאַוויעץ פֿון אַ מאַנצביל און אַ געלערנטער. ווי אַזוי נישט וויטיקן נאָך אַזוינעם וואָס איז נאָך אַלץ נישטאָ? אָבער מיטן גאַנצן לייב און לעבן פֿילט זי אַז ער רייסט זיך, אַן אוממאַכטיקער, צו קענען קומען אַהיים. אים איז סכּנות שווער. סוף־כּל־סוף וועט ער צוריקקומען אַ געזונטער; ר׳איז געניט קלוג זיך אויסצוטויגן ווען נייטיק. ער ווייסט אַז ס׳געזונט מוז ער איינהיטן פֿאַר זיינע אייגענע און ליבע. ר׳טראַכט פֿון די קינדער. אָפֿט קומט ער איר צו חלום, שטייט אַפילו צו מיט טרייסט פֿול געטריישאַפֿט: „וואָרט אויף מיר, טייערע. נאָך אַ טראָפּעלע געדולד, דאָבעלע מיינע. כ׳על נישט פֿאַר־פֿעלן צו קומען. איך קום בקרוב — —״

באַגעגנט זי דעם בריווטרעגער, דראָעט זי אים ווידער ליבלעך מיטן אויפֿגעהויבענעם פֿינגער:

— ברענגסט אַלץ נישט? געדענק, פּאַוועל, וועסט זיך פֿאַרזינדיקן פֿאַר גאָט אין הימל.

— כ׳וועל ברענגען, דאָבושאַ. גיב דערווייל אַן אָדערויף, כע־כעע, —

זאָגט דער אַלטער און רוקט איר צו זיין שטעכיקע באָרד. — נאָר אַ קוש אַן אַדערויף.

מיקאַלקע דער פּאַליציאַנט וואָס דרייט זיך אַרום איבערן שטעטל ווי אַ קהלשער צאַפּ, שטעקט אומעטום אַריין זיינע רויט־געזיימטע, מידע אויגן; אַלץ באַדאַרף ער באַשמעקן מיטן קלעפּיקן בליק, באַטאַפּן מיט זיינע טשעפּקע הענט — און קומט ער אַן ווען „פּאַוועל דער פּאַטשטער" וואַרט גראָד אויף אַ קוש פון דאַבושאַן, דער פאַרנעבעכטער פּאַניושאַ (אַזאַ זעט ער זי, אַ געפּודערטע פּריצה מיט אידעלע רייד), באַגאַווערט ער זיך; קוקנדיק אויף ביידן, נעמט מיקאַלקע באַלד כיכיקען און גיט דאַבען אַן אומגעריכטן פּעטשל איבערן הינטן: — אי־איאי־י, סטערוואַ! וואָס וועט דיר שאַטן, זאָגט ער אַז וועסט לאָזן הנאה האָבן אַ היימישן מענטש? נו, נו, ליאַלקע, רייסט ער אויף זיינע שלעפעריק רויטע אויגן צו קוקן איר אין פּנים אַריין; — מיך וועסטו נישט פּטרן מיט הוילע רייד, האַלאָוועצקאַ!

פון מיקאַלקען האָט אַרויסגערעדט דער חשד פון „די פּוסטע קעפּ" בכן דאַבע וואָס זיצט שוין יאָרן אָן אַ מאַן, איז מסתּמא אַ לוסטיק ווייבל. אַ סימן: איר פּוצן זיך ווי אַ פּאַניענקע; זי שמירט די בעקלעך און קוקט זיך נישט אַרום אויף אירע לייבלעכע קינדער ווי ס׳קער זיך אָן צו אַ מאַמען. לפּי מיקאַלקעס באַנעמען אַזאַ „פּראָבלעמע", איז זי שטאַרק זשעדנע אַ פּאַרציע פריילעכקייט. דערפאַר זיצט זי אַזוי לאַנג אַ נישט־חתונה געהאַטע. און צוריק געשמועסט — פון וואַנען נעמט זי געלט צו פירן אַ שטוב, די האַלאָוועצקאַ? זי אַרבעט דאָך נישט אין ערגעץ, אויך אַוועלכן האַנדל גיט זי זיך נישט אָפּ, פון דעסטוועגן עסט מען ביי איר און פון קוימען רייכערט זיך. ס׳איז נישט גלאַט מיט דער דאַזיקער. דעם בריוו, וואָס זי וואַרט פון־כ׳וויס־נישט פון וואַנען, איז אַ טשיסטע משוגעת פון אַ פאַרפאַלענער אָדער אַ גאַלער תּירוץ פאַר אירע זינד וואָס שטעכן די אויגן. אַן איינפאַל פון אַ נקבה אויסצוטראַכטן זיך אַ מאַן וואָס האָט אַוועקגעבלאָנדזשעט, מיקלאַמפערשט גענומען געוואָרן אין מלחמה, אָבער זיך נישט צוריקגע־קערט. סאַראַ כיטראַסט! זי׳ט גאָר קיין מאַן נישט געהאַט. קלאָר, זי האָט זיך אַהער געיאַוועט מיט די צווי קינדער וואָס געקראָגן אַ מתנהטשקע פון עמעצן; געקומען אין דער דאָיקער פאַרוואָרפנקייט און פירט שטאַט פון אַן אַלטער מויד, כאָטש שוין אַ מאַמע פון קינדער. אַכ־כאַכאַכאַ, מיקאַלקען וועט זי נישט איינשמועסן אַז זי וואַרט נאָר אויפן מ אַ ן, דעם סאָלדאַט וואָס גייט נאָך אַלץ אַהיים פון שלאַכטפעלד — ר׳גייט שוין מער ווי אַ יאָרצענדלינג נאָך דער מלחמה. כ׳לעבן אַ געלעכטער! אַפילו אינוואַלידן

אַן הענט און אַן פּיס האָבן שוין לאַנג זיך צוריקגעקערט. ער? סיידן טויטע קענען שוין גיין. קען זיין, אַ היילקער גייסט פירט די דאָזיקע צו אַזעלכע אינטערעסנע נקבות ווי די דאַבושאַ. ס'אַ כיטרינקע אויסטראַכטעניש צו לאָזן לייטן גלייבן אַז זי איז אַן אומגליקלעך פאַרליבטע ווייב וואָס קאָן נישט אויפהערן וואַרטן אויף איר טייערן... אַ שקר פון אַ פאַרפירטער אָדער גאָר אַ — — פּראַוודאַ, מענטשן רעדן פון דעם נישט גאָר הויך, וואָרן וועמען דאַרף אָנגיין אַ ליאַדע ווייבל? נישט אַנדערש, די דאָבע איז אַ פאַלנע רעטעניש, מיינט דער מבולבלער מיקאָלקע וואָס גיט סוף־כל־סוף אַ שפּיי: — טשאָרט יעי פּאָבערי! גיי דערקען זיך אויף אַ נקבה וואָס וויל שפּילן אַ דראַמע, כאָטש ס'נעמט אַן אַ געלעכטער פון אירע נאַרישע רייד.

אַ פּאַרלאַנגווייליקטער גיט מיקאָלקע זיך אַ טרוקענעם קרים, ברענגט נאָך אַרויס אַן אָפּגעבראָכן וואָרט און טראָגט זיך אָפּ. ער וועט ביי נייס אַרומשלאָנדערן איבערן שטעטל, ניוכען הינטער די פענצטער, לאַנג קוקן און דערנאָך זיך צעגענעצן. נאָר פון דער דאַבושאַ דערמאָנט ער זיך נאָך פון מאָל צו מאָל: „אַזאַ נקבהטשקע און ער זאָל זי נישט איינבייסן. תמיד רעדט זי טיע, טיע ווי אַן אומשולדיק ציפּליאָנאָקל, עך, פּראָקליאַטאַיאַ!*), צעקריצן זיך שוין זיינע ציין.

— אַ מאַן ביי איר? — האָט נאָך אַן עמעץ געפּרוווט צעבייסן דאָס רעטעניש דאַבושאַ וואָס זיצט דאָ גענוג לאַנג, אָבער דאָך ווי דערווייליק, גלייך זי וואָלט זיך געקליבן אַוועקגיין אַנדערשוווּ, אפשר אַהין פון וואַנען דער רוח האָט זי געבראַכט. אַ שיינע פּאָר יאָר האָלט עס ביי איר אַזוי, אָלאַ נישטאַ גענוג נאַראָנים וואָס זאָלן איר קוקן אין דעם פּאַלשן מויל. זי פלאַפּלט פון אַ מאַן, אויף וועלכן זי וואַרט? זאָל זי, — וועמען אַרט עס? אין אמתן איז די דאַבושאַ מסתּמא פון יענע לייט וואָס זענען פּאָר פרייער ליבע. זי באַדאַרף נישט קיין מאַן; אַן „אידעאַל" פון אַ מאַן האָט זי אפשר געהאַט. און אַוודאי נישט איינעם. דער אידעאַל האָט איר געגעבן אַ טאָכטער מיט אַ זון, אַ נאַרישוואַט יינגל, און גענוג. אַ פרייער פויגל געקומען צו איר און אַזאַ איז ער אַוועקגעפלויגן. ערשט בליאַקירט זי אויס ווי אַ מידע באַרישניע וואָס זעט אויס מוראדיק אָרעם, אין אַלץ איז זי נעבעכדיק, אַפילו געשמירטערהייט. אַן אָפּגענוצטקייט זעט זיך צו מאָל אין איר גאַנג, אין דעם גאַנצן פּירעכץ. זאָל מען אָבער ריכטיק אַריינקוקן, קלאָגט אַראָפּ פון איר אַ מינע ווי זי וואָלט געבעטן ביי יעדן אַ קאָפּיטשקע רחמנות. אַן

*) אומשולדיק הינדעלע. עך, פאַרשאָלטענע.

אָפּגעשלאָגענע אַזאַ. אויך איר שטוב איז עפּעס אַן אַ געזונטן אָטעם. גאָרנישט טוט זיך מיט חשק אין דער אָ קאַמער. מ׳טוט וואָס מען מוז שוין טון: אַזוי מיטן רייניקן זאַכן, מיטן קאָכן אַ מאָלצייט, אַפילו מיטן פאַרלאַטן אַ בגד. אויב דער מאָגן מאָנט נישט אַ ביסל וואָרעמס, וועט מע נישט שטעלן אַ טעפּל צו קאָכן; אויב אין בגד בלאָזט נישט אַריין דער קאַלטער ווינט, וועט מען אים נישט פאַרנייען אָדער לייגן אַ לאַטע אויפן צעריסנס. איז פאַראַן אַ פויערהענגל איבערן פענצטער, איז עס תמיד פאַררוקט מ׳זאָל פון דרויסן נישט קענען אַריינקוקן, אָבער דער שטויב האָט אויף דעם אַן אומגעשטערטן מקום־מנוחה. דאָבע איז שוין אַזאַ. זי גיט דערעיקרשט אַכטונג אויף איר „בריקל״, ווי זי גיט אַ זאָג — גאָר נישט אין הלצה — צו די קינדער, ווען זי באַדאַרף זיך וואַשן ס׳פּנים:

— גאָוורוש, לאָז מיך צו צו דער פּאָמויניצע. כ׳על מיר אָפּוואַשן ס׳בריקל. און צו דער טאָכטער, אַ פאַרטוענע ביי דער הרובע, האָט זי שוין נישט איין מאָל אַ רוף געטאָן אין כלומרשטער זאָרג:

— באַרישניע מיינע, דיין בריקל איז נישקשהדיק פאַרזאָליעט. מעגסט זיך פאַרגינען דאָס אַ קאַפּל אָפּשווענקען. כיי זאָלן מענטשן נישט זען אַז אַ יונג מיידל קען זיין אַזאַ שלומפּער.

רבקהלע, אַ קליינס און אַ פלינקס, דרייט זיך אויס צום קול וואָס האָט אַנגעקלאַפּט אין איר אויערלעפּל און גיט תּרעומותדיק אַ פאַרקרים די ליפּן:

— כ׳על באַוויין. דער טאָג איז נאָך נישט אַנטלאָפן. כ׳על האָבן אָפּגעטאָן וואָס ס׳איז צו טאָן, וועל איך זיך אויספּראַנטעווען. און גייט טאַקע אַרום לאַנגע שעהען אַן איינגעריסטע, פּול סאַזשע און שטויב און אסור עס אַרט איר, פּונקט ווי ס׳אַרט איר נישט וואָס דער טשאַד פונעם געפּרעגלעכץ וואָס זי פּרעגלט גראָד, זעצט זיך אָפּ אויפן באַלקן מיט אַ רעשיקן רויך. בעת־מעשה פאַלט אָבער קיינעם נישט איין אַז מע באַדאַרף עפענען ס׳פּענצטער וואָס שטייט אַ גאַנץ יאָר פאַרקאָוועט פון שמאָדער, אַן אָנגעיאָגטער פון וויכערס און רעגנס. דערשפּירט מע שוין אַז מ׳באַדאַרף דאָך די לופט אָפּפרישן, ווייל ס׳שטיקט ממש אין שטוב, צעפּראַלט מען דווקא די טיר, וועלכע טרעפט זיך אַן נישט זעלטן אויף אַ געדיכטער כוואַליע היץ פון חמימהדיקן דרויסן אָדער מיט אַ בייזן ווינט וואָס טרייבט אַריין אַן אייליקן שטויבוואָלקן. אַזוי איז דאָבעס כאַטע און אַזאַ דאָס פירעכץ אירס. אָבער צום מערסטן איז נעבעכדיק דאָס יינגל. גאָוורוש גייט אַרום אין אַלטע רייטוזן, באָרוועס, אָדער אין אַ פּאָר צעפּאָרענע שקראַבעס. ווינטער גליטשן אַרום זיינע פיס אין געוועזענע שטיול וואָס האָבן מער

לעכער ווי לעדער; די איינציקע מערכה זייערע איז וואָס גאַוורוש באַווייזט אַלע מאָל די פּיס אַרומצוּוויקלען מיט אַנדערע אָניצעס, צונויפגעקליבענע שטיקער שמאַטעס. אָבער קיין ממשותדיקע פּעולה האָבן נישט די אָניצעס אין די צעלעכערטע שטיוול, ווען דער שניי צעגייט. דעמאָלט „פּיטערן" זיינע פּיס אין קויטיקן אייזוואַסער און די שטיוול ווערן שווער ווי פולע וואַסער־קאַנען וואָס צעשניידן אים די פּיס, וועלכע פירן אויס אַלערהאַנט שליחותן. אַזוי איז שוין דער איינפיר ביי דאָבען און אויך ביי „רבקהלען דער באַלעבאָסטע" אַז מיט גאַוורושן פאַרשטופּט מען אַלע לעכער. וואָס נאָר נייטיק צו ברענגען, קויפן אָדער עמעצן רופן, איז דערצו געבוירן גאַוורוש. און ער טוט עס גערן, עלעהיי ר׳האָט אַ געלעגנהייט מיט ווע־מען צו רעדן, אָדער געוואָר ווערן אַזוינס וואָס רייצט זיין נייגיר. און נייגיריק איז דאָס יינגל אומגעוויינטלעך. אַלץ וויל ער וויסן, אַלצדינג הערן און שטעלט תמיד אָן זיינע קעלבערנע אויגן.

— גאַוורוש גיי, גאַוורוש מ׳באַדאַרף שוין האָבן, — איז רבקהלע געוווינט אים צו מינטערן, ווי באַלד זי זעט דעם ברודערל. אַפּנים, איר געפעלט דער אומוויליק דערגרייכטער כּוח צו באַפעלן, דעם מיידלטשינע, וועלכע איז אָגעטאָן אין דער מוטערס אַן אַמאָליק שטיקל קלייד. וואָרן ס׳עיקרשטע אין שטוב איז זי, די מאַמע דאָבע; אויב אָנטאָן זיך ווי ס׳קער צו זיין, מוז זי זיין אָנגעטאָן, וויסט שוין דאָס טעכטערל. ווייל אויב ס׳נישטאָ קיין טאַטע, איז די מאַמע דער קאָפּ פון דער משפחה. און „דער קאָפּ" מוז קומען צווישן לייטן, גיין, זאָרגן זיך פאַר אַלץ. זי מוז קענען מיט אַן אָפן פּנים רעדן מיט אַלעמען, אויספועלן וואָס נייטיק. דאָס האָט ז י, די מאַמינקע, מערערע מאָל שוין אַריינגעהאַקט די קינדער אין די געהירן. „נישקשה, איר מעגט זיך פאַרלאָזן — האָט זי זיי געזאָגט — קיינער וועט פאַר אייך זיך נישט דאגהן, אויב נישט די מאַמע. וועל איך זיין אין שטאַנד, האָבן געלט, וועל איך אייך נישט קאַרגן, און קויפן גוטע זאַכן, שיך, הויזנס, קליידלעך, נו, אַלצדינג וואָס איז פאַר אַ מענטשן באַשאַפן געוואָרן, וואָס לייט גרייטן מיט די הענט, מיט מאַשינעס, מיט האַמערס, טשוועקעס און נאָדלפאָדעם". דערום איז אַזוי אינעם געזינדל פון דאָבע האַלאָוועץ: האַלטן זיך לאַנג די לאַכעס אויף גאַוורושן און דער שוועסטער, איז עס זייער גליק. די מאַמע צערייסט זיך נישט איבעריקס דעם יאַשטשיק פאַר זייערט וועגן, נישט מער, „פאַר דער פּרנס (טענהט זי, די מאַמינקע) מוז איך זיך ברעכן דעם אויסגעמוטשעטן קאָפּ. אויף מער סטייעט נישט קיין כּוח. איר זענט דאָך קלוגע קינדער, מוזט איר זיך רעכענען מיט דעם. קיין שום

מאַמע קען מער נישט טאָן ווי זי טוט. צו דערצו איז אייער מאַמע נישט קיין גבורטע: כ׳בין אַ שוואַכער מענטש און אַ שוואַכע מאַמע מעג אויך וועלן לעבן. מילא, ס׳שטיקל ברויט, די קאַשע מיט דער בולבע פעלט אייך נישט. ס׳דאַרט מיר געגוג דער מוח פאַר דעם! איז געדענקט דאָס, קינדער״.

אָן ספק, דאַבושאַס קינדער זענען קרבנות פון איר קורצן ווייבערישן שכל, — לערנען זיך שכנישע צוקוקערס אויסמאַלן דעם ווייבלס ריכטיקע צורה. — זאָל מען נישט דרייען אַ ספּאַדעק מיט איר פיינקייט און פוילער אָרעמקייט. זי איז פיין? ווער בעט עס ביי איר! ווער וועט זיך כאַפּן אַזוינס קויפן? סיידן איר ווילט עס נעמען פאַר אַ וועטשערע, כאַטש איין מאָל קלאָמפערשט זיך אָנעסן צו זאַט און נישט מוזן זען אין חלום בעטלערס, ווי מ׳שמועסט איין די קליינע קינדער וואָס ווילן נישט עסן. זי איז שוין איין מאָל אַ צאַצקע, די דאָבע. אויף אָן אמת אַרבעטן, טוען פאַר תכלית באַדאַרף מע נישט אין פאַני דאָבעס געזינדל. נאָר נאַראָנים ווי מיר מוזן זיך אויסשוואַכן דעם מוח פאַר פרנסה, אָבער די עגונה? נאָר שאַ, שאַ. אפשר לעבט זי פון די מאַיאָנטקעס וואָס קעלבן זיך ערגעץ פאַר אירט וועגן? מיר קענען דען זיין אַזוי קלוג ווי קלוג אַזעלכע און אַזוינע קענען אָוועקשטעלן די זאַכן וואָס אָן זיי איז די וועלט קיין וועלט נישט.

— עך, חכמים, וואָס זיי קלערן איבער. די דאָבע האַלאָוועץ איז נאָך יונג. און פריילעכקייט מיט יונגשאַפט קאָנען זיין אַ שמאַלצגרוב ווי אַ שטייגער אַ גוטע באַקאַליי־קראָם וואָס מענטשן קענען זיך אָן איר נישט באַגיין. אַ ראיה אַז די דאָבע שעפּט כּוח אויך פאַר איר נשמה פון היימלעכקייט, איז אַפילו דאָס וואָס זי ווייכט שטענדיק פון טונקעלע קליידער. קיין מאָל זעט מען זי נישט אין אַזאַ אָנטועכץ. תמיד קומט זי אַרויס (אויב „מ׳האָט דעם כּבוד זי צו זען״) אין קאָלירקע סאַראַפאַנען, ליכטיקע קאָפּטלעך, בלומיקע ספּאָדניצעס. זי באַנעמט, אַפּנים, אַז קליידער דורכויס טונקעלע, טראָגן לייט וואָס פּראַווען אבלות. דאָבע איז חלילה נישט אין טרויער וואָס דער מאַן איז פאַרפאַלן געוואָרן. זי איז אויך נישט אויסגעמאַרעט פון נישט האָבן וואָס צו לייגן אין מויל אַריין. פאַרלאָזט זיך אויף דאַבושאַן.

סע פעלן נישט קיין ווייַ־חכמים אין שטעטל. יעדן קליידט מען אָן אין זיין מאָס. צו דעם שטייגער רעכענען זיך די אַראָנטשיקס,ביידע ברידערלעך וואָס האָבן ביי זיך אין זשילעט־קעשענקע אַלע תבואה־הענדלערס פון דער געגנט. אַ גרינגער קאָפּ איז אויך זריל דער שטריקדרייער. ער האָט קיין מאָל נישט וואָס צו טון, אָבער איז תמיד איבערפול מיט הלצות, וועלכע

ער זוכט „צו פאַרקויפן‟, אַבי ס׳איז נאָר פאַראַן אַן אויער וואָס שטעלט זיך אַן אים הערן.

— זי ׳עט אַ פּאָר טאָן קיין באַראַנאָוויטש, ׳עסט זען און ס׳עט זיין הימלען. די דאָבע מיינ׳עך. אַ פּעקל „זשיווע קאָסט‟ פאַר דיר, פאַר מיר וועט זי ברענגען. ס׳וועט אפשר סטייען פאַר נאָך עמעצן. לודוויקאָווע איז נישט אַזאַ פאַרשלאָפענע שטאָט ווי מ׳קען מיינען, — און אַן אָנגעשאַרפט שמייכעלע שניידט זיך אַדורך ביי זרילן מיט די צוגעשפּיצטע וואָנציקעס.

— זי...? ס׳אַ וויבל אַ צימעס, די האַלאָוועץ. ס׳אַ קליינס און מסתּמא אַ געשמאַקס. מ׳זאָגט, אין קאָוולע איז פאַראַן די רעכטע רפואה פאַר אירטווענג. אַ מאָל כאַפּט זי זיך צו אויך אַהין. פון גוטע פריינד דערציילט זי דאָך אַליין. מערערע טירן עפענען זיך פאַר אַזעלכער אין איעדער שטאָט. וואָלט געקומען אַ געבויגענע זקנה וואָס שלעפּט קוים די פיס, וואָלט מע זי באַלד געשיקט אין הקדש אַריין. אָבער אַזאַ דאָבע מיט די לעבעדיקע סאַראַפאַנען ? אַזוינע ווייזן זיך נישט צו אָפּט...

לייט שטייען אויפן פּוסטלעכן מאַרק און זוכן ווי אַזוי צו הרגענען די לײדיקע טעג. דעמאָלט ווערט אויך דאָבע רעכט אָפּגעשונדן פון אַלע אירע הויטן און בראָדעווקעס.

ס׳איז אַ בלינד אָרט, דאָס לודוויקאָווע. מ׳לעבט מיט אַלצדינג וואָס קומט נאָר אונטער דער האַנט. און באַשיימפּערלעך: מער באַדאַרף מע נישט, נאָך עפּעס בעסערס בענקט מען שעמעוודיק. ס׳איז אַ מטושטשדיק בענקעניש מחמת די ווייט וואָס ליגט העט, העט אָפּגעוואָרפן אין נעפּל פון די שליאַכן — זיי שרעקן עפּעס, אָבער עס לאָקט אויך צו זיי, ס׳גיט אַ נאָג. די געוווינשאַפט ליימט פון דעסטוועגן איעדן געלוסט צום אַנדערשדיקן. וואָרן אַזוי פירן זיך, האָבן זיך געפירט די טאַטעס, די פעטערס, אַלע גוטע לייט. ס׳געשעט נישט קיין שום אויפרודער, אַפילו נישט ווי ס׳טרעפט אַ מאָל אַ רעשיקע שמחה, אַ גרויסע חתונה מיט אַ סך געסט, וואָס זענען אָנגעפאָרן פון מרחקים. אין אַנדערע שטעט טרעפט אַזוינס, אָבער נישט אין לודוויקאָווע. גאָרנישט רייצט די לודוויקאָווער, אַחוץ די לוסט פון אַ ביסל רכילות און אַריינגיסן אין זיך סאַמאַהאָנקע, וועלכע מ׳באַדאַרף נישט קויפן אין קראָם. גיין אַזוינס קויפן איז אַ הולטייסקע דרך; סאַמאַהאָן טרייבט יעדער, פונקט ווי יעדער האָדעוועט אייגן ברויט, קרויט, ציבעלעס און קירבעס. מ׳שטעלט אַליין אַ צעבער מיט קאָרן פאַרמישט מיט צוקער. מ׳לאָזט אויך אויפשימלען מעסטלעך קאַרטאָפליעס, אויב מ׳וויל שפּאָרן און נישט קויפן צוקער פאַרן סאַמאַהאָן. דער עיקר איז — אַז מ׳ווייסט ווי אַזוי

אים צו קאָכן. אין דער משפּחה טרייבט מען אייגענעם בראָנפן אין טיף־נאַכטישער שעה. מ׳באַהאַלט זיך נישט מיט דעם, מ׳וויל נאָר אַז די סאַמאַ־האָנקע זאָל זיין שפּאָרעוודיקער, זי זאָל וואָס לענגער זיך האַלטן אין שטוב פאַרן אייגענעם באַדאַרף. מ׳האָט נאָר מורא אַז אַ שכן צי אַ גוטער־ברודער זאָל זיך נישט פאַרגליסטן קומען לייען אַ טשאַרקע בראָנפן. און לייט מען איין מאָל, אַ צווייט מאָל, טרעפט שוין אַז עמעץ „פאַרגעסט״ אָפּגעבן, אָבער מאָנען אַזוינס פּאַסט עפּעס נישט. ע, האָסט געגעבן אַ כוסע, קומסטו מאָנען אויף צוריק? איז דערפאַר אַ האַרצוויטיק אַרויסצוואַרפן אַ ניצלעכן שלוק, וועלכער איז אגב נישט גאָר וואָלוול. היט מע זיך טאַקע אַז מ׳האָט אין כאַטע „אַ ביסל שטאַרקס״, אָן וואָס ס׳איז שווער אויסצוקומען. אַ שלוק סאַמאַהאָן איז פאַרן געזונט אַ גוט מיטל, אויך צו וועקן דעם כּוח וואָס איז אַזוי נייטיק פאַרן טון וואָס מ׳מוז טון אַרום דער בעל־הבתּישקייט.

לודוויקאָווע שפּירט נישט דאָס קדחת פון די שטעט וואָס קיסיען מיט זייערע פאַבריקעס און סאָפּנדיקע באַנען. טאַמלען טאַמלט דער לעדער־הענדלער יעקבקע זאַבלודין, דער וואָס איז געווען דער שוחט פון שטעטל, געהאַט אַ בכבודיקע פּרנסה, אָלאָ ר׳האָט נישט געקענט סובל־זיין דעם צער וואָס האָט אים געוואָרגן פון וועגן די גסות און דקות וואָס האָבן פאַר זיינע אויגן זיך געקאָרטשעט אין יסורים, געצאַפּלט און געשווידערט מיט די ריפּן, אויך נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין אויפגעהערט ריטשען. דער אַ יעקבקע — אַן אידעלער ייד, ועמען אַ סך האָבן מקנא געווען מיט זיין מעמד — איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט און געקלאָגט: ס׳לית דין ולית דיין. אַ מענטש זאָל מוזן אַזוינס צוזען! גאָטס באַשעפענישן און מע ברענגט זיי אום מיט אַ ברכה אויף די ליפּן. ווי, ווי שיקט זיך אַזוינס? די וועלט גייט ממש אונטער פאַר אַזאַ זינד. טרויעריק, געאַכפּערטע ברידער מיינע! — און איטלעך מאָל שיער זיך נישט צעוויינט. קודם כּל האָט ער אַליין אויפגעהערט עסן פליישן, פיש, געגנערט זיך מיט גרינסן, מיט מיל־כיקס. אָבער סוף־כּל־סוף אויך געוואָרפן ס׳שחיטות. די לעצטע יאָרן האָט ער פון חיונה וועגן גענומען אויפקויפן ביי פויערים רויע פעל און אין באַראַנאָוויטש צי אין לוצק פאַר דעם איינלייזן גראָבע געלטער, ווי ס׳האָט געהייסן ביי די בעלי קנאה. גאַרבאַרניעס האָבן ביי ר׳ יעקבקען געקויפט די פעל און ער׳ט זיך מפרנס־געווען. אָבער אַצינד איז דער מיסחר שטאַרק געפאַלן. פאַר רויע לעדער קריגט מען ערשט אַ... פייג, אַ זויערע פייג, ווי לייט זיפצן. ס׳זענען אויפגעקומען מערערע אויפקויפערס פון פעל, מ׳שטאָפּט אָן די גאַרבערס פולע שפּייכלערס מיט פעל, מ׳בעט זיך איין

מיט דער סחורה, אַז זיי זאָלן נאָר נעמען. פון מקח רעדט מען כמעט נישט. — לאָז איבער דאָס מיסט! — רעדט מען שוין צום געוועזענעם שוחט אינעם גרויסן קאַשקעט וואָס בעת ער זאָגט עפּעס, טרייסלט זיך דער דאַשעק זיינער ווי אַ קורץ שוואַרץ דעכל איבערן בלייכן שטערן. פונעם אָנגעלויף פון די פעלהענדלערס צו די גאַרבערס, בלייבט ר׳ יעקבקע מבולבל, ער ווייסט נישט וואָס מ׳רעדט צו אים, וואָס מ׳זאָגט אים ווען ר׳פירט צו זיין סחורה. ר׳שטייט און באַנעמט נישט אַז ר׳דאַרף עפּעס ענטפערן אָדער גאָר אַוועקגיין.

— כ׳בין קיינעהאָרע נאָך קראַנט, יעקבקע. טו ווי דו פאַרשטייסט. געלט איז דערוויל נישטאָ. מערטשעשעם איפּדעוואָך, אפשר... ווילסטו פאַרדינען, מוזסטו אויסהאַלטן די קרענק. מיינסט, אַז יעדן קומט אָן גרינג דאָס קאַפּל חיונה? איך האָב געפּאַקט און געמאָזלט ביז כ׳האָב זיך דערשלאָגן צו דעם שטיקל סאַריי*) וואָס אים אויפגעשטעלט מיט בלוטיקן שוויס. צ׳דאַרפט זיך לערנען אַ ביסינקע וואַרטן ביז מ׳זעט די „שפּיצן״.

אַ סך מאָל האָט ער געמוזט אויסהערן אַזעלכע דרשות, דער פעל־הענדלער יעקבקע זאַבלודין. ס׳האָט אים געקאָסט געגנוג עגמת־נפש ביז ר׳האָט זיך איינגעאַרבעט אין דעם מיסחר. ערשט איז אַ לויב דעם השם יתברך דער הלך יילכט, אָבער מ׳מוז נאָך אַלץ אונטערשטופּן דעם וואָגן אַז ר׳זאָל גיין.

קאַפּיטל פופצן

קריזיס... אַ מאָדנע וואָרט מיט אַ שאָטנדיקן אָפּקלאַנג האָבן אָנגעטראָגן די וויטן. לייט פּרוּוון עס צעקייען, פרעגן דערויף די ניי־געקומענע, וועלכע דעכען ערשט אָפּ אַ ביסל. ס׳איז שלעכט, האָבן יענע געקוועטשט מיט די פּלייצעס. ס׳איז פויל מיט פּרנסה ביי טויזנטער הויזגעזינדן. יידן ווערן בדיל הדל. אין גאָר אַ סך הייזער האַלט עס שוין גוואַלטיק שמאָל. הונגער קוקט אַרייַן אין זיי מיט צעשטשירעטע ציין. אַפילו פאַר קליינע קינדער פעלט שוין ס׳שטיקעלע דאַרע ברויט. „ס׳טרויעריק. פרעגט בעסער נישט

---

*) שייער, דאָ געמיינט: געביי צו פירן אין אים די מלאכה פון גאַרבן לעדערס.

וואָס פּאַראַ פּנים ס׳האָט דער קריזיס״, — בעטן זיך די דאָזיקע אין זייער אומהיימלעכקייט.

לודוויקאָווע ווייסט נישט פון דעם מין געקוועל, וואָס יוירט אין די אויסגענומענע שטעט ווו ס׳רעשט זיך און טומלט שטאַרק. אמת, קרענקען קרענקט זי אויך אונטער, „די צעגענעצטע גובערניע״, וועלכע שמעקט שוין מיט דער מסוכּנער גרענעץ, אָבער אין שטוב שפּירט זיך נישט די וואָכיקע געקוועלטקייט וואָס שרייט גראָב אין די צעליאַרעמטע כּרכן. דאָ קומט דער טאָג און ר׳פּאַרגייט ווי געווינטלעך מיטן זונאויפגײ און מיט דער פינצטערניש, צו מאָל מיט טריבקייט, ווינט און רעגנס. ס׳איז שלעפּעריק שטיל, סע טוט זיך ווי תּמיד אין וואַלד, ס׳רודערט זיך קנאַפּער אין טאַרטאַק, זעלטענער הילכן אָפּ די איבעררופן פון די פורמאַנעס וואָס פירן ס׳געהילץ צו דער וויטלעכער באַנסטאַציע אָדער צום טייכברעג וואָס ליגט אָן אַ זייט. ס׳איז אַ מאָדנער חול־המועד, אַ לאַנגווייל הויערט אַפילו אין שטיבל פון וואַלדשרייבער. אין די נאָענטע דרויסנס לייגט מען פון דעסטוועגן ביימער ווי לאַנג סע האַלטן אָן די פרעסט. אויך אין די טוכלע פּאַגאָדעס האַקט מען נאָך און ס׳טוט זיך אַ געטועכץ. אַחוץ מזה איז יעדע שטוב ביי זיך אין דער היים, אין דער ליבער וואַרעם, כאָטש הינטערן פענצטער וואָיעט אַ הונגעריקער ווינט. דער טאָפּ שמאַלץ, ס׳שטיק דאַרפלייש, דער קאָפּעץ קאַרטאָפל, דער זאַק מעל און דאָס פּאָס קרויט פעלן נישט. אויך דעם שאַרפן טרונק איז מע נישט זשעדנע. אויף אָנבייסן באַקט מען הרעטשענע פלעצלעך. אַ ציג איז פאַראַן, אַ קו אָן אייגענע מעלקט זיך, סמעטענע און קעז זענען דאָ לרוב. דער סימן פון דעם וואָס רופט זיך ערגעץ „קריזיס״, זעט זיך נאָר אין די יונגע מענטשן פון דער פרעמד וואָס האָבן זיך באַוויזן אַהער צו שפּלע מיט בלייכע ווי פּאַפּירענע באַקן און אַזעלכע האָבן זיי זיך געשטעלט האַרעווען עבודת־פּרך, אַבי צו קענען זיך „אָפּיאָגן פונעם הונגעריקן מויל״. און צו דעם דערלייגט נישט לודוויקאָווע. אדרבא, פאַר שפּאָט וואַלוול ווערט ערשט אָפּגעטון אַ סך אַרבעט. טאָקע פון די פערדלעך וואָס האָבן זיך געשטעלט קלאָמפּערשט אויף פּאַשע אין דעם אָפּגעלעגענעם אָרט לעקט מען אָפּ אַ נישקשהדיקן ביין. ס׳שטעטל זאָגט זיך נישט אָפּ אויך פון אַ ליאָדע פּאַרדינסטל וואָס קומט אונטער. לייט זענען זשעדנע צו כאַפּן אַן איבעריקן זלאָטי. און ווייל עמעצער נאָך שטעלן אין קאָן זיין ביסל מנוחה, צו וואָס לודוויקאָווע איז אויך שוין צוגעוווינט, קאָן אַזעלכער אָנזשויבן טונען גאָלד, ווי מ׳שמועסט נישט אָן קנאה וועגן אַזעלכענע. פאַראַן טאָקע אַזוינע וואָס מאַכן דעם גילדן דווקא

בעתן שטילשטאַנד. אָלאָ ס׳גיבן אויכעט אַזעלכע וואָס ווילן גאָר זיך קויפן אַ מיצווה אין אַן אַריבערגעקומענעם פון די צעטומלטע וויטן. דהיינו, אַ געלייטזעליקטן ביי אַן עמעץ וואָס אַזוינער איז אָנפּאַרטרויט געוואָרן דעם דאַזיקן מיט אַ באַגלייט־בריוול אָדער אַ באַגלייביקן וואָרצייכן, בכן דעם און דעם באַדאַרף מען דרינגלעך אַריבערפּעקלען מחמת ס׳איז שוין פאַר־ברענט דער שריט פון דאַזיקן. נעמט זיך טאַקע אונטער דער נעמלעכער אויסצופירן די שליחות. קודם באַהאַלט ער אים אויס אויף עטלעכע מעת־לעת און נעמט זיך גרייטן צום שטיקל אַרבעט. נו, אַזוינעם פירט מען דורכויס דורך נעפּל אָדער וויכערס, ווען אַ מענטשישער טראָט קאָן נישט אויפגעכאַפּט ווערן פון דער אָנגעלאָקערטער שמירה. אַוודאי, אַזוינעם פירט מען אַריבער אָן שום באַצאָלט, מחמת ס׳איז אַן אויפגאַב פאַר אַ העכערן ציל. אַנדערע תושבים זוכן דווקא יאָ פּרנסה ביי דער סאַמאָראַדנער גרענעץ. זיי פאַרמעקלערן קעפּלעך צו די מולכערס וואָס גייען אַליין „אין פייער אַריין" מיט קליינע גרופּעס אַריבערלויפערס. די דאַזיקע מולכערס זענען ווילדע ריזיקאַנטן. נישט זעלטן דערוועגן זיי זיך צו עפענען אַ וועג מיט דעררעדן זיך מיט די שמירהס גופא. אָלאָ דאָס סאַמע אַריבערשוואָרצן, פירן דורך דעריקרשט אָרעמע פויערימלעך. פאַרן טועכץ האָבן זיי מיט די מאַכערס אַן אָפּגעשמועסטן מקח פאַרן קעפּל. די גלאָוונע גיבן „די קעפּלעך" סימנים וואָס דאַרפן צוריקגעברענגט ווערן פון די פויערים, וועלכע באַגלייטן די סחורה ביז אויף יענער זייט מיט אַ געשעפּטש: — מיט דעם רעכטן פוס, חברה! די סימנים פון די קעפּלעך וואָס זענען שוין געהאָלפן, דאַרפן זיין די איינציקע עדות אַז ס׳שטיקל אַרבעט איז אויסגעפירט מיט הצלחה, דערפאַר דאַרפן די אַריבערפירערס ערשט באַ־קומען זייער לוין. אָלאָ נישט אַלע אַריבערשוואָרצערס לאָזן זיך באַגנוגענען מיטן צוגעזאָגטן שכר. ביים סאַמע סוף פון דער שליחות באַגזלען זיי די שוין מידע קעפּלעך און נעמען אָפּ אַליין אַזוי אַרום אַ העכערן לוין און ווערן דערנאָך מולכערס אויף אייגענער האַנט. זיי נעמען זוכן קעפּלעך און רעדן שוין פאַרטרוילעך, אָבער דרייסט צו די מאָרגנדיקע אַריבער־לויפערס אויף יענער זייט: — דו באַצאָל מיר און די מלאכה וועל איך אַליין אויספירן. איכל עס טון אויף מיין חשבון, אַליין נעמען אויף זיך ס׳האַרצקלאַפּעניש, גאָר נישט אַזוי ווי ס׳טוען די וואָס זיצן באַקוועם ביי די קאָכיקע סאַמאָוואַרן און שינדן די הויט פון די נעבעך געקוועלטע וואָס מוזן זיך ראַטעווען. איכל ערלעך פאַרדינען די פּאָר זלאָטיס. מעגסט גלייבן, חבר.

חבר רופט שוין דער נייער מולכער דעם וואָס גרייט זיך צום אַריבער־לויפן. און מיט אַ חבר איז עפּעס גרינגער זיך צו דערדעדן. — אויך איך בין אַן אָרעמער מענטש וואָס קאָן מער נישט אויסהאַלטן פון די הויטשינדערס וואָס זיך אַוועקגעזעצט אין זאָטל. אַוודאי, איך מאָן נישט פאַר דער מלאכה אַזוי פיל ווי יענע אין לוצק צי אין ראָוונע וואָס ווייסן צו מאָל נישט ווי די גרענעץ זעט אויס. ס׳פשוט אַ פייער דורכצורייסן און נישט אָפּבריִען זיך ביז וויטיק. גלייב, חבר, ס׳קאָסט גענוג געלט אַחוץ דעם וואָס מ׳שטעלט אויף איין דעם קאָפּ. יאָ, דער קאַראָול ווערט אָפּגעסמט, ס׳אַ זיכערער שפּרונג, חבר. דער קאַראָול כאַליעט זיך נישט אַוועק ביז וואַנען מ׳טאָקט אים נישט פריִער אין לאַפּע אַריין. וואָדען? אומזיסט קען מען האָבן בויכ־וויטיק. אָבער געדע־עענק: שטי־יייללל מוז מע זיך פאַרהאַלטן אין וועג! אַפילו ווען סט שוין זיין אויף דער שוועל, אויב דו גיסט אַ הוסט אָדער אַ קרעכץ, לייגסטו זיך אַליין אין דר׳ערד אַריין. אַנו, דער סאַמע אמת: מען באַדאַרף נאָר האָבן אויך אַ ביסל מזל. ס׳זאָל גראָד נישט אונטערקומען אַ גרעסערער בעל־הבית. אָבער דאָס טרעפט נישט. אַזוינער איז פויל אָדער שיכּור. דו האָסט צו טאָן מיט פאַראַנטוואָרטלעכע לייט וואָס זענען אויסגעבריִט אין היץ און פראָסט. די שמירה אויףביידע זייטן איז אָט אַ דאָ, ביי מיר אין קעשענע. אויך ביי מיין שותף. איז גע־דעענק, חבר: שטי־ייייל.

...אין דעם אַרום האָט דער חושך באַדעכטיק אויסגעשפּרייט אויף נאַכטלאַג זיינע מידע פליגל און דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער אָנגע־דראָלענער ערד.

די גרענעץ לויערט און זי לאַקט, כאָטש זי איז אָנגעלאָדן מיט סוד. צו מאָל לאָזט זי זיך הערן, די גרענעץ, אויך מיט אַן אומגעריכטן געוואַי. ס׳אַ שיסעריי. „געהאָרכט וואָס ט׳זיך געטאָן היינטיקע נאַכט? גאָט ווייסט, ווער ס׳איז געפאַלן, אויסגעשפּיגן די נשמה...״ ס׳איז אַ פרעגן און אַ קוקן אויף אייננאַנדער אַזש אַ קעלט זעגט אַדורך דאָס געביין. אַן אימה שטעלט זיך דיבאָם שוין אין די פריִע פינצטערע שעהען, סע טוען ווי די קריזשעס פון ליגן די גאַנצע גייעדיקע נאַכט מיט אויפגעריסענע אויגן און האָרכן ביז וואַנען ס׳עט זיך אויפשטעכן דער בלאַטער וואָס קאָרטשעט זיך אין גריזשנדיקן צווייפל: ווער ווייסט, ווען ס׳האָט געטראָפן דאָס באַט־ראַפּלעניש? ס׳זענען גראָד היינטיקע נאַכט אַוועק אויך די אונזעריקע״.

✶

אויך דאָבעס שטיבל לעבט מיט די סודות פון דער גרענעץ. פוןביידע זייטן גרענעץ: מיט די וואָס דאַרפן נאָך אַריבערגיין און יענע וואָס זענען שוין איבערגעקומען „דאָס פעקל". אָן אויפהער זיפן זיך דאָ דורך אַלט־געזעסענע צווישן די פרעמדע וואָס בידעווען שוין חדשים און זמנים ביי שווערער פּראָצע מיטן אויסקוק צו קענען ענדלעך אַנטקומען, און פריש־געקומענע וואָס באַגערן גיכער זיך ראַטעווען פון אומגליק וואָס האָט גע־טראָפן די שטעט און שטעטלעך. אַ שאַרפע נויט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן לאַנד ביינאַנד מיט רדיפות פון פּאָליציע ווי פון גראַבסקיס עגלה. דאָבעס כאַלופּע איז אפשר די איינציקע אין לודוויקאָווע וואָס זוכט רק אַ מיצווה צו טאָן אין די וואָס גרייטן זיך אַריבערצולויפן. אין דער אַ כאַטע קומט מען זיי ליבלעך אַנטקעגן מיט אַ גלאָז טיי, מיט אַ טעלער גריץ, צו מאָל אויך מיט אַ פּאָרל ריינע וועש פאַר אַזוינעם וואָס האָט געמוזט ראַפּטעם עוקר־זיין, נישט באַוויזן זאָגן „אַ זייט געזונט" די נאָענטסטע; אַוועק ווי ר׳גייט און שטייט, קוים דעם קאָפּ אַרויסגעטראָגן פון דער שריפה. פון אַ נאַכטלעגער פאַר אַזוינעם איז שוין אָפּגערעדט. זי זאָגט עס מיט מיקלאָמפּערשטער עניוות: „דערצו, ליבינקער, איז דאָך דאָבען געגעבן געוואָרן אַ קאָפּ צו זאָרגן פאַר אַזעלכע וואָס וויסן נישט ווו אייך, ווו אויס אין אַזאַ וויסטער פאַרוואָרפנקייט".

יאָ, דאָבע האַלאָווען האָט אַ האַרץ פאַר געטריישאַפט צו חברים און אַזעלכע האָט זי מערערע, אַפילו אין אַנדערע שטעט, אָבער אויך די וואָס באַטרעטן איר לודוויקאָווער שוועל, זענען איר גוטע חברים. זי דערפילט זיי שוין וועדליק זייער עלנט. אויף מיקלאָמפּערשט קאָנען זיי זיך נישט, גיט זי אַזעלכן אָן אָנצוהערעניש באַלד אויפן ערשטן בליק. דאָס שטערט איר נישט זי זאָל אים צווואַרפן אַ טרייסטנדיקן מורמל. „ס׳גיזינטער צו זאָגן, ווי סע מאַכט זיך, אַז מיר זעען זיך ס׳ערשטע מאָל. זענען זיך פרעמד, אויב דער טיוול וועט דווקא וועלן וויסן, אֶלאָ צו ערשט מעג ער צעבערעכן ס׳גאַניק דער שד", און זי גיט אַ דינעם שמייכל. און פון בטיחות וועגן, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זי זאָל נישט פאַרשיט ווערן, זוכט דאָבע פאַר אַזוינעם אַן אָפּלאַג ביי כשרע שכנים, שטילע לייט וואָס אויף זיי קאָן נישט פאַלן קיין שום חשד. וועדליק פאַרויס באַשטימטע סימנים, פאַראַלן, ווייסט זי ווי אַזוי און ווו אַזעלכע זאַכן דורכצופירן. אין לודוויקאָווע האָט זי אויך אַזעלכע מלינות ווו זי מעג זיך אַ מאָל אַריינשטעלן כלומרשט אַ קוק טון וואָס ווילע לייט מאַכן. זי מאַרקירט אויס אַז אַזאַ שכן זאָל יאָ זיך עפּעס משער־זיין און דאָך נישט וויסן פון זיינע הענט־און־פיס. פאַר דעם טראַכט

זי צו עפּעס גאָר טשיקאַווועס, באַדאַי פאַר איר שאָדן... בעת מעשה פאַר־שנירט זי אירע ליפּעלעך בכן ס'איז פשוט אַ טובה פאַר אירט וועגן. אַז סע שמעקט מיט „יענער זייט״ וועט אַזעלכן נישט קומען אויפן זינען. ר'איז, אמת, אַן אייגענער, דער תּושב, צו וועלכן מ'האָט איר נאַרייעט צו ווענדן זיך אין אַ נויטפאַל, אָבער ס'איז מער זיכער אַז ס'ווייסן דערפון וואָס ווינציקער מענטשן. ווייל פאַר פּאָליציע איז דער דאָזיקער אַ פרעמדער (און יעדער נישט היגער איז פאַרדעכטיק אין דער אַ זאָנע), דערפאַר גייט זי זיך פאַר אים מטריח זיין. מחמת ס'איז נישט געזונט מ'זאָל אים באַאומרויִקן, בעת ביי דאָבושאָן איז ער אויסנעמלעך גאָר אַן אָנגעלייגטער גאַסט. לכן איז גלייכער אויסצומיידן פּאָליצייסקע אויגן. מאַקסימאָן, דעם גוטן שכן, גיט זי פון דעסטוועגן אַ ממזרישן ווונק באשר אין דעם, ווען זי וויל ברענגען צו אים, האָט זי אַ פערזענלעכן סענטימענט. כאַפּסט זיך נאָך נישט, מאַנצביל? דו ווייסט דען נישט אַז כ'בין נאָך נישט קיין פאַר־וויאַנעטע פרוי! ס'איז אָבער אומבאַקוועם ווען מ'באַדאַרף פאַר אייגענע קינדער אויך זיך שעמען. סיידן שפּעטער אין ביסל, ווען ער וועט זיך שוין ערנסט באַשליסן. אמת, אמת, אַפריִער האָט דאָבע אויך שוין אָפּגעסמט מאַקסימאָס כּלבטע מיט אַ בליאַסקעדיקן דזשינדזשיק וואָס זי'ט אַנומלט געבראַכט פון קלעצק. אַן אַנדערן דרוה*) פירט זי אַריין אַזאַ פלוצלינג אָנגעקומענעם גאַסט, וועלכן דאָבע שטעלט פיר ווי אַ שוועסטערקינד וואָס איז אומגעריכט געקומען צו אַרומקוקן זיך וועגן עפּעס אַ פרנסה. ס'איז שלעכט אין די גרויסע שטעט, מוז איטלעכע מויז — זאָגט זי מיט קלור־געטשקע רייד — זוכן אַ נייע נאָרע ווו ס'איז פאַראַן אַן אויסקוק פאַר תּכלית. פראַוודאַ, יערעמי? אַזוי ווי ביי מיר איז ענגלעך מיט אַ געלעגער, וועט מיר זיין אַ גרויסע טובה אויב דו וועסט פאַר אים באַווילקן אַן אָרט איבערצושלאָפן ביי דיר. און דאָבען זאָגט מע נישט אָפּ. בפרט ווייל אַ תּושב פון אַזאַ פאַרוואָרפן שטעטל איז להוט צו זען ביי זיך אַ נייעם מענטש פון דער ווייט, עלעהיי ר'קאָן הערן „נייעסן פון דער וועלט״. דאָבע האָ־לאָוועץ קאָן גוט טייל שכנים וואָס זיצן אין כאַטעס, וועלכע זענען היפּש אָפּגעלעגן פון שטעטל; זיי טוט טאַקע הנאה צו זיין נאָענט מיט אַזאַ שכנה וואָס לאָזט זיך דערקענען מיט איידעלע מידות, כאָטש זי לעבט נישט אין ראַסקאָש. קרובים העלפן איר אַרויס, וואָרן זי איז שוואַך אין געזונט און די קינדער זענען נאָך נישט אונטערגעוואַקסן צו קענען עפּעס טון פון

---

*) אַ פריינד.

חיונה וועגן. ווען נישט די טשאַכאָטקע, וואָלט די דאָבושאַ מסתמא געווען ביינאַנד מיט די אייגענע אין די ווייטע שטעט. „אָבער די לופט ביי אונדז דינט איר בעסער", ווייסן שוין די שכנים. ריכטיק, די האַלאָוועץ איז אַ גוטהאַרציקע, אָבער צום באַדויערן, אַליין אַ געקוועלטע, וויל זי אַז לייט זאָלן זי פאַרשטיין. זי טענהט אַז מ׳טאָר נישט דערלאָזן אַז מענטשן, אַפילו אומבאַקאַנטע, זאָלן זיך שפּירן הפקר צווישן לייט וואָס האָבן כאָטש אַ ביסל געהירן אין קאָפּ. זי גופא איז נישט אין שטאַנד אַ סך צו טאָן פאַר די עלנטע וואָס דער גורל פאַרוואָרפט זיי אַ מאָל אין אונדזערע מקומות. זי טוט אַלץ וואָס נאָר מעגלעך ביי אירע אוממעגלעכקייטן, חזרט זי איבער פאַר די וואָס זענען ביכולת צו הערן אַ מענטשלעך וואָרט. נו, איר שטוב איז צו קליין פאַר אַן איבעריק געלעגער, זאָגט זי שוין מיט געבעט. זי קען נישט אַנדערש! יאָ, זי טוט כל התפעלות עמעצן צו העלפן, אָבער איבער־נעכטיקן ביי איר פאַר אַ פרעמדן איז אוממעגלעך אין איר שטיבל. און די געסט ווייסן אַז זיי טאָרן זיך נישט וואָרפן אין די אויגן. גלייכער צו שלאָפן שפעט אין אַן אַלקער, אַפילו אין אַ שייער, אַבי נישט ווייזן זיך אין דרויסן. דערוויל טוט זי, טאַקע דאָבע, אַלץ וואָס מ׳באַדאַרף טאָן פאַר די „וואָס צאַפּלען זיך אין דער פּעטליע". זי גייט זיך כלומרשט איבער אַ ביסל — הייסט עס פאַר די באַגעגנטע, ווייל ס׳איז לרפואה פאַר איר געניזוקטן געזונט. אין אמתן איז עס פאַר אַ נייטיקער באַגעגעניש מיט עמעצן. דאָס איז איר טוען פאַר דער זאַך. פאַר זיך, מיינט דאָס אַ געטועכץ, דאַרף זי כמעט גאָרנישט; זי קאָן אויסקומען מיטן מינדסטן — איז איר תמידע טענה — קודם באַגערט זי אַ טובה פאַר אַ מענטשן וואָס איז אין שטאַרקן געקוועל. דער יחיד מוז דינען דעם כלל, ווייל נאָר דאָס איז דער אייגנטלעכער כוח פון פאָלק. דאָס פאָלק טאָר נישט סובל זיין אַן עוולה קעגן וועלכן עס איז מענטש, וואָרן אַזוי דריקט זיך אויס די וואָרע ליבשאַפט צום לעבן. צום באַדויערן איז די מענטשהייט פאַרשאָלטן מיט דער מכה פון אומגעטרייע פירערס. די מאַסן באַדאַרף מען אַרויס־ציִען פון דעם אומגליק וואָס די פאַרדאַרבערס ברענגען אויף זיי. אמתע חברשאַפט איז דעריבער די בעסטע רפואה. דאָבע איז אַ גוטע חברטע. דערוויל איז טאַקע אויך איר שטאַרק נייטיק די זלאָטי, אָבער זי רעדט זעלטן דערפון. פון דעסטוועגן איז די זלאָטי נאָך נישט דאָס עיקרשטע, טענהט זי.

ד אָ ס ע י ק ר ש ט ע איז חברטע דאָבע האַלאָוועץ אויסן מיט איר סודותדיק טאָן, אַזוי איז זי מדריך איר טעכטערל:

— די אָרדענונג איז דאָ אַ פאַלשע, רעדט זי צו דעם „אַלטן געמיט״.
— דאָס, פאַרשטײ, איז ראַדזיוויל און זײַן שכל לאָזט אים נישט אַנדערש טראַכטן ווי ער טוט. דער רײַכער מוז נאָך רײַכער ווערן, פאַר דאָס מוזן די אָרעמע־לײַט נאָך מער אַראָפּדריקן דעם גניק. זײ, די הונגעריקע, האָרעווען און ברענגען אַרײַן גרעסערע אוצרות פאַר די פּריצים און פאַבריקאַנטן, אָבער אַלײן לעבן די אַרבעטאָרערס ווי די הינט, ווײַל זײ האָבן נישט געהאַט דאָס מזל געבוירן צו ווערן אין אַ רײַך הויז. בײַם אָרעמאַן איז ס׳קינד שוין קלײנערהייט אויסגעשטעלט אויף גויט. די רײַכע זענען איבערגעפרעסן פון גוטס, דערפאַר איז שלאָקרירעוודיק אַזאַ ראַדזיוויל. ס׳איז די מתנה פון סאַמע שווילטאָג. דאָס שמאַלץ פאַרגיסט אים ס׳האַרץ אַזש ס׳דערגייט צום מוח. בײַ אַזעלכע איז אויך נישט צו זוכן קײן גערעכטיקייט. דאָס געפינט מען נאָר דאָרט, דו ווייסט שוין וווּ. צוליב דעם לויפן מענטשן אַהין. אויך פאַר אונדז, קינד מײַנס, וועט קומען די צײַט צו פאַרנעמען זיך פון דאַנעט. ווי דערלעבט מען שוין דאָס! אַז עמעץ טוט דאָ אָפּ עפּעס רעכטס פאַר די געפּלאָגטע, ברענט מען אים די טריט. ר׳מוז עוקר זײַן. ווײַל פאַר אַ זשאַרנע יושר מוז מען באַצאָלן מיט יאָרן תפיסה און פּײַן. מײַנסט, אַז דאָס שווײַגן וואָס לײַט שווייגן אין ביטערניש, איז נישט גורם אַז מ׳זאָל טשאַטעווען דווקא אויף זײ, די אומגליקלעכע? די צונג זאָלסטו דיר צו ערשט אָפּבײַסן, אויב סע וועט חלילה אויסקומען, מ׳וועט פרעגן ווער, וואָס. דו ווייסט גאָאָרנישט! זאָלסטו ענטפערן — און זי גיט אַ דרײ מיט די אויגנאַפּלען וואָס פאַרקרימען אויף אַ ווײַל דאָבעס מויל. — פאַרשטייסט, רבקהלע? מ׳זאָל באַהיט ווערן אַז זײ זאָלן נעמען פרעגן.

דעם מײדל געפעלט דער מאַמעס דרך. יושר איז אַ הייליקע זאַך, האָט די מאַמע אין איר אַרײַנגעקבערט. און אַלץ וואָס די מאַמע טוט: איר פּוצן זיך, איר אָפּט אָוועקפאָרן ערגעץ, איר גײן טרעפן עמעצן — אַלצדינג איז צוליב „דער זאַך״. זאָל מען אַפילו מײנען, איר מאַמע איז אַ פאַנפאַראָנקע; זי ווייסט ווער ס׳איז גערעכט, שרײַט אַרײַן אין זיך דאָס אַלטע געמיט רבקהלע. די מאַמע איז אַן אויסגענומען מענטש. אויך די יונגע־לײַט וואָס גײען אַרײַן צו זײ אין די אויפדערנאַכטן זענען אײדעלע. פאַר זײ זאָרגט אויכעט איר מאַמע. זײ לײַדן פון אומגערעכטיקייטן, דערפאַר וואַלגערן זײ זיך אין דער פרעמד. זײ אַרבעטן שווער און ביטער בײַ די גוייִשע שכנים, עסן בײַ זײ מיט הילצערנע לעפל, כלעפּטשען קלײענעם באָרשט, טראָגן

שטאָטס שיך, ווי געווינט, פּויערישע פּאָסטעלעס צו גלייך מיט אַלע פּראָסטע לייט, אָלאָ זיי זענען אַזוי וויל, רעדן קלוג.

אַזוינע, ווייסט דאָס מיידל, היטן זיך פאַר פּאָליציי. תּפיסה־קראַטעס מיט שפּיציקע אייזערנע ציין יאָגן זיך נאָך זיי, אָבער זיי שמייכלען אָפּט מאָל אַזוי ליכטיק, די לײדנדיקע.

זי ווייסט שוין אַלץ, רבקהלע. דאָס רעדט איר פּריאָמע אין האַרץ אַריין.

★

פון דאָבעס שטוב האָט אויך אויף קלמן קאַבריץ אַ שלאָג געטאָן מיט אַן אויסטערלישער היימישקייט. ערשטנס — דאָס אַרומגעפּליקטע יינגל מיט די טרויעריק־גוטע אויגן, דער גאַוורוש, צווייטנס, יאָ ס'דאָ אויך אַ צווייטנס וואָס קלמן שעמט זיך אַרויסצוברענגען מיט די ליפּן — —

כאָטש ס'איז שוין לאַנג זינט קלמן האָט אים דערזען אין דעם אַ העק, דערמאָנט ער זיך אַצינד קלאָר ווי דאָס יינגל האָט אים לעקישעוואַטע־פּראָסט פאַרטשעפּעט: „גייטס אַרום ווי אַ גלאָמב און ווייסט נישט וואָהין אַריינצוגיין... יאָ, וואָס דו הערסט! קום צו אונדז, אַנופּריס געזעלן. ביים באַנדער איז שטאַרק אומעטיק. וואָס דומעט דיין בעל־הבית ווען ר'טוט נישט אין ווערקשטעל? ווי דער בהמה ציט אים צו דער זשלויב. נאָר אַ קאָרעטע גיב אים, אַנופּרין! גיי אַרויס פון אים אויף אַ פּאָר שעה — —"

און קומט קלמן אַריין אין דאָבעס איזבע, קלעפּט זיך שוין צו אים גאַוורוש, גלייך ר'וואָלט אים געווען אַן עלטערער ברודער; טרעט נישט אָפּ, דערציילט אין דער גיך אַז פיינע יונגע־לייט זענען געקומען אין דעם קאַנט, נאָר מ'טאָר נישט רעדן וואָס זיי שמועסן. זאָלן זיי אַליין דערציילן פון זיך. מיין מאַמע ווייסט אַלץ, אָבער שאַ־אַאַ מוז זיין, האָרכסט? קום אַריין, אַנופּריס געזעלן, ביי אונדז איז היימלעכער.

דאָס יינגל איז באַשיימפּערלעך אַ נאַרישס, זיינע רייד קריכן קלמנען קנאַפּ אין קאָפּ אַריין. אָבער גאַוורושס שוועסטער איז אַ גוט מיידל. אין חווהן דערמאָנט זי קלמנען. אַ טייער קינד זיין שוועסטער חווה. לייט האָבן זי ליב. אַ וויל שוועסטערל האָט ער — ווילט זיך קלמנען מיט אַ מאָל דערציילן דער גאַנצער שטוב דאָבעס. זאָלן זיי נישט מיינען ער קומט פון באַרג מיסט אַראָפּ. רבקהלען, אויף דעם קעצל וואָס זיצט אויפגעהאָרבעט אויף דער אומגעלומפּערטער ציגלנער הרובע נעבן דעם טריבן פּענצטער וואָס קוקט אַרויס צום ברוינלעכן ערדלישיי, אַלץ ווילט זיך זיי דערציילן

אַצינד. דאָס האַרץ צעגייט אים פון דאָזיקן באַגער, אָבער ער שעמט זיך מיט זיין עלנט. בכלל איז קלמן אַ שעמעוודיקער. אַן איבערגעוואָקסענער יונג איז ער שוין, נאָר ר׳שפּירט אַזוי ווי אַ בלאָטער וואָלט געווען אויסגעגאָסן אויף זיין גאַנצן לייב. טאַקע זיין עלנט שרייט עס אַזוי פון אים מיט פאַר־דריקטע ציין. דערפאַר ווייל ער איז אַנגעטון אין געלאָטעטע הויזן, אַ גראָב פויעריש העמד, דאָס היטל אַ פאַרשמאַלצעוועטס, איז אויך אַ פּוי־ערישס. ווען אַנופרי האָט עס אים געגעבן, האָט ער אים געזאָגט מיט אַ מין אויסגעבויגן חוזקל אין קול: „נעם, קאַליאַ, דאָס אַ, דעם קאָפּ טאָר מע נישט צוקילן. אַז דער קאָפּ איז צו גאַרנישט, זענען אויך די הענט דאַ דיאַוואָלאַ! *).

קלמנען איז פריקרע פאַר זיין מעמד. אים דריקט אַזש אין דער קעל, ווען ר׳דערמאָנט זיך אַז ער איז דערצו נאָך אין דער פרעמד, און אַזוי וויית! אויב עמעץ זאָל אים אָקערשט פאַרטשעפּען, וואָלט ער באַלד אַרויס־געפּלאַצט מיט אַ געוויין. ווייל קיינעם, פילט ער, איז נישט אַזוי שלעכט ווי אים. און אַזאַ וואָלגערן זיך איינער אַליין איז ביטער. און מאָדנע — די צוגעלאָזנקייט פון די מענטשן, שלאָגט אים נאָך מער. ס׳איז ווי פון רחמנות וואָס מע שפּירט צו אַ פאַרלאָזענעם הונט. וויסט איז אים זיין ז י י ן!

סע גייען די וואָכן און די חדשים, אָבער דער ווינטער שטייט, ער בעלמעט זיך ווי אַ פאַרעקשנט פערד, נישט זיך אַ ריר צו טאָן, אַפילו זאָלסט אים שמיצן מיט דער בייטש, שטויסן מיט אַ דובינע. ווען נישט די זאַווייעס, די הויך אָנגעשאָטענע שנייען וואָס האָבן דעם גאַנצן קאַנט פאַרוואָנדלט אין אַן אָנסופיקן פראַסטיקן מידבר וואָס גרוילט אַן דעם בליק, וואָלט ער זיך אויפגעהויבן שוין אַצינד און געלאָפן פון דאַנעט! קיין מאָל האָט ער אַזוי נישט אָפּגעשפּירט דעם וויסטן טעם פון אומהיימישן ברויט. נאָך מער דריקט אים דער ביסן היינט. טאַקע היינט, ווען ער איז אַריין אין דער דאָזיקער שטוב, האָט ער עס באַלד דערפילט אין זיין גאַנצן געביין. מחמת אויסטערליש גיט דאָס מיידל מיט איר בליק איטלעך מאָל אים אַ ריס אין דער נשמה; עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט שטום געוויזן איר האַרץ דאָס געשפּאָלטענע, צוליב איר יתומהשאַפט נאָכן פאָטער וואָס פאַר־לוירן אין די אומבאַוווסטע ערגעצן. ניין, נישט אירס אַ האַרב וואָרט גיט אים אַ צופּ, נאָר איר קוקן אויף אים מיט גוטסקייט. ער שפּירט עס אַזוי ווי זי וואָלט אים מיט די אויגן געזאָגט אַז זי איז גרייט אָט אַ אַוועקצוגעבן

*) נאָר אָפּצוגעבן דעם טייוול.

אַ שטיק לעבן, אַבי אים זאָל זיין בעסער. אַ מאָל רוקט זי זיך צו אומדרייסט און פרעגט שטיל מיט אַ ציטערניש אַז אירע רייד זאָלן אים חלילה נישט ווי טאָן:

— קלמן, מיר זענען דאָך פריינד, זאָגט, האָט איר כאַטש נישט קיין עוולה ביים אַנדער? כ׳מיין, אַ בעל־הבית איז געוויינטלעך נישט איבעריק גוט צו אַ לערניונג. נאָך ערגער איז דאָס מזל פון אַזוינעם וואָס איז נישט פון דער זעלבער פּאַראַדע*); איינעם פון דער פרעמד איז אַוודאי נישט מקנא צו זיין, — גיט זי אַ זאָג, אָבער ווערט באַלד אַנטשוויגן, קוקט אַוועק אַן אַ זייט, גלייך זי וואָלט אויסבאַהאַלטן דעם אָנשטראָם פון אַ פּלוצלינגן געטרער. די מיטאַמאַליקע שטילקייט צווישן זיי האָט זיך פאַר קלמנען געשטעלט ווי אַן אומגעריכטע אַנטונקעלונג. אַ רגע שפּעטער איז אָבער העלער געוואָרן, וואָרן זי האָט ווידער זיך אָנגערופן ווי אין נאָכטראַכטן:
— קלמן, אפשר דאָך עפּעס דערלאַנגען — אַ גלאָז טיי, הייסן טיי מיט אַ צוביס? ס׳אַ קעלט אין דרויסן, ווילט זיך אַיעדן דערוואַרעמען די נשמה, נישט אמת?

— אַ דאַנק. ס׳גלוסט זיך מיר נישט טרינקען, — זאָגט ער מיט אַ געזונקען קול און קלערט, אַז ס׳וואָלט גלייכער געווען אַהער נישט אַריינגיין, וואָרן צו וואָס וואַרפן זיך לייטן אין פּנים אַריין מיט אַ בידנעם אויסזען? דערפאַר דאָס פרעגעניש אירס! כ׳בין טאַקע נישט אין דער היים, אָבער כ׳אַרבעט און האָב אַן אייגן ווינקעלע. עסן? יעוודאָקיאַ איז אַ שטאַרק פאַרנומענע, אָבער מאַלצייטן גיט זי זעטיקע. און זי איז ליבלעך צו אים. טאָ צו וואָס דער רחמנות־בליק פאַר אים? אַזאַ נאַגנדיקע מאַטערניש יאָגט אַן אויף אים דאָס שטיבל, ס׳האָט אָבער אויך עפּעס אַזוינס וואָס גלעט די נשמה, ווי עס וואָלט וועלן אים צוטוליען צו זיך. ביי דעם מאָדנע פאַרלוירענעם בחור טרעפן צו מאָל אַזעלכע מינוטן ווען ר׳שפּירט זיך אין דאָבעס שטוב אַזוי אַקוראַט ער וואָלט ווידער געווען אין דער לייבלעכער היים; נו, ר׳פילט די אייגענע היים אויך אין דער נעפּלדיק פאַרטרונקענער ווייט, זי נייגט זיך צו אים צערטלעך מיטן פּנים פון דער מאַמעס פייכט־פאַרבענקטן בליק.

...ער געדענקט שוין נישט גענוי, ווען מ׳האָט אים אַריינגעפירט אין דער אַ כאַטע; אים ווייזט אויס אַז ס׳איז שוין גאָר, גאָר לאַנג. זינט יענעם מאָל האָט עס געגומען אים ציען אַהער צו. ר׳גייט שוין ווי נאָך אַ ליבן

---

*) אַפּשטאַם, ראַסע.

רוף: „קום, קום, ליבינקער! ביסט אַן אָנגעלייגטער גאַסט ביי אונדז"!

פאַרטיק געוואָרן מיטן טועכץ אַרום אָנופּריס מלאכה, אָפּגעטון אויך ס'בייטיקסטע פאַר יעוודאָקיִאַן (ס'קינד איז שוין געשלאָפן אין דער הענגל־וויג, אָנופּרין האָט געכאַפּט אַ דרימל פון מידער זאַטקייט נאָך דער ווע־טשערע) האָט עס קלמנען אַרויסגעלאָקט אין דרויסן: „גולם, וואָס ווערסטו זיך דאָ פּלאָנטערן מיט די שאָטענעס? זיי ווילט זיך דאָך אויך שוין שלאָפן, אָבער דו...? זיי, האָט ער געמיינט דעם באַנדער מיטן ווייב. אָפּגעהאָרעוועטע, אָנגעגעסענע, די שיין פון לאָמפּ מרוזשעט מיט אַראָפּ־געלאָזענע וויִעס און דער טויבער אַרום איז פינצטער די אויגן זיך אויס־צושטעכן, איז דאַוואַי ספּאַט, מאַטולאָ*). אַזוי האָט ער געטראַכט, קלמן־קאַליאַ, פון זיינע גינציקע בעלי־בתים; זיי באַגערן שוין אַצינד ס'געלעגער, אָלאָ איך? איכ'ל זיך אַוועקהרגענען אויב זיך שוין וואַרפן אויפן שטרויזאַק און די נאַכט וועט זיין אַזאַ לאַנגע! אָבער תיכף האָט אַן אַנדער געדאַנק אים מוסרדיק אַ טאַרע געטאָן: קלמן מלכה־צייטלס, איז עס רעכט אַזוי? ס'פּאַסט דען לאָזן זיי איינע־אַליין אין אַזאַ פריקרען אויפדערנאַכט, ווען סע גלוסט זיך נאָך נישט קריכן אויפן געלעגער? מענטשן האָבן זיך איבער דיר דערבאַרעמט ווען דו ביסט געווען אויף געהאַקטע צרות! זיי גופא זענען אויך געגנוג עלנט אין דאָזיקן אַרום, דערפאַר — — איז אויב זיי וועלן זיך נישט אַריינטוליִען באַלד אין בעטגעוואַנט, אַז אָנופּרי וועט זיך איבערוועקן פונעם כאַפּעדיקן דרימל — וואָס וועט ער טענהן אַז איכ'ל נישט זיין אין שטוב? דאָס געוויסן האָט קלמנען מיט אַ מאָל ווי אָפּגעבריט. אָלאָ אויך אַ חרטה אויף זיין „נאַרישן קלערן־איבערטראַכטן" האָט גענומען פון אים אַרויסשטעקן דעם קאָפּ מיט אַ לאָמיך געמאַך: ער טוט טאַקע שלעכט וואָס ר'גייט אַוועק בגנבה צו דאַבען אין כאַטע; ר'דאַרף אָפּן זאָגן אַז ר'איז נישט בכוח גאַנצע מעת־לעתן אָפּזיין אויף איין אָרט. ר'מוז זיך אַ ביסל איבערלופטערן, נו, אויך זען אַן אַנדערן מענטש. אָבער נאָכן רעבעלירן קעגן זיך ווי קעגן זיינע בעלי־טובה, האָט אַן אַנדער בחורעץ שוין געריעדט פון אים גאָר קאַפּויערס: גוואַלד, ווי דער אייגענער מוח קאָן פאַרפירן מיט אַזאַ טראַכטן: „נעם און גיי אַוועק און געגוג, כ'בין אויכעט אַ מענטש". אָבער אין רגעס דערנאָך האָט ער ווידער זיך פאַר־קלערט, אָך, ווי ער זינדיקט! אויב נישט זיי, וואָלט ער שוין געהאַט אויסגעצויגן די קאַפּיטעס. סע האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און פון

*) איז לאָמיר גיין שלאָפן, מאַמעלע.

דעם אָקערשט אומבאַהאָלפענעם ייִנגל האָט געגומען אַרויסקריִען גלייך אים אין פּנים אַריין דער מיקלאָמפּערשטער מענטש, זיין מוח האָט שוין געפּלאַמט: „אייגנטלעך איז ס׳גרעסטע פאַרברעכן זיינס וואָס ר׳האָט אין דעם העק זיך אָפּגעשטעלט אויף סטאַלע *). נאָר די גוטסקייט פון די ביידע, פון אַנופרין מיטן ווייב, האָט אויך אַ חלק אין מיין זינד פון בלייבן דאָ שטיקען. הלוואי וואָלטן זיי, אַנופרי מיט יעוודאָקיִאַן, מיך נישט איינגע־האַלטן ווען אין מיר האָט געברענט דער חשק ווידער צו לאָזן זיך אין וועג אַריין! איך וואָלט שוין געווען ווי־ווייט, אפשר טאַקע ד אָ ר ט, וואָהין עס ציט אַלע וואָס יאָוועט זיך אַהער. אָבער יענע קומען באַלד נאָר אויף דערווייל. בלויז ער, דער בלאָנדזשנדיקער אין אומזין, האָט די דערווײַלי־קייט פאַרביטן אויף אַ תמיד וואָס ער וועט בשום אופן נישט קענען אויס־האַלטן. דאָ איז אַ תהום וואָס וועט זיך נאָך מער אַנטפּלעקן. ר׳שפּירט דען נישט ווי ס׳גיט עפּטערס זיך אַ צוואַקל זיין טראָט, וואָרן די פיס קענען זיך נאָך אַלץ נישט האַלטן אויפן אייגענעם כּוח? געווען טאַקע מינוטן אַזעלכע ווען קלמן האָט געטאַמלט זיך אָפּצורעכענען מיטן ייִנגל אין זיך, ממש רייסן שטיקער פון זיך, דעם וואָס טרייבט אויף דעם ניי־געבאַקענעם קאַליאַן, כאָטש די כּוחות טראָגן אים נישט. נאָר אַ טונקעלער שגעון שטויסט אים. אָלאָ שוין צום ווינפלטן מאָל ווערט ער אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן זיין אומ־מאַכטיקייט. און פלעגט ער זיך דערנענטערן צו דאַבעס שטיבל, האָט ער פון ס׳ניי דערזען זיך ווי אין אַ שפּיגל וואָס האָט אים געוואָרנט אַזוי אַ, אויג אויף אויג: „קוק זיך אָן! זע ווי דיין שכל ווערט פאַרבלענדט!" סוף־כּל־סוף מוז ער זיך שטעלן קעגן דער ייִנגלישקייט וואָס וואָרצלט נאָך אין זיין געביין. אָבער ריכטיק, דערווייל טאָר ער פון דאַנען נישט אַנטלויפן. דאָך — ערגעץ טיף אין האַרץ שפּירט ער טליִען אַן אומגערנדיק טראַכטן אַז אין אמתן וואָלט גוט געווען ווען ער זאָל זיך שטאַרקן און בגוואַלד זיך אַרויסרייסן פון דעם מקום; פון אַלע זייטן סווישטשעט אַ פיינלעכער עלנט אין זיין גאָרן נאַקעט. ער מוז אַנטרינען פון דעם דאָזיקן צרהדיקן מעמד פון אַ קנעכט וואָס איז פאַרשפּאַרט אין אַ פרעמדן לאַנד. ערשט באַנעמט ער עס אַזוי ווייטיקלעך. יאָ, ער זעט זיך דאָ אַן איבעריקער, ער איז אומעטום צו פיל, כאָטש לפנים רעדט מען צו אים ווייכע רייד.

אומגעריכט האָט קלמן דערהערט דאָס העפּטיקע שלאָגן פון אייגענעם בלוט און אין די געהירן האָט עס געהאַמערט: הוק, הוקקק! אָבער אַן קלאָרן

*) באַשטענדיק.

וויסן וואָס ער טוט, האָט עס אים ווידער געטריבן צו דאָבעס שטיבל. ר׳איז געגאַנגען אַהין ווי אַ בלינדער; אַן אינעווייניקדיקער כּוח האָט אים אָפּ־געריסן פון זיין ווינקל ביים באַנדער, צו וועלכן ער איז געווען צוגעבונדן מיט אַלע חושים, נאָר אַהער צו האָט עס אים מטושטשדיק געטריבן. ערשט שפּעטער האָט ער זיך דערפון אָפּגעגעבן אַ חשבון — דאָס האָט רבקהלע, דאָבעס טעכטערל, אים געלאָקט, ליבלעך גערופן צו זיך. בפירוש זי.

קאַפּיטל זעכצן

אין קאַלעמוטנעם ליכט פון שטעטלשן טאָג איז דאָבעס שטיבל גע־שטאַנען ווי אַן אויסגעלאָשענער לאָמטער. אַ פּוסטקע, אַן אַ ניצוץ לעבן. שטיל, שטיל אַרום און די איזבע האָט פון דרויסן זיך אויסגעוויזן גרעסער ווי זי איז געווען אין דער אמתן. דאָס מיידל, איינע אַליין אין דער היים, האָט אַרומגעזשוזשעט אין דער שטוביקער וואַרעמלעכער טריבקייט.

— דו, קלמן?

איר האָט געחידושט למאַי ער וויזט זיך אַריין אין מיטן טאָג, כאָטש זי האָט די שטוינונג נישט אַרויסגעבראַכט. זי איז געווען געוווינט — אויב דער בחור האָט זיך אַ מאָל אַריינגעוויזן, איז עס געווען נאָר אין אָוונט; דעמאָלט איז אין הויז היימלעכער, ס׳קומען לייט, מ׳רעדט, מ׳שמועסט, וואָרן איטלעכער האָט אַלע מאָל עפּעס צו דערציילן, נאָכצופּרעגן אויף עמעצן.

זעלטן עמעצער איז ביי טאָג אַריינגעגאַנגען צו דאָבען. רבקהלע האָט דערפאַר זיך פאַרלוירן, ווען זי האָט דערזען קלמנען. די מאַמע, — האָט זי פּלאַחר־יד אַ מורמל געטאָן — איז אַוועק אין טאַרטאַק. דער וואַלד־מעסטער גאָלדפאַרב פאַרט קיין באַראַנאָוויטש, וויל זי מיט אים עפּעס באַ־פעלן צו דער מומען. ווייסט נישט? בעטן אַ טובה פון עמעצן מוז מע זיך אומיסטן מטריח־זיין.

דערנאָך, קלמן איז שוין געשטאַנען הארט נעבן איר, האָט דאָס מיידל געפונען אין זיך מער דרייסטקייט, כאָטש זי׳ט זיך געפילט אומבאַקוועם פון זיין אָקערשטיקן אַריינקומען. זי האָט מיט אַ מאָל געגומען רעדן פון דעם ברודערל, גלייך זי וואָלט באַגערט אין קלמנען צו האָבן אַן אָנשפּאַר

פּאַר איר טראַכטן וועגן גאַוורושן, וועלכער פּעלט איר יאַקאַש אין דער אַ רגע:

— גאַוורוש, זעסטו, איז אויכעט נישט אין שטוב. ר׳קאָן נישט אײַנ־זיצן אויף אַן אָרט. אַזאַ קעלט אין דרויסן, אָבער ער גייט, פּלאָנטערט זיך יענעם בײַ די פיס ווען לײַט באַדאַרפן עפּעס טון. אַז די שוועסטער קען אים באַדאַרפן — דאָס וויל ער נישט וויסן, דער... סע שמייסט אים אין פּנים אַרײַן דער שניי ווי אַ נאַסע שמאַטע, אָבער ער שלאָנדערט אַרום אין דער שנייקאַשע, דער יונג. אסור, צי אים אַרט וואָס די שטיוול זענען צעלייגט און די פיס קוואַקטשען אין זיי.

קלמן ווייסט שוין: מיט דער שוועסטערקע קען גאַוורוש נישט בלײַבן אויג אויף אויג. רק ער מוז זיך מיט איר רײַצן:

— אַ גאַנצע באַרישניע קלערסטו צו זײַן — זאָגט ער — אַזוי פיל! (און ווײַזט איר „אַ פײַג״ פון אַ פויסט מיט אַ צונויפגעקוועטשטן גראָבן פינגער זײַנעם) נישט בײַ מיר. איך בין אַ מאַנצביל, איך בין פריִער צום טיש. אַ פײַג מיט עסיק; מיר ׳עט די מאַמע פריִער קויפן אַ שיינעם גאַרניטער מיט קאַמאַשן. און איכ׳ל פאַרדינען געלט. אָבער דו? אַזוי פיל! — ווײַזט ער איר ווידער דעם אײַנגעקלעמטן רויטן גראָבן פינגער ווי אַן אַרויסגעשטעקטן שפּיץ פון צונג. זעלדע איז אַן אמתדיקע באַרישניע. זי האָט אַ נײַ, שיין קאַפּטל, גייט אויף הויכע קנאַפּל. זעלדע טוט אין זייער פאַבריקע. זי פאַרט קיין ניעסוויזש, און דו? פו־פו־וווּ!

דאָס ייִנגל טראָגט אויפן קאָפּ אַ סטויג וואָל. דינע, ווײַכע הערעלעך ווי אַ פאַנצער שטויב באַדעקט אויך זײַן אייבערשטע ליפּ און די פיס אין די צעפּאַרענע שטיוול קוויטשן ווי הונגעריקע גאַנערס מיט אויסגעדאַרטע העלדזער. גאַוורוש קנעט בלאָטע אין די שטיוול מיט זײַן אומאויפהעריקן גיין אַהער און אַהין איבער לודוויקאָווע. אין זײַן מטושטשן מוח נעסטיקט אַן אומרו וואָס טרײַבט אים. אומעטום ווו ס׳פאַראַן אַ טיר, שטעלט ער אַרײַן דעם קאָפּ, דער אומגעבעטענער:

— דאָברי דיען, פּאַנסטווו!

— דיען דאָברי, גאַוורוש. ווי גייען דײַנע געשעפטן?

— גו־ווווט, די געשעפטן, — ענטפערט ער און זײַנע אייגעלעך מרוזשען.

...רבקהלע שפּירט זיך ווידער אומבאַקוועם דערפון וואָס אַ פרעמדער איז ערשט בײַ זיי אין שטוב, ווו סע בלאָזט אַזוי שטאַרק די וואָכעדיקייט, און דווקא אַצינד באַדאַרף מען שמועסן, פרעגן, עפּעס דערציילן דעם גאַסט.

אָבער זי האָט גראָד דעם באַגער ליבערשט צו טאָן אַלץ וואָס די מאַמע האָט איר פאַרגעבן פאַרן אַוועקגיין. דערפאַר גיט זי סתם אַ זאָג:

— די מאַמע ׳עט אַוודאי גיך קומען. זי איז נישט ווייט אַוועק. און באַלד דערויף:

— איר׳ט נישט געזען גאַוורושן אין דרויסן? כ׳באַדאַרף אים גאָר נייטיק.

פלוצלינג איז ס׳מיידל זיך מיישב און נעמט אירצן דעם יונגן־מאַן, כאָטש שוין אַ שטיקל צייט ווי זיי דוצן זיך, רבקהלע מיט קלמנען.

געכאַפּט זיך אויף דעם האָט קלמן זיך דעררייטלט: „ס׳טייטש, ס׳פּאַסט איר שוין נישט, רבקהלען, צו חברן זיך מיט קלמנען, מיט קלמן קאַבריץ! עפּעס מיט אַ מאָל? „געקלערט דערפון און האָט נישט געענטפערט אויף איר פרעגן. אֶלאָ זי האָט נישט אויפגעהערט טראַכטן פונעם ברודערל, דעם ווילדן אַרומלויף, ווי זי האָט אַ מאָל אים שוין אַנגערופן ווען זיך באַקלאָגט פאַר דער מוטער בכן זי קאָן פון אים נישט האָבן די מינדסטע הילף. אַלץ פאַלט איר אין קאָפּ אַריין. די שטוב וועט זי דערשטיקן. ווי גאַוורוש וועט אויך זי נעמען גיין איבער די שכנישע כאַלופּעס — האָט רבקהלע שיִער זיך צעכליפּעט דעמאָלט.

— אַזאַ בחור, — גיט זי שוין אַ זיפץ, אַבי נישט צו דאַרפן מער שווייגן. לאַנג האָט זיך געשלעפּט דאָס שווערע שוויגעניש צווישן א י ר און א י ם, מחמת אַ משא איז די צונג געוואָרן ביי קלמנען און אינע־ווייניק אין אים — האָט ער געשפּירט — יוירט, דער בוזעם בלאָזט זיך פון אַן אומקלאָרן פאַרלאַנג דאָך עפּעס צו זאָגן, אַראָפּצורעדן זיך פון האַרץ וואָס צעפּויקט זיך שוין אין אים מיט תּרעומות.

— נישט קיין אומגליק, — רייסט זיך דורך זיין קול פון פאַרדרענגטן האַלדז — ער ׳עט קומען. ער האָט טאַקע געמיינט „דעם יונג" גאַוורושן, וואָס שלעפּט זיך אַרום אַן אַ צו וואָס אין דעם פּאַסקודנעם דרויסן.

אַרויסגעכאַפּט זיך פון אים דאָס וואָרט און אין חלל איז געבליבן הענגען דאָס דריקעניש פון אומגעוואָלטן שווייגן, וואָס האָטביידן געדרינזשעט אין די אויערן, ס׳האָט ממש געשריגן דאָס שווייגן און זייערע בליקן האָבן זיך עפּעס געשטרויכלט, ווייל זיך געשעמט צו קוקן אויף איינאַנדער.

— אוי, כ׳על דאָך מוזן אַ לויף טאָן, — האָט רבקהלע שוין אַ רעד געטאָן צו זיך מיט אַ מין פּאַראיבל, מחמת זי׳ט נישט געקענט פון זינען אַרויסלאָזן „דעם אַרומלויף". — ר׳האָט נישט קיין זיצפלייש, דער יונג! משמעות, די רייד האָבן זיך פון איר אַרויסגעריסן נישט ווילנדיק און איר

קול אָנגעזויערט אינעם עכאָ וואָס האָט אָנגעשלאָגן אויך אין אירע שלייפן די שוין אָנגעשטרענגטע:

— אַזאַ יונג דאָס איז! דאָס טוט גאַרנישט און מ׳קאָן פון אים נישט האָבן דעם מינדסטן האַנטלאַנג. כ׳על אים שוין צושטעלן אַ בענקעלע פאַר דער מאַמען, — און זי האָט ווידער אָנגעהאָנגען דעם בליק אין קלמנען. אָפּגעאָטעמט אַ ווײַלע און זי׳ט זיך שוין געגרייט אָפּנים אַרויסצוגיין אַ קוק טאָן: „אפשר קומט ער דאָך שוין?״ אָבער זי גייט נישט, נאָר ווענדט זיך צום גאַסט מיט אַן אויפגעצוווּנגענער, מידער ליבלעכקייט:

— איר וועט נישט זײַן ברוגז? איכ׳ל זיך באַלד צוריקקערן. אַנטשול־דיקט! און זי נעמט באַלד פון אַ ווינקל דאָס אַקסלברעט, גיט אַ טרייסל מיט זײַנע לאַנגע אײַזערנע האָקנס און בייגט זיך אַראָפּ צו די בלעכענע עמערס כדי — ווייזט אויס — צו גיין ברענגען וואַסער. דער יונגער־מאַן וואָס זעט עס צו, גיט זי אַ שפּאַר אַוועק פון דער טיר וואָס איז פייכטלעך אָנגעשוויצט און גאָר ע ר קלייבט זיך גיין צום ברונעם אָנטראָגן וואַסער פאַר דער אַ שטוב. ער רעדט טאָקע נישט דערפון — נאָר לאָזט זיך אַרויס מיט די עמערס, אָבער רבקהלע שטעלט זיך תיכף אויף דער שוועל און רופט אים צוריק אַן אומרויקע:

— גייט נישט, קלמן! איר׳ט שלעפּן וואַסער פאַר אונדז? כ׳זאָל אַזוי לעבן ווי ס׳איז מיר אַ חרפּה! ניין, גייט נישט. ס׳פּאַסט נישט, קלמנקע. איי, צו וואָס אַזוינס, כ׳בעט אײַך? האָט זי נישט אויפגעהערט אים רופן און זיך אויסטענהן מיט זיך אויף אַ קול אין קאַלטן דרויסן.

— באַלד, באַלד, — ענטפערט ער איר פון דער פלייצע אַוועק און דערווייטערט זיך אייליקער מיט די קאַראָמיסלעס. ר׳גייט און די עמערס הילכן אויס זייער הונגעריקע ליידיקייט. קלמנס פּנים, אויך זײַנע אויערן, צינדן זיך בעת־מעשה מיט אַן אינעווייניקדיקן פלאַם; ער גייט און דער געדאַנק באַוועגט מיט אים: „ר׳עט ברענגען וואַסער. אַ שוואַך מיידל וועט ער לאָזן אין פראָסט שווערע עמערס וואַסער אַרויסציִען פונעם ברונעם? און זי קען זיך נאָך אויסגליטשן, חלילה פאַלן...״

אָבער רבקהלע קען זיך דאָס נישט שענקען: „איך שעם זיך! אַ יונגער־מאַן, אַ גאַסט, זאָל טאָן פאַר מיינעטוועגן?!״ און הערט נישט אויף אים רופן, כאָטש קלמנען איז שוין נישט געווען צו זען. ער איז געגאַנגען און באַלד געבראַכט צוויי גרויסע פולע עמערס וואַסער.

— צו וואָס, קלמנקע, האָט איר דאָס געטאָן? מיר איז אַ שאַנד — טענהט דאָס מיידל און זי קאָן נישט קוקן אין זײַן זייט: — ר׳קומט צו

גאַסט, וועט ער מיך באַדינען? איך שווער אייך, קלמנקע: — איך באַגראָב זיך פאַר בושה.

— געזען אַ דראַמע? — שטאַמלט ער. אַ בושה גאָר! ס׳שפּילט אַ ראָלע אַקעגנצוקומען מיט אַזאַ קלייניקייט? ס׳נאַר אַן עמערל וואַסער. איינס־צוויי דויערט דאָס. צו וואָס ס׳געדעכץ אַז סע לוינט נישט פאַרלירן אַ וואָרט וועגן אַזוינס. געגאַנגען און שוין זיך צוריקגעקערט.

— ער וועט זיך אויסריכטן דערפאַר, דער יונג! — קען זי נישט פועלן ביי זיך צו פאַרשווייגן אַזאַ צעלאָזנקייט פון גאַוורושן. — זאָל נאָר די מאַמע קומען. כ׳על אים אונטערשטעלן ס׳ריכטיקע בענקעלע.

אינעם מיידל ברענט דער כּעס אויפן ברודער, הלמאַי ער פאַרשעמט זי אין מענטשנס אויגן: קומט אַ מענטש צו אַ באַרישניע, מוז ער ברענגען וואַסער פאַר דער שטוב. און איר פאַרדריסט ערשט מערער אויף דער זעלדע, פאַר וואָס ער, דער יונג, שטעכט איר תּמיד אויס די אויגן מיט יענער. ער איז דען קלוג, דער מאַמעס זון? זעלדע האָט טאַקע שענערע זאַכן אָנצוטון; צו יענער אין שטוב אַריין קומען אָבער נישט קיין „מענטשן פון דער וועלט“ און נאָך אַזעלכע אינטערעסנע ווי די וואָס גייען צו זיי. און זעלדע ווייסט דען מער ווי צו סנאָווען זיך ביי איר טאַטן אין פאַבריקע? נאָר אָפּצונאַרן אַלעמען ווייסט זי, זלמנס טאָכטער!

זלמן באַביטש האָט אַ פאַבריקל פון קאַלטע זיסע געטראַנקען, רויטע, געלע און גרינע וואַסערן, צוגעפּראַוועטע מיט שמעקעוודיקע פּראַשקעס, וואַסערן מיט גאַז־בלעזלעך. די וואַסערן פירט זלמן פונאַנדער איבער די טאַרטאַקן, איבער די קראָמען פון די נאָענטע שטעטלעך און שלאָגט אַרויס דעם גילדן חיונה. אַ בראַקער וואָלט אַזאַ פאַרשוין נישט געגומען אין וואָלד אַריין, אַ זעגמיל וואָלט אַפילו זיך נישט אומגעקוקט אויף אַזוינעם. אייזערנע יונגען, פּויערים האַמאַנעס מיט שטאָלענע מוסקלען באַדאַרף מען צו אַזאַ טועכץ און נישט אַן אויסגעקוועטשט מענטשל ווי ס׳איז דער קוואַסניק.

פאַר לודוויקאָווע איז דער קוואַסניק אַן אויסטערליש געשעעניש פון די נייע צייטן וואָס זיך געשטעלט אין די דאָזיקע טויבע קאַנטן.

... דעמאָלט, נאָכן ווייבס יעלה, האָט דער מענטש זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ הינערפּלעט, פאַרשווונדן קיין קלעצק צו אַ קרוב און דאָרט זיך אויסגעלערנט מאַכן זיסן קוואַס און טרייבן סאָדעוואַסער. פאַר דעם ייִד איז געווען אַ גדולה צו דערגיין דעם סוד פון מאַכן קוואַס און זיסע וואַסערלעך צו טרינקען. אין די וואָכן פון זומער, ווען ס׳שטייען די פאַרגע היצן, שוויצט מען ביי באַביטשן אין פאַבריקע און אין דער היים. נישטאָ דעמאָלט קיין

ציט צו כאַפּן דעם דעך. די מאַלצייטן כאַפּט מען אַריין אין געאייל. נישטאָ ווען זיך צו זעצן צום טיש. דאָס גאַנצע געזינדל איז אַריינגעטון אינעם געפּאַרבטן וואַסער וואָס האָט דערצו נאָך אַ שמעקעדיק זיסל צום טעם: געל, פאַר אַן אַנצוהערעניש אַז ס׳איז כולה לימענע, אֶלא דאָך ווייל פאַרן גומען מחמת ס׳איז זיס־זויערלעך; ווידער רויט איז אַ סימן אַז אין וואַסערל איז אַריינגעטון אמתדיקער סאָק פון ווייִנשל און גרין איז כלומרשט אַן עדות פון מיאַטע, אָבער דאָך זיס, געשמאַק און סע קילט ליבלעך די אינ־געווייִדן בעת דער דרויסן איז אַ חמימהדיקער. און די אַלע טעמים זענען פאַרן קוואַסניק אַ סגולה אין די הייסע וואָכן פון זומערלעבן. סע רעשט און זידט אַרום אים און דער רירעוודיקער פּדיון מאַכט פריילעך אויפן האַרץ. זלמן באַביטש קריגט אַזש מורא פאַר אַ בייז אויג, ווייל מענטשן זעען ביי אים באַשיימפּערלעך דאָס פאַרעניש און ס׳געאייל. פאַר די אייגענע האָט ער זיך טאַקע אַרויסגעכאַפּט: „ס׳אַ ברכה קיינעהאָרע, אויב אַלע האָבן אין זינען וואָס מ׳באַדאַרף טון ווי ס׳קער צו זיין, און אַוודאי מאַכט עס גוט, ווען מ׳האָט דעם ברונעם פאַר אַ שותּף — אַ פולער געזונט פאַר ר׳ ברונעם זאָל־לעבן! ס׳איז דאַכט מיר, דער אָרנטלעכסטער שותּף אין דער וועלט, דער ברונעם.״ ס׳איז אַ חכמען זיך באַביטשעס, אָבער ער פאַרגעסט נישט קיינעם פון די בני־בית צו וועקן, מאַנען:

— וועסט נאָך האָבן צייט צו שלאָפן, צעליאַרעמט ער זיך פּלוצלינג אויפן ווייב און ר׳יאָגט אונטער זיינע ביידע ייִנגלעך, וואָס פאַרן אַרום מיט האַנט־וועגעלעך אויף איילקע רעדער איבער די אַרומיקע יִשובים. אשר־איצל, דערבאַרעם זיך, נישטאָ ערשט קיין צייט צו נאַרעצן; דאָרט קוקט מען אַרויס אויף דיר און דו טראַכסט ווו דער הונט האָט דעם פּופּיק. וועלוול, ביסט דאָך אַ גוט קינד, פאַרשטייסט אַליין אַז מ׳טאָר נישט פאַרשפּעטיקן. אויב נישט הייִנט ברענגען אַ קאַלטס און געשמאַקס צו די דאָרשטיקע און נאַשעדיקע, איז ווען — ווען ס׳וועט שנייען? קינדער, — צעטומלט ער זיך ביי נייס — איר ווילט דווקא ס׳זאָל ברענען! דעמאָלט וועט איר שוין נעמען דאָס פּעקל און לויפן גיך, האַ? — —

דעם קוואַסניקס גאַנצע געזינדל מוז אין די אַ וואָכנעס זיין דערעיקרשט אין פאַבריקע. ווייל אַז „דער אויוון איז הייס, באַדאַרף מען אַריינרוקן ס׳געבעקס״, טענהט באַביטש, אַנישט איז ביטער אין געמיינעם, וואָרן שפּעטער האָסטו נישט צו רעדן צו קיינעם. דער דאָזיקער תּכליתדיקער זאָג קער זיך אָן מיט באַביטשעס איילעניש אין די חמימהדיקע טעג. אין דער סאַמע גראַטשקע קען ער זיך אַפילו דערלויבן אויף אַ חכמהדיקן

גראַם. אָבער אַז עמעץ שטרויכלט זיך חס־וחלילה אין געטועכץ וואָס מ׳באַדאַרף טאָן, איז הימל עפן זיך. דער מענטש צערייסט זיך פון עגמת־נפש.

הייבן נאָר אָן בלאָזן די ערשטע קילע ווינטלעך, ווערט קיל אויך אין באַביטשעס קאָפּ. ווינטערצייט טאַפּט אויס דער קוואַסניק צו גלייך מיט אַנדערע בידנע פּרנסה־מאַכערס, אַ וואָלוועלע פּעל ביי אַ פּויער, זוכט אָפּ אַ סוחר וואָס פאַרבלאָנדזשעט אַהער נאָך אַ ראַמש געהילץ. ביי אַזעלכן וויל ער פאַרדינען מעקלגעלט. באַשערט נישט גאָט אַזוינס, איז רעכט ער זאָל זיך באַגנוגענען מיט פאַרדינגען ביי זיך אַ נאַכטלעגער פאַר אַ צור־געפאָרענעם. אַזוינער באַדאַרף, פאַרשטייט זיך, אויך אָפּעסן וואַרעמעס, איז באַביטש דעסגלייכן מוכן ומזומן פאַר אַזאַ פאַרדינסטל. מ׳קאָכט סיי ווי, וועט סטייען פון זעלביקן טאָפּ נאָך אַ פּאַרציע. דער קוואַסניק ווייסט וויל די געלוסטן פון מענטשן און ער האָט אַ נאָז פאַר סעזאָנען. ר׳פּאַסט צו זיין חשקות צום דרויסן, זלמן באַביטש, וואָרן ווערליק דעם וועטער, מוז מען גרייטן ס׳אָנטועכץ. פאַרן ווינטער איז דער קאָזשוך אַ רעכטער מלבוש אָבער פאַרן זומער קאָן „מיטן שענסטן כבוד" אָנגיין דער באָרוועס מיטן נאַקעט, אויב דעם בר־נש איז נישט אויפגעלייגט עפּעס בעסערס. אַנדערש איז די וועלט נישט אויסצוקומען. אַזאַ איז טאַקע זלמן קוואַסניקס ביסל פּרנסה. פאַר דער צייט איז אים גראָ געוואָרן דאָס גערלבלעכע בערדל און די פּיס אין די גראָבע שטיוול הייבן זיך שוין פאַוואָליע, אַקוראַט זיי וואָלטן אָט, אָט זיך געריכט אויף אַ גרוב וואָס לויערט ערגעץ אין פאַרהוילנקייט פאַרן אויג. שווער! די איינציקע מערכה וואָס שפּילט אים צו, איז נאָר דער ליבער זומער. לייט האָרעווען אין וואַלד, עסן געזאַלצנס, שוויצן אַ סך, ווילט זיך עפּטערס אָפּפרישן מיט עפּעס קילס, באַטעמטס. טראָגט מען זיי אונטער אַ פלעשל לימאָניאַד, פאַלט אַראָפּ דערפון אַ גראָשן ריווח און אַ גראָשן מיט אַ גראָשן באַטייט שוין אַן אָנהייב פאַר פּרנסה אויף וואָס עס האַלט זיך די זינדיקע וועלט.

ס׳אַ נס אים געשען מיט אַ דער פּרנסה, זלמן באַביטשן. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס מיט עטלעכע יאָר צוריק. ס׳איז געוועזן נאָך דעם ווי דאָס ווייב, די איינגעשרומפּענע חייקע, האָט אויפגעהויבן אַ גוואַלד וואָס האָט שיער נישט געשפּאָלטן דעם פּולאָפּ: — מערדער וואָס דו ביסט, גזלן!! דו וועסט שטאַרבן און דאָס גאַנצע הויז וועט פאַלן נעבן דיר... ווו איז דיין שכל אַז דו קענסט אַזוי לאַנג לאָזן שרימפּן די קישקעס פון די קינדער!? איך קען דאָס שוין נישט צוקוקן. האָסט אויגן, האָסט אַ קאָפּ, טאַטער?! אויך זיך אַליין ברענגסטו אום. ביי לייטן טוט זיך עפּעס, מ׳טוט

ביי אַ מלאכה, מ׳טוט ביי מיסחר און מ׳לעבט יאַקאַש, ווען אַפילו נישט אין רחבה. ס׳שטיקל ברויט פעלט נישט, קינדער דאַרן נישט און קוואַרן נישט — —

אַ דערשלאָגענער, אַן אָפּגעלאָזענע ברואה, פלעגט זלמן באַביטש זיך אַרומשלעפּן צווישן מענטשן, זיך באַנוגנט מיט וואָס־עס־איז, אַבי ר׳האָט געקענט פון ערגעץ אַרויסקריגן אַ זלאָטי, אָבער קיין באַשטענדיקע פּרנסה נישט געקענט דערגרייכן. אַזוי אַרום אַליין זיך אָפּגענאַרט און נישט גע־טראַכט וועגן תּכלית. דערווייל האָט דער הונגער זיך אַריינגעקראָגן אין שטוב, העזהדיק געפייפט פון אַלע ווינקלען. נישט געווען מיט וואָס אַ טאָג דורכצושטופּן. אַרבעטן ווי אַ פּאָלישוק אין וואַלד צי אין אַ טאַרטאַק, שלעפּן קלעצער, איז נישט געווען פאַר זלמנס כּוחות און דאָס שטיקל מיסחר פון פאַרן קיין לוצק, קיין ראָוונע נאָך ביינוול־פאָדעם, קאַליריקע טאַשמעס, קעסטעלעך שמעקזייף פאַר באַרישניעס, אויך האַרנאָדלען, שפּיגעלעך וכדומה לאָבזעס — דעם האַנדל האָט ער אויכעט אָפּגעלאָזן. ס׳איז געווען אַן אומ־זיסטיק אויסדרייען זיך די פּיס. איידער ר׳האָט באַוויזן צו פאַרקויפן די סחורה, האָט מען שוין געהאַט אויפגעגעסן סיי דעם קרן סיי דעם ריווח. די חלה איז אַריין אין דער מוציא. ס׳איז נעבעך נישט געגאַנגען. דער טאָג וואָס שטעלט זיך פאַר דער טיר, האָט זיך נישט געלאָזט אָפּנאַרן: מ׳מוז אים קאָרמענען, אָנפּויען, אויך אָנטון אַ קאַפּטן און באַשיכן, איז פון וואַנען נעמען אַלץ, אויב מ׳קאָן נישט רירן מיטן דוימען־פינגער? גיין אין קלייט אַריין צי אין מאַרק מוז מען האָבן אויך זלאָטיס אַחוץ אַ קיישל אַריינצולייגן דאָס און יענצס. בלויז פאַר די שיינע אויגן גיט מען גאָרנישט, נישט דער געוועלבניק און נישט דער גוי וואָס קומט פון דאָרף. און ס׳זענען שוין נישט געווען די יאָרן מ׳זאָל זיך קענען נעמען פאַר עפּעס פון וועגן דעם ביסל פּאַפּע *), וואָס מ׳מוז האָבן יעדן טאָג ווי לאַנג די אויגן זענען אָפן. איז געשען אַ נס דאָס דערמאָנען זיך אָנעם קרוב פון קלעצק, ווו זלמן פונעם שבט די באַביטשעס, האָט זיך אויסגע־לערנט די חכמה פון מאַכן קאַליריקע וואַסערלעך און קוואַסן מיט אַ זיסל וואָס נעמען אויס ביי לייטן, וועלכע זענען תּמיד להוט אַ נייס וואָס איז למראית עין אויך געשמאַק פאַרן גומען.

אַוודאי קאָן לודוויקאָווע זיך באַגיין אָן באַביטשעס לימאָניאַדן. לייט קוויקן זיך מקדמונים מיט אַ פרישן טרונק נאָר וואָס פון ברונעם אַרויס.

---

*) עסן (אויף קינדעריש לשון).

אין בעל־הבתישע היימען איז מע נישט זשעדנע אויף נייעסן וואָס שמעקן מיט פּזרנות. ס׳אַ הולטאַיסטווע וואָס קען דערבערענגען צו בעיטלברויט, מ׳זאָל באַהיט ווערן — האָבן מאַמעס געוואָרנט זייערע קינדער וואָס האָבן געטאַמלט נאָך אַ טרונק פון זלמן קוואַסניקס קאַליריקער פאַבריקאַציע — הייבטס נישט אָן מיט די געפּאַרבטע וואַסערלעך. זיי זענען כולו סם! זאָל דער קוואַסניק ערגעץ ווייטער זוכן בעלנים פאַר זיינע פלעשלעך, וועלכע זענען דורכויס כימיקאַלנע מישעכצער פון צעמאַלענע שטיינדלעך און זאַמדן. אין שטאָט האָט באַביטש טאַקע קנאַפּ געלייזט פאַר זיין סחורה. „ס׳איז אַ סכּנה אין דער לאַקריצדיקער זיסקייט! — האָט עולם מתחילת זיך אָפּגעטרייסלט פון זלמנס געטראַנקען. ס׳איז פאַר נאַשערס גרינגע קעפּ, וואָס טראַכטן נישט דערפון אַז ס׳קען חלילה אַרויסקומען עפּעס לא־עלינודיקס״.

סכּנות דאַרשטיק און נאַשעדיק־נייגיריק צו אַל דאָס נייע זענען נאָר די לייט וואָס האָבן זומערצייט אין וואַלד פון די ביימער געשיילט קאָרע, געסאָפּעט אַרום די אומדערמידלעך לויפנדיקע גאַטערס וואָס הודזשען פון באַגינען ביז דער זינקענדיקער נאַכט. דערפאַר האָט זלמן אין אָנהייב אַליין אויסגעריכט פאַר זיך אַ האַנטוועגעלע מיט אַ דישעל און פאַוואָליע עס געשטופּט פאַרויס. אין וועגעלע אַריינגעשטעלט קעסטלעך מיט פלאַשן זיסע און זיס־זויערלעכע געטראַנקען צו דערקוויקן ס׳האַרץ אין די היצן. ר׳האָט זיי געהאַלטן אין אַ געדיכטער אייזקאַשע וואָס געווען אַרומגעשאָטן מיט גראָבן זאַלץ. די פלעשלעך האָבן ביזלעך געדרינזשעט אין וועגעלע, ברוגזלעך האָט איינס דאָס אַנדערע אָפּגעשטויסן פון זיך און דער קוואַסניק האָט געשוויצטביים שטויסן דאָס וועגעלע, כּסדר געווישט דעם שטערן און געסאָפּעט. אין געהיטקייט פאַרן אומאויפהעריקן געשטויס צווישן די פלעשלעך, פלעגט ער זיי אָפּט באַטאַפּן אַקוראַט ר׳וואָלט געוואָלט דערגיין צי די קעפּ טוען זיי נישט וויי. ס׳דאַך גלאָז! — האָט ער זיך אַליין געוואָרנט און איטלעך מאָל אַ קוק געטון צי די פלעשלעך זענען נאָך גאַנץ. געשטויסן דאָס וועגעלע, האָבן די פלאַשן צו גלייך מיט די גרינע, מאַכיקע, זונגעפּלעקטע שטעגן יאַקבי פרייכנדיק אים אָפּטלעך געשפּרונגען אין פּנים אַריין און אויף אַ רגע ווידער זיך אַראָפּגעלאָזן צום דנאָ פון קעסטל כּמו זיך באַרויִקט. דאָס איז געווען אין תּחילת פון באַביטשעס פאַבריקאַציע. אַצינד האָדעוועט ער שוין אַ פערדל צו פונאַנדערפירן די וואַסערלעך וואָס עולם האָט שוין גאָר גערן. צוגעווינט זיך. אָבער עפּטערס זוכט ער אַן אָנטרייבער פאַרן געשפּאַן וואָס שלעפּט שוין אַ גרעסערן וואָגן מיט באַביטשעס קוואַסן און לימאָניאַדעס. אויך זיינע יינגלעך, די אונטער־

געוואַקסענע אשר־איצלעך און וועלוולען, האָט דער טאַטע שוין באַפרייט פון די האַנט־וועגעלעך. דאָס פערד־און־וואָגן מאַכט שוין דורך אַלע יאַזדעס מיט דער סחורה. ערשט שעפּט שוין די שטוב נחת פון דער פאַבריקע, און ס'איז געוואָרן לויז מיטן גילדן. לייט פון לודוויקאָווער געגנט האָבן זיך יאַקאָש שוין אויסגעלערנט צו פּזרן לעבעדיק געלט אויף די זיסע און זיסלעך־זויערע וואַסערלעך. ווידער דעם קוואַסניקס בת־יחידה, וועלכע איז מיט עפּעס־וואָס געראָטן אין דער לאַנגאַניקער אָרעמקייט, ווייזט זיך אַרויס ריר־עוודיקער, קליגער פון טייל גוט־פּאַרזאָרגטע מיידלעך. זעלדע, באַביטשעס טעכטערל, קען זיך שוין אויס אויף די חנדלעך פונעם קאַפּ־ריזנעם מזל און פאַרשטייט ווי אַזוי אַרויסצוהעלפן דעם טאַטן ביים אויסגעפינען אַלע מאָל אַ נייעם שמועלקע אַנצוטרייבן מיט זיין געשפּאַן. „נאַראָנים וואַקסן איבער נאַכט, חזרט זי איבער דעם טאַטנס ווערטל, מ'באַדאַרף זיי נישט זייען". זעלדע איז אַ חנעוודיקע מיט אַ שיין פּנימל און אַ קיילעכיק געמבעלע. אָפט פלעכט זי אירע לאַנגע צעפּ; זי שטייט אין שפּיגל און גיט די צעפּ אַ קונציק־קאָקעטישן וואָרף איבער אירע אַקסלען און טראַכט שיער נישט אויפן קול:

— נישט קאָ' באַטעמט מיידל, האַ? די נכפּה וועלן זיי קריגן, די...

אַ יונגינקע איז זי, זלמן קוואַסניקס מיידל, נאָר ס'קעפּל איז ביי איר שוין אַ ווייבלעכס, אַ הייס, און גיט זי זיך אַ חנדל פאַרן שפּיגל, זעט זי באַלד די מאַנצבילן, די יינגלעך ווי די חתונה־געהאַטע וואָס פאַלן פאַר איר אויף די קני. אַלע, אַלע — טראַכט זי און זיך אין אַ קיצלדיקן תענוג פון זיך גופא — זענען זיי גרייט צו קושן דעם ווייבערישן פאַנטאָפל, כיכעט אַריין אין זיך באַביטשעס טעכטערל. זי ווייסט עס, זי באַדאַרף נישט אויסטראַכטן קיין שלעכטס אויף אַזעלכע; זי האָט עס שוין אַליין דערבליקט ביי די מאַנסלייט. אוי, ווי זיי קוקן אויף אַ פרויענצימער! אַפילו מיט אַזאַ וואָס איז אַ ביסינקע דערוואַקסן, קרעקן זיי זיך אויכעט נישט. און מ'קען זיך געווענער אַנהערן פון אַזוינס. די מאַמע — אַ ליכטיקן גן־עדן אויף איר! — פלעגט טייל מאָל אַזוי טענהן צום טאַטן, אַפּנים, ער האָט איר געגעבן גערעכט, וואָרן ער'ט געפּאַדעט פאַר איר, געוועזן אַן אָרנטלעכער מאַן. אָבער די מאַמע פלעגט איר אָנווינקען: פאַר די אַ (און אָנגערופן אַוועלכן פון די „פייגל" וואָס האָבן פאַרטומלט ווייבערישע קעפּ) באַדאַרף מע זיך אויסהיטן ווי פאַר פייער. אַ בעל־הבתיש קינד מוז אַוודאי דאָס האָבן אין זינען. נאָר נישט פאַרלירן דעם שכל, ווען אַזעלכער קומט מיט זיסע ריידעלעך. אָלאָ די מאַמינקע האָט נישט אויפגעהערט זיך צו

גרייסן מיט דער טאַכטערקע וועלכע זי'ט באַוויזן שוין אין די שפּעטע יאָרן אויסצוסקראַבען פון איר פאַרקרענקטן לייב. קינד, — ס'איינציקע טראַכטן און קלערן איז צו דערלעבן פרייד פון דיר, — פלעגט זי זיך בענטשן מיט זעלדעטשקען און אָפּט פאַרגיסן פרומע טרערן פון זאָרג, די קוואָסניכע.

אָבער זעלדעס מאַמע האָט ביי איר גאַנצער קלוגשאַפט פון דעסטוועגן נישט געקענט איבערקליגן דעם מלאך המוות. זי איז אומגעריכט אויס־געכאַפּט געוואָרן. אַז זי איז געשטאָרבן איז די יונגינקע זעלדע געוואָרן סיי די מוטער סיי די טאָכטער פון באַביטשעס שטוב. מיט אַ מאָל איז אויף דעם מיידלס קאָפּ געפאַלן די בעל־הבתּישקייט, אויך די קוואָסן, ביי וועלכע דער טאַטע האָט אַרומגעיאַכמערט; אַזוי אַ דער גאַנצער יאָך פאַרן הויז אַז סע זאָל זיך האַלטן ווי פריִער, ווען זי איז נאָך געווען דער מאַמינקעס געקעכלטע טאָכטער; צו מאָל טראָגן דעם עול פון אַ נדן פאַר דער טאָכטערקע, אַז די שעה וועט מערטשעם שלאָגן פאַר דעם, וואָרן אַחוץ פאַרן לחם הקלוקל מוז אויך די נשמה פאַרזאָרגט ווערן, האָט די מאַמע אולעשולעם אַלע מאָל דערמאָנט. און נשמה מיינט פאַר אַ מיידל — אַ לייטישער זיווג. ווען ס'מאַמעלע איז מער נישט געווען, האָט זי, זעלדע, מיט אַ מאָל זיך אָפּגעגעבן חשבון, אַז זי אַליין מוז זיך דערשלאָגן צו אַ תּכלית, אַקוראַט אַזוי ווי די מאַמע פלעגט וועגן דעם אַריינאַקערן אין טאַטן; זלמן האָט עס אויך אַ סך מאָל איבערגעחזרט, אַפילו ווען ער'ט זיך אַנידערגעזעצט אָפּדעכען אויף אַ לידיק קוואָסקעסטל. „האָט'ס אין זינען, קינדער, אַז נישט בלויז פאַר דער אכילה דאַרף מע זאָרגן; מע מוז טון אויך פאַר אַ רעכטן מאָרגן". זעלדען האָבן דעם פאָטערס רייד זיך אַריינגעעקבערט אין מוח און זי האָט פאַר זיי געזוכט אַ ריכטיקן טעם.

— מיט יעדן טאָג וואָס פאַרגייט ווערט דער מענטש נישט יינגער; די הענט און פיס ווערן מיד און דאָס מוז ער געדענקען — האָט ס'מיידל צעקייעט אויף די טענה פון קוואָסניק צו משה־מאירן דעם היי־האָבערניק, וועלכער פלעגט אַריינגיין אין שכנס פאַבריקע אָפּרוען דעם מוח, מחמת דאָס זאָרגן זיך האָט אים אין גאַנצן צעטאָרעט, און נישט קיין חידוש: דער מענטש איז געזעסן ביי זיך אין קראָם לאַנגע שעהען און נישט אַריינגעזען קיין משוגענעם הונט. דערזען דעם היי־האָבערניק, האָט דער קוואָסניק ווי אויפגעלעבט:

— אַזוי פאַרשטיי איך. אַ ייִד זעצט זיך אַוועק אויף גאַנצענע טעג אין קלייט און רירט זיך נישט אַרויס, גלייך די קונים וואָלטן אים אָפּ־

גערי‌סן די פּאָלעס. כ'לעבן, איר'ט גוט געטון וואָס געקומען. ס'ווערט אָנגעזאָלצן אויפן האַרץ אויב מ'זיצט מיט אַן אויסגעבלעקעצטער צונג... איר הערט, שכן, וואָס כ'זאָג אייך: נישט נאָר פאַר די פערדישע קעפּ אייערע קען דערעסן ווערן; אויך פאַר מאַרצעפּאַנעס קען אָנגעמען אַ מיגל, מכּל־שכּן אַז מ'איז פאַרקאָפּעט אין דער פּרנסה, כ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד. דער כּולו חול דערעסט אויך נישט ווינציק, אויב ס'איז נישטאָ קיין שטיקל יומטובדיקייט. דער שׂכל הישר זאָגט בפירוש אַז דער מענטש טאָר נישט מותּר זיין אויף דער זאָרג פאַרן ביסל תּכלית. עולם־הבא, פון וואָס סע רעדן די פרומע לייט, מיינט דען נישט ס'אייגענע, משה־מאיר? האַ, ווער קאָן עס לייקענען?!

— יומטובדיקייט אויפן האַרץ? ווער וועט עס פאַרגינען אַ ייִדן היינ־טיקע צייטן! — האָט משה־מאיר דערווידערט.

און איז זלמן באַביטש געוואָרן אויפגעלייגט און גראָד דערזען זיין טעכטערל, פלעגט ער איר אַ גלעט טאָן איבערן קאָפּ און כּלאחר־יד זיך געכּוחט אויף אַ ווייכער מינע:

— נו, זעלדעלע, ס'דיר אַן עין־הרע שווער צו טראָגן דעם עול פון הויז, ס'וואָר? ביסט נאָך צו שוואַך פאַר אַזעלכעס. נאָר מ'באַדאַרף האָבן בטחון, קינד. דער אייבערשטער וועט העלפן און אַ גוט מזל וועט אויך פאַר דיר אויפשיינען. דיין מאַמע, אַ ליכטיקע בעטערקע זאָל זי זיין, האָט נישט געהאַט קיין צייט דיך מגדל צו זיין, פירן צו דער חופּה, דיר נאָך געלאָזט אַזאַ „פּעקל". אוי, אוי, רבונו של עולם, מעגסט זען די פּיין פון די שוואַכע קינדער דיינע... טרערן האָבן פאַרנעפּלט זיינע טאַטעשע אויגן און זלמן האָט צום ערשטן מאָל זינט זי איז געוואָרן אַ דערוואַקסענע, דעם מיידל אָנגעפּרעסט אַ נאַסן באָרדיקן קוש אין שטערן.

— פאַר וואָס פרעגסטו, טאַטע, צי ס'איז שווער? שווער איז דיר, טאַטע. דו ביסט אויסגעמאַטערט. די מאַמע, אולעשולעם, איז אונדז אַלע צו פרי צוגענומען געוואָרן; דיר נישט ווינציקער, טאַטע, — און זי האָט זיך אַ טוליע געטאָן צו אים.

— אָ, אַך, טאַכטער. מידקייט איז אַ נאַרישקייט. מ'שלאָפט זיך איבער, איז מען ביי נייס פריש און מ'שפּאַנט זיך ווידער איין, אויף דערויף ווערט דאָך דער מענטש געבוירן. טוען, אָרנטלעך פאַרדינען דעם ביסן. „בזיעת אַפּיך, מיטן שווייס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן דיין ברויט, שטייט געשריבן" — און ר'האָט באַגערט זיין קינד שענקען אַ פונק טרייסט, ס'איז אָבער ביי באַביטשן אַרויסקומען נאָר אַ גרימאַסע צווישן די מוילווינקלען.

— נישט גוט אַזוי, טאַטע. ביסט קיין מאָל נישט צופרידן, — האָט זעלדע אומדרייסט זיך איינגעקוקט אינעם פאָטער. — פאַר וואָס? פּרנסה איז דאָ באַכאַשעם, די מענטשן אַרבעטן גוט און ביסט קיינעהאָרע געזונט, טאָ וואָס קרעכצסטו?

— איך קרעכץ? ביסט אַ נאַרעלע. דער אמת איז — האָט דער ייִד באַלד מוסיף געווען — אומגעבעטענערהייט טראַכט זיך און סע רייסט זיך אַרויס אַ קרעכץ. מ׳מוז טראַכטן וואָס ס׳וועט זיין ווייטער — אַ ברייטער שמייכל האָט זיך שוין אויסגעלייגט איבערן גאַנצן אונטערשטן טייל פּנים און ר׳האָט זיך צערעדט מיט אַן אָפּנקייט גלייך ר׳וואָלט גערעדט צו זיינס גלייכן און נישט צו אַ יונג מיידל, טאַקע די אייגענע טאָכטער. — מ׳האָט טעכטער, זאָגט די וועלט, איז נישט קיין געלעכטער, און נישט אומזיסט — האָט איין אים קלוג אויפגעלויכטן דער געדאַנק. — ס׳וואָר, זעלדענקע. דיין טאַטע איז נישט קיין ליגנער. ווייס, אָפּט טראַכט זיך אַליין, כאָטש ס׳ווילט זיך נישט מאַטערן דעם קאָפּ, — און ווידער רייסט זיך אַרויס פון אים אַ קרעכץ.

אָבער זעלדען איז שוין קנאַפּ געקראָכן אין קאָפּ אַריין דעם טאַטנס טראַכטעכץ. זי האָט זיך פירגענומען צו טאָן דאָס איריקע, וועדליק איי־גענעם שכל. זי וועט פירן דאָס רעדל! — האָט זיך דער דאָזיקער רעיון פלינק, שטיל צעטומלט אין אירע געהירן. ווי די מאַמינקע האָט זיך נוהג געווען, וועט זי אַרויפלייגן אַ שטיין אויף יעדן גילדן וואָס וועט זיך נאָר לאָזן אָפּרייסן פונעם מויל. געלט איז אַ פונדאַמענט פאַר אַלץ, אויב מ׳וויל קענען לעבן. דער טאַטע זאָל נאָר נישט שטערן. זי וועט שוין וויסן ווי זיך צו באַגיין מיט די זאַכן.

זלמן באַביטש איז געווען שטאַרק אַריינגעטון אין דער פאַבריקע. ער האָט געהאָרעוועט, געלאָפן. וועדליק זיין אייליקן טון האָט מען געזען אַז ער האָט מורא עפּעס צו פאַרשפּעטיקן. אַן אומבאַגרייפלעכע זאָרג האָט אים געטריבן. דערפאַר האָט ער געהאַט אַ פולן קאָפּ מיט געטועכץ, אָלאָ אין דער אונטערשטער שורה איז אַלץ מיט אַנאַנד סיי ווי געבליבן פאַרן מיידל אַ יאָך וואָס איז יאַקאַש איר געוואָרן ליב. מ׳האָט ביי צייטנס געזען אַז זי פירט שוין, דעם קוואַסניקס זעלדעטשקע.

קומט אַריין גאַוורוש, פאַרשעמט זי אים נישט ווי אַנדערע האָבן די טבע זיך צו באַגיין מיטן ייִנגל. זעלדע פרעגט אים וואָס ס׳הערט זיך, ווי ס׳דערגייט ביי זיי אין דער היים, צי די פענצטער ווערן גוט פאַרקיטעוועט פאַרן ווינטער און בינה לבינו שיקט זי אים ברענגען עפּעס פאַר אירט

ווענן, און גאַוורוש האָט גערן צו טאָן פאַר יעדן, אויב מ׳רעדט נאָר צו אים „אַ גלייך וואָרט״, אָדער מ׳הערט אויס זיינע נישט גאָר איבערגעשפּיצטע מעשהס וואָס מישן זיך אים אונטערן מוח־שיידל. שטעלט זיך דער זומער, ווען אויף לימאַניאַד האַלט זיך באַביטשעס הויז, איז גאַוורוש מער ביי זעלדען ווי אין דער אייגענער היים. דעם קוואַסניקס מיידל פּילעוועט אים, וואַרפט צו אַ שטיק ברויט מיט קעז, גיט אויך צו פאַרטרינקען אַ מעסטל זיס׳ קאַלטס און באַטעמטס. פאַר דאָס שלעפּט ער נאָך די שווערע זעק, גרויסע, בייכיקע קופּערנע סיפּאָנען מיט סאָדע־וואַסער, לויפט פאַר איר אומעטום, וווּהין זי שיקט אים, די גוטע זעלדעטשקע. גאַוורוש דערשפּירט, אמת, אַז ער איז שוין מיד פון די גענג און פון יאָכמערן פאַר דער פאַבריקע, אָבער „זיין שכל״ לערנט אים אַזוינס נישט צו נעמען אויפן זינען. פאַרקערט, ער גרויסט זיך צו מאָל צו האָבן געטאָן אַלץ וואָס זעלדע האָט באַגערט. אין זיין פאַרטרויעןקייט פאַרן קוואַסניק פאַרגעסט ער אַפילו אין די שוין צעריסענע הויזן זיינע; קלאָמפּערשט שפּירט ער אויך נישט די שטאַרק אָפּגעריבענע באָרוועסע פיס, וועלכע ר׳הייבט אויף פון מאָל צו מאָל מחמת די ווונדן וואָס אָנגעלעבט אויף דער שוין צעפּלאַצטער, בלוטנדיקער הויט; עפּטערס הייבט ער אויף די צעווונדיקטע פיס כּדי זיי צו קילן מיט די דלאָניעס וואָס דריקן צונויף פאַר אַ ווײַלע די פאַדעשוועס און די צעקלאַפּטע פינגער. דער פאַרהאָוועטער קוואַסניק האָט דעמאָלט זיך געפּרייט מיטן ייִנגלס יעדן האַנטלאַנג און בפירוש נישט אַ טראַכט געטאָן צי דער גאַוורוש קער זיך אָן מיט „די מענטשן״ פון דער פאַבריקע. בעתן אָנהאַלטנדיקן געטומל האָבן פאַר באַביטשן זיך געפּלאָנטערט נאָר פּנימער און נעמען: איצל, וועלוול, אַנטאָן, קיריל, גאַוורוש! נע, ווו ביסטו? ווי לאַנג ׳על איך זיך אויסרייסן דעם גאָרגל דיר צו רופן? אַז קיין מאָל איז דאָס נישטאַ, טענהט ער אַ נערוועזער. ע, זעלדע, מע באַדאַרף, מ׳מוז שוין גיין, שיקן... און געשיקט האָט זעלדע דערעיקרשט דאָבעס ייִנגל אין אייליקע שליחותן, ווייל ער איז מער ווי אַנדערע געווען ריי־רעוודיק. אויך דער קוואַסניק האָט זיך איבער גאַוורושן געמאַכטיקט ווי מיט אַן אייגענעם אָדער ווי מיט אַ געדונגענעם מענטש, כאָטש ער האָט זיך גראָד נישט דערמאָנט, דער צעקאָכטער באַביטש, צי ער האָט דעם ייִנגל שוין אַמאָל עפּעס באַצאָלט. דער עיקר האָט ער געדענקט אַז מ׳באַדאַרף טון, נישט שפּילן זיך ווען ס׳איז נייטיק צו געבן אַ פּלייצע. אַלע מאָל ווען דאָס ייִנגל איז אים געקומען אין די אויגן אַריין, האָט ער אים געהאַט ערגעץ־ווו צו טרייבן: גיי, ברענג. און גאַוורוש איז געגאַנגען, געשלעפּט

פּאַצעגעס אייז. אָפּט האָט באַביטש אים נישט געלאָזט אַהיימגיין שלאָפן:
— נאַ, עס אָפּ און ווּעסט זיך צוּלייגן. שלאָפן האָט ער גופא זיך אויך נישט פאַרגונען, דער קוואָסניק, אין יענע הייסע וואָכן פון זומער, ווען אין זיין פאַבריקע האָט עס געזאָטן פון געטועכץ. ער, באַביטש, איז געווען איבערן קאָפּ אַריינגעטאָן אין דער האַרעוואַניע, שוין קוים געדעכעט. דערזען גאַווּרושן פלעגט ער צו מאָל רעדן צו אים פאַרטרויילעך, גלייך ער וואָלט געהאָט פאַר זיך זיין בת־יחידה:
— פאַרשטייסט? ווי לאַנג ס'פערד לויפט, טאָר מע נישט נאָכלאָזן די לייצעס. רק האַלטן דעם שפּאַן אין די פויסטן. הייבט נאָר אָן בלאָזן אין הינטן אַריין, 'עט מע שוין ליגן באַנעזאַמעט און קוקן אין הרובע אַריין. דערווייל מוז מען אָניאָגן דעם גראָשן. ס'איז נישט לייכט אים צו קריגן אין האַנט אַריין, דערפאַר צוקערזיס.
פון איר זייט האָט באַביטשעס טעכטערל נישט געקאַרגט גאַווּרושן אַ חניפהלע, באשר ער איז אַ טייער בחורל, צו מאָל אים אַ גלעט געטאָן איבער דער באַק. און האָט זי געוואָלט אים איינשפּאַנען אין אַ שווערער שטיקל אַרבעט, שיקן ווייט־ווייט עפּעס ברענגען אָדער דרייען דאָס אייזערנע ראָד פון דער מאַשין אין דער פאַבריקע, האָט זי אים נישט געקאַרגט אַפילו אַ קוש און אַזויערנאָך אָנגעטאָן חשק נישט צו פוילן זיך, אָפּגעשריגן אויך די מידקייט וואָס איז באַפאַלן דעם יינגלטשינע: — ס'עט אַרויסקומען פון דיר אַ גוטער קוואָסניק, גאַווּרוש מיין פריינד! — האָט זי אים אונטער־געמינטערט. לסוף אויך אים צוגעזאָגט „אַ לעקעכל":
— ביסט אַ ווויל בחורל, גאַווּרוש טייערער, ווּעסט האָבן אָפּגעטאָן, ווּעסטו רעכט זיך אָפּרוען. גיי, גיי, ליבינקער, — און צו דערצו אים צו־געוואָרפן אין זשמעניע אַריין אַ ביסל קלינגעדיק מינץ: — נאַ, האָט זי געזאָגט, ווּעסטו דיר זאַמלען אויף אַ פּאָר נייע שטיוועלעך. דערנאָך ווּעסטו האָבן אויך אַ רובאַשקע. איכ'ל דיר קויפן. עסט זען! ווּעסט זיין אַן אמתער פּראַנט.
גאַנצע וואָכן פלעגט דאָס יינגל נישט גיין אין שטוב אַריין צו דער מאַמען מיט דער שוועסטער. ר'איז פאַרפאַלן געוואָרן, דער יונג, פלעגט רבקהלע בורטשען דער מאַמען אין די אויערן אַריין. דאָבע, וואָס איז בדרך־כלל נישט געווען קיין היימזיצעריך, האָט אין תחילת נישט געוואָלט טראַכטן וואָס ס'געשעט מיטן יינגל. „ער'ט נישט פאַרלוירן גיין", האָט זי אָפּגעפּטרט דעם געדאַנק וואָס פלעגט איר אַ זשומע טאָן אין די געהירן, וואָרן זי איז געווען פאַרנומען מיט נסיעות „צו גוטע פריינד" און מיט

סודותדיקע טועכצן פֿאַר דער זאַך. שפּעטער איז זי דאָך געוואָרן אומרויִק למאַי מ׳זעט נישט גאַוורושן אין שטוב. דערוווּסט זיך ווו ער ווערט פֿאַרפֿאַלן, האָט זי געפּרוווט פּועלן ער זאָל זיך אַהיימקערן. זי איז געגאַנגען אים רופֿן, אויסגעמוסרט בכן ער פֿאַרשעמט די מאַמע מיט זיין פּירעכץ: „וואָס הייסט, אַ דערוואַקסן יינגל זעצט זיך אָן אויף פרעמדע לייט, בעת אין דער היים איז פֿאַר אים געגרייט עסן, מ׳וואַרט ביז שפּעט ביינאַכט ער זאָל קומען שלאָפֿן. גאָט זאָל אויסהיטן וואָס אַ קינד קאָן אָפּטון דער אייגענער היים!״ אָבער גאַוורוש האָט אַפֿילו זיך נישט אויס־געדרייט צו דער מוטער. ער האָט נישט געהאַט קיין חשק אַוועקצוגיין פֿון באַביטשעס שטוב.

— כ׳וויל נישט. איכ׳ל זיך לערנען ווערן אַ קוואַסניק. און ר׳איז נישט געגאַנגען מיט דער מאַמען. „אָן עקשן פֿון אַ יונג. נאָר צרות קאָן אַזוינס דערלאַנגען פֿאַר דער געטריישאַפֿט״, האָט דאָבע זויער אָפּגעמורמלט און איינע אַליין זיך צוריקגעקערט אָן דעם יינגל. זי האָט געהאַט דערפֿון גרויס עגמת־נפֿש, נאָר סוף־כל־סוף האָט דאָבע זיך צוגעוווינט צום געדאַנק: „אפשר איז בעסער אַזוי? זאָל ס׳יינגל כאַטש זיך פֿאַרנעמען מיט עפּעס. אַרבעט איז אַ געזונטע זאַך, אַ רפֿואה פֿאַר אַזוינס. ס׳איז נעבעך אַ קינד אַ נאַר און דער נאַר וואַקסט ביינאַנד מיט אים. ווי זשע קאָן זי זיך העלפֿן, אַז איר האָט געטראָפֿן אַזאַ אומגליק? זאָל ער... בעסער אַזוי ווי סתּם אַרומשלאָנדערן איבער אַלע כאַלופּעס אָדער זיך קריגן מיט דער שוועס־טערקע, ווען ער בלייבט אין שטוב״. אין אמתן האָט דאָס לאָזן גאַוורושן זיין ווידל, דאָבען נישט געקאָסט צו פֿיל האַרצווייטיק. זי׳ט נישט קיין געדולד צו זיין אַזאַ הייסע מאַמע ווי סע פּירט זיך ביי לייטן. אויף איר קאָפּ האָט זי געהאַט אַנדערע דאגות וואָס אַליין גענומען אויף זיך. נו, זינט יאָרן האָט זי ביי זיך געפּועלט צו טון אַזוי ווי זי טוט: זי האָט פֿאַר זיך אַ גרויסע וועלט און דאָס יינגל אירס איז סיי ווי שוין אַ פֿאַרשפּילטער קאָן. ס׳קעפּל איז ערנסט פֿאַרקנאַפּט. גאָר שווער אַזוינס אויסצוהיילן. סיידן, זי וועט אַריבערקומען אויף יענער זייט, צו וואָס ס׳האַרצט איר שטאַרק, דעמאָלט וועט אפשר דער גורל פֿון דעם זונעלע אַנדערש זיך אויסשפּילן ווי דאָ, ווו אַלץ איז ענג פֿאַרן קבצניוק. דערווייל האָט זי נישט קיין ברירה; ווייל ניאַנטשען זיך מיטן יינגל, מיינט אָפּגעבן זיך פֿאַר אַ קרבן אַ מסוכּנעם חולה און ווערן אַ צעקראַכענע מאַמע. אַזעלכע קען דאָבע האַלאָוועץ נישט זיין, אַפֿילו זי זאָל עס וועלן מיטן פֿולן האַרץ — —

אויך ווינטערצייט, ווען די פּרנסה פֿון די זיסע וואַסערלעך איז נישט

געגאַנגען, דער קוואַסניק האָט מיד געגענעצט אין לאַנגווייל, האָט גאַוורוש, אַלץ נאָך נישט קיין קלוג געוואָרענער, געקלעפּט ביי זעלדעטשקען. זי׳ט געהאַט געדולד צו אים, אויסגעהערט זיינע מעשהס, כאָטש זיי זענען איר לגמרי נישט אָנגעגאַנגען; ס׳זענען געווען רייד אָן שום זין, אָלאָ האָבן עדות געזאָגט נאָר אויף דעם יינגלס נישט דערבאַקנקייט. ער האָט זי אַלע מאָל איבערגעפרעגט:

— זעלדע, דו ווייסט? — און זיך פאַרהאַקט אין די רייד, מער נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. דאָס יינגל האָט רק צעטומלט איר מוח.

איטלעך מאָל האָט גאַוורושן אויסגעדאַכט אַז ער האָט איר אָקערשט עפּעס דערציילט, נאָר אין סאַמע מיטן זיך פאַרפּלאָנטערט און פאַרגעסן „שטאַרק וויכטיקס". תּמיד האָט ער זעלדען געוואָלט זאָגן זייער אַ סך, אָלאָ אויגנבליקלעך זיך געוואָרגן מיט דעם „געדאַנק" וואָס האָט אומגעריכט אויף אים אָנגעשטראָמט און צערודערט זיין זינען.

דער ווינטער האָט זיך שוין לאַנג געהאַט פאַרצויגן, מיט עקשנות זיך אָנגעזעצט אויפן גאַנצן קאַנט: בייסנדיקע פרעסט און וויוגעס האָבן אָנ־געסווישטשעט אַ האַרבע מרה־שחורה און די טעג זענען געוואָרן קורצ־אָטעמדיקע, טונקלעוואַטע, גלייך זיי וואָלטן אויפן מענטש געקוקט מיט פאַראָפּיעטע ווּעס. גאַוורושן איז געוואָרן אומהיימלעך פון דעם פּלוצ־לינגן קוקן און שוויגן וואָס די קליינע באַרישניע זעלדע האָט אויף אים אָנגעבראַכט ווי אַ שאַרפן ווינט. דעם שמאַלקעפּלדיקן יורש פון דאָבע האַלאָוועץ האָט דעמאָלט מיט ווייַ אויסגעוויזן אַז זעלדענקע הערט אים נישט מער; אַ פאַרטראַכטע קוקט זי אים אין פּנים אַריין, אָבער אויף דער וואָר בלאָנקעט אַוועק איר בליק. גאַוורוש האָט געשפּירט מיט ווייַ: — אים זעט זי נישט, זי וויל אים נישט זען. פאַרטראָגן אין זיין טראַכטן האָט ער זשעדנע געזוכט עמעצן צו קענען זיך באַקלאָגן אויף זיין נייער צרה. אָלאָ גאַוורוש האָט נישט געהאַט אין וועמען זיך אָנצוכאַפּן. די היים איז אים אומליב, ערשט איז אויך דאָ, ביי זעלדען, אים ענג געוואָרן. און זיינס גלייכן וויכט פון אים, איז ווּ זאָל ער זיך איצטער אַהינטאָן? מיט דער שוועסטער איז נישט ניחא זיך צו באַגעגענען. רבקה איז קלאָמפּערשט שוין אַ גרויסע און די מאַמע איז מיט איר פאַני־בראַט. דערפאַר איז גלייכער צו זיין פון ווייטנס פוןביידן, פון רבקהן און אויך פון דער מאַמען. גאַוורוש האָט אַפילו שוין געהאַט צוגעווינט זיך צו רייצן מיט דער שוועסטער, אָנטאָן איר להכעיסן. מחמת דעם האָט ער עפּטערס זיך אַרויס־געמאַכט פון דער היים אויף גאַנצענע טעג אויך אין די ווינטערוואָכן.

„זאָל זי זיך פאַרדרייען דעם אייגענעם שמויש — האָט ער אין זיך נאָכ־געזאָגט עמעצנס אַ טראַציק ווערטל, — מיינעם זאָל זי לאָזן במנוחה. אויך מיר אַ מענטש! אַזאַ שלעכטע און פאַלשע. זאָל זי אַליין אָנטראָגן וואַסער אין פּאַס אַריין, אויך אַליין האַקן האָלץ. אַ באַרישניע איז זי מיר? אַ שלעכט שטיק איז זי און פאַרטיק! איך האָב נישט קיין מורא. כ'על אויף שטענדיק אַנטלויפן פון שטוב, אויב מ'עט שרייען. גאַוורוש איז אויך אַ מענטש", — און רעדנדיק צו זיך האָט ער פלוצלינג פאַרלוירן אַ טרער. מיט אַ מאָל האָט דאָס יינגל רחמנות געקראָגן אויף גאַוורושן, ווייל ביי נייס זיך דערמאָנט אַז ער איז אַ יתום. ערשט האָט די לייבלעכע מאַמע אים געפעלט. קיין טאַטן האָט ער סיי ווי קיין מאָל נישט געהאַט.

אין זיין צערודערטן געמיט איז גאַוורוש, אָן צו וויסן וואָס ער זאָל טאָן, געשטויסן געוואָרן פון אַ טונקעלן געפיל צו גיין צו אַנופריס געזעלן. אָבער אַריינגיין צום באָנדער פרעגן אויף קאָליאַן, איז ער נישט געווען דרייסט. פון דעסטוועגן האָט ער להוט אַרויסגעקוקט אויף אַנופריס געזעלן. אַ פאַרתמטער געשטאַנען אין דרויסן, כאָטש ס'איז געווען אַ ווינטיק־שאַרפע קעלט און געוואַרט ביז קאָליאַ וועט אַרויסקומען. ר'האָט שטאַרק באַדאַרפט מיט עמעצן צו רעדן אַז ס'זאָל אים נישט זיין אַזוי טרויעריק און אין איינוועגס טאַקע אונטערטראָגן די נייסן וואָס האָבן קלעפּיק זיך אויסגע־טומלט אין זיין מטושטשן קאָפּ. דערוואַרט זיך ענדלעך דעם באָנדערס געזעלן האָט ער אין שטומען בעטן מיטן בליק, הכנעהדיק גענומען דער־ציילן אַזוינס וואָס האָט מיט אומגעריכטקייט אָנגעשלאָגן אין קאָליאַס געהער. פאַרביטערט אויף דער אייגענער דאָליע האָט קאָליאַ דעמאָלט זיך געלאָזט אַריינציִען אין באַביטשעס שטוב. דאָס ייִנגל האָט אין אים אַ סך אַריינ־גערעדט: „ס'גוטע לייט. זיי האָבן האָלט מענטשן. מערערע יונגע מענטשן גייען אַריין צו זיי. אַ פאַבריקע פירט מען דאָ. פיינע לימאָניאַדן מאַכן זיי — —"

ווי באַלד קלמן האָט זיך באַוויזן אין דער דאָזיקער שטוב, האָט אים אַ שלאָג געטאָן אַ וואַרעמקייט אין פנים:

— ווויל, ווויל ס'אַ פאַרגעניגן אייך צו זען. איר זענט עס דער וואָס דער באָנדער האָט אייך אויפגענומען, אמת? כ'האָב באַלד זיך אָנגע־שטויסן. איי, וואָס פאַר אַ גאַסט! כ'לעבן, ס'אַ פרייד מיט אַ גאַסט, — אַזוי האָט זעלדע, מעשה בעל־הביתטע, באַגעגנט קלמנען. — ליבע לייט זענען גערן אין אונדזער הויז — און שוואַרצאויגיק, באַלעבט, געזוכט אין קלמן־קאָליאַס פנים אַן ענטפער אויף איר זיסער מינע.

ביי קלמנען האָט זיך נאָר אויסגעקרימט אַ האַלבשמייכל און אין פאַר־

לעגנהייט געזוכט ווו זיך ריכטיק אַוועקצושטעלן. ר׳האָט זיך געשפּירט אומבאַקוועם מיט זיין אומגעריכטן אַריינפאַלן אין דער אַ שטוב. זעלדע האָט אָבער אים אַרויסגעהאָלפן פון דער פאַרלוירנקייט: באַלד איז אַנגעוויזן אויף אַ ווייס־געשייערטער באַנק, אַליין אויך זיך צוגעזעצט צו צו אים מיט אַ פּנים וואָס בעט זיך מ׳זאָל עס אַ גלעט טאָן. אַזוי מילד איז געווען איר קוק וואָס איז געפאַלן אויף אים. קלמן האָט ביי נייס געשמייכלט אָקעגן די רייד וואָס זי האָט געשפּריצט אַרום אים און איינצייטיק גיריק געהערט דעם גאַסט מיט אירע ברייט־אויפגעריסענע אויגן, פולע ווי צייטיקע טרויבן:

— זענט איר עס דער קלמן קאַבריץ, וואָס דער יונגער שכן אונדזערער, דער גאַוורוש, האָט שוין אָנדערציילט פון אייך. און דווקא נאָר גוטס! זעט אויס, ער האָט אייך האָלט. איי, איי, אַזאַ מענטש קומט אין אַ נייער געגנט, זיצט כּמעט אין שכנות און לאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן אויף זיך! ווי זשע איז מע נישט נייגיריק צו דערוויסן זיך נייסן פון דעם מקום, און בכלל — זיין אַזוי אָפּגעזונדערט? איר מיינט, מ׳האָט פון אייך שוין נישט גערעדט, און טאַקע געוואָרט איר זאָלט זיך אַריינווייזן. איר ווייסט נישט — פאַר וואָס? ווייל ס׳ווערט מאָדנע פריקרע ווען מ׳ווייסט אַז אַ מענטש פון דער ווייט איז אָט אָ דאָ אונטער דער האַנט, ביסט נייגיריק אים צו זען, שמועסן, פרעגן, אָבער קענסט נישט, בשום אופן, מיט אים זיך צונויפריידן. באמת, ס׳ווערט אויסטערליש ווען מ׳וויִכט פון דיר. נישקשה, מיר זענען נישט קיין ווילדע מענטשן און ייִדן זענען מיר אַוודאי. אַ שאָד וואָס ביז איצט זיך געהאַלטן פרעמד. אַ סך אַזעלכע שטיבער ווי באַביטשעס, מיינט איר, געפינט מען דאָ? לודוויקאָווע איז ווי מערערע שטעטלעך, אָלאָ פילן זיך היימיש איז נישט אומעטום מעגלעך פאַר אַ נייעם מענטש. און איר ווינט נאָך אין אַ שטוב וואָס קאָן נישט פאַרשאַפן קיין היימישקייט. איר׳ט שוין זען, קלמן קאַבריץ. דערויף האָט זי אַ רוף געטאָן דעם פאָטער פון דערבייִיִקן צימער:

— טאַטאַ, קום נאָר. מעגסט אַ קוק טאָן וועמען מיר האָבן פאַר אַ גאַסט!

אַ צעקנאָדערטער, ווייל אין אַנטועכץ געלעגן אויסגעצויגן אויף דער קושעטקע, האָט באַביטש באַלד זיך אַריינגעוויזן און אים איז פאָרויסגעגאַנגען זיין אַ ביסל פאַרשלעפּערט קול:

— טאַקע אַ ליבער גאַסט. ס׳איז, מיין איך, דעם באַנדערס מענטש. געטראָפן? אסור, כ׳בין נישט קיין נביא. ווייל ווער קאָן אין אַזאַ שעה זיך

אַריינ־אַוועק? אַך, ווי לאַנג שוין אַרויסגעקוקט אויף אייך! כ׳לעבן, איר׳ט גוט געטאָן וואָס זיך דערטראַכט אַז ס׳איז אַן עוולה נישט אַריינצוגיין צו באַביטשן. איטלעך קינד קען זיין שטוב. ס׳איז אַן אָפענע טיר ביי באַביטשן. הע־העעע, גיט ער שוין טרוקן אַ לאַך, אַ קורצינקן לאַך אַזאַ וואָס האָט זיך ווי אַ מין ליכטפלעק צעשפּרייט איבער זיין באַרדיקן פּנים. אַ מינוטקעלע איז ער דערנאָך געשטאַנען אַקעגן דעם גאַסט און זיך אויס־געבויגן צו אים מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט:

— נעמט זשע, פּאַניטשו, מיין שלום עליכם, אַ ליבן ברוך־הבא אין מיין שטוב. ס׳עט זיין אַ פרייד עפּטערס אייך צו זען ביי אונדז.

— נ׳אַוודאי, דער טאַטאַ מיינט איר זאָלט נישט זיין קיין זעלטענער גאַסט, — האָט דאָס מיידל באַקומען לשון און קלמנען ווידער געשאַנקען אַ וואַרעמען בליק.

קלמן האָט זיך פאַרלוירן פון דער אומגעריכטער גוטסקייט צו אים, דעם פרעמדן; ר׳האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן אַזוינס אַז ער זאָל זיך נישט באַנאַרישן. אַ לאַנגע רגע האָבן אומבאַהאָלפן געציטערט זיינע ליפּן, ר׳האָט אויך געשמייכלט אַ ליימיקן שמייכל, אָבער זיינע קליינע גראָע אויגן האָבן שוואַך צוגעלויכטן און אים געעפנט ס׳מויל צו ענטפערן:

— מ׳עט זען, — האָט ער שטאַמלדיק אַרויסגעבראַכט. — זאָל נאָר זיין צייט...

אָפּנים, אים האָט הנאה געטאָן די נייע באַקאַנטשאַפט, צו וועלכער ס׳האָט אים דערפירט דאָס יִינגלטשינע גאַוורוש.

קאַפּיטל זיבעצן

עס האָט נישט לאַנג גענומען און קלמן קאַבריץ איז געוואָרן אַן אָפטער איינגייער צום קוואַסניק; ער האָט געשמועסט מיטן פאָטער, אויך מיט דער טאָכטער, דערציילט פון זיינע מקומות און יענע האָבן אים גיריק געהערט, צו מאָל נישט געקענט זיך זעטיקן מיט די פּרעגעניִשן וועגן דעם ד אָ ר ט, פון וואַנען ער שטאַמט. ווען נאָר געקענט אַוועקרייסן אַ ביסל צייט, האָט קלמן זיך אַהין אַריינגעשטעלט. „דאָברי וועטשער״, אַ גוטן אָוונט, ליבע שכנים, האָט ער געזאָגט ביים אַריינקום און זעלדע איז אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ גינציקער מינע:

— גוט, וואָס איר ווייזט זיך, קלמן. אַזוי פאַרשטיי איך: מ׳באַדאַרף נישט וואַרטן אויף פאַרבעטעניש. מ׳קען ביי אונדז זיך פילן היימיש. אוי, ווען איר ווייסט וויפל גוטע רייד דער פאָפאַ האָט וועגן אייך? אַ ווילער בחור, דער קלמן קאַבריץ. פון פוילן אַ יונגער־מאַן, נישט פון קיין רייכער שטוב, אָבער אַזוי איידל, — זאָגט דער פאָפאַ. ר׳האָט אַ בייזן כּוח, דער באַנדער. ער׳ט באַלד זיך דערקענט אויף דעם יונגן־מאַן און ר׳האַלט אים ווי מיט אַ כּישוף. ס׳איז אָבער אַ שאָד ר׳זאָל בלייבן שטעקן ביי ס׳זייעריקע, דער קלמנקע. דאָך אַ ייִדיש קינד וואָס קאָן זיך נישט שפּירן היימיש ביי אַ גוייִש פּירעכץ. טאָקע נישט קיין שלעכטער ערל, דער פעסטרון, אָבער פאָרט נישט קיין אייגענער פאַר אַזעלכן.

אַוודאי האָט אַזאַ געטענהכץ אויסגענומען ביים פאַרבלאָנדזשעטן בחורל. עפּעס האָט זיך אַ טרייסל געטאָן אין זיין גאַנצן געביין, איבערגעוועקט אים און דער שכל האָט צו ביסלעך אים אונטערגעשעפּטשעט: „קיין מאָל האָט מען אים נישט געזאָגט אַזעלכע ווערטער. און די קליינע — האָט ער שוין אַ קלער געטאָן פון זעלדען — זי איז ווי אַ גוט שטיקל ברויט. זע נאָר ווי זי נעמט אויף אַ מענטש; אַפילו דעם קוואַסניקס ייִנגלעך זענען ווילינקע. מיט אַ ליבער שעמעוודיקייט ווילן זיי מיט אים ווערן נאָענט, וואָרן צו ווערן אים אַ חבר, פילן זיי, זענען זיי נאָך צו קליין. ווי קלוג דאָס איז. ייִנגלעך נאָך, און אַזוי קלוג!

עס זענען אָבער געקומען טעג, ווען קלמן האָט כּלל זיך נישט אַריינ־געוויזן צו די באַביטשעס. מיט אַ מאָל האָט דעם בחור אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל אַזאַ געדאַנק: „אײַל זיך ווינציקער אַהין צו, קלמן. וואָס אין איילעניש איז פאַרן טייוול, זאָגן לייט. איז מסתּמא ווייסן זיי מער ווי אַזאַ שנעק ווי מלכּה־צייטלס ייִנגל. כ׳מוז זיך מער באַרעכענען, נישט ברענען אַזוי פיל. און דווקא האָט אים שטאַרק געלאָקט אַריינצוגיין אַהין, צו באַביטשן. אָבער בגוואַלד האָט ער זיך שאַרף געוואָרפן אויפן געדאַנק וואָס איז אים באַפאַלן און ר׳האָט זיך גובר־געווען. קלמן איז נישט אַוועק זיי זען, דעם טאַטן און אַוודאי נישט זעלדען, דאָס געראָטענע מיידל. ר׳האָט, אמת, געשפּירט אַ ציטעריקע בענקעניש צו זיי, אָלאָ ער׳ט מיט אַן אומגעריכטער היץ זיך געראַנגלט מיט זיין ווערלעכץ וואָס האָט אין אים אויסגעסטוקעט אַ קלאָר, אומרויִק טראַכטן: ס׳נישט רעכט אַזוי אָפט אַריינצוווייזן זיך צו זיי. מ׳קאָן זיך ביי יענעמען פאַרמיאוסן, און ס׳קאָן אויכעט נישט געפעלן ווערן די אַ... נו, אַנופרי מיטן וויב האָבן אים אויסגעשטרעקט אַ גוטע האַנט ווען ער

איז שוין געלעגן טיף אונטערן וואַסער וואָס האָט צו אים געעפנט אַ פינצטערן פּיסק. סוף־כּל־סוף זענען די מענטשן ערלעך צו אים, זיי זאָגן אָפן: מיר ווילן דיך ווי אַן אייגענעם, אָלאָ וועסט דורכויס וועלן גיין, גיי זשע זיך געזונטערהייט, אָבער נישט אין אַ סכּנהדיקן וועג אַריין. ס׳וועלן זיך נאָר שטעלן לינדערע פּאַגאָדעס. איז פּאַר וואָס פעלשן אין זיי? ריכטיק, אָנופריין מיטן ווייב, איז היימלעכער מיט אים, אָבער זיי האַלטן אים נישט ביים האַלדז, כאָטש צו לאַנג וועט ער סיי ווי נישט קענען הויזן מיט זיי. ר׳ווייסט נישט פּאַר וואָס. עפּעס אומקלאָרס קיסיעט נאָך אין זיין געמיט. ער שפּירט עס בפירוש אַזוי, און דעם קוואַסניקס רייד זענען גאָרנישט אויסן וועג — האָט אַן אינעווייניקדיקער קידער־ווידער פון ס׳ניי זיך צערעדט אין קלמנען וועמען ס׳האָט ווידער אַ טרייסל געטאָן דער ווילד־לעכער אין דער פרעמד. „כ׳בין דאָך שוין נישט קיין קינד״, האָט ער מיט אַ מאָל זיך קעגנגעשטעלט זיין אייגנווילן און אַ שניידיקער אומרו האָט אים געטאָרעט, נישט געלאָזט שלאָפן ביי נאַכט. ערשט האָט ער זיך געכּוחט צו שליסן די אויגן, אָפּהאַקן דאָס איינהערן זיך צום זשוזשן פון דער פינצטערניש, אין וועלכער ער האָט זיך געפילט ווי אונטערגעטויכט אין אַ וואַרעמלעכער כוואַליע. קלמן־קאַליאַ האָט לסוף זיך איינגעטוליעט אין דער קאָלדרע (ווייל ביי ציטנס געקראָכן אויפן געלעגער אַרויף) און אים איז קלאָר געוואָרן אַז צוליבן מיידל איז ער נישט אַוועק צו די באַביטשעס. דווקא ווייל ס׳האָט אים געצויגן אַהין צו. זי רייסט פון אים שטיקער האַרץ. ר׳מוז זיך אַליין אויספּרוון. אפשר איז עס נאָר זיינע אַן איינרעדעניש! און ביי נייס זיך געמאָרדעוועט מיטן וואַכזיין, ווען ער האָט ליבערשט באַדאַרפט שלאָפן.

אויפגעשטאַנען צו מאָרגנס, האָט ער, צו זיין פאַרוווּנדערונג, זיך גע־שפּירט מאָדנע באַרוט, כאָטש קנאַפּ געשלאָפן. אויך דער מוח איז געווען ניכטער. אַצינד האָט ער בולט איינגעזען אַז אייגנטלעך איז די זעלדעטשקע אים גאָר־גאָר צום האַרצן. ס׳אַ טייערע נשמה. טאַקע מחמת דעם האָט ער לאַנג זיך געקווועלט נישט צו מוזן אַריינגיין צו די באַביטשעס. ס׳איז אים געווען אַן אמתדיקע פּראָבע פאַר זיך, צו זען וואָס זי וועט טענהן נאָך דעם, ווען ער וועט ביי נייס זיך באַווייזן. און איז ער סוף־כּל־סוף ווידער אַוועק צו זיי, איז די פרייד מיט אים געווען אין לשער, גלייך די אויסגעצייטיקטע בענקשאַפט וואָלט אַט אַ זיך אויפגעבראָכן ווי אַ קנאָספּ, זיך צעעפנט מיט יונגן בלעטער־שימער:

— איי, וועמען מ׳זעט! וואָס איז געשען, פּאַניטש מיינער? אַזוי לאַנג

לאָזט מען וואַרטן אויף זיך? עעע, האַלט זיך ליבערשט היימישער ביי אַ ייִדישער שטוב — איז דער אַלטער אַרויפגעפאַלן אויף קלמנען מיט צעשפרייטע אָרעמס. — כ'האָב שוין געקלערט פון אַ תּירוץ צו קענען אַריינגיין צום באַנדער געוואָר ווערן.

באַשיימפּערלעך, אויך זעלדע האָט זיך גאָר געפרייט מיט זיין קומען, כאָטש לפּנים האָט זי זיך אַרויסגעשטעלט מיט אַ מינע פון אַ באַליידיקטער. אַ יונגער־מאַן, צו וועלכן מ'איז אַזוי געטריי, אָבער ער קען זיך נישט אויס אויף אַזעלכעס וואָס סע מיינט גוטפריינדשאַפט. פאַרקערט, ער לאַכט פון אַזעלכע איידלקייטן. ס'האָט גיכער אַ פּנים ווי ער וואָלט אויף אונדז אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגע צונג; אָדער ער איז אפשר נישט מסוגל זיך צו רעכענען מיט אמתדיקער בענקעניש וואָס ער'ט שוין באַוויזן אין אונדז צו פאַרוועבן. דאָס מיידל האָט ערנסט געטראַכט דערפון, אַפילו זיך געקווענקלט צי זי באַדאַרף ווייטער אַזוי... אָבער ברוגזן זיך איז זעלדען דאָך נישט געוועזן צום האַרצן. זי'ט מורא געהאַט אַז זי קאָן עפּעס קאַליע מאַכן דערפון וואָס ס'האָט זיך שוין פאַרשפּונען צווישן זיי ביידן. זי האָט אַפילו זיך באַמיט אים גאָרנישט פירצוואַרפן, אָלאַ אין גאַנצן פאַרשוויגן אַזוינס, האָט זי נישט געקענט פועלן ביי זיך, זעלדעטשקע. אָבער זאָגן אים אַז ער זאָל וויסן וועמען ער האָט געפונען אין באַביטשעס שטוב — כאָטש ס'איז אַזאַ העק, ווי ער מיינט — דאָס האָט זעלדע יאָ געמוזט אים זאָגן. יאָ, זאָגן, זי מוז, אָבער נישט אויף דער הייסער מינוט. אין איינעם אַ טאָג האָט טאָקע זיך אונטערגערוקט אַזאַ שעת־כּושר. זי האָט עס אָנגעהויבן ערנסט, אָבער מיט אַ וואַרעמען אונטערטאָן וואָס האָט דייטלעך זיך אַרויסגעהערט פון אירע רייד:

— גלייבט, קלמנקע מיין פריינד, איר מעגט מיר גלייבן אַז כ'רעד פון סאַמע האַרץ. איך האָב זיך אַנומלט געשפּירט טיף געטראָפן פון אייער פלוצלינגן פאַרגעסן אין אונדז. ווי שיקט זיך עס — און שוין געשטעלט דעם טראָפּ אויפן וואָרט — אַז אַ מענטש ווי איר, וואָס אין די אָוונטן זייט איר פריי, זאָלט מיט אַ מאָל ווי פאַרפאַלן ווערן, נישט לאָזן וויסן פון זיך לאַנגע טעג? אייערע אמתדיקע פריינד האָבן עס שטאַרק איבערגעלעבט, געמיינט אַז חלילה... מ'איז דאָך נאָר אַ מענטש — נישט מער ווי אַ מענטש אָן אַן אייגענעם אין דער נאָענט. איר וועט קיינעם נישט איינרעדן אַז דאָ האָט איר שוין געפונען אַ היים! שיקן צו אייך אַ ברודערקע געוואָר ווערן, האָט נישט געפּאַסט. און ס'איז פּריקרע פלוצלינג צו קומען צום באַנדער פרעגן אויף אייך. דער באַנדער וואָלט געקענט מיינען אַז

מיר פאַרנעמען זיך צו פאָרן אים „אין פּאַראַדע אַריין", אים שלעכטס טאָן. איז מען טאַקע נישט געגאַנגען. אָבער דער קאָפּ ווערט דערווייל צע־שפּרונגען: „ווער ווייסט וואָס ס'האָט געטראָפן מיט דעם יונגן־מאַן!" בלית ברירה וואָלט דער מוז אַריינצוגיין צום באַנדער געקענט ברענגען צאָרן אויף אייך, צעשטערן אייער מערכה. איז וואָס טאָן, כ'בעט אייך, אויף צו שטילן דעם אומרו וואָס האָט אונדז צעטראָגן? כאָטש שלאָג זיך קאָפּ אָן וואַנט! כיי וואָלט אַזאַ קלמן בלויז מיט אַ וואָרט געלאָזט וויסן אַז ער איז פאַרנומען, ר'קען זיך נישט אַרויסרייסן פון דער קלעם. אַפילו ווען אַזוי, קען מען אויכעט זיך אַרויסכאַפּן אויף אַ פּאָר מינוט און זאָגן אַז היינט, אויך מאָרגן און איבערמאָרגן קען איך נישט אַרויסגיין. אָבער נעלם ווערן ווי אין וואַסער אַריין — ווי אַזוי דאָס אויסטייטשן! „מסתמא שטייט אים נישט אָן אונדז צו זען". אין מוח קען אַנפּויזען אויך אַזאַ געדאַנק. אין תּפיסה קען מע פאַר אַזוינס נישט אַריינוואַרפן. יאָ, אויך דער יִיחוס קען נישט אָנשטיין, נישט אמת? ווייסעד וואָס ס'קאָן איינפאַלן אַ מענטשן ווען ר'קריגט פּלוצלינג אַ שפּירעוודיקן קלאַפּ איבערן שאַרבן! קלערן מעג מען, האַ, קלמן קאַבריץ?

— שוין, שוין, זעלדעטשקע, — האָט דער בחור געפּרוווט זי באַרויקן.

— אָן אַנדערש מאָל וועל איך זיין קליגער. אָבער ס'איז נישט וואָר אַז איך טראַכט שלעכטס פון אייך. איך האָב גרויסן רעספּעקט פאַר אייער פּאַפּאַ, פאַר אייך אַלעמען, אַפילו מער ווי רעספּעקט. מ'ווייסט ס'אַראַ פיינער מענטש ס'איז זלמן באַביטש, און איר, זעלדעטשקע, וואָס קאָן איך זאָגן וועגן אייך, אויב נישט דאָס סאַמע בעסטע? סיידן איר ווילט כ'זאָל אויפשפּאַרן מיין ברוסט און ווייזן אַז — — ר'האָט אָפּגעהאַקט אין מיטן רעדן, ווייל ס'האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם און מיט אַ מאָל איז אַ שטראָם הייסע טרערן אַנגערונען איבער זיינע באַקן.

... ס'האָט נישט לאַנג גענומען נאָכן עפענען זיך ס'האַרץ פאַר זעלדען און קלמן־קאַליאַ איז געוואָרן אַן עבד־כנעני ביי באַביטשעס טעכטערל. זעלדע האָט אים געוואונען ווי מיט אַ כּישוף פון וואָס ס'חלומען נאָר יונגינקע מיידלעך מיט אומגעריכט אויפגעשפּראָצטע וועלעכצן. ס'וואָר, זי האָט אויך צו אים זיך געהנדלט מיקלאָמפּערשט נישט בכוונה: שטילינקע, אומדערוואַרט ווי אַ קעצל זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אים (ס'ייִנגל מיטן מיידל זענען גראָד געווען איינע־אַליין צווישן זיך), אַזוי זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַראָפּגעלאָזענע וויִעס, נייערט געהנדלט זיך פאַר אים מיט די היפּטן אַפּנים נאָר ווייזן איר ווייבלעכע שיינלייביקייט. זי'ט קענטיק שוין געוווּסט

דעם כּוח פון איר מין און ממילא באַגערט ער זאָל אויפפּיבערן אין אַ צוזאַגנדיקער זיסער שיכּרות. וואָס־וואָס, אַ שטיק יוסטע דאָרפישע מויד מיט ראָזע באַקן איז זי געווען, די זעלדעטשקע: דער שכל פון צייטיקדיקן בלוט האָט לאַקנדיק איר אונטערגעזאָגט אויף דעם באַזונדערלעכן שטום לשון ווי אַזוי זיך צו אַנטפּלעקן מיט אירע רייצן און אין אַ הרף־עין האָט דער בחור זיך אָנגעצונדן ווי אַ שטורקאַץ. דערצו האָט זי גענומען זיך פּוצן פאַר אים, ניבעטאַ ווי אַ זשעדנע פּאַווע וואָס ווייזט איר צעפּע־כערט־קאָליריקן עק. אַן אַנדערש מאָל (דער טאַטע איז ביי נייס נישט געווען אין שטוב) האָט זי אַפילו בעתן שמועסן־פרעגן פּלוצלינג זיך אָפּ־געקערט פון קלמנען, אים געלאָזן אַליין מיט די פּוסטע פיר ווענט און זיין אייגענער פאַרשוינלעכקייט. אַרום אים איז אומגעריכט געוואָרן אַזוי אַנ־געשטרענגט שטיל אַז ער האָט אַזש געמוזט אָנשפּיצן זיין געהער אין אומגעדולדיקן וואַרטן אויף אירע טריט. זעלדעטשקע האָט אָבער גיך זיך נישט צוריקגעוויזן. נישט מיר, נישט דיר איז זי כּלומרשט „אויף אַ מינוט" פאַרשווונדן אין דערבייאיקן אַלקער און בכיוון נישט באַלד זיך צוריק־געקערט, גלייך ווי זי וואָלט אַזוי אַרום אויסגעפּרוווט זיין געדולד. קלמן האָט נאַריש און נישט ווינציקער נערוועז, אַרויסגעקוקט אויף איר, נישט געקענט רויק איינזיצן אויפן בענקל. און איז זי לסוף געקומען, איז עס נישט געווען די זעלבע זעלדעטשקע; ס'איז געווען ווי אין גאַנצן אַן איבערגעאַנדערשטע, ווייל יומטובדיק צוגעפּוצט אין אַ קלייד וואָס האָט בולט אַרויסאַנטפּלעקט אירע פולכלעך־נאַקעטע מיידלשע אָרעמס מיט חן־גריבלעך אין די געלענקען.

— אַ נייע קלייד דאָס אַ? — האָט ער שעמעוודיק־צעקראַכן אויף איר אַנגעשטעלט אַ צעפּינקלטן בליק און זיינע ליפּן האָבן ציטעריק זיך אויס־געברייטערט, כּמו געשמייכלט.

— ס'געפעלט איך, קלמנקע? — האָט זעלדע אויך עפּעס אַ צעשמייכלטע צוריקגעפרעגט און אירע באַקן־פּעמפּישקעס האָבן קינדיש אָפּגעגעבן מיט אַ דינעם גלאַנץ. ער האָט לענגער געקוקט אויף איר מיט האַלב אַראָפּ־געלאָזענע אויגן ווייל שוין געגליט. ער איז נישט געווען אין שטאַנד עפּעס צו זאָגן. לסוף האָט ער פון זיך שווער אַרויסגעקראָגן רייד אַזש אַנגסטן האָבן אים באַשלאָגן:

— אַ באַרישניע האָט אַ געלענק זיך אָנצוטאָן. זי וועט געבוירן שוין מיט אַ ספּעציאַלנעם גוסט צו דעם, נישט אמת? אַ מאַנספּאַרשוין קריכט נאָר אַריין אין די הויזן, אין רעקל מיט די שטיוול און זיין אָנטועכץ איז שוין

פאַרטיק. אַ מאַנצביל האָט בכלל אַן אַנדער מזל. כ׳זאָג אמת, זעלדעטשקע?

— ניין, אַ קלייד פאַר אַ מיידל האָט גאָר אַן אַנדער טעם, קלמנקע. אַ קלייד ווערט געגרייט פאַר אַ תכלית. אַ מיידל מוז האָבן סיי אַ שטיקל נדן און סיי אַן אויסשטייער. דערפאַר איז מיט אַ מיידל אַנדערש שוין פון קינדווייז אָן. וויל קלמנקע וויסן אויף אַן אמת וועגן דעם אַ קלייד, איז עס אַ, אַ־אַ־אַן אַדערויף אויפן אויסשטייער וואָס די מאַמע אולעשולעם האָט נאָך געלאָזט נייען פאַר איר טאָכטערקע. יאָ, יאָ, קלמנקע. איר זאָלט נישט לאַכן פון מיר, חלילה אויך קיינעם נישט דערציילן. ששאָ (האָט זי שוין האַפּערדיק אַ ווונק געטאָן צו אים), און נישט נאָר דאָס קליידל איר געגרייט כיכיכי־כי־י־ייי, קלמנקע, — האָט זי אים שוין אַריינגעשושקעט, אַזש זיינע אויערן האָבן דערשפּירט אירע הייסע ליפּן אויף די אויערנ־לעפּלעך. דערנאָך האָט זי גערעדט מער ניכטער, גערעדט וועגן מזל פונעם מאַנצביל, וואָס קלמנקע האָט געהאַט דערמאָנט מיט באַשיימפּערלעכן באַ־דויער. — נישט רעכט אַזוי קלמנקע ,האָט זי געזאָגט. — אויך אַ מאַנצביל קאָן זיך אַנטאָן מיט אַ שיק. ס׳איז געוועגדט אין געמיט, אויך פון געשמאַק. מיין מאַמינקע, אַ ליכטיקן גן־עדן אויף איר, האָט ליב געהאַט מיט טעם אָנצוטאָן אירע קינדער, אויך די יינגלעך. זי׳ט געקענט פון אַ טראַנטע אויפנייען אַ נישקשהדיקן בגד: אַליין צוגעשניטן, מיט די אייגענע הענט צוגעפּאַסט און גענייט. „אויפן אויג״ האָט זי געשפּירט די מאָס פאַר כּלערליי חנען.

— „אַוודאי, די מאַמע״, — האָט אין אים אויפגעבליצט אַ געדאַנק. ר׳האָט פאַרצויגן דעם שטערן און זיך שוין צערעדט, דער בטבע שווייגנ־דיקער קלמן; גערעדט שטיל, אין פאַרטראַגנקייט און נייגיריק זיך צו־געהערט צו די אייגענע רייד. עס זענען געווען דערמאָנונגען פון זיין פאַרוואַרלאָזטער היים, וועלכע האָט אָקערשט אים צוגעלויכטן ביינאַנד מיט די פּנימלעך פון די ברידערלעך און דעם שוועסטערל, די עלטסטע אין דער היים. איינינקע אַליין איז די מאַמע געבליבן אויג־אויף־אויג מיט איר אומגינציקן גורל. אַן עלנטע האָט די מאַמע ערשט געגעגנט צו אים אין דמיון מיט אַ וואַרעם אָבער צעוויטיקט קול: „זונעלע מיינער, פאַר וואָס האָסטו פאַרלאָזט די מאַמע? צעברעך נישט מער דער מאַמעס האַרץ!״ גאָר נאָענט האָט ער דערפילט דער מוטערס הויך, אָבער איינציייטיק האָט אויף אים געווינטלט איר פאַרקוואַרט פּנים, וואָס זיך געשטעלט האַרט אַנטקעגן אים.

און אַקוראַט ווי ס׳מיידל האָט, הערנדיק אים, אויך געלייענט זיינע

הינטער־געדאַנקען וואָס לאָזן זיך נישט קלאָר אַרויסברענגען, האָט די זעלדע זיך צוגעצייגט צו אים און אַריינגערעדט אין זיין זינען מתּוך איר פאַרטראַכטקייט:

— יאָ, יאָ, קלמנקע. אַלע זענען מיר אין די הענט פון אייגענעם גורל. יעדער מיט זיין מזל אָדער חלילה שלימזל. דער מענטש איז נאָר ווי דאָס ליים וואָס אין אים האָט גאָט אַריינגעהויכט אַ ביסל חיוּת פאַר לענגערע אָדער חס ושלום קירצערע יאָרן. אַ מענטש וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַזאַ כּוח ער זאָל פון אַ שטיק ליים אַרויסקריגן פונקען לעבן, האָט געמוזט זיין אַ גרויסער צדיק אַז דער אייבערשטער זאָל באַוויליקן זיין רצון, אָבער פון דעם אַ באַשעפעניש איז אַרויסגעקומען גאָר — אַ גולם. מיין מאַמע אַלעשולעם האָט דערציילט פון אַזאַ הייליקן ייִד. אים איז טאַקע באַשערט געוואָרן פון אַ גרודע ליים צו באַשאַפן אַזאַ גולם, וועלכער האָט אין גיכן ווידערגעשפעניקט אין דעם צדיק אַזש ער האָט געמוזט אים באַלד צוריק־שיקן אין זיין רו אַריין: דער צדיק האָט פון זיין באַשעפעניש צוריקגערופן דאָס ביסל חיוּת און פון דעם איז ווידער געוואָרן אַ גרודע רויער ליים. היינטיקע צייטן איז דער מענטש אויך כּאילו אַ גרודע ליים, אָבער אין אים איז אַריינגעגעבן אַ חלק שכל וואָס דער גולם האָט נישט געהאַט. אויך אַן אַנדער כּוח איז געשאַנקען געוואָרן דעם מענטש — אַ פּאַרציע געדולד און דאָס איז טאַקע אַ נס. אויב נישט דאָס קאַפּעלע שכל מיטן געדולד, וואָלטן אַלע מענטשן געווען אייזלען אָדער גולמס — — ביינאַכטיש האָט דאָס מיידל אַזוי טריב זיך צערעדט אַקעגן דעם וואָס דער יונגער־מאַן האָט געהאַט געזאָגט. זי'ט בעת־מעשה דערפילט אַז דאָס זענען רייד פון זיין נשמה, וועלכע האָבן זיך צוגעצייגט צו איר מיט אַנגעדראָלענע פאַר־ווייִנטע אויגן און זיי האָבן פּלוצטאַלבן זיך אויפגעזאָטן אין איר. זיינע רייד. זי איז באַלד אַנטשוויגן געוואָרן און ער האָט ווי פאַרתּמט געקוקט אין חלל אַריין אָן צו קענען עפענען דאָס מויל.

און האָט קלמן לסוף זיך שוין געקליבן אַוועקצוגיין, ווייל גיך (אַזוי האָט מיט אַ מאָל אים ווי אָפּגעבריט דער שכל) וועט זיך פעדערן אַ נייער טאָג — האָט זעלדע, געשטויסן פון אַן אינסטינקטיווער גלוסטונג זיך איבער־געוועקט צום נייעם וואַכזיין, גלייך דער אָוונט וואָלט ערשט געהאַלטן ביים סאַמע אָנהייב: דווקא דעמאָלט האָט זי גענומען שטילינקע זינגען בענק־שאַפטלעכע לידער. אַ ליד נאָך אַ ליד אָנגעהויבן אומיסטן אויסניגונען פאַר דיינעטוועגן. משמעות, איר זינגען האָט ווי אַ נעקטאַר אַריינגעדרונגען אין מאַרך פון זיינע ביינער. און ביידן איז קענטיק ווויליגעפעלן דאָס דאַזיקע

באַרוטע פאַרברענגען צווישן זיך, וואָרן ס׳גאַנצע געזינדל איז שוין געווען אַוועק שלאָפן. „זאָלן די יונגע מענטשן במנוחה זיך דורכריידן”, האָט דער פאָטער, זלמן דער קוואָסניק, געהאַט אָנגעזאָגט די זינדלעך צו פאַרנעמען זיך אויף די גלעגערס אַרויף: „ס׳שוין צייט צו גיין ליוליו”, האָט ער געמאַכט אין הלצה און באַלד זיי איינגעשטילט. אַזויערנאָך זענען קלמנען פאַרגאַנגען מערערע אויפדערנאַכטן. אין דרויסן האָט פלייסיק געסווישטשעט אַ שאַרפע, טונקל אָנגעשנייטע פראָסטיקייט, אָבער אונטער דעם קוואָסניקס דאַך האָט דעמאָלט געוואָלט צווישן אַ געמיטלעכקייט וואָס איז געווען ממש אַ זאַלב וואָס האָט געהיילט די נשמה, אַפילו אָפּגעמעקט אַ מינדסטן פגם, וואָס האָט געאייטערט אין זכּרון. קלמן קאָבריץ האָט דעמאָלט אומגעריכט זיך אויסגעשפּאַנט פון אַוועלכן עול, צו מאָל פון דעם וואָס אַ מענטש טראָגט לפי זיין לאַנגאַניקן רגילות. אָן איבערגעאַנדערשטער אין זיין זינען ווי אין געדעכעניש וואָס האָט ווי פונקען אין אַש געטליִעט אין אים, האָט קלמן־קאַליאַ אומדערוואַרט זיך דערזען אונטערן לודוויקאָווער הימל אַזוי גלייך ער וואָלט ערשט ניי־געבוירן געוואָרן. יענער קלמנשי מלכּה־צייטלס איז שוין ווי נישט געווען אין גאַנצן, אַקוראַט ווי דער יונג, דער פּשוטער ברויטעסער אין אים וואָלט קערפּערלעך אויסגעוועפּט. נו, ר׳האָט זיך אַליין שוין נישט דערקענט, נישט געוואָלט זיך באַקענען צו אים, יענעם קלמנען. ס׳איז געווען אַזאַ צייטיקונג וואָס האָט זיך בהדרגה אויסגעוואַרעמט במשך די לאַנגע וואָכן פון שטרענגן לודוויקאָווער ווינטער אונטערן פּולאָפּ פון דעם קוואָסניקס אויפדערנאַכטיקער, מילד אויסגעוואַרעמטער שטוב.

...און האָט קלמן־קאַליאַ ווידער אַ מאָל, גלייך אַ דערוואַכטער פון אַן אומגעריכטן דרימל, ביי נייס זיך געקליבן אַהיימגיין זיך אויסרוען אויף צו קענען צו מאָרגנס זיך שטעלן אַנטקעגן דעם יונגן טאָג וואָס דער־נענטערט זיך, האָט ער, מחמת אַן אומקלאָרער נאָגעניש ביים לעפּעלע, נאָך נישט געקענט זיך אַוועקרייסן פונעם מיידל זעלדעטשקע. ס׳איז שוין געווען טיף אין דער נאַכט ווען ער האָט — ווי מאָדנע! — דערפילט־דערזען אַז אירע אויגן רעדן צו אים פיבערדיק־גלאַנציק ווי אָנגעגאָסענע מיט אַ שיכּרות. זיין קאָפּ איז דערפון געוואָרן ווי אַ שטיין שווער. קלמן איז דעמאָלט שוין נישט געווען ביכולת אָנצוכאַפּן דעם פאָדעם פונעם געדאַנק וואָס האָט באותו־הרגע געגומען זיך שפּינען ביי אים, אָבער תיכף זיך איבערגעריסן. ער האָט אויגנבליקלעך דערשפּירט אַזוי ווי אַ טומאַן טראָגט אים אַוועק אויף זיינע ווייכינקע פאַליעס, בעת אין חלל וועבן זיך שטיל־שטילינקע אירע בלודנע, בעטנדיקע, זיס־גלעטנדיקע רייד וואָס שטרעקן

זיך צו אים, האַלדזן אים אַרום. דאָס פּלעמל פון לאָמפּ האָט שוואַך געזשיפּעט און זעלדעס אָפּגעריסענע, קוים פּרעפּלענדיקע רייד האָבן אָן אויפהער זיך געוויגט, געפּליסטערט אין דער נעץ פון דער מאַטער שיין. מיט מיד־לעכן נייגיר האָט קלמן נאָך געזשמורעט צו דעם טונקל און אַ ווייליִנקע זי געזען אַ ציטערנדיקע, אָלאָ אומגעריכט האָט אים ביי נייס פאַרכאַפּט אַ תענוגדיקע שפּירונג אַזאַ גלייך זי וואָלט אים שטאַרק איינגעטוליעט אין זיך. אָ, זיין לייב גיסט זיך צונויף מיט אירן, ער ווערט אָן יעטוועדע וואָג, זיין גוף לייזט זיך אויף. אָט אָ איז ער שוין אויס גוף, ר׳ווערט סאַמע לופט וואָס זי, די גוטיטשקע זעלדעניו, אָטעמט איין אין זיך. נו, ער ווערט זי. זי און ער זענען א י י נ ס, נישט פונאַנדערצושיידן. דערפון איז אים געוואָרן ליכטיק־וואַרעם. אמת, אמת, אַזוי האָט אים אויך שוין געחלומט אין שלאָף: זעלדעלע איז אים גאָר־גאָר נאָענט, ער רעדט זיך אַראָפּ פאַר איר פון אַלע זיינע פאַרהוילענע קלעמענישן. שטענדיק, ווען ער קאָן רעכט אָפּעטעמען פון זיינע הוריות וואָס גייען אויף אים האַרטנעקיק, ווערט ער פול מיט איר און איז גרייט צו טון אַלץ וואָס זעלדעניו וועט באַפעלן.

אַזוי האָט ער, קלמן קאַבריץ, ממש פעדעמווייז, מיט לייב און לעבן זיך אָפּגעריסן פון די פיינע לייט, וועלכע האָבן אים אַנומלט געגעבן אַ היים, גנאַדיק געשאָנקען זייער האַרעפּאַשנע ברויט ווי באַלד ער האָט דערגרייכט די אַ קאַלעמוטנע ערד. אים האָט, אויף דעם נעוואַרעט, אַצינד ווי געטון פאַר אַנופרין למאַי ער האָט זיך געשטרויכלט אין אומגעטריישאַפט, קלמנס אומגעטריישאַפט צו דעם גוטן באַנדער מיטן קאַנאַפּלענעם בערדל, להיפך צו דעם ווי זיין נשמה, קלמן־קאַליאַס נשמה, האָט עס באַגערט. ער קאָן זיך אָבער מער נישט העלפן, קאַליאַ. זי, זעלדעטשקע, איז שטאַרקער פון אים — זי האָט זיך צעכוואַליעט איבער זיין גאַרן מהות, באַוועלטיקט דעם צעבענקטן קלמן און אין פולן זיך אַריינגעפּליישט אין זיין געביין.

— זעלדע, זעלדעטשקע, — האָט עס זיך צעזונגען אין קלמנען, צעוויגט זיך ווי אַ גלאָק אין טויבער נאַכט — אָבער אַ פעדעמל שרעק האָט זיך נאָך אַריינגעפּלאָנטערט אין זיין זינען, געציטערט, זי זאָל אים נאָר נישט פאַרלאָזן פונקט אַזוי ווי דער חושך דריוולט זיך אַרויס פון די ביימער־קרוינען בעת די נאַכט נידערט אַראָפּ הינטערן באַרג; וואָרן ס׳טרעפט אויך אַז דער קאַיאַר טריבט, ער לאָזט נישט אַרויס די זון וואָס איז גריילעך להוט צו דערפרייען דעם מענטש אויף דער ערד. אין קלמנס מהות האָט טאַקע הינטערליסטיק זיך דורכגעקראָגן אַזאַ רעיון אַז ס׳איז נאַריש צו

דערוואַרטן אַז דער אָנקומענדיקער טאָג מוז אין פּנים שטענדיק זיין ענלעך אויפן פאַרגאַנגענעם ברודער זיינעם, דעם נעכטן. פאַראַן טעג אויך קאַפּריזנע, מידע, אַפילו שלאַפע. נישט תּמיד איז דער טאָג געבענטשט מיט דער שטראַליקייט פון דער געבערנדיקער זון און ליבלעכן צוזאָג. צו גלייך מיטן בן־אדם זענען די טעג אונטערגעוואָרפן די גרימאַסן וואָס הימל און ערד באַשערן זיי.

מיט קלמן קאַבריץ איז אויך אַזוי געשען. די זי האָט גענומען קנעטן אים, דעם פון עלנט דורכגעזשאַווערטן בחור, געקנאַטן ווי דער טעפּער קנעט דעם ליים און שטעלט אים אויפן פייער זיך דורכצוברענען, פאַר־האַרטעווען. זעלדע פון באַביטשעס געביר האָט אונטערגעטעניקט קלמנס לייב און לעבן, אויף וואָס ער האָט זיך נישט געכאַפּט, אַפילו נישט געזוכט זיך צו דערקענען דערויף. געבוירן געוואָרן אַ תּם און אַזאַ האָט ער זיך געלאָזט אין די פּוסטריט פון אַ קנאַפּן פרעגער און נישט דרייסטן מאַנער. אַבי די נויט האָט אים מער נישט געמאַטערט טאָג איין, טאָג אויס און דער וויי אין די גלידער האָט נישט געפּלאָגט. ערשט האָט זעלדעטשקע דעם קוואַסניקס אים דערלאַנגט דעם שווער־געאָנטן טרונק, צו וועלכן עס האָט טומאַניק זיך אָנגעדאַרשטיקט זיין טיף אָנגענאַיעטער נפש.

— זעלדעטשקע, מאַמינקע, — האָט עס אין מלכה־צייטלס פאַרפאַלענעם זונדל אָקערשט געמורמלט און ער׳ט אין ציטעריקן בייגיר זיך געשטרעקט צו איר מיט זיין פאַרטומאַניעטן בליק: — ביסט אַזאַ גוטע, הלוואַי זאָל איך עס ווערט זיין, האָט ער ממש געתּפילהט מיט זיינע לעכצנדיקע אויגן. גאַוורוש, קליין, אומגליקלעך יינגל, — פּלעגט ער אויך צו אים מבולבל זיך ציען מיט אַ שולדיקייט אין האַרץ: זיי נישט ברוגז וואָס כ׳קאָן אַצינד נישט קומען צו דיר, גיין אין דיין ווילער שטוב, סיידן כ׳על האָבן מער צייט. אַצינד איז מיר גאַר־גאַר קיין צייט נישט געבליבן. זאָג רבקהלען, דער שוועסטערקע דיינער, כ׳על צו איר אַריינגיין. בעט זי, זי זאָל נישט האָבן פאַראיבל אויף קלמנקען, כ׳על — —

אָבער דער נאַרישעוואַט פאַרטראַכטער גאַוורוש האָט שוין נישט גע־שטוינט, אֶלָא קלמנען נאָר מקנא געווען מיט דער באַשיימפּערלעכער נאָענטקייט דינער מיט דער באַרישניע זעלדע. דערפאַר האָט ער ווי אויף להכעיס זיך אַליין מער געקלעפּט צו אָנופריס געזעלן, עפּעטערס געוואָלט אים זען, מחמת אַלץ אין אים האָט געטאַמלט זיך אָנצוזאַפּן מיטן טראָפּן חברישקייט וואָס נישט אַ ליאַדע ווער איז מסוגל אים אויסצוטיילן אין זיין גרייזשנדיקער אַליינקייט, וואָס פאַרטרייבט אים פון דער מוטערס

הייזקע. וואָרן לרוב איז די מאַמע דאָבע ווידער וויט פון דער היימישער שטוב, וועלכע האָט זי ערשט מער געטריבן אין די סודותדיקע ערגעצן. און מיט דער שוועסטער, מיט רבקהן „דער מויד״, קען ער פון ס׳ניי נישט הויזן, דער בלודנער גאָוורוש. אַצינד האָט ער נעבן איר זיך געשפּירט מער פאַריתומט, פאַרשטויסן ווי אין אָוועלכער שטוב וואָהין ער האָט נאָר געקענט אַריינשטעלן זיין צעטומלטן קאָפּ.

אַך, ווי דער בלינדער גורל שטראָפט, טרייסלט די מענטשנקינדער, די נישט געבוירענע אין אַ זיידענעם העמדל! צו מאָל וואַרפט ער זיי מיטן פּנים צו דער ערד, פון וואַנען זיי זענען געקומען. אַזוי האָבן מיט אַ מאָל, ממש אומגעריכט פאַר זיך אַליין, דערשפּירט סיי קלמן-קאַליאַ סיי גאָוורוש, וועלכע האָבן נישט מיר, נישט דיר, זיך דערזען ווי אויסגעטאָן פון דער אייגענער ערשט אָנומלטיקער הויט. וויי, וויי, ווי ס׳געשעט! פּיינלעך זיך דערשפּירט, גלייך ווי זיי וואָלטן אַריינגעפאַלן אין אַן אויסטערלישער פּרעמד. גאָר-גאָר געטראָפן פון דער פּלוצלינגער ענדערונג האָט זיך דערזען גאָוורוש, כאָטש אויך זיין „חבר קאַליאַ״, אַזוי האָט אויך קלמן זיך געפילט אָנטקעגן די אַנדערע שטיבער, וואָס זענען אים יאָקאָש נאָענט געוואָרן. אָוודאי, זעלדעטשקעס חלק איז עס, האָט קלמן, מלכה-צייטלס קלמניו, זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפון, אָבער זיך נישט געקענט מער העלפן, ניין, דערוויל קען ער גאָרנישט ענדערן. אַפּנים, אַזוי מוז עס זיין, האָט ער פּאַוואָלינקע, עפּעס פוילכלעך זיך דערטראַכט, ווען אים איז אויך געקומען אויפן זינען די שטוב פון די אָנופריס, פונעם גוטן באַנדער מיטן וויב. עד, ווי וועט ער זיי ערשט קענען קוקן אין פּנים אַריין, זייער קאַליאַ — — ? אָבער מער איז אים געווען אַ שאָד דער פאַרגולמטער גאָוורוש, וואָס ביי דער גאַנצער נאַרישקייט זיינער, איז ער אים דאָך געבליבן אַ פריינד פון גאַנצן האַרץ. טאַקע פאַרקנאַפּט אויפן שכל, אָבער מענטשלעך גאַנץ מיטן האַרץ און דערצו אַן איבעריקער סיי אין זיין מיקלאַמפּערשטער היים און נאָך מער ביי די אַנדערע, צו וועלכע ער באַגערט זיך צוצוקלעפּן.

ער האָט עס ביי נייס צוגעזען, דער איבעראַנדערשטער חבר זייגער, קלמן, וואָס ראַטעוועט זיך ניילעך, נו, ער באַנייט דאָס כמעט דערטרונקענע שטיקל לעבן אין זכות פון זעלדעטשקען, דעם קוואַסניקס ווילן טעכטערל.

גאָוורוש האָט אָן ערגער מזל, האָט דער דערראַטעוועטער קאַליאַ מיט באַדויער געטראַכט פון דעם יינגל וואָס וואַלגערט זיך אין שטומע פּיינען אין די דרויסנס פון לודוויקאָווע, וועלכע איז אים אַצינד מער ווי אומ־היימלעך.

קלמנשי האָט אויך אַן אמת געוויטיקט אויפֿן פֿאַרדריפּעטן מזל וואָס קען טרעפֿן אַ קינד פֿון אַ צעוואונדיקטער שטוב, וואָס קען נישט זיין קיין היים.

ווידער אַ מאָל האָט דעם בחור אָנגעפּאַקט ביים גאָרגל אַ שאַרפֿער אומרו, אָבער ר׳האָט זיך מער נישט געקענט העלפֿן.

*

...אַקוראַט ווי קאַליאַ האָט גאַוורוש ערשט נישט געקענט זיך איינהיימישן נישט דאָ און נישט ערגעץ אַנדערשוווּ, דאָבעס מבולבלער זון. ער האָט עפּטערס גענומען זיך דרייען פֿאַר באַביטשעס כאַלופּע, אָבער זי איז ביילעך געוואָרן פֿאַר אים פֿאַרמאַכט אויפֿן ריגל און דאָס פֿענצטער פֿאַרהאָנגען מיט אַ פּירהענגל נישט דורכצוזען אינעווייניק קיין לעבעדיקע געשטאַלט. און קאַליאַ איז מיט אַ מאָל ווי נישט געוואָרן פֿאַר גאַוורושן. דאָס צעטומלטע יינגל האָט אויך נישט געקענט זיך אַריינשטעלן אין דעם קוואַסניקס פֿאַבריקע, אַ ווינטערדיק איינגעשטילטע, מחמת עס איז נישט געווען אין גאַנג די מאַשינע וואָס האָט באַדאַרפֿט אים, גאַוורושן, צו באַוועגן איר אומרויִקן, גרויסן אייזערנעם ראָד. אוודאי, ס׳איז דאָך קרירהדיק אין דרויסן, האָט דאָס יינגל לעפּיש זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון: צו לימאַניאַד איז מען ערשט נישט להוט אין דעם גאַנצן סומנעם קאַנט ווו רק עס שנייט, ס׳טרעשטשעט דער פֿראָסט און ס׳הוסט דער וויכער. פֿון דעם אַרום איז לחלוטין אויסגערונען יעדער שטראַל זון, און ס׳איז נישט געוואָרן דער חבר קאַליאַ. אומזיסט האָט דאָס מבולבלע יינגל געקלאַפּט אין באַביטשעס טויבער טיר; דער ענטפֿער איז געווען דער פֿאַרעקשנטער, הוילער אָפּהילך פֿון גאַוורושעס קלאַפּן און רופֿן, וואָרן אויך די וואָר האָט זיך פֿאַרעקשנט קעגן אים: די בני־בית דעם קוואַסניקס ביינאַנד מיט קאַליאַן, דעם גוטן חבר, זענען אַרויסגעפֿאָרן קיין קלעצק פֿראַווען די חתונה פֿון זעלדעטשקען. קאַליאַן האָבן זיי ביי אים צוגעזגלט, די באַביטשעס; גערויבט דעם ווילן בחור פֿון יענער ווייט וואָס שטעקט אין דעם פֿרעמדלעכן, אומהיימלעכן פּוילן, וועלכע איז שטיפֿמוטעריש צו אירע קינדער; זיי מוזן אַרומבלאָנדזשען אין אַלע וויסטעניִשן צו זוכן דעם זלידנעם ביסן פֿאַרן הונגעריקן מויל. אומזיסט האָט דער געטרייער גאַוורוש אַ צעחושטער געקלאַפּט הינטער באַביטשעס טיר און לאַדנס, געבענקט נאָך זיין פֿריינד: — קאַליענקע, קאַליאַ, עפֿן; האָרך, ס׳רופֿט דיך דיין חבר גאַוורוש!

סוף־סוף דערגאַנגען דעם אמת, אַז קאַליאַ, דער גוטער חבר, האָט טאַקע

זיך פאַרנומען קיין קלעצק חתונה־האָבן מיט באַביטשעס זעלדען, דער פריילין, האָט גאַוורוש אומגעריכט, אין מיטן העלן טאָג אויסגעבראָכן אין סאַמע קאַלעמוטנעם דרויסן מיט אַ באַק פליוסקענדיקע טרערן:

— קאַליאַ, — זאָלן אַלע אַצינד וויסן, דעם באַנדערס געזעלן קאַליאַ, איז אַ שלעכטער און אַ גענאַרניק. ר׳האָט גענומען און אַרויסגעפאָרן מיטן קוואַסניקס זעלדען חתונה־האָבן און דעם איינציקן חבר, דעם בעסטן פריינד, נישט מיטגענומען, זיין חבר געלאָזן אַליין. פע, פע, אַלע ׳עלן עס מוזן וויסן. קאַליאַ איז אַ פאַלשער און אַ גענאַרניק. אויך מיין שוועסטערקע רבקהן, אָפּגענאַרט. ר׳האָט געזאָגט ר׳האָט זי האָלט, אפילו אַ פּאָס וואַסער אָנגעטראָגן פאַר אונדזער שטוב. צום סוף געוויזן זיך אַזאַ פאַלשער, אַ ליגנער — און ר׳האָט מערער, שטאַרקער זיך צעכליפּעט, באַגאָסן די באַקן מיט טרערן. — אויך דער באַנדער טאָר אַנדערש נישט זאָגן: קאַליאַ איז אַ ליגנער. כ׳על גיין פרעגן דעם באַנדער אָנופרי וואָס ער טענהט וועגן קאַליאַן. אָ, אָ, וואָס פאַר אַ גענאַרניק און אַ שלעכטער ער איז. דער געזעלן דעם באַנדערס!

אָבער ווער האָט געזאָלט הערן דאָבעס בלודנעם יינגל, בעת דער אַרום איז שטום אָנגעשפּיצט און פאַרבאָרגן אין דעם קנויל פון סודות וואָס וויקלען זיך, פלאָנטערן זיך צווישן די סומנע גרענעצן פון ד אָ און ד אָ ר ט ן. אַוודאי זענען זיי דראָענדיקע, די גרענעצן, וואָס קרייצן זיך דאָ אין פּחדימדיקער ענגעניש מחמת פלאָקערנדיקער נויט. אויך דער גראָ גליווערנדיקער, נידעריקער הימל וואָס לאָקערט פון ס׳ניי מיט אַ וויוגע דערציילט גאַרנישט היימלעכס פון דאָזיקן אומעטיקן קאַנט ווו ס׳קאַרטשעט זיך און ס׳קלאָגט אויף אַ קול דאָס בלודנע יינגל וואָס האָט אָקערשט נישט מער ווו זיך אַריינצושטעלן מיט זיין עלנט, בעת דער דרויסן וויסטעוועט אין גריזשנדיקע פּחדים פון צווישן גרענעצן, באַלאָדענע מיט שאַרפער שינאה און ווערעמדיקע קוקערס.